STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07810

# TROYMER FUN DER GHETO

Israel Zangwill

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

21 DAYS
DAYS

די ביכער זיינען מתנות
אין אָנדענק פון שריפטשטעלער



1880 1948

# פּרץ הירשביין

גענזאַמלט דורך
פּרץ הירשביין קולטור־קרייז ביים ים



ישראל זאנגוויל.

423

# טרוימער פון דער גהעטא

פון

## ישראל זאנגוויל.

פערפאַסער פון
„קינדער פון דער גהעטאָ",
„דער קעניג פון די שנאָרער", א. ז. וו.

איבערזעצט פון א. פרומקין.

OCEAN PARK BRANCH LIBRARY

AUG 15 1952

לאָנדאָן,

ב. רודערמאן,

71 הענבורי סטריט, איסט.

1909.

געדרוקט ביי י. נאראָדיצקי, 48 מייל ענד רד.

# פֿאָרוואָרט

## ספּעציעל צו דער אידישער אויסגאַבע.

---

דאָס דאָזיגע בוך איז אַ געשיכטע פֿון טרוימער, וועלכע האָבען זיך בעוויזען אין דער גהעטאָ פֿון איהר ענטשטעהונג אָן אין דעם זעכצעהנטען יאָהרהונדערט ביז אונזער צייט, ווען זי שטאַרבט ביסלאַכווייז אָב. דאָס רוב פֿון זיי זיינען היסטאָרישע פּערזאָנען, נאָר עטליכע זיינען טיפּען פֿון דעם סאָרט טרוימער, וואָס האָט קיינמאָל ניט געפֿעהלט אין יודענטהום, און וועלכער איז נאָך איצט צווישען אונז.

דאָס קאַפּיטעל „אַ קאָנגרעס פֿון טרוימער" איז אַ גענויע בעשרייבונג פֿון דעם ערשטען ציוניסטישען קאָנגרעס אין באַזעל, און אַזוי ווי דאָס דאָזיגע בילד איז געצייכענט געוואָרען עטליכע טעג נאָך יענער עפּאָכע־מאַכענדער ערשיינונג, האָט עס אפשר אַצונד אַ געוויסען היסטאָרישען ווערטה. ווי מען וועט זעהן, ווערט הערצל דאָ אייגענטליך פֿאָרגעשטעלט אַלס טעריטאָריאַליסט, בעת ווען איך אַליין בין דאַן געווען אין דער פּאָזיציע פֿון אַ קריטיקער, אַ פּאָזיציע, וועלכע איך האָב קיינמאָל ניט אין גאַנצען אויפֿגעגעבען, כאָטש איך האָב זיך ענדליך מיט'ן גאַנצען האַרצען אָנגעשלאָסען אָן דר. הערצל מיט דער האָפֿנונג, אַז ער וועט זיין בכוח דורכצופֿיהרען זיין טרוים.

נאָר עס מוז בעמערקט ווערן, אַז ניט איינער פֿון די טרוימער, וואָס קומען פֿאָר אין דעם דאָזיגען בוך, האָט דערגרייכט וואָס עס איז בע־

שטימטעס. לאסאל האט, אמת, געגרינדעט א פארטיי, נאר אט די פארטיי איז ווייט דערפון אריינצופיהרען איהרע אידעען אין דער פראקטיקע, און לאסאל'ס ערפאלג אפילו וואלט ניט געלייזט די אידישע פראגע. ווארים עס איז איינע פון די טראגעדיעס פון דעם גלות, אז ווען עס קומט שוין אמאל ארויס פון איהם א הערקולעס, ווערט געוועהנליך די ארבייט און די ענערגיע פון דעם דאזיגען הערקולעס אבגעגעבען אויף אלצדינג אחוץ די יודענפראגע. אט מחמת דעם טאקי איז דר. הערצל דער ערשטער אייגענער שטאאטס־מאן, וואס דער גלות האט ארויס־געגעבען.

נאר זיין טרוים וועט ניט מקוים ווערן, כל זמן דאס אידישע פאלק וועט זיך צופריעדענשטעלען דערמיט, וואס עס זיצט און קוויקט זיך דאס הארץ מיט'ן חלום, (אזוי ווי אפיום־רויכערער מיט זייערע הערליכע פאנטאזיעס), ניט ארבייטענדיג איהם צו פערווירקליכען. און אט די ארבייט פאדערט ניט קיין טומאנע רעדעס, נאר רעאל־פאליטיק. דער איד מוז אהן מורא אויפנעהמען די פאקטען פון דעם לעבען און פון דער געשיכטע. ער מוז פערשטעהן, ווי ווייט ער איז פערהאסט און אז זיין רעטונג ליגט אין גאנצען אין זיינע אייגענע הענד. ער מוז קוקען די שוועריגקייטען גלייך אין פנים אריין, אנשטאט צו פערדאמען די, וועלכע זאגען דעם אמת וועגען זיי. דאן, כאטש ער וועט ניט קענען אין איין טאג פונאנדערנעהמען דעם פלאנטער פון נייצעהן יאהרהונדערטע, וואלט זיך איהם דאך איינגעגעבען אוועקצושטעלען די צוקונפט אויף א געזינדערן באזיס. ער וואלט אים שטאנד געווען בישלאכווייז צו שאפען א פעסטען באדען אונטער זיינע פיס. און דאן, אין דער צוקונפט, ווען ישראל וועט צוריק זיין א נאציאן, וועלען די טרוימער, וואס ער וועט ארויסגעבען, ווערן זיין שטאלץ און זיין קראפט, ניט זיינע שונאים אדער זיינע פערשטויסענע, אזוי ווי דאס רוב טרוימער פון דער געטא.

Israel Zangwill

# פֿאָרוואָרט.

## צו דער ענגלישער אויסגאבע.

---

דאָס דאָזיגע בוך איז אַ געשיכטע פֿון טרוימער, וועלכע זיינען ערשינגען אין דער געהעטאָ פֿון איהר ענטשטעהונג אָן אין דעם זעכצעהנטען יאָהרהונדערט ביז אונזער צייט, ווען זי שטאַרבט ביסלאַכווייז אָב. אַ טהייל פֿון זיי זיינען געוואָרען היסטאָריש אין יודענטהום; אַנדערע האָבען זיך דורכגעשלאָגען אַ וועג אין דער גרעסערער וועלט און האָבען געדיענט אַלס מאָדעלען פֿאַר בעריהמטע קינסטלער, און ווען ניט דאָס וואָס זיי זיינען מיר נייטיג געווען פֿאַר מיין טהעמאַ, און ווען ניט די האָפֿנונג, וואָס איך האָב געהאַט, מחדש צו זיין וואָס עס איז אין זיי, וואָלט איך זיך ניט דערוועגט זיי צו בעהאַנדלען פֿון דאָס ניי. די איבעריגע זיינען מיר פּערזענליך בעקאַנט, אָדער זיינען דער אַרטיסטישער טיפֿען־אויסדרוק פֿון אַסך זעעלען, וועלכע האָבען איבערגעלעבט אין זיך דעם גרויסען חלום פֿון דער געהעטאָ. די אַרטיסטישע וואַהרהייט איז פֿאַר מיר, דעם אמת זאָגענדיג, די העכסטע וואַהרהייט. די קונסט קען אָפּטמאָל אַרומנעהמען דעם עצם, די נשמה פֿון פּערזאָנען און בעוועגונגען אַזוי וואַהר און בלי ספק אַסך לעבעדיגער ווי אַ וויסענשאַפֿטליכע גענעראַליזאַציע פֿערבינדט און פֿער־אייניגט אַ מיש־מאַש פֿון נאַטור־ערשיינונגען. צייט און אָרט זיינען בלויז די בעדינגונגען, דורך וועלכע די גייסטיגע פֿאַקטען ברעכען זיך דורך זייער וועג. מחמת דעם האָב איך זיך אפשר דאָ און דאָרט ערלויבט צו

מאַכען קליינע ענדערונגען אין דער כאַראַקטעריסטיק פֿון מיינע פּערזאָנען האָב איך, למשל, געשטעלט דעם מאָמענט פֿון שפּינאָזאַ'ס דונקעלער ליעבעס־געשיכטע ניט אויף'ן ריכטיגען פּלאַץ? — איך האָב דאָך בלויז זיך געהאַלטען ביי זיין אייגענעם פּרינציפּ, צו בעטראַכטען די וועלט פֿון דעם אייביגקייטס־שטאַנדפּונקט; און ווען עס זאָל אפילו אמת זיין, אַז די גאַנצע געשיכטע איז ניט ריכטיג, ווי דער לעצטער אַרויסגעבער פֿון זיינע ווערק אין האָלענדיש וויל האָבען, — וואָלט איך עס דאָך געהאַלטען פֿאַר וואַהר, מחמת עס ענטהאַלט אין זיך די געפֿיהלען, מיט וועלכע דער פֿילאָזאָף זאָגאַר מוז זיך רעכענען. וועגען היינע'ן האָב איך זיך געסטאַרעט איבערצוגעבען אַ מין צוזאַמענגעזעצטע פֿאָטאָגראַפֿיע אין ווערטער, פֿערמישענדיג, דאָ אויך, די אמת'ע העלדין פֿון דער עפּיזאָדע מיט ''*LaM ouche*'' (די פֿליעג). די, וואָס האָבען איהם גוט דורכגעשטודירט, וועלען דערקענען זיינע אייגענע ווערטער—לאָמיך האָפֿען, אַז די ערטער, וואו זיי גיסען זיך צונויף אינאיינעם מיט מיינע, זיינען ניט צו קענטיג. מיינע אַנדערע קוועלען ליגען אויך צייטענווייז גאַנץ פֿון אויבען אויף, נאָר אָפֿטמאָל האָב איך זיך געמוזט אַרונטערלאָזען אין ניט זעהר צוגענגליכע שטיין־גריבער. אַזוי, למשל, האָב איך צו פֿערדאַנקען פֿאַר דער הימלישער פֿאַנטאַזיע פֿון דעם „בעל שם" אַ העברעאישען אָריגינאַל, וואָס מיין פֿריינד דר. ס. שעכטער, פּראָפֿעסאָר פֿון תלמוד אין דער קיימברידזשער אוניווערזיטעט און אַ קענער פֿון די חסידים, איז געווען אַזוי פֿריינדליך מיר צו ווייזען. מיין בעשרייבונג פֿון „מיימון דער נאַר" (מענדעלסאָן) איז בעגרינדעט אויף זיין אייגענער לעבענס־בעשרייבונג, פֿון וואַנען איך האָב אַרויסגענומען דעם דראַמאַטישען עסענץ, כאָטש אין דעם צווייטען טהייל פֿון דער ערצעהלונג איז מיר אויסגעקומען אַביסעל צו פֿערכאַפּען אַפֿריהער די צייט, ווען מענדעלסאָן'ס „ירושלים" איז ערשיענען און ווען קאַנט איז געוואָרען בעריהמט. הקיצור, איך בין זיך מודה, אַז איך בין ניט געווען קיין מקפיד אין די זאַכען: אַז ס'איז מיר אויסגעקומען האָב איך גענומען די פֿאַקטען אַזוי ווי אַ היסטאָריקער, און אַז איך האָב געפֿונען פֿאַר נייטיג, האָב איך פֿערטייטשט אַזוי ווי אַן ערפֿינדערישער קינסטלער.

איך האָב אַוועקגעשטעלט „אַ קינד פֿון דער גהעטאָ" צוערשט, ניט נור מחמת דעם וואָס די ווענעציאַנער אידישע קהילה האָט די ערשטע געטראָגען אויף זיך דעם נאָמען גהעטאָ, נאָר דערפֿאַר וואָס דאָס דאָזיגע קאַפּיטעל קען בעטראַכט ווערן אַלס פֿאָרשפּיעל, אַלס הקדמה צו די אַלע אַנדערע.* אַלצאַיינס צי דער חלום פֿליהט דורך פֿערביי סמירנא אָדער אַמסטערדאַם, פֿערביי רוים אָדער קאַיראָ, פֿערביי ירושלים אָדער די

קאַרפּאַטהישע בערג, פֿערביי לאָנדאָן אָדער בערלין אָדער נויאָרק, — כמעט אַלע טרוימער האָבען געהאַט אַזאַ מין קינדהייט, און ס'קען דיענען זיי צו ערקלעהרען. עס איז דער זעלבער, ערשטער קרייז, פֿון וואַנען זיי זיינען אַלע מעהר אָדער וויניגער אַרויסגעקומען.

און ס'איז אויך פֿאַרהאַן אַ געוויסער זינן, אין וועלכען די ערצעהלונגען לויפֿען מיט אַ סדר איינע נאָך די אַנדערע ביז דער, וועלכע איך האָב געשטעלט צום סוף. דאָס „קינד פֿון דער גהעטאָ" קען בעטראַכט ווערן אַלס „פֿאָטער פֿון דעם מאַן" אין „חד גדיא", וואָס קומט פֿאָר טאַקי אין דערזעלביגער יס־שטאָדט.

וואָרים דאָס דאָזיגע בוך איז די געשיכטע פֿון אַ חלום, וואָס איז ניט מקוים געוואָרען.

י. ז.

I.

# א קינד פון דער געטא.

423

# א קינד פון דער גהעטא.

## 1.

די ערשטע זאַך, וואָס דאָס קינד האָט זיך געקענט דערמאָנען, איז געוועזן, אַז ער האָט איינמאָל אַרונטערגעקוקט פון אַ פענסטער און דערזעהן גאַנץ טיעף אונטען אַ פליסענדען גרינעם וואַסער, מיט ווענעציאַנער לוסט-שיפלאַך און פישער-באַרקעס מיט קוליערטע זעגלען, וואָס די מענשען אין זיי האָבען אויסגעזעהן אַזוי קליין ווי קינדער. מחמת ער איז געבוירען געוואָרען אין דער גהעטאָ פון ווענעדיג, אויף אַ זיבעטען שטאָק פון אַן אַלט הויז. עס זיינען געוועזן נאָך צוויי עטאַזשען, וואוהין ער איז קיינמאָל נים אַרויפגעגאַנגען און וועלכע זיינען פאַר איהם געבליבען בעהאַלטענע, פרעמדע געגענדען, וואָס האָבען געפיהרט אַרויף גלייך אין בלויען הימעל אַריין. אַ דונקעלע שטיעג, מיט דינע אָבגעקאַלכטע ווענד, — פערביי טהירען, בעשלאָגען מיט מזוזות — האָט אַרונטערגעפיהרט אין דעם שמאָלען הויף פון דער עלטסטער גהעטאָ אין דער וועלט. עטליכע איילען רעכטס איז געוועזן אַ זיילען-גאַנג, וואָס האָט געפיהרט צום ברעג פון אַ קאַנאַל, נאָר אַ מיאוס'ער אייזערנער טויער האָט פערשפאַרט דעם וועג. דאָס וואַסער פון אַן אַנדער קאַנאַל איז צוגעקומען גאַנץ נאָהענט צום הינטערשטען טהייל פון דער גהעטאָ און האָט אָבגעשניטען יעטוועדען אויסגאַנג פון דער זייט; און די אַנדערע זיילען-גענג, וואָס האָבען געפיהרט צו דער דרויסענדיגער וועלט, זיינען געוועזן אויך פערזאָרגט מיט טויערן, וועלכע זיינען בעוואַכט געוואָרען פון ווענעציאַנער שומרים. אָט די טויערן פלעגט מען פערשליסען פונקט האַלבע נאַכט און אויף מאָרגען אין דער פריה זיי אויפעפענען צוריק, נאָר שבת אָדער אין אַ קריסטליכען יום טוב פלעגען זיי בלייבען פערשלאָסען דעם גאַנצען טאָג, כדי קיין שום איד זאָל ניט קענען אריין אָדער אַרויסגעהן פון דעם הויף, דער גאַס, דעם

גרויסען און קליינעם פלאַץ און די פאָר קליינטשינקע געסעלאַך, וועלכע האָבען צונויפגעשטעלט די גהעטאָ. אַזוי ווי אין די איבעריגע טהיילען פון וועגעדיג, זיינען אויך אין דער גהעטאָ קיין ברייטע, לאַנגע גאַסען ניט געווען; מעהר ניט ווי טראָטואַרען, וואו ס'האָט זיך כסדר געהערט דער גערויש, וואָס די פערבייגעהער האָבען געמאַכט מיט זייערע פוס־טריט. ביינאַכט פלעגען די וועכטער אַרומפאָהרען אין די קאַנאַלען אַרום און אַרום דער גהעטאָ אויף גרויסע באַרקעס, פאַר וועלכע די אידען האָבען געמוזט בעצאָהלען.

נאָר דאָס קינד האָט זיך ניט געפיהלט פערשפאַרט, ווי אַן אַרעס־טאַנט. אַזוי ווי ער האָט קיין שום לוסט ניט געהאַט אַרויסצוגעהן פון די טויערן, האָט ער ניט געפיהלט די קייט, וואָס וואָלט איהם אַריינגעשלעפט צוריק, אַזוי ווי אַ הונד אין זיין לאָך אַריין; און כאָטש אַלע מענער און פרויען, וועלכע ער האָט געקענט, האָבען געטראָגען געלע היטלען און גרויסע O'ען אויף די הערצער, בעת זיי פלעגען אַרויסגעהן פון דער גהעטאָ, דאָך האָט ער אַ לאַנגע צייט כמעט ניט געוואוסט, אַז עס זיינען פאַרהאַן מענשען אויף דער וועלט, וואָס זיינען קיין אידען ניט, און נאָך וויניגער איז איהם אַרויפגעקומען אויף'ן געדאַנק, אַז די דאָזיגע היטלען און די דאָזיגע רעדעלאַך פון געלען שטאָף זיינען סימנים פון שאַנדע, צו בעצייכענען די אידען און זיי אָבטהיילען פון די אַנדערע מענשען. ער האָט זאָגאַר ניט געוואוסט, אַז ניט אַלע קליינע אינגלאַך טראָגען „ארבע כנפות'ן" אונטער די רעקלאַך זייערע און זאָגען „שמע ישראל ה' אלהינו ה' אחד", ווען זיי קושען די ציצית.

ניין, די גהעטאָ איז געווען די גאַנצע וועלט זיינע, און אַ גרויסע, מעכטיגע וועלט, פול מיט אַלצדינג, וואָס אַ קינדער־האַרץ קען נור בעגעהרען.

ווי האָט דאָס אַביסעל גערוישט און געקאָכט אויף דעם גרויסען זוניגען פלאַץ, וואו דער וועגעציאַנער זעגעל־בוים האָט אָנגעשפאַרט אַזש אין הימעל, און די טויבען פלעגען זיך אָפּט אויסמישען מיט דעם געדיכטען עולם פון שוואַרץ־בערדיגע מענער מיט געלע טורבאַנעס אויף די קעפּ, וועלכע האָבען בעלאַגערט די מאַסע פון קראָמען אונטער דעם ראַנד פון זיילען! וואָס פאַר אַ צויבער איז פאַר איהם געלעגען אין די הויכע הייזער מיט זייערע צאָהלרייכע פענסטער, מיט זייערע געפלאַסטערטע, ברעקעלדיגע פאַסאַדען, מיט זייערע גרינע און ברוינע לאָדענס, מיט זייערע אויסגע־שמירטע באַלקאָנען, מיט די פיעל־פאַרביגע גרעט! וואָס פאַר אַ פרייד איז דאָס אַביסעל געווען אין דער פריה און פאַר־נאַכט, ווען דער

פֿערשלאָסענער ברונען איז אויפֿגעעפֿענט געוואָרען, זיך צוצוקוקען, ווי די ווייבער שעפּען וואַסער, אָדער העלפֿען זאַגאַר ציהען די קייט, וואָס האָט געדרעהט דעם אַקס! און אויף דער בריק, וואָס האָט געפֿיהרט פֿון דער אַלטער גהעטאָ צו דער נייער, וואו דער קאַנאַל האָט זיך פֿערצווייגען אָן אַ זייט אין צוויי ווינקלען, — ווי טיעף־אינטערעסאַנט איז דאָס געווען צו שטעהן און אַרויסקוקען, וואָס עס קען פֿאַרט אָנקומען פֿון יעטוועדען ווינקעל בעזונדער! ווער ווייס, פֿילייכט קומט אָן אַ שיפֿעל, אָנגעטריבען פֿון אַ מאַן, וואָס שטעהט אין הינטער־גרונד מיט זיינע צוויי לאָפּעטעס אַריבערגעלייגט איינע איבער די אַנדערע; פֿילייכט אַ שווימענדע פּליטע מיט באַרוועסע אינגלאַך רייטענדיג דערויף; און אפשר גאָר אַ באַרקע, געפֿיהרט פֿון מענער מיט בלויע בלוזעס, איינער פֿון פֿאָרענט און צוויי פֿין הינטען, מיט אַ פּאַק גאָלדענע היי, אָדער מיט פּראָוויאַנט פֿאַר דער גהעטאָ—גליהענד־רויטע פֿרוכט און רייצענדע גרינוואַרג, אָדער מעקענדע שאָף און רעווענדע אָקסען, וואָס מען ברייגגט אַהער געקוילעט צו ווערן לויט דעם אידישען דין.

דער קאַנאַל, וואָס האָט אַרומגענומען די גהעטאָ פֿון הינטען, האָט געהאַט אַסך אַ ברייטערן און ווייטערן אויסקוק, נאָר ס'איז געווען אַ סכנה צו שטעהן דאָרטען, מחמת די אַנדערע זייט איז געווען אַ פֿרעמדע, און די מאָדנע לייט, וועלכע האָבען זיך גערופֿען ווענעציאַנער האָבען דאָרט געוואוינט, און אַ טהייל פֿון די דאָזיגע רשעים האָבען אייך נאָך געקענט פֿערוואַרפֿען מיט שטיינער, ווען זיי דערזעהען אייך. דאָך, ביינאַכט האָט מען זיך געקענט פֿער'גנב'ענען אַהין און קוקען און קוקען אין דעם קלאָהרען וואַסער, בעליכטען פֿון דער לבנה, און אַרויף צו די שטערן.

מכח דער וועלט, וואָס איז געלעגען אויף דער אַנדער זייט וואַסער, האָט ער בלויז געוואוסט, אַז זי איז גרויס און פֿיינדליך און גרויזאַם, כאָטש ער האָט ליעב געהאַט אַרויסצוקוקען פֿון זיין הויכען פֿענסטער צו איהרע ווייטע אונבעקאַנטע פּלעצער, וואָס האָבען אויסגעזעהן אַזוי געהיימניספֿאָל מיט די דעכער און די שפּיצען פֿון די געוואַלדיג גרויסע געביידען; אָדער אַהין צו יענע בערג, וועלכע האָבען זיך אויפֿגעהויבען צום ים צו, ווייס און נעבעלדיג אַזוי ווי פֿער'חלום'ט, און וועלכע האָבען אויסגעזעהן ביי איהם אין די אויגען אַזוי ווי דער באַרג סיני, וואו גאָט האָט גערעדט צו משה'ן. ס'איז איהם קיינמאָל ניט אַרויסגעקומען אויף'ן זינען, אַז דאָרט געפֿינען זיך אפשר כשוף־מאַבערינס, אָדער שדים און רוחות, מחמת ער האָט קיינמאָל ניט געהערט פֿון אַזעלכע ברואים. ער האָט געוואוסט, אַז עס זיינען פֿאַראַן גוטע גייסטער און שלעכטע גייסטער אויף דער וועלט;

זיי שוועבען אַרום אין דער לופֿטען, כאָטש מען זעהט זיי ניט, און סטאַרען זיך אַרויפֿצופֿיהרען די קינדער אויף אַ גוטען וועג אָדער זיי אַראָבפֿיהרען פֿון דרך הישר. זיי האַלטען זיך אין איין אַרומרייסען איינע מיט די אַנדערע צוליעב די קליינע קינדער'ס נשמות. נאָר אום שבת האָט דער שלעכטער מלאך אייערער קיין שום האַפֿט ניט, האָבענדיג אַנטקעגען זיך צוויי גוטע מלאכים: דעם גוטען מלאך פֿון אַ גאַנץ וואָך און אַ בעזונדערן שבת'דיגען מלאך, וועלכער העלפֿט איהם אָבהיטען אייך פֿון שלעכטס, ווי מען קען בעשיינפֿערליך אַרויסזעהן פֿון די צוויי שאָטענס אָנשטאָט איינעם, וואָס אייער פֿיגור וואַרפֿט אויף דער וואַנד, ווען די צוויי בענש-ליכט זיינען אָנגעצונדען. ווי שעהן די דאָזיגע פֿרייטאָג-צו-נאַכט'ס זיינען דאָס געווען, ווי שנעע-ווייס דער טיש-טוך, ווי זיס אַלעס האָט געשמעקט, און וואָס פֿאַר אַן אַנגענעהמע און בערוהיגענדע אַטמאָספֿערע! אַזאַ נחת-רוח, אַזאַ זיסער פֿריעדען פֿאַר דעם פֿאָטער מיט דער מוטער נאָך דער אַרבייט פֿון דער גאַנצער וואָך!

די „שבת-גויה" איז געווען די ערשטע און די איינציגע פּערזאָן, וועלכע האָט פֿעסטגעשטעלט ביים קינד אין מוח דעם געדאַנק, אַז די וועלט בעשטעהט ניט אין גאַנצען פֿון אידען. וואָרים אין דער צייט וואָס די, וועלכע האָבען געלעבט אינעווייניג, איינגעשלאָסען אין די טויערן פֿון דער געטאָ, זיינען אויסגעקליבען און בעשטימט געוואָרען צו דיענען דעם איינציגען גאָט פֿון ישראל, וועלכער האָט זיי בעפֿרייט פֿון פּרעה'ס יאָך אין מצרים און זיי געמאַכט פֿאַר זיינע קנעכט, האָבען זיך אויף דרויסען, פֿון דער אַנדער זייט טויערן, געפֿונען מענשען, וועלכע האָבען ניט גע-דאַרפֿט אָבהיטען תורת משה. אַזוי האָט ער למשל געוואוסט, אַז בעת ווען ער טהאָר ניט נור קיין פֿייער ניט אָנריהרען פֿון פֿרייטאָג-צו-נאַכט ביז שבת-צו-נאַכט, נאָר אפילו די לייכטער, וואו די ליכט האָבען געברענט, אויך ניט, מעג די „שבת-גויה" שאַרען און שאַרען דעם אויווען וויפֿיעל איהר האַרץ גלוסט. אַזוי האָט זי פֿונאַנדערגעשאַרט די אויווענס פֿון דעם אונטערשטען עטאַזש אַרויף דורך די אַלע זיבען שטאָק, און איז נאָך געגאַנגען העכער, עפּעס אַזוי ווי אַ מין פֿייער-גייסט, וואָס הויבט זיך אויף צום הימעל צו.

זי האָט געהאַט נאָך אַנדערע מאָדנע פּריווילעגיעס, די דאָזיגע קליינע, אַלטע פֿרוי מיט'ן שאַל איבער'ן קאָפּ. מחמת זי האָט געמעגט עסען חזיר און אַלע סאָרטען טרפה פֿלייש און פֿיש; זי האָט זאָגאַר געמעגט עסען פּוטער תיכף נאָך פֿלייש, אָנשטאָט צו וואַרטען זעקס שעה — נאָך מעהר, זי האָט געמעגט עסען פּוטער און פֿלייש אויף איין טעלער, בעת ווען דעם

קינדס מוטער האָט געהאַט צוויי בעזונדערע סאָרטען געשיער: פֿאַר מילכיגס און פֿליישיגס. יאָ, די „שבת-גויה" איז ווירקליך געווען אַ נידער-ריגערע סאָרט בריאה, וועלכע האָט געלעבט אויף דער וועלט בלויז אויפֿצוקאָכען די טהעע-קעסלען און אויסלעשען די ליכט אין דער גהעטאָ, און דערפֿאַר האָט זי געקראָגען גוט בעצאָהלט מיט קופּערנע מטבעות, וואָס זי האָט צונויפֿגעקליבען אין יעדער דירה, אַזוי גיך ווי מען האָט נור געמענט האַלטען געלד.

וואָרים אַזוי גיך ווי דריי שטערען האָבען זיך בעוויזען אויף'ן הימעל, איז די „שבת-גויה" געוואָרען אויס יחסן'טע, און דעם קינד'ס פֿאָטער האָט געמאַכט „הבדלה", דאַנקענדיג גאָט, וואָס איז מבדיל בין קודש לחול בין אור לחושך, וואָס טהיילט אָב דעם שבת פֿון אין דער וואָכען און דאָס ליכט פֿון דער פֿינסטערניש. איבער אַ פֿולען בעכער וויין האָט ער געמאַכט הבדלה, האַלטענדיג די איינגעבויגענע פֿינגער זיינע פֿאַר אַ וועקסען ליכטעל און דערלאַנגענדיג יעדען איינעם די „בשמים" צו שמעקען.

און אַז די דאָזיגע צערעמאָניע האָט זיך געענדיגט, האָט דאָס קינד געקראָגען אַ זופּ וויין פֿון דעם בעכער. ער האָט זיך אין זיין לעבען געקענט דערמאָנען אין אַסך אַזעלכע זיסע זופּען וויין, וועלכע זיינען ביי איהם אין מוח געווען פֿערקניפּט מיט זיין רעליגיאָן. ער האָט זיי געהאַט אין שול גופא פֿרייטאָג-צו-נאַכטס און יום טוב אָווענד, און אין דערהיים אויך, איבערהויפּט אום פּסח, אין די ערשטע צוויי סדר-נעכט, ווען זיין קליין וויין-גלעזעל פֿלעגט אָנגעפֿילט ווערן ניט ווייניגער ווי פֿיער מאָל מיט אַ מילדען, זיסען וויין. דערצו איז אויף'ן טיש געשטאַנען, אָנגעגרייט פֿאַר אליהו הנביא, אַ גרויסע גלאָז וויין, וואָס דער אונזיכטבאַרער גאַסט האָט אויסגעטרונקען, כאָטש די גלאָז איז געבליבען פֿול ווי אַן אויג. ס'איז איבערהויפּט געווען אַ פֿריילאַך שטיקעל צייט, דער דאָזיגער יום טוב, פֿון ערב פּסח אָן, ווען מען האָט פֿערברענט דעם חמץ, ביז דער סאַמע לעצטער רגע פֿון דעם לעצטען טאָג, ווען דאָס פֿערבאָטענע ברויט האָט געהאַט אַ מאָדנעם טעם, אָקוראַט ווי זיסער קוכען. הײנט די גאַנצע ענדערונג אין קיך, דאָס האָט אויך געהאַט אַ געוויסען צויבער: נייע פֿענדלאַך, נייע טעלער, נייע טעפּ, נייע לעפֿעל, אַלצדינג שפּאָגעל-ניי, אין האַרמאָניע מיט די מ צ ו ת, וועלכע האָבען פֿערנומען דעם פּלאַץ פֿון ברויט. און ווי שעהן האָט אויסגעזעהן דער טיש, וואָס איז געגרייט געוואָרען צום „סדר", מיט די וויין-גלעזער און די מערקווירדיגע מאכלים, דעם ז ר ו ע, די מ ר ו ר, די ח ר ו ס ת און וואָס איהר ווילט אַליין! און ווי ברייט זיצען דאָס אַלע אַרום טיש, אָנגעשפּאַרט אויף ווייסע קישענס! דעם קינד'ס

נשמה איז פול געווען מיט א צערטליכע פאעזיע, און ס'איז געווען א פרייד פאר איהם צו פרעגען די „פיער קשיות" אין העברעאיש: — „מה נשתנה הלילה הזה מכל הלילות, שבכל הלילות אנו אוכלים חמץ ומצה, הלילה הזה כלו מצה?" די דאזיגע קשיא האט ער איבערגעזאגט פון א גרויסען דינעם ספר, „די הגדה", פול מיט בילדער מכח די „עשר מכות", וואס גאט האט אנגעשיקט אויף די מצרים, און מכח פרעה דעם רשע, וואס איז געזעסען מיט א הארטען הארצען אויף א הארטען טראהן. זיין פאטער'ס ענטפער, וועלכער איז אויך געווען אין העברעאיש, האט גע־דויערט א צוויי, דריי שעה, איבערגעשלאגען אין מיטען מיט עסען און טרינקען; און דאס איז אייגענטליך געווען דער איינציגער טהייל פון דעם ענטפער, וואס דאס קינד האט ווירקליך פערשטאנען, מחמת דאס העברעאיש פון דער הגדה איז געווען זעהר שווער.

נאר ער האט אין אלגעמיין געוואוסט, וואס פאר א יום טוב דאס איז, און די קשיות זיינע זיינען מעהר ניט געווען ווי א צערעמאניע־זאך, מחמת ער האט זיי אזוי געהאלטען אין איין פרעגען יאהר איין יאהר אויס, זאגאר דאן, ווען ער איז שוין אויסגעוואקסען. אויך האט ער ווינציג וואס נעטראכט מכח דעם זינן פון די תפילות, בעת ער פלעגט זיי אבזופען דריי מאל אין טאג, אין דערפריה, פארנאכט און ביינאכט, כאטש ער האט זיך אויסגעלערנט פערשטעהן לשון קודש און ער האט זאגאר געקענט איבערזעצען דעם דאווגען אין א שלעכטען איטאליעניש, א צוקריפלונג פון דער ווענעציאנער שפראך, וועלכע איז אריינגעבראכט געווארען אין דער גהעטא דורך די אידען, וואס האבען געפיהרט געשעפטען מיט דער דרויסענדיגער וועלט. ס'איז געווען אזוי פיעל צו דאוונען—גאנצע ספרים. און ווי האט זיך דאס איהם צייטענווייז געגלוסט איבערצוהיפען עטליכע טרוקענע, ניט־אינטערעסאנטע בלעטלאך! נאר ער האט זיך ניט נאכ־געגעבען די תאוה און איז דורכגעקראכען יענע שטיקער אפילו מיט די גאנץ קליינע אותיות'לאך, וואס נאר גרויסע דערוואקסענע מענשען האבען געדארפט זאגען.

א טהייל פון דעם נחת־רוח, וואס איז געלעגען אין די שבתים און ימים טובים, איז געווען די ענדערונג אין דעם דאווגען. זאגאר דער בענשען נאך'ן עסען האט דאן אויך דא און דארט געהאט א שטיקעל פרישע אבוועקסלונג. ווארים פונקט ווי דאס קינד האט אנגעטהאן זיינע בעסטע בגדים אום שבת און יום טוב, אזוי האבען זיך זיינע תפלות עפעס אזוי ווי אנגעטהאן אין שעהנערע ווערטער, און האבען געדארפט געזאגט ווערן פון שעהנערע ספרים און מיט שעהנערע ניגונים. די מעלאדיע,

יער ניגון האָט געשפּיעלט אַ גרויסע ראָלע אין דעם דאַוונען, און כאָטש ער האָט, דוכט זיך, ניט געטראַכט מכח דער בעדייטונג פֿון די תּפלות, האָבען זיי פֿונדעסטוועגען געלעבט ביי איהם אין מוח אַזוי ווי שטיקער מוזיק, און צי זיי זיינען געוועזן אומעטיג, צי לוסטיג, — אָפֿטמאָל, אין די שפּעטערע יאָהרען, האָבען זיי זיך אַליין געזונגען ביי איהם אין מוח. דריי „אמן׳ס" זיינען געוועזן אין דעם „מוסף" פֿון די דריי ימים טובים — פּסח, שבועות און סוכות — וועלכע האָבען געהאַט אַ מערקווירדיגען צויבער פֿאַר איהם. די ערשטע צוויי האָבען געקלונגען אָבגעריסען, דער לעצטער האָט זיך געדרעהט און געצירקעלט און איז לאַנגזאַם אָבגעשטאָרבען. און כאָטש עס איז געוועזן אַסך צו זאָגען אין די דאָזיגע טעג, ווען די תּפלות זיינען געווען דאָפּעלט, איז עס איהם פֿונדעסטוועגען ניט געפֿאַלען צו לאַסט, וואָרים די עקסטראַ שטיקלאַך האָבען זיך אַזוי ווי אַריינגע׳גנב׳עט צווישען די געוועהנליכע, אַלטעגליכע שטיקער, אָקוראַט ווי בערגלאַך אָדער בלומען, וועלכע וואַקסען אויס אין מיטען דערינען אויף אומגעריכטע ערטער, כדי אָבצופֿרישען אַביסעל די מרה־שחורה פֿון אַ לאַנגען, לאַנגען וועג. און אַחוץ דעם זיינען די דאָזיגע עקסטראַ־תּפלות געדרוקט געוועזן אַזוי שעהן, מיט אַזעלכע פֿיינע גראַמען. אַסך פֿון זיי זיינען געוועזן אויס־געצייכענטע „חרוזים", וואָס זיינען דורכגעלאָפֿען דעם גאַנצען „אלף בית", פֿון „א" ביז „ת". אָט די חרוזים, וואָס האָבען געשטאַמט פֿון דעם מיטעל־אַלטער, האָבען זיך דורכגעוואָרפֿען אין דעם יום טוב׳דיגען דאַוונען, און אפילו ווען דאָס קינד האָט זיך געדאַרפֿט מודה זיין אויף זיינע זינד — אָדער בעסער געזאָגט, אויף די זינד פֿון דער גאַנצער קהילה, מחמת „כל ישראל ערבים זה לזה" און יעדער איד איז פֿעראַנטוואָרטליך פֿאַר די מעשים פֿון דעם אַנדערן — האָט ער געזינדיגט זיינע זינד מיט אַן „א", געזינדיגט זיינע זינד מיט אַ „ב", און אַזוי ווייטער ביז ער האָט שוין מעהר ניט געקענט זינדיגען. און וואָס פֿאַר אַ תּענוג איז דאָס געווען צו בעטאָנען דעם סוף פֿון יעדען חרוז און איהם אויסשרייען מיט היץ! און אָפֿטמאָל, ווען די חרוזים האָבען זיך אַלע געענדיגט מיט איין און דיזעלביגע ווערטער, אַזוי ווי דער כאָר, דער צושפּיעל פֿון אַ ליעד, וואָס פֿאַר אַן ערלייזונג איז דאָס געווען, נאָך אַ גאַנצע שווערע שטיק, וואָס מען האָט אָבגעזופּט אַבי־ווי, צוריק אַרויפֿצוקומען אויף די אַלטע גוט־בעקאַנטע ווערטער און זיי אויסשרייען אין דער הויך! צייטענווייז זיינען די פֿערזען געוועזן גאַנץ קורצע — בלויז צו איין שורה — און האָבען זיך געענדיגט מיט איין איינציגען וואָרט ווי „מים" אָדער „אש", למשל. און וואָס פֿאַר אַ פֿרומער ספּאָרט דאָס איז אַביסעל געוועזן צו לויפֿען

לייך אין „פֿייער“ און אין „וואַסער“ אַריין! אָט די ווערטער זיינען גע־שטאַנען אויסגעשטעלט פֿריינדליך און איינפֿאַך, דאָס איבעריגע אָבער איז געווען אַזאַ מאָדנע און שווערע לשון קודש, אַז צייטענווייז האָט דאָס קינד געצווייפֿעלט, צי דער פֿאָטער זיינער אפילו האָט דאָס אַלעס פֿערשטאַנען, ניט קוקענדיג דערויף וואָס ער פֿלעגט ביי געוויסע חרוזים פֿערגיסען ביטערע טרעהרען, דער עיקר אין די ימים נוראים. ס'איז עפּעס געווען אַ מין שרעק צו דיינקען, אַז די מלאכים אויבען אין הימעל פֿערשטעהען יעדעם איינציגע וואָרט דערפֿון. און ער איז געווען גענייגט צו דיינקען אַז דער חזן האָט אויך פֿערשטאַנען אַלצדינג; ער האָט געזונגען מיט אַזאַ מין געפֿיהל און מיט אַזויפֿיעל הארץ.

די איינציגע צייט, ווען דאָס קינד האָט זיך געלאַנגוויילט ביים דאַווענען, איז געווען שבת צו קריאת התורה. דער ניגון, מיט וועלכען מען האָט געלייענט די תורה, איז צונויפֿגעשטעלט געוואָרען לויט געוויסע צייכענס, וואָס זיינען אין חומש אָבגעדרוקט איבער און אונטער די ווערטער, און די צייכענס, וואָס האָבען אַרויסגעגעבען אַ שעהנעם קלאַנג, זיינען פֿאָרגעקומען זעלטען, און דער שעהנסטער פֿון זיי, דער „שלשלת“, וועל־כער האָט אייסגעצויגען דאָס וואָרט מיט אַ קייט פֿון אונענדליכע טרעלען און דריידלאַך, אָקוראַט ווי דאָס געזאַנג פֿון אַ פֿויגעלע, — אָט דער צייכען איז בסך הכל פֿאָרגעקומען עטליכע מאָל אין די אַלע חמשה חומשי תו־ה. זיך צוהערענדיג צו דעם אונענדליכען צוויבער, האָט זיך דאָס קינד געטראַכט, ווי גוט עס וואָלט געווען, ווען די גאַנצע ספר־תורה ווייז בעשפּריינקעלט מיט אַזאַ מין פֿויגעל־געזאַנג; ווען עס ווענדט זיך אין איהם, וואָלט ער געמאַכט, די רייניגקייט זאָל האַלטען אין איין זינגען און טרילען. נאָר ער האָט געוואוסט, אַז דאָס קען ניט זיין, וואָרים די ספר־תורה איז געווען האַ־ט און ערנסט און ווירדיג, אָקוראַט ווי די גבאים פֿון שוהל, וועלכע האָבען איהר געהויבען אין דער לופֿטען, אָדער איהר פֿונאַנדערגעוויקעלט און איהר אָנגעטהאָן דאָס מענטעלע איהרס און אויפֿ־געהאַנגען די קלינגענדיגע זילבערנע גלעקלאַך אויף איהר. אפילו די איינפֿאַכסטע מוזיקאַלישע צייכענס זיינען ניט געווען אָנגעצייכענט אויף איהר, נאָך מעהר, זי איז געווען זאָגאַר אָהן נקודות. בלויז די אותיות האָט מען געקענט זעהן אויף דעם הייליגען פּאַרמעט, אי דאָס זיינען דאָס געווען געשריבענע, ניט קיין געדרוקטע אותיות, מחמת דער דרוק איז ניט אַזוי ווי די עהרווירדיגע האַנד פֿון דעם סופר. דאָס קינד האָט זיך געטראַכט ביי זיך, וואָס פֿאַר אַ וואונדערבאַרע פֿעהיגקייט מען מוז דאָס האָבען, עס צו קענען לייענען, בפרט נאָך עס צו קענען אויסזינגען ריכטיג.

פֿערטיעפֿט אין אַזעלכע געדאַנקען, פֿלעגט ער שטעהן און קוקען, ווי מען רופֿט אויף צו דער תורה זיבען אידען, איינעם נאָך'ן צווייטען, צוערשט אַ כהן, דערנאָך אַ לוי, דערנאָך פֿינף געוועהנליכע ישראלים, און זייער אַרויפֿגעהן און אַרונטערגעהן פֿון דער בימה שלאָגט איבער אַביסעל די איינטאָניגקייט פֿון דעם לייענען. נאָך קריאת התורה זיינען געקומען די נביאים, די הפטרה, וועלכע האָט פֿון דאָס ניי דערוועקט דעם קינד'ס אינטערעס, מחמת זי האָט געהאַט אַן אַנדערן און אַ זיסערן ניגון, אין מינאָר, פֿול מיט האַלבע טענער און מיט אַ זיסער אומעטיגקייט, וועלכע האָט זיך געענדיגט אין אַן אויסברוך פֿון פֿרייד. וואָרים די נביאים, כאָטש זיי האָבען געדונערט געגען די אונגערעכטיגקייטען פֿון דעם פֿאָלק ישראל און געהאַלטען אין איין וויינען און קלאָגען אויף די עולות, וואָס זיינען בעגאַנגען געוואָרען, האָבען זיי אָבער אויך גערעדט פֿון דער גוטער צייט, ווען ס'וועט נעהמען אַ סוף צום גלות, און משיח וועט קומען און צונויפֿקלייבען זיין פֿאָלק פֿון אַלע פֿיער עקען פֿון דער ערד, און דער בית המקדש וועט פֿון דאָס ניי אויפֿגעבויט ווערן אין ירושלים, און אַלע נאַציאָנען וועלען דיענען דעם איינציגען גאָט, וואָס האָט געגעבען זיין תורה צו די אידען אויף'ן בארג סיני.

דער־ווייל איז נור דאָס פֿאָלק ישראל מחויב אָבצוהיטען די תורה מיט אַלע איהרע פּרטים ודקדוקים, וואָרים בלויז די אידען — צי געבוירען צי ניט־געבוירען — האָבען געשוואָרען אַזוי צו טהאָן אין רעכטען מיטען פֿון די קולות וברקים, פֿון די דונערן און בליצען אויף'ן הר סיני. אפילו דעם קינד'ס נאָך ניט־געבוירענע נשמה איז געווען דערביי און האָט גענומען אויף זיך דעם יאָך פֿון דער תורה. אָפֿטמאָל האָט ער זיך געסטאַרעט צו דערמאָנען אָן דער דאָזיגער פּאַסירונג, נאָר כאָטש ער האָט זיך געקענט גאַנץ גוט פֿאָרשטעלען די סצענע און זעהן, ווי די נשמות שוועבען אַרום איבער די בערג אַזוי ווי ווייסע וואָלקענס, האָט ער זיך פֿונדעסטוועגען ניט געקענט דערמאָנען, אַז ער זאָל האָבען געווען צווישען זיי. אָט אַפּנים ער האָט עס געמוזט פֿערגעסען אינאיינעם מיט די איבעריגע זאַכען, וואָס האָבען געטראָפֿען מיט איהם פֿאַר זיין געבורט — ווי די צוויי מלאכים, למשל, וועלכע האָבען מיט איהם געלערנט תורה און איהם געוויזען יעדען אי'ן דערפֿריה דעם גן עדן און יעדען פֿאַרנאַכט דעם גיהנום; נאָר אין דער רגע, וואָס ער איז געבוירען געוואָרען, האָט איהם איינער פֿון די מלאכים אַ שנעל געטהאָן מיט'ן פֿינגער אין דער אויבערשטער ליפּ און האָט איהם אַראָבגעשיקט אויף דער וועלט אַ וויינענדיגען פֿון ווייטאָג, מיט דעם דאָזיגען גריבעלע אונטער די נאָזלעכער, וואָס איז דער צייכען

אַז דער מענש האָט זיך אויף אייביג פֿערגעסען וואָס עס טהוט זיך אויבען אויף׳ן הימעל.

נאָר אין דעם טאָג פֿון מתן תורה — דעם יום טוב פֿון שבועות — איז די שוהל געוועזען פֿערפּוצט מיט בלומען. ס׳איז ניט אַזוי גרינג געווען צו קריגען בלומען אין ווענעדיג — יענע שטאָדט פֿון שטיינער און פֿון ים — דאָך זיינען די זיילען און די באַלקאָנען פֿון יעדער שוהל (און עס זיינען געווען זיבען שוהלען אין דער דאָזיגער איינגער גהעטאָ, אַ טהייל פֿון זיי אַלט און שעהן, אַנדערע אָרים און נידעריג) געווען פֿערציערט מיט רויזען, ליליען און אַנדערע סאָרטען בלומען.

נאָך שעהנער איז געווען דער יום טוב פֿון סוכות, ווען דער פּלאַץ און די הויפֿען פֿון די שוהלען זיינען פֿערנומען געוואָרען מיט הילצערנע שטיבלאַך, לזכר פֿון די טעג, ווען די קינדער פֿון ישראל האָבען געלעבט איןביידלאַך אין דער מדבר. דעם קינד׳ס פֿאָטער, אַן אמת פֿרומער איד, האָט געהאַט אַ גאַנצע סוכה פֿאַר זיך, בעדעקט מיט גרינע צווייגען, בעהאַנגען מיט פֿרוכט און אויסגעמעבעלט מיט שטוהלען און מיט אַ טיש, ביי וועלכען דאָס קינד איז געזעסען, אויפֿהייבענדיג די אויגען צום בלויען הימעל, וועלכער האָט אַריינגעקוקט דורך די גרינע בלעטער, און זיי אַרונטערלאָזענדיג אויף דעם שנעע-ווייסען טיש-טוך, בעשפּריינקעלט מיט שפּיעלענדע שאָטענס און מיט בלישטשענדע זונען-שטראַהלען. די לעצטע טעג פֿון יום טוב האָט ער זיך גענומען צום דאַך, אויפֿעסענדיג איינציגווייז די אַלע געשמאַקע עפּעל, די זיסע אָראַנזשען און די רייצענדע וויינטרויבען. היינט די אתרוגים און די לולבים, מיט וועלכע ס׳האָט געריישט אין שול דעם גאַנצען שעהנעם יום טוב, ווען די מענער האָבען זיי געשאָקעלט און געטרייסעלט און בעוואויגען נאָך אַלע זייטען, צו מזרח און מערב, צו צפון און דרום, אַרויף צום הימעל און אַראָב צו דער ערד. אַזוי ווי קיינער האָט ניט געטאָרט אָנבייסען פֿאַר אתרוג-בענשען, האָט אַ מאַן אַרומגעטראָגען דעם לולב מיט׳ן אתרוג איבער די הייזער צו די ווייבער, וועלכע האָבען געמוזט בלייבען אין דערהיים, פֿערזאָרגען דאָס הויז — און ווירקליך, די היים איז געווען דער פֿרוי׳ס ערשטער פּלאַץ, און ליכט-בענשען דער פֿרוי׳ס הייליגסטע פֿליכט, און אפילו אין שוהל איז זי אויך געזעסען אין אַ בעזונדער אָרט, אויף אַן אָבגעצאַמטער גאַלעריע מיט שטראַכטען, ווייט אַוועק פֿון די מענער. דעם זיבעטען טאָג סוכות האָט דאָס קינד געקראָגען פֿאַר זיך אַליין אַ „הושענה", אַ פֿריש בינטעל מיט צווייגלאַך און מיט גרינע בלעטער, וועלכע ער האָט צושלאָגען און צו־קלאַפּט אויף דער שוהל-באַנק, שרייענדיג: „הושענה!" און אינאיינעם

מיט די בלעטלאַך, וועלכע זיינען צופֿליגען אויף דער ערד, זיינען אויך אוועקגעפֿאַלען זיינע זינד. די גאַנצע נאַכט פֿון „הושענה רבה" איז דער פֿאָטער זיינער אויף געוועז אין שוהל, נאָר דאָס קינד איז געגאַנגען אַהיים שלאָפֿען, נאָך אַ ביטערן קאַמפּף, וואָס ער האָט געהאַט מיט זיינע האַלב־פֿערקלעפּטע אויגען, און געהענדיג אַהיים האָט ער געציטערט, ער זאָל חלילה ניט זעהן, אויף די שטיינער זיין שאָטען אָהן אַ קאָפּ, מחמת דאָס איז געווען אַ סימן פֿון טויט.

נאָר דער נײַנטער טאָג סוכות, „שמחת תורה" הייסט עס, איז געווען דער בעסטער פֿון אַלע, דער טאָג, ווען מען האָט געענדיגט די תורה און טאַקי באַלד אויף'ן שטעל איהר אָנגעפֿאַנגען פֿון דאָס ניי, פֿון „בראשית" אָן, כדי ס'זאָל ניט אויסזעהן, אַז די „שמחה" איז מחמת דעם וואָס די קהלה איז פּטור געוואָרען פֿון דער תורה. וואָס פֿאַר אַ צויבער איז געלעגען פֿאַר דאָס קינד אין דער צערעמאָניע מיט די צוויי חתנים, דעם „חתן־תורה" און דעם „חתן בראשית", וועלכע האָט אויסגעזעהן, ווי אַן אמת'ע חתונה! ווי די אינגלאַך האָבען זיך דאָס געוואָרפֿען אין שוהל אויף דער ערד, אויפֿצוקלייבען די צוקערלאַך און די אַנדערע זיסע זאַכען! און ווי גליקלאַך זיי זיינען דאָס אַביסעל געווען צו געהן אינאיינעם מיט די גרויסע אין דער פּראָצעסיאָן, די „הקפות", מיט פֿענדלאַך און מיט וועקסענע ליכטלאַך, וואָס האָבען געשטעקט אין אויסגעהוילטע מעהרען, אָנשטאָט לייכטער, זינגענדיג אינאיינעם מיט דעם גאַנצען עולם די ווער־טער: „אנא ה' הושיעה נא! אנא ה' הצליחה נא!" אַזוי פֿריילאַך איז דער חזן געווען, אַז ער האָט זיך ניט געקענט איינהאַלטען ניט צו טאַנצען, און פֿערשטעהט זיך, אַז די שטימע זיינע האָט געטאַנצט בעת ער האָט געזונגען.

ס'איז ניט געווען קיין שום אַנדער צייט אין יאָהר, וואָס זאָל זיין אַזוי לוסטיג אין דער גהעטאָ, אחוץ פּ ו ר י ם, ווען מען האָט זיך געשיקט „שלח מנות", און די מענער האָבען געטראָגען קאָמישע מאַסקעס אָדער זיך פֿערשטעלט פֿאַר פֿרויען און געשפּיעלט „טהעאַטער". דאָס קינד פֿלעגט אַרומגעהן מיט אַ גרויסער פֿאַלשער נאָז, און יעדעס מאָל ווען מען האָט אין שוהל, ביי דער „מגילה", דערמאָנט דעם נאָמען „המן", האָט ער מיט אַלע כוחות געקלאַפּט מיט אַ האַמער אָדער געדרעהט מיט אַ גראַגער.

אַן אַנדער יום טוב פֿון דעם סאָרט איז געווען ח נ ו כ ה, וואָס פֿלעגט מאַכען אויף דעם קינד אַזאַ'ן איינדרוק ווי פּורים. ווי פֿאַנטאַסטיש האָבען זיי אויסגעזעהן די חנוכה־ליכטלאַך, זיך פֿערגרעסערענדיג אין צאָהל פֿון

איין נאַכט אויף דער אַנדערער, צוערשט איינס, דערנאָך צווי ביז דעם אַכטען אָוענד, ווען עס האָבען געברענט אַכט ליכטלאַך אין איין שורה, ניט אַריינגערעכענט דעם שמש, וואָס האָט אָנגעצונדען די אַנדערע, דעם „שמש“, הייסט עס! און דאָס אַלעס האָט דערמאָנט אָן דעם גרויסען נס, אָן דאָס קריגעלע בוימעל, וואָס מען האָט געפֿונען אַ פֿערזיגעלטען אין בית המקדש דאַן, ווען די חשמונאים האָבען מנצח געווען די יונים, און וואָס איז גענוג געווען פֿאַר'ן „נר תמיד“ אויף אַכט טאָג צייט.

און אַזוי האָט דאָס קינד געלעבט און איז אויפֿגעוואַקסען אין דער דאָזיגער אינערליבער וועלט, פֿול מיט טרוימען, ווענדענדיג זיין פֿאַנטאַזיע צוריק צו דער אַמאָליגער היים פֿון די אידען, צו פּאַלעסטינאַ, און האָפֿענדיג אויף אַ מין וואונדערבאַרער גאולה, אַזוי שטאַרק בעאיינפֿלוסט פֿון געבעט און פֿון רעליגיעזע צערעמאָניעס, אַז זאָגאַר שפּיעלענדיג זיך מיט די קינדער אין נים האָט ער אויך געהאַט אַ תפלה צו דעם קינדער־מלאך סנדלפון, וועלכער האָט געלויטעט: „אָה סנדלפון, דו שר פֿו די וועלדער, היט אונז אָב פֿון שלעכטס!“

II.

צוויי זאַכען זיינען געווען אין דער גהעטאָ, וואָס האָבען געהאַט אַ מאָדנע אָנציהונג פֿאַר דעם קינד: איינע פֿון זיי איז געווען אַ ברייטער פֿלאַכער מאַרמאָר־שטיין אויף דער וואַנד לעבען זיין הויז; ביסלאַכווייז האָט ער אויסגעפֿונען, אַז דאָס איז געווען אַ בעפֿעהל, אַז די אידען, וואָס שמד'ן זיך, זאָלען זיך קיינמאָל ניט אומקעהרען אין דער גהעטאָ און ניט האָבען קיין שום פֿערבינדונג מיט איהרע איינוואוינער, אַניט וועלען זיי בעשטראָפֿט ווערן מיט תפיסה, מיט שמיץ, מיט'ן שאַנד־פֿלאָקען און זאָגאַר מיט דער תליה. די צווייטע זאַך איז געווען אַ מאַרמאָרנע פֿיגור פֿון אַ שעהן מיידעל מיט אַ לאַנגער שלעפּ, וואָס איז געלעגען אויף דער סאַמע לעצטער וואַנד פֿון דער גהעטאָ, קוקענדיג דערויף מיט העל־אָפֿענע אויגען.

דאָס איז געווען אַן אַנטיקיטעט, אַן איבערבלייבעכץ פֿון די אַלטע צייטען, און צוזאַמען מיט דעם מאַרמאָר־שטיין האָט עס דערמאָנט דעם קינד אָן דער מערקווירדיגער וועלט דאָרט אויף דרויסען, וואו מענשען

פון א פערבאָטענער אמונה האָבען אויסגעקריצט פערבאָטענע בילדער. אָבער ער איז קיינמאָל ניט אַרויס פון דער גהעטאָ; על כל פנים קיינמאָל ניט מעהר ווי עטליכע גאַסען, וואָרים וואָס האָט ער געהאַט צו טהאָן אין ווענעדיג? אַז ער איז אונטערגעוואַקסען און האָט זיך שוין געקענט מאַכען ניצליך מיט וואָס עס איז, האָט איהם דער פאָטער צוגענומען צו זיך אין זיין לייה־געשעפט, און פאַר דער פרייער צייט זיינער איז ער געווען פערזאָרגט מיט דער שוהל און מיט אַ גאַנצען ים פון למודים; אַחוץ חומש מיט רש"י האָט ער געהאַט פאַר זיך די געוואַלדיגע צאָהל פון גמרות, יענעם מיש־מאַש פון תלמוד'ישע תורה און הלכה. און אַז ער איז צוגעקומען צו זיין דרייצעהנטען יאָהר, האָט ער זיך גענומען גרייטען צו ווערן „בר מצוה". וואָרים צו דרייצעהן יאָהר איז דאָס קינד געוואָרען אַ מאַן. די זינד זיינע, וואָס זיינען ביז דאַן געלעגען אויף דעם פאָטער'ס פלייצעס, וועלען איצט פאַלען אויף איהם אַליין, און אַנשטאָט דעם, וואָס ער איז ביז אַהער געווען אַזוי וויניג פערעכענט אין שוהל ווי אַ פרוי, וועט ער ווערן אַ פאָלנער מענש און מען וועט איהם קענען מצרף זיין צום „מנין". און אַזוי האָט ער ניט נור געקראָגען אַ טלית, ווי אַן ערוואַקסענער איד, נאָר ער האָט אויך אָנגעהויבען „לייגען תפילין". דערצו האָט ער זיך גענומען איינ'חזר'ן זיין „פרשה", וואָרים דעם ערשטען שבת, נאָכדעם ווי ער ווערט דרייצעהן יאָהר אַלט, וועט מען איהם אויפרופען, אַזוי ווי אַ מאַן, צו דער תורה, מעהר ניט, אַנשטאָט צו הערען, וועט ער אַליין דאַרפען לייענען אַ פרשה פון דער ספר־תורה, וועלכע איז גאָר אָהן נקודות און אָהן טראָפּ. ער איז געווען אַ שעהמעדיג איינגעל, און דער געדאַנק, אַז ער וועט דאַרפען אַרויפגעהן אויף דער בימה פאַר דער גאַנצער שוהל אידען, האָט איהם שטאַרק געשראָקען. אַחוץ דעם קען ער נאָך אַ טעות האָבען אין די ווערטער אָדער אין דעם ניגון. ס'איז געווען אַ ביטער שטיקעל צייט פאַר איהם, און אפילו דער געדאַנק מכח די נייע מלבושים, די „בר מצוה"־מתנות און די סעודה, וואָס זיינע עלטערן האָבען צוגעגרייט, האָט אויך וויניג וואָס פערקלענערט זיין שרעק. צייטענווייז פלעגט ער זיך אויפכאַפּען אין מיטען נאַכט, אָבגעגאָסען פון שוויים; ס'האָט זיך איהם גע'חלום'ט, אַז ער איז געשטאַנען אויף דער בימה, אַ צומישטער, ניט וויסענדיג, ווי אַזוי אַרויסצוקריכען פון זיין צרה, און דאָ זיינען אַלע אויגען אויסגעשטעלט אויף איהם. דאַן פלעגט ער שטילערהייט איבערזינגען זיין „פרשה" פאַר זיך, כדי צו זיין זיכער מיט זיך. און מערקווירדיג! ס'האָט זיך אָנגעפאַנגען מיט די ווערטער: „ויהי בחצי הלילה — און עס איז געווען אַרום האַלבע נאַכט". דעם אמת

זאָגענדיג, האָט ער עס געקענט אַזוי קלאָהר ווי דעם „אלף־בית", מחמת ער איז געווען אַ גרויסער מתמיד. ער האָט קיין איין מאָל ניט פֿערפֿעהלט אייסצילערנען אויף ריכטיג אַ „שיעור", וואָס מען האָט איהם אויפֿגעגעבען. און דאָס יאָם איז שייך צו לשון קודש אָהן נקודות, דערפֿאַר האָט ער זיך שיין לאַנג איינגעהערט שרעקען; נקודות זיינען בלויז געשאַפֿען געוואָרען פֿאַר קינדער און שוטים, און ער איז אַ גמרא יונג, אַ חריף און די שייערסטע פלעצער פֿון דעם תלמוד — אַ קליינער רב, פֿלעגען זיי זאַגען אין דער גהעטאָ! און אַז דער גרייסער מאָמענט איז ענדליך געקומען, האָט ער זיך בלויז אין אָנפֿאַנג אַביסעל געשראָקען, נאָר באַלד האָט ער געקראָגען זיין טריאומפֿירענדע שטימע, און וואָס פֿאַר אַן איידעלער תענוג איז דאָס געווען פֿאַר איהם צי האַלטען געשפּאַנט צו זיך די אויפֿמערקזאַמקייט פֿון דעם גאַנצען עולם! רעדנאָך האָט מען פֿון אַלע זייטען ארומגערינגעלט זיין פֿאָטער און מוטער און זיך גאָרניט געקענט געניג אָבלויבען וועגען דעם ווי אַזוי ער „האָט געלייענט זיין פרשה".

און אַצונד, אַז ער איז געוואָרען אַ מאַן מיט אַלע גרויסע צוגלייך, האָט ער זיך אויך גענומען אָבגעבען מיט אַנדערע טהיילען פֿון דעם יודענטהום. ער איז געוואָרען אַ מיטגליעד פֿון דער „חברה קדישא", וועלכע האָט מטהר געווען און אָבגעהיט די מתים איידער זיי זיינען געקומען צו קבורה אויף דעם קליינעם אינזעל, וואָס מען האָט גערופֿען „בית חיים", מחמת ס'איז ניטאָ קיין טויט אין דער גאַנצער וועלט, ווי ער פֿלעגט זינגען יעדען פֿרייטאָג־צו־נאַכט'ס: „מחיה מתים ברחמים רבים — גאָט וועט מיט זיין גרויס רחמנות לעבעדיג מאַכען די טויטע." אויך האָט ער איצט גענומען נעהמען אָנטהייל אין די טרויער־צערעמאָניעס נאָך די טויטע, צווישען אַלע אַנדערע אבלים, וועלכע פֿלעגען זיצען „שבעה" און זאָגען קדיש פֿאַר די פֿערשטאָרבענע נשמות. וואו קומען זיי פֿאָרט אַהין, אָט די אַלע נשמות? אַ טהייל פֿון זיי, האָט ער מורא געהאַט, וועלען אוראי פֿערפֿאלען ווערן אין גיהנום, מחמת ער האָט געוואוסט, אַז די דאָזיגע מענשען האָבען געזינדיגט און געגעסען טרפות. וואָס פֿאַר אַ נחת איז דאָס געווען צו דיינקען, אַז אין גיהנום אפילו איז שבת קיין פֿייער ניטאָ, און קיין „שבת־גויה" אויך ניט. אַז משיח וועט קומען, וועט זיי אפשר גאָט אַלעמען פֿערגעבען זייערע זינד. זאָגט דען ניט די גמרא, אַז „כל ישראל", אַלע אידען — און מיט זיי די גוטע מענשען פֿון אַלע נאַציאָנען — „יש להם חלק לעולם הבא", וועלען האָבען אַ חלק אין יענער וועלט?

III.

אין דעם לוח פֿון דער גהעטאָ זיינען אויסגערעכענט געווען היבשע עטליכע תעניתים; דאָס רוב פֿון זיי האָבען אָנגעהאַלטען בלויז צוועלף שעה, נאָר צוויי האָבען זיך געצויגען אַ גאַנצען מעת לעת, פֿון איין זונענ־אונטערגאַנג צום אַנדערן. דאָס קינד האָט בלויז געמענט האַלטען אַ פּאָר תעניתים, אי דאָס אויך ניט דעם גאַנצען טאָג, נאָר אַצונד איז ער געווען זיין איינענער בעל הבית, און זיין נשמה האָט אַליין געדאַרפֿט ענטשיידען ווי לאַנג און ווי אָפֿט זי זאָל זיך פּייניגען, און זי האָט בעשלאָסען אויסצוניצען יעטוועדע געלעגענהייט. און איינע פֿון די גרויסע געלעגענ־הייטען איז איהם באַלד געקומען פֿאַר דער האַנד. ניט דער טרויעריגער תענית פֿון תשעה באב, נאָר דער שרעקליכער טאָג פֿון יום כפור. אַ גאַנצען מאָנאַט לאַנג, דעם חדש אלול, האָט מען פֿערבראַכט אין סליחות־זאָגען ביז ראש השנה. ראש השנה אַליין איז געווען דער הייליגסטער פֿון די ימים טובים. אחוץ די עקסטראַ־תפלות, וועלכע האָבען געדויערט אַ גאַנצען האַלבען טאָג, האָט דאָס שופר־בלאָזען געגעבען אָנצוהערען, אַז „היום הרת עולם”, היינט איז אַ מורא'דיגער טאָג. דאָס איז געווען אַ וואָרנונג פֿאַר דעם זינדער תשובה צו טהאָן, מחמת ראש השנה איז געווען דער אָנהויב פֿון דעם יום הדין. ניין טעג צייט האָט גאָט גע'משפט די נשמות פֿון די לעבעדיגע און בעשטימט זייער מזל אויף דעם יאָהר וואָס קומט — מי יחיה ומי ימות, ווער עס זאָל לעבען און ווער עס זאָל שטאַרבען, מי יעשר ומי יעני, ווער עס זאָל זיין רייך און ווער אָרים, ווער ער זאָל זיין קראַנק און ווער געזונד. נאָר ביים סוף פֿון דעם צעהנטען טאָג, יום כפור פֿאַרנאַכט, זיינען די ביבער געשלאָסען געוואָרען אויף אַ גאַנץ יאָהר צייט. ביז „נעילה” איז נאָך געווען צייט, אָבער דערנאָך איז אַלצדינג אָבגע'חתם'עט געוואָרען, און דער, וואָס האָט ניט תשובה געטהאָן מיט'ן פֿולען הארצען אויף זיינע זינד, האָט פֿערזוימט דעם לעצטען שאַנס פֿון מחילה וסליחה. וואָס זשע איז דער חידוש, וואָס די איינוואוינער פֿון דער גהעטאָ האָבען זיך בעצייטענס בעוואָרענט און תיכף אין אָנהויב פֿון די „עשרת ימי תשובה” האָבען זיי זיך אַ שאָט געטהאָן צו „תשליך” צום בריק פֿון דעם קאַנאַל, כדי צו בעטען גאָט, ער זאָל זיי בעפֿרייען פֿון זייערע זינד, וואָס זיי וואַרפֿען אַצונד אַריין אין וואַסער!

ס'איז געווען דער צעהנטער טאָג, און אַ מורא'דיג געפֿיהל פֿון הייליגקייט איז געהאַנגען איבער דער גהעטאָ. די גאַנצע נאַכט האָט אין יעדען הויז געברענט אַ וועקסען ליכט, ווייס און עהרפֿורכטיג. גראָה און

קאלט איז דער פריה־מארגען אויפגעגאנגען, נאר שוין בעגינען צו טאג איז דער עולם געווען אויף די פים, ווארים דאס דאווגען האט זיך אנגע־הויבען זעקס אזייגער אין דערפריה און האט זיך געצויגען אהן א שום איבערשלאג ביז זיבען אין אווענד. א גרויסער טהייל פון די מענער, וואס זיינען געווען פערזאמעלט אין שול, האבען געטראגען ווייסע קיטלען, און די שטארק פרומע זיינען געבליבען שטעהן אויף די פים דעם גאנצען טאג, שאקלענדיג זיך און זיך שלאגענדיג אין הארצען „על חטא". א היבשע צייט לאנג האט זיך אויך דעם אינגעל געגלוסט צו בלייבען שטעהן, נאר די איינגע, געפאקטע שול איז פול געווען מיט א שווערען גערוך, און ענדליך, ארום מיטאג־צייט, איז ער געווארען אזוי שוואך, אז ער האט זיך געמוזט אנידערזעצען. אבער ער איז געווען פעסט ענטשלאסען ביי זיך צו פאסטען ביז ביינאכט. ביז אהער האט ער שטענדיג איבערגעבראכען זיין תענית אין מיטען דאווגען, פלעגט געהן אהיים עפעס איבערכאפען און קומען צוריק אין שול אריין. אז ער איז אלט געווען זיבען אדער אכט יאהר, איז דער דאזיגער אנבייסען געקומען ארום מיטאג־צייט, נאר וואס עלטער ער איז געווארען, אלץ לייגגער האט ער געפאסט, און ס'איז פאר איהם געווארען א מין כבוד זיך אליין אריבערצושטייגען יעדעם יאהר. דאס לעצטע מאל האט ער געפאסט ביז שפעט נאכמיטאג, און עס וואלט פשוט געווען אונפערצייהליך אצונד, ווען ער זאל ניט קענען אויסהאלטען דעם גאנצען טאג און דערנאך, שטאלץ און ריין פון זינד, געהן אהיים און טרינקען ווייז אינאיינעם מיט די גרויסע, דערוואקסענע מענער. נאכמיטאג, ווען דער מוסף האט זיך נאך אלץ געצויגען און געצויגען, איז ער געווארען אזוי בלייך, אז דער פאטער האט זיך געהאלטען אין איין בעטען ביי איהם, ער זאל געהן אהיים עסען. נאר דאס אינגעל האט ניט געוואלט וויסען דערפון. און אלע ווייגע איז איהם גרינגער געווארען; ער האט זיך פשוט פערגעסען אן זיין קאפ־ווייטאג און אן דעם מורא'דיגען הונגער זיינעם, זיך פערטיפענדיג אין דעם דאווגען. און מיט אמאל האט ער ביי זיך אין דער פאנטאזיע דערזעהן, ווי די הימלען עפענען זיך אויף איבער זיין קאפ און ווי גאט זיצט אויף זיין כסא המשפט, פערשטעלט פון דעם בלישטשענדען ליכט, און ארום איהם די כרובים מיט די פייער פליגלען און די ברענענדיגע רעדער, און די שרפי קודש, די הייליגע ברואים, אומרים זה לזה, זאגען איינער צום אנדערן: „קדוש, קדוש, קדוש ה' צבאות מלא כל הארץ כבודו." און איבער דער שול איז געלעגען א מורא'דיגע עהרפורכט, און ס'האט אויסגעזעהן אקוראט ווי די געוואלדיגע כוחות פון דער נאטור וואלטען זיך ארומגעקליבען ארום איהר, עפעס אזוי־

ווי די גאַנצע וועלט וואָלט געוואַרט אין טיעפֿער שטילקייט צו הערען די שרעקליכע ווערטער פֿון גאָט'ס משפּט. און דאַן האָט ער מיט אַמאָל דערפֿיהלט אַ קיהלען, געשמאַקען ריח איבער'ן שטערן, און אַזוי ווי פֿון דער אַנדער עק וועלט האָט ער דערהערט אַ קול, וואָס האָט געקלונגען ווי זיין פֿאָטער'ס שטימע, און וועלכע האָט איהם געפֿרעגט, צי עס איז איהם שוין בעסער. ער האָט אויפֿגעעפֿענט די אויגען, האָט אַ שמייכעל געטהאָן און געזאָגט, אַז עס איז איהם גאָרנישט, נאָר אַצונד האָט דער פֿאָטער זיינער גאַנץ איינפֿאַך זיך אָנגעזעצט אויף איהם, ער זאָל געהן אַהיים עסען.

אַ צוטומעלטער, נאָך אַלץ צומישט פֿון די גרויסע וואונדער, וואָס ער האָט געזעהן, האָט ער זיך דורכגעשפּאַרט דורך דעם וויינענדען, בעטענדען עולם, איבער וועמען ס'איז נאָך אַלץ געלעגען אַ געוויסער מורא'דיגער שרעק, און ער איז אַרוים אויף דרויסען אין דעם קליינעם פֿיער-עקיגען-פּלאַץ. דאָרט האָט ער אָבגעכאַפּט דעם אָטהעם, אריינגעצויגען אַביסעל פֿרישע לופֿט אין זיך, ניט קענענדיג אין גאַנצען אויפֿמאַכען די אויגען אַנטקעגען דעם פּלעצליכען בליאַסק פֿון דער זונן און דעם בלויען הימעל. נאָר דאָס געפֿיהל פֿון עהרפֿורכט און שרעק האָט איהם נאָך ניט פֿערלאָזען, מחמת די גהעטאָ איז געווען פוסט, די קלייטען צוגעמאַכט, און אַ הייליגע שטילקייט איז געלעגען איבער די שטיינער און די הייזער, וועלכע זיינען אַזוי ווי דורכגענומען געוואָרען פֿון די אונאויפֿהערליכע קולות, וואָס האָבען זיך געהערט פֿון די שולען. ער איז צוגענאַנגען צו דעם הויכען, ניין שטאָקיגען הויז, נאָר מיט אַמאָל האָט ער זיך שטאַרק פֿערשעהמט. נו, אודאי האָט ער זיך צו פֿריה אונטערגעגעבען. ס'איז איהם דאָך שוין בעסער, די לופֿט האָט איהם אָבגעמינטערט. ניין, ער וועט נ י ט אָברעכען דעם תענית; ער וועט אַרומשפּאַצירען אַ ווײַלע, און דערנאָך וועט ער געהן צוריק אין שוהל אַריין. יאָ, אַ מונטערער שפּאַציר וועט איהם אין גאַנצען ברייגגען צו זיך. און ביים אָפֿענעם טויער איז קיין שומר ניט געווען; די וועכטער פֿון דער גהעטאָ האָבען זיך געמאַכט יום טוב, וויסענדיג גאַנץ גוט, אַז אין דעם יום הנורא, אין דעם טאָג פֿון די טעג, איז ניט נייטיג קיינעם צו היטען. די וועכטערבאַרקע איז געלעגען צוגעבונדען צו אַ סלופּ. אַלצדינג האָט האַרמאָנירט מיט דעם אינגעל'ס געפֿיהל פֿון פֿייערליכקייט. נאָר אַזוי ווי ער האָט געשפּאַנט איבער דעם ברעג פֿון „קאַנאַרעדזשיאָ", און ווייטער און ווייטער אַריין אין די אונבעקאַנטע שטאָדט, האָט איהם עפּעס אָנגעהויבען ווערן מאָדנע שווער אויף דער נשמה. ניט קוקענדיג אויף דעם מורא'דיגען

געפֿיהל פֿון שרעק, וואָס איז געלעגען איבער דער גאַנצער וועלט, זיינען פֿונדעסטוועגען די קראָמען געווען אָפֿען און מענשען זיינען זיך גלייכגילטיג אַרומגעגאַנגען אין די קליינע, פֿיינע געסלאַך; פֿיצלאַך קינדער האָבען געלאַכט ביי די נאַמען זייערע אין די אָרעמס, די „גאָנדאָליע'ס" זיינען, ווי דער שטייגער איז, געשטאַנען אויף דעם הינטערשטען טהייל פֿון זייערע שעהנע שוואַרצע שיפֿלאַך און זיי גערודערט אָהן אויפֿהער. דאָס וואַסער האָט געבלישטשעט און געטאַנצט אַנטקעגען דער נאָכמיטאָגדיגער זונן. אויף'ן מאַרק האָבען די ברוינע אַלטע ווייבער פֿריילאַך געפּלוידערט מיט זייערע קונים. ער איז געגאַנגען אַלץ ווייטער און ווייטער, און אַלץ שטאַרקער איז געוואַקסען זיין ערשטוינונג. פּלוצלינג האָט ער זיך אויפֿגעהערט וואונדערן, עפּעס אַנדערש האָט געפֿאַנגען געגומען זיין נשמה: ער האָט דערהערט אַ וואונדערבאַרע מעלאָדיע. דאָס איז ניט געווען בלויז אַ פֿריילעכער ניגון, נאָר ס'האָט אויסגעזעהן, עפּעס אזוי ווי אַסך אַנדערע ניגונים וואָלטען זיך אויסגעמישט דערמיט, אַז זיין האַרץ איז אַזש צוגאַנגען פֿון ענטציקונג. ער האָט זיך געלאָזט לויפֿען נאָך די מאָדנע קלאַנגען, צוקומענדיג אַלץ נעהנטער און נעהנטער צו זיי, און ענדליך איז ער אומגעריכטערהייט אַרויפֿגעקומען אויף אַן אונגעהייער גרויסען פּלאַץ, אַרומגערינגעלט מיט זיילען, אונטער וועלכע עס זיינען געזעסען שעהן פֿערפּוצטע הערען און דאַמען ביי קליינע טישלאַך און האָבען געטרונקען און זיך צוגעהערט צו מענער, אָנגעטהאָן אין רויטען, מיט גרויסע שוואַרצע קאָקאַרדעס אין די היטלען, וועלכע זיינען געזעסען אויסגעזעצט אויף אַ פּלאַטפֿאָרמע אין מיטען פּלאַץ און האָבען געבלאָזען אויף גרויסע, גלאַנציגע טרומייטערס; אַ פּלאַץ, וואָס איז געווען אַזוי גרויס און ברייט און אַזוי פֿול מיט גליקליכע, פֿריילעכע מענשען און מיט פּלאַטערנדע טויבען, אַז ער האָט זיך אומגעקוקט, ניט וויסענדיג אויף וואָס פֿאַר אַ וועלט ער איז. און דאַן, אויפֿהויבענדיג די אויגען, האָט ער דערזעהן עפּעס, וואָס האָט איהם איינפֿאַך פֿערכאַפּט ביים אָטהעם — אַ הערליכער בנין, אַזוי ווי דער בית המקדש, וועגען וועלכען ער האָט אַזוי פֿיעל גע'חלום'ט, גלאַנצענדיג אין גאָלד, מיט וואונדערבאַרע שפּיצען, און בעקרוינט מיט פֿיער בראָנזענע חיות, וואָס ער איז זיכער געווען, אַז דאָס זיינען די פֿערד, וואָס זיינען געווען געשפּאַנט אין פּרעה'ס רייטוואָגען, בעת ער האָט נאָכגעיאָגט די אידען צום ים סוף. און האַרט לעבען דעם האָט זיך אויפֿגעהויבען אַ ריעזען־טהורם, אַזוי ווי דער טהורם פֿון בבל, אַזוי הויך, אַז דאָס אויג האָט עס ניט געקענט פֿערכאַפּען. זיין האַרץ איז פֿול געזאָרען מיט אַ מאָדנעם פֿערגניגען, וואָס איז כמעט געווען אַזוי ווי אַ

שמערץ. די דאָזיגע צויבער־געביידע האָט איהם צוגעצויגען אַלץ נעהנטער צו זיך; ער האָט געזעהן ווי אַן אָרעמע פֿרוי מיט אַ הוילען קאָפּ געהט אַריין אַהין, איז ער איהר נאָכגעגאַנגען. און אַ וואונדערליך־גאָלדענע דונקעלהייט איז איהם בעפֿאַלען, און אַ ים פֿון האַלב קיילעכדיגע באַלקענס און זיילען און שוועבענדע דעכער און אויסגעקריצטע שעהנע ווענד מיט פֿיעל־פֿאַרביגע בילדער; און דער פֿערגניגען, וואָס איז כמעט געווען אַזוי ווי אַ שמערץ, איז געוואַקסען און געוואַקסען אין איהם, אַז דאָס האַרץ האָט איהם שיער ניט געפּלאַצט. דאַן האָט ער געזעהן, ווי די אָרעמע פֿרוי מיט'ן הוילען קאָפּ פֿאַלט אויף די קניע, און ער האָט גלייך פֿערשטאַנען, אַז דאָס בעט זי אַזוי גאָט — יאָ, און אויף דעם זעלביגען אָרט וואָס די מענער — און אַז דאָס איז ניט קיין בית המקדש, נאָר איינער פֿון יענע טרפה'נע ערטער, וואָס מען רופֿט קירכען, און וואו עס געהען יענע פֿערהאַסטע משומדים, מכּה וועלכע ס'רעדט זיך אויף יענעם מאַרמאָר־שטיין אין דער געטאָ. און בעת ווען ער האָט זיך געראַנגעלט מיט דעם מיש־מאַש אין זיינע געדאַנקען, איז צו איהם צוגעלאָפֿען אַ שעהנער גלאַנציגער מאַן מיט אַ קאָקאַרדע אויף'ן היטעל און מיט אַ שווערד, און האָט איהם געהייסען אויסטאָהן דאָס היטעל. אין אימפעט און אין טויט־שרעק איז ער אַרויסגעלאָפֿען פֿון דער וואונדערבאַרער געביידע, זיך אָנשלאָגענדיג אָן די פֿיעלע שפּאַציר־געהער אויף דעם ברייטען פּלאַץ, און ער האָט זיך ניט אָבגעשטעלט ביז וואַנען די לוסטיגע מוזיק פֿון די גרויסע גלאַנציגע טרומייטערס איז פֿערשטומט געוואָרען הינטער איהם. און זאָגאַר דאַן איז ער אויך געלאָפֿען שנעל, עפּעס אַזוי ווי נאָך איהם וואָלט זיך געיאָגט די מאָדנע גרויסע וועלט, וואו ער האָט צום ערשטען מאָל אַריינגעשטעלט אַ פֿוס.

און פּלוצלינג האָט ער זיך אַרומגעקוקט, אַז ער איז אין אַ פֿינסטער געסעל, און ער האָט געוואוסט, אַ ער וועט שוין ניט קענען געפֿינען דעם וועג צוריק אין דער געטאָ. ער האָט געהאַט בדעה אַ פֿרעג צו טהאָן ביי אַ פֿרוי, וואָס האָט אויסגעקוקט פֿריינדליך, נאָר מיט אַמאָל איז איהם אַריבער אַ שוידער איבער'ן רוקען; ער האָט זיך דערמאָנט, אַז ער טראָגט ניט קיין געלען *O* אויף'ן האַרצען, אַזוי ווי אַ מאַן דאַרף טראָגען, און אַזוי ווי ער איז שוין „בר מצוה", וועלען איהם די ווענעציאַנער אַוודאי בעטראַכטען פֿאַר אַ מאַן. אַ ווײַלע איז ער געבליבען שטעהן אַ פֿערצווייפֿעלטער, ס'האָט זיך איהם אויסגעדוכט, אַז ער וועט שוין קיינמאָל ניט זיין צוריק אין דער געטאָ; נאָר ענדליך האָט ער זיך בערעכענט און געפֿרעגט, ווי אַזוי מען געהט צום „קאַנאַרעדזשיאָ", און אויף אַזאַ'ן

אופן איז ער אַ פּערציטערטער צוגעקומען צו דעם בעקאַנטען אייזערנעם טויער און האָט זיך שטילערהייט אַריינגע׳גנב׳עט אינעווייניג. אַלעס איז געווען אַזוי ווי פֿריהער אין דער גהעטאָ. דיזעלביגע הייליגע שטילקייט אין הויף און איף׳ן פּלאַץ, דאָס זעלביגע מורמלען פֿון די שוהלען, מעהר ניט, די אָוונד־שאָטענס האָבען זיך גענומען אויסלייגען איבער דעם פּלאַץ, און דאָס האָט די ערנסטקייט געמאַכט טיעפֿער ווי פֿריהער.

„נו, האָסט געגעסען?" האָט דער פֿאָטער געפֿרעגט. דאָס אינגעל האָט אַ שאָקעל געטהאָן מיט׳ן קאָפּ: „יאָ". די פֿאַרב איז איהם געקומען אין זיין בלייכען פּנים אַריין; ער האָט געזיפֿגט. ער וועט אַלזאָ פֿאָרט אויסהאַלטען דעם גאַנצען תענית. דער עולם האָט זיך געשלאָגען אין האַרצען על חטא. „על חטא שחטאנו לפניך בכחש ובכזב—פֿאַר די זינד, וואָס מיר האָבען געזינדיגט פֿאַר דיר זאָגענדיג ליגען", האָט דאָס אינגעל צוגעשטימט. און כאָטש ער האָט געלייגט זיין גאַנצע אויפֿמערקזאַמקייט אויף דעם וויינענדיגען ניגון פֿון די ווערטער און מחמת דעם האָט ער כמעט ניט בעמערקט זייער בעדייטונג, דאָך איז דאָס שוין ניט געווען די אַלטע ליידענשאַפֿט און די היץ, וואָס איז פֿריהער געלעגען אין זיין שטימע. ס׳האָט אָנגעהויבען ווערן דונקעל; די שאָטענס פֿון דער נאַכט האָבען זיך וואָס ווייטער אַלץ מעהר פֿערשפּרייט איבער דער שול, די ווייסע געשטאַלטען, וויינענדיג און קלאָגענדיג אין זייערע קיטלען, האָבען אויסגעזעהן אַזוי געהיימניספֿאָל; אָט, אָט קומט די מינוט, ווען די ביכער פֿון לעבען און טויט וועלען געשלאָסען ווערן. מיט ליידענשאַפֿט און מיט אַלע כוחות האָט דער עולם איינמאָל נאָך׳ן אַנדערן אויסגערופֿען: „ה׳ הוא האלהים, ה׳ הוא האלהים!" דאָס איז געווען די שטונדע, ווען דעם אינגעל׳ס געפֿיהל פֿון עהרפֿירכט און שרעק איז אַלע מאָל געווען אַם שטאַרקסטען. אָבער ער האָט בשום אופן ניט געקענט אָבטרייסלען פֿון זיך דעם געדאַנק מכח דעם פֿריליכען פּלאַץ אין דער וואונדערליכער קירכע, וואו אַנדערע מענשען האָבען געזאָגט אַנדערע תפלות. וואָרים עפּעס גרעסערעס און ברייטערעס האָט זיך אַצונד אַריינגעקליבען אין זיין לעבען, אַ געפֿיהל פֿון אַ גרעסערער ברייטערער וועלט אויסער דער גהעטאָ, און איהר גרויסקייט און איהר מערקווירדיגקייט האָט אָנגעפֿילט די נשמה זיינע מיט אַ שרעקליכער זאָרג און אַ מורא׳דיגער אומרוהיגקייט. ער איז שוין מעהר ניט געווען קיין קינד פֿון דער גהעטאָ.

## II.

# יוסף דער טרוימער.

# יוסף דער טרוימער.

## I.

„מיר האָבען מעהר ניט וואָס צו וואַרטען, רחל," האָט זיך מנשה אָבגערופען מיט אַ נידעריגען, ערנסטען, אָבער ניט־ציטע־נדען טאָן. „ס'איז שוין באַלד האלבע נאַכט."

רחל האָט איינגעהאַלטען איהר שלוכצען און אָנגענומען אַ פרומע מיענע, בעת איהר מאַן האָט אָנגעהויבען זאָגען די ברכות. נאָר זי האָט ניט געפיהלט קיין שום רעליגיעזע פרייד ביי דער עראינערונג אָן דעם נס, וואָס גאָט האָט געטהאָן מיט איהרע פאָטערס, ראַטעווענדיג זיי און דעם בית המקדש זייערן פון גריכישער שענדונג. דאָס האַרץ איז איהר צוריסען געוואָרען, איבערקלעהרענדיג וועגען דעם שיקזאַל פון איהר זוהן, איהר עילוי, וועלכער איז ניט געקומען אַהיים בענשען חנוכה־ליכט. דאָס טרעפט איהם דאָס ערשטע מאל, און גאָר אומגעריכטערהייט. וואָס האָט ער פאָרט צו טהאָן דאָרט — אַרויס פון די גהעטאָ־טויערן — אין דער דאָזיגער גרויסער, פינסטערער שטאָדט רוים מיט איהרע שמאָלע געסלאַך, אַריבערטרעטענדיג דעם פאַפסט'ס געזעץ, און דערצו נאָך אין אַזאַ נאַכט, וואָס איז אַן אויסנאַהם פון אַלע נעכט פון אַ גאַנץ יאָהר, אין אָט דער ווינטער נאַכט, ווען עס געפאַלט גראָד אויס זייער יום טוב אויך, ווען דער קריסטליכער שונא פייערט די געבורט פון זיין ערלייזער? דורך איהרע פערשלייערטע, מיט טרעהרען פערגאָסענע אויגען האָט זי געזעהן איהר מאַן'ס געזיכט, וואָס איז געווען האַרט און פערביסען, נאָר די ווייסע האָר פון זיין באָרד און פאות, אַזוי ווי די געפלאָכטענע הבדלה, מיט וועלכע ער האָט זיך צוגעגרייט אָנצוצינדען דעם חנוכה־לאָמפ, האָבע

איהם געגעבען אַן אויסדרוק פון טיעפער עהרפורכט. ער האָט געטראָגען אַ לאַנגען מאַנטעל, וואָס האָט דערגרייכט ביז די פיס, און אונטער דעם אַ ברוינעם בגד, אַרומגענומען מיט אַ גאַרטעל. אָט די דונקעלע קליידער זיינען ניט געווען קיין נייע, נאָר געניצטע, ווי די שטרייגגע איינפאַכקייט פון דעם אידישען געזעץ האָט געפאָדערט. די סנהדרין האָבען ניט ערלויבט זייערע אונטערטהאַנען זיך צו פוצען אַזוי ווי די רוימער פון יענער צייט. די אידישע יונגע לייט, ווענען דאָס קריסטענטהום האָט פערבאָטען זיך צו רופען „סיניאָרי" (העררן), האָבען לויט' יודענטהום ניט געטאָרט זיך גלייכען צו די „סינאָרי" אין לוקסוס.

„ברוך אתה ה׳ אלהינו מלך העולם אשר קדשנו במצותיו וצונו להדליק נר של חנוכה," האָט דער אַלטער מאַן געזונגען.

מיט אַ ציטערענדער שטימע האָט רחל נאָכגעזאָגט די אַלטע תפילה, וואָס קומט תיכף נאָך די חנוכה־ליכט. „מעוז צור ישועתי, אָה, דו פעלזענ־שטאַרקע פעסטונג פון מיין ישועה," האָט די אַלטע פרוי געזונגען. „לך נאה לשבח, דיר לוינט זיך צו לויבען; תכון בית תפלתי, זאָל מיין געבעט־הויז אויפגעשטעלט ווערן פון דאָס ניי; ושם תודה נזבח, און מיר וועלען דיר צו דאַנקען דאָרט מקריב זיין קרבנות; לעת תכין מטבח מצר המנבח, און אַז דו וועסט אויסראָטען דעם לעסטערנדען פיינד, אז אגמור בשיר מזמור חנוכת המזבח, וועל איך שליסען מיט געזאַנג וועגען דער בענייאונג פון דעם מזבח".

נאָר איהר געדאַנק האָט אַרומגעוואַנדערט אין די מרה־שחורה׳דיגע, שוואַך־בעלייכטעטע גאַסען פון דער פינסטערער שטאָדט, מיט אָפּענע, ווייט־זעהענדע אויגען, פול מיט ליעבע. אַז די „סבירי", די פאָליציי־לייט וועלען איהם אַרעסטירען, — אין דעם האָט זי גאָרניט געצווייפעלט; נאָר אַחוץ דעם זיינען נאָך געווען אַנדערע סכנות, אויף וועלכע מען האָט זיך געמענט ריכטען. אמת, אַז די דאָזיגע שטאָדט רוים איז געווען זיכערער איירער אַנדערע שטעדט פאַר איהרע אידען, וועלכע האָבען זינט קריסטוס׳עס געבורט געוואוינט אין דעם סאַמע האַרצען פון קריסטענ־טהום, דאָס אייביגע פאָלק אין דער אייביגער שטאָדט, — אַ נס, וואָס איז נאָך אונבעשטרייטבאַרער איידער דער נס פון חנוכה, וועלכער ווערט אַצונד געפייערט. אמת, אַז אָט די גהעטאָ האָט ניט געזעהן אַזעלכע בילדער ווי באַרצעלאָנאַ אָדער פראַנקפורט אָדער פראַג. די בלוטיגע ווילדע סצענעס פון די קרייץ־ציגע האָבען געבושעוועט ווייט אַוועק פון דער הויפט־שטאָדט פון׳ם צלם. אין ענגלאַנד, אין פראַנקרייך׳

אין דייטשלאַנד האָט דער איד, אָט דער שעיר לעזאזל פֿון אַלע נאַציאָנען, פֿער'סם'ט די ברונענס און געבראַכט די שוואַרצע מגפה אויף דער גאַנצער בעפֿעלקערונג, ער האָט געקוילעט קריסטליכע קינדער זיך צו בענוצען מיט זייער בלוט אויף פסח, געלעסטערט די נעמען פֿון די הייליגע און געטהאָן אַלעס, וואָס די פֿאַנטאַזיע פֿון די שווינדלערישע בעלי חובות האָט נור געקענט אויסקלעהרען. נאָר די אידען פֿון רוים זיינען איינפֿאַך געוועזען פֿערפעסטעטע, אָנשטעקענדיגע כופרים. אפשר איז דאָס געוועזען צו פֿער־דאַנקען די פֿערהעלטניסמעסיגע אָרימקייט פֿון דער דאָזיגער גהעטאָ, וואָס איהר טראַגעדיע האָט זיך גיכער אויסגעדריקט אין אַ שטענדיגער ערנידעריגונג, איידער אין מורא'דיגע הריגות. נאָר פֿונדעסטוועגען איז בלוט־פֿערגיסונג אויך דאָ ניט געוועזען קיין אונבעקאַנטע זאַך; און דאָס געזאַנג איז אָבגעשטאָרבען ביי רחל'ן אויף די ליפּען, נאָר דער פֿערביסענער, האַרטער מנשה האָט נאָך ווייטער געזונגען:

„יונים נקבצו עלי אזי בימי חשמנים — די גרעקען האָבען זיך דאַן פֿערזאַמעלט אַנטקעגען מיר אין די טעג פֿון די חשמונאים; און זיי האָבען איינגעבראָכען די מויערן פֿון מיינע טהורעמס און טמא געמאַכט אַלע בוימלען; נאָר איין קריגעל איז געבליבען און אַ נס איז געשעהן פֿאַר דיר, כנסת ישראל; דערפֿאַר האָבען די פֿערשטענדיגע לייט בעשטימט די דאָזיגע אַכט טעג פֿאַר געזאַנג און לויב."

זיי זיינען געוועזען רייכע לייט, און רחל'ס מלבוש האָט אייגענטליך געצייגט אַ שטיקעל לוקסוס, פֿערשטעהט זיך, אויף ווי ווייט דאָס געזעץ האָט ערלויבט — אַ געניצעוועט זיידען קלייד, צוגעשפּילעט ביים האַלז מיט אַ שפּילקע, וואָס האָט געטראָגען אין זיך איין איינציגען פּערל, דערצו אַ בראַסליעט אויף איין האַנד, אַ גלאַטען רינג אויף איין פֿינגער, אַ דינעם האַלז־באַנד אַרום האַלז, איהרע האָר פֿערפּלאָכטען אין אַ ביליגען טול.

זי האָט געקוקט אויף דעם חנוכה־לאָמפּ מיט די נײַן ליכטלאַך, און איהר האַרץ איז פֿול געוואָרען מיט אַ געהיימניספֿולער אומעטיגקייט. הלואי וואָלט זי געהאַט ניין צווייגען אין איהר הויז, אַזוי ווי מרים'ס מאַמע, אַ ווירקליכע אידישע מוטער; נאָר אַך! זי האָט בלויז געהאַט איין ליכט — איין קליין ליכטעלע. אַ בלאָז און עס איז פֿערביי דערמיט, און פֿינסטער וואָלט דאָס לעבען געוואָרען.

אַז יוסף איז ניט אין דער גהעטאָ, דאָס איז געוועזען זיכער. ער וואָלט איהר קיינמאָל ווילענדיגערהייט ניט פֿעראורזאַכט אַזעלכע יסורים, און ווירקליך, זי און איהר מאַן און מרים זיינען שוין אויסגעלאָפֿען דעם גאַנצען קוואַרטאַל,

זיינען אויסגעווען וואו נאָר אַ ווינקעלע, זאָגאַר אין יענע בלאָטיגע געסלאַך, וואו דער טייך טיבער פֿלעגט פֿערשלעפּען אַלערליי געפֿעהרליכע, אָנשטעקעדיגע שמוץ, וואו ס'האָבען זיך אויפֿגעהאַלטען געזינדען, צו צעהן־וויז אין אַ הויז, וואו פֿערקריפּעלטע מענער און איינגעקאָרטשעטע פֿרויען האָבען זיך אַרומגעבלאָנקעט אין די גאַסען, און אַ מחנה פֿון קראַנקע, האַלב־נאַקעטע עופֿה'לאַך האָבען זיך אַרומגעוואַלגערט אונטער די פֿיס. זיי האָבען געהאַט גענוג עגמת נפש, מנשה און רחל, פֿון זייער מאָדנעם קינד זייערן, פֿון דעם דאָזיגען „יוסף דער טרוימער", ווי מען האָט איהם גערופֿען, פֿון אָט דעם שעהנעם, זאַרגלאָזען זוהן זייערן, מיט די שוואַרצע אויגען, מיט דעם פֿיינעם קיילעכדיג־לייגגליכען פּנים, מיט די עדעלע געזיכטס־ציגע; פֿון דעם דאָזינען יונגען מאַן, וואָס האָט ניט געפּאַסט פֿאַר די בעגרענעצטע פֿאָרמען פֿון דעם האַנדעל אין דער גהעטאָ, נאָר וועלכער האָט גיכער פֿון אַלצדינג געזאָלט ווערן דער רב פֿון דער קהלה, באָטש זיין חריפות איז צייטענווייז געווען צו שטאַרק פֿאַר די פֿעהיגע מלמדים זיינע, ווענען ער פֿלעגט איבעראַשען מיט זיין שאַרפֿען, פּלעצ־ליכען געדאַנק, אויפֿריהרענדיג דאָס, וואָס וואָלט גלייכער געווען צו לאָזען ווי עס איז, אונבעריהרט. יאָ, זיי האָבען געהאַט גענוג צרות פֿון איהם, נאָר קיינמאָל ניט אַזאַ עגמת נפש ווי היינט. פֿאַרוואָס איז ער ניט ווי אַנדערע בחורים, פֿאַרוואָס געהט ער אַרום אַזוי פֿערטראַכט, פֿאַרוואָס פֿערגיסט ער אַזוי פֿיעל טרעהרען איבער דאָס וואָכעדיגע העברעאיש פֿון די שפּאַנישע משוררים, אָקוראַט ווי די שירים זייערע וואָלטען געווען סליחות אָדער תפלות תשובה צו טהאָן? פֿאַרוואָס האָט ער ניט חתונה מיט מרים'ן, ווי מען קען גאַנץ גוט זעהן, אַז דאָס מיידעל וויל? פֿאַרוואָס איז ער אַזוי מבטל דעם מנהג פֿון דער גהעטאָ, דערמיט וואָס ער האַלט זיך צוריק פֿון אַזאַ פּאַסענדען שידוך צווישען די קינדער פֿון צוויי אַלטע פֿריינד, וואָס זיינען ביידע רייך און האָבען ביידע די „חזקה" אויף די הייזער, אין וועלכע זיי וואוינען; הויכע, פֿיינע הייזער, וואָס זיינען אָבגעטהיילט איינס פֿון אַנדערן בלויז דורך אַן אַלטע געביידע, און וועלכע שטעהען ביים עק פֿון דער גרויסער „וויאַ רואַ," וואו זי קומט זיך צונויף מיט דעם שמאָלען געסעל „דעלע אַזימעלע", דאָרט וואו מען באַקט די מצות?

אַזוי ווי מרים'ס פֿאַמיליע איז געווען אַ גרויסע, האָט זי געהאַלטען די גאַנצע וואוינונג זייערע פֿאַר זיך, בעת ווען מנשה האָט פֿערדונגען אַ גרויסען טהייל פֿון זיין הויז צו פֿרעמדע; וואָרים פּלאַץ איז וואָס וויימער אַלץ טהייערער געוואָרען אין דער גהעטאָ, וואָס איז געווען אַ בעגרענעצטער,

בעשטימטער אָרט פאַר אַ בעפעלקערונג, וועלכע האָט געהאַלטען אין איין וואַקסען.

II.

זיי האָבען זיך געלייגט שלאָפען. מנשה האָט אַנדערש ניט געוואָלט. זיי האָבען דאָך שוין ניט געקענט ערוואַרטען יוסף'ן ביז אין דערפריה. ווי צוגעוועהנט רחל איז ניט געווען צו איהר מאַן'ס שטרייננגקייט, האָט איהר אָבער אין דער רגע זיין טאָן אויסגעוויזען צו שטרייננג. די נאַכט איז געווען מורא'דיג לאַנג. הונדערטער שרעקליכע בילדער האָבען זיך דורכגעוואָרפען פערביי איהרע שלאָפלאָזע אויגען. די זונן איז אויפגעגאַנגען איבער דער געטאָ, שטרעבענדיג דורכצוגליטשען איהרע שטראַהלען צווישען די הויכע, איינגעפרעכטע שפיצען פון די הייזער, וואָס זיינען געשטאַנען איינע אַנטקעגען די אַנדערע. די פינף גהעטאָ־טויערן האָבען זיך געעפענט, נאָר יוסף איז דורך קיין איינציגען פון זיי ניט אַריינגעקומען. די אידישע הויזירער האָבען זיך ביי די טויערן צורעכט געמאַכט די געלע היטלען זייערע און זיינען אַרויס, שטופענדיג פאָראויס קליינע וועגעלאַך, אָנגעלאָדען מיט ספּעציעלע ווייהנאַכט־זאַכען. „העב, העב,” האָבען זיי געשריען, פערבייגעהענדיג די גאַסען פון רוים. אַ טהייל פון זיי האָבען פערקויפט קרייטיכער און זייערלאַך און קמיעות אין דער פאָרמע פון קליינע מאַנדאָלינען און אַנדערע אינסטרומענטען מיט פיער סטרונעס, אָבצוהיטען קליינע קינדער פון קריינק.

מיט זיין שטרייננגען פנים, וואָס איז נאָך געוואָרען האַרטער און פערביסענער ווי פריהער, איז מנשה אַוועק צו זיך אין געשעפט אַריין. ער האָט פערזאָגט, מען זאָל זיך גאָר ניט נאָכפרעגען אויף יענער זייט גהעטאָ ביז נאָכמיטאָג; דאָס וואָלט פשוט געהייסען אויסזאָגען דעם שונא, אַז יוסף האָט געבראָכען דאָס געזעץ. דערווייל קען אפשר דער וואַנדערער פון זיך אַליין צוריקקומען. מנשה'ס געשעפט איז געווען אין דער „פיאַצאַ זשודעאַ”. אַ היבש ביסעל קלייטען האָבען זיך געפונען אויף יענעם פלאַץ, זיך אָבגעבענדיג דער עיקר מיט דעם פערקויף פון אַלטע קליידער, מחמת דער האַנדעל מיט נייע זאַכען איז געווען פערבאָטען דורך דעם פאַבסט'ס אַ בעפעהל; דערפאַר אָבער האָט מען דאָ געקענט קריגען וואָס פאַר עס איז געניצטע זאַך, פון דעם גראָבען קאָסטיום פון אַן אַברוזער פאַסטוך

ביז די אָבגעבליאקעוועטע אַלטע קליידער פון אַ הויף־שררה. אין מיטען פלאַץ איז געשטאַנען אַ פאָנטאַן מיט צוויי דראַגאָנען, וואָס האָט פער־זאָרגט די גהעטאָ מיט וואַסער, ניט פון דעם אונריינעם טייך טיבער, נאָר פון דער וואַסער־לייטונג פון פאָול דעם פינפטען. ביי די עקען פון דעם פלאַץ האָבען זיך אויפגעהויבען עטליכע הויכע שעהנע געביידען, וועלכע האָבען עפּעס אַזוי ווי איבערגעשלאָגען די איינטאָניגקייט פון די פּראָסטע גהעטאָ־הייזער; דער אַלטער פּאַלאַץ פון די באָקאַפּאַדולס, און אַ געביידע מיט אַ הויכען טהורם און דריי פערלאָזענע קירכען. אַ טויער, וואָס איז געשטאַנען אַלס אָנדיינקען דאָרט און וועלכער פלעגט זיך פער־מאַכען גלייך מיט זונען־אונטערגאַנג, האָט אַריינגעפיהרט אין אַ צווייטער „פּיאַצאַ זשודעאַ", וואו קריסטען פלעגען זיך צונויפקומען פיהרען מסחר מיט אידען — ס'איז געווען אַ מין פאָרשטאָדט פון דער גהעטאָ. מנשה האָט ניט געהאַט ווייט צו געהן, מחמת דער עק פון דער „וויאַ רואַ", וואו זיין הויז איז געשטאַנען, איז אַריינגעפאַלען אין דער „פּיאַצאַ זשודעאַ"; דער אַנדערער עק, וועלכער איז געלאָפען פּאַראַלעל מיט דער „וויאַ פעסקעריאַ" און דעם טייך, האָט זיך פערבויגען לעבען דעם אָקטיאַוויוס־טויער און זיך געענדיגט ביי דעם בריק „קוואַטראָ קאַפּי". דאָס איז געווען די גאַנצע גהעטאָ אין דעם זעכצעהנטען יאָהרהונדערט.

תיכף נאָכדעם ווי מנשה איז אַרוים פון שטוב, איז אַריינגעקומען מרים מיט אַ פערזאָרגטען פּנים זיך נאָכפרעגען, צי יוסף איז שוין צוריק־געקומען. ס'איז געווען אַ שעהן אָריענטאַליש געזיכט, וועמעס אויגען זיינען פול געווען מיט דעם ליכט פון ליעבע און מיטלייד, אַ געזיכט, וואָס די מאַהלער פלעגען געבען דער מאַדאָנאַ, ווען זיי האָבען זיך דערמאָנט, אַז די „הייליגע מוטער" איז געווען אַ יודין. זי איז געגאַנגען אָנגעטהאָן אין אַן איינפאַך וואָלענקלייד, אָהן שפּיצען און אָהן שנירלאַך, דאָס איינציגע שטיקעל צירונג, וואָס זי האָט געטראָגען, איז געווען אַ זילבערנער בראַסליעט. מיט טרערען אין די אויגען האָט איהר רחל דערצעהלט, אַז ס'איז ניטאָ קיין שום נייעס פון דעם פערשוואונדענעם, נאָר מרים האָט ניט מיטגעוויינט מיט איהר. אדרבה, זי האָט איהר געטרייסט און איהר געבעטען, זי זאָל ניט זיין אַזוי פערצווייפעלט.

און טאַקי באַלד איז יוסף געקומען, מיט אַ מיאוס'ן און אין דער־זעלבער צייט רייצענדען אויסדרוק, זיינע שוואַרצע האָר און זיין באָרד ניט פערקעמט, מיט אַ מאָדנעם גלאַנץ אין די אויגען, אַ מערקווירדיגע פּאָעטישע פיגור אין זיין רויט־ברוינעם מאַנטעל און זיין טונקעל געל היטעל.

"Pax vobiscum" (פֿריעדען מיט איך!), האָט ער אַ געשריי געטהאָן הויך אויף'ן קול.

„יוסף, וואָס פֿאַר אַ מין שגעון איז דאָס?" האָט רחל געשטאַמעלט.

„עהרע צו גאָט אין הימעל, און פֿריעדען אויף דער ערד צו אַלע גוטע מענשען," האָט יוסף ווייטער געזאָגט. „ס'איז וויהנאַכטען, מוטער." און ער האָט אָנגעהויבען זינגען אַ פֿערז פֿון אַ קירכען־ליעד: „שמעון, דער גוטער אַלטער הייליגער — —"

אין אימפעט האָט רחל אַרויפֿגעלייגט איהר האַנד דעם זוהן איהרען אויף'ן מויל. „גאָ‏ַ‏עם־לעסטערער!" האָט זי אַ געשריי געטהאָן און אַן אַש־גראָער וואָלקען האָט זיך אויסגעשפּרייט איבער איהר געזיכט.

יוסף האָט לאַנגזאַם אַוועקגענומען איהר האַנד. „מוטער, דאָס לעסטערסט דו גאָט, ניט איך," האָט ער געזאָגט. „פֿרעה זיך, פֿרעה זיך, היינט איז דער טאָג, ווען דער ל'עבער הערר קריסטוס איז געבוירען געוואָרען — ער איז געקומען שטאַרבען פֿאַר די זינד פֿון דער גאַנצער וועלט."

רחל האָט פֿון דאָס ניי אויסגעבראָכען אין אַ ביטער געוויין. „אונזער יונג איז פֿון זינען אַראָב — אונזער יונג איז פֿון זינען אַראָב. וואָס האָבען זיי פֿאָרט געטהאָן מיט איהם?" אַלע איהרע שרעקליכע ערוואַר־טונגען זיינען געוועזן אַ גאָרנישט אַנטקעגען דעם דאָזיגען קלאַפּ.

מרים איז געשטאַנען לעבען פֿענסטער, איהר זיס געזיכט דורכגענומען פֿון טיעפֿען שמערץ.

„פֿון זינען אַראָב! אָה, מוטער מיינע, איך בין אַזוי ווי איינער, וואָס האָט נאָר וואָס ערוואַכט. פֿרעה זיך, פֿרעה זיך מיט מיר. לאָמיר זיך פֿערטיעפֿען אין דער אַל־וועלטליכער פֿרייד, לאָמיר זיין איינס מיט דער גאַנצער מענשהייט."

רחל האָט אַ שמייכעל געטהאָן צווישען די טרעהרען איהרע. „גענוג דיר שוין צו מאַכען זיך משוגע," האָט זי זיך געבעטען. „ס'איז חנוכה, ניט פורים. ס'איז ניט נייטיג זיך צו מאַסקירען היינט."

„יוסף, וואָס איז דיר אַזוינס געשעהן?" האָט זיך אַריינגעמישט מרים'ס זיסע שטימע. „וואָס האָסט דו געטהאָן? וואו ביסט דו געוועזן?"

„דו ביסט דאָ, מרים?" זיינע אויגען האָבען איהר אָקאָרשט דערזעהן. „אַך, ווען דו וואָלסט געוועזן מיט מיר דאָרט!"

„וואו?"

„אין דער פעטערס־קירכע. אָה, די הימלישע מוזיק!"

„אין דער פעטערס־קירכע!" האט רחל ווידערהאלט מיט א הייזער־ריגען טאן. „דו, מיין זוהן יוסף, דער לערנער פון גאט'ס תורה, דו האסט זיך דאס אזוי פערזונדיגט?"

„ניין, דאס איז ניט קיין פערזונדיגונג," האט זיך מרים אבגערופען מיט א מילדען טאן. „האסט דו אונז ניט דערצעהלט, ווי די עלטערן אונזערע פלעגען געהן שבת נאכמיטאג אין דער סיקסטינער קירכע?"

„יא, אבער דאס איז געווען דאן, ווען מיקעל אנדזשעלא בואנאראטי האט געמאהלט זיינע בילדער וועגען דער בעפרייאונג פון דעם פאלק ישראל. און זיי זיינען אויך געגאנגען זעהן די פיגור פון משה רבנו ביי דעם פאבסט אויף'ן בית הקברות. און איך האב זאגאר געהערט מכח אידען, וועלכע פלעגען זיך אריינ'גנב'ענען אין דער פעטערס־קירכע גופא צו קוקען אויף דעם געפלאכטענעם זייל פון שלמה המלך'ס טעמפעל, וואס איז בעונותינו הרבים אריינגעפאלען צו די דאזיגע כופרים אין די הענד. אבער דער אפיקורס איז דאך געגאנגען הערען דאס מיטען־נאכט געבעט אין דער פעטערס־קירכע."

„און אז יא," האט זיך יוסף אבגערופען מיט א פער'חלום'טער שטילער שטימע, „דאס מיטען־נאכט געבעט — וויהרייך און ליכט און די פיגורען פון הייליגע, און וואונדערליך געמאהלטע פענסטער, און א גרויסער עולם פון וויינענדע גאט־בעטער און א מוזיק, וואס האט מיטגעוויינט מיט זיי, דא ליארמענדיג אזוי ווי דער יידעגשאפטליכער געשריי פון מארטירער און דא ארויסהויבענדיג פון זיך דעם פריעדען פון דעם הייליגען גייסט."

„ווי אזוי האסט דו גאר געסמייעט זיך צו ווייזען אין דער קירכע?" האט רחל געיאמערט.

„וועמען האט זיך עס גאר געקענט חלום'ען, אז אין דער אונגעהייער גרויסער מאסע געפינט זיך א איד? אויף דרויסען איז געווען פינסטער, אינעווייניג איז געווען דונקעל. איך האב בעהאלטען דאס געזיכט אין די הענד און געוויינט. זיי האבען געקוקט אויף די קארדינאלען מיט זייערע וואונדער־שעהנע קליידער, אויף דעם פאבסט, אויף דעם אלטאר. ווער האט זיך געקענט אומקוקען אויף מיר?"

„אבער דיין געל היטעל, יוסף!"

„מען טראגט ניט קיין היטעל אין קירכע, מוטער."

„דו ביסט אלזא ווי א גאטעס־לעסטערער געגאנגען מיט א הוילען קאפ, און בעת'ן געבעט?"

„כ'האב גאר אין זינען ניט געהאט צו בעטען גאט, מוטער מיינע. א געוואלדיגע נייגיריגקייט האט מיך געצויגען אהין — איך האב געוואלט

זעהן מיט מיינע אייגענע אויגען, און הערען מיט מיינע אייגענע אויערן די דאָזיגע פערגעטערונג פון קריסטוס'ן, פון וועלכער מיינע רביים הערען נים אויף חוזק צו מאַכען. נאָר אַ מעכטיגע כוואַליע פון אָרגעל-מוזיק האָט מיך אַ פּאַק געטהאָן, אַ וואונדערבאַרע מוזיק, וואָס איז אַרוים פון דער דאָזיגער נידעריגער ערד און האָט זיך געריסען אַרויף, אַזש צו גאָט'ס כסא הכבוד אויבען אין הימעל. און פּלוצלינג איז מיר קלאָהר געוואָרען נאָך וואָס מיין נשמה בייגקט אַזוי און שמאַכט. איך האָב געוואוסט די בעדייטונג פון יענעם אונאויפהערליכען טיעפען פערלאַנג, וועלכער האָט מיך תמיד געהאַלטען אין איין טאַטשען, כאָטש איך האָב קיין וואָרט נים גערעדט דערפון, יענע מאָדנע רעיונות, יענע דונקעלע געפיהלען — כהרף עין האָב איך פערשטאַנען דעם סוד פון פריעדען."

„און דאָס איז — יוסף?" האָט מרים אַ פרעג געטהאָן גאַנץ מילד, מחמת רחל איז געוועזן אַזוי פערמאַטערט, אַז זי האָט נים געקענט ריידען.

„אויפאָפּפערונג," האָט יוסף מיט אַ צאַרטען טאָן און מיט אַ שנעלען בליק געזאָגט. „ליידען, זיך פריייוויליג אָבגעבען אין גאַנצען דער וועלט; אָבשטאַרבען פאַר זיך אַליין אין זיסען שמערץ, אַקוראַט ווי די לעצטע ציטערנדע נאָטען פון דער זיסער אינגעל-שטימע, וועלכע האָט אַרויפגע־שוועבט צו גאָט, זינגענדיג דעם „מאַגניפיקאַט", דאָס לויב-ליעד פון דער הייליגער יונגפרוי. אָה, מרים, ווען איך וואָלט געקענט אַרויספיהרען מיינע ברידער פין דער גהעטאָ, ווען איך וואָלט געקענט שטאַרבען און זיי דערמיט ברייגגען גליק, זיי מאַכען פאַר פרייע זיהן פון רוים."

„אַ גוטער וואונש, מיין זוהן, וואָס קען אָבער דורך קיין אַנדערן נים ערפילט ווערן, נאָר דורך גאָט אַליין."

„זאָל זיין אַזוי. דאַן לאָמיר ווערן גלוביג. אַז מיר וועלען זיין קריסטען, וועלען די טויערן פון דער גהעטאָ אַוועקפאַלען."

„קריסטען!" האָבען מיט שרעק אויסגעשריען רחל און מרים אין איין און דערזעלבער רגע.

„יאָ, קריסטען," האָט יוסף געזאָגט מיט דעם זעלבען זיכערן טאָן וואָס פריהער.

רחל איז צוגעלאָפען צו דער טהיר און האָט זי פעסטער צוגעמאַכט. זי האָט זיך געטרייסעלט און איז שיער נים געפאַלען פון די פיס. „שטיל!" האָט זי געזאָגט. „זאָל דיין שגעון נים געהן ווייטער. גאָט פון אברהם, אימיצער קען נאָך חלילה הערען וואָס דו זאָגסט און עס אָבטראָגען

דיין פאטער." זי האט אנגעהויבען פערברעכען די הענד פאר עגמת נפש.

„יוסף, בערעכען פארט וואס דו זאגסט," האט זיך מרים מיט א צובראכען הארץ געבעטען „איך בין ניט קיין געלעהרענטע, איך בין בלויז א פרוי. אבער דו — דו מיט דיין למדנות — דו האסט דאך אודאי ניט געקענט פערפיהרט ווערן פון די דאזיגע שווארץ־קינצלער, וועלכע פערדרעהען די הייליגע ווערטער פון דעם תנ"ך? דו קענסט דאך זיי אודאי ענטפערן אויף די פאלשע רייד, וואס זיי לייגען אריין די נביאים אונזערע אין די מיילער?"

„אך, מרים," האט יוסף געענטפערט צערטליך. „וואס זשע, דו ביסט אויך אזוי ווי אונזערע ברידער? זיי פערשטעהען ניט. ס'איז א פראגע פון'ם הארצען, ניט פון ווערטער. וואס איז דאס אזוינס, וואס איך פיהל, אז עס איז דאס העכסטע, דאס געטליכסטע אין מיר? אויפאפפערונג! אט דערפאר מוז ער, וועלכער איז געווען לויטער אויפאפפערונג, לויטער מארטירעריי, זיין געטליך."

„ארויסגעווארפען דיינע רייד מיט איהם, מרים," האט זיין מוטער געשריען. „אה, דו כופר, ווענמען איך בין געווען אזוי זינדיג צו ברייגנען אויף דער וועלט! פארוואס געהט ניט אראב א פייער פון הימעל, וואס זאל דיך פערברענען אזוי ווי דו שטעהסט דארט?"

„דו רעדסט פון מארטירעריי, יוסף", האט זיך מרים אבגערופען, ניט צוהערענדיג זיך צו רחל'ס רייד. „מיר אידען זיינען דאס די מארטירער, ניט די קריסטען. מיר זיינען איינגעשפארט דא אזוי ווי בהמות אין א שטאל. מען בעצייכענט אונז מיט שענדליכע צייכענס. אונזערע הייליגע ספרים ווערן פערברענט. אונזער אייגענטהום נעהמט מען ביי אונז אוועק פאר שטייער. מיר זיינען אויסגעשלאסען פון יעטוועדער אנשטענדיגער בעשעפטיגונג. מיר טהארען אפילו ניט בעגראבען אונזערע טויטע מיט עהרע אדער שטעלען א מצבה אויף זייערע קברים." איהר געזיכט איז געווארען אזוי ליידענשאפטליך ווי זיינס. די זיסקייט איהרע איז פערוואנדעלט געווארען אין פייער. זי האט אויסגעזעהן אקוראט ווי א יהודית אדער א יעל.

„מיר זיינען אליין שולדיג, מרים. אונזער פייגהייט בעט זיך, מען זאל אויף אונז שפייען. וואו איז ערגעץ דער גייסט פון די מאקאבייער, ועמעם אנדיינקען מיר פייערן היינט אום חנוכה? דער פאבסט לאזט ארוים בעפעהלען, און מיר אונטערווארפען זיך — אויסערליך. אונזער ווידערשטאנד איז א שטילער, א קרומער. ער הייסט טראגען געלע היטלען;

מיר טראָגען גלעלע היטלען, נאָר ביסלאַכווייז בייט זיך דער קאָליער איבער; ס'ווערט טונקעל־געל, דערנאָך רויטלאַך, ביז וואַנען מיר געהען ענדליך אָנגעטהאָן אין רויטע היטלען, ווי די קאַרדינאַלען, אַרויסרופענדיג אַ פּרישען בעפּעהל. מיר טהאָרען ניט האָבען מעהר ווי איין שוהל. מיר האָבען פינף פאַר אונזערע פּערשיעדענע אידען, נאָר מיר בויען זיי אַלע אונטער איין דאַך און מיר רופען פיער פון זיי חדרים."

„שטיל, דו יודענפיינד," האָט זיין מוטער אַ געשריי געטהאָן. „ברייננ ניט אַרויס אַזעלכע ווערטער פון מויל. מיין גאָט! מיין גאָט! ווי האָב איך דאָס אַזוי געקענט זינדיגען פאַר דיר?"

„וואָס ווילסט דו האָבען, יוסף?" האָט מרים געזאָגט. „מען קען זיך דאָך ניט אויס'טענה'ן מיט וועלף. מיר זיינען אַזוי ווייניג — מיר מוזען זיי אַלזאָ אויפּנעהמען מיט ביטראָסט."

„אַה, אָבער מיר שרייען דאָך, אַז מיר זיינען גאָט'ס נעהנטסטע, זיינע עדות, מרים. אונזער גלויבען בעשטעהט פון קיין אַנדער זאַך ניט נאָר פון מורמלענדע תפלות און פרומע פּערמאַסקירטהייטען. די קריסטליכע אַפּאָסטעלן האָבען אַרומגעוואַנדערט איבער דער וועלט, פּריידיגענדיג און איבערצייגענדיג זייער גלויבען. בעסער אַ קורצער העלדענמוטה איידער די דאָזיגע לאַנגע שאַנדע." און פלוצלינג האָט ער אויסגעבראָכען אין אַ ביטער געוויין און איז אָהן כוחות אַנידערגעזונקען אויף אַ שטוהל.

גלייך אויף'ן שטעל איז די מוטער זיינע געווען לעבען איהם, אָנבוי־געגדיג איהר פּייכט געזיכט צו זיין פנים.

„גאָט זיי דאַנק! גאָט זיי דאַנק!" האָט זי געשלוכצט. „דער שגעון איז אַריבער."

ער האָט איהר ניט געענטפערט. ער האָט קיין כח ניט געהאַט ווייטער צו טענה'ן. אַ היבשע ווייל איז געווען שטיל. דערנאָך האָט די מוטער אַ פרעג געטהאָן:

„און וואו האָסט דו גיענעכטיגט?"

„ביי אַניבאַלע דע פראַנקי אין פּאַלאַץ."

מרים האָט אַ ציטער געטהאָן. „דער פאָטער פון דער שעהנער העלענאַ דע פראַנקי?" האָט זי געפרעגט.

„דער זעלבער," האָט יוסף געענטפערט, און די פאַרב איז איהם בעת מעשה געקומען אין פנים.

„און ווי קומסט דו דערצו צו געפינען שוץ דאָרט, אין אַזאַ גרויס־אַרטיג הויז, ביי דעם פּאַבסט'ס אַ מקורב אונטער'ן דאַך?"

„האָב איך דיר דען ניט דערצעהלט, מוטער, ווי אַזוי מיר איז דעם

לעצטען קארניוואל אויסגעקומען א שטיקעל טובה צו טהאן זיין טאכטער, זועלכע איז געווען א מאסקירטע צווישען דעם עולם אין „קארסא"; זי איז שיער ניט צוטראטען געווארען פון די בופלאקסען, בעת זיי זיינען צוריקגעקומען פון דעם וועט-לויף."

„ניין, איך געדיינק גאר נישט דערפון," האט רחל געזאגט, שאקלענדיג מיט'ן קאפ. „נאר דו דערמאנסט מיך אן דעם, ווי אזוי אט די קריסטען לאזען אונז לויפען אזוי ווי די בהמות אין א וועט-לויף."

ער האט זיך געמאכט כלא ידע וועגען דעם דאזיגען פארוואורף איהרען.

„סיניאר דע פראנקי האט געוואלט טהאן גאר אסך פאר מיר," האט ער ווייטער געזאגט. „נאר איך האב איהם בלויז געבעטען, ער זאל מיר לאזען דורכקוקען זיין גרויסע ביבליאטהעק. דו ווייסט וואס פאר א צרה ס'איז פאר מיר דאס, וואס די קריסטען גיבען אונז קיין ביכער ניט. און דארט בין איך אלזא געזעסען גאנצע טעג נאכאנאנד לעזענדיג, ביז דער אווענד-גלאק האט מיך דערמאנט, אז איך מוז לויפען צוריק אין גהעטא."

„אה! דאס איז בלויז געווען דיך אראבצופיהרען פון דרך הישר."

„ניין, מוטער, מיר האבען גאר ניט גערעדט מכח רעליגיאן."

„און נעכטען ביינאכט ביסט דו, הייסט עס, געווען צו שטארק פערטיעפט אין לעזען?" האט מרים א פרעג געטהאן.

„אזוי איז דאס טאקי געווען, מרים."

„אבער פארוואס האט דיך העלענא ניט דערמאנט, אז דו דארפסט געהן צוריק?"

דאס מאל האט יוסף א ציטער געטהאן. נאר ער האט געענטפערט איינפאך:

„מיר האבען אינאיינעם געלייענט דעם איטאליענישען פאעט טאססא. זי האט זעלטענע פעהיגקייטען. אפטמאל איבערזעצט זי מיר שטיקער פון פלאטא'ס און סאפאקלעס'עס ווערק."

„און דו, אונזער צוקינפטיגער רב, ביסט געזעסען און געהערט?" האט רחל א געשריי געטהאן.

„ניטא קיין איין ווארט וועגען קריסטענטהום אין די דאזיגע ביכער, מוטער, און זיי בעפרידעגען ניט די מענשליכע זעעלע. ווי קלוג זינגט יהודה הלוי: „ניט פערנעהם זיך מיט די גריכישע חכמות"!"

„דו ביסט געזעסען לעבען איהר ביי דעם מיטען-נאכט געבעט?" האט זיך מרים נאכגעפרעגט.

ער האָט זיך אומגעקוקט צו איהר מיט זיין אויפריכטיגען בליק.

„זי איז גאָרנישט געגאַנגען אין קירכע," האָט ער געזאָגט.

מרים האָט זיך מיט אַמאָל אַלאָז געטהאָן צו דער טהיר.

„אַצונד אַז דו ביסט זיכער, יוסף, האָב איך דאָ ווייטער גאָרנישט וואָס צו טהאָן. גאָט זאָל דיך בעשיצען."

איהר בוזים האָט זיך געהויבען. זי איז אַרויסגעלאָפען פון שטוב.

„אָרעמע מרים!" האָט רחל אַ זיפץ געטהאָן. „זי איז אַ ליעבענס־ווירדיג מיידעל, אַן עהרליכע, כשר'ע נשמה. זי וועט קיין וואָרט ניט אויסריידען מכח דיינע גאָטעס־לעסטערונגען."

יוסף איז אויפגעשפרונגען אויף די פיס, אַזוי ווי עלעקטריזירט.

„קיין וואָרט ניט אויסריידען! אָבער, מוטער, איך וועל עס אַרונטער־שרייען פון די דעכער."

„שטיל! שטיל זאָל זיין!" האָט זיין מוטער געשעפטשעט אין טויט־שרעק. „די שכנים קענען נאָך דערהערען דיינע ווערטער."

„דאָס וויל איך דאָך."

„דיין פאָטער קען יעדע רגע אַריינקומען געוואָהר ווערן, צי דו ביסט דאָ צוריק."

„איך וועל איהם געהן אַנטקעגען און איהם בערוהיגען."

„ניין," זי האָט איהם אָנגעכאַפּט ביים מאַנטעל. „איך וועל דיך ניט לאָזען געהן. שוועהר מיר, אַז דו וועסט איהם גאָרנישט זאָגען מכח דיינע גאָטעס־לעסטערונגען, אַניט וועט ער דיך נאָך דערשלאָגען אויף טויט ביי זיינע פיס."

„וואָס זשע, דו ווילסט איך זאָל איהם זאָגען אַ ליגען? ער מוז וויסען אַלעס, וואָס איך האָב דיר געזאָגט."

„ניין, ניין; זאָג איהם, אַז דו האָסט פערשפעטיגט, אַז די טויערן זיינען שוין געוועזען פערשלאָסען, ווען דו האָסט געוואָלט אַריינגעהן, אַז דו האָסט זיך ערגעץ־וואו פערשטעקט איבער נאַכט."

„די וואַהרהייט אַליין איז גרויס, מוטער. איך געה איהם אַנטקעגען טראָגען די וואַהרהייט." ער האָט אַ ריס געטהאָן זיין מאַנטעל פון איהר האַנד און איז אַרויסגעלאָפען אויף דרויסען.

זי האָט זיך אַנידערגעזעצט אויף דער ערד, זיך אַרומוואַרפענדיג אַהין און אַהער אין טויט־שרעק. די שווערע בלייענע שטונדען האָבען זיך געצויגען אַזוי לאַנג. קיינער איז ניט געקומען, ניט דער זוהן, ניט דער מאַן. מורא'דיגע בילדער מכח דעם, וואָס איז פאָרגעקומען צווישען זיי, האָבען איהר געמאַטערט. אַרום מיטאָג־צייט האָט זי זיך אויפגעהויבען

און זיך גענומען מאַשינאַלנע צוגרייטען וואַרעמעס פֿאַר'ן מאַן. צו דער בעשטימטער מינוט, ווי ער איז שוין געווען צוגעוועהנט פֿון יאָהרען לאַנג, איז ער געקומען. ביי איהר אין די שרעקעדיגע אויגען האָט זיין ביסטרער פנים אויסגעזעהן בלייכער ווי געוועהנליך, אָבער מען האָט קיין שום זאַך נִיט געקענט בעמערקען דערויף. ער האָט זיך געוואַשען צום עסען, געמאַכט אַ ברכה און זיך אַנידערגעזעצט ביים טיש. אַ הונדערט מאָל איז די פֿראַגע געהאַנגען ביי רחל'ען אויף די ליפען, נאָר ערשט ביים סוף פֿון עסען האָט זי זיך דערוועגט צו זאָגען: „אונזער זוהן איז דאָ צוריק. האָסט איהם גאָרנישט געזעהן?"

„זוהן? וואָסער זוהן? מיר האָבען ניט קיין זוהן." און ער האָט געענדיגט זיין מאָהלצייט.

III.

דער געלערנטער אַפּאָסטעל, פֿון וועמען אַלע, אַלע בעקאַנטע און פֿערוואַנדטע האָבען זיך אָבגעטרייסעלט, איז אויפֿגענומען געוואָרען מיט אָפֿענע אָרעמס פֿון דער „הייליגער קירכע"; און נאָך וואַרעמער איז די דאָזיגע אויפֿנאַהמע געווען, מחמת ער איז געקומען פֿון זיין אייגענעם גוטען ווילען און האָט מוחל געווען דעם יעהרליכען צינז, וואָס די פּאַבסטען פֿלעגען אָפֿט בעשטימען פֿאַר די, וואָס האָבען אָנגענומען די „אמת'ע רעליגיאָן" — אויף די קאָסטען פֿון דער געטאָ, וועלכע האָט געמוזט בעצאָהלען די דאָזיגע סומען געלד צו איהרע משומדים. ס'איז געווען אַ מנהג צו טויפֿען די בעקעהרטע אידען גאַנצע פעק־ווייז, צונויפֿברייגענדיג זיי פֿון דרויסען, אויב ס'האָבען אויסגעפֿעהלט היימישע קאַנדידאַטען פֿאַר'ן קריסטענטהום, און צייטענווייז האָט מען געהאַט אַלס צוגאָב אַ טערק, וועמען מען האָט שוין אין איין וועגס אָבגעטויפֿט אינאיינעם מיט די אידען. נאָר אַזוי ווי דאָס איז געווען אַ וויכטיגער פֿאַל, און דערצו איז געווען נאָהענט צו דעם הייליגען עפּיפֿאַנוס־טאָג, — דעם יום טוב פֿון „גאָט'ס ערשיינונג", וועלכער געפֿאַלט דעם 6טען יאַנואַר, — איז געבליבען, אַז מען זאָל אָנטאָהן יוסף בן מנשה'ן אַ ספּעציעלען כבוד און איהם בעזונדער טויפֿען. די טעג, וואָס זיינען נאָך איבערגעבליבען ביז דאַן, האָט ער פֿערבראַכט אין אַ מאָנאַסטיר, וואו ער האָט שטודירט זיין נייעם גלויבען און פֿון וואַנען ער האָט ניט געקענט האָבען קיין שום פֿערבינדונג מיט

זיינע עלטערן אָדער מיט זיינע ברידער אידען, אפילו ווען ער אָדער זיי וואָלטען געוואָלט. ער האָט ניט געטאָרט קומען צוריק אין גהעטאָ, ניט עסען, טרינקען, שלאָפֿען, אָדער ריידען אפילו מיט ווען עס איז פֿון זיין ראַסע אין משך פֿון דער פּראָבע־צייט; פֿאַר איבערטרעטען דעם דאָזיגען בעפֿעהל האָט איהם ערוואַרטעט דער קאַנטשיק. ביי טאָג פֿלעגען רחל און מרים אַרומגעהן ניט ווייט פֿון דעם מאָנאַסטיר, טאָמער וועלען זיי כאַפּען אַ קוק אויף איהם; זיי האָבען זיך געמוטט האַלטען נייניציג איילען ווייט פֿון דעם מאָנאַסטיר, אַניט וואָלט מען זיי בעשטראָפֿט מיט קלעפּ און מען וואָלט זיי אַרויסגעטריבען פֿון רוים. איין וואָרט, ווען מען שיקט צו צו איהם, אַ וואָרט, וואָס וואָלט פֿיליכט ווייך געמאַכט זיין האַרץ, אַ בקשה, וואָס וואָלט אפשר אומגעקעהרט איהם צוריק אַהיים — און דער פֿערברעכער וואָלט גלייך פֿער׳משפט געוואָרען צו אייביגער קאַטאָרגע.

ענדליך איז געקומען דער עפּיפֿאַנוס־יום טוב. די קירכע פֿון לאַטראַן איז געווען פֿול געפּראָפּט מיט מענשען. דער פּאַבסט גופא איז דאָרט געווען, און אין רעכטען מיטען פֿון גלאַנציגען פּראַכט און זיסע מוזיק אי יוסף אויפֿגענומען געוואָרען אין שוים פֿון דעם קאַטוילישען גלויבען.ז אַניבאַלע דע פֿראַנקי, וועלכער האָט געשאָנקען יוסף׳ן זיין שטאָלצען פֿאַמיליען־נאָמען, איז געווען דער גוט־זאָגער זיינער; ער האָט איהם גענומען אונטער זיין השגחה. דער עלצטער קאַרדינאַל האָט אין זיין פּייערדיגער רעדע גראַטולירט די געמיינדע מיט דעם נס, וואָס האָט געטראָפֿען פֿאַר זייערע אויגען, און דערנאָך האָט מען דעם ניי־געטויפֿטען, וועלכער איז געווען אָנגעטהאָן אין ווייסען אַטלעס, אַרומגעפֿיהרט איבער די גאַסען פֿון רוים, כדי אַלע זאָלען זעהן, ווי אַזוי אַ נשמה איז געראַטעוועט געוואָרען פֿון גיהנום און אויפֿגענומען געוואָרען אין שוים פֿון דעם אמת׳ן גלויבען. און אַריינגעטהאָן מיט לייב און לעבען אין דער דאָזיגער פֿער־איינינונג מיט דער מענשליכער ברידערשאַפֿט, מיט גאָט דעם פֿאָטער און מיט קריסטוס׳ן, וועלכער איז דער סימבאָל דערפֿון, האָט דזשוזעפּע דע פֿראַנקי צווישען עולם ניט געזעהן די פֿער׳חשך׳טע, פֿער׳מרה׳טע פנים׳ער פֿון זיינע ברידער, די שנאה, וואָס האָט געסמאַליעט אין זייערע פֿינסטערע אויגען, ווען די פּראָצעסיאָן איז פֿערבייגעגאַנגען אין די גאַסען. און ביי־נאַכט, בעת ער האָט געקניעט פֿאַר דעם קרייץ און פֿאַר דעם בילד פֿון דער הייליגער מוטער, האָט ער ניט גע׳חלום׳ט אפילו פֿון יענער אַנדערער צערעמאָניע אין דער גרויסער שוהל אויף דעם פּלאַץ פֿון׳ם טעמפעל, ניט ווייט פֿון דעם טייך; אַ סצענע, וועלכע איז געווען איינדרוקספֿולער מיט

איהר פֿינסטערקייט איידער די גאַנצע שעהנקייט פֿון דעם קירכען־גלאַנץ.

די שוהל איז געווען אַ בעהאַלטענע געביידע, וואָס האָט פֿון דרויסען אויסגעזעהען אָקוראַט ווי אַלע אנדערע הייזער אַרום איהר; נאָר אינעווייניג האָט עס געבלישטשעט מיט די גילדערנע און זילבערנע גלעקלאַך און גראַנאַט־עפּעל, וועלכע זיינען געהאַנגען אויף די ספר־תורה׳ס, און מיט דעם גאָלד־געשטיקטען פּרוכת; די שויבען פֿון איין פֿענסטער, וועלכע האָבען אָבגעשלאָגען פֿון זיך מיט אַ דוצענד קוליערען אַלס אָנדיינקען פֿון די צוועלף שבטים, האָבען פֿאָרגעשטעלט דעם „אורים ותומים״. אין חצר איז געשטאַנען אַ מאָדעל פֿון דעם בית המקדש, אויף אַ וואונדער־באַרען אופן צוזאַמענגעשטעלט, לזכר דעם חורבן.

די סנהדרין האָבען אַרויסגעגעבען זייער פּסק. יוסף בן מנשה האָט געמוזט ליידען די לעצטע און די העכסטע שטראָף פֿון דעם אידישען דין. די גאַנצע גהעטאָ, כל ישראל איז צונויפֿגערופֿען געוואָרען אין שוהל אַריין. אַ מורא׳דיג געפֿיהל פֿון שרעק איז געהאַנגען איבער די פֿערזאַמעלטע; שטיל אַזוי ווי אין אַ קבר איז דאָרט געווען, און יעדער איינער פֿון די מענער האָט געהאַלטען אין דער הויך אַ שוואַרץ ליכט, וואָס האָט פֿער־שפּרייט אַ צוויבערליכען שיין אין די שאָטענס פֿון דער שוהל. מיט אַמאָל האָט זיך דערהערט דער שרעקליכער קול פֿון דעם שופר און די גאַנצע תוכחה איז אויסגעגאָסען געוואָרען אויף דעם עוכר ישראל׳ס קאָפּ; יעדעם מענשען־רעכט איז צוגענומען געוואָרען פֿון איהם, סיי ביים לעבען און סיי נאָך׳ן טויט—ער איז אין חרם. און די פֿערזאַמעלטע, אויסלעשענדיג מיט אַמאָל זייערע ליכט, האָבען געענטפֿערט „אמן״.

דערשלאָגען און שוואַרץ ווי די ערד, האָט זיך מנשה אַוועקגעשלעפּט אַהיים און צוזאַמען מיט זיין פֿרוי האָט ער זיך געזעצט שבעה און געקלאָגט אויף דעם טויט פֿון זייער יוסף. אַ קליין לעמפּעל מיט בוימעל האָט געברענט ביי זיי אין שטוב און האָט דערמאָנט אָן דעם פֿער־שטאָרבענעם׳ס נשמה און דער קול פֿון דעם קדיש האָט אָבגעקלונגען איבער דער גהעטאָ. און מרים, מיט איהר מאַדאָנאַ־געזיכט בענאָסען מיט הייסע טרעהרען, האָט פֿערברענט דעם טלית, וואָס זי האָט שטילער־הייט געוועבט פֿאַר דעם מאַן, וועלכער וואָלט איהר אפשר אַמאָל געשאָנקען זיין ליעבע, און זי איז אַוועק מנחם זיין די אבלים. מיט אַ צובראָכען געמיטה האָט זי געהאַלטען רחל׳ס מאָגערע האַנד אין די דאָזיגע ווייבע, זיסע פֿינגער איהרע, וועלכע האָבען שוין מעהר ניט געדאַרפֿט בעריהרט ווערן פֿון קיין שום ליבהאָבער אין דער וועלט.

נאָר רחל האָט געוויינט נאָך איהר קינד, און האָט זיך בשום אופן ניט געלאָזט טרייסטען.

IV.

העלענאַ דע פראַנקי האָט איבערגעגעבען דזשוזעפע דע פראַנקי׳ן די נייעס מבח דעם חרם. זי האָט עס געקראָגען צו וויסען פון אַ חבר׳טע איהרע, וועלכע האָט עס געהערט פון „שלמה דעם לץ״, אַן אונסימפּאַ־טישער, שפּאַסהאַפּטער בחור, וועלכער איז געווען אַ גאַנצער קאָב-לעפּעל אי ביי די אידען, אי ביי די קריסטען.

דזשוזעפע האָט אַ זיסען שמייכעל געטהאָן און טרעהרען האָבען זיך איהם כמעט געשטעלט אין די אויגען. „זיי וויסען ניט וואָס זיי טהוען,״ האָט ער געזאָגט.

„דיינע עלטערן בעוויינען דיך אַזוי ווי אַ טויטען.״

„זיי בעוויינען דעם טויטען אידען; דעם לעבעדיגען קריסט׳ס ליעבע וועט זיי בערוהיגען.״

„אָבער דו טהאָרסט דאָך ניט צוקומען נאָהענט צו זיי, ניט זיי צו דיר.״

„דורך׳ן גלויבען ווערן בערג אפילו געריהרט; מיין גייסט נעהמט אַרום זייער גייסט. מיר וועלען זיך נאָך פרעהען צוזאַמען אין דעם ליכט פון דעם ערלייזער, וואָרים ווײנען און קלאָגען קען בלויז אָנהאַלטען איבער נאַכט, נאָר דער פריה-מאָרגען מוז ברייננגען פרייד.״ זיין בלאַס געזיכט האָט געגלאַנצט מיט אַ הימלישען גלאַנץ.

העלענאַ האָט געקוקט אויף איהם מיט אַ וואונדערנדען בליק פון מיטלייד. „דו ביסט מאָדנע געשטימט, סיניאָר דזשוזעפע,״ האָט זי געזאָגט.

„עס איז ניט מאָדנע, סיניאָראַ, ס׳איז גאַנץ איינפאַך — אַזוי ווי אַ קינד׳ס געדאַנק,״ האָט ער געענטפערט, בעגעגענדיג איהרע קלאָהרע אויגען מיט זיין טיעפען געהיימניספאָלען בליק.

זי איז געווען הויך און שעהן, מעהר עהנליך צו יענע גריכישע סטאַטוען, וואָס די סקולפטאָרען פון איהר צייט האָבען נאָכגעמאַכט. איידער צו אַ רוימיש מיידעל. דורך אַן איינפאַך קלייר פון ווייסע זיידענס, וואָס זי האָט געטראָגען, האָבען זיך אַרויסגעוועהן די שעהנע געבויגענע

טהיילען פֿון איהר פֿיגור. די קאַלטע זונען־שיין, וואָס איז אַריין דורך דעם גרויסען פֿענסטער, לעבען וועלכען זיי זיינען געשטאַנען, האָט אָנגע־ריהרט איהר־ע האָר און געמאַכט הערליכע פֿלעקען אויף די פֿעלען, וועלכע האָבען בעדעקט די פּאָדלאָגע, און אויף די טאַפּעטען, וואָס זיינען געהאַנגען אויף די ווענד. די בילדער, די מאַנוסקריפּטען און די ביוסטס—אָט דאָס אַלעס האָט זיך אַזוי מערקווירדיג צוגעפּאַסט צו איהר נאָבעלער פֿיגור. ער האָט געציטערט בעת ער האָט געקוקט אויף איהר.

„און וואָס פֿאַר אַ ציעל האָסט דו זיך געשטעלט אין לעבען?" האָט זי געפֿרעגט.

„איבערגעבונג, אויפֿאָפּפֿערונג," האָט ער געזאָגט שטיל, כמעט שעפּטשענדיג. „מיינע עלטערן זיינען גערעכט. יוסף איז טויט. זיין ווילען איז גאָט'ס, זיין האַרץ איז קריסטוס'עס. ניטאָ פֿאַר מיר קיין לעבען אַחוץ טהאָן גוטעס און ניצליך זיין פֿאַר אַנדערע."

„און וועמען ווילסט דו גוטס טהאָן?"

„מיינע ברידער, סיניאָראַ."

„זיי פֿערשטויסען דיך."

„איך פֿערשטויס זיי נים."

זי איז געבליבען שטיל אויף אַ ווײַלע. דערנאָך האָט זי מיט מעהר ליידענשאַפֿט אויסגעשריען: „אָבער, סיניאָר דזשוזעפּע, דו ווערסט גאָר־נישט מאַכען. הונדערט דורות האָבען זיי ניט געקענט ריהרען. די בעפֿעהלען פֿון אַלע פּאַבסטען האָבען זייער עקשנות ניט געבראָכען."

„קיינער האָט ניט געפּרואווט אָנגעהן מיט ליעבע, סיניאָראַ."

„דו ווערסט אַרויסוואַרפֿען דיין לעבען אומזיסט און אומנישט."

„דו פֿערגעסט, אַז איך בין טויט," האָט ער געענטפֿערט מיט אַ שמייכעל.

„דו ביסט ניט טויט — דער לעבענס־זאַפֿט איז אין דיינע אָדערן. דער פֿריהלינג קומט באַלד אָן. זעה, ווי די זונן שיינט שוין אויף'ן בלויען הימעל. דו דאַרפֿסט ניט שטאַרבען—ס'איז דיין אויפֿגאַבע זיך צו פֿרעהען מיט דער זונן און מיט דער שעהנקייט פֿון דער וועלט."

„די זונענשיין איז בלויז אַ סימבאָל פֿון דער געטליכער ליעבע, די שפּ־אָצענדע קנעפּעלאַך פֿון די פֿלאַנצען זיינען בלויז אַ פֿאָרבילד פֿון דער אויפֿשטעהונג און פֿון דעם לעבען."

„דו חלום'סט, דזשוזעפּע מיינער. דו חלום'סט מיט אָט די וואונ־דערליכע אויגען דיינע אָפֿענערהייט. איך קען ניט פֿערשטעהן די דאָזיגע

ליעבע דיינע, וועלכע אַנטלויפט פֿון אַלעם, וואָס איז ערדיש, וועלכע צוריסט דיין פֿאָטער'ס און דיין מוטער'ס האַרץ אין צווייען."

זיינע אויגען זיינען פֿול געוואָרען מיט טרעהרען. „געדולד! ערדישע זאַכען זיינען בלויז שאָטענס, וואָס געהען פֿערביי. דאָס חלום'סט דו, סיניאָראַ, ניט איך. פֿיהלסט דו ניט, ווי דאָס אַלעס האָט קיין האָפֿט ניט, ווי דאָס געהט פֿערביי — יאָ, אפילו אָט דער הימעל, וואָס זעהט אויס ווי אַ פֿעסטע שטיק פֿלאַכע ערד, אָט דער דאַך, וואָס הייגגט איבער אונזערע קעפּ, מיט די שעהנע ליכטער, וואָס זיצען אין איהם פֿאַר אונזער פֿערבייגעהענדען תענוג וועגען! אָט די זונן, וועלכע שווימט יעדען טאָג דורך דעם הימעלס־געוועלב, איז בלויז אַ געמאָלט בילד אין פֿערגלייך מיט דעם אייביגען פֿעלוען פֿון קריסטוס'עס ליעבע."

„דיינע ווערטער קלינגען ווי צימבלען אין מיינע אויערן, סיניאָר דזשוזעפּע."

„דאָס זיינען די ווערטער פֿון דיין גלויבען, סיניאָראַ."

„ניין, ניט פֿון מיין גלויבען," האָט זי אַ געשריי געטהאָן מיט היץ. „דו ווייסט, אַז איך בין ניט קיין אמת'ע קריסטין. ניין, קיינער פֿון אונזער הויז איז דאָס ניט, כאָטש זיי בעגרייפֿען עס ניט. מיין פֿאָטער היט אָב די פֿאַסט־טעג, אָבער דער הייד אַריסטאָטעל ערנעהרט זיין געדאַנק. רוים פֿרעפֿעלט איהרע תפלות און מורמעלט איהרע „פֿאָטער־אונזער'ס", אָבער זי האָט איבערגעשטיגען דעם פֿערצייטיגען גלויבען מיט איהר קריסטליכער ענטזאָגונג. אונזערע פּאַראַדען און פּראָצעסיאָנען, אונזערע גלענצענדע ימים טובים, אונזערע גרויסאַרטיגע קאָסטיומען, וואָס האָבען אָט די אַלע זאַכען צו טהאָן מיט דעם בלאַסען קריסטוס, וועמען דו ווילסט אויף אַ נאַרישען אופֿן נאָכטהאָן?"

„דאַן איז דאָ פֿאַר מיר גענוג אַרבייט צו טהאָן, אפילו צווישען די קריסטען אויך," האָט ער מיט אַ מילדען טאָן געזאָגט.

„ניין, דו ווערסט בלויז אָנמאַכען צרות מיט דיין קאַלטען, ניט ליידענשאַפֿטליכען גלויבענס־גייסט. דאָס האָבען די קינסטלער און ניט קיין אַנדערע צוריקגעבראַכט דער וועלט איהר פֿרייד, די קינסטלער, וועלכע האָבען דורכדרונגען די זעלע פֿון שעהנקייט אין יעטוועדער זאַך. און כאָטש זיי האָבען ליעב געהאַט צו מאָהלען די „הייליגע פֿאַמיליע" און די „קרייציגונג" און דעם „טויטען קריסטוס" און דאָס „לעצטע נאַכטמאָהל", דאָך האָט בלויז די ליעבע צום לעבען בעגייסטערט זייער קונסט. יאָ, פֿון דעם גאָטספֿאָרכטיגען מאַהלער דזשיאָטאָ און וויטער, איז דאָס קיין אַנדער זאַך ניט נאָר דער שטאָלץ פֿון לעבען, ס'איז די פֿערהערליכונג

פון דער מענשליכער פאָרם, ס'איז די פרעהליכקייט פון דער פאַרב, ס'איז דער ווערטה פון דעם מענשען, ס'איז די פערגעטערונג פון דער קונסט. יאָ, און צי האָבען דען אונזערע אַדעל-לייט גופא זיך ניט געלאָזט אויס־מאָהלען אַלס אַפּאָסטעלן, צי האָבען זיי דען ניט אַריינגעשפּאַרט די פּנים'ער זייערע אין הייליגע סצענעס, צי האָבען זיי דען ניט פערשטאַנען וואָס פאַר אַן אויסרייד די דאָזיגע רעליגיעזע קונסט איז? וואָס זשע, איז רוים דען ניט פול מיט היידישער קונסט? האָט מען דען ניט אוועקגעשטעלט די פערצייטיגע סטאַטוען, דעם „לאַאָקון" און די „קלעאָפּאַטרא" און די „וועגוס", אין דעם סאַמע אָראַנזשען-גאָרטען פון דעם וואַטיקאַן?"

„דאָך האָבען די מאַהלער אייער'ע אַם בעסטען ליעב געהאַט צו מאָהלען די יונג-פרוי און דאָס קינד."

„ס'איז בלויז ווענוס און קופּיד, די ליעבע און די ליידענשאַפט, איבערגעניצעוועט פון דאָס ניי."

„ניין, אַט דער שפּאַט פאַסט זיך גאָר ניט פאַר דער נאָבעלער סיניאָרא דע פראַנקי. דו קענסט דאָך ניט זיין בלינד ניט צו זעהן דאָס געטליכע שטרעבען, וואָס איז געלעגען אין אַ מאַדאָנאַ פון סאַנדראָ באָטיטשעלי."

„דו האָסט ניט געזעהן זיינע בילדער אין דער „ווילאַ לעמי", היגטער פירענזע, דעם וואונדערליכען חן פון זיינע פאָרמען, דעם צויבערהאַפטען קוליער, אַניט וואָלסט דו פערשטאַנען, אַז זיין נשמה האָט ניט געגאַרט בלויז נאָך גייסטיגער שעהנקייט אַליין."

„אָבער ראַפאַעלאָ דאַ אורבינאָ, אָבער לעאָנאַרדאָ—"

„לעאָנאַרדאָ," האָט זי איבערגעזאָגט. „האָסט דו געזעהן זיין וויין־גאָט באַקכוס, אָדער זיין שלאַכט־בילד? קענסט דו דאָס לעצטע ווערק פון ראַפאַעלאָ? און וואָס זאָגסט דו עפּעס צו אונזער „ברודער" ליפּאָ ליפּי? אַ שעהנער קריסטליכער מאָנאַך, כ'לעבען! וואָס זאָגסט דו צו דזשאָרדזשיאָנאָ פון ווענעדיג און זיינע תלמידים, צו אָט דעם אויפבליהען פון ליעבליכקייט, צו אונזער'ע סקולפּטאָרען און אונזערע בוי-מייסטער, צו אונזערע גאָלדשמידען און מוזיקער? אַה, מיר האָבען פון דאָס ניי ענטדעקט דעם סוד פון גריכענלאַנד. דעם גריכישען פּאָעט האָמער האָבען מיר ליעב, דעם גריכישען פילאָזאָף פּלאַטאָ, דעם גריכישען טראַגיקער סאָפאָקלעס מיט זיין נאָבעלער איינפאַכקייט; אונזער דאַנטע, דער מייסטער פון דער „געטליכער קאָמעדיע," האָט געלייגט, ווען ער האָט געזאָגט, אַז ווירגיל איז געוועזען זיין פיהרער. דער פּאָעט פון מאַנטוא האָט קיינמאָל ניט געפיהרט קיין שום מענשליך וועזען אַהין אין יענע שמערצליכע געגענדען, וואו דאַנטע האָט אַרומגעוואַנדערט. ער זינגט

וועגען כמאַרעס און ביהנען, מבח פֿויגעלאַך און לויפֿענדיגע וואַסערן, און וועגען דער איינפֿאַכער ליעבע פֿון די פּאַסטוכער; און מיר הערען זיך צו צו איהם און מיר אָטהעמען איין אין זיך די זיסע לופֿט פֿון לאַנד, וועלכע איז אונז אַצונד נאָך זיסער, אַז מיר דערמאָנען זיך אָן יענע גיהנום־רויכען, וועלכע האָבען גאַנצע יאָהר־הונדערטע נאָכאַנאַנד פֿער'סם'ט דאָס לעבען. אַפּאָלאָ איז דער הערר גאָט, ניט קריסטוס."

„יאָ, ס'איז אַפּאָלאָן, דער גאָט פֿון דער קונסט, וועלכער רייצט רוים און פֿערפֿיהרט איהר אין דעם זומפּ פֿון די נידעריגע תאוות."

„וואָס ביסט דו פֿון זינען אַראָב, מיין סיניאָר דזשוזעפּע? דו ווייסט דאָך גאַנץ גוט, אַז אָט די זאַכען דערהויבען און ניט זיי ערנידעריגען די זעלען אונזערע. ביסט דו ניט מיט מיר איינאיינעם דורך און דורכגע־נומען געוואָרען ביים אָנבליק פֿון אַ שעהנער פיגור, ביי דעם גליה פֿון אַ ליכטיגען קוליער, ביי דעם ווייסען גלאַנץ פֿון אַ סטאַטוע?"

„איך האָב געזינדיגט, אויב איך האָב ליעב געהאַט די שעהנקייט צוליעב דער שעהנקייט גופא, און—פֿערגיב מיר, אויב איך טהו דיר וועה, סיניאָראַ — אָט די פֿערגעטערונג פֿון דער שעהנקייט איז פֿאַר די רייכע, די זאַטע, די איינצעלנע. וואָס מבח די אָרימע און די אונטערדריקטע, מיט די פּיס געטראָטענע, וועלכע ווײנען און קלאָגען אין דער פֿינסטער? וואָס פֿאַר אַ טרייסט האָט דיין גלויבען פֿאַר אַזעלכע? אָט די אַלע וואונדער פֿון דער מענשליכער האַנד און פֿון דעם מענשליכען מוח זיינען דאָך בלויז ווי שטרוי אַנטקעגען אַ ריין האַרץ, אַ גוטע, גערעכטע האַנדלונג. די צייטען פֿון קונסט זיינען תמיד געווען פֿינסטערע, עקעלהאַפֿטע צייטען, סיניאָראַ. ניט אין כיטראָסט נאָר אין איינפֿאַכקייט ענטפּלעקט זיך דער הערר גאָט אונזערער: סיידען איהר ווערט ווי קליינע קינדער, אַניט קענט איהר ניט אַריינקומען אין דעם „מלכות השמים", אין דעם הימעלס־רייך."

„דער הימעל איז דאָ אויף דער ערד." איהרע אויגען האָבען גע־פֿונקעלט. איהר בוזים האָט זיך געהויבען. דאָס פֿייער פֿון איהר בליק איז אַריבער צו איהם אין די אויגען. די ליעבליכקייט איהרע האָט איהם ניט געלאָזט רוהען, די אונפֿערגלייכליכע געשטאַלט, וועלכע האָט איצט פֿערמישט אין זיך די ריינקייט פֿון אַ סטאַטוע מיט דער וואַרימקייט פֿון אַ לעבעדיגער פֿרוי.

„ריכטיג, וואו קריסטוס איז, דאָרט איז דער הימעל. דו האָסט זיך בעוועגט אין אַזאַ מין פּראַכט, אין אַזוי פֿיעל ליכט, סיניאָראַ דע פֿראַנקי, אַז דו גיסט זיך גאָר קיין רעכנונג ניט אָב וועגען דיין פּריווילעגיע.

אָבער איך, וואָס איך בין שטענדיג אַרומגעגאַנגען אין דער פינסטער, איך בין אַזוי ווי אַ בלינדער מענש, וואָס האָט מיט אַמאָל צוריק געעפענט די אויגען און דערזעהן די שיין. איך בין געווען עהרגייציג, וואויל־לוסטיג, געמאַטערט פון צווייפלען און פראַגען; אַצונד בין איך אָבגעבאָדען אין דעם געטליכען פריעדען, אַלע מיינע קשיות פערענטפערט, מיין צוקאָכט בלוט איינגעשטילט. ליעבע, ליעבע, דאָס איז אַלעס; איבערגעבען אין גאַנצען דעם ווילען צו דער ליעבע, וועלכע בעוועגט די זונן און אַל די שטערען, ווי אייער דאַנטע זאָגט. און די זונן און די שטערען בעוועגען זיך בלויז דערפאַר, סיניאָראַ — כדי די מענשליכע נשמות זאָלען קענען געבוירען ווערן און שטאַרבען און זיין איינס מיט דער ליעבע. אָה, ברידער מיינע" — ער האָט אויסגעשטרעקט זיינע אָרעמס אין אַ געבעט, און זיינע אויגען און זיין שטימע זיינען געווען פול מיט טרעהרען — „פאַרוואָס דינגט איהר זיך אַזוי אין מאַרק? פאַרוואָס קלייבט איהר אָן אוצרות מיט גאָלד און זילבער? פאַרוואָס יאָגט איהר זיך אַזוי נאָך די פוסטע שאָטענס פון עולם הזה, פון ערדליכער פרייד? אָט דאָס, אָט דאָס איז דער אמת'ער תענוג, זיך איבערצוגעבען צו גאָט, אַלע ווי איין מאַן, און בעטען בלויז, ער זאָל דורכפיהרען אין אייך זיין הייליגען ווילען."

העלענא'ס געזיכט איז געווען פול מיט אַ מיעפען וואונדער; אַ ווײַלע האָט עס געלויכטען מיט אַ מאָדנעם ליכט, עפּעס אַזוי ווי זי וואָלט גע־בייגקט נאָך די מערקווירדיגע ענטציקונגען, וועלכע זי האָט ניט געקענט פערשטעהען.

„אָט דאָס אַלעס איז אַ ריינער שגעון. דיינע ברידער הערען דיך אַצונד אַזוי ווייניג ווי זיי וועלען דיך ווען עס איז הערען."

„איך וועל טאָג אַזוי ווי נאַכט בעטען גאָט, אַז מיינע ליפען זאָלען בעריהרט ווערן פון דעם הייליגען פייער."

„ליעבע איז אויך אַ הייליג פייער. האָסט דו בדעה צו לעבען אָהן דעם?" זי איז צוגעגאַנגען נעהנטער. איהר הויך האָט אַ ריהר געטהאָן דאָס בינטעל שוואַרצע האָר אויף זיין שטערן. ער האָט אַ טראָט געטהאָן צוריק און אַ שוידער איז איהם בעת מעשה אַריבער איבער'ן לייב.

„איך וועל האָבען די געטליכע ליעבע, סיניאָראַ."

„דו דיינקסט אַלזאָ צו ווערן אַ מאָנאַך?"

„איך בין ענטשלאָסען דערצו."

„דער קלויסטער וועט דיך צופרידענשטעלען?"

„ס'וועט זיין דער הימעל פאַר מיר."

„נו יאָ, דאָרט וואו מען ווייסט ניט פון הייראַטהען און פון קיין

פֿערהייראַטהען לעבען. וואָס פֿאַר אַ שמשון־גבורה ליגט עס אין דעם דאָזיגען גלויבען, וואָס ציהט אַרונטער מיט זיך די זיילען פֿון דער מענשליכער געזעלשאַפֿט?"

„ניין, הייראַטה איז ניט געגען דעם גלויבען. ס'איז דער סימבאָל, דער צייכען פֿון אַ געטליכער איינריכטונג. נאָר ס'איז ניט פֿאַר אַלע מענשען. ס'איז ניט פֿאַר די, וועלכע שטעלען מיט זיך פֿאָר געטליכע זאַכען, נאָר אויף אַן אַנדער אופן, וועלכע וויזען זייערע מיט־מענשען אַ ביישפּיעל פֿון דעם געקרייציגטען גוף, פֿון דער געלייטערטער נשמה. ס'איז ניט פֿאַר גלחים."

„אָבער דו ביסט דאָך נישט קיין גלח."

„ס'איז בלויז אַ פֿראַגע פֿון עטליכע טעג. נאָר ווען מען זאָל מיר אפילו ניט ווילען אויפֿנעהמען אין קלויסטער, וועל איך אַלץ בלייבען אַ בחור."

„אַלץ בלייבען אַ בחור! פֿאַרוואָס?"

„ווייל מיין אייגען פֿאָלק איז אָבגעשניטען פֿון מיר. און אַז איך זאָל חתונה האָבען מיט אַ קריסטין, אָקוראַט ווי אַזוי פֿיעל גע'שמד'טע אידען טהוען, דאַן וואָלט די קראַפֿט פֿון מיין ביישפּיעל געווען פֿערלאָרען. זיי וואָלטען געזאָגט אויף מיר, אָקוראַט ווי זיי זאָגען אויף זיי, אַז ניט דאָס ליכט פֿון קריסטוס'ן נאָר אַ קריסטליך מיידעל'ס אויגען האָבען מיך פֿערבלענדעט און צוגעצויגען צום קריסטענטהום. זיי זיינען שטרייננג; זיי גלויבען ניט, אַז ס'איז גאָר מעגליך צו ווערן אַן אמת'ער קריסט צוליעב דעם קריסטענטהום גופא. אַנדערע זיינען רייך געוואָרען דורך דער שמד, אָדער אויב זיי זיינען פֿריהער געווען רייך, האָבען זיי זיך אויסגעדרעהט פֿון די מורא'דיגע צינזען און שטייערן, וועלכע וואָלטען זיי מיט דער צייט געמאַכט פֿאַר אָרימע לייט. אָבער איך האָב פֿערלאָרען מיין גאַנצע ירושה, און איך וויל גאָרנישט אָננעהמען פֿון קיינעם. מחמת דעם האָב איך אָבגעזאָגט דיין פֿאָטער'ס פֿריינדליכען אָנבאָט, די שטעלע אין דעם זיעגעל־ביוראָ, אָדער זאָגאַר די נידעריגערע פּאָזיציע פֿון אַ סצעפּטער־טרעגער ביי זיין היילינקייט דעם פּאַבסט. אַז מיינע ברידער וועלען זעהן, אַז אַחוץ דעם אַלעמען פֿאָדער איך פֿון זיי ניט קיין שום פּענסיע און ניט קיין געלד, קיין פּרוטה אפילו ניט, אַז פֿריידיגען זאָגאַר פֿריידיג איך פֿאַר ־י אָהן געצאָהלטס, בלויז לשם שמים, אוים ליעבשאַפֿט צו גאָט, ווי מען איז געוועהנט ביי אייך צו זאָגען; ווען זיי וועלען זעהן, אַז איך לעב ריין און אַליין פֿאַר זיך, דאַן וועלען זיי מיך אויסהערען. אפשר וועלען זייערע הערצער ווערן גערירט און די אויגען זייערע געעפֿענט." זיין געזיכט

האָט געשיינט מיט אַ בלאסען גלאַנץ. ער איז זיכער געווען ביי זיך, אַז דאָס איז וואָס ער דאַרף האָבען. קיין געטויפטער איד איז נאָך קיינמאָל ניט בעטראַכט געוואָרען פון זיינע ברידער אַלס ריינער קריסט, אָהן חשד, אָהן מורא און אָהן אַ שום פאָרוואורף. אָה וואָס פאַר אַ גליקליכע פריווילעגיע דאָס איז פאַר דעם, וואָס מוז אויספיהרען די דאָזיגע ראָלע פון אַן אַפּאָסטעל!

„אָבער ווי איז אַז — —" העלענא האָט ניט געקענט געהן ווייטער. דערנאָך האָט זי אויפגעהויבען איהרע ליעבליכע אויגען אין אַריינקוקענדיג איהם גלייך אין פנים אַריין האָט זי געזאָגט: „ווי איז אָבער אַז די, וועמען דו וואָלסט ליעב געהאַט, וואָלט ניט געווען קיין קריסטין?"

ער האָט אַ ציטער געטהאָן, צונויפדריקענדיג זיינע הענד, כדי צו פעריאָגען פון זיך די משוגענע כוואַליע פון ערדליכע געפיהל'ען, וואָס האָט אַרויסגעפלייצט פון איהרע ברענענדיגע אויגען.

„דאַן וואָלט איך סיי ווי סיי דערשטיקט מיין ליעבע אין זיך," האָט ער מיט אַ הייזעריגען טאָן געזאָגט. „די אידען זיינען שטריינג. זיי וועלען ניט מאַכען אַזאַ איידעלען אונטערשיעד. זיי קענען ניט קיין אַנדערע, נאָר אידען און קריסטען."

„כ'מיין, מיין פאָטער קומט דאָ צו פאָהרען," האָט זיך העלענאַ אָבגערופען, זיך אומדרעהענדיג צום פענסטער. „דאָס איז, דוכט זיך, זיין פעדער און זיין ברוין טערקיש פערד. נאָר די זונן בלענדט מיר אין די אויגען! איך וועל דיך איבערלאָזען."

זי איז צוגעגאַנגען צו דער טהיר, ניט אַ קוק געבענדיג אויף איהם. דערנאָך האָט זי זיך פלוצלינג אַ קעהר געטהאָן צוריק מיט'ן פנים צו איהם, אַזוי אַז ס'האָט איהם אָנגעהויבען שווינדלען אין די אויגען, און זי האָט געזאָגט:

„מיין האַרץ איז מיט דיר, וואָס דו זאָלסט ניט טהאָן, נאָר בערעכען זיך גוט, איידער דו טהוסט אָן די גלח'ישע קליידער, יענעם אונגליקליכען קאָסטיום, וואָס שטעלט מיט זיך פאַר אַלעס וואָס איז אונליעבליך. אַדיע!"

ער איז איהר נאָכגעגאַנגען, האָט איהר אָנגענומען פאַר דער האַנד, און זיך אָנבייגענדיג האָט ער איהר דערלאַנגט אַ קוש. זי האָט די האַנד איהרע ניט צוגענומען.

„האָסט דו די קראַפט צו פיהרען דאָס לעבען פון אַ מאָנאַך, דזשוזעפע מיינער?" האָט זי מיט אַ צאַרטען טאָן געפרעגט.

ער האָט אָבגעטראָטען צוריק, ניט אַרויסלאָזענדיג איהר האַנד פֿון זיינע.

„יאָ,“ האָט ער געזאָגט. „דו וועסט מיך בעגייסטערן, העלענאַ. דער געדאַנק וועגען דיין בלישטשענדער ריינקייט וועט מיך האַלטען ריין און פֿעסט.“

אַן אונערגרינדליכער אויסדרוק איז אַריבער איבער העלענאַ'ס געזיכט. זי האָט אַוועקגענומען איהר האַנד.

„איך קען ניט בעגייסטערן צום טויט,“ האָט זי געזאָגט. „איך קען בלויז בעגייסטערן צום לעבען.“

ער האָט פֿערמאַכט די אויגען, פֿערטיעפֿט אין ענטציקענדע רעיונות. „ס'איז ניט קיין טויט. ער איז די אויפֿשטעהונג און דאָס לעבען,“ האָט ער געמורמעלט.

אַז ער האָט געעפֿענט די אויגען, איז זי שוין ניט געווען. דאַן איז ער אַנידערגעפֿאַלען אויף די קניע אין אַן אויסגוס פֿון געבעט, אין דער גסיסה פֿון דעם געקרייציגטען גוף.

## V.

אין דער צייט, וואָס ער האָט זיך צוגעגרייט צו ווערן אַ מאָנאַך, האָט ער געמאַכט אַ פּראָבע און געהאַלטען אַ „דרשה פֿאַר די אידען“ אין אַ גרויסען געבעט־הויז לעבען דער געטאָ. אַ ריכטיגע קירכע וואָלט פֿעראומרייניגט געוואָרען דורך דער אָנוועזענהייט פֿון די כופרים, און פֿון דעם געבעט־הויז אפילו האָט מען אויך אַוועקגענומען אַלע רעליגיעזע חפצים, וועלכע האָבען זיך דאָרט אַרומגעוואַלגערט אין אַלע ווינקעלאַך. צווישען די פֿערזאַמעלטע איז געווען אַ היבשע צאָהל קריסטען פֿון די הויכע פֿענסטער, פֿערפּוצט אין גאָלד־געשטריקטע מאַנטלען מיט זיידענע בענדלאַך; מחמת ס'איז אַרויס אַ קלאַנג, אַז ער איז אַ גוטער פּריידיגער, און אַניבאַלע דע פֿראַנקי איז דאָרט געווען מיט זיין גאַנצער פּראַכט, אַלס פֿאָרזיצענדער. איין איד איז געקומען — „שלמה דער ליץ“, וועלכער האָט קיין מורא ניט געהאַט פֿאַר'ן חרם; ער האָט זיך פֿערלאָזט אויף זיין פֿעהיגקייט זיך ווי עס איז אַרויסצופּלאָנטערן פֿון דער צרה, און אַזוי ווי ער האָט געוואוסט, אַז די פֿרומע אידען פֿון דער געטאָ אפילו זיינען אויך ניט מעהר ווי נייגיריגע מענשען, וואָס וועלען שטאַרק חשק האָבען

צו וויסען, וואס דארט אין דעם געבעט־הויז ביי דער דרשה איז פאר־געקומען, וועלען זיי פערבויגען דעם חרם און א זייט צוליעב דעם בעריכט, וואס ער וועט זיי אבגעבען. ער האט געהאט געגוג המצאות, גענוג שכל'דיגע איינפעלע, דער דאזיגער שלמה. האט ער דען ניט מאנאטען־לאנג געשטאכען די קריסטליכע בעפעלקערונג אין די אויגען מיט א רויט היטעלע וואס ער האט געטראגען אויף'ן קאפ? און אז מען האט איהם געבראכט פאר די ריכטער, האט ער גע'טענה'ט, אז דאס איז בלויז געוועזען א מאדעל פון די היטלען, וואס ער פלעגט פערקויפען, און אז זיין אמת געל היטעל האט זיך אומגערן פערקנייטשט און זיך פערשטעקט אונטער דעם. הכלל, אט דער „שלמה דער לץ" איז געוועזען דער איינציגער איד אין דעם געבעט־הויז, און דזשוזעפע דע פראנקי האט זיך מיט איהם דערפרעהט.

„ער איז א פלוידער־זאק, ער וועט פערשפרייטען דעם זאמען איבער־ראל," האט ער זיך געטראכט.

אויף מארגען שפעט נאכמיטאג האט דער פריידיגער ארומגעשפאצירט איבער דער „וויא לעפידא", לעבען דעם מאנאסטיר פון דעם הייליגען דאמיניקוס. מיט אמאל האט ער דערפיהלט, ווי אימיצער האט אנגעריהרט זיין מאנטעל. ער האט זיך אומגעדרעהט. „מרים!" האט ער א געשריי געטהאן, אבטרעטענדיג צוריק מיט שרעק.

„פארוואס ציטערסט דו אזוי פאר מיר, יוסף?"

„וואס זשע, דו ווייסט דען ניט, אז איך בין אין חרם? זעה, איז דאס ניט א איד, וועלכער שטעהט און קוקט אויף אונז?"

„ס'ארט מיך ניט. איך האב דיר וואס צו זאגען."

„אבער דו וועסט פערשאלטען ווערן."

„איך האב דיר וואס צו זאגען."

זיינע אויגען האבען זיך אנגעצונדען. „אה, דו גלויבסט!" האט ער א געשריי געטהאן מיט שמחה. „דו האסט אייסגעפונען דעם ריכטיגען וועג."

„ניין, יוסף, דאס וועט קיינמאל נישט זיין. איך האב ליעב די אמונה פון מיינע פאטערס. מיר דוכט, איך האב עס פערשטאנען בעסער פאר דיר, כאטש איך האב זיך ניט אונטערגעטונקט, אזוי ווי דו, אין דעם ים פון דער הייליגער תורה. איך פערשטעה בלויז, ווייל איך פיהל, ווייל דאס הארץ זאגט מיר אזוי."

„הײנט נאך וואס זשע ביסט דו געקומען? לאמיר ארונטערגעהן צום

קאַליסעאום. ס'איז שטילער, און זעלטען ווען אימיצער פון אונזערע ברידער געהט דאָרט פערביי."

זיי האָבען פערלאָזען די אונרוהיגע גאַס מיט איהר גערויש פון וועגען, און וואַסער־טרעגער מיט זייערע עזלען, און לאַסט־טרעגער, און אַדעל־לייט אויף די פערד מיט זייערע סווימעס, און אַנגעבלאָזענע, שטאָלצע אָפיצירען, וואָס יעדער איינער פון זיי וואָלט נאָך געקענט בעליידיגען מרים'ן, וועלכע האָט זיך געוואָרפען אין די אויגען מיט איהר שעהנקייט און מיט דעם שמיק געלען שטאָף, אַנדערהאַלבען הענד די ברייט, וואָס זי האָט געטראָגען אויף די האָר. זיי זיינען אַלזאָ געגאַנגען שטילערהייט, ניט אויסריידענדיג קיין וואָרט צווישען זיך, ביז וואַנען זיי זיינען צוגעקומען צו דעם טויער פון טיטוס. ניט־ווילענדיגערהייט זיינען זיי שטעהן געבליבען; צווישען די זאַבען, וואָס האָבען פיגורירט אין דעם פיין־געשניצטען בויגען, וועלכער האָט פאַרגעשטעלט טיטוס'עס נצחון, איז אויך געווען דער „נר תמיד" פון דעם בית המקדש, און קיין איד האָט זיך דאַרום ניט דערוועגט דאָרט פערבייצוגעהן. טיטוס און זיין קייזער־רייך זיינען פערשוואונדען, נאָר דער איד האָט נאָך געלאַסטשעט זיינע זכרונות און זיינע טרוימען.

די בייזע שוועבעלדיגע שטראַהלען פון דער אונטערגעהענדער זונן זיינען געהאַנגען איבער די רואינירטע טעמפלען פון די אַלטע געטער. מיט אַ גלאַנץ אַזוי ווי פון בלוט האָבען זיי אַנגעריהרט דעם העכסטען טהייל פון דער קאָליסעאום־וואַנד, הינטער וועלכער חיות און מענשען פלעגען זיך לוסטיג מאַכען, כדי צו אַמוזירען די הערען פון דער וועלט.

„וואָס מאַכען מיינע עלטערן? געהט עס זיי גוט?" האָט זיך יוסף ענדליך אָבגערופען.

„דו האָסט נאָך די העזה צו פרעגען? דיין מוטער וויינט גאַנצע טעג נאָכאַנאַנד, סיידען דיין פאָטער איז אין דערהיים. דאַן מאַכט זי זיך אַזוי פערשטיינערט ווי ער. ער — אַ גבאי פון שוהל! — דו האָסט געבראַכט אַ שמאַך און אַ שאַנד אויף זיין גראָען קאָפּ און דו טרייבסט איהם מיט שמערץ אין קבר."

ער האָט שיער ניט אַרויסגעפּלאַצט מיט אַ געוויין, נאָר ער האָט עס אַרונטערגעשלונגען. דערנאָך, מיט אַ מיענע וואָס האָט דערמאָנט אָן זיין פאָטער'ס שטיינערדיגקייט, האָט ער געזאָגט: „יסורים זיינען אַן אָבקומעניש אויף דער וועלט, מרים. ס'איז גאָט'ס שטראָף."

„וואַרף ניט אַרויף די שולד פון דיין גרויזאַמקייט אויף גאָט. איך האָב דיך פיינט." דערנאָך האָט זי גענומען ריידען שנעלער: „מען

שמיעסט אין דער גהעטאָ, אַז דו וועסט ווערן אַ פּריסטער פֿון דעם הייליגען דאָמיניקוס. „שלמה דער לץ״ האָט געבראַכט די נייעס.״

„ס'איז אמת, מרים. דאָס וועט געשעהן גאָר אין גיכען.״

„אָבער ווי אַזוי קענסט דו ווערן אַ גלח? דו האָסט דאָך ליעב אַ פֿרוי.״

ער איז געבליבען שטעהן, אַ פֿערציטערטער.

„וואָס זאָגסט דו, מרים?״

„נאַ, דאָס איז ניט די צייט צו לייקענען. איך קען איהר. איך וויים, ווי ליעב דו האָסט זי. ס'איז העלענאַ דע פֿראַנקי.״

ער איז געוועזען בלייך און אויפֿגערעגט. „ניין, איך ליעב ניט קיין פֿרוי.״

„דו האָסט ליעב העלענאַ'ן״

„ווי אַזוי ווייסט דו דאָס?״

„איך בין אַ פֿרוי.״

זיי זיינען געגאַנגען ווייטער, שווייגענדיג.

„און דאָס איז, וואָס דו ביסט מיר געקומען זאָגען?״

„ניין, אָט וואָס. דו מוזסט חתונה האָבען מיט איהר און זיין גליקליך.״

„איך — איך קען ניט, מרים. דו פֿערשטעהסט ניט.״

„כ'פֿערשטעה ניט! איך קען עס איבערלייענען אויף דיין געזיכט, אַזוי ווי דו לייענסט די תורה — אָהן נקודות. דו דיינקסט, מיר אידען וועלען זיך אויסלאַכען פֿון דיר, מיר וועלען טייטלען אויף דיר מיט די פֿינגער און זאָגען, אַז דאָס האָסט דו גאָר געליעבט העלענאַ'ן, ניט דעם געקרייציגטען; דו מיינסט, אַז מיר וועלען דאַן ניט וועלען הערען דיינע דרשות.״

„וואָס זשע, ס'איז דען ניט ריכטיג אַזוי?״

„יאָ, אַזוי איז דאָס.״

„נו, דאַן — —״

„אָבער עס וועט סיי ווי סיי זיין אַזוי, וואָס דו זאָלסט ניט טהאָן. מעגסט זיך צושניידען אויף שטיקלאַך, וועלען מיר אַלץ ניט גלויבען אין דיר און אין דיין עוואַנגעליום. איך אַליין גלויב נאָך אין דיין ערנסטקייט, און ביי מיר אין די אויגען ביסט דו אַזוי ווי איינער, וואָס איז פֿון זינען אַראָב פֿון צופֿיעל לערנען. יוסף, דיין חלום איז פּוסט. די אידען האַסען דיך. זיי רופֿען דיך המן. מיט פֿערגניגען וואָלטען זיי דיך געזעהן אויפֿגעהאַנגען אויף אַ הויכען בוים. דיין אָנדיינקען וועט בלייבען אַ

פלוך ביז דעם דריטען און פערטען דור. דו ווייסט זיי אזוי ריהרען ווי דו קענסט ריהרען די זיבען בערג פון רוים. זיי האבען אויסגעהאלטען צו לאנג, זיי זיינען צו לאנג געשטאנען אויף זייערע אייגענע פיס."

„יא, זיי זיינען געשטאנען ווי שטיינער. איך וועל זיי צושמעלצען. איך וועל זיי ראטעווען."

„דו ווייסט זיי פערניכטען. ראטעווע זיך בעסער אליין — האב חתונה מיט דער דאזיגער פרוי און זיי גליקליך."

ער האט א קוק געטהאן אויף איהר.

„זיי גליקליך," האט זי ווידערהאלט. „ווארף ניט ארויס דיין לעבען פאר א פוסטען שאטען. זיי גליקליך. דאס איז מיין לעצט ווארט צו דיר. פון איצט און ווייטער, אזוי ווי אן אמת'ע אידישע טאכטער, וועל איך אבהיטען דעם חרם, און וואלט איך געווען א מוטער, דאן וואלט איך די קינדער מיינע געלערנט, זיי זאלען דיך האסען, פונקט ווי איך האס דיך. פריערען מיט דיר!"

ער האט איהר אנגעכאפט ביים קלייד. „געה ניט אוועק אהן מיין דאנק, כאטש איך מוז פערווארפען דיין עצה. מארגען ווער איך אויפגענומען אין דער „ברידערשאפט פון גערעכטיגקייט" אלס פריסטער." אין דעם פערשווינדענדען ליכט פון טאג האט זיין געזיכט געלויכטען איבערנאטירליך און הימליש אין מיטען פון די שווארצע האר זיינע. „אבער פארוואס האסט דו ריזיקירט מיט דיין גוטען נאמען צו קומען מיר זאגען, אז דו האסט מיך פיינט?"

„ווייל איך האב דיך ליעב. זיי־געזונד."

זי איז אוועקגעגאנגען מיט שנעלע טריט.

ער האט אויסגעשטרעקט די ארעמס נאך איהר. זיינע אויגען זיינען געווען פערצויגען מיט א טומאן. „מרים, מרים!" האט ער געשריען. „קום צוריק, אויך דו ביסט א קריסטין! קום צוריק, מיין זיסע שוועסטער אין קריסטענטהום!"

א שבור'ער מאנאך איז איהם אריינגעפאלען אין די אפענע ארעמס.

## VI.

די אידען האבען בשום אופן ניט געוואלט קומען הערען „ברודער" דושוזעפע'ן. זיין גאנצע ליידענשאפטליכע גייסטליכקייט איז בסדר פערשווענדעט געווארען אויף קריסטען און געטויפטע אידען, וועלכע זיינען

געקומען צו זיינע דרשות. ניט וויסענדיג וואס צו טהאן פאר ערגערניש, האט ער זיך גענומען צו פלפול, נאר אומזיסט האט ער אנגעווענדעט די וואפען פון דער תלמוד'ישער דיאלעקטיק געגען די תלמודיסטען גופא. אפילו די ערפינדונג זיינע, וואס ער האט געמאכט פון דעם „זוהר" און אנדערע קבלה־ספרים, אז דעם פאבסט'ס נאמען און זיין גדולה זיינען פאראויסגעזאגט געווארען אין דער תורה, — אפילו דאס האט ניט גע־קענט צוציהען די אידען, און בלויז אין די גאסען פלעגט ער זיך אפט בעגעגענען מיט די זויערע פנים'ער פון זיינע ברידער.

מאנאטען־לאנג האט ער פונדעסטוועגען ניט פערלארען קיין געדולד און איז אנגעגאנגען מיט זיינע דרשות. נאר איינמאל, ווען ער איז געווא־רען שטארק פערצווייפעלט און צורודערט, האט ער זיך געסטארעט צו קומען צום פאבסט, כדי איהם צו בעטען, ער זאל בעפעהלען די אידען זיי זאלען קומען צו זיינע דרשות. ער האט געפונען דעם הייליגען פאטער אין בעט, ניט ביים גאנצען געזונד, נאר דאך פיהרענדיג א גאנץ מונטערן געשפרעך מיט דעם בישאף פון סאלאמאנקא און מיט'ן שאך־מייסטער מכח א קאמישער געשיכטע, וואס האט געטראפען מיט דעם פאבסט' פארשטעהער אין פראנקרייך. אויף'ן ווייסען קישען אונטער א רויטליך היטעלע האט ער געזעהן דעם הייליגען פאטער'ס בלאס געזיכט, וואס האט געטראגען אויף זיך שטארקע צייכענס פון טהעטיגקייט. א צושוי־קענער איז דזשוזעפע געשטאנען ביי דער טהיר, ביז וואנען דער קליידער־האלטער, א מאן פון נאבעלער פאמיליע, האט איהם געהייסען צוגעהן נעהנטער. מיט עהרפורכט איז ער צוגעגאנגען צום בעט, און פאלענדיג אויף די קניע האט ער געקושט דעם פאבסט'ס פיס. דערנאך האט ער זיך אויפגעהויבען און פארגעלייגט זיין בקשה.

נאר דער הערשער פון קריסטענטהום האט געמאכט אן אונצופריע־דענע מינע. ער איז געווען א געלערנטער און אן אדעלמאן, א גרויסער אנהענגער פון ליטעראטור און קונסט. אין זיין בענעהמונג צו די אידען איז ער געווען קליגער, איידער די וועלטליכע קעניגע פון יענער צייט, און זיין אידישע פאליטיק איז שטענדיג געווען פערהעלטניסמעסיג מילדער איידער זייערע. ער איז איבערהויפט געווען אריינגעטהאן מיט לייב און לעבען אין זיין אויסלענדישער פאליטיק, און זיין פאפולאריטעט האט מחמת דעם היבשלאך געליטען אין רוים גופא.

אין דער צייט, וואס דזשוזעפע דע פראנקי האט אויסגעגאסען זיין הארץ פאר א בישאף, בעלעסטיגענדיג איהם מיט זיין פלאן און איהם ערקלעהרענדיג, ווי אזוי ער וואלט געקענט לייזען די יודען־פראגע, ווי

אַזוי ער וואָלט געקענט שפּיעלען זיינע ברידער אויף די הערצער ווי דוד אויף דער האַרף, ווען ער וואָלט זיי נור געקענט קריגען אונטער דעם צויבער פֿון זיין שטימע, — אין דער צייט האָט אַן אַדעל־מאַן פֿון דעם פּאַבסט׳ס שלאָף־קאַמער אַריינגעבראַכט אַ מאָהלצייט אויף אַ זילבערנער טאַץ. אימיצער האָט אַפֿריהער פֿערזוכט דאָס עסען, ווי דער שטייגער איז געוועזן, צו זיין זיכער, אַז עס איז ניט פֿערגיפֿטעט, כאָטש עס איז געקומען פֿון דעם פּאַבסט׳ס קיך, און אויף אַ וואונק פֿון זיין הייליגקייט, האָט דזשוזעפּע געמוזט אָבטרעטען אָן אַ זייט. און אידער דער פּאַבסט האָט נאָך געענדיגט זיין מאָהלצייט האָבען זיך געמאַכט אַנדערע איבערשלאָגען: דער דירעקטאָר פֿון זיין אָרקעסטער איז געקומען נאָכפֿרעגען זיך מבח דעם קאָנצערט, וואָס האָט געזאָלט זיין דעם ערשטען אויגוסט; און צו די צרות זיינען נאָך געקומען אַ פּאָר גאָלדשמידען מיט זייער אַרבייט און מיט בעזונדערע, קאָנקורירענדע מאָדעלען פֿון אַ קנאָפּ פֿאַר דעם פּאַבסט׳ס מאַנטעל. דזשוזעפּע האָט זיך אין זיך אויפֿגעגעסען פֿאַר פֿערדרוס. בעת ווען דער „הייליגער פֿאַטער” האָט אָנגעטהאָן די שפּאַקולען צו בעטראַכטען די גרויסע זילבערנע וואַזע, וועלכע איז געוועזן בעשטימט פֿאַר די ברעקלאַך און די טראָפּענס — די „שיריים” פֿון זיין טיש, איהרע רייך־איינגעפֿאַסטע הענגבלאַך און איהרע וואונדערבאַרע מאָהלערייען; און איהר חבר׳טע, אַ צווייטע וואַזע, וואָס האָט געדאַרפֿט שטעהן מיט וואַסער ביי איהם אין שאַפֿע, און וועלכע האָט געהאַט אויף זיך אַ שעהנע צייכנונג. פֿאָרשטעלענדיג דעם הייליגען אַמבראָדזשיאָ, רייטענדיג אויף אַ פֿערד און זיך יאָגענדיג נאָך די אַריאַנער. און אַז איינער פֿון די גאָלדשמידען איז שוין קוים אַמאָל אָבגע׳פּטר׳ט געוואָרען און איז אַוועק, אנגעלאָדען מיט דוקאַטען פֿון דעם פּאַבסט׳ס אוצר, איז דער אַנדערער געבליבען אַ זעהר לאַנגע צייט. וואָרים ס׳האָט אויסגעזעהן, אַז זיין הייליגקייט איז גאָר ענטציקט פֿאַר זיין וועקסענעם מאָדעל, זיך וואונדערנדיג, ווי גרויסאַרטיג דער קינסטלער האָט פֿאָרגעשטעלט „גאָט דעם פֿאָטער” אויף אַ בולט׳ן אופֿן, זיצענדיג גאַנץ געמיטהליך אויף זיין כסא הכבוד, און ווי קונציג ער האָט אַריינגעזעצט דעם דינעם שפּיץ פֿון דעם גרעסטען דיאַמאַנט פונקט אין מיטען. „אייל זיך צו, מיין זוהן,” האָט זיין הייליגקייט געזאָגט, אָבלאָזענדיג איהם ענדליך, „אייל זיך צו, וואָרים איך וואָלט אַליין געוואָלט טראָגען דעם קנאָפּ אידער איך שטאַרב.” און דערנאָך האָט ער זיך מיט אַ שמייכלענדען געזיכט געווענדעט צו דזשוזעפּע׳ן און געזאָגט: „דו פֿערלאַנגסט נאָך עפּעס פֿון מיר, פֿראַ דזשוזעפּע? אָה, איך האָב גאָר פֿערגעסען! דו ווילסט פריידיגען צו דיינע

איינגע׳עקשן׳טע ברידער. מהיכי תיתי, ס׳איז אַ גוטע אַמביציע. לואידזשי, דו וועסט מיר דערמאָנען מאָרגען אַרויסצולאָזען אַ בעפעהל.״

מיט בליצענדע אויגען איז דער פריסטער ווידער אַמאָל געפאַלען דעם פאַבסט צו די פיס, וועלכע ער האָט געקושט, מורמלענדיג עפעס אַלס דאַנק. דערנאָך, זיך פערנייגענדיג, איז ער אַרויס און מיט פרייד אַוועק צוריק אין מאָנאַסטיר.

דער פאַבסטליכער אוקאַז איז אַרויסגעגעבען געוואָרען אין צייט. ד אידען האָבען געמוזט קומען צו דער נעכסטער דרשה. אין אַ וואַהנזין פון גייסטליכער ענטציקונג האָט ער ערוואַרטעט דעם שבת נאָכמיטאָג. ער האָט צוגעגרייט אַ וואונדערבאַרע דרשה. די אידען וועלען זיך ניט דער־וועגען אַריבערטרעטען דעם אוקאַז. ער איז געווען קלאָהר און דייטליך און בעשטימט. זיי האָבען זיך ניט געקענט אויסדרעהען דערפון. און דערצו פלעגט זייער ווידערשטאַנד ערשט קומען שפעטער, נאָכדעם ווי זיי פלעגען די ערשטע צייט אָבהיטען דעם בעפעהל. די טעג זיינען פערבײַ. דער אוקאַז איז ניט צוריקגערופען געוואָרען, כאָטש די רייכע באַנקירען פון דער אידישער קהילה האָבען, ווי ער האָט געקראָגען צו וויסען, אָנגעווענדעט אַלע מיטלען דערצו; ער איז אפילו ניט געענדערט געוואָרען מיט אַן אויסרייד, אַז מען וויל איהם כלומר׳שט מאַכען קלאָהרער. ווי ס׳פלעגט זיין דער שטייגער פון די פאַבסטען צו טהאָן מיט צו שטרייגנע אוקאַזען. ניין, קיין זאַך האָט נישט געקענט ראַטעווען די אידען פון זיין דרשה.

נאָר דאָנערסטאָג האָט אויסגעבראָכען אַ מגפה אין דער געטאָ; פרייטאָג איז שוין אַ צעהנט־חלק פון דער בעפעלקערונג געווען טויט. דערצו האָט זיך נאָך געמאַכט אַן איבערגוס פון דעם טייך טיבער, וועלכער האָט מיטגעהאָלפען פערשטאַרקען די פעסט אין די דאָזיגע געדיכטע געסלאַך, אין יענע איינגע הייזער, וואו ס׳האָט געקישעט מיט קינדערלאַך שבת האָבען זיך די טויערן פון דער געטאָ אין גאַנצען צוגעמאַכט. די מגפה איז פערשלאָסען געוואָרען אינעווייניג. דריי חדשים צייט זיינען די אויסגעשטויסענע פון דער מענשהייט געווען פערשפאַרט אין זייער פערפעסטעטער תפיסה, טאָג אַזוי ווי נאַכט, צו לעבען אָדער שטאַרבען ווי זיי האָבען געוואָלט. און ענדליך, אַז די געטאָ איז געעפענט און אויסגעלופטערט געוואָרען, איז זי געווען געפאַקט מיט טויטע, ניט מיט לעבעדיגע.

## VII.

**יוסף דער טרוימער** איז געווען האלב דערשלאָגען פֿון דעם דאָזיגען צווייטען קלאַפּ, וואָס זיינע חלומות האָבען געקראָגען. אַן ערדליכע אַנגסט, וואָס ער האָט ניט געוואָלט צולאָזען צו זיך, האָט איהם איינפֿאַך אויפֿגעגעסען. אַ לעבעדיגען אין דער צייט פֿון דער מגפה, וועלכע האָט זיך, ניט קוקענדיג אויף אַלע אָנשטריינגונגען, דאָך אַרויסגעריסען פֿון דער גהעטאָ און זיך פֿערשפּרייט איבער דער שטאָדט, עפּעס אַזוי ווי צו בעשטראָפֿען די, וואָס האָבען בעשאַפֿען די בעדינגונגען פֿון איהר עקזיסטענץ. אָבער ניט פֿאַר זיך אַליין האָט ער זיך געשראָקען — זיין גאַנצע זאָרג איז געווען וועגען זיין פֿאָטער און מוטער, וועגען דער נאָבעלער מרים. אַז ער האָט נאָר געהאַט אַ פֿרייע שעה, נאָכדעם ווי ער פֿלעגט בעזוכען זיינע קריסטליכע חולאים, האָט ער אַרומגעשפּאַצירט לעבען דער שטאָדט פֿון די טויטע, פֿון וואַנען מען האָט ניט געקענט הערען קיין שום נייעס. און ענדליך, ווען ער האָט שוין געהערט, אַז זיינע ליעבע און טהייערע זיינען געבליבען לעבען, האָט ער געקראָגען אַן אַנדער קלאַפּ. דער אוקאַז איז געבליבען אין קראַפֿט נאָך דעם פּאַבסט'ס אויער איז ווייבער געוואָרען צו די טענות פֿון די לעבען־געבליבענע אידען. ער האָט רעספּעקטירט זייער שנאה צו „ברודער" דזשוזעפּע'ן, ער האָט אָנערקענט זייער טענה, אַז זיי וואָלטען שוין צופֿריעדענער געווען צו הערען וואָס פֿאַר ס'איז אַנדער פּריידיגער. עס איז אַלזאָ געבליבען, אַז די אַנדערע דאָמיניקאַנער גלחים זאָלען דרש'ענען פֿאַר די אידען, איינער נאָך'ן אַנדערן. נאָר דזשוזעפּע אַליין איז אויסגעשלאָסען געוואָרען. אומזיסט האָט ער זיך געסטאַרעט צוקומען צו זיין היילינקייט דעם פּאַבסט; ער האָט קיין צוטריט ניט געקראָגען. אַזוי האָט זיך אָנגעפֿאַנגען יענער מאָדנער מנהג, די „פּרעדיקאַ קאָאַטיוואַ", דאָס הייסט די געצוואונגענע דרשה.

יעדען שבת, נאָך זייער אייגענעם גאָטעס־דיענסט אין שוהל, האָט אַ דריטעל־חלק פֿון דער גהעטאָ־בעפֿעלקערונג, אַריינגערעכענט אין דעם כלל אַלע קינדער איבער צוועלף יאָהר אַלט, געמוזט קומען אַריינגעהמען דעם געגען גיפֿט אין דער קירכע פֿון „סאַן בענעדעטאָ אַלאַ רעגאָלאַ", וועלכע איז ספּעציעל בעשטימט געוואָרען פֿאַר זיי. דאָרט האָט אַ גלח זיי געגעבען אַ „רעמיניע" פֿערטייטשונג פֿון דערזעלביגער פּרשה, וואָס זיי האָבען געהערט אין שוהל צו קריאת התורה. דער פּאַבסט, וועלכער האָט געהאַט

מעהר איינזעהן איידער זיינע בישאָפּס און זיינע גלחים, האָט אָנגעבעטען די פּריידיגער, זיי זאָלען זעהן אויסמיידען די נעמען פֿון „יעזוס" און פֿון דער „הייליגער יונגפֿרוי", וואָס זיינען אַזוי טרייף ביי אידען, אָדער זיי זאָלען אָט די נעמען אויסריידען שטילערהייט; נאָר די פּריידיגער האָבען זיך ווינציג וואָס אומגעקוקט אויף דעם דאָזיגען אָנזאָג, האָבענדיג פֿאַר זיך אַן עולם פֿון אידען, וועמען ס'איז אַ מצוה געווען צו מוסר'ן און צו פֿערדאַמען מיט אַלע ווילדע ווערטער און מיטלען, וואָס זייער רעדע־קראַפֿט האָט זיי נור ערלויבט.

אַסך אידען זיינען צוריקגעבליבען אויף'ן וועג צו דער קירכע. אַ מחנה פּאָליציי־לייט האָט זיי מיט בייטשען אַריינגעטריבען אינעווייניג אין דעם הייליגען אָרט. אָט די נייע קירכען־פּראָצעסיע פֿון מענער, פֿרויען און קינדער איז געוואָרען איינער פֿון רוים'ס ספּעקטאַקלען. אַ נייער פֿערגניגען איז אויסגעקלעהרט געוואָרען פֿאַר דעם המון. אָט דער געצוואונגענער גאָטעס־דיענסט האָט געקאָסט גענוג געלד; און קאָמיש ווי ס'איז געווען, דאָך האָבען די אידען גופֿא געדאַרפֿט בעצאָהלען פֿאַר זייער אייגענער בעקעהרונג.

זיך אויסדרעהען פֿון די דאָזיגע דרשות, איז געווען אַן אונמעגליכע זאַך; ביי דער טהיר פֿון קירכע איז געלעגען אַ בוך, וואו עס זיינען פֿערשריבען געוואָרען די נעמען פֿון די, וואָס האָבען געפֿעהלט, און וועלכע זיינען דערנאָך בעשטראָפֿט געוואָרען מיט געלד אָדער תפיסה. כדי צו פֿיהרען ריכטיג דעם חשבון, איז נייטיג געווען צו האָבען אַלס בוך־האַלטער אַ ניי־געטויפֿטען, איינעם, וואָס האָט געקענט יעדען איינציגען פֿערזענליך און וואָס וואָלט געקענט לייכט אויסגעפֿינען וואָס פֿאַר עס איז מעגליכען שווינדעל. און ווער האָט נאָך בעסער געפּאַסט דערצו ווי דער נייער ברודער? אומזיסט האָט דזשוזעפּע פּראָטעסטירט. דער אויבער־גלח האָט נישט געוואָלט וויסען פֿון קיין זאַך. און אויף אַזאַ'ן אופֿן, אָנשטאָט צו ווייזען זיינע ברידער אַן ערהאָבענעם ביישפּיעל פֿון אונבעצאָהלטער אָפּאָסטעלשאַפֿט, איז ער, דער פֿעראורזאַכער פֿון דער גאַנצער צרה, געזעסען אָנגעבויגען איבער זיין שרייב־טיש און בעטראַכט יעדען איינעם פֿון די פֿערזאַמעלטע, וועלכע זיינען פֿערבייגעגאַנגען לעבען איהם. און ער האָט גאַנץ גוט געוואוסט, אַז דאָס וואָס די אידען מוזען זיך טרעפֿען מיט איהם פּנים אל פּנים, מיט איהם, דעם אויסגעשטויסענעם, דעם פֿערשאָלטענעם, און זעהן ווי ער שרייבט אום שבת, — אַז דאָס איז נאָך אַ צוגאָב צו זייערע יסורים.

ניט איין שבת האָט ער געזעהן זיין פֿאָטער, אַ טראַגישע, גרייז־גראָע חורבה. ער האָט געזעהן, ווי זיי האָבען איהם מיט אַ בייטש אונטערגעטריבען, ער זאָל אַריינגעהן גיכער אין קירכע. דער בייטש האָט יוסף'ן נאָך מעהר וועה געטהאָן איידער דעם פֿאָטער זיינעם. ווען דער קירכען־שמש, וועלכער האָט געהאַט די אויפֿגאַבע צו זעהן, אַז די פֿערזאַמעלטע זאָלען זיך צוהערען צו דער דרשה, און דער עיקר אַז זיי זאָלען ניט איינדרעמלען, — ווען אָט דער בעאַמטער האָט אויפֿגעוועקט רחל'ן מיט אַ שטיק אייזען, איז איהר אונגליקליכען זוהן אַריבער אַ קאַלטער שוויס איבער'ן גאַנצען לייב. יעדען דריטען שבת, אַז מרים פֿלעגט פֿערבייגעהן לעבען זיין שרייב־טיש מיט אויסגעגלאָצטע אויגען, פֿול מיט פֿעראַכטונג, פֿלעגט איהם ווערן הייס און קאַלט אין איין און דערזעלבער צייט. זיין איינציגע נחמה איז געווען צו זעהן גאַנצע שורות פֿון פֿרומע פנים'ער, וועלכע האָבען צום ערשטען מאָל אין זייער לעבען זיך צוגעהערט צו דעם עוואַנגעליום. ווייניגסטענס האָט ער כאָטש וואָס עס איז דערגרייכט. אפילו „שלמה דער ליץ" איז עפּעס גאָר געוואָרען אַן אַנדער מענש; ער האָט מיט אַכטונג און מיט עהרפֿורכט זיך צוגעהערט צו די פּרעדיגער.

יוסף דער טרוימער האָט ניט געוואוסט, אַז אויף דעם דאָזיגען שלמה'ס עצה טאַקי האָבען אָט די אַלע פֿרומע אידען זיך אָנגעשטאָפּט מיט וואטע טיעף אין די אויערן, כדי זיי זאָלען ניט הערען קיין איין וואָרט פֿון די דרשות.

נאָך דערפֿאַר האָט „ברודער" דזשועפּע אין אַנדערע קירכען זיך געמאַכט אַ גרויסען נאָמען. קריסטען זיינען געקומען פֿון ווייט און נאָהענט איהם הערען. ער פֿלעגט אַרומגעהן צווישען פֿאָלק און מען האָט איהם ליעב געקראָגען. ער האָט געפּריידיגט ביי הינריכטונגען; זיין שוואַרצער מאַנטעל און זיין ווייסער שולטער־באַנד זיינען אויפֿגענומען געוואָרען מיט פֿריינדליכקייט אין שמוציגע טורמעס. ער האָט געזאָגט וידוי מיט די שטאַרבענדע און זיי בעפֿרייט פֿון זייערע זינד, ער האָט פֿערטריבען שדים. נאָר איין זינדער איז געווען, וועמען ער האָט ניט געקענט ריינוואַשען, ניט דורך דאָס „האָר־העמד" און ניט דורך מלקות, און דער דאָזיגער זינדער איז געווען ער אַליין. און איין שד, איין דעמאָן איז געווען, וועמען ער האָט בשום אופן ניט געקענט אַרויסטרייבען — דעם דעמאָן, וואָס איז געזעסען ביי איהם אין האַרצען, די אונרוהיגקייט פֿון זיין אייגענער נשמה, וואָס האָט זיך געהאַלטען אין איין אָנשלאָגען אָן די ווירקליכקייטען פֿון לעבען און וועלכע איז איצט צוריסען געוואָרען דורך די צוקורצקומונג

פֿון דעם קריסטענטהום, אַזוי ווי פֿריהער דורך די שוואַכע זייטען פֿון דער געטאָ.

## VIII.

ס'איז אַלזאָ ווידער געווען די קאַרנאַוואַל־וואָך — די פֿעררוקטע גאָטעס־לעסטערנדע וואָך פֿון הוליאַנקעס און טייוועלשע שמחות. די גאַסען זיינען געווען בעגאָסען מיט פֿערשיעדענ־פֿאַרביגע קליידער, ווי אַ רעגענ־בויגען, און האָבען געקאָכט מיט דעם גערויש און דעם געלעכטער פֿון דעם עולם, וועלכער האָט זיך אין משך פֿון די עטליכע טעג נאָך פֿער־גרעסערט דורך די מחנות פֿון פֿרעמדע, וועלכע פֿלעגען קומען קיין רוים. פֿון די פֿענסטער און פֿון די דעכער, וואָס זיינען געווען שוואַרץ מיט מענשענ־קעפּ, האָט מען געהאַלטען אין איין אַרונטערוואַרפֿען און אַרונ־טערגיסען האָניג, שמוציגע וואַסער, פֿערפֿוילטע אייער און זאָגאַר קאָכעדיגען עהל אויף די פֿוס־געהער און די רייטער, וועלכע האָבען זיך געפֿונען אונטען אין די גאַסען. אַלע ווילע האָבען אויסגעבראָכען מורא'דיגע געשרייען, גאָטעס־לעסטערנדע מאַסקענ־טרעגער האָבען זיך אַריינגעריסען אין די קירכען. זיי האָבען פֿערפּאַטשקעט און געמאַכט מיט דער בלאָטע צוגלייך אַלעס, וואָס איז זיי נור געקומען אין דער האַנד, אַלצדינג, אי מענשליכע אי געטליכע זאכען; קיין וואָך האָט ניט געהאָלפֿען איינצוהאַלטען די דאָזיגע הפקרות פֿון דעם המון, קיין שום מיטעל, ניט די ריטער און ניט די תליה אפילו, וועלכע מען פֿלעגט אָפֿט אָנווענדען. יעדער אוקאַז, וואָס האָט פֿערוועהרט וואָס עס איז פֿון די אַלע ווילדקייטען, איז איינפֿאַך געווען אַ טויטער בוכשטאַב.

אין אַזאַ צייט האָבען די אידען געהאַט פֿאַר וואָס צו ציטערן, זייענדיג אין גאַנצען ביי דעם לוסטיגען קריסט אין די הענד. אַזוי ווי זיי זיינען תמיד אויסגעצייכענטע שליפּשטיינער פֿאַר יעטוועדען שפּאַס, זיינען זיי אין די קאַרנאַוואַל־טעג געווען אַ זעלטען־מיטעל צום צייט־פֿערטרייב. דעם ערשטען טאָג איז אַ דעפּוטאַציע פֿון אידישע בעלי בתים, אַריינגע־רעכענט אין דעם אויך די דריי עלצטע פֿון דער קהילה און די רבנים, געגאַנגען פֿאָראויס אין אַ פּראָצעסיע צום סענאַט. אָנגעטהאָן אין רויט־געלע קאָסטיומען, האָבען זיי דורכמאַשירט די גאַנצע שטאָדט, פֿון דעם „פֿאָלקס־פּלאַץ" ביז דעם קאַפּיטאָל, דעם יופּיטער־טעמפּעל, צווישען

אַ דאַפּעלטען פֿייער פֿון אַלערליי געמיינהייטען. צוקומענדיג צום „קאַפּיטאָל", איז די פּראָצעסיע אַריין אין דעם טראָהן־זאַאל, וואו די דריי „קאָנסערוואַטאָרען" און דער עלצטער פֿון די „קאַפּאָריאָני" זיינען געזעסען אויף דרויטע סאַמעטענע שטוהלען אינאיינעם מיט דעם שאַץ־מייסטער פֿון דעם „קאַפּיטאָל" אין זיין שוואַרצען מאַנטעל און זיין סאַמעטען היטעלע. דער אויבער־ראַבינער האָט אַנידערגעקניעט אויף דעם ערשטען טרעפּעל פֿון דעם טראָהן, און איינבויגענדיג זיין גרייז־גראָען קאָפּ צו דער ערד, האָט ער געזאָגט: „פֿול מיט רעספּעקט און איבערגעבענהייט צו דעם רוימישען פֿאָלק, קומען מיר, די גבאים און די רבנים פֿון דער אונטערוואָרפֿענער אידישער קהילה, פֿאָרלייגען פֿאַר אייער הויכען טראָהן אונזער טרייהייט און אונזער טיעפֿען רעספּעקט אין נאָמען פֿון אונזערע רעליגיאָנס־ברידער, און בעטען ביי אייך אייער לייטזעליגען מיטלייד. וואָס איז שייך צו אונז, וועלען מיר ווי ביז איצט אַזוי אויך ווייטער מתפּלל זיין צום אל עליון, צום אַלמעכטיגען אין הימעל, ער זאָל שיינקען פֿריעדען און לאַנגע, רוהיגע יאָהרען אונזער הערשער דעם פּאַבסט, וועלכער רעגירט פֿאַר דאָס גליק פֿון דעם כלל; און דעסגלייכען וועלען מיר בעטען גאָט פֿאַר אייערע הויכקייטען, פֿאַר דעם זעהר געשעצטען סענאַט און פֿאַר דעם גאַנצען פֿאָלק פֿון רוים."

אויף וואָס דער עלצטער פֿון די „קאָנסערוואַטאָ־ען" האָט געענטפֿערט: „מיט פֿערגניגען נעהמען מיר אָן דעם אויסדרוק פֿון טרייהייט, פֿון הכנעה און פֿון רעספּעקט, וואָס איהר בענייט היינט אין נאָמען פֿון דער גאַנצער אידישער קהילה, און זייענדיג זיכער, אַז איהר וועט רעספּעקטירען די געזעצען און די בעפֿעהלען פֿון דעם סענאַט, און אַז איהר וועט ווי ביז אַהער אַזוי אויך ווייטער צאָהלען די צינזען און די שטייערן, וואָס ליגען אויף אייך, שיינקען מיר אייך אונזער שוץ, מיט דער האָפֿנונג, אַז איהר וועט וויסען ווי זיך צו בעגעהן, כדי צו האָבען די ווערטה אונזער פּראָטעקציע." דערנאָך, אַרויפֿשטעלענדיג דעם פֿוס ביים רב אויף'ן נאַקען, האָט ער אַ געשריי געטהאָן: „אַנדאַטע!" (טראָגט זיך פֿון דאַנען!)

דער רב האָט זיך אויפֿגעהויבען, האָט איבערגעגעבען די „קאָנסערוואַטאָרען" אַ בוקעט און אַ בעכער מיט צוואַנציג קראָנען, און ער האָט זיך אָנגעבאָטען צו פֿערפּוצען די ביהנע פֿון דעם סענאַטאָר אויף'ן „פֿאָלקס־פּלאַץ". און דאַן האָט די דעפּוטאַציע ווידער מאַרשירט איבער די געדיכטע, לוסטיגע גאַסען, פֿערביי אַלערליי געמיינהייטען, כדי צו

ווידערהאָלען פֿון דאָס ניי איהרע היפּאָקריטישע ערקלעהרונגען פֿאַר דעם טראָהן פֿון דעם סענאַטאָר.

שפּאָטישע פּראָצעסיעס האָבען איבערגעקרימט דעם דאָזיגען מאַרש פֿון די אידען. די פֿיש־הענדלער, וועלכע זיינען געווען שטיקלאַך שכנים פֿון דער געטאָ און זיינען אויף אַזאַ'ן אופֿן בעקאַנט געווען מיט איהרע מנהגים, האָבען בערייכערט דעם קאַרנאַוואַל מיט פֿערשיעדענע אַנדערע שפּאָטישע צערעמאָניעס; אָט איז כלומר'שט פֿאָרגעשטעלט געוואָרען די לויה פֿון אַ רב, און אָט האָט זיך געצויגען אַ גאַנצע שורה פֿון אידען, רייטענדיג אויף עזלען; פֿאַראויס פֿאָהרט אַ רב אויף אַ פֿערד, מיט'ן פּנים צום הינטען; מיט איין האַנד נעהמט ער אָן דעם פֿערד פֿאַר'ן עק און אין דער אַנדער האַנד האַלט ער אויסגעשטרעקט אַ נאָכגעמאַכטע ספר־תורה, און דער המון קאַטשעט זיך איינפֿאַך פֿון געלעכטער. נאָר מען האָט זיך ניט בענוגענט בלויז מיט דעם וואָס מען האָט אָבגעלאַכט פֿון די אידישע מנהגים; מען האָט זיך אויך לוסטיג געמאַכט מיט די אידען גופא. מען האָט זיי אַרונטערגעריסען די היטלען פֿון קאָפּ און זיי פֿערוואָרפֿען מיט אַלערליי שמוץ. יענעם יאָהר האָט זיך דער גובערנאַטאָר פֿון רוים אַריינגעמישט און האָט אָנגעזאָגט, מען זאָל די אידען קיין שום אַנדער זאַך ניט וואַרפֿען אין פּנים אַריין, אַחוץ פֿרוכט. אַ רוימישער אַריסטאָקראַט, אַ מאַרקיז, האָט זיך קונה שם געווען ביי דעם קאַרנאַוואַל־עולם דערמיט וואָס ער האָט די אידען פֿערוואָרפֿען מיט פיין־עפּעל. אָבער דאָס אַלעס איז געווען אַ גאָרנישט געגען דעם דריטען טאָג, נאָך דעם וועט־לויף פֿון די עזלען און די בופֿלאַקסען. דאַן האָבען די אידען געהאַט אויסצושטעהן די גרעסטע ערנידעריגונג, וואָרים אין יענעם טאָג איז פֿאָרגעקומען זייער וועט־לויף.

ס'איז געווען אַ קאַלטער פֿריה־מאָרגען, דער הימעל איז געווען ריין און בלאָה; נאָר באַלד האָבען זיך די וואָלקענס גענומען קלייבען, און דער לוסטיגער עולם האָט זיך דערפֿרעהט מיט דער מעגליכקייט, עס זאָל היינט אַראָבגעהן אַ גוס־רעגען. ביי דעם טויער פֿון סאַן לאָרענצאָ, אין דער לאַנגער שמאָלער גאַס פֿון דער „וויאַ קאָרסאָ" וואו אַלעס, די טהירען, די טרעפּ, די דעכער און די טראָטואַרען זיינען געווען פֿערנומען מיט מענשען, האָבען זיך געפֿונען עטליכע אידען. זיי האָבען נאָר וואָס געהאַט אָבגעגעסען אַ גוטען מאָהלצייט, נאָר זיי האָבען גאָרנישט אויסגעקוקט זאַט און צופֿריעדען. במעט נאַקעטערהייט, מיט גאַנץ קליינע ווייסע מאַנטלען, בעדעקט מיט פֿליטערלאַך און פֿערפּוצט מיט לאָרבער־קראַנצען, זיינען זיי געשטאַנען און געציטערט פֿון קעלט, ערוואַרטענדיג דעם

בעפֿעהל צו נעהמען לויפֿען פֿערביי אָט דעם פֿינסטערן, ווילדען, גיפֿטיגען און צוויש־טען המון. ענדליך האָט אַן אָפֿיציר אויף אַ פֿערד געגעבען דעם בעפֿעהל, און די האַלב־נאַקעטע געשטאַלטען, מיט זייערע מערקווירדיגע אָריענטאַלישע פנים'ער פֿול מיט אומעט, האָבען אָנגעפֿאַנגען זייער ווילדען געלויף אַרונטער דעם „קאָרסאָ", בעגלייט פֿון די מורא'דיגע יובלענדע געשרייען פֿון דעם פעבעל. דער ציעל־אָרט, פֿון וואַנען דער וועט־לויף פֿלעגט זיך אָנפֿאַנגען, איז געווען דער טהורם פֿון דעם הייליגען אַנדזשעלאָ. פֿריהער פֿלעגט זיך דער וועט־לויף ענדיגען מיט דעם „קאָראָסאָ", נאָר שפעטער האָט מען איהם פֿערלייגערט, כדי צו בעפֿרידיגען דעם וואונש פֿון אַ פאַבסט, וועלכער האָט געוואָלט, אַז די לוסטיגע סצענע זאָל זיך ענדיגען אונטער זיינע פֿענסטער, בעת ער פֿלעגט זיצען אין אַ האַלב־פֿערשטעלטען צימער, דעקאָרירט מיט נאַקעטע פֿיגורען — די מאַלערייען פֿון דזשוליאָ ראָמאַנאָ.

שנעל, שנעל זיינען זיי געפֿלויגען, די וועט־לויפֿער; וואָרים וואָס שנעלער זיי זיינען צוגעקומען צום ציעל־פונקט, אַלץ גיכער זיינען זיי בעפֿרייט געוואָרען פֿון דעם האָנעל פֿון שפּאָט, אויסגעמישט מיט שווערע שטיינער און בעגלייט פֿון קלעפּ מיט שטעקענס, מיט וואָס די ווילדע צושויער האָבען זיי מכבד געווען. און עפּעס אַזוי ווי זיי וואָלטען ניט געווען שנעל גענוג אין זייער לויפֿען, האָט מען זיי נאָך אונטערגעטריבען: דער אָפֿיציר מיט זיינע סאָלדאַטען, רייטענדיג אויף פֿערד, האָבען גאַלאָפּירט הינטער זייערע פֿיס, אַזוי אַז יעדער איינער פֿון די אונגליקליכע לויפֿער איז געווען אין געפֿאַהר איבערגעפֿאָהרען צו ווערן. זיי זיינען אַלזאָ געלאָפֿען און געלאָפֿען אין איין אָטהעם, סאָפּענדיג, שוויצענדיג, אַז דער שלאַג האָט זיי שיער ניט געכאַפּט. אָה, וואָס פֿאַר אַ שפּאַסיגע סצענע! אָה, וואָס פֿאַר אַ זיסקייט דאָס איז געווען פֿאַר די קאַרנאַוואַל־לייט!

איינער פֿון די וועט־לויפֿער, אַ יונגער מאַן, וואָס האָט זיך געוואָרפֿען אין די אויגען מיט זיין אויסגעמאָגערטען געזיכט און זיין יוגענדליכער דריימטקייט, איז געלאָפֿען פֿאָראויס. און דער המון האָט איהם בעגלייט מיט ווילדע, שפּאַסהאַפֿטע הורראַהס. שעהנע דאַמען, וואָס זיינען געזעסען אויף די באַלקאָנען — ניט מאַסקירט, אַזוי ווי אין פֿראַנקרייך, נאָר מיט אָפֿענע, אויפֿ־ערעקטע געזיכטער — האָבען זיך דורכגעוואָרפֿען מיט שטיפֿערישע, לוסטיגע שמייכלען. און פּלוצלינג האָט אויסגעבראָכען אַ שטורם פֿון געלעכטער, וועלכער האָט פֿערפֿלייצט די האַלב־נאַקעטע לויפֿער. אַלץ ווייטער און ווייטער האָבען זיי זיך געיאָגט, אָהן אַן אָטהעם,

בלינד, סאפענדיג, פערוואָרפען מיט שמוץ און מיט שטיינער; אַלץ ווייטער און ווייטער דורך די טויזענד איילען פון דעם אונענדליכען מאַרשרוט; אַלץ ווייטער און ווייטער, קאָכענדיג אין זיך און טריפענדיג און פאַלענדיג פון די פיס. זיי זיינען שוין געווען ניט ווייט פון דעם ציעל־פונקט. זיי זיינען שוין פערבייגעלאָפען דעם „סאַן־מאַרקאָ", דעם אַלטען ציעל־אָרט. דער יונגער איד איז נאָך אַלץ גערלאָפען פאָראויס, נאָר אַ פעטער אַלטער איד איז געווען גאַנץ נאָהענט לעבען איהם. די אויפרעגונג פון דער מאַסע איז געוואָרען אונגעהייער גרויס. אַ טויזענד שפּאָטישע שטימען האָבען אָבגעהילכט אין דער לופטען און אויפגעמונטערט די קאָנקורענטען. אָט זיינען זיי שוין געווען אויף דער בריק. מען האָט שוין געקענט זעהן דעם טהורם פון דעם הייליגען אַנדזשעלאָ, וועמעס פעסטונגען האָבען געטראָגען די נעמען פון די אַפּאָסטעלן. דער פעטער אַלטער איד האָט זיך גערוקט אַלץ נעהנטער; איצט, ווען ער איז שוין געקומען אַזוי ווייט, האָט ער געוואָלט קריגען די זעקס און דרייסיג קראָנען, וואָס דער פרייז וואָלט איהם געקענט איינברייננגען. נאָר דער יונגער מאַן האָט דערלאַנגט אַ מעכטיגען שפרונג. ער איז אַריבער דעם פּאַבסט'ס פענסטער, און ס'איז געווען זיין טאָג. די גאַנצע לופט האָט אָבגעהילכט פון געלעכטער, ווען די איבעריגע קאַנדידאַטען האָבען אין אימפעט זיך אָנגעשלאָגען אָן איהם. און גלייך נאָכדעם האָט זיך געהערט אַ מורא'דיגער טויזענדפאַכער ליאַרם. דאָס האָבען די צווישעטע צושויער בעגריסט דעם פעטען אַלטען מאַן, וועלכער איז אַנידערגעפאַלען אָהן כוחות אין מיטען וועג.

אַ בעאַמטער האָט דעם געווינער איבערגעגעבען דעם פרייז — אַ שטיק רויטע ווענעציאַנער געוואַנד. דער יונגער איד האָט עס גענומען, עס בעטראַכט מיט אַ מאָדנעם, אונערגרינדליכען בליק, נאָר מיט אַמאָל האָט זיך דער ריכטער אָבגערופען:

„דער קאַפּיטאַן פון די סאָלדאַטען זאָגט מיר, אַז זיי האָבען ניט אָנגעפאַנגען אַלע גלייך ריכטיג ביים טויער. זיי מוזען מאַרגען לויפען נאָך אַמאָל." דאָס איז געווען אַ געוועהנליכע המצאה, כדי צו פערלייגערן דעם שפּאַס. נאָר דעם געווינער'ס אויגען האָבען געשאָסען מיט צאָרן.

„ניין, מיר האָבען אָנגעפאַנגען אַלע אין איין סעקונדע, אַזוי ווי קוילען, וואָס קומען אַרויס פון אַ קאַנאָן," האָט ער געזאָגט.

„שטיל, שטיל, גיב איהם אָב צוריק דעם פרייז," האָט געשעפּטשעט איינער פון די וועט־לויפער הינטער איהם, ציהענדיג איהם פאַר'ן מאַנטעל.

„זיי גיבען עס שטענדיג צוריק צו דעם ערשטען געווינער." נאָר דער יונגער מאַן האָט זיך ניט צוגעהערט צו דער עצה.

„אויב אַזוי, טאָ פאַרוואָס האָט אונז דער קאַפּיטאַן פריהער ניט אָבגעשטעלט?" האָט ער געפרעגט.

„האַלט דיין צונג צווישען דיינע הינטישע צייהן," האָט דער ריכטער געענטפערט. „יעדענפאַלס מוז נאָך אַמאָל איבערגעלאָפען ווערן, ווייל דאָס געזעץ הייסט, עס זאָלען זיין ווייניגסטענס אַכט לויפער."

„מיר זיינען אַכט," האָט דער יונגער איד געזאָגט.

דער ריכטער האָט אָבגעמאָסטען דעם בונטאָווּשטשיק מיט די אויגען; דערנאָך האָט ער מיט אַ שטעקען אָנגעקלאַפּט יעדען איינעם פון די וועט־לויפער אָן פּלייצע, אָקוראַט ווי זיי וואָלטען געווען שטיקער האָלץ, און ער האָט געצעהלט: איינס — צוויי — דריי — פיער — פינף — זעקס — זיבען!"

„אַכט," האָט זיך אָבגערופען דער יונגער מאַן, דערזעהענדיג צום ערשטען מאָל דעם אַלטען אידען, אויף דער ערד הינטער איהם, און זיך איינבויגענדיג איהם אויפצוהויבען.

„אָט די בריאה! אויך מיר אַ מענש! ער רעכענט זיך ניט. ער איז שכור."

„דו פערפלוכטער הונד!" און זיך פּלוצלינג אויסגלייכענדיג, האָט דער יונגער איד אַרויסגענומען אַ קרייץ פון אונטער זיין מאַנטעל. „דו ביסט גערעכט!" האָט ער אַ געשריי געטהאָן מיט אַ דונערנדער שטימע. „פאַרהאַן בלויז זיבען אידען, וואָרים איך — איך בין ניט קיין איד. איך בין פראַ דזשוזעפע!" און דער צלם האָט זיך אַרומגעדרעהט, פערשפּרייטענדיג אַ געפיהל פון פחד אַרום איהם.

דער ריכטער האָט אָבגעטראָטען צוריק אין ערשטוינונג און שרעק. די זעלנער זיינען געבליבען זיצען ווי פערשטיינערט אויף זייערע פערד, דער קאָכענדער עולם איז אויף אַ ווייַלע שטיל געבליבען, זיך צוהערענדיג אויפמערקזאַם צו דעם, וואָס דאָ קומט פאָר. דער גוס־רעגען האָט אויפגעהערט און אַ שטראַהל פון זונען־ליכט האָט געבלישטשעט אויף'ן קרייץ.

„אין קריסטוס'עס נאָמען פערפלוך איך דאָס דאָזיגע טייוועלשע חוזק־מאַכען פון גאָט'ס אויסערוועהלטען פאָלק," האָט דער גלח געדונערט. „טרעט אַלע אָב צוריק! וועט קיינער פון אייך ניט ברייינגען דעם דאָזיגען אָרעמען אַלטען מאַן אַביסעל קאַלט וואַסער?"

„האָט איהם דער הימעל דען ניט געגעבען גענוג קאַלט וואַסער?"

האט א פרעג געטהאן א ליק צווישען עולם. נאר קיינער האט זיך ניט געריהרט פון ארט.

„טא מעגט איהר אלע ברענען ווי א פייער," האט דער פריסטער געזאגט. ער האט זיך ווידער אנגעבויגען און לאנגזאם אויפגעהויבען דעם אלטען מאן'ס קאפ. דאן איז זיין געזיכט געווארען הארטער און ווייסער. „ער איז טויט," האט ער זיך אבגערופען. „זאל קריסטוס, אין וועמען ער האט ניט געגלויבט, איהם צונעהמען צו זיך און איהם שיינקען זיין גנאד." און לאנגזאם האט ער ארונטערגעלאזט צוריק דעם בר־מינן און איהם צוגעמאכט די גלעזערנע אויגען זיינע. א שוידער איז אריבער די צושויער איבער'ן לייב. דער טויט האט ארויסגערופען א געפיהל פון אבטונג זאגאר צו דעם אלטען אידען. ער איז געלעגען דארט, געטראפען פון אן אפאפלעקציע, וועלכע איז געקומען דורך דעם שווערען מאהלצייט, וואס מען האט איהם מיט געוואלד געגעבען פאר'ן לויפען. די פאטשער־קעס האבען געבלישטשעט אויף זיין ווייסען מאנטעל, זיינע נאקעטע פיס זיינען געווען אזוי ווי פערגליווערט. פון ווייטען האבען זיך געהערט די ווילדע קולות, דער ליארם פון א פעררוקטען עולם, די ווייטע מוזיק פון פידלען און פיאלען. דעם קאפיטאן איז אלע ווייל'ע געווארען ווארים און קאלט. ס'איז אמת, אז ער האט פון פערגניגען וועגען מיט זיין פערד אונטערגעיאגט דעם פעטען לויפער, אבער ער האט ניט בדעה געהאט איהם צו ערמארדען. א געפיהל פון חרטה איז אריבער איבער די צושויער. נאר דער ריכטער איז ענדליך געקומען צו זיך.

„לייג די האנד אויף אט דעם פאלשען פריסטער!" האט ער א געשריי געטהאן. „ער איז א פעררעטהער. ער האט זיך אומגעקעהרט צוריק צו זיין פאלק. ער איז געווארען צוריק א איד — מען מוז איהם אראבשינדען די הויט לעבעדיגערהייט."

„טרעט אב, אין נאמען פון דער הייליגער קירכע!" האט פרא דושוזעפע ארויסגערופען, זיך אומדרעהענדיג פונקט אנטקעגען דעם קאפיטאן, וועלכער איז פונדעסטוועגען געבליבען זיצען ווי צוגעשמידט אויף זיין פערד. „איך בין ניט קיין איד. איך בין פונקט אזא גוטער קריסט ווי זיין הייליגקייט דער פאבסט, וועלכער איז נאר וואס געזעסען דארט ביי זיך אין פענסטער און האט געקליבען נחת פון דעם דאזיגען היידישען לוסטיגען יום טוב."

„טא פארוואס זשע ביסט דו געלאפען אינאיינעם מיט די אידען? ס'איז א חלול השם. דו האסט פעראונרייניגט דיין פריסטער־מאנטעל."

„גיין, איך האב ניט געטראגען מיין מאנטעל. זעהסט ניט, אז איך

בין האַלב נאַקעט? איז דאָס אפשר דער מלבוש, וואָס איך דאַרף רעס־פעקטירען — אָט די שמאַטע, וואָס אייערע בירגער האָבען געמאַכט פאַר אַ ציעל, צו וואַרפען דערויף אַלערליי פאַסקודסטוואָ?"

„דו ביסט אַליין שולדיג אין דעם," האָט זיך דער קאַפּיטאַן אָבגע־רופען מיט אַ מילדען טאָן. „נאָך וואָס ביסט דו געלאָפען מיט אָט די פערפעסטעטע לייט?"

דער פריסטער האָט איינגעבוינען דעם קאָפּ. „דאָס איז מיין תשובה," האָט ער מיט אַ ציטערנדער שטימע געזאָגט. „איך האָב געזינדיגט געגען מיינע ברידער. איך האָב שווערער און ביטערער געמאַכט זייערע יסורים. דער־פאַר האָב איך געוואָלט זיין איינער פון זיי אין דעם מאָמענט פון זייער גרעסטער ערנידערונג, און כדי איך זאָל זיך קענען טהיילען מיט זייער מאַרטירעריי, האָב איך געבעטען ביי איינעם פון די וועט־לויפער, ער זאָל מיר איבערגעבען זיין פלאַץ. אָבער תשובה איז ניט די גאַנצע סבה פון מיין זיין דאָ איצט." און ער האָט אויפגעהויבען די אויגען און זיי האָבען מורא'דיג געבליצט, און זיין קול איז ווידער געוואָרען אַזוי ווי אַ דונער, וואָס האָט זיך געקייקעלט דורך דער מאַסע, און וויט אַריבער דער בריק. „איהר, וואָס איהר קענט מיך, געטרייע זיהן און טעכטער פון דער הייליגער קירכע, איהר, וואָס איהר האָט אַזוי אָפט זיך צוגעהערט צו מיין שטימע, איהר, צו וועמען אין די הייזער איך האָב אַריינגעבראַכט טרייסט און האָפנונג, — שליסט זיך אַצונד אָן אָן מיר, כדי צו מאַכען אַ סוף צו די לאַנגע מאַרטירעריי פון אייערע ברידער די אידען. ניט מיט האַס נאָר מיט ליעבע רעגירט קריסטוס איבער דער וועלט. איך האָב געמיינט, ס'וועט ריהרען אייערע הערצער מיך צו זעהן בעדעקט מיט שמוץ, מיך, וועמען איך וויס, אַז איהר האָט ליעב, און אויף וועמען איהר וואָלט קיינמאָל קיין ברעקעל שטויב ניט אַרויפגעוואָרפען, ווען איהר ווייסט, אַז דאָס בין איך דאָס געווען פערשטעלט אין אָט דעם מאָדנעם קאָסטיום. נאָר זעהט, אָט דער אָרעמער אַלטער מאַן, וואָס ליגט דאָ פאַר אייערע אויגען, רעדט אַסך שטאַרקער און ווירקזאַמער פון מיר. זיינע טויטע ליפען צוטרייסלען אייערע זעעלען. געהט אַהיים, אַנטלויפט פון דער דאָזיגער היידישער לוסטינקייט, און זעצט זיך אַנידער אויף דער ערד אין זעק מיט אַש, און בעט גאָט ער זאָל אייך מאַכען פאַר בעסערע קריסטען."

דער עולם איז געוואָרען אונרוהיג: דער פאַנטאַסטישער, פערבלאָ־טיגטער מאַנטעל, בעשפריינקעלט מיט פליטערלאַך, און די באָרוועסע פיס פון דעם רעדנער, — דאָס האָט בלויז צוגעגעבען מעהר איינדרוק צו זיינע

זוערטער; ער האט אויסגעזעהן אזוראַט ווי אַ מערקווירדיגער פערצייטיגער נביא, וואָס איז געקומען פון די ווייטע עקען פון דער וועלט.

„שוייג שטיל, דו גאָטעס־לעסטערער,“ האָט זיך דער ריכטער אָבגערופען, „די לוסט־שפּיעלען האָבען די צושטימונג פון דעם הייליגען פאָטער. גאָט אַליין האָט פערשאָלטען אָט די פער׳עפּוש׳טע כופרים. פאַה!“ ער האָט אַ בריק געטהאָן דעם טויטען אידען מיט זיין פוס. דעם פריסטער׳ס האַרץ האָט שיער ניט געפּלאַצט פון פערדרוס. זיין קאָפּ האָט געברענט ווי אַ פייער.

„ניט גאָט נאָר דער פאַבסט האָט זיי פערשאָלטען,“ האָט ער מיט אַ פייערדיגען טאָן געענטפערט. „פאַרוואָס טרייבט ער זיי ניט אַרויס פון זיין מלוכה? ניין, ער ווייסט גאַנץ גוט, ווי ניצליך זיי זיינען פאַר׳ן לאַנד. ווען ער האָט זיי אַרויסגעיאָגט פון אַלע שטעדט אַחוץ די דריי „ערי מקלט,“ און ווען די אידישע סוחרים פון די מזרח־פּאָרטען האָבען אַרויפגעלייגט אַ חרם אויף אונזער האַפען־שטאָדט אַנקאָנאַ, אַזוי אַז מיר האָבען ניט געהאַט גענוג פּראָוויאַנט, מיט וואָס זיך צו ערנעהרען, — וואָס האָט זיין הייליגקייט דער פאַבסט געטהאָן? האָט ער ניט גלייך אויף׳ן שטעל גערופען די אידען צוריק, אַנערקענענדיג זייער ווערטה? אָט דערפאַר זאָג איך, אַז מיר מוזען זיך מיט זיי בעגעהן מיט ליעבע, ניט מיט קיין האַס און מיט הונדערטער ערנידעריגענדע אוקאַזען.“

„דו ווערסט פערברענט ווערן לעבעדיגערהייט דערפאַר,“ האָט דער ריכטער געליאַרעמט. „ווער ביסט דו דאָס, וואָס דו שטעלסט זיך אַנטקעגען גאָט׳ס פריסטער?“

„ער גאָט׳ס פריסטער? ניין, איך בין גיכער גאָט׳ס פריסטער. גאָט רעדט דורך מיר.“

זיין בלאַס, אויסגעמאָגערט געזיכט איז געוואָרען גלאַנציג און פול מיט ענטציקונג; ביי דעם צושראָקענעם פעבעל אין די אויגען האָט ער איצט אויסגעזעהן אַזוי ווי אַ ריעז.

„דאָס איז פעראַטה אין גאָטעס־לעסטערונג. אַרעסטירט איהם!“ האָט דער ריכטער געשריען.

דער גלח האָט אַריינגעקוקט די סאָלדאַטען גלייך אין די אויגען אַריין. ער איז געשטאַנען אַזוי נאָהענט צו זיי, אַז בלויז דער קערפּער פון דעם אַלטען אידען האָט איהם אָבגעטהיילט פון זייערע צווישעטע פערד.

„יאָ,“ האָט ער זיך אָבגערופען מיט אַ מילדען טאָן, און אַ זיסער שמייכעל האָט זיך אויסגעמישט מיט די סודות פון זיין בליק. „גאָט איז מיט מיר. ער האָט אַוועקגעשטעלט די דאָזיגע פעסטונג פון טויט צווישען

אייך און מיין לעבען. ניין, איהר וועט ניט קעמפפען אונטער דער פאָהן פון דעם אַנטי־קריסט."

„טויט דעם פעררעטהער!" האָט זיך דערהערט אַ הויכע שטימע אין דער מאַסע. „ער רופט דעם פאַבסט אַנטי־קריסט."

„יאָ, דער, וואָס איז ניט פאַר אונז, איז געגען אונז. וואָס זשע, ער געוועלטיגט אפשר פאַר קריסטוס'ן איבער רוים? זיינען דען די אידען די איינציגע, וועמען ער יאָגט און פלאָגט? צי האָט דען דער ווילדער דורשט זיינער נאָך מאַכט ניט געבראַכט דעם שונא ביז די טויערן פון רוים? האָבען דען ניט זיינע באַנדעס פון פרעמדע העלפער אויסגעלאַכט און פערשפאָטעט אונזערע בירגער? איהר ווייסט וויפיעל רוים האָט געליטען דורך די מאַכינאַציעס פון זיין ממזר־זוהן, מיט זיין בעריהמרישער מחנה פון האַלז־שניידער. האָט ער פון קריסטוס'עס וועגען געשאַפען דעם דאָזיגען שרעק אין אונזערע גאַסען?"

"אַרונטער מיט באַטשיאָ וואַלאָרי!" האָט זיך דערהערט אַ געוואַלטיגע שטימע, און אַ דוצענד ענטהוזיאַסטישע העלזער האָבען ווידערהאָלט דעם זעלבען געשריי.

„יאָ, אַרונטער מיט באַטשיאָ וואַלאָרי!" האָט אַ געשריי געטהאָן דער דאָמיניקאַנער.

„אַרונטער מיט באַטשיאָ וואַלאָרי!" האָט ווידערהאָלט די בייזאַמע מאַסע. איהר יום טוב'דיגע שטימונג איז אויף אַן איידעלען אופן איבער־געגאַנגען אין אַן אַנדער פאָרמע פון זאָרגלאָזיגקייט. אַ טהייל, וועלכע האָבען ליעב געהאַט דעם פריסטער, האָבען זיך איינפאַך איבערגעגעבען צו איהם מיט לייב און לעבען, אַנדערע, אין אַ פערריקטען צושטאַנד, זיינען געוועזן גרייט צו וואָס פאַר עס איז צייט־פערטרייב. עטליכע, און די האָבען געשריען העכער פון אַלעמען, זיינען געוועזן סתם שרייער און בייטעל־שניידער.

„יאָ, אָבער ניט באַטשיאָ וואַלאָרי אַליין!" האָט געדונערט פראַ דזשוזעפע. „אַרונטער מיט די אַלע ממזרים, וועלכע בליהען אין דער הויפט־שטאָדט פון קריסטענטהום. אַרונטער מיט דעם גאַנצען העלישען געזינדעל, וואָס איז די אָבלייקענונג פון קריסטוס'ן; אַרונטער מיט דעם פערצייהער, מיט דעם, וואָס איז מכפר אייערע עונות ופשעים! גאָט איז ניט קיין האַנדעלס־מאַן, וואָס ער זאָל שאַבערן מיט דעם פערגעבען פון זינד. בפרט נאָך — אָה, וואָס פאַר אַ גאָטעס־לעסטערונג! — פון זינד, וואָס זיינען קיינמאָל ניט בעגאַנגען געוואָרען. אונזער הייליגע מוטער דאַרף ניט האָבען אייערע וועקסענע ליכט. אַ וויים האַרץ, אַ פלאַם פון אַ ריינער נשמה — אָט וואָס

די הייליגע יונגפֿרוי פֿערלאַנגט. אַוועק מיט אייערע פּאַטשערקעס און מיט אייערע מאַסקירונגען, מיט אייערע „פֿאָטער־אונזער׳ס" און אייער פֿאַלען אויף די קניע! אַוועק מיט אייערע קאַרנאַוואַלען, אייער גאָטלאָזע ענטזאַגונג פֿון פֿלייש! איהר זייט אַלע צופֿוילט. דאָס איז ניט גאָט׳ס שטאָדט, ס׳איז די שטאָדט פֿון גערונגענע באַנדיטען און עקעלהאַפֿטער הולטאַיסטוואָ און זולל וסובא׳דיגע ימים טובים, און דער בליאַסק פֿון אויג, און דער גענוס פֿון דעם גראָבען חומר. אַרונטער מיט דעם צו־פֿוילטען קאַרדינאַל, וועלכער פּריידיגט ביים אַלטאַר און לייהט געלד ביי די פֿערהאַסטע אידען פֿאַר זיינע געהיימע זינד! אַרונטער מיט דעם מאָנאַך, וועמעס געבעט־בוך איז „באָקאַטשיאָ"! אַרונטער מיט גאָט׳ס שטעל־פֿערטרעטער, וועלכער שאַכערט מיט קאַרדינאַלען־היטלען, וועלכער סמייעט ניט צו נעהמען דאָס הייליגע אָוועגד־מאָהל אין מויל אַריין, איידער אימיצער פֿערזוכט אַפֿריהער דערפֿון, וועלכער איז אַריינגעטהאָן מיט לייב און לעבען אין אונהייליגע גריכישע שריפֿטען, אין פֿיינע ציערונג, אין פּאָליטישע מאַנעווורעס און היימישע אינטריגעס, וועלכער קומט צו פֿאָהרען אין סאַמעט און אין זייד, רייטענדיג אויף זיין שטאָלצען נעאַפּאָליטאַנער פֿערד, מיט זיינע בלויז־קעפּיגע קאַרדינאַלען און זיינע הונדערטער גלאַנציגע רייטער. ער דער פֿאָרשטעהער פֿון דעם שוואַכען קריסטוס, וועלכער איז געפֿאָהרען אויף אַן עזעל און וועלכער האָט געזאָגט: „פֿערקויף וואָס דו האָסט און גיב עס אַוועק די אָרעמע לייט, און קום מיט מיר"! ניין," און די פֿייערדיגע ליידענשאַפֿט פֿון גערעכטיגקייט האָט געוואונען אַלע צוהערער זיינע, „ניין, כאָטש ער וואוינט אין וואַטיקאַן, כאָטש הונדערטער גרויסאַרטיגע בישאָפֿס ערנידעריגען זיך צו קושען זיינע פֿיס, דאָך זאָג איך דאָ גאַנץ אָפֿען, אַז ער איז אַ ליגען, אַ פּעטליע, אַן אָבגעקאַלכטער קבר, קיין בעשיצער פֿון די אָרעמע, קיין ליעבענדער פֿאָטער פֿון די יתומים, קיין גייסטיגער הערשער, קיין פּריידיגער פֿון קריסטוס׳עס לעהרע, נאָר דער אַנטי־קריסט אַליין."

„אַרונטער מיט דעם אַנטי־קריסט!" האָבען אויסגעשריען אַ פּאָר קאָרסיקאַנער האַלז־שניידער.

„אַרונטער מיט דעם אַנטי־קריסט!" האָט געליאַרעמט די מאַסע. דער לאַנג־אונטערדריקטער האַס צו דער הערשענדער מאַכט האָט אַצונד געפֿונען זיין וועג אין אַ גרויסער כוואַליע פֿון היסטערישער בעוועגונג.

„קאַפּיטאַן, טהו דיין פֿליכט!" האָט דער ריכטער אַ געשריי געטהאָן.

„ניין, דער גלח זאָגט דעם אמת. נעהם אַוועק דעם אַלטען מאַן, אַלעסאַנדראָ!"

„אָט אַפּנים רוים איז משוגע געוואָרען, צי וואָס? לויף נאָך די שטאָדט־וואַך, דזשאַקאָפּאָ!"

פּראַ דזשוזעפּע האָט שנעל צוגעבונדען דעם „פּרייז־באַנד" צו זיין קרייץ, און אויפהויבענדיג דאָס רויטע שטיק געוואַנד אין דער לופטען, האָט ער אויסגעשריען: „דאָס איז קריסטוס'עס אמת'ע פאָהן! דאָס איז דער סימבאָל פון אונזערע ברידער'ס מארטירערייי! זעהט, דאָס איז דער קאָליער פון'ם בלוט, וואָס ער האָט פערגאָסען פאַר אונז. ווער ס איז פאַר יעזוס'ן, זאָל געהן מיט מיר!"

„פאַר קריסטוס'ן, פאַר יעזוס'ן! וויווא זשעזו!" אַזוי ווי אַ קראַכענדער דונער האָט עס אויסגעבראָכען פון דער וויגענדער מאַסע. זיין אייגענער פייער האָט זיך נאָך מעהר פונאַנדערגעפלאַקערט, זעהענדיג זייער ברענענדע בעגייסטערונג.

„קומט מיט מיר! היינטיגען טאָג וועלען מיר וויזען, אַז מיר זיינען קריסטוס'עס ריכטיגע נאָכפאָלגער, מיר וועלען איינפיהרען זיין מלוכה אין רוים."

ס'איז געוואָרען אַ ווילדער געלויף, די זעלנער האָבען אָנגעטריבען זייערע פערד, מענשען זיינען געפאַלען אונטער זייערע פיס און צוטראָטען געוואָרען פון די שווערע פאָדקאָוועס זייערע. ס'איז געווען אַ מאָמענט פון וואַהנזין. דער דאָמיניקאַנער איז געלאָפען פאָראויס, בעוועגענדיג דאָס רויטע שטיק געוואַנד אין דער לופטען, און די צאָהל פון זיינע נאָכפאָלגער איז געוואַקסען און געוואַקסען ביי יעדען וייטען־געסעל, וואָס די פּראָצעסיאָן איז פערבייגעגאַנגען. אונגעשטערטערהייט איז ער צוגעקומען צו דעם גרויסען פּלאַץ, וואו אַ נייע סטאַטוע פון דעם פּאַבסט איז געשטאַנען און געבלישטשעט ווייס און מאַיעסטעטיש.

„אַרונטער מיט'ן אַנטי־קריסט!" האָט אַ געשריי געטהאָן אַ בייטעל־שניידער.

„אַרונטער מיט'ן אַנטי־קריסט!" האָט אָבגעקלונגען דערזעלבער געשריי פון דעם פעבעל.

דער גלח האָט אַ מאַך געטהאָן מיט דער האַנד און ס'איז געוואָרען שטיל. ער האָט דערזעהן דעם געלען בליאַסק פון אַ אידען'ס קאָפּ אין דער מאַסע און ער האָט איהם געבעטען, ער זאָל איהם געבען זיין היטעל. ס'איז איבערגעוואָרפען געוואָרען פון האַנד צו האַנד ביז וואַנען ס'איז געקומען צום פּריסטער. פּראַ דזשוזעפּע האָט עס אויפגעהויבען אין דער לופטען און געזאָגט: „מענער פון רוים, זיהן פון דער הייליגער קירכע, זעהט וואָס פאַר אַ שענדליכען צייכען מיר זעצען אַרויף אויף

אונזערע מיט־מענשען, כדי יעדער גראָבער יונג זאָל מעגען שפּייען אויף זיי. זעהט דאָס געלע — דער קאָליער פֿון שאַנדע, דער שאַנד־פֿלעק פֿון פֿרויען, וואָס האַנדלען מיט זייער פֿרויענשאַפֿט — מיט וואָס מיר בראַנדמאַרקען די ערווירדיגע שטערנס פֿון רבנים און די קעפּ פֿון ערליכע סוחרים. נאַט זעהט! איך טהו עס אָן אויף דעם קאָפּ פֿון דעם דאָזיגען אַנטי־קריסט, אַ סימבאָל פֿון אונזער האַס צו אַלעם, וואָס איז ניט ליעבע.״ און זיך אויפֿהויבענדיג אויף דעם קאַפּיטאַן׳ס זאָטעל, האָט ער בעקרוינט די סטאַטוע מיט דעם געלען צייכען.

אַ ים פֿון שפּאָט האָט זיך פֿונאַנדערגעגאָסען אין דער לופֿטען, ס׳איז געווען אַ פֿיעלפֿאַכיגער טומעל פֿון ווילדע קולות.

„אַרונטער מיט׳ן אַנטי־קריסט! אַרונטער מיט׳ן פּאַבסט! אַרונטער מיט באַטשיאָ וואַלאָרי! אַרונטער מיט דער פּרינצעסין טערעזאַ!״

נאָר אין אַ ווײַלע אַרום איז אַלצדינג איבערגעקעהרט געוואָרען מיט׳ן קאָפּ אַראָב און מיט די פֿיס אַרויף. אַ מחנה פֿון דער שטאָדט־וואַך — סאָלדאַטען מיט פּיקעס און מיט ביקסען און רייטער מיט שווערדען אין די הענד — זיינען אָנגעקומען אויף׳ן פּלאַץ פֿון איין גאַס, און דעם פּאַבסט׳ס זעלנער פֿון אַן אַנדער גאַס. מיט אַ ווילדער רציחה זיינען זיי אָנגעפֿאַלען אויף דער מאַסע. די סאָלדאַטען פֿון דעם רעוואָלטירענדען קאַפּיטאַן, וועלכע האָבען אַצונד פֿון זייער זייט רעוואָלטירט געגען זייער פֿיהרער, האָבען זיך אויסגעדרעהט און צוריקגעטריבען זייערע נאָכפֿאָלגער. ס׳איז געווען אַ מיש־מאַש פֿון קרעכצען, קוויטשערייען און מורא׳דיגע געשרייען, ביקסען האָבען אויסגעשאָסען, מעסער געבליצט, שווערדען און פּיקעס זיך בעוועגט רעכטס און לינקס; פֿונקען זיינען געפֿלויגען אין אַלע זייטען, די לופֿט איז פֿול געווען מיט רויך, און דער המון איז געלאָפֿען און געפֿאַלען און זיך קוים געראַטעוועט מיט׳ן לעבען, איבערלאָזענדיג די פֿייכט רויטע ערד, אָנגעוואָרפֿען מיט טויטע קערפּער.

און לאַנג נאָך איידער די צוזייטיגע לײַדענשאַפֿטען פֿון דעם נידעריגען פּעבעל האָבען זיך געזעטיגט מיט רויב און מאָרד אין די ווייטע, פֿערוואָרפֿענע גאַסען, איז יוסף דער טרוימער געלעגען אין דעם פֿינסטערסטען קעלער פֿון דעם „נאָנאַ טהורם״ אויף אַ שטיק צופֿוילטען מאַטראַץ, צונויפֿגעדרעהט אין זיין צוריסענעם בעשפּריינקעלטען מאַנטעל. דאָס בלוט איז איהם גערונען פֿון אַ דוצענד וואונדען אין זיין קערפּער און ער איז געווען אַזוי שטאַרק אויסגעמוטשעט פֿון דעם קאַמפּף מיט זיינע תלינים, אַז ער האָט ניט געקענט טראַכטען מכח דעם שיטערהויפֿען, וועלכער איז צוגעגרייט געוואָרען פֿאַר איהם.

## IX.

ער האָט לאַנג ניט געהאַט צו וואַרטען. געבען דעם עולם אין אַזאַ צייט דעם ספעקטאַקעל פון אַ הינריכטונג, האָט געהייסען בעקרוינען דעם קאַרנאַוואַל. אַבגע'משפט'ע פערברעכער פלעגט מען אָפט האַלטען ביז דעם דינסטאָג פאַר די פאַסט־טעג, און ווי שטאַרק איז געווען די ענטטוישונג, ווען ס'איז קיין אַנדער זאַך ניט געווען צו זעהן נאָר ווי מען שמייסט הויפּלייט, וועלכע מען האָט געכאַפּט מאַסקירטערהייט. דאָס שמייסען פון אַ אידען, וועלכען מען האָט געפונען אָהן דעם געלען צייכען, איז געווען די נעקסטע בעסטע זאַך בייצוואוואוינען נאָך דער הינריכטונג פון אַ קריסט, מחמת דער שמייסער האָט געקראָגען דאָפּעלט בעצאָהלט (אויף'ן חשבון פון דעם שולדיגען, פערשטעהט זיך,) און ער האָט געשמיסען מיט דאָפּעלטער קראַפט און מיט דאָפּעלטען חשק. נאָר בעסער פון אַלצדינג איז געווען צו זעהן די הינריכטונג פון אַ אידען. און אַז „ברודער" דזשוזעפּע איז געווען אַ איד, האָט גאָר קיין שום ספק ניט געקענט זיין. די איינציגע פראַגע איז בלויז געווען וואָס ער איז: אַ בעל־חרטה אָדער גאָר אַ שפּיאָן. אין יעדען פאַל האָט איהם געקומט דער טויט. און ער האָט דאָך דעם פאַבסט געמאַכט מיט דער בלאָטע צוגלייך — וואָס דאָס איז פאַר זיך אַליין אַן אונפערצייהליכע זינד. דער אונבעליעבטער פאַבסט האָט שכל געהאַט צו שאַנעווען אַלע אַנדערע — בלויז דער איד אַליין האָט געמוזט שטאַרבען.

גאַנץ פריה איז שוין די בעפעלקערונג געווען אויף די פיס. אויף דעם „פאָלקס־פלאַץ" — דער מיטעל־פונקט פון דעם קאַרנאַוואַל — וואו מען האָט אויפגעשטעלט דעם קאָסטיאָר, האָט זיך אַ גרויסער עולם געשפּאַרט און געראַנגעלט צו פערכאַפּען די בעסערע פּלעצער. דאָס איז אַן און פאַר זיך אַליין געווען אַ פרעהליכער, שפּאַסהאַפטער שטרייט. דער גרויסער פאָנטאַן האָט אַרויפגעשיקט זיינע בליצענדע זילבער־שפּריצען צום בלויען הימעל. אַז דער טויטען־וואָגען איז אָנגעקומען אויף'ן פּלאַץ, האָט דער פראָסטער עולם מקבל פנים געווען דעם פערברעכער מיט אַלערליי שמוציגע ליעדער, און זיינע ווילדע, פערצווייפעלטע אויגען האָבען בעגעגענט מעהר ווי איין פרעהליך און לוסטיג געזיכט פון די גופא, וועלכע זיינען ערשט מיט עטליכע שעה צוריק געווען זיינע נאָכפאָלגער;

און אויסגעמישט מיט די דאָזיגע געזיכטער, האָט ער אויך געזעהן די פנים'ער פון זיינע ברידער־אידען, וועלכע האָבען געגליהט מיט אַ פינסטערן רשעות'דיגען פייער. קיין שום ברודער גלח האָט ניט געהאַט פאַר איהם קיין איין טרייסט־וואָרט צו זאָגען, האָט ניט געהאַלטען דעם קרייץ פאַר זיינע אויגען. וואָרים איז ער דען ניט געווען אַ פערפלוכטער כופר, אַן אויסגעשטויסענער פון ביידע וועלטען?

דער עלצטער פון די „קאָפּאָריאָני" איז אַרונטערגעקומען צו דער צערעמאָניע. דער שייטער־הויפען איז געווען אַרומגערינגעלט פון סאָלדאַטען, מורא האָבענדיג טאָמער האָט נאָך דער פעררוקטער חסידים, וועלכע וועלען פיליכט מאַכען אַ פערזוך איהם צו ראַטעווען. נאָר די אַלע פאָרזיכטיגקייטען זיינען געווען איבעריג. ס'איז קיין איין געזיכט ניט געווען, וואָס זאָל אַרויסצייגען וואָס פאַר עס איז מיטגעפיהל פאַר איהם. די, וועלכע זיינען פריהער געווען בעצויבערט פון איהם און זיינען נאָכגעגאַנגען נאָך זיין קרייץ און זיין רויטען „פרייז־באַנד", האָבען אַצונד מיט אַ כיוון געמאַכט וואָס מעהר חווק פון איהם, מורא האָבענדיג מען זאָל זיי ניט דערקענען. די אידען, ווידער זיינען געווען מלא שמחה אויף גאָט'ס נקמה, וועלכע האָט געטראָפען דעם משומד.

דער דאָמיניקאַנער איד איז צוגעבונדען געוואָרען צו די הילצערנע באַלקענס, וועלכע זיינען געשטאַנען אין מיטען פלאַץ. זיי האָבען איהם אָנגעטהאָן אין אַ פילץ־מאַנטעל און אַרויפגעזעצט דאָס געלע היטעל אויף זיין אָבגעגאָלטען קאָפּ. אונטער דעם האָט זיין געזיכט אויסגעזעהן רוהיג, נאָר זעהר טרויעריג. ער האָט אָנגעהויבען ריידען.

„פערשטאָפּ איהם דאָס מויל!" האָט אַ געשריי געטהאָן דער ריכטער. „ער וויל שוין ווייטער לעסטערן גאָט."

„ניין, טהוט עס ניט," האָט זיך דערהערט אַ געבעט אין דער מאַסע' „מיר וועלען פערלירען דעם לומפ'ס געשרייען."

„ניין, האָב קיין מורא ניט. איך וועל קיינעם ניט לעסטערן," האָט זיך יוסף אָבגערופען מיט אַ טרויעריגען שמייכעל. „איך וויל זיך בלויז מתודה זיין אויף מיינע זינד און מקבל באהבה זיין מיין פערדיענטע שטראָף. איך האָב זיך פאָרגענומען צו געהן אין די פוס־טריט פון דעם הערר — צו געווינען מענשען דורך ליעבע, זיך ניט אויפהויבען מיט געוואַלט געגען שלעכטס. און וועה! איך האָב בענוצט געוואַלט געגען מיינע אַלטע ברידער, די אידען, און געוואַלט געגען מיינע נייע ברידער, די קריסטען. איך האָב אויפגערייצט דעם פאַבסט געגען די אידען, איך האָב אויפגערייצט די קריסטען געגען דעם פאַבסט. איך האָב געפיהרט

צו בלוט־פֿערגיסונג און צו געוואַלט־טהאַטען. בעסער וואָלט איך גאָרנישט געבוירען געוואָרען! זאָל מיך קריסטוס אויפֿנעהמען צו זיך און מיר שיינקען זיין אונענדליכע גנאָד! זאָל ער מיר פֿערגעבען אַזוי ווי איך פֿערגיב אייך!" ער האָט צונויפֿגעדריקט זיינע צייהן און מעהר קיין וואָרט ניט גערעדט, אַ בילד פֿון אונענדליכער פֿערצווייפֿלונג.

די פֿלאַמען האָבען זיך פֿונאַנדערגעפֿלאַקערט. זיי האָבען אָנגעהויבען סמאַליען זיינע גליעדער, אָבער זיי האָבען קיין שום קלאַנג ניט אַרויס־געריסען פֿון איהם. נאָר אין דער מאַסע האָט זיך דערהערט אַ געוויין. און פלוצלינג האָט זיך פֿון דעם אונבעמערקבאַרען הימעל אַרויסגעריסען אַ בליץ, ס'האָט אָנגעהויבען דונערן און באַלד נאָכדעם איז אַראָב אַ שרעקליכער גוס־רעגען. די פֿלאַמען זיינען פֿערלאָשען געוואָרען. דער שלאַגס־רעגען האָט אפילו ניט אָנגעהאַלטען לאַנג, נאָר דאָס האָלץ האָט שוין מעהר ניט געוואָלט ברענען.

אָבער דער עולם האָט ניט געטאָרט אָבגענאַרט ווערן אויף אַזאַ'ן אופן. אויף דעם ריכטער'ס בעפֿעהל האָט דער תליין אַריינגעשטאָכען אַ שווערד דעם פֿערברעכער אין בויך, דערנאָך האָט ער אָבגעבונדען דעם קערפּער און איהם געלאָזט אַרונטערפֿאַלען אויף דער ערד מיט אַ שרעקליכען קראַך. ער האָט זיך איבערגעקעהרט אויף'ן רוקען און איז אַ ווײַלע געבליבען ליגען רוהיג, מיט'ן ווייסען, אויסגעמאָגערטען פנים צום הימעל. דערנאָך האָט דער הענקער גענומען אַ האַק און צוהאַקט דעם טויטען קער־פּער אויף שטיקער. אַ טהייל האָבען ניט געקענט אויסהאַלטען און האָבען זיך אָבגעקעהרט אָן אַ זייט, נאָר די גרויסע מאַסע איז געבליבען שטעהן און געקוקט מיט אויסגעגלאָצטע אויגען אויף דער שוידערליכער סצענע.

דערנאָך איז אַ פֿראַנציסקאַנער גלח אַרויפֿגעשפּרונגען אויף'ן וואָגען, און פֿון דעם בלוטיגען שוידערליכען בוך, וואָס איז געווען אָפֿען פֿאַר אַלע אויגען, האָט ער געהאַלטען אַ פֿייערדיגע דרשה מכח קריסטוס'עס ליעבע און האָט פֿונאַנדערגעלאָזט דעם עולם אין ביטערע טרעהרען.

X.

ביי יוסף'ס פֿאָטער מנשה'ן אין הויז איז געווען ששון ושמחה. קלעזמער האָט מען געבראַכט צו פֿייערן דעם יום טוב פֿון דעם משומד'ס

טויט, ווי דער מנהג האָט געפֿאָדערט, און אַזויפֿיעל וואוילטאָג וויפֿיעל ס'איז נור על פּי דין ערלויבט געווען זיך אָנצוטהאָן, האָט מען דאָרט אין שטוב געקענט זעהן. און זיי האָבען געטאַנצט, מענער מיט מענער און פֿרויען מיט פֿרויען. מנשה האָט מיט אַן ערנסטער מיענע דערלאַנגט זיינע געסט פֿריכטע און וויין, נור די אַלטע מוטער האָט געטאַנצט אַזוי ווי אַ פֿעררינקטע; אַ געזעצטער שמייכעל איז געלעגען אויף איהר איינגעקאָרטשעטעם געזיכט, און אַלע ווײלע האָט זי אויסגעבראָכען אין אַ מורא'דיגען וואַהנזיניגען געלעכטער.

מרים איז אַנטלאָפֿען פֿון הויז, כדי ניט צו זעהן דעם דאָזיגען געלעכטער. זי איז אַרויס פֿון דער גהעטאָ און האָט אַרומגעוואַנדערט איבער די גאַסען פֿון רוים, ביז וואַנען זי האָט געפֿונען דאָס שטיק אונגעהייליגטע ערד, וואו די צוהאַקטע שטיקער פֿון יוסף דעם טרוימער זיינען ווי עס איז פֿערשאַרט געוואָרען אָן אַ זייט. דער הויפֿען שטיינער, וואָס פֿרומע אידען האָבען אָנגעוואָרפֿען אויף דעם אָרט, כדי מקים צו זיין אַ מצוה מן התורה און דן זיין דעם מסית ומדיח מיט סקילה, האָט מרים'ן גלייך געגעבען צו וויסען, אַז דאָס איז זיין קבר. זי איז שיער ניט דערשטיקט געוואָרען פֿון שלוכצען. איהרע אויגען זיינען פֿול געווען מיט טרעהרען, וועלכע האָבען פֿערשטעלט די שעהנקייט פֿון דער וועלט. אין אַ ווײלע אַרום האָט זי לעבען זיך דערזעהן נאָך אַן אָנגעבויגענע פֿיגור — אַ הערליכע פֿרויען־פֿיגור — און כמעט ניט אַ קוק געבענדיג אויף איהר, האָט זי דערקענט, אַז דאָס איז העלענאַ דע פֿראַנקי.

„אויך איך האָב איהם ליעב געהאַט, סיניאָראַ דע פֿראַנקי," האָט זי זיך אָבגערופֿען איינפֿאַך.

„ביסט דו מרים? ער פֿלעגט ריידען פֿון דיר." און העלענאַ'ס זיל־בערנע שטימע האָט געציטערט.

„יאָ, סיניאָראַ."

העלענאַ'ס טרעהרען האָבען זיך געגאָסען אָהן אַן אויפֿהער. „אַך! אַך! דער טרוימער. ער האָט געזאָלט זיין גליקליך — גליקליך מיט מיר, גליקליך אין דער פֿולקייט פֿון מענשליכער ליעבע, אין דעם ליכט פֿון דער זונן, אין דער שעהנקייט פֿון דער דאָזיגער הערליכער וועלט, אין דער פֿרייד פֿון קונסט, אין דער זיסקייט פֿון מוזיק."

„ניין, סיניאָראַ, ער איז געווען אַ איד. ער האָט געזאָלט זיין גליקליך מיט מיר, אין דעם שיין פֿון דער תורה, אין דעם רוהיגען פֿאַמיליען־לעבען, זיך אָבגעבענדיג מיט געבעט, מיט צדקה און מיט אַלע מעשים טובים. איך וואָלט איהם אָנגעצונדען די שבת־ליכט און אַרויפֿגעזעצט די

קינדערלאַך אונזערע אויף זיינע קניע, ער זאָל זיי בענשען. אַך! אַך! דער טרוימער!"

„ס'איז איהם ניט בעשעהרט געווען ניט דאָס איינע און ניט דאָס אַנדערע שיקזאַל, מרים. קום, גיב מיר אַ קוש, לאָמיר זיך טרייסטען איינע די אַנדערע."

זייערע ליפּען האָבען זיך בעגעגענט און די טרעהרען זייערע האָבען זיך צונויפגעמישט.

„פון היינט און ווייטער, מרים, זיינען מיר שוועסטער."

„שוועסטער," האָט מרים געשלוכצט.

זיי האָבען זיך אַרומגענומען איינע די אַנדערע — די נאָבעלע היידנישע זעעלע און דאָס וואַרעמע אידישע האַרץ אין איין אויסגוס פון געפיהלען איבער דעם קריסטוס'ס קבר.

פּלוצלינג האָט זיך דערהערט דער קלאַנג פון גלאָקען אין שטאָדט. מרים האָט אַ ציטער געטהאָן און האָט זיך אַרויסגעמאַכט פון העלענאַ'ס אָרעמס.

„איך מוז געהן," האָט זי אין איילעניש געזאָגט.

„ס'איז בלויז „אווע מאַריאַ", האָט העלענאַ געזאָגט. „דו האָסט דאָך ניט קיין אָבענד־געבעט צו זאָגען."

מרים האָט אָנגעריהרט דעם געלען צייכען אויף איהר קאָפּ. „ניין, אָבער די טויערן פון דער גהעטאָ וועלען זיך פערשליסען, שוועסטער."

„אַך, איך האָב גאָר פערגעסען. איך האָב געמיינט, אַז מיר וועלען פון היינט אָן שטענדיג קענען זיין אינאיינעם. איך וועל דיך בעגלייטען אַזוי ווייט ווי איך מעג, שוועסטער."

און זיי זיינען שנעל אַוועק פון דעם איינזאַמען, אונגליקליכען קבר, זיך האַלטענדיג פאַר די הענד.

די שאָטענס האָבען זיך אַרונטערגעלאָזען. ס'איז שוין כמעט געווען פינסטער, ווען זיי זיינען צוגעקומען צו דער גהעטאָ.

מרים האָט קוים אוספּייעט זיך אַריינצו'גנב'ענען אינעווייניג, ווען די טויערן האָבען זיך פערמאַכט מיט אַ שטאַרקען קלאַפּ, זיי צושיידענדיג איינע פון דער אַנדערער דורך דער לאַנגער, פינסטערער נאַכט.

# קאטאלאג

פון דער

# ראדיקאל פובלישינג קאמפאני.

---

## עדעלשטאדט'ס שריפטען

די לאנדאנער אויסגאבע פון עדעלשטאדט'ס ריהרענדע סקיצען איז יעצט פיעל שעהנער ווי די פריהערדיגע. אויך איז יעצט צוגעגעבען א נייע סקיצע „מיוזיק". פרייז בלויז 5 פענס, אין אמעריקא 10 סענט.

---

## א פינפפאכער מארד

דער פינפפאכער מארד איז קיין שונד ראמאן נאר א העכסט בעלעהרענדע שילדערונג פון דער ארבייטער בעוועגונג, געשריבען פון א בעוואוסטען ארבייטער פיהרער. פרייז 4 פענס, אין אמעריקא 10 סענט.

---

## באוושאווער'ס בילדער און געדאנקען

איז יעצט פערגרעסערט געווארען אויף 64 זייטען און איז העכסט ארטיסטיש געדרוקט אויף גוטען פאפיר. עס איז די שעהנסטע ווערק אין דער אידישער ליטעראטור. פרייז 5 פענס, אין אמעריקא 10 סענט.

---

## באוושאווער'ס ליעדער און געדיכטע

א נייע זאמלונג פון ליעדער, וועלכע זיינען ביז איצט נאך ניט געווען געדרוקט אין קיין בוכפארם. פרייז 5 פענס, אין אמעריקא 10 סענט.

---

## באוושאווער'ס פאעזיע און פראזא

א ביכעל 128 זייטען, ענטהאלט צוזאמען די „ליעדער און געדיכטע" און „בילדער און געדאנקען". פרייז 9 פענס, אין אמעריקא 20 סענט.

---

## זאלען זיך קבצנים מעהרען?

פערהייראטהע מענער וואס ווילען ניט ליידען קיין צרות דעם גאנצען לע־בען, פרויען וואס ווילען ניט קראנק זיין דעם גאנצען לעבען, זאלען קויפען דעם ביכעל. עס וועט זיי אויסהיטען פון ארעמקייט, פון קראנקהייט און פון אלעם בייז. פרייז אין ענגלאנד 1 פעני.

---

## די מענשליכע ענטוויקלונג

א זעהר בעלעהרענדע בראשורע איבער רעליגיאן פון דר. מאקס נארדוי, פרייז 1 פעני, אין אמעריקא 3 סענט.

# על נהרות בבל

פון אויסגעצייכענטע קריטיק איבער רעליגיאן פון גראף דע וואלניי. איבער־זעצט פון א. מאנענבוים. ענטהאלט 82 זייטען.

פרייז 5 פענס, אין אמעריקא 10 סענט.

# סימבאלישע פאסט קארדס

יעדער פריינד פון אויפקלעהרונג דארף פערברייטען דיזע פראכטפאלע פאסט קארדס, ווייל זיי זיינען דער בעסטער מיטעל פיר דער פראפאגאנדא. די בעסטע רעדע ווירקט ניט אזוי גוט ווי איינע פון דיזע קארטלעך. ביז יעצט זיינען ערשינען פאלגענדע:

„ויברא אלהים את האדם בצלמו", „הקב"ה מזווג זיווגים", „רוסישע טיראַניי און דער קאמפף פיר פרייהייט", „ניקאליי—דער מלאך השלום", „הונגער און לוקסוס", חמשה הרוגי מלכות", „די מענשהייט צווישען 2 גנבים", „דער איד אין דעם צוואנציגסטען יאהרהונדערט" און „לואי דער 16טער צו ניקאליי דעם לעצטען".

זיי זיינען פראכטפאל געדרוקט און קאסטען ביליג 1 פעני יע' ע.

# קאנאוואלאוו

איינע פון מאקסים גארקי'ס בעסטע ערצעהלונגען. ענטהאלט 72 זייטען. פרייז 5 פענס. אין אמעריקא 10 סענט.

# דער בראדיאגא

א זעהר אינטערעסאנטע ערצעהלונג פון בראדיאגע לעבען, פון מאקסים גארקי. פרייז 3 פענס, אין אמעריקא 6 סענט.

# דער מענש און זיין נשמה

א וויסענשאפטליכע אבהאנדלונג איבער דעם וואס מיר רופען נשמה פון דר. אינגערמאן. פרייז 3 הייפענס, אין אמעריקא 3 סענט.

# גאט, רעליגיאן און מאראל

א קריטיק איבער רעליגיאן פון פיליפ קראנץ. פרייז 2 פענס, אין אמעריקא 5 סענט.

# גלויבען און פערנונפט

פון דזשאהן מעסליע. איינער פון די וואונדערבארסטע ביכער, וועלכער ענטהאלט א בריליאנטענע קריטיק איבער די ווידערשפריכע און אבער־גלויבען פון דער רעליגיאן, געשריבען פון א גלח העכער 2 הונדערט יאהר צוריק. אזעלכעס, וואס איז נאך אין דער אידישער שפראך ניט געווען.

אלע בעשטעלונגען צו אדרעסירען

RADICAL PUBLISHING CO., 71, Hanbury St., Spitalfields, LONDON, E.



אוריאל אקאסטא.

# III.

# אוריאל אקאסטא.

# אוריאל אקאסטא.

## ערשטער טהייל.

## גבריאל דא קאסטא.

### I.

גבריאל דאַ קאָסטאַ האָט לאַנגזאַם אַ שטויס געטהאָן זיין פֿערד מיט די שפּאָרען, און אַרונטערגעריטענדיג די לאַנגע ברייטע גאַס, בעזעצט מיט קאָרקען־בוימער, האָט ער זיך געסטאַרעט אַרויסשלאָגען פֿון קאָפּ די מוטשענדע גייסטיגע פּראָבלעמען זיינע, איבערלאָזען די טהעאָלאָגיע הינטער זיך מיט די מאָנאַסטירען און די קירכען פֿון דער שטאָדט פּאָרטאָ. ער האָט געריטען מיט חן און מיט פֿייער, אָט דער שעהנער יונגער מאַן מיט די גליצענדע אויגען און מיט די שוואַרצע האָר, וואָס זיינען איהם אַרונטערגעפֿאַלען איבער'ן זיידען רעקעל; אָט דער רייצענדער יונגער מאַן, וועמען אַ פּאָעט וואָלט גענומען אַלס בילד פֿון דעם ליידענשאַפֿטליכען פֿריהלינג פֿון די דרום־לענדער, נאָר אין וועמעס זעלע גופא דער וואַרעמער בלויער הימעל פֿון פּאָרטוגאַל, די ווייסע קוויטעלאַך פֿון די מאַנדעל־בוימער, די איידעלע ריחות פֿון די פֿרישע, שפּראָצענדע בליטהען, און דער פֿרעהליכער געזאַנג פֿון די פֿויגעלאַך — אין וועמעס נשמה אָט דאָס אַלעס האָט ערשט אויף צו'ן אמת'ן אַרויסגערופֿען אַ שטורמדיגען ים פֿון רעיונות.

ניין; ס'איז אונמעגליך געווען צו גלויבען, אַז דערמיט וואָס ער איז זיך אָפּט מודה אויף זיינע זינד, ווי די קירכע הייסט, קען ער טאַקי דערגרייכען צו אַ פֿולע פֿערגעבונג. אויב ס'וואָלט מעגליך געווען צו

ראַטעווען די נשמה בלויז דורך געוויסע, בעשטימטע וועגען, טאָ פאַרוואָס ישע זאָלען זיין אַזעלכע, וועלכע זיינען זיך גאָר מיאוש און האָפען גאָר אויף קיין שום רעטונג ניט? און ווער ווייס? אפשר איז ער ווירקליך פעראורטהיילט צו אייביגער פערדאַמונג, טאקי מחמת זיינע צווייפלען גופא, ניט קוקענדיג דערויף וואָס ער היט אָב פינקטליך און מעכאַניש זיין גאָטעס-דיענסט! אָה, וואו נעהמט מען אַן ערלייזער — אַן ערלייזער פון די פראַגען און צווייפלען, וועלכע פערוואַנדלען די הערליכע דונקעלהייט פון די קירכען אין אַ פינסטערניש פאַר דעם געפאַנגענעם גייסט! די דאָזיגע פערפלוכטע יעזואיטען, וועלכע פערביטערן דאָס לעבען מיט זייער מורא'דיגען פאַנאַטיזם פון אַ נייעם אָרדען! זיין בלוט האָט אין איהם געקאָכט, ווען ער האָט געטראַכט מכח זייערע כיטראָסטען, זייערע פינ־סטערע מעשים, און אַריינלייגענדיג די האַנד אין זיין לעדערנעם בייטעל, וואו עס זינען געהאַנגען צוויי אָבגעזילבערטע פיסטאָלעטען, בעצייכענט מיט זיין נאָמען, האָט ער אַרויסגענומען איינעם פון זיי און האָט זיך געצילעוועט אין אַ פויגעלע, וואָס איז געשטאַנען אויף אַ צווייג, זיך צו־פרידענשטעלענדיג מיט דער נאַרישער פאַנטאַזיע, אַז דאָס שיסט ער אויף א י ג נ אַ ץ ל אָ י אָ ל אַ, דעם פאָטער פון דעם יעזואיטיזם. נאָר כאָטש ער איז געווען אַ גוטער און זיכערער שיסער, האָט ער קיין האַרץ ניט געהאַט צו הרג'ענען אַ לעבעדיגען נפש, און שנעל ווי אַ פייל פון בויגען, האָט ער אויסגעדרעהט זיין פיסטאָל און אויסגעשאָסען אין דעם צווייג, איהם אַרונטערהאַקענדיג פון בוים.

פאַרוואָס האָט זיין פערשטאָרבענער פאָטער איהם אַנגעזאָגט, ער זאָל שטודירען דעם גלויבען? אמת, אַז פאַר אַ רייכען יונגען מאַן פון דעם העכערען מיטעל-קלאַס איז דאָס געווען דער איינציגער וועג פון אויס־צייכנונג, אַ מיטעל ווי אַזוי אָנצושפּאַרען אין די הויכע פענסטער פון דער אַריסטאָקראַטיע—און וועמעס שולד איז דאָס געווען, אויב ניט זיינע אַליין, וואָס זאָגאָר נאָכדעם ווי ער האָט שוין גענומען צווייפלען, האָט ער פונ־דעסטוועגען אָנגענומען אַ האַלב-גלח'ישען אַמט, אַלס אויבער-קאַסירער פון אַ רעליגיעזען סעמינאַר? אָבער ווי אַזוי האָט ער געקענט פאָראויסזעהן, אַז די דאָזיגע יוגענדליכע אונרוהיגקייט וועט ניט נור ניט איינגעשטילט, נאָר נאָך פערשטאַרקט ווערן דורך זיין פערטיעפען זיך אין לערנען און אין געבעט? מערקווירדיג! אַלע אַרום איהם, סיי אין סעמינאַר און סיי אין קירכע, זיינען פול מיט גלויבען און פריעדען און רוה; בלויז ביי איהם אין דער נשמה ליגט אַ געהיימע אונרוהיגקייט און אַן איינגעהאַלטענע

געהרונג, וואָס קיין שום זיסע מוזיק פֿון די פֿרישעסטע אינגעל־שטימען קען ניט בערוהיגען.

פֿלוצלינג האָט ער דערפֿיהלט, ווי זיין פֿערד הויבט אָן געהן לאַנג־זאַמער, און ער האָט אַ היבשע ווײַלע בענוצט זיינע שפּאָרען אומזיסט און אומנישט, ביז וואַנען ער האָט זיך אומגעקוקט, אַז ער איז צוגעקומען צו אַ משופּע'דיגען ברעג פֿון אַ שמאָלען קאַנאַל און אַז דעם פֿערד'ס זייטען זיינען פֿערפֿלעקט מיט בלוט. גלייך אויף'ן שטעל זיינען די אויגען זיינע פֿייכט געוואָרען מיט טרעהרען.

„פּאָברע!" (אָרעמער!) האָט ער אַ געשריי געטהאָן, אַרונטערשפּרינגענדיג פֿון זאָטעל און גלעטענדיג צערטליך דעם פֿערד פֿאַר די נאָזלעכער. „כ'האָב שטענדיג מורא געהאַט, איך זאָל ניט פֿערשעהמט ווערן פֿאַר מענשען אין די אויגען, נאָר ס'איז אַסך ערגער פֿערשעהמט צו ווערן פֿאַר זיך אַליין."

און פֿיהרענדיג זיין פֿערד פֿאַר'ן צוים, האָט זיך דער יונגער רייטער אומגעקעהרט צוריק אין שטאָדט, דורך געדרעהטע גראָזיגע שטעגען, בעדעקט מיט רויטליבע ווינד־בלומען און אַרומגעזוימט מיט גראָע אָליווען־ביימער. דאָ און דאָרט האָט זיך געזעהן דער לעבעדיגער גלאַנץ פֿון אָראַנזשען, אַרויסקוקענדיג פֿון אַ טיעפֿען ים פֿון גרינע בלעטער, וועלכע האָבען פֿערוואַנדעלט דעם הימעל אין אַ טויזענד בלויע פֿלעקען.

II.

אַז ער איז צוגעקומען צום מאַרק, פֿון וואַנען די שטאָדט האָט אָנגעהויבען געהן באַרג־אַרויף, האָט ער זיך צוריק אויפֿגעזעצט אויף'ן פֿערד; נאָר דער וועג איז געווען פֿערשפּאַרט, מחמת ס'איז געווען אַ מאַרק־טאָג, און דער גרויסער פּלאַץ, אַרומגעזוימט מיט אַ זיילענגאַנג, וואָס האָט געדיענט אַלס באַזאַר, איז געווען געדיכט אָנגעשטעלט מיט טישלאַך, וועמעס ווייסע לייווענטענע דעכלאַך האָבען אָבגעשלאָגען מיט אַ זיסער קיהלקייט געגען דעם פּאַרענדען בלויען הימעל און די פֿלאַמענדע קאָסטיומען פֿון די בויערן, וועלכע זיינען זיך צונויפֿגעקומען פֿון די אַרומיגע דערפֿער. דורך אַ ווינקעל פֿון דעם מאַרק האָט מען געקענט אַרויסזעהן פֿערשיעדענע בוימער און דעם פֿרישען גלאַנץ פֿון דעם טייך. ס'האָט גערוישט און געקאָכט פֿון די הונדערטער קולות, מיט וועלכע דער מאַרק

איז געווען פול. ביים אַריינגאַנג פון באַזאַר, וואו אַלטע ווייבער האָבען פערקויפט בלומען און אַלערליי פרוכט, האָט גבריאל איינגעהאַלטען זיין פערד.

„ווי גליקליך אָט די איינפאַכע זעלען זיינען דאָס!" האָט ער זיך געטראַכט. „ווי זיכער זיי זיינען דאָס מיט זייער רעטונג! צעהלען זייערע פאַטשערקעס און פרעפלען זייערע תפלות; דאָס איז דאָך אַלץ וואָס זיי דאַרפען. יענער פישער דאָרט, מיט זיינע גרויסע גאָלדענע אוירינגלאַך, וועלכער וואַרפט זיינע נעצען און לאַפּטשעט זיין יפה־פיה און שכור'ט מיט זיינע חברים, האָט מעהר פאַר וואָס צו דאַנקען די הייליגע איידער איך אומגליקליכער, וואָס כאָטש איך בין געבענשט מיט רייכטהום, בין איך אָבער פערשאָלטען זיך צו פיהלען איינזאַם, און מיט מיין גאַנצער ליעבע צו מיינע מיט־מענשען, ווייס איך אָבער, אַז זיי זיינען בלויז אַ סטאַדע פון שאָף. גאָט'ס שעפסען, וואָס זיינען נאַריש און טויב צו דעם געשריי פון זייער אמת'ן פאַסטוך, און וועלכע ווערן פערפיהרט פון גלח'ישע וועלף."

אַן אָרעמער קאַליקע האָט איהם איבערגעשלאָגען די רעיונות בעט־טענדיג ביי איהם אַ נדבה. ער איז געווען אַזוי אָבגעריסען און זיין קול אַזוי וויינענדיג, אַז גבריאל'ן איז פאַר רחמנות אַריבער אַ שוידער איבער'ן לייב, און דערלאַנגענדיג דעם בעטלער אַ זילבערנע מטבע האָט ער זיך ווידער אַמאָל פערטיעפט אין אַ נייעם ים פון געדאַנקען מכח דעם סוד פון ליידען.

„דיינע קרייטיכער זיינען אויך אויספערקויפט!" האָט זיך דערהערט דער מורמעל פון אַ פרעהליכער גוט־בעקאַנטער שטימע, און אומדרעהענדיג דעם קאָפּ, האָט גבריאל געזעהן, אַז דער דיקער אַלטער מאַן, וואָס איז געזעסען אויף אַ מויל־עזעל און געדעדט צו דער איינגעקאָרטשעטער מאַרק־פרוי, איז ווירקליך געווען דאָס דיעגאָ דע באַלטהאַסאַר, געוועזענער פראָפעסאָר פון לאָגיק אין דער אוניווערזיטעט פון קאָימבראַ, וועלכער האָט זיך ניט לאַנג צוריק בעזעצט אין פאָרטאָ אַלס דאָקטאָר.

„יאָ, נאָך פאָרמיטאָג!" האָט די אַלטע פרוי געענטפערט מיט אַ ברומענדען טאָן. „גאַנץ פאָרטאָ איז היינט עפּעס אַזוי ווי אויסגעהונגערט נאָך ביטערע קרייטיכער. אָבער דאָס איז כמעט אַלע יאָהר אַזוי אַרום פסח־צייט, כאָטש איך אַליין בין גאָרניט פערליעבט אין דעם כאָרט סאַלאַד."

„נאַטירליך. די קרייטיכער זיינען גוט צום בלוט," האָט דאָס דיעגאָ

געלאַכט, בעמערקענדיג בעת מעשה גבריאל'ן, „און דו האָסט קיין בלוט ניט, גוטע פרוי."

ס'האָט כמעט אויסגעזעהן אַזוי ווי דער פּראָפעסאָר וואָלט אַ וואונק געטהאָן מיט'ן אויג, און דער יונגער רייטער האָט געענטפערט מיט אַ ליעבליכען שמייכעל אויף דעם דאָקטאָר'ס ווייץ.

„זיינען די, וואָס עסען די קרייטיכער, הייסט עס, געשייט," האָט ער זיך אָבגערופען.

„נאָך ווי! די איינציגע געשייטע מענשען אין פּאָרטוגאַל," האָט גע־ענטפערט דאָס דיעגאָ, איבערבייטענדיג זיין שפּראַך אויף לאַטיין, נאָר אימער מיט דעם זעלבען שמייכעל. „און דאָס איינציגע גוטע בלוט, דאַ קאָסטאַ," האָט ער צוגעלייגט, איצט שוין מיט אַ זיכערן וואונק. נאָר דאָס מאָל האָט גבריאל ניט פערשטאַנען וואָס ער מיינט.

„דאָס איינציגע גוטע בלוט?" האָט ער ווידערהאָלט. „דו האַלסט אַלזאָ מיט די טראַפּיסטען, אַז פליש איז אַן איבעל?"

אַ מאָדנער בליק איז דורך אַזוי ווי אַ בליץ פערביי דעם דאָקטאָר'ס געזיכט, וואָס האָט זיך מיט אַמאָל געביטען אין קוליער, און כאָטש זיין שמייכעל האָט זיך תיכף אויף'ן שטעל אומגעקעהרט צוריק, האָט עס אָבער אויסגעזעהן אַזוי ווי דאָס וואָלט געשעהן מיט געוואַלד.

„אין אַ געוויסער מאָס יאָ," האָט ער געענטפערט. „צופיעל פליש רופט אַרויס קאַפּריזען און צורייצט די בלוטען. מחמת דעם האָט די היילינע קירכע געמאַכט די פאַסט־טעג. זי איז אונז, דאָקטוירים, גאָר קיין פריינד ניט. אַדיע!" און ער האָט זיך אַוועקגעיאָגט אויף זיין מויל־עזעל, צוואַרפענדיג דעם יונגען רייטער אַ לאַבענדען ווי־געזונד.

נאָר גבריאל איז אַרומגעפאָהרען דעם מאַרק און דערנאָך האָט ער זיך אַריינגעלאָזט אין שטאָדט אַריין, פערטיעפט אין זיינע מחשבות. ער האָט געפיהלט, אַז דאָ מוז עפּעס זיין אַ געהיימניס, און דאָס דאָזיגע געפיהל האָט איהם שטאַרק געמאַטערט; און שפּעטער, ריידענדיג מיט אַ גלח פון דעם סעמינאַר, האָט ער איהם דערצעהלט דעם גאַנצען גע־שפּרעך, וואָס ער האָט געהאַט מיט'ן דאָקטאָר.

III.

אין אַ וואָך אַרום האָט ער געהערט אין שטאָדט, אַז דאָס דיעגאָ דע באַלטהאַסאַר איז אַרעסטירט געוואָרען דורך דער אינקוויזיציע אויף דעם חשד, אַז ער איז אַ איד. די נייעס האָט איהם דורכגענומען אַסך מעהר איידער יענער געפֿיהל פֿון שרעק, וואָס פֿלעגט דורכדרינגען די ברוסט פֿון זיינע מיט־בירגער, בעת זיי האָבען געהערט מכח די עקשנות פֿון אַ שמוּ־ציגען אַפיקורוס. ער האָט זיך אַצונד דערמאָנט, אַז די בלוט־הינד פֿון דער הייליגער אינקוויזיציע האָבען געהאַט פֿיער און דרייסיג וועגען, ווי אַזוי צו דערשמעקען דעם פֿערבאָרגענעם אידען, און אַז איינע פֿון די דאָזיגע שפּורען איז געווען: „אויב ער פּראַוועט דעם ס ד ר, עסענדיג ביטערע קרייטיכער און גרינעם סאַלאַד". נאָר דער שווידער, וואָס דער געדאַנק וועגען דעם אידען פֿלעגט אַמאָל אַרויסרופֿען אין איהם, איז איצט, צו זיין אייגענער איבערראַשונג, פֿערביטען געוואָרען אויף אַ געפֿיהל פֿון געהיימער סימפּאַטהיע. אין זיין לאַנגזאַם צייטיג געוואָרענעם, זעלבסט־ענטוויקעלטען סקעפּטיציזם, האָט ער גאָר פֿערגעסען, אַז אַ גאַנצע ראַסע איז געבליבען פּ ר אָ ט ע ס ט אַ נ ט י ש פֿון דער ערשטער מינוט, פֿערוואַר־פֿענדיג אום יעדען פּרייז דעם גרונד־שטיין פֿון דער קריסטליכער אמונה. און אָט די ראַסע — האָט ער זיך פּלוצלינג דערמאָנט, און ס'האָט איהם בעת מעשה אַ צופּ געטהאָן ביים האַרצען און דאָס בלוט האָט אין איהם אָנגעהויבען מאָדנע צו קאָכען — די דאָזיגע ראַסע איז אַמאָל געווען זיין אייגענע! אָט די טהאַטזאַך, וועלכע האָט געלויערט אין דעם הינטער־גרונד פֿון זיין בעוואוסטזיין, אָקוראַט ווי אַ פֿעריאָגטער אָנדיינקען פֿון אַן אַלטער שאַנדע, איז אַצונד אַרויסגעשפּרונגען, שטאַרק און זיכער ביי זיך. די ווייטע, גאַנץ ווייטע שאָטענדיגע פֿיגורען פֿון יענע נידעריג־געבאָרענע אור־זיידעס זיינע, וועלכע האָבען געדאַוועגט אין די אַלטע שוהלען אין יענע צייטען, פֿאַר דעם ג ר ו י ס ע ן ג י ר ו ש, האָבען אַראָבגעטרייסעלט פֿון זיך דעם שטויב פֿון אַ הונדערט יאָהרען און זיינען געשטאַנען פֿאַר איהם פֿעסט, העלדיש, פֿאָדערנדיג זייער רעכט.

און דאַן, זיך דערמאָנענדיג אָן דעם יקרות אויף ביטערע קרייטיכער אין מאַרק, וואָס האָט זיך גענומען, ווי ער האָט אַצונד פֿערשטאַנען, דערפֿון וואָס עס איז געווען ערב פּסח, — איז איהם מיט אַמאָל קלאָהר

געוואָרען, אַז עס איז פֿאַרהאַן אַ גרויסע געהיימע אידישע קהילה, וועלכע לעבט און ווירקט אונטער דעם גאַנצען אויסערליכען לעבען פֿון קירכע און שטאַאַט; אַ געזעלשאַפֿט, דורכדרונגען מיט יודענטהום, וואָס האַלט זיך אויף פֿעסט און אייביג, ניט קוקענדיג אויף די מורא'דיגע רדיפֿות, וואָס זי האָט אויסצושטעהן; אַ געזעלשאַפֿט, ניט אין צואוואָרפֿענע יחידים, אַזוי ווי די אינקוויזיציע שפּיאָנירט אויס, נאָר אין געמיינדען, וועלכע קענען ניט אויסגעוואָרצעלט ווערן. איצט איז איהם קלאָהר געוואָרען, אַז דער אונפֿאָרזיכטיגער דאָקטאָר האָט דערפֿאַר געוואַגט איהם צו אונ־טערהאַלטען מיט זיינע דורכזיכטיגע וויצען, מחמת ער האָט אַ טעות געהאַט און געמיינט, אַז אויך ער איז אַ מיטגליעד פֿון דער אידישער קהילה. „גרויסער גאָט!" האָט זיך דאַ קאָסטאַ געטראַכט, און ס'איז איהם איינפֿאַך שפּל געוואָרען אויף'ן האַרצען, ווען ער האָט זיך דערמאָנט אָן דעם „אויטאָ־דאַ־פֿע", וואָס ער האָט געזעהן אינגעלוויז אין דער שטאָדט ליסאַבאָן, ווען דער אידיש־פֿראַנציסקאַנער מאָנאַך דע לאַ אַסונטשאַאָ, אָנגעטהאָן אין זיין גלח'ישען מאַנטעל, איז פֿערברענט געוואָרען לעבעדי־גערהייט אין די אויגען פֿון דעם קעניג און דער קעניגין, די הויפֿלייט און דעם ווילדען המון. „צי האָט ניט אַקאָרשט מיין געשיכטע, וואָס איך האָב דערצעהלט דעם „ברודער" זשאָזע, געפֿיהרט צו דאָס דיעגאָ'ס אַרעסט? אָבער ניין, דאָס וואָלט דאָך אָהן צווייפֿעל געווען אַ קליינער בעוויז, און יעדענפֿאַלס צווייִדייטיג און צווייפֿעלהאַפֿט." און ער האָט פֿערטריבען פֿון זיך דעם שמערצליכען חשד און איז געלאָפֿען אַהיים, וואו ער האָט זיך פֿערשפּאַרט אין זיין צימער, נאָכדעם ווי ער האָט אַרונטערגעשיקט מיט פּעדראָ'ן, דעם שוואַרצען משרת זייערן, עפּעס אַ תירוץ צו זיין מוטער און זיין ברודער, פֿאַרוואָס ער קען ניט פֿערבריינגען מיט זיי אינאיינעם.

גבריאל'ס שטודיר־צימער איז געווען איינער פֿון די שעהנסטע חדרים אין דעם הערליכען הויז דאָרט אויף'ן שפּיץ באַרג, וואָס דער זיידע זיינער האָט אויסגעבויט און וואָס איז געווען פֿערציערט מיט פֿיינע שייבעלאַך און פֿיעל־פֿאַרביגע שטיקלאַך האָלץ, וועלכע זיינען אַריבערגעבראַכט געוואָרען פֿון בראַזיליען. די פּאָדלאָגע און די ווענד פֿון'ם צימער זיינען געמאַכט געווען פֿון הערליכע, קאָליערטע ציגעל, די אויסגעבויגענע סטעליע איז געווען בעשלאָגען מיט פֿיין־פּאָלירטע האָלץ און האָט אויסגעזעהן אַזוי ווי אַן אויסגעשיילטער האַלבער אָראַנזש. טהייערע פֿאָרהאַנגען האָבען פֿערהאַלטען דעם גערויש פֿון דרויסען, ער זאָל ניט אַריינקומען אינעווייניג, און גרויסע לאָדענס האָבען, ווען ס'איז נייטיג געווען, פֿערשטעלט דעם בלענדענדען שיין פֿון דער זונן. בלויז די שטראַהלען פֿון דער פֿערנונפֿט

האָבען ניט געקענט אויסגעשלאָסען ווערן, און גראָד אין דעם דאָזיגען רוהיגען און פריעדליכען אָרט האָט דער יונגער קאַטהאָליק דורכגעמאַכט זיינע ביטערסטע שטונדען פון אונרוהיגקייט. און דאָ האָט ער זיך אַצונד מיט חשק גענומען צום אַלטען טעסטאַמענט, צום תנ"ך, וועלכען ער האָט ביז דאַן, אַזוי ווי די קירכע, פערנאַכלעסיגט.

„דאָס דאָזיגע בוך, וויינינגסטענס, מוז דאָך זיין וואָהר," איז איהם דורכגעלאָפען אַ געדאַנק אין מוח. „וואָרים פון אָט דעם אַלטען טעסטאַמענט האַלטען דאָךביידע אמונות, וועלכע רייסען זיך אַרום מכח דעם נייעם." ער האָט געהאַט אַ לאַטיינישען תנ"ך, און ראשית האָט ער אויפגעמישט דאָס דריי און פופציגסטע קאַפיטעל פון ישעיה, און לייענענדיג עס מיט אַ קריטישען בליק, האָט ער מיט אַמאָל דערזעהן, אַז אָט די אַלע פסוקים, וועלכע ער האָט פריהער אָנגענומען אַלס אָנדייטונגען וועגען אַ משיח, קענען פאַראויסזאָגען גאַנץ אַנדערע און אַסך פערנינפ־טיגערע זאַכען. און ביז שפּעט נאָך האַלבע נאַכט האָט ער געלייענט די נביאים, מיט פלאַמענדע באַקען און בליצענדע אויגען, אַזוי ווי איינער, וואָס איז שכור פון נייעם ווייז. וואָס פאַר הערליכע וואַהרהייטען, וואָס פאַר שטרעבונגען נאָך פריעדען און גערעכטיגקייט, וואָס פאַר אַ טרומ־פייטען־רוף אין קאַמפף פאַר רעכט!

ער האָט אַ ציטער געטהאָן ביי דעם געשריי פון עמוס: „נעהם אוועק פון מיר דעם רויש פון דיינע ליעדער, וואָרים איך וויל ניט הערען די מוזיק פון דיינע פיאָלען. און זאָלען לויפען ווי פליסענדעס וואַסער די ווערטער פון משפט, און די צדקה ווי אַ מעכטיגער שטראָם." און ביי דער פראַגע פון מיכה: „וואָס בעט דען דער האַר אין הימעל מעהר ביי דיר ווי נאָר דו זאָלסט האַנדלען גערעכט און ליעב האָבען מיטלייד און זיין בעשיידען מיט דיין גאָט?" יאָ, גערעכטיגקייט און מיטלייד און בעשיידענהייט — ניט קיין „פאָטער־אונזער'ס" און תשובות. ער איז אומ־צוגאַנגען אין טרעהרען, אין הימעל האָט ער זיך אויפגעהויבען פון בע־גייסטערונג.

ער האָט געמישט צוריק און זיך אומגעקעהרט צו תורת משה, צו די מילדע בעפעהלען פאַר דעם אָרימאַן, דעם גר, די חיה. „ואהבת לרעך כמוך — ליעב דיין מיטמענשען ווי דיך זעלבסט." „דו זאָלסט מיר זיין אַ הייליג פאָלק."

פאַרוואָס האָבען זיך זיינע אור־עלטערן אָבגעריסען פון דעם דאָזיגען גרויסען פאָלק, וועמעס אמונה איז אַמאָל געוועזן אַזוי ערהאַבען און אַזוי איינפאַך? ער האָט געהערט וואָס עס איז מכח די מורא'דיגע טראַגעדיעס

פֿון דעם גרויסען גירוש, ווען די דאָזיגע איינגע'עקשן'טע אידען האָבען קיין אַנדער ברירה ניט געהאַט נאָר אָנגעהמען דאָס קריסטענטהום אָדער אַרויסגעטריבען ווערן פֿון לאַנד; נאָר איצט האָט ער מיט חשק געזוכט אין זיין ביכער־שאַפֿע, פֿיליכט וועט ער געפֿינען עפּעס אַ געשיכטע פֿון יענע פֿינסטערע טעג פֿון טאָרקוועמאַדאַ'ס הערשאַפֿט. די היסטאָריקער פֿון פּאָרטוגאַל האָבען ווייניג וואָס געבראַכט מכח דעם, נאָר דאָס ווייניגע האָט פֿונדעסטוועגען אָנגעפֿילט זיין מוח מיט שרעקליכע בילדער פֿון יענעם גירוש — הונגער, די מגפֿה, רויבעריי, אויסשלאַכטונג, די פֿערגוואַלטיגונג פֿון יונגע מיידלאַך.

און דאָס אַלעס צוליעב די האַרטנעקיגע אַמביציע פֿון אַ פּאָרטוגעזישען קעניג, וועלכער האָט זיך פֿאָרגענומען צו געוועלטיגען איבער שפּאַניען, זיך פֿעראייניגענדיג מיט אַ שפּאַנישער פּרינצעסין — אַן אַמביציע וועלכע איז פּונקט מיט אַזאַ האַרטנעקיגקייט פֿערניכטעט געוואָרען דורך דער איראָניע פֿון דער געשיכטע. ניין, זיי זיינען ניט געווען אונפֿערצייהליך, יענע אור־זיידעס זיינע, וועלכע זיינען געבליבען הינטערשטעליג אין די אָרעמס פֿון דער קירכע. צי האָבען זיי אָבער געקענט זיין אמת'ע קאַטהאָליקען, יענע מאַראַנען אָדער נייע קריסטען? האָט ער זיך געפֿרעגט. מילא, וואָס זיינע אור זיידעס זאָלען ניט האָבען געפֿיהלט, נאָר זיין פֿאָטער'ס גלויבען איז געווען אויפֿריכטיג און ערנסט געגוג — אין דעם האָט ער ניט געקענט צווייפֿלען. ער האָט זיך דערמאָנט אָן די לאַנגע יאָהרען פֿון רעליגיעזע צערעמאָניעס; די קינדערשע זכרונות וועגען דער פֿרומקייט פֿון די עלטערן. ניין, די פֿאַמיליע דאַ קאָסטאַ האָט זיך ניט געצעהלט צווישען די מיטגליעדער פֿון דער געהיימער קהילה. און איהם האָט זיך געוואָלט גלויבען, אַז אפֿילו די אור־עלטערן זיינע זיינען אויך ניט געווען קיין צבוע'יאַקעס; וואָרים אַזוי ווייט ווי איהם איז געווען בעקאַנט, זיינען זיי אַריבער צו דער קאַטוילישער קירכע נאָך פֿאַר'ן גירוש; על כל פּנים איז ער צופֿריעדען געווען וואָס ער האָט ניט אָבגעשטאַמט פֿון מענשען אָהן מוטה און איבערציינונג. געלויבט איז גאָט, די דאַ קאָסטאַס זיינען ניט געווען קיין פֿייגלינגע! און ער—ער איז אויך ניט קיין פֿייגלינג, האָט ער זיך געטראַכט ביי זיך.

# IV.

אויף מארגען אין דער פריה, כאטש ס'זיינען אריבער ניט מעהר ווי עטליכע שטונדען פון שלאפען, דאך איז דער ענטהוזיאזמוס פון דער נאכט אביסעל אבגעקיהלט געווארען. „פון וואנען האט זיך גענומען משה'ס בעגייסטערונג?" איז איהם דורכגעפלויגען אין מוח כמעט אזוי גיך ווי ער האט נור אויפגעעפענט די אויגען און א קוק געטהאן אויף דער ליכטיגער, מיט זונען־שטראהלען בעגאסענער וועלט. ער האט געעפענט דאס פענסטער פון זיין שלאפצימער, א שטראם פון פרישע, געשמאקע לופט איז אריין אינעווייניג, און ער האט פערטראכטערהייט ארויסגעקוקט אויף דער ווייסער שטאדט, וועלכע האט זיך געצויגען אראב ביז צום בלישטשענדען טייך. האט זיך גאט ווירקליך אנטפלעקט אויף'ן בארג סיני? נאר דער דאזיגער פרישער צוייפעל איז פערטריבען געווארען דורך דעם בענייטען פערדאכט וועגען דאס דיעגא'ס ארעסט. יא, דאס האט ער מיט זיין פלאפלען אונגליקליך געמאכט דעם גענιאלען אלטען דאקטאר.

נאך עטליכע אונרוהיגע טעג, ווען ער האט ניט געקענט קיין זאך ארויסקריגען פון דעם פריסטער, מיט וועמען ער האט גערעדט, איז ער אוועק זיך זעהן מיט דעם סעקרעטאר פון דער אינקוויזיציע ביי איהם אין ביורא ערגעץ וואו אין א מאנאסטיר פון די דאמיניקאנער. דער סעקרעטאר האט זיך געריבען די הענד, בעת ער האט דערזעהן גבריאל'ס אויפריכטיג געזיכט. „אהא! וואס פאר נייע פיקס האסט דו שוין דערשמעקט?" האט ער איהם א פרעג געטהאן. די דאזיגע ווערטער האבען געשטאכען ווי שפיזען.

„קיינע ניט," האט ער געענטפערט מיט א ציטער אין זיין שטימע און אין זיין גאנצען לייב. „כ'וואלט בלויז געוואלט וויסען, צי דארף איך געטאדעלט ווערן פאר דאס דיעגא'ס ארעסט?"

„געטאדעלט ווערן?" און דער סעקרעטאר האט איהם דורכגענומען מיט זיינע פארשענדע אויגען. „זאג בעסער, געלויבט ווערן."

„ניין, געטאדעלט ווערן," האט גבריאל מיט א פעסטען טאן ווידער־האלט. „ס'קען דאך געמאלט זיין, אז איך האב איהם ניט פערשטאנען אדער איך האב שלעכט איבערגעגעבען זיין געשפרעך. ס'איז א צו

מאָגערער בעוויוז צו פֿערשפּאַרען אַ מענשען דערפֿאַר. איך האָף, איהר האָט אויסגעפֿונען מעהר.״

„יאָ, דו האָסט בלויז אַרויסגעפֿיהרט „ברודער״ זשאָזע׳ן אויף׳ן וועג. מיר האָבען דיך אפילו ניט געוואָלט מטריח זיין אַלס עדות פֿאַר די ריכטער.״

„און ער איז טאַקי באמת אַ איד?״

„אַ איד פֿון אידען־לאַנד, דורך זיין האַרטנעגקיקייט. אָבער ס׳איז ניט פֿאַלשטענדיג בעוויזען געוואָרען; דער פֿוקס איז אַ כיטרע חיה. ער איז שוין דורכגעגאַנגען די דריי „ערשטע פֿערהערען״, נאָר ער וויל זיך באין אופן ניט מודה זיין און ווערן אַ בעל־תשובה. היינט פֿאַרמיטאָג וועלען מיר פּרוּאווען אַנדערע מיטלען.״

„פּייניגונג?״ האָט זיך אָבגערופֿען גבריאל, און ער איז בעת מעשה בלייך געוואָרען. דער סעקרעטאַר האָט אַ שאָקעל געטהאָן מיט׳ן קאָפּ.

„אָבער טאָמער איז ער אונשולדיג?״

„ניטאָ וואָס מורא צו האָבען דערפֿאַר; ער וועט זיך מודה זיין ביי דעם ערשטען ווייטאָג, וואָס ער וועט דערפֿיהלען. קום, הער אויף צו קנייטשען דעם שטערן. ווילסט זיין זיכער, אַז דו האָסט געדיענט גאָט? דו זאָלסט מיט דיינע אייגענע אויערן הערען ווי ער וועט זיך מודה זיין — אַלס בעלוינונג פֿאַר דיין פֿרומקייט.״

„ער וועט מיינען, אַז איך בין געקומען קלייבען נחת פֿון זיינע יסורים.״

„אָט האָסט דו אַ מאַסקע.״

ניט ווילענדיג האָט גבריאל גענומען די מאַסקע. תחילת האָט איהם דער פּלאַן אָבגעשטויסען, נאָר וואָס ווייטער איז ער אַלץ מעהר צוגעצויגען געוואָרען דערצו, און נאָכדעם ווי ער האָט אין אַ פֿיעבערישען צושטאַנד אָבגעוואַרט אַ האַלבע שעה צייט, האָט ער זיך געפֿונען אינאיינעם מיט דעם סעקרעטאַר, מיט דעם ריכטער פֿון דער אינקוויזיציע, מיט דעם דאָקטאָר און מיט נאָך אַ מאַסקירטען מאַן אין אַ קעלער, שוואַך בעלויכטען דורך היינג־לאָמפּען. אין איין זייט זינען געווען די מאַשינע, אַלטע, פֿערשאַווערטע מהירען פֿון פֿערשטיקטע קעמערלאַך; אויף דער אַנטקעגענדיגער וואַנד, בעדעקט מיט שפּינוועבס, וואו ס׳איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אַן אייזערנער לייטער, זיינען געווען אָנגעשלאָגען פֿערשיעדענע אייזערנע רינגען. אַ שרויף, וועלכען מען פֿלעגט בענוצען צונויפֿצודריקען דעם גראָבען פֿינגער פֿון דעם אָפּפֿער, איז געשטאַנען איי אַ ווינקעל. און אין

מיטען הייהל איז געווען אַ קליינער שרייב־טיש, ביי וועלכען דער ריכטער אליין איז געזעסען.

דער סעקרעטאַר האָט אויפגעשלאָסען איינע פון די טהירען און דורך די לעבער פון זיין מאַסקע האָט גבריאל דערזעהן די דערשלאָגענע פיגור פון דעם געלערנטען דאָקטאָר, איינגעבויגען אין דרייען אין אַ קעמערל, וואָס איז געווען אַזוי שמאָל, אַז מען האָט זיך דארט כמעט ניט געקענט אויסדרעהען.

„קום צו נעהנטער, דאָס אברהם דע באַלטהאַסאַר!" האָט זיך אָבגערופען דער ריכטער, קוקענדיג מיט אַ בעריהמערישען בליק אין אַ פאַפיר.

דער דאָקטאָר האָט אַ פינטעל געטהאָן מיט די אויגען, וועלכע זיינען איהם פערבלענדעט געוואָרען פון דעם פלעצליכען ליכט, נאָר ער האָט זיך ניט געריהרט פון אָרט.

„מיין נאָמען איז דאָס דיעגאָ," האָט ער געזאָגט.

„דיין טויף־נאָמען מאַכט אונז ווינציג וואָס אויס, אָקוראַט ווי דיר אליין. כ'וואָלט אפשר גאָר געראַפט זאָגען דאָס יצחק. קום צו נעהנטער!"

דער דאָקטאָר האָט אויסגעגלייכט דעם איינגעבויגענעם רוקען, קוקענ־דיג מיט אַ פינסטערן בליק אויף'ן ריכטער. „אַ שעהנעם כבוד גיט מען עס אָב אַ געטרייען זוהן פון דער הייליגער קירכע, וועלכער האָט געדיענט זיין זעהר פרומען און קאַטוילישען הערשער אין דער אוניווערזיטעט," האָט ער געמורמעלט. „ווער בעשולדיגט דאָס מיך, אַז איך בין אַ איד? לאָמיך איהם זעהן, דעם לומפ!"

„ס'איז געגען אונזער געזעץ," האָט דער סעקרעטאַר געזאָגט.

„לאָמיך הערען די פרטים, פאַר וועלכע איך ווער אָנגעקלאָגט. לייען מיר פאָר די פונקטען."

„אין דעם פערהער־צימער. שפעטער אַ ווילע."

„זיי זיך מודה! זיי זיך מודה!" האָט דער ריכטער מיט אַ בייזען טאָן געזאָגט.

„כדי זיך מודה צו זיין, מוז מען האָבען בעגאַנגען אַ זינד. איך האָב קיין שום זינד ניט בעגאַנגען, אַחוץ די, וואָס איך האָב דערצעהלט דעם גלח. נאָר איך וויים, ווער ס'האָט מיך בעשולדיגט — דאָס איז גבריאל דאַ קאָסטאַ, אַ ניכטערער און פלייסיגער יונגער הערר, וואָס האָט ניט קיין אויער פאַר אַ וויץ און וועלכער האָט ניט פערשטאַנען, אַז איך האָב דאָס געשפאַסט מיט דער מאַרק־פרוי מכח דעם ווי אַזוי די דאָזיגע עפוש'דיגע

כופרים האָבען דאָס אַביסעל ביי איהר אויסגעקייפּט איהר גאַנצע ביסעל סחורה. איך בין ניט מעהר איד איידער דאַ קאָסטאַ אַליין." נאָר אפילו איצט, ווען ער האָט אַזוי גערעדט, האָט גבריאל געוואוסט, אַז זיי זיינען ברידער־אידען — ער און דער אַרעסטאַנט.

„דו צבוע'יאַק!" האָט ער ניט ווילענדיג אַ געשריי געטהאָן.

„האַ!" האָט זיך דער סעקרעטאַר אָבגערופען, און זיינע אויגען האָבען געבליצט פון נצחון.

„דאָס דאָזיגע עקשנות'דיגע לייקענען וועט דיר גאָרנישט נוצען," האָט דער ריכטער געזאָגט, „ס'וועט דיר בלויז ברייגגען פייניגונג."

„פייניגען אַן אונשולדיגען מענשען! ס'איז שרעקליך!" האָט דער דאָקטאָר פּראָטעסטירט. „אַ חדר־אינגעל, וואָס הויבט אָן לערנען לאָגיק, וועט דיר זאָגען, אַז ניט דער אַנגעקלאָגטער נאָר דער אַנקלאָגער דאַרף ברייגגען בעווייזע."

„נו! נו! דאָ איז ניט קיין אוניווערזיטעט. תליון, טהו דיין אַרבייט."

דער אַנדער מאַסקירטער מאַן האָט אַ נעהם געטהאָן דעם אַלטען דאָקטאָר און איהם איינגעצויגען אין שטריק ביז די הויט זיינע.

„זיי זיך מודה!" האָט דער ריכטער געוואָרענט.

„אַז איך זאָל זיך מודה זיין, אַז איך בין אַ איד, וואָלט איך אויף אַ דאָפּעלטען אופן געווען אַ שלעכטער קריסט, אַחוץ דעם וואָס איך וואָלט געזאָגט אַ ליגען."

„האַלט דיינע פּלפּולים פאַר זיך. אַז דו וועסט שטאַרבען אונטער די ענויים (זאָל דער סעקרעטאַר עס פערשרייבען), וועט דיין טויט ניט פאַלען אויף דער הייליגער קירכע'ס קאָפּ, נאָר אויף דיין אייגענע האַרט־נעקיגקייט."

„קריסטוס וועט זיך נוקם זיין פאַר זיינע מאַרטירער," האָט זיך דאָס דיעגאָ אָבגערופען מיט אַזאַ מין ערנסטער מיענע, אַז גבריאל האָט זיך געמוזט פרעגען, צי האָט איהם דער אינסטינקט, נאָך אַלעם דעם, פאָרט ניט אָבגענאַרט.

דער ריכטער האָט אונגעדולדיג אַ מאַך געטהאָן מיט דער האַנד און דער מאַסקירטער מאַן האָט צונויפגעבונדען דעם דאָקטאָר'ס הענד און פיס מיט אַ גראָבען שטריק. אַרומדרעהענדיג דעם דאָזיגען שטריק אַרום זיין ברוסט, האָט ער אַוועקגעשטעלט די איינגעהויקערטע, נאַקעטע פיגור אויף אַ ביינקעל. דערנאָך האָט ער דורכגענומען די עקען פון דעם

שטריק דורך צוויי פון די אייזערנע רינגען, וועלכע זיינען געווען אנגע־שלאגען אן וואנד, און אוועקשטויסענדיג דעם שטוהל מיט'ן פוס, האט ער געלאזט הייננען דעם אפפער אין דער לופטען אויף די שטריק, וועלכע האבען זיך איינגעשניטען אין זיין פלייש.

„זיי זיך מודה!" האט געזאגט דער ריכטער.

נאר דאס דיעגא האט פערביסען מיט די צייהן. דער תליון האט צווייפגעצויגען די שטריק אלץ פעסטער און פעסטער, ביז וואנען דאס בלוט האט ארויסגעשאסען פון אונטער דעם אונגליקליכען'ס נעגעל, און פון צייט צו צייט האט ער א ווארף געטהאן דעם שארפען אייזערנעם לייטער אן זיינע נאקעטע פיס.

„אה הייליגע מאריא!" האט דער דאקטאר ענדליך ארויסגעקרעכצט.

„דאס איז בלויז דער אנפאנג פון דיינע ענוים, און דו ביסט זיך נאך אלץ ניט מודה?" האט דער ריכטער געזאגט. „ציה פעסטער."

„ניין," האט איבערגעשלאגען דער אינקוויזיציאנס־דאקטאר. „נאך א ציה און ער קען אויסגעהן."

נאך א ציה, און גבריאל דא קאסטא וואלט געפאלען אין אונמאכט. ער האט געפיהלט א ניט־גוטקייט און געציטערט מיט'ן גאנצען קערפער, זיין געזיכט איז געווען בלאס ווי דער טויט אונטער דער מאסקע. איהם האט זיך אבגעדוכט, אקוראט ווי די שטריק וואלטען זיך איינגעשניטען אין זיין אייגען לייב. זיין הארץ איז געווען צוקאכט אי געגען די ענוים, אי געגען דעם געפייניגטען, און ער האט בעוואונדערט דעם דאקטאר'ס מוטה זאגאר דאן, ווען ער האט פעראכטעט זיין פייגהייט. און אין דער צייט, וואס דער אינקוויזיציאנס־דאקטאר איז געווען פערנומען אבצוזומינטערן דעם אפפער, כדי ער זאל קענען פערטראגען נייע ענוים, האט גבריאל דא קאסטא געהאט א שוידערליכען בעגריף מכח דער טראגעדיע פון דעם אידישען פאלק — ערהאבען און געמיין אין איין און דערזעלבער צייט.

V.

פונקט מיט אזעלכע פערשיעדענע געפיהלען, פערמישט מיט ער־שטוינונג, האט ער זיך אין אן ערך א וואך ארום דערוואוסט, אז דאס

דיעגאָ איז ערקלעהרט געוואָרען אונשולדיג און מען האָט איהם אַרויסגעלאָזט פֿריי. איהם האָט זיך זעהר שטאַרק געוואָלט זעהן און ריידען מיט דעם ליידענדען. ער איז אַריבער דעם טייך צו דעם דאָקטאָר'ס הויז, נאָר ס'איז איהם אָנגעקומען מיט שווערער מיה ביז וואַנען מען האָט איהם אַרויפֿגעלאָזט אין דעם אויבערשטען צימער, וואו דער אַלטער מאַן איז געלעגען צו בעט, אַרומגערינגעלט מיט גרויסע ביכער, וועלכע זיינען געלעגען אויף'ן קישען און אויף דער געשטעפּטער קאָלדרע, און אַריבער־געהאַנגען מיט אַ בילד פֿון קריסטוס'ן.

„פֿערצייה מיר, וואָס איך האָב ניט געוואָלט אַוועקגעהן, איידער איך האָב אַ קוק געטהאָן אויף דיר," האָט גבריאל געזאָגט. „מיר האָט זיך זעהר געוואָלט זעהן ווי דו געהסט אָן נאָך די שוידערליכע ענוים, וואָס די העל־הינט האָבען דיר אָנגעטהאָן."

דאָס דיעגאָ האָט אַ וואָרף געטהאָן אויף איהם אַ בליק פֿון איבער־ראַשונג און חשד.

„די הינט מעגען צייטענווייז נאָכלויפֿען אַ פֿאַלשען שפור; אָבער זיי זיינען פֿון הימעל, ניט פֿון העל," האָט ער געענטפֿערט מיט אַ טאָן פֿון פֿאָרוואורף. „אויב איך האָב געליטען אומזיסט און אומנישט, איז דאָס קריסטליך צו ליידען, און קריסטליך צו פֿערגעבען."

„דאַן פֿערגיב מיר," האָט זיך אָבגערופֿען גבריאל, צוטומעלט פֿון דער דאָזיגער איינגע'עקשן'טער פֿערמאַסקירטהייט, „מחמת איך האָב דאָס דיר אומזיסט און אומנישט פֿערשאַפֿט די יסורים דיינע. איך וואָלט זיך ליעבערשט אויסגעריסען די צונג איידער צו שעדיגען אַ ברודער־אידען."

„איך בין ניט קיין איד," האָט דער דאָקטאָר מיט אַ ווילדען קול אַ געשריי געטהאָן.

„אָבער נאָך וואָס טויג דיר דאָס לייקענען, אז איך זאָג דיר, איך בין אַ איד?"

„„אומזיסט ליגט דער נעץ אויסגעשפּרייט דעם פֿויגעל פֿאַר די אויגען,"" האָט דאָס דיעגאָ מיט אַ בייזען טאָן איבערגעזאָגט דאָס שפּריך־וואָרט. „דו ביסט פּונקט אַזאַ גוטער קריסט ווי איך, — און אַן ערגערער פֿויגעל־כאַפּער. אַ שעהנער איד, כ'לעבען, וואָס ווייסט ניט וואָס די ביטערע קרייטיכער בעדייטען! ניין, דער פֿויגעל־קליי איז אָנגעשמירט צו דיק, און ס'איז ניטאָ קיין שטריק צווישען די לעבער פֿון דעם נעץ."

„אמת, איך בין ניט קיין איד און ניט קיין קריסט," האָט דער יונגער מאַן מיט אַ טרויעריגען טאָן געזאָגט. „איך בין אויפֿגעבראַכט געוואָרען אַלס קריסט, נאָר מיין זעלע ווערט צוריסען פֿון פֿראַגען און

פון צווייפלען. נאַ זעה, איך גיב זיך אין גאַנצען איבער צו דיר אין די הענד."

נאָר דאָס דיעגאָ איז נאָך אַ היבשע ווילע געבליבען פערהאַרטע־װעט, אפילו דאַן, ווען גבריאל האָט זיך מודה געווען פאַר איהם, אַז דאָס איז ער דאָס געווען דער מאַסקירטער מאַן, וועלכער האָט אונטען אין דער מאַרטער־הייהל אַ געשריי געטהאָן אויף איהם „צבוע'יאַק!" ערשט דאַן, ווען ער איז אַרונטערגעשפּרונגען פון בעט און האָט זיך איבערצייגט, אַז דער יונגער מאַן האָט ניט אַוועקגעשטעלט אויף דרויסען קיין עדות, וועלכע זאָלען זיך צוהערען וואָס זיי ריידען, האָט ער זיך ענדליך אָבגערופען: „נו, איצט קומט מיין וואָרט געגען דיינס. ס'קען זיין, איך פערשטעל זיך בלויז, כדי דיך צו ציהען ביי דער צונג." דאַן האָט ער אַרונטערגענומען קריסטוס'עס בילד פון וואַנד און עס אַריינגעוואָרפען אין אַ שופלאַד, און אָנגיסענדיג צוויי וויין־גלעזער פון אַ פלאַש, וואָס איז געשטאַנען לעבען בעט, האָט ער מיט פרייד אַ געשריי געטהאָן: „קום! אַ צומישענעש אויף דער היילינער אינקוויזיציע!"

דער יונגער מאַן האָט זיך געפיהלט, אַקוראַט ווי אַ שווערער שטיין וואָלט איהם אַראָב פון האַרצען. ער האָט געשמייכעלט, זופּענדיג דעם גוטען, רייכען וויין.

„מיר דוכט, דו האָסט שוין געבראַכט אַ צומישענעש אויף דער היילינער אינקוויזיציע."

„האַ! האַ!" האָט דער דאָקטאָר געלאַכט, שוין צוהיצט אַביסעל פון דעם וויין. „יאָ, דער פוקס איז ניצול געוואָרען פון דער פאַסטקע, וועלכע מען האָט איהם אונטערגעלייגט, נאָר ניט מיט קיין גאַנצער פעל."

„ניין, אַך! וואָס מאַכען דיינע וואונדען?"

„כ'האָב ניט געמיינט מיין קערפּערליכע פעל," האָט דער דאָקטאָר געזאָגט, כאָטש ס'איז איהם פונדעסטוועגען אַריבער אַ שוידער בעת ער האָט זיך דערמאָנט אָן די ענוים זיינע. „איך האָב געמיינט די פעל, פון וואָס מיין בייטעל איז געמאַכט. כדי צו דערווייזען מיין איבערגעבענהייט צו דער היילינער קירכע, האָב איך איהר אָנגעבאָטען אַ העלפט פון מיין פערמעגען, און די פראָבע איז אָנגענומען געוואָרען. דאָס האָט מיר דער דאָקטאָר פון דער אינקוויזיציע געגעבען די עצה אין דער שטיל. ער איז איינער פון אונז!"

„וואָס! אַ איד!" האָט גבריאל אַ געשריי געטהאָן, אַזוי ווי געטראָפען פון אַ דונער.

„שטיל! שטיל! אַניט וועלען מיר נאָך האָבען אַ שונא אויף זיין

אָרט. דאָס האָט זיין מיט־געפיהל צו מיר, אי אַלס ברודער אי אַלס דאָקטאָר, איהם געטריבען מיר צו געבען די דאָזיגע עצה אין דער לעצטער מינוט. ווען דער טויט איז מיר געשטאַנען פאַר די אויגען, איבעריגענס, האָב איך אַליין געוואוסט ווי אַזוי איינצוהאַלטען אין זיך מיין אָטהעם, בעת דער ליץ האָט מיך געבונדען מיט די שטריק, אַניט וואָלט איך געווען צו שטאַרק איינגעצויגען צו קענען אָטהעמען. אָבער דו מוזט דאָך האָבען אַ קוכען צום וויין — יאַנטהע!"

אַ שעהן קליין מיידעלע איז אַריינגעקומען פון אַ צווייטען צימער. איהרע שוואַרצע אויגען האָבען זיך אַרומגעגלאָצט; זי האָט זיך פערשעהמט, דערזעהענדיג דעם פרעמדען ביי זיי אין הויז.

„דו זעהסט, כ'האָב אַן עדות געגען דיר," האָט דער דאָקטאָר געלאַכט; „און וואָס איז שייך צו דעם בעוויז געגען מיר, וואָס די נאַראָנים האָבען ניט געקענט געפינען, דאָס וועלען מיר אַצונד אויפעסען. די איבעריגע מ צ ו ת, טאָכטערל!" און אַרויסנעהמענדיג אַ שליסעל פון אונטער זיין קישען, האָט ער עס איהר דערלאַנגט. „אַצונד, שטילינקערהייט, מיין קליינטשקע, און בעהאַלט זיי גוט."

אַז דאָס קינד איז אַרויס פון צימער, האָט זיך דער פאָטער בעקלאָגט, וואָס ער איז געצוואונגען איהר צו ערציהען צו פיהרען אַ צווייענדיגען לעבען. „אָבער דאָס שאַרפט דעם שכל," האָט ער געזאָגט. „יאַנטהע זאָל אויסוואַקסען אַזוי כיטרע, ווי די געהיימע שאַפע אין אַ שאַפע, וואָס זי עפענט אַצונד אויף דאָרט. נאָר אַ פרוי דאַרף זעלטען האָבען, מען זאָל איהר ערציהען דערצו; זי ווערט עס פון זיך אַליין." ער האָט נאָך געהאַלטען אין לאַכען איבער זיין אייגענעם וויץ, ווען יאַנטהע איז אַריינגעקומען צוריק און האָט פון אונטער אַ טיכעל אַרויסגענומען עטליכע גרויסע, דיקע קוכענס, וועלכע זיינען געווען מאָדנע אויסגערעדעלט. גבריאל האָט געקוקט אויף זיי מיט נייגיעריגע אויגען.

„וואָס זשע, דו ווייסט ניט וואָס מצות זיינען?" האָט דאָס דיענאָ געפרעגט.

גבריאל האָט געשאָקעלט מיט'ן קאָפ.

„דו האָסט, הייסט עס, קיינמאָל ניט געגעסען קיין ניט־געזייערט ברויט?"

„ניט־געזייערט ברויט! אַה, כ'האָב ערשט נעכטען געלייענט מכח דעם אין דער ביבעל. שטעה, איז דאָס ניט איינע פון דער אינקוויזיציע'ס פראָבעס? אָבער איך האָב זיך עס גאָרניט פאָרגעשטעלט אַזוי."

„דאָס איז דער מוסטער פון גאַנץ אַלטע צייטען, און עס ווערט

אריינגעשמוגעלט אהער פון אמסטערדאם," האט דער דאקטאר שטילערהייט געזאגט. „פערזוך! ס'איז געשמאקער איידער דאס הייליגע קריסטוס־ברויט."

„אמסטערדאם איז, הייסט עס, א אידישע שטאדט?"

„א פראגע אביסעל, ס'איז דאס ירושלים פון מערב־אייראפא. זינט דאס קליינע האלאנד האט אראבגעטרייסעלט פון זיך דעם פאפסטענטהום, האט עס ניט קיין פערפאלגונגס־פאליטיק, ווי די אנדערע נאציאנען. און גאנץ נאטירליך, ווארים ס'איז גיכער א שיף, איידער א לאנד. א העלפט פון מיינע אלטע פריינד זיינען אוועק אהין — ס'איז א טרויעריגער קאנאל פאר אונזער אלטער פארטוגעזישער קהילה."

גבריאל'ס הארץ האט געקלאפט ווי מיט האמערס. „טא פארוואס זשע זאלען מיר זיך אויך ניט אנשליסען אן זיי?"

דער אלטער דאקטאר האט געשאקעלט מיט'ן קאפ. „ניין, איך האב ליעב מיין פארטוגאל. דא בין איך געבוירען געווארען, און דא וועל איך שטארבען. כ'האב זי ליעב — איהרע בערג, איהרע טייכען, איהרע טהאלען, איהרע מעדיצינישע קוואלען — האב תמיד ליעב פארטוגאל, יאנטהע ——"

„יא, פאטער," האט דאס קליין מיידעל מיט אן ערנסטען טאן געענטפערט.

„און, אה, איהרע פאעטען — איהר ריביירא, איהר פאלקאא, איהר קאמאענס — מיין אייגענער זיידע איז געווען פערערעבענט פאר א בעריהמטען פאעט; און אויך איך האב געמאכט א פארטוגעזישע פאעמע וועגען היפאקראט'ס ערשטען אפאריזם, כאטש ס'איז נאך ניט אבגעדרוקט."

„נאר אז דו סמייעסט ניט צו האלטען עפענטליך דיין גלויבען," האט זיך גבריאל אבגערופען, „דאס איז מעהר איידער אלעס אנדערע. צו לעבען טאג־טעגליך אין ליגען און בעטרוג — אונערטרעגליך!"

„נא, אט האסט דו דיר! דו ביסט יונג און איינגעשפארט. די קאטוילישע רעליגיאן! ס'איז ניט מעהר ווי פיינע מאניערען; ווי מיר זאגען אין העברעאיש, „דרך ארץ", דער מנהג פון לאנד. פארוואס טראג איך הויזען און א שפיציגען הוט — ווען איך בין אין גאס, הייסט עס? פארוואס טראגט די קליינע יאנטהע אן אונטערקליידעל?"

„ווייל איך בין א מיידעל," האט זיך יאנטהע אבגערופען.

דאס דיעגא האט זיך צולאכט. „פארהאן א פראגע אזוי זיך בדרך מליצה, הייסט עס, און פארהאן א פראגע, אויף וועלכער מען ערווארטעט

אַן ענטפּער, מיין קליינימשקע. יעדענפאלס, מיר וועלען דיר ניט פּער־דרעהען קיין מוח מיט רהעטאָריק. געה צו דיין פּידעל. און אַזוי איז דאָס, סענהאָר דאַ קאָסטאַ. כ'האָב ליעב מיין יודענטהום בעסער איידער מיין פּאָרטוגאַל; נאָר אַז איך קען אויסהאַלטען מיינעביידע געליעבטע מיט אַביסעל שלויקייט——"

„אָבער די געפאהר פּערברענט צו ווערן לעבעדיגערהייט!"

„דאָס איז אַזוי ווי דער גיהנום פאַר דעם קריסטליכען זינדער — טומאַנע און זעהר ווייט."

„כ'מיין, דו ביסט שוין פּערסמאַליעט."

„אַזוי ווי אַן אויסגעריסענער בוים. דער בליץ וועט צוויי מאָל ניט טרעפען. נעהם נאָך אַ גלאָז ווייז. אַחוץ דעם, מיין מאָגען איז ניט צוגעוועהנט צום ים. גאָט האָט אונז געמאַכט צו לעבען אויף דער יבשה."

נאָר גבריאל האָט בשום אופן ניט געקענט אָננעהמען דעם דאָקטאָר'ס מיינונגען, און די פּערזאָן גופא האָט איהם נור טהיילוויז צוגעצויגען צו זיך. דאָך איז דאָס ניט געווען זיין לעצטער בעזוך, וואָרים דאָס דיעגאָ איז געווען דער איינציגער איד, וועמען ער האָט געקענט, און ער איז דערום געוואָרען אַ בן בית ביי איהם. ער האָט ביי איהם אַנטליהען אַ העברעאישע ביבעל און אַ גראַמאַטיק, און האָט אין געהיים אָנגעהויבען לערנען לשון קודש, ברייגנענדיג דער קליינער יאַנטהע שפּיעל־צייג און בלומען, און איינמאָל אויך אַ בעסערן פּידעל איידער איהרען, — דאָס אַלעס פאַר דער הילף, וואָס דער פאָטער איהרער האָט איהם געגעבען אין זיינע נייע שטודיען. ער האָט אויך געליהען אַ טהייל פון דאָס דיעגאָ'ס אייגענע ווערק, וועלכע זיינען געדרוקט געוואָרען אונטער אַ פּערשטעלטען נאָמען אין אַמסטערדאַם; און פון די דאָזיגע ביכער, וועלכע האָבען זיך אָבגעגעבען מיט טהעאָלאָגישע פראַגען, האָט דער יונגער ענטהוזיאַסט געשעפּט מאַטעריאַל צו פּערשטאַרקען זיינע צווייפלען. אין פּאָרטוגאַל גופא האָט מען געקענט בלויז איין ווערק פון דעם אַלטען דאָס דיעגאָ און וואָס איז ערשיענען אויף זיין נאָמען. דאָס איז געווען אַ טיכטיגע אָבהאַנדלונג וועגען די ברוסט־קראַנקהייט.

אָבער גבריאל האָט בשום אופן ניט געקענט נאָכמאַכען דאָס דאָזיגע בעקוועמע צופאַסען־זיך צו די אומשטענדען. ער האָט געפיהלט, אַז דאָס איז בלויז אַ האַלבער שטריט פאַר'ן אמת, און ער האָט אויפגעהערט זיך אָבגעבען מיט דעם האַלב־שרעקעדיגען דאָקטאָר. וואָרים אַזוי ווי ער האָט וואָס וויטער אַלץ מעהר און מעהר ליעב געקראָגען דעם תנ"ך מיט זיין

איינפאכער לעהרע וועגען אן אויסעריועהלטען און געהייליגטען פאלק, אזוי איז אויך געוואקסען זיין געפיהל מכח א ווייטען, ווייטען שיקזאל, מכח א פעראייניגטע, צונויפגעקייטעלטע ראסע, וועלכע איז ארויסגעקומען פון דעם געהיימניספאלען מזרח, פון דעם וויגעלע פון דער געשיכטע; א ראסע, וואס שרעקט זיך ניט אב פאר פערניכטונג און לעבט איבער אלערליי רדיפות און ראנגעלט זיך מיט'ן טויט פאר איהר גלויבען און איהר אונגלויבען. און זיין פאנטאזיע האט זיך א קעהר געטהאן מיט א טיעפער בייאנקעניש צו אמסטערדאם, צו יענער שטאדט פון די הייליגע, די היים פון דעם אמת'ן גלויבען, פון דער ברידערשאפט פון די מענשען און דער פאטערשאפט פון גאט.

VI.

„מוטער," האט זיך גבריאל אבגערופען, „איך האב דיר עפעס צו זאגען."

זיי זיינען געווען אין גבריאל'ס שטודיר-צימער, און זי איז בלויז אריינגעקומען זאגען גוטע נאכט דעם איינזאמען לערנער, נאר די ווערטער זיינע האבען איהר פערהאלטען ביי דער טהיר. זי האט זיך אנידערגעזעצט און מיט ליעבע געקוקט אויף איהר בכור, וועלכער האט אויסגעזעהן פונקט ווי איהר פערשטארבענער מאן אין זיינע יונגע יאהרען. „ס'מוז אודאי זיין וועגען איזאבעלא'ן," האט זי זיך געטראכט, און איהר הארץ איז געווען פול מיט פרייד ביי דעם געדאנק, אז די פערשטעלטע אויגען פון איהר געלערנטען זוהן האבען זיך ענדליך געעפענט און דערזעהן די שעהנקייט און די גוטסקייט פון דער הויכ-געבוירענער יורש'טע, וועלכע האט איהם געליעבט.

„מוטער, איך האב געפאסט א וויכטיגען בעשלוס, און ס'איז צייט עס דיר צו זאגען."

איהרע אויגען זיינען געווארען ליכטיגער.

„מיין טהייערער גבריאל!"

„ניין, כ'האב מורא, דו וועסט מיך פיינט האבען."

„דיך פיינט האבען!"

„ווייל איך מוז דיך פערלאזען."

„ס'איז דער נאַטירליכער גורל פֿון יעדער מוטער פֿערלאָזען צו ווערן, מיין גבריאל."

„אַה, אָבער דאָס איז גראָד זעהר אוננאַטירליך. אָה, גאָט מיינער! פֿאַרוואָס בין איך אַזוי געשטראָפֿט?"

„וואָס מיינסט דו? וואָס האָט געטראָפֿען?" די אַלטע פֿרוי איז אויפֿגעשטאַנען.

„איך מוז פֿערלאָזען פּאָרטוגאַל."

„נאָך וואָס? אין גאָט'ס נאָמען! פֿערלאָזען פּאָרטוגאַל!"

„שטיל, אַניט וועלען נאָך די דינער דערהערען. איך וויל ווערן," האָט ער שטילערהייט אַרויסגעשעפּטשעט, „איך וויל ווערן אַ איד!"

דאָנאַ דאַ קאָסטאַ האָט אָבגעטראָטען צוריק און געקוקט אויף איהם מיט אַ מאָדנעם בלישטש, וועלכען ער האָט ניט ערוואַרטעט.

„ס'איז דער פֿינגער פֿון גאָט!" האָט זי מיט אַ דערשראָקענער שטימע געשעפּטשעט.

„מוטער!" אַ ווילדער פֿערדאַכט האָט איהם דורכגענומען.

„יאָ, מיין פֿאָטער איז געווען אַ איד. איך בין אויפֿגעבראַכט געוואָרען אַלס יודין."

„שטיל! שטיל!" האָט ער איהר ווידער געוואָרענט, און צוגעהענדיג צו דער טהיר, האָט ער אַרויסגעקוקט אין דער פֿינסטער. „אָבער מיין פֿאָטער?" האָט ער געפֿרעגט, צומאַכענדיג פֿאָרזיכטיג די טהיר.

זי האָט אַ שאָקעל געטהאָן מיט'ן קאָפּ.

„זיין פֿאַמיליע, כאָטש אויך מאַראַנען, זיינען פֿונדעסטוועגען געווען אמת'ע גלויביגע. דאָס איז געווען דער טיעפֿסטער ווייטאָג פֿון מיין לעבען, אָבער איך האָב עס איהם קיינמאָל ניט געסמייעט צו זאָגען. אָפֿטמאָל, זינט ער איז געשטאָרבען, זיינען מיר אַרויפֿגעשוואוימען זכרונות פֿון מיינע מיידעלשע יאָהרען, ערינערונגען, וועלכע האָבען מיך געצויגען און גענאָגט ביים האַרצען. נאָר איך האָב ניט געטאָרט ווירקען אויף מיינע קינדער'ס גלויבען—ס'וואָלט זיי געקענט אַריינברינגען אין אַ שרעקליכער, טויטליכער געפֿאַהר. און איצט — אָה גאָט! — פֿילייכט פּייניגונג — דער שייטער-הויפֿען — — !"

„ניין, מוטער, איך וועל אַנטלויפֿען אַהין, וואו דער גלויבען איז פֿריי."

„דאַן וועל איך דיך סיי ווי סיי פֿערלירען. אָה גאָט פֿון ישראל, דיין נקמה האָט מיך ענדליך דאָך געפֿונען!" און זי איז אַנידערגעפֿאַלען אויף דער זאָפֿאַ, שלוכצענדיג, אָהן כוחות. ער איז געשטאַנען לעבען איהר, הילפֿלאָז, זיך סטאַרענדיג בלויז איהר איינצושטילען.

„ווי אזוי איז דאָס געקומען צו דיר?״ האָט זי שלוכצענדיג געפרעגט.

אין קורצען האָט ער איהר דערצעהלט וועגען זיינע אינערליכע קעמפפע, מכח דער געשיכטע מיט דאָס דיעגאָ׳ן, וועגען זיין איבערציינונג, אַז דער אַלטער טעסטאַמענט איז דער וואַהרער און געניגענדער פיהרער צום לעבען.

„אָבער נאָך וואָס אַנטלויפען?״ האָט זי געפרעגט. „לאָמיר זיך אַלע אומקעהרען צום יודענטהום; דיין ברודער ווידאַל איז יונג און מען קען נאָך מיט איהם מאַכען וואָס מען וויל, ער וועט געהן אין אונזער וועג. מיר וועלען זיין געהיים; פון מיין יוגענד אָן ווייס איך ווי אַזוי אויסצומיידען וואָס פאַר ס׳איז פערדאַכט. מיר וועלען איינציגווייז איבערבייטען אַלע דיענער אַחוץ פעדראָ׳ן און אָננעהמען בלויז שוואַרצע. פאַרוואָס זאָלסט דו פערלאָזען די דאָזיגע שעהנע היים דיינע, דיינע פריינד, דיין גוטען נאָמען אין דער געזעלשאַפט, דיינע שאַנסען פאַר אַ גרויסאַרטיגען שידוך?״

„מוטער, דו טהוסט מיר וועה מיט דיינע רייד. וואָס איז אַלעס אַנדערע אַחוץ אונזער פליכט צו דעם אמת, צו דער פערנונפט, צו גאָט? איך מוז דיענען דאָס אַלעס פריי, אונטער דעם אָפענעם פרייען הימעל.״

„מיין בראַווער יונג! זיי מיר מוחל!״ און זי איז אויפגעשפרונגען פון איהר פלאַץ איהם צו אומאַרמען. „מיר וועלען געהן מיט דיר; מיר וועלען גרינדען אַ נייע היים אין אַמסטערדאַם.״

„ניין, ניט אין דיינע יאָהרען, מוטער.״ און ער האָט געגלעטט איהרע זילבערנע האָר.

„יאָ; אייך איך האָב געלערנט דעם אַלטען טעסטאַמענט.״ און איהרע אויגען האָבען געשמייכעלט דורך די טרעהרען, וואָס זיינען געשטאַנען אין זיי. „וואו דו וועסט געהן, וועל איך אויך געהן. דיין לאַנד וועט זיין מיין לאַנד, און דיין גאָט — מיין גאָט.״

ער האָט איהר אַ קוש געטהאָן אין איהר נאַסער באַק.

זיי זיינען אַזוי דורכגעזעסען די גאַנצע נאַכט, און בעגינען צו טאָג, איידער זיי האָבען זיך צושיידט, האָבען זיי שוין געהאַט אויסגעאַרבייט דעם גאַנצען פּלאַן, ווי אַזוי צו פערקויפען זייער הויז און גוט מיט אַזוי וויניג היזק און אַזוי אונבעמערקבאַר ווי נאָר מעגליך, און ווי אַזוי אָבצוריייזען גאַנץ געהיים קיין האָלאַנד. די מינדעסטע אונפאָרזיכטיגקייט האָט זיי געקענט פעררופען צו דער הייליגער אינקוויזיציע, און מחמת דעם איז ביי זיי געבליבען, אַז מיט ווידאַל׳ן זאָל מען ערשט ריידען דאַן, ווען אַלעס וועט שוין זיין פיקס און פאַרטיג.

דער אָרעמער יונג איז געבליבען שטעהן דערשראָקען און בלייך.

„וואָס, דו ווילסט מיך טרייבען אין גיהנום אַריין?" האָט ער געפֿרעגט.

„ניין, דאָס יודענטהום האָט ניט קיין גיהנום." דערנאָך, זעהענדיג אַז דאָס איז עפּעס ניט קיין ריכטיגע טרייסט פֿאַר דעם ברודער זיינעם, און בדי מיט אַמאָל צו בערוהיגען דעם, וואָס ער האָט אַזוי שטאַרק ליעב געהאַט, האָט גבריאל מיט אַ גאַנץ זיכערן טאָן געזאָגט: „ס'איז נ י ט אָ קיין גיהנום."

ווידאַל האָט אויסגעזעהן נאָך אַסך דערשראָקענער ווי פֿריהער. „אָבער די קירכע זאָגט — — " האָט ער אָנגעהויבען.

„די קירכע זאָגט, דער גיהנום איז אונטער דער ערד; נאָר אַזוי ווי די וועלט איז קיילעכדיג, איז ניטאָ קיין אונטען, און ווער וויים? ס'קען זיין, אַז אויף דער אַנדער זייט ערד, פּונקט אַנטקעגען אונזערע פֿיס, וואויגען אַזעלכע מענשען ווי מיר אליין. און די קירכע האַלט מיט א ר י ס ט אָ ט ע ל'ן, אַז מען קען גאָר צו די הימלען ניט צוקומען, און זי פֿערראכטעט ק אָ פּ ע ר נ י ק'ן מיט זיין טהעאָריע; דאָך האָב איך געהערט פֿון דאָס דיעגאָ דע באַלטהאַסאַר, וועלכער איז אַ געלעהרטער פֿון דער אוניווערזיטעט, אַז א יונגער איטאַליענער, מיט'ן נאָמען ג אַ ל י ל ע אָ אַ ל י ל ע י, האָט אָקאָרשט געמאַכט אַ וואונדערליכען אינסטרומענט, וואָס צייגט יעדע זאַך צוויי און דרייסיג מאָל אַזוי גרוים ווי עס איז, און אַז ער האָט דערמיט ענטדעקט אַ נייעם שטערן. אויך ערקלעהרט ער, אַז די „מילך־גאַס" בעשטעהט בלויז פֿון קליינע שטערנדלאַך; פֿאַר וואָס די הייליגע קירכע איז שטאַרק ברוגז אויף איהם, זאָגט מען."

„אָבער וואָס האָב איך צו טהאָן מיט דער מילך־גאַס?" האָט ווידאַל געפֿרעגט, און זיין אייגען געזיכט איז געוואָרען וויים ווי מילך.

גבריאל איז אַביסעל געבליבען הינטערשטעליג. „ס'איז דעם פּאַבסט'ס אונפֿעהלבאַרקייט, וואָס ווערט דורך דעם צוטריסעלט," האָט ער ערקלעהרט. „אָבער אַחוץ דעם איז טאַקי די קריסטליכע אמונה גופא אַסך אָבשטויסענדער פֿאַר דער פֿערנונפֿט, איידער דער אידישער גלויבען. די זאַכען, וואָס זי לערנט מכח גאָט, האָבען אין זיך מעהר שוועריגקייטען."

„וואָסערע שוועריגקייטען?" האָט זיך ווידאַל אָבגערופֿען. „איך זעה ניט קיין שום שוועריגקייטען."

נאָר סוף כל סוף איז דער יונגער ברודער, וועלכער איז אין גאַנצען געשטאַנען אונטער גבריאל'ס איינפֿלוס און האָט אַליין ניט געהאַט קיין שום קראַפֿט צו שטעהן אויף זיינע אייגענע פֿיס, מרוצה געוואָר־ען זיך אַנצושליסען אָן די אויסוואַנדערער.

אין משך פֿון די דאָזיגע בעהאַלטענע הכנות צו אַנטלויפֿען, האָט גבריאל דערוויַיל געמוזט אָנגעהן מיט זיינע האַלב־גלח'ישע פֿליכטען און בעהמען אַנטהייל אין די קירכליכע צערעמאָניעס ווי פֿריהער. דאָס האָט

איהם אזוי דערצאָרענט, אַז ער האָט צייטענווייז געהאַט בדעה זיך אויסצוגעבען פאַר אַ אידען; נאָר כאָטש ער האָט זיך ניט אָבגעשראָקען ביי דעם געדאַנק מכח דעם שייטערהויפען, האָט ער זיך אָבער געשראָקען פאַר דער טורמע, פאַר דער עפענטליכער ערנידעריגונג, זועהענדיג פאָר־אויס דעם ביטערן האַס און די פעראַכטונג צו איהם ביי אַלע בעקאַנטע אין די אויגען. און צייטענווייז, ניט קוקענדיג אויף דער פערנונפט און אויף דער נייער רעליגיאָן זיינער, איז איהם טאַקי אַרויפגעקומען אויף'ן זינען, ווי טהייער אָט די פריינד פון זיין יוגענד זיינען איהם; ווי האַרמאָניש און ווי האַרצ־דערקוויקענד איז געווען דער שמייכעל אין זייערע אויגען, זייער פאַטשען מיט די הענד, די אַלע לוסטיגע מאָמענטען אין סעמינאַר און מאָנאַסטיר, אויף'ן מאַרק און אין דער רייט־שולע! ווי גוט ס'איז געווען, דאָס דאָזיגע געמיינשאַפטליכע לעבען, ווי זיס זיך אַריינצוּוואַרפען אין דעם אַלגעמיינעם שטראָם און פערטראָגען ווערן וויט, העט וויט! אפילו ווען ער איז געפאַלען אויף די קניע, בעוואוסט, אַז ער איז אַ היפאָקריט, האָט איהם די בעגייסטערונג פון אָט די אַלע גאָט־בעטער צייטענווייז צוגעצויגען אַזוי ווי מיט אַ מאַגנעט, און די מחנות פון פרעהליכע לייט אין די גאַסען, אָנגעטהאָן יום טוב'דיג, האָבען אין איהם דערוועקט אַ געפיהל פון בייַנקעניש. און איצט, ווען ער האָט זיך געדאַרפט אָברייסען פון דעם אַלעמען, ווי טהייער איז איהם געווען יעדער בעקאַנטער אָרט—די וועלדלאַך און די טייכלאַך, די אַנגענעהמע בערגלאַך, פערשפרייט מיט די פאַשענדע בהמות! ווי צערטליך און לאַטשענדיג האָט זיך דער בלויער הימעל אַריבערגעבויגען איבער איהם, זיך בעטענדיג ביי איהם צו בלייבען! און די שטאָדט גופא, ווי ער האָט דאָס ליעב געהאַט איהרע משופע'דיגע גאַסען, די מאַסיווע מורישע טויערן, די פאַלאַצען, די קלויסטערס, די אָבגעקאַלכטע הייזער, די אַלט־מאָדישע, נעט און אָהן פענסטער, און די נייע מיט די באַלקאָנען — יאָ, און טאַקי דעם ריח פון קנאָבעל און ציבעלע, וואָס האָט דורכגערונגען אַלצדינג! ווי אָפט פלעגט ער אַרומגעהן אין דער „רוא דאָס פלאָרעס", זיך צוקוקענדיג צו די גאָלד־אַרבייטער! און אַז ער פלעגט איצט אַרומגעהן לעבען דאָס אַלטע פאַמיליען־הויז, האָט ער דערפיהלט אַ ניי געפיהל, עפעס אַזוי ווי עס וואָלט איהם געצויגען, גערופען פון אינעווייניג. יעדער שעהנער שטיין און ציגעל, יעדער חן'עוודיגער קאָרב פון דער גרויסער שטיעג, יעדע סטאַטוע האָט געהאַט אַ פלאַץ ביי איהם אין האַרצען, און האָט איהם גערופען צו זיך.

אָבער גרעסער און שטאַרקער איידער דאָס אַלעס איז געווען די שטימע פון דער פערנונפט, וועלכע האָט איהם געהייסען פאַהרען.

צווייטער טהייל.

# אוריאל אַקאָסטאַ.

## VII.

מיט וואָס פֿאַר אַ בעגייסטערונג, — אַזוי ווי אַ וואַנדערענדער גאָטבעטער, בעת ער קומט אָן קיין פּאַלעסטינאַ — האָט זיך גבריאל ענדליך געפֿונען אין דער שטאָדט, וואו אַ שוהל איז געשטאַנען פֿריי און אָפֿען אַנטקעגען דעם ליכטיגען שיין פֿון טאָג! די דאָזיגע וואַרימקייט אין זיין הארצען האָט פֿערטריבען פֿון דאָרט די קעלט, וואָס האָט זיך אַריינגעגנב'עט אַהין ביי דעם אָנבליק פֿון די גראָע אַמסטערדאַמער גאַסען, נאָך דעם פֿאַרב און דעם גלאַנץ פֿון פּאָרטאָ. די ערשטע זאַך, וועגען וואָס ער האָט געטראַכט, אַזוי גיך ווי ער האָט זיך נור בעזעצט אין דעם גרויסען הויז, וואָס זיין מוטער'ס אַלטע פֿריינד און קרובים אין אַמסטערדאַם האָבען פֿאַר איהם געקויפֿט, איז געווען צו געהן שבת מיט זיין מוטער און זיין ברודער אין דער פּאָרטוגעזישער שוהל. כאָטש ער איז געווען אַזוי אונוויסענד מכח די פרטים פֿון זיין נייער אמונה, אַז ער האָט אַרונטערגענומען דאָס היטעל ביים אַריינגעהן אין שוהל, האָט ניט אָנגעהויבען ווימען, ווי אַזוי מען טהוט אָן דעם טלית, וואָס דער שמש האָט איהם אַנטליהען, און איז געווען אין אַ פֿערלעגענהייט וואָס זיין מוטער קען ניט זיצען לעבען איהם, נאָר זי מוז אַרויפֿגעהן אויבען אין אַ בעזונדער אָבגעצאַמטען אָרט פֿאַר די ווייבער, — דאָך איז ער געווען צו אויפֿגערעגט און האָט כמעט ניט געפֿיהלט וואָס ער טהוט. דער סידור האָט איהם שטאַרק אינטערעסירט, און כאָטש ער האָט זיך געסטאַרעט צו דאַווענען גלייך מיט אַלעמען, האָט ער אָבער מיט זיין ידיעה אין לשון קודש בשום אופן ניט געקענט נאָכהאַלטען דעם עולם, און ער האָט זיך צייטענווייז שטאַרק פֿערשעהמט, ווען ער האָט פֿערפֿעהלט זיך אויפֿצוהייבען אָרער-

זיך אָנבויגען ביים דאַוונען. ווידאַל, וועלכער האָט נאָך גאָר קיין העברעאיש ניט געקענט, האָט זיך פּעראינטערעסירט אין דעם עולם, וואָס איז געווען אין שוהל, געפינענדיג אַלע ווילע אַן אנדער אַלטען ב״רגער פון פּאָרטאָ און איבערגעבענדיג זיינע ענטדעקונגען דעם ברודער זיינעם הויך אויף׳ן קול. דאָס האָט אַרויסגערופען אַ חשק ביי גבריאל׳ס צווייטען שכן, וואָס איז געזעסען לעבען איהם, אויסצורעכענען אַסך מיטגליעדער פון דער אַמסטערדאַמער קהילה, וועלכע זיינען אין שפּאַניען געווען גאַנצע זיילען פון דער הייליגער קירכע, בישאָפס און זאָגאָר אַרצבישאָפס. דאָס איז געווען אַ מאָדנע פיגור, דער דאָזיגער רויט־בערדיגער, גראָב־בייכיגער שכן זיינער, וועלכער האָט זיך געשאָקעלט אין זיין טלית אויטאָמאַטיש אַהין און אַהער, נאָר וועלכער האָט, וויזט אויס, געהאַט מעהר חשק צו שמועסען איידער צו דאַוונען.

גלחים און נאָנען כמעט פון יעדען מאָנאַסטיר, האָט ער גבריאל׳ן דערציהלט, האָבען זיך דאָ פערזאַמעלט און זיינען געוואָרען צוריק אידען. ער אַליין, יצחק פעריירא, וועלכער איז זיך דאָ געזעסען רוהיג און בעקוועם, איז געווען אַ יעזואיט אין שפּאַניען.

„די פרומע צבוע׳יאַטסטוואָ איז מיר נמאס ומאוס געוואָרען און איך האָב זיך געריסען צו אַנטלויפען אַהער. נאָר די נאַראָנים האָבען מיך געלאָזט אויסקויפען מענשען פון ווייערע זינד, זיי פערקויפען אַבלאָז־צעטלען פאַר גוט געלד, און איך האָב נאָך געהאַט אַ היבש ביסעל סחורה ביי מיר, און דער האַנדעל איז דאַן — דאָ האָט ער זיך אַליין איבערגעשלאָגען די רייד מיט אַ הייסען „אמן״, וואָס ער האָט געענטפערט צום דאַוונען — גראָד געשטאַנען שלעכט אין שפּאַניען. ס׳האָט דאָך קיין זינן ניט זיי אַריבערצונעהמען מיט מיר קיין האָלאַנד, האָב איך זיך געטראַכט; זיי זיינען צו געשייט דאָרט. איך מוז פטור ווערן פון דער סחורה ערגעץ־וואו אין אַ לאַנד, וואָס איז פריי פאַר אידען און האָט דאָך פרומע קאַטאָליקען ביי זיך. מילא, וואָס זשע טהו איך? כאַפּ איך זיך בגנבה אַריבער פון מאַלאַגאַ קיין באַרבאַרי, וואו איך האָב פערקויפט דעם רעשט פון מיין וואַארע צו קאַטאָליקען, וועלכע לעבען דאָרט צווישען די אַראַבער. און קוים האָב איך נור געהאַט דאָס געלד — „אמן!״ — אין קעשענע, האָב איך זיי ערקלעהרט, אַז איך בין אַ איד. גאָט פון אברהם! וואָס פאַר פנים׳ער די דאָזיגע גוים האָבען דאָס געמאַכט, ווען זיי האָבען אויסגעפונען וואָס פאַר אַ שלעכטען מסחר זיי האָבען געמאַכט מיט גאָט! זיי האָבען זיך געקלאָגט פאַר׳ן קאַדי געגען דעם, וואָס זיי האָבען גערופען שווינדעל. נאָר״ — און דאָ האָט זיך זיין געלעכטער

אויסגעמישט מיט דעם געוויש פֿון דער בעטענדער מאַסע — „איך האָב געטענה׳ט, אַז עס איז אַ פֿרייער פאָרט און איך האָב אַ רעכט צו פֿערקויפֿען וואָס פֿאַר אַ סאָרט וואַרע איך וויל, און דער קאָדי האָט געמוזט אַרויסגעבען זיין אורטהייל לויט׳ן געזעץ."

אין דעם פֿרעהליכען געמיטהס-צושטאַנד, אין וועלכען ער האָט זיך דאַן געפֿונען, האָבען די דאָזיגע ווערטער געקלונגען גאַנץ אַנגענעהם פֿאַר גבריאל׳ן. דאָס איז געווען אַ ריכטיגער ענטפֿער די נאַראָנים אויף זייער נאַרישקייט. אָבער ס׳האָט ניט גענומען לאַנג און אָט די געשיכטע איז איהם אַרויפֿגעקומען אויף׳ן זינען, עפּעס אַזוי ווי אַ צוגאָב צו זיין איבערדריסיגקייט און זיין ענטטוישונג אין זיינע נייע ברידער און זיין נייעם גלויבען. וואָרים נאָכדעם ווי ער און זיין ברודער האָבען זיך געלאָזט מל זיין, נאָכדעם ווי ער האָט איבערגעביטען זיין טויף-נאָמען אויף דעם עכט-העברעאישען נאָמען אוריאל און ווידאַל׳ס נאָמען אויף יוסף, איבערמאַכענדיג אין דערזעלבער צייט דעם פֿאַמיליען-נאָמען אויף אַקאָסטאַ, האָט ער ערשט דערזעהן, וואָס פֿאַר אַ ים פֿון קליינליכע געבאָטען עס שטעהט איהם פֿאָר אָבצוהיטען, אַסך ביטערער איידער די געבאָטען פֿון דער קירכע. עסען, טרינקען, שלאָפֿען, זיך אָנטהאָן, זיך וואַשען, אַרבייטען! קיין שום מינדעסטע זאַך קען ניט געטהאָן ווערן אָהן דעם בעפֿעהל אָדער דעם פֿערבאָט פֿון דער דאָזיגער רעליגיאָן.

פֿון ערשטוינונג איז ער אַריבער צו שרעק, און פֿון שרעק צו פֿעראַכטונג און האַס, ווען ער האָט דערזעהן, אין וואָס פֿאַר אַ נעץ פֿון צערעמאָניעס ער האָט זיך אַליין איינגעפּלאָנטערט. די תורה גופא מיט איהרע תרי"ג מצוות איז דאָך ניט מעהר געווען ווי אַ בלויזער סקעלעט פֿאַר אַ פּאַראַזיטישען וואוקס, וועלכער האָט זיך פֿונאַנדערגעשפּרייט אין דער לענג און אין דער ברייט און איז אַריינגעקראָכען אין די סאַמע אינטימסטע קעמערלאַך פֿון דעם מענשליכען לעבען.

וואָס! אָט אויף דער דאָזיגער רבנים׳שער פֿאַבריקאַציע האָט ער דאָס אויסגעביטען די הערליכע צערעמאָניעס פֿון דעם קאַטאָליציזם? האָט ער דערפֿאַר אַרונטערגעוואָרפֿען פֿון זיך די גייסטיגע קייטען, כדי אָנשטאָט זיי געשלאָסען צו ווערן אין אַנדערע, אין קערפּערליכע קייטען?

איז דאָס די גאָלדענע צייט, אויף וועלכער ער האָט אויסגעקוקט — משה׳ס איינפֿאַכע גאָטעס-לעהרע פֿון פֿערנונפֿט און גערעכטיגקייט?

און די אידען גופא, זיינען זיי דאָס אויסערוועהלטע פֿאָלק, וועגען וועמען ער האָט אַזוי פֿיעל פֿאַנטאַזירט? — פֿעטע בירגער, וועלכע ליגען און קוואָקטשען בעקוועם אונטער די פֿליגלען פֿון דעם פּראָטעסטאַנטישען

שטאַאט; רייכע קויפלייט, וועלכע ענטוויקלען דעם האַלע־דישען האַנדעל אין אינדיען און וועלכע ווערן בלויז דורך זייערע צערעמאָניעם און זייער גלויבען אָבגעטהיילט פֿון די קריסטליכע האָלענדער, וועמען זיי זוכען נאָכצומאַכען אַזוי ווי אַפֿען; אָדער יענע אָבגעריסענע, האַלב־בלינדע אביונים, דער צווייטער טהייל פֿון דער דאָזיגער פֿאַלשער קהילה, די וואָס שלעפען אַרום זייערע וועגעלאַך מיט אָבגענוצעטע סחורות, אָדער זיי בילדען אַ שמוציגע גהעטאָ פֿון דיאַמאַנטען־שניידער און ציגאַרען־מאַכער אין איינגע געסלאַך אָדער אויף די מיט מיסט־אָנגעלאָדענע ברעגען פֿון די קאַנאַלען. אָה, ער איז בעשווינדעלט, אַריינגעצויגען און פֿערראַטהען געוואָרען!

זיין צאָרן איז געוואַקסען פֿון טאָג צו טאָג און ער האָט זיך אויס־געדריקט אין ביטערע, פֿיינדליכע רייד. אויב דאָס איז געוואָרען פֿון משה'ס תורה און פֿון דעם אויסערוועהלטען פֿאָלק, דאַן איז וואָס גיכער אַ אידיש קינד פּראָטעסטירט געגען דעם, אַלץ בעסער איז פֿאַר זיין ראַסע. איז דאָס ניט געווען מן השמים, אַ וואונק פֿון הימעל, וואָס ער האָט זיך אַ נאָמען געגעבען אוריאל — „גאָט'ס פֿייער"? און אַז זיינע פּריוואַטע געשפּרעכען זיינען געגאַנגען אַזוי ווייט, אַז מען האָט איהם געשיקט רופֿען צום בית דין, איז ער אַהין געגאַנגען מיט דעם זעלביגען מוטה און מיט דערזעלביגער ענטשלאָסענקייט; דער פּאָרטוגעזישער רב און זיינע דיינים אין זייערע עהרווירדיגע מאַנטלען האָבען איהם לחלוטין ניט איבערגעשראָקען.

„פֿאַריסעער! היפּאָקריטען!" האָט ער געשריען; און ניט קוקענדיג אויף זיין פֿערלאָרענעם קריסטענטהום, דאָך איז אין דעם וואָרט געלעגען די גאַנצע פֿעראַכטונג פֿון זיין קינדליכער ערציהונג.

„אַפּיקורוס!" האָבען זיי געענטפֿערט, נאָך מיט אַ בייסענדערע פֿעראַכטונג.

„ניין, אפּיקורוס'עם ווערק האָב איך קיינמאָל ניט געלייענט, און וואָס איך האָב געהערט מכח זיין לעהרע, בריינגט מיך אַרויס פֿון די כלים איך בין פֿאַר גאָט און פֿערנונפֿט, און פֿאַר אַ ריינעם יודענטהום."

„פּונקט אַזוי האָט גערעדט אלישע בן אבויה אין דעם אַמאָליגען פּאַלעסטינאַ," האָט זיך דער דין שני אָבגערופֿען אַביסעל מילדער. „ער מיט זיין גריכישער קולטור, וועלכער איז אַריבערגעגאַנגען פֿון הר סיני צום באַרג אָלימפּוס און איז סוף כל סוף געוואָרען אַן אַטהעאיסט."

„איך ווייס גארניט וועגען אלישע'ן, נאר ס'איז פאר מיר קיין וואונדער ניט וואס אייער לעהרע האט איהם געטריבען צום אטהעאיזם."

„האב איך ניט געזאגט, אז דאס וואס דו רעדסט איז אטהעאיזם, ניט יודענטהום? און קיין אטהעאיסט קענען מיר ניט אויפהאלטען אין אונזערע רייהען: אונזער קהילה איז נאך גאר יונג אין אמסטערדאם. זי ווערט נאך דערוויל בלויז געדולדעט, און די דאזיגע האלענדער קען מען גרינג טרייבען צו געוואלט־טהאטען. מיר האבען געוואונען אונזער באדען דורך ארבייט. פעררעטהער! ווילסט דו איינוואר־פען די וואנד, וואס האלט אויף דאס וואסער?"

„א פעררעטהער ביסט דו!" האט געענטפערט אוריאל. „א פעררע־טהער צו גאט און זיין היילינגער תורה."

„זיי שטיל!" האט דער רב געדונערט, „אניט וועט מען דיך אריינלייגען אין חרם."

„שטיל זיין!" האט אוריאל געענטפערט מיט שפאט. „ניין, איך האב פערלאזען מיין היימאטה צו זיין פריי; איך וועל ניט זיין שטיל צוליעב דעם חרם."

און ער איז ווירקליך ניט געווען שטיל. אין דער היים און אין גאס האט ער גערעדט; ער איז פערמאטערט געווארען ריידענדיג.

„זיי שטיל, אוריאל," האט זיך געבעטען זיין אלטע מוטער, מורא האבענדיג עס זאל ניט צוריסען ווערן איהר גליק, די צופריעדענהייט פון איהר נשמה, וואס זי האט ענדליך צוריקגעפונען אין דער אידישער רעליגיאן. „דאס דאזיגע יודענטהום, פון וואס דו מאכסט חווק, איז דאס אמת'ע, דאס ריינע יודענטהום, ווי מען האט עס מיך געלערנט מיידעלווייז. לאמיך שטארבען אין פריעדען."

„זיי שטיל, אוריאל," האט זיך געבעטען זיין ברודער יוסף. „אז דו וועסט זיך ניט אונטערגעבען, וועט דער אלטער מנשה און זיינע פריינד מיך אויסשליסען פון יענע איינטרעגליכע שפעקולאציעס אין די אינדיענס, וואו איך לייג אריין אויך דיין געלד פאר דיר. זיי האבען שוין א פופציג פריוואטע קריגס־שיפען, און די האלענדישע רעגירונג קוקט אוים אויף סיי וואס פאר אן אונטערנעהמונג, אבי זי זאל נור מאכען א תל פון שפאניען; אויף אזא'ן אופן, אז מיר זאלען קענען כאפען איהר זילבער־פלאט, אדער פע־נעהמען פארטוגעזישע קאלאניעס אין זיעד־אמעריקא, וועלען מיר האבעןביידע זאכען, אי א נקמה אין אונזערע שונאים, אי גרויסע פראצענטען. און ער האט א פיינע טאכטער, האט מנשה, און יר דוכט, זי האט מיך גארנישט פיינט. גיב זיך אלזא אונטער, איך בעט

דיך! די דאָזיגע רעליגיאָן געפֿעלט מיר זעהר — ניטאָ קיין מתודה זיין זיך אויף די זינד, ניטאָ קיין פֿערדאַמונג, און ס'איז די אמונה פֿון אונזערע פֿאָטערס."

„ניטאָ קיין פֿערדאַמונג — יאָ, נאָר קיין רעטונג, קיין ערלייזונג אויך ניט. זיי לערנען גאָרנישט מכח דער אונשטערבליכקייט; זייער גלויבען איז ערדיש און ער האָט בלויז צו טהאָן מיט דער וועלט."

„טאָ פֿאַרוואָס זשע האָסט דו מיך אַוועקגעשלעפּט פֿון פּאָרטוגאַל?" האָט יוסף געפֿרעגט מיט כעס.

נאָר אוריאל — גאָט'ס פֿייער — האָט ניט געקענט פֿערלאָשען ווערן; און אַזוי, נאָך פֿערשיעדענע אָפּטע וואָרנונגען, איז אויף איהם געפֿאַלען דער פֿייער פֿון די מענשען. אין שוהל, פֿאַר אַן עדה אידען מיט פֿערלאָשענע שוואַרצע ליכט אין די הענד, איז אוריאל אַקאָסטאַ אַריינגעלייגט געוואָרען אין חרם, און פֿון דאַן אָן האָט קיין מאַן, פֿרוי אָדער קינד ניט געסמייעט אַרומגעהן אָדער ריידען מיט איהם. די בעטלער אפילו האָבען זיך אָבגעזאָגט צו נעהמען פֿון איהם אַ נדבה, די גאַסען־הענדלער האָבען אויסגעשפּיגען, בעת ער פֿלעגט פֿערבייגעהן פֿערביי זיי. זיין אייגענע מוטער און זיין ברודער, וועלכע זיינען איצט אין גאַנצען געווען אונטער דעם איינפֿלוס פֿון זייער נייעם אידישען קרייז, האָבען זיך ניט געוואָלט געפֿינען אין זיינע ד' אמות. זיי זיינען אַוועק און האָבען איהם איבערגעלאָזט אַליין אין דעם גרויסען הויז מיט דעם שוואַרצען משרת. און דאָס דאָזיגע הויז איז אויסגעווייכט געוואָרען, אָקוראַט ווי עס וואָלט געטראָגען אויף זיך דעם צייכען פֿון דער פּעסט, דעם צלם. די דרייסטערע אידישע אינגלאַך פֿלעגען וואַרפֿען שטיינער אין די פֿענסטער אָדער קלאַפּען אין די טהירען, נאָר אַנדערע זיינען נאָך דרייסטער געווען און זיי פֿלעגען נאָכלויפֿען אוריאל'ן אַליין, ווען ער פֿלעגט זיך אַמאָל ווייזען אין די גאַסען, און אָקוראַט ווי זייערע עלטערן פֿלעגען זיי אויס־שפּייען ווי זיי האָבען איהם נור דערזעהן, איהם פֿערוואַרפֿען מיט בלאָטע און איהם נאָכשרייען „אַפּיקורוס!" „ממזר!" „עוכר ישראל!"

## VIII

נאָר כאָטש דורך דער דאָזיגער אָבזונדערונג האָבען די רבנים פּשוט אויסגעשניטען דעם אפּיקורוס די צונג — מחמת ער האָט ניט געקענט קיין האָלענדיש, און ער האָט זיך אין דער גאַנצער צייט אפילו ניט

אויסגעלערנט ריידען מיט זיינע קריסטליכע שכנים — איז אָבער געבליבען זיין פֿעדער. זיי האָבען געציטערט פֿאַר איהר אַזוי ווי פֿאַר זיין וואָרט; און אַזוי ווי ס'איז אַרויס אַ קלאַנג, אַז ער זיצט דאָרט הינטער די פֿער־מאַכטע פֿענסטער פֿון זיין גרויסען איינזאַמען הויז און גרייט צו אַ שריפֿטליכע אַטאַקע אויף זיי, האָבען זיי אָנגעשטעלט אויף איהם אַ געוויסען שמואל דאַ סילוואַ, אַ דאָקטאָר, וועלכער איז געווען פונקט אַזוי געשיקט מיט זיין פען אַזוי ווי מיט זיין אָפּעראַציאָנס־מעסער. ער האָט עס אוריאל'ן פֿערכאַפּט אַפֿריהער מיט אַ געגען־קלאַפּ, מיט אַן אויסרעכנונג אַרונטערצומאַכען דעם אָנגרייפֿער. ער לייקענט אָב די אונשטערבליכקייט, האָט דאַ סילוואַ אָנגעדייטעט אין זיין עלעגאַנטער פּאָרטוגעזישער אָבהאַנדלונג „טראַקטאַט פֿון דער אונשטערבליכקייט". זיינע ידיעות איבער אוריאל'ס „טהיערישע און שעדליכע אידעען" האָט ער אַפּנים גענומען פֿון די אונדייטליכע בעריכטען, וואָס דעם אפיקורוס' ברודער האָט אָבגעגעבען, נאָר ער האָט זיך פֿונדעסטוועגען געהיט אין זיין בוך ניט צו דערמאָנען חלילה זיין טרייפֿענעם נאָמען.

„פֿאַלשע בלבולים!" האָט אוריאל געענטפֿערט אין זיין בוך, וועלכען ער האָט געענדיגט נאָכדעם ווי דאַ סילוואַ'ס אָבהאַנדלונג איז אַרויס אויף דער וועלט. נאָר אָנשטאָט זיך צו פֿערענטפֿערן, האָט ער נאָך דערמיט פֿעסטער געמאַכט די מיינונג פֿון דעם גרויסען עולם מכח זיינע מאַטע־ריאַליסטישע טעות'ן, מחמת פֿון זיין ווערק האָט מען געקענט זעהן, אַז מכח עולם הבא איז ער אַליין ניט קלאָהר ביי זיך. זיין געדאַנק איז פֿאַר דער צייט אַוועק פֿאָראויס: פֿריהער האָט ער זיך געהאַט בעקלאָגט פֿאַר יוסף'ן, אַז די רבנים לייגען קיין געוויכט ניט אויף דער אונשטערב־ליכקייט פֿון דער נשמה, אָבער אַז ער האָט טיעפֿער און גרינדליכער דורכגעשטודירט די תורה, האָט ער געזעהן, אַז משה אַליין האָט גאָר אין גאַנצען ניט דערמאָנט דעם דאָזיגען בעגריף, אַז ער האָט ניט געזוכט אויפֿצוהאַלטען די מאָראַל פֿון היינט דורך דעם שרעק פֿון אַ „יענער וועלט" נאָך'ן טויט.

אַזוי איז אוריאל געשטאַנען אַ פֿער'משפט'ער פֿון זיך אַליין, און די רבנים האָבען געקוואָלען פֿון נצחון, פֿאַלשטענדיג גערעכטפֿערטיגט אין די אויגען פֿון זייער סטאַדע געגען דעם דאָזיגען גאָטעס־לעסטערנדען מאַטעריאַליסט. נאָך מעהר, אוריאל האָט געמוזט אַריינפֿאַלען אין דעם גרוב, וואָס ער האָט אַליין אויסגעגראָבען. די פֿאָרשטעהער פֿון דער קהילה האָבען זיך געווענדעט צו די ריכטער; מיט אַ בייזען אָמהער האָבען זיי איבערזעצט גאַנצע שטיקער פֿון זיין בוך „די טראַדיציאָנעלע

פאריסעער, פערגליבען מיט דער תורה שבכתב". אוריאל איז געשטעלט געווארען צום געריכט. מען האט איהם פעראורטהיילט צו בעצאהלען דריי הונדערט גולדען און זיצען אכט טאג און טורמע. דאס בוך איז פערברענט געווארען.

ניט קיין קלענערער פייער האט געברענט ביי אוריאל'ן אין הארצען, ווען ער האט בעטראכט זיין לאגע. ליגענדיג אויף זיין געפענגנים־בעטעל, זיך בייסענדיג די ליפען און איינגראבענדיג די נעגעל אין זיינע הענד פאר פערדרוס, האט ער פערפלוכט די דאזיגע רשעות'דיגע פערדארבער פון דעם ריינעם יודענטהום, וועלכע האבען איהם זאגאר פערשעהמט פאר די האלענדער אין די אויגען. ער, דער שטאלצער און מוטהיגער מאן פון פארטוגאל, איז געבראנדמארקט געווארען אלס פערברעכער פון די דאזיגע קאלטבלוטיגע האלענדער. ער וועט שוין מעהר קיינמאל ניט האבען צו טהאן מיט זיינע מיטמענשען — קיינמאל, קיינמאל ניט! אליין מיט גאט און מיט זיינע געדאנקען וועט ער לעבען און שטארבען.

און אזוי איז אוועק א יאהר נאך א יאהר. כאטש ער האט זיך אויפגעהאלטען אין דער שטאדט, וואו זיינע ליעבע און טהייערע זיינען געווען, האט ער אבער געלעבט פאר זיך אין זיין קאלטען, מארמארנעם הויז, ניט איינרידענדיג קיין ווארט מיט קיין מאן און מיט קיין פרוי אחוץ זיין שווארצען דיענער. אויך פלעגט ער זעלטען ווען ארויסגעהן אין גאס, אי דאס אין די שטונדען, ווען די קינדער, וועלכע פלעגען איהם נאכלויפען, זיינען געשלאפען. נאר שפעט ביינאכט פלעגט מען איהם צייטענווייז בעגעגענען, ארומוואנדערנדיג ביי די קאנאלען, פערזונקען אין זיינע געדאנקען, מיט טיעף אין זיך איינגעגראבענע אויגען, וואס האבען עפעס אזוי ווי גארניט צוגעקוקט זיך צו דער שעהנקייט פון די פונקעלענדע וואסערן, בעלויכטען פון די שטערן, אדער צו דער צערטליכער פארב פון דעם לייכטען טומאן, וואס איז געלעגען איבער זיי. פול מיט מרה־שחורה זיינען די אויגען זיינע געווען, און צייטענווייז פלעגען זיי פייכט ווערן, זיך פערבייגקענדיג נאך דער זונן אין די א־אנזשען־בוימער און די ווארמקייט פון פריינדליכע געזיכטער. און אפטמאל, בעגינען צו טאג, האבען איהם די מארק־לייט בעגעגענט רייטענדיג ווילד אויסער דער שטאדט, אנגעטהאן מיט א העמדעל פון א פארטוגעזישען מאגנאט, מיט א שווערד ביי דער זייט, און אין דער האנד האט ער געהאלטען א פיסטויל, בעצויגען מיט זילבער, מיט וועלכען ער האט ארונטערגעשאסען די צווייגען פון די בוימער, בעת ער איז פערבייגעפלויגען פערביי זיי.

און אז זיין ליעבער ברודער האט חתונה געהאט מיט דער טאכטער

פֿון מנשה דעם מיליאָנער און דעם פּרעזידענט פֿון דער „אינדיאַ געזעל־שאַפֿט" — וועלכע האָט אין יענעם וואונדערבאַרען יאָהר אויסגעצאָהלט איהרע אַקציאָנערן אַ דיווידענד פֿון פֿינף און זיבעציג פּראָצענט — האָבען אַ טהייל פֿון די געסט פֿערזיכערט, אַז זיי האָבען בעמערקט אוריאל'ס פֿער'חושך'ט און דערשלאָגען געזיכט צווישען דעם עולם, וואָס האָט זיך פֿערקליבען אַרום שוהל זעהען דעם חתן יוסף אַקאָסטאַ און זיין שעהנע כלה; און עס זיינען געווען אַנדערע, וועלכע האָבען געזאָגט, אַז אוריאל'ס הענד האָבען זיך אויפֿגעהויבען אין דער הויך, אַקוראַט ווי ער וואָלט זיי געבענשט. און איינמאָל אין אַ פֿינסטערער נאַכט, ווען די אַלטע דאָנאַ אַקאָסטאַ איז געשטאָרבען, האָט דער קברות־מאַן פֿון דעם אידישען בית עלמין דערהערט עפּעס אַ פֿערדעכטיגען גערויש, און אַרויס־געהענדיג פֿון זיין שטיבעל, האָט ער אָנגעשטעלט זיין לאַמטערנע — ניט אויף איינעם, וואָס איז געקומען גנב'ענען אַ טויטען קערפּער, נאָר — אָה, אַסך אַ גרעסערער חלול השם! — אויף דער שלוכצענדער פיגור פֿון אוריאל אַקאָסטאַ, וועלכער איז געלעגען איבער אַ פֿריש־געגראָבענעם קבר, פֿערזינדיגענדיג די הייליגע ערד פֿון דעם בית־חיים!

## IX.

און אַזוי זיינען פֿערגאַנגען די מאָנאַטען און די יאָהרען, און אַלץ דיקער און פֿעסטער איז געוואָרען די אייז־וואַנד, וועלכע האָט אַרומגענומען דעם איינזאַמען דיינקער'ס האַרץ, אַזוי פֿעסט, אַז עס איז שוין כמעט ניט מעגליך געווען, עס זאָל ווען עס איז צוגעהן. קרוב צו פֿופֿצעהן לאַנגע ווינטער־יאָהרען זיינען אַריבער אין איינזאַמקייט, און אוריאל, וועלכער איז שוין כמעט געווען אַ פֿערגעסענער, איז פֿאַר דער צייט אַוועק גאַנץ ווייט און זאָגאַר משה'ס רעליגיאָן האָט איהם שוין ניט בעפֿרידיגט. נור דאָס האַרץ אַליין האָט צו זאָגען איבער דער רעליגיאָן, האָט ער זיך געטראַכט; מחמת דעם קען קיין זאָגנאַנטע געטליכע ענטפּלעקונג, וועלכע איז אין ווידערשפּרוך מיט דער נאַטור, ניט זיין וואהר. די אמת'ע רעליגיאָן מוז זיין אין אַנקלאַנג מיט דער אמת'ער פֿערנונפֿט; נאָר קיין רעליגיאָן איז ניט פֿערנינפֿטיג, ווען זי קען אויפֿהויבען אַ ברודער געגען אַ ברודער. אַלע צערעמאָניעס זיינען געגען דער פֿערנונפֿט. גוטס־קייט איז די איינציגע אמת'ע רעליגיאָן. אַזעלכע מוטהיגע שליסע פֿלעגען

איהם צייטענווייז אַליין איבערשרעקען, ניט האָבענדיג קיין אַנדערן אויף דער וועלט, זיך צו טהיילען מיט די דאָזיגע געדאַנקען זיינע. „אַלע צרות," האָט ער פערצייכענט ביי זיך אין ביכעל אין זיין עלעגאַנטען לאַטיין, „נעהמען זיך דערפון וואָס מען געהט ניט נאָך דעם שכל הישר און דעם געזעץ פון דער נאַטור."

און דיינקענדיג אַזעלכע געדאַנקען אין דער טויטער שפּראַך, וועלכע האָט זיך געפּאַסט פאַר איינעם וואָס איז אָבגעשניטען פון לעבען, ביי וועמען האָלענדיש איז קיין אַנדער זאַך ניט געווען נאָר אַ מיש-מאַש, אַ זשאַרגאָן פון אַן אונפּעהיגער ראַסע, איז ער איינמאָל אין אַ קאַלטען אָווענד אַרוים פון זיין הויז. מיט אַמאָל האָט ער דערפיהלט, ווי אימיצער גיט איהם אַ קלאַפּ איבער'ן שולטער, און זיך אומדרעהענדיג מיט ער־שטוינונג, איז ער נאָך מעהר ערשטוינט געוואָרען, ווען ער האָט צום ערשטען מאָל זייט פופצעהן יאָהר דערזעהן פאַר זיך אַ מיטמענשען, וואָס האָט פאַר איהם אַ פריינדליכען שמייכעל און שטרעקט איהם אויס אַ פריינדליכע האַנד. אינסטינקטיוו האָט ער אָבגעטראָטען צוריק, ניט דערקענענדיג אפילו דעם אַלטען, וויים־בערדיגען און דאָך רונדען מאַן.

„וואָס זשע, סענהאָר דאַ קאָסטאַ! דו האָסט שוין פערגעסען דיין אָפּפער?"

אַ מאָדנער שוידער איז איהם אַריבער איבער'ן לייב, אָבער אין דער רגע האָט ער דערפיהלט עפּעס אַזוי ווי די אונענדליכע יאָהרען, וואָס ער האָט פערבראַכט אין אַמסטערדאַם, וואָלטען מיט אַמאָל פערשוואונדען פון זיין זכרון, ווען ער האָט דערקענט די פרעהליכע שטימע פון דעם אַלטען דאָקטאָר; און כאָטש דאָס האָט צוריקגעפיהרט זיין געדאַנק צו דער תפיסה פון דער הייליגער אינקוויזיציע, האָט ער אָבער ניט געפיהלט די פינסטערניש פון דעם אונטעראירדישען קעלער, נאָר זונענשיין און בלויע הימלען און פריהלינג און יוגענד. דורך דעם זאַנפטען שלייער פון זיסע טרעהרען האָט ער געקוקט אויף דעם פריינדליכען געזיכט פון דעם גרייז־גראָען דאָקטאָר, און ער האָט געדריקט זיין גרויסע וואַרימע האַנד, איהר האַלטענדיג פעסט און זיך גאָר פערגעסענדיג זי אָבצולאָזען, אָקוראַט ווי זי וואָלט איהם געצויגען צוריק צו לעבען און ליעבע און פריינדשאַפט.

די ערשטע עטליכע ווערטער האָבען קלאָהר און דייטליך געוויזען, אַז דאָס דיעגאָ האָט ניט געהערט מכח אוריאל'ס חרם. ער איז נאָר וואָס אָנגעקומען קיין אַמסטערדאַם, געטריבען אַהער אין די סאַמע לעצטע טעג פון זיין לעבען דורך די פרישע טהעטיגקייט פון דער הייליגער אינקווי־

זיציע. „איך האָב געגאַרט צו שטאַרבען אין פּאָרטוגאַל", האָט ער געזאָגט מיט זיין פולען געלעכטער; „אָבער ניט ביי דער אינקוויזיציע אין די הענד."

אוריאל האָט דערשטיקט אין זיך די ווילדע לוסט צו פּערדאַמען די נאָך גרויזאַמערע אינקוויזיציע פון דער אידישער קהילה, זיך פלוצלונג דערמאָנענדיג, אַז דאָס דיעגאָ קען נאָך גלייך צונעהמען ביי איהם די געבענשטע פּריווילעגיע פון דער מענשליכער שפּראַך.

„האָסט געהאַט אַ גוטע רייזע?" האָט ער אָנשטאָט דעם געפרעגט.

„ניין, די כוואַליעס זיינען געווען שטאַרק קאַטויליש," האָט דער אַלטער מאַן געענטפערט, מאַכענדיג דערביי אַ קרומע מיענע. „על כל פנים, ער דערמעלט ניט און שלאָפט ניט, דער גאָט פון ישראל, און איך בין אַזוי צופרידען וואָס איך האָב דיך דאָ געטראָפען, וועל איך וויניג־סטענס האָבען מיט וועמען צוריקצוגעהן צו מיר אין דער וואוינונג דאָ אין מיטען פון דעם דאָזיגען וואַסער־פּלאָנטער."

אויף׳ן וועג האָט אוריאל געענטפערט אַזוי וויים ווי ער האָט נאָר געקענט אויף דעם אַלטען מאַן׳ס פראַגען. זיין מוטער איז טויט; זיין ברודער ווידאַל האָט חתונה געהאַט, כאָטש זי איז אין עטליכע יאָהר אַרום געשטאָרבען איבערלאָזענדיג איהם אַ אינגעל, וועלכער ווערט שעהנער פון טאָג צו טאָג. יאָ, ער האָט אויך גרוים הצלחה אין וועלטליכע עסקים, נאָר ער האָט זיי שוין פון לאַנג אָן איבערגעגעבען צו יוסף׳ן — דאָס הייסט, צו ווידאַל׳ן — אין די הענד, וועלכער האָט אַריינגעלייגט דאָס גאַנצע פערמעגען פון דער פאַמיליע אין אַ האָלענדישער אונטערנעהמונג מיט דעם נאָמען „די מערב אינדיען געזעלשאַפט", — אַ קאָמפּאַניע, וואָס האָט אַן אייגענעם פּלאָט מיט דעם צוועק אָנצופאַלען אויף די שפּאַנישע קריעג־שיפען. ער האָט ניט דערצעהלט, אַז די פּראָצענטען זיינע קריגט ער אויסגעצאָהלט דורך אַ געוויסע באַנק, וועלבע שיקט איהם אַריין דאָס געלד אין הויז, און אַז ער געהט אַרום און ציטערט, זיין פערפרעמדטער און פרומער ברודער, וועלכער איז איצט אַ גאַנצער מנהיג פון דער קהילה, זאָל ניט אַמאָל, דורך ווער ווייסט וואָס פאַר אַ טייפלישען רעליגיעזען אָדער שטאַאַטליכען אויסרייד, גאָר אין גאַנצען ווערן דער בעל הבית איבער דעם אפּיקורס׳ פערמעגען און איהם לאָזען שטאַרבען פאַר הונגער. נאָר אויף׳ן גאַנצען וועג, בעגלייטענדיג דעם אַלטען דאָקטאָר, האָט ער זיך ניט אויפגעהערט וואונדערן פאַרוואָס דאָס דיעגאָ, וועלכער איז געשטאַנען אין שטענדיגער שריפטליכער פערבינדונג מיט אַמסטערדאַם, האָט קיינמאָל גאָרנישט געהערט מכח זיין חרם, און זיין ביטערער פערדרוס האָט זיך

ערשט ריכטיג דערוועקט, ווען ער האָט זיך דערמאָנט, אַז לויט'ן חרם האָט מען אפילו זיין נאָמען ניט געטאָרט דערמאָנען, אַז ער איז טויט, בעגראָבען, פערזונקען אין פערגעסענהייט. און נאָך איידער דער דאָקטאָר האָט איהם איינגעלאַדען צו זיך אַהיים, האָט ער בעשלאָסען ביי זיך, אויסצוניצען די דאָזיגע שטילקייט פאַר זיין אייגענעם נוצען: ער, וועלכער האָט שטאָלצירט דערמיט, וואָס ער איז תמיד געווען אויפריכטיג אין עהרענהאַפט, האָט אָבגעמאַכט ביי זיך צו לייגען שווייגענדיגערהייט. איז דאָס ניט געווען בעצאָהלט מדה כנגד מדה, צו בעקעמפּפען די לומפּען מיט זייער אייגענער וואַפּע? ער איז פערשוואונדען פון דעם מענשליכען זכרון — זאָל זיין אַזוי. וואָס זשע, האָט ער טאַקי אין דער אמת'ן געזאָלט צושטערען אָט די פלעצליכע פרייד פון אַ פריינדליכער בעגעגעניש מיט איינעם פון זיין אייגען בלוט, פון זיין ראַסע, ער, וועמעס נשמה איז אויסגעגאַנגען אין דורשט און בייִנקעניש, כאָטש ביז אין דער רגע איז ער געווען צו שטאָלץ עס צוצוגעבען?

נאָר אַז ער איז אַריין צו דאָס דיעגאָ'ן אויף'ן קוואַרטיר און האָט דערזעהן די אומגעריכטע, פערגעסענע יאַנטהע — יאַנטהע, וועלכע איז אויסגעוואַקסען פון יענעם זיסען קינד צו אַן אונפּע־גלייכליכער רייצענדער יונגפרוי; יאַנטהע מיט איהרע דונקעלע, שמייכלענדע אויגען און איהר לאַסטשענדער שטימע און איהרע איידעלע בעוועגונגען — דאַן איז דיזער אָבמאַך פון אַ פּאַסיווען שטילשווייגען פערוואַנדעלט געוואָרען ביי איהם אין האַרצען אין אַ פעסטען בעשלוס צו שטרייטען מיט אַלע כחות, אַז זיי זאָלען ניט אויסגעפינען וואָס מיט איהם איז געשעהן. אין דעם פייער פון זיין נשמה, אין דעם אויפברויזען פון יוגענד און פריהלינג אין זיינע אָדערן, אין זיין ענטציקונג, איז דער דאָזיגער ערשטער אָנבליק פון אַ שעהן מיידעל'ס געזיכט גענוג געווען אָנצוצינדען ביי איהם אין האַרצען אַ פייער פון נייע, זיסע, שטורמדיגע און הייליגע געפיהלען. אַה, וואָס פאַר אַ פרעהליכע וועטשערע דאָס איז געווען! יעדער מאכל איז געווען אויסגעמישט מיט דעם זאַפט פון די פרעהליכסטע, זיסעסטע זכרונות. מיט וואָס פאַר אַ פרעהליכען געמיטה ער האָט דערמאָנט יאַנטהע'ן אָן איהרע קינדערשע שטיקלאַך און אָן איהרע קינדערשע ווערטלאַך! פערשטעהט זיך, אַז זי געדיינקט איהם נאָך, האָט זי געזאָגט, און די שפּיעלצייג און די בלומען, וואָס ער פלעגט איהר ברייננגען; און ווי קאָמיש ער האָט עס דאַן אויסגעזעהן, ווען ער פלעגט פערקנייטשען דעם שטערן, בעת ער פלעגט זיך מתוכח זיין מיט איהר פאָטער! יאָ, נאָך איצט האָט ער אין זיך די דאָזיגע קאָמישע ציגע, און ריידענדיג מיט איהם מכח דעם, האָט

זי איהם אנגעריהרט דעם שטערן מיט איהרע דינע פֿינגער, עפּעס אזוי ווי זי וואלט איהם וועלען בעסער ערקלעהרען וואס זי מיינט, און ער האט בעת מעשה א ציטער געטהאן פֿון שמערצליכער ענטציקונג. און זי האט אויך אויף איהר פֿידעל געשפּיעלט, אויף דער פֿידעל, וואס ער האט איהר אמאל מיט יאהרען צוריק געגעבען, און די פּאזע איהרע, בעת זי האט געשפּיעלט, איז נאך בעצויבערנדער געוועזן, איידער די צויבערנדע מוזיק, וואס איהרע איידעלע פֿינגער האבען ארויסגעבראכט. וואס פֿאר א שעהנער גלאנץ פֿון ווייסע שולטערן און פֿיינע שפּיצען עס האבען זיך ארויסגעזעהן איבער איהר גלייך־געשניטענעם שווארצען קארסעט!

פֿער׳שכור׳ט, איבער זיך פֿאר בעגייסטערונג, איז ער ארויס פֿון דאס דיעגא׳ס הויז, און בעת די קאלטע נאכט־לופֿט האט איהם געגלעט איבער׳ן שטערן, וועלכען זי האט מיט א ווײַלע צוריק אנגעריהרט, איז ער דורכגענומען געווארען מיט א פֿייערדיגער ענערגיע. א דאנק גאט, ער איז נאך יונג, כאטש פֿופֿצעהן יאהר זיינען אויפגעגעסען געווארען פֿון זיין לעבען, און ער האט געמיינט, ער איז שוין אזוי אלט און אזוי גראה ווי די זומפּען. יא, ער איז נאך יונג, האט ער צו זיך אליין גערעדט מיט א פֿייערדיגען טאן. אין דערהיים איז זיין נאטיץ־בוך געלעגען אפֿען, ווי געוועהנליך, ביי איהם אויף׳ן שרייב־טיש, אזוי ווי א פֿריינד, וועלכער וואַרט צו הערען וואס פֿאר נייע געדאנקען זיינען איהם ארויפֿגעקומען אויף׳ן זינען אין דער צייט, וואס ער האט ארומגעשפּאצירט אליין פֿאר זיך. ווי דערוויטערט און פֿרעמד האט דער דאזיגער קאלטער פֿריינד זיינער איצט אויסגעוויזען ביי איהם אין די אויגען, ווי אונפּאסענד! און דאך, אז זיין אויג האט אויף א נייגיריגען אופֿן א בליק געטהאן אויף זיין לעצט־פֿערצייכענטען זאץ — ווי פּאסענד האט דאס איהם געקלונגען! „אלע צרות נעהמען זיך דערפֿון וואס מען פֿאלגט ניט די פֿערנונפֿט און דעם געזעץ פֿון דער נאטור.” ווי אמת! ווי אמת דאס איז! ער האט ניט געפֿאלגט ניט די פֿערנונפֿט און ניט דאס געזעץ פֿון דער נאטור.

X.

אויף מארגען אין דער פֿריה, ווען דאס קאלטע, אום׳ברחמנות׳דיגע אויג פֿון דעם דיינקער האט דורכגעדרונגען די סאפֿיזמען פֿון זיין פֿערלאנג אזוי דייטליך און אזוי קלאהר ווי זיין קערפּערליכע אויג האט געזעהן די

גראָהקייט פֿון זיינע האָר און די פֿריה־צייטיגע אַלטקייט אויף זיין פּנים, — דאַן האָט ער זיך אַרומגעקוקט, ווי אונמעגליך עס איז צו פֿערהוילען זיין לאַגע פֿון דאָס דיעגאָ'ן. זיין עהרע האָט עס איהם פֿערוועהרט, כאָטש דאָס וואָלט אפשר ניט אַזוי שטאַרק אויסגעמאַכט, ווען ער וואָלט ניט זיכער געווען, אַז דאָס געהיימניס קען יעדע מינוט ענטדעקט ווערן. אַז ער זאָל ווערן אַן אָפּטער איינגעהער ביים דאָקטאָר אויף דער קוואַרטיר, וועט ער זיך מוזען דאָרט צונויפּטרעפֿען מיט ברידער־אידען. ביי אַ טהייל אפשר, פֿון דעם יונגען דור, וואָלט זיין פֿערגעסענער נאָמען ניט אַרויס־גערופֿען אַזאַ שרעק; נאָר דאָס דיעגאָ'ס אינטימע פֿריינד מוזען דאָך אודאי זיין פֿון די עלטערע בעלי בתים פֿון דער אידישער קהילה. ניין; ער מוז אַליין וואָרענען דאָס דיעגאָ'ן, אַז ער איז אַ מצורע — אַן אויס־געשטויסענער. אָבער ניט אָהן אַ זיי־געזונד וויינינגסטענס. ער האָט דערום אַריבערגעשיקט פעדראָ'ן צום דאָקטאָר מיט אַ בריעף, איהם בעטענדיג, ער זאָל איהם אָנטהאָן דעם כבוד און איהם אָבצאָהלען דעם בעזוך טאַקי דעם זעלבען אָוועגד. און אַזוי ווי דער דאָקטאָר האָט צוגעזאָגט צו קומען מיט זיין טאָכטער, האָט מען געשיקט נאָך אַ וואַש־פֿרוי, דאָס גרויסע הויז, בעדעקט מיט שפּין־וועבס, איז אויסגערייניגט געוואָרען, די אַלטע זילבערנע כלים זיינען אַרויסגענומען געוואָרען פֿון די פֿערזשאַווערטע שאַפֿעס; מען האָט אָבגעשטויבט די גרויסע, שווערע בילדער, און אין עסס־שטוב, אויף אַ מאַרמאָרנעם זייל, האָט מען אויפֿגעהאַנגען אַ פֿרעהלאַך קאַנאַריקעל אין אַ העל שטייגעל. און בלומען האָט מען געבראַכט, און ביינאַכט, אין דעם זאַנפֿטען שיין פֿון די וועקסענע ליכט, האָט דאָס גאַנצע הויז אויסגעזעהן אַזוי יום־טוב'דיג און פֿרעהלאַך, אַז דעם שוואַרצען משרת' רויטע הויזען און זיין גאָלד־געשטריקטער ראָק און זיין בלויער טורבאַן, וואָס זיינען ביז אַהער געווען אַזוי ניט צוגעפּאַסט צו דער אַלגע־מיינער גראָהקייט וואָס האָט געהערשט אין הויז, האָבען איצט אויסגעזעהן עפּעס אַזוי ווי אַ טהייל פֿון דעם נאָרמאַלען, גאַנץ געוועהנליכען קאָליער. און אוריאל, וועלכער איז אויך יונג געוואָרען אינאיינעם מיט'ן הויז, האָט אויסגעזעהן שעהן, בעת ער איז געזעסען ביים טיש און האָט פֿרעהלאַך געשמועסט מיט דעם דאָקטאָר און מיט יאַנטהע'ן.

נאָך דער מאָהלצייט און דעם גוטען, אַלטען וויין, איז דאָס דיעגאָ אַנדרעמעלט געוואָרען, און דער געשפּרעך צווישען אוריאל'ן און יאַנטהע'ן האָט אָנגענומען אַ זאַנפֿטערן טאָן, מורא האָבענדיג זיי זאָלען ניט אויפֿ־וועקען דעם אַלטען. גאָר גיך האָבען זיך אויך זייערע הענד געשלאָסען איינע אין די אַנדערע. און פּלוצלינג, ווערענדיג ליידענשאַפֿטליך דורך

איהר וואַרעמער בעריהרונג און איהר אָטהמענדער אַנוועזענהייט, ציטערנדיג, אַז דאָס זאָל ניט זיין דאָס לעצטע מאָל וואָס ער זעהט איהר, האָט ער איהר געזאָגט, אַז צום ערשטען מאָל אין זיין לעבען האָט ער זיך איצט דערוואוסט וואָס ליעבע בעדייטעט.

„אָה, ווען דו וואָלסט כאָטש געענטפערט אויף מיין ליעבע!" האָט ער געזאָגט מיט אַ הייזעריגען טאָן. „אָבער ניין! דאָס וואָלט געווען צו־פיעל צו האָפען פאַר אַ מאַן אין מיינע יאָהרען. נאָר לאָמיך הערען אַ וואָרט פון דיר, זאָג מיר וויינענדיגערהייט, אַז איך בין דיר ניט אָבשטויסענד."

זי האָט געהאַט בדעה צו ענטפערן, נאָר מיט אַמאָל האָט ער אָב־געלאָזט איהר האַנד און איז געבליבען זיצען אַנטקעגען איהר מיט אַ מאָדנער מיענע, אַזוי אומגעריכט ווי זיין מודה זיין זיך.

„ניין, ענטפער מיר ניט. ניט ביז וואַנען איך וועל דיר דערצעהלען דאָס, וואָס מיין עהרע דערלאָזט מיך ניט צו בעהאַלטען פון דיר."

און ער האָט איהר דערצעהלט די געשיכטע פון זיין חרם און זיין לאַנגער איינזאַמקייט, און איהר געזיכט איז בעת מעשה געוואָרען אַלערליי קאָליערען, דורכגענומען פון שרעק און מיטלייד.

„ענטפער מיר אַצונד," האָט ער געזאָגט, כמעט מיט אַ בעפעהלענדען טאָן. „וואָלסט דו געקענט ליעבען אַזאַ מאַן, וואָס איז אויסגעשטויסען פון זיין ראַסע, צו שאַנד און צו שפּאָט ביי אַלעמען אין די אויגען, מיט וועמען ס'איז אַ זינד צו ריידען אפילו?"

„זיי וועלען אונז אודאי ניט וועלען חתונה מאַכען," האָט זי אַרויסגע־שעפּטשעט מיט אַ פערצווייפעלטען טאָן.

„אָבער וואָלסט דו מיך געקענט ליעבען?"

איהרע אויגען האָבען זיך אַרונטערגעלאָזען, ווען זי האָט אַרויסגערעדט די ווערטער: „איצט נאָך מעהר, פאַר דיינע יסורים."

נאָר זאָגאַר אין דעם עקסטאַז פון דער דאָזיגער ערקלעהרונג איהרער האָט איהם עפּעס אַזוי ווי דאָס האַרץ געזאָגט, אַז זי פערשטעהט ניט אויף ריכטיג וואָס דאָ טהוט זיך; אַז אַזוי ווי זי האָט קיינמאָל ניט געלעבט אין אַ ניט־פערפאָלגטער אידישער קהילה, האָט זי ניט קיין ריכטיגען בעגריעף פון איהר אייגענער פערפאָלגונגס־מאַכט. נאָר ס'איז דאָך ניט דוקא נייטיג געווען צו בלייבען אין אמסטערדאַם: זיי וואָלטען דאָך געקענט לעבען צוזאַמען ערגעץ אין אַן איינזאַמען אָרט, אין דער רעליגיאָן פון פ ע ר נ ו נ פ ט, וואָס ער וואָלט איהר געלערנט. אַזוי האָבען זיך זייערע הענד צוריק בעהעפט, און איינמאָל האָבען זיך זייערע ליפען זאָגאַר בעגעגענט איינע מיט די אַנדערע. נאָר קודם כל מוז מען דאָך דערצעהלען

דעם פּאָטער מכח זייער פלוצלינג-געבוירענער, פלוצלינג אויסגעוואַקסענער ליעבע, און דאָס האָט אוריאל אין פֿייערדיגע ווערטער געטהאָן אַזוי גיך ווי דער אַלטער דאָקטאָר האָט זיך אויפֿגעכאַפּט.

„גאָט מיינער!" האָט זיך דאָס דיעגאָ אָבגערופֿען. „וואָס זשע! איך חלום נאָך?"

אָבער זיין טרוים-געפֿיהל איז נאָך שטאַרקער געוואָרען, ווען אוריאל האָט ווידערהאָלט די געשיכטע וועגען זיין חרם.

„און דער חרם—איז ער נאָך אין קראַפֿט?" האָט ער איהם איבער-געשלאָגען די רייד.

„ער איז ניט אַרונטערגענומען געוואָרען," האָט אוריאל געענטפֿערט מיט אַ טרויעריגען טאָן.

דער דיקער מאַן מיט דער גראָער באָרד איז אויפֿגעשפרונגען פֿון זיין אָרט. „און מיט אַזאַ מין בראַנד-מאַרק אויף דיין שטערן האָסט דו געסמייעט ריידען מיט מיין טאָכטער!"

„פֿאָטער." האָט יאַנטהע אַ געשריי געטהאָן.

„וואָס מיר פֿאָטער! ער האָט אונז פֿערנאַרט אַהער מיט פֿאַלשע אויסריידען. ער האָט געמאַכט מיר זאָלען אַריבערטרעטען דעם היילינגען געבאָט פֿון דער שוהל. ער איז אין חרם — ער און זיין הויז און זיין עסען — דו רשע! וואָס פֿאַר אַ פֿלייש האָסט דו אונז געגעבען צו עסען? האָסט עס געכשר'ט?"

„דו, אַ געבילדעטער, אַ קולטור-מענש, דו קוקסט אויף אַזעלכע קינדערשע זאַכען?"

„קינדערשע זאַכען? נאָך וואָס זשע האָב איך אַוועקגעוואָרפֿען מיין פּאָרטוגאַל?"

„אַלע צערעמאָניעס זיינען געגען דער ריינער פֿערנונפֿט," האָט אוריאל געזאָגט מיט אַ נידעריגען טאָן און זיין געזיכט איז בעת מעשה געוואָרען טויט-בלאַס.

„איצט זעה איך, אַז דו האָסט קיינמאָל ניט פֿערשטאַנען אונזער היילינגע און שעהנע רעליגיאָן. געבילדעטע, קולטור-מענשען, גאָט מיינער! איז דען אונזער אַמסטערדאַמער קהילה ניט פֿול מיט קולטור-מענער — גראַמאַטיקער, פּאָעטען, פֿילאָזאָפֿען, יוריסטען, נאָר פֿלייש און בלוט, פֿערשטעהסט דו מיך, ניט קיין טויטע געאָמעטרישע צייכנונגען? פֿון וואַנען קומט די צוזאַמענהאַלטונג פֿון אונזער ראַסע? צערעמאָניע! וואָס האַלט אויף און פֿעראייניגט איהרע צווייטע און צושפּרייטע אַטאָמען איבער דער גאַנצער וועלט? צערעמאָניע! און וואָס איז אַזוינס

צערעמאָניע? פּאָעזיע! ס'איז די טראַדיציע, וואָס איז איבערגעגעבען געוואָרען פון די אַלטע, אַלטע דורות; ס'איז די פאַרב פון לעבען."

„ס'איז אַ מיזעראַבלע קנעכטשאַפט," האָט זיך אוריאל מיט אַ שוואַכען טאָן אָבגערופען.

„אַ מיזעראַבלע! אַ גליקליכע גאָטעס־דיענסט. אָט אפנים דו האָסט קיינמאָל ניט געטאַנצט שמחת תורה אין שוהל? ווער איז אַזוי פרעהלאַך ווי אונזערע ברידער? וואו האָסט דו נאָך אַזאַ לוסטיגע אמונה? די צרה מיט דיר איז וואָס דו האָסט ניט קיין קינדערשע פערבינדונגען מיט אונזער הערליכער רעליגיאָן, דו האָסט זי אָנגענומען ווען דו ביסט שוין געווען אַ דערוואַקסענער מאַן, מיט קיין אַנדער זאַך ניט אין זיך נאָר דאָס קאַלטע אויג פון פערנונפט."

„אָבער דו נעהמסט דאָך ניט אָן אַלעס וואָס די רבנים האָבען אויסגעקלעהרט. דאָס איז דאָך קיין צווייפעל ניט, אַז אין פּאָרטאָ האָסט דו ניט געהאַלטען אַלעס פון דער אידישער רעליגיאָן."

„איך האָב געהאַלטען וואָס איך האָב נאָר געקענט. איך גלויב וואָס איך קען גלויבען. אויב איך האָב מיר מיינע אייגענע, פריוואַטע צווייפלען, נאָך וואָס זאָל איך זיי אויסשרייען אויפצורייצען געגען מיר די גאַנצע קהילה. פאַרהאַן דאַ אַ פריינד מיינער טאַקי אין דער דאָזיגער שטאָדט — איך וויל ניט פורש בשמו זיין — נאָר ער איז אַ גרעסערער אפיקורוס, מיין איך, ווי דו אפילו. אָבער שטערט ער דען די רוה פון דעם פראָסטען עולם? ניין, ניט ער: ער האָט אַ הויבען־אָן אין שוהל, איז אַ גדול בישראל, און זיינע צווייפלען פערטרויט ער מיר אָן אין בריוולאַך, געשריבען אין אַן עלעגאַנטען לאַטיין. ניין, ניין, סענהאָר דאַ קאָסטא, די וועלט האָט נישט ליעב קיין עקשנים, וואָס ווילען איינברעכען מויערן מיט זייערע קעפ."

און בעת דער אַלטער דאָקטאָר האָט גערעדט, האָט אוריאל אָנגעהויבען קלעהרען, אַז ער האָט שלעכט בעגריפען דאָס מענשליכע לעבען, אַז ער האָט עס גענומען צו ערנסט, און אין האַרצען האָט ער מיט אַמאָל דערפיהלט אַ שמערצליך געפיהל פון נוצלאָזער אויפאָפּפערונג. און אַחוץ דעם האָט זיך אויך דערוועקט אין איהם אַ חשד, אַז ער האָט אַ טעות געהאַט אין דעם יודענטהום, אַז ער האָט ניט איינגעזעהן די פּאָעזיע און די מענשליכקייט וואָס ליגט הינטער די צערעמאָניעס; און באַפּעגדיג פון דער זייט אַ קוק אויף יאַנטהע'ס פערפינסטערט געזיכט, האָט ער דערפיהלט, ווי דאָס אַלטע ראָמאַנטישע געפיהל פון ברודערשאַפט וואַקסט פון דאָס נייע אויף אין איהם. ווי וואונדערבאַר, ווי גרויסאַרטיג דאָס וועט

זיין, זיך אַריינצואוואַרפען צוריק אין זיין ראַסע, צונויפגיסען זיך מיט יאַנטהע׳ן!

אָבער די ריינע פערנונפט איז אַלע ווילע צוריקגעקומען, און ער האָט געוואוסט, אַז זיין געדאַנק וועט שוין קיינמאָל ניט קענען אַנדערש זוערן, אַז ער וועט שוין קיינמאָל ניט קענען גלויבען אין קיין שום ענטפלעקונג.

„איך וועל זיין אַן אַף צווישען אַפען,“ האָט ער מיט אַ ביטערן געפיהל געטראַכט.

## XI.

און וואָס ווייטער ער האָט זיך פערטיעפט אין דעם דאָזיגען בעשלוס זיינעם, נאָכדעם ווי דאָס דיעגאָ האָט זיך מיט פעראַכטונג אָבגעזאָגט אַריבערצוטרעטען מעהר זיין שוועל, אַלץ פעסטער איז דער געדאַנק אין איהם געוואָרען. אָבצונאַרען די אידישע קהילה וואָלט געווען די ביטערכטע נקמה זיינע, כלומר׳שט ווערן אַ טרייער, איבערגעבענער מיטגליעד איהרער און אין האַרצען זיך אויסלאַכען פון איהר. און אויף אַזאַ׳ן אופן וואָלט ער אויך געקענט פערהיטען די געפאַהר, זיי זאָלען ניט לייגען די האַנד אויף זיין פערמעגען. דאָס איז שווינדעל? נו יאָ, אָבער דאָס איז דאָך זייער שולד; זיי האָבען איהם דערצו געטריבען, איבערלאָזענדיג איהם בלויז אַ לעבען פון אַ מצורע, פון אַ פערשטויסענעם. אין שפאַניען און פאָרטוגאַל האָבען זיי זיך פערשטעלט צווישען קריסטען, וועט ער זיך פערשטעלען צווישען אידען, נאָכמאַכענדיג די אַלטע אַפען. ער האָט ניט אַרויסגעזעהן קיין שום שוועריגקייט אין זיין תשובה־טהאָן. און — וואָס פאַר אַ גלענצענדע אידעע! — זיין ברודער יוסף, דער גוטער אָרעמער נאַר, וועט עס שוין ווי עס איז דורכפיהרען, אונטער דער אילוזיע, אַז ער איז אַן אינסטרומענט פון דער השגחה: וואָרים מאַכען דאָס דיעגאָ׳ן פאַר דעם פערמיטלער צווישען איהם און די רבנים, וואָלט געווען אַ ריזיקע, מחמת דער אַלטער דאָקטאָר וואָלט נאָך געקענט דערשמעקען זיין ווירקליכען ציעל. דאַן, ווען די קהילה וועט איהם אַריינגעהמען צוריק אין איהרע אָרעמס, וועט יאַנטהע—אָה, וואָס פאַר אַ גליקליכער געדאַנק!— אודאי ווערן זיין פרוי. ער האָט ווינציג וואָס געצווייפעלט אין דעם; איהר בליק ביים געזעגענען זיך, נאָכדעם ווי דער פאָטער האָט זיך אומגעדרעהט

מיט'ן רוקען צו איהם, איז געווען אַזוי זיס און אַזוי פול מיט פערשפּרע־כונגען און מיט געבעט! און אַ קליין ביסעלע, וואָס ער האָט געקראָגען פון איהר אויף מאָרגען גאַנץ פריה, האָט גאָר אין גאַנצען פערטריבען זיינע לעצטע צווייפלען.

„מיין אָרעמער סעניאָר דאַ קאָסטאַ," האָט זי געשריבען, „איך האָב די גאַנצע נאַכט קיין אויג ניט געקענט צומאַכען, קלערענדיג וועגען דיר. נאָך וואָס רואינירען דיין לעבען פאַר אַן איינפאַכען גערדאַנק? קענסט דו בעסער ניט מאַכען שלום? — דיין פריינדין, יאַנטהע."

ער האָט אַ קוש געטהאָן דאָס בריוועל; דערנאָך האָט ער זיך מיט חשק אָװעקגעזעצט צו דער ארבייט, מאַכען דעם פּלאַן ווי אַזוי זיך צו טרעפען מיט זיין ברודער; און זאָגאַר בעת ער האָט געטראַכט ווי אַזוי איהם אָבצונאַרען, איז זיין האַרץ פול געווען מיט ליעבשאַפט צו זיין קליינעם ווידאַל. אָרעמער ווידאַל! ווי האָט ער דאָס געמוזט ליידען דערפון וואָס ער האָט פערלאָרען זיין שעהנע פרוי!

עס זיינען געווען טעג, ווען יוסף פלעגט דורכגעהן פערביי זיין ברודער'ס הויז, כאָטש ער איז שטענדיג געגאַנגען אויף דער אַנדער זייט, און אוריאל איז אַצונד געזעסען ביי זיין פענסטער פון אין דערפריה ביז ביינאַכט, אויסקוקענדיג אויף זיין ברודער; ער האָט זיך דערצו בענוצט מיט אַ פאָר האָלענדישע שפּיגלען, וואָס ער האָט אַרויסגעשטעלט פון דער אַנדער זייט פענסטער, און דאָס האָט איהם געגעבען די מעגליכקייט צו זעהן פון אינעווייניג אַלץ, וואָס טהוט זיך אויף דער גאַס, בלייבענדיג אין דערזעלבער צייט אונבעמערקט. נאָך דריי טעג פון געדולדיגען אויסקוקען, האָט ער אין שפּיגעל דערזעהן דאָס בילד פון דעם אָנגעזעהענעם שוהל-גבאי און מיט איהם זיין קליינעם זעקס-יעהריגען אינגעל. ער איז אַרונטערגעלאָפען די טרעפּ גלייך אין גאַס אַריין און האָט אַ כאַפּ געטהאָן דאָס קינד אין זיינע אָרעמס—

„אָה, ווידאַל!" האָט ער געזאָגט מיט אַ שטימע פול מיט אמת'ער ליעבע.

„דו!" האָט זיך יוסף אָבגערופען, צוטרייסעלט פון שרעק און ציטערנדיג ביי דעם קלאַנג פון זיין דערטרונקענעם, פערגעסענעם נאָמען. דערנאָך, קומענדיג צו זיך, האָט ער מיט כעס געזאָגט: „פעראונרייניג ניט מיין דניאל'ן מיט דיינע הענד."

„ער איז מיין פלימעניק. איך האָב איהם אויך ליעב! אָה, ווי שעהן ער איז!" און ער האָט אַ קוש געטהאָן דעם וואונדערבאַרען קליינעם יונג. ער האָט איהם ניט געוואָלט אַראָבלאָזען פון די הענד. ער איז צוגעלאָפען

מיט איהם צו זיין אייגענער טהיר. ער האט געבעטען ווידאל'ן, ער זאל רחמנות האבען אויף זיין איינזאמקייט און זאל איהם שיינקען א מינוט צייט; ער האט עפעס צו ריידען מיט איהם. יוסף האט מיט שרעק אווארף געטהאן זיין בליק איבער דער גאס, האט זיך אומגעקוקט אין אלע זייטען. קיין איד האט זיך ניט געזעהן. דאן האט ער זיך אויף גיך אריינגעגליטשט דורך דער טהיר. פון דער רגע אן האט אוריאל געשפיעלט מיט זיין ברודער אזוי ווי מיט א שאך־פיגור, וואס דארף מאכען פערשיעדענע קאמפליצירטע געגג און דיינקען, אז זי מאכט זיי פון איהר אייגענעם פרייען ווילען. ביסלאכוויז, דורך געהיימע געשפרעכען, וואס זיינען פארגעקומען טאג־טעגליך צווישען די צוויי ברידער, האט יוסף צוריק געוואונען אוריאל'ן צום יורענטהום; און ער איז פול געווען מיט ענטהוזיאזמוס און מיט פרייד איבער דעם גרויסען כבוד, וואס ערווארטעט איהם אין דער קהילה, ווען דער פלאן וועט דורך איהם דורכגעפיהרט ווערן. און אז אלעס איז געווען פיקס און פארטיג צווישען די צוויי ברידער, האט עס יוסף פונאנדערגעטראגען איבער דער שטאדט און האט זיך געשטעלט אין דירעקטער פערבינדונג מיט די רבנים.

אוריאל אקאסטא האט געקראגען א פאפיר, אין וועלכען ער האט זיך מודה געווען אויף אלע זיינע טעות'ן, דאס האט ער געמוזט אונטערשרייבען; ער האט צוגעזאגט פון דאן אן און ווייטער צו לעבען ווי אן אמת'ער איד, און דער חרם איז ארונטערגענומען געווארען פון איהם. שבת איז ער געגאנגען אין שוהל און איז אויפגערופען געווארען צו דער תורה. די מנהיגים און די גבאים זיינען צוגעקומען צו איהם און האבען איהם געדריקט די האנד; א געפיהל פון בעגייסטערונג האט דורכגענומען די גאנצע קהילה. אוריאל, וועלבער איז גייסטיג פערבלענדעט געווארען פון דער דאזיגער נייער זונען־שיין, האט געהאט מאמענטען, ווען ער האט זיך אין גאנצען פערגעסען אן זיין צבוע'יאטסווא, דורכגענומען פון דעם געפיהל, אז ער איז צוריק פערקניפט מיט דער מענשהייט, און גערידהרט פון איהר פערצייהענדען גוטען ווילען. דער האלב־צירקעל פון מאנדעל און לעמאן־בוימער פון פארטוגאל, וואס זיינען געשטאנען אין העל־געפארבטע וואזען ביים ארון קודש, האט אנגעפילט זיין ברוסט מיט צארטע, ריהרענדע זכרונות פון דער יוגענד און פון די זונען־לענדער. און בעת יאנטהע'ס גליקליכע אויגען האבען ארונטערגעשמייכעלט צו איהם פון דער וויבערשער שוהל, האבען איהם אין די אויערן געקלונגען די ווערטער פון יואל הנביא: „און איך וועל אייך אומקעהרען צוריק די אלע יאהרען, וואס דער היישעריק האט אויפגעגעסען."

ס'איז געווען אַ פרעהליכע נאַכט, ווען דאָס דיעגאָ און יאַנטהע זיינען ווידער געזעסען ביי זיין טיש, דאָס מאָל צוגעגרייט בתכלית הכשרות, און מיט זיי איז אויך געווען זיין געליעבטער ברודער יוסף, וועלכער האָט זיך געפיהלט ניט ווייניגער גליקלאַך איבער דעם שלום מיט אוריאל'ן און איבער דער נאָהענטער אויסזיכט צו ווערן דער קאַסירער פון דער געמיינדע. וואָס פאַר אַ שעהנער מענש ער איז! האָט אוריאל מיט ליעבשאַפט גע־טראַכט. ווי פיין ער בענעהמט זיך דאָס, און דאָך וואָס פאַר אַ מונטערקייט און זיין ריידען!—קיין שום סימן פון ליידען אויף זיין שטערן, קיין גראָע האָר אויף זיין קאָפּ. דער אַלטער ווייִן האָט זיך געגאָסען, די אַלטע זכרונות האָבען געגליהט. אוריאל האָט אויסגעזאָגט יוסף'ן דעם סוד מכח דעם שידוך מיט יאַנטהע'ן — וואָס האָט געדאַרפט בלייבען אַ געהיימניס פאַר עטליכע חדשים צייט — נאָר ער איז געווען אַזוי זיכער מיט דער ראָלע, וואָס ער האָט געשפּיעלט, אַז ער האָט ניט געהאַט דעם מינדעסטען חשד, אַז מען האָט זיך מיט איהם בענוצט פאַר אַן אינסטרומענט. נאָך'ן עסען האָבען זיי געבענשט מיט אַ מזומן; יוסף האָט געזונגען די ברכות און יאַנטהע האָט איהם צוגעהאָלפען מיט איהר זיסער שטימע. איידער די ברידער זיינען זיך פונאַנדערגעגאַנגען, האָט אוריאל גע'פּועל'ט ביי יוסף'ן, ער זאָל איהם אַנטלייהען דעם קליינעם דניאל'ן אויף עטליכע טעג, כדי צו בעקרויגען זיין גליק און אויפצומונטערן אַביסעל דאָס גרויסע איינזאַמע הויז פאַר אוריאל'ס חתונה.

## XII.

אוריאל אַקאָסטאַ איז געזעסען ביים מיטאָג מיט דעם קליינעם דניאל, ניט קענענדיג זיך זאַט אָנקוקען אין דער פרישער שעהנקייט פון דעם אינגעל, וועמעס פלוידעריי האָט די לעצטע צווי טעג אַריינגעבראַכט לעבען און לוסטיגקייט אין דעם אומעטיגען הויז. דניאל האָט זיך געמוזט וואונדערן, וואָס זיין גרויסער דערוואַקסענער פעטער קען ניט ריידען קיין האָלענדיש און אַז ער מוז ריידען פאָרטוגעזיש, אום ער זאָל איהם פער־שטעהן. ער האָט זיך ביז אהער פאַרגעשטעלט אַז דערוואַקסענע מענשען קענען אַלצדינג. פּעדראָ, וועמעס שוואַרץ געזיכט איז איינפאַך געווען גרין פון פרייד, האָט אַרומגעטאַנצט אַרום דעם קליינעם יונג און האָט איהם דערלאַנגט אַלעס, וואָס ער האָט נור פערלאַנגט.

איצט האָט ער צוגענומען זיין טעלער פון פלייש און איהם דערלאַנגט אַ שטיק טאָרט. „אַביסעל שמאַנט?“ האָט זיך אָבגערופען אוריאל, דער־לאַנגענדיג דעם קינד דאָס קריגעלע.

„ניין, ניין!“ האָט דניאל אַ געשריי געטהאָן מיט אַ בליק פון שרעק און אַ געפיהל פון אָבשטויס.

אוריאל האָט זיך צולאַכט. „וואָס! קליינע אינגלאַך ניט ליעב קיין שמאַנט! באַלד וועלען מיר, הייסט עס, זעהן, ווי קעץ אַנטלויפען פאַר מילך!“ און אויסגיסענדיג דאָס איבעריגע פון קריגעל איבער זיין אייגען שטיק טאָרט, האָט ער ווייטער געגעסען.

אָבער דער קליינער דניאל האָט אויסגעשטעלט אויף איהם אַ פּאָר צושראָקענע, מורא'דיגע אויגען און האָט זיך גאָר פערגעסען אָן עסען.

„פעטער,“ האָט ער ענדליך אַ געשריי געטהאָן, „דו ביסט ניט קיין איד.“

אוריאל האָט זיך ווידער צולאַכט, נאָר דאָס מאָל ניט אַזוי פריי ווי פריהער. „קליינע אינגלאַך“, האָט ער געזאָגט, „דאַרפען עסען און ניט ריידען.“

„אָבער, פעטער! מיר טהאָרען דאָך ניט עסען קיין מילך נאָך פלייש.“

„נאַ, נאַ, זאָל זיין אַזוי, מיין קליינער רבי!“ און אוריאל האָט אַוועק־גערוקט זיין טעלער און מיט ליעבשאַפט אַ ציה געטהאָן דעם קינד ביים אויער.

נאָר אז דאָס קינד איז געקומען אַהיים האָט ער געפּלוידערט וועגען זיין פעטער'ס מעשים, און יוסף איז געקומען צו לויפען, אָנפאַלענדיג אויף זיין ברודער דערפאַר וואָס ער פיהרט איהם איבער זיין קינד און וואָס ער האַלט ניט דעם צוזאָג, וועלכען ער האָט געגעבען דער קהילה. אוריאל האָט געענטפערט בייז מיט יענער געבירטיגער אויפריכטיגקייט זיינער, וועלכע האָט עס געמאַכט פאַר איהם אונמעגליך צו קענען שפּיעלען אַ פערשטעלטע ראָלע.

„איך בין דאָך בלויז אַן אַף צווישען אַפען,“ האָט ער געזאָגט, זיך בענוצענדיג מיט זיין געליעבט ווערטעל.

„זאָג בעסער אַן אַף צווישען ווילדע, שאַרפציכטיגע קעץ, וועלכע וועלען דיך אויסשפּיאָנירען,“ האָט זיך יוסף געקאָכט. „דיין צוויי פּנים'־דיגקייט וועט אויסגעפונען ווערן, און איך וועל ווערן צו שאַנד און צו שפּאָט אין דער קהילה.“

ס'איז געוועזן דער אָנהויב פון אַ צווייטען קריעג — נאָך שטאַרקער,

ביטערערער איידער דער ערשטער. יוסף האָט שטילערהייט פֿער׳מסר׳ט אוריאל׳ן פֿאַר דאָם דיענאָ׳ן, וועלכער האָט פֿון זיין זייט געדונערט אויף דעם אפיקורוס.

„איך וועל ניט אָבגעבען מיין טאָכטער צו אַן אַף,״ האָט ער גע־ענטפֿערט, ווען אוריאל האָט, ווי דער שטייגער איז, זיך אַרויסגעשטעלט מיט זיינע איבערצייגונגען.

„יאַנטהע האָט ליעב דעם אַף; ס׳איז איהר עסק,״ האָט אוריאל געזאָגט מיט אַ בייסענדען טאָן.

„ניין, ס׳איז מיין עסק. ביי גאָט, איך וויל ניט האָבען קיין גאָרילאַס פֿאַר איינקלאַך!״

„מיר דוכט, אין פּאָרטאָ ביסט דו אַליין געווען אַן אַף,״ האָט זיך אוריאל אָבגערופֿען מיט כעס.

„הונד!״ האָט דער אַלטער דאָקטאָר אַ געשריי געטהאָן, און זיין געזיכט איז בעת מעשה געוואָרען אַלערליי קוליערען; „וואָס זשע, ביי דיר איז אַלצאיינס אָבצונאַרען די קריסטען און דיינע אייגענע ברידער?״ און ער איז אַנטלאָפֿען פֿון זיין הויז.

אוריאל האָט געשריבען צו יאַנטהע׳ן. זי האָט געענטפֿערט —

„איך האָב דיך געבעטען, דו זאָלסט מאַכען שלום. דו האָסט פֿער־פֿיהרט נאָך אַ ביטערערן קריעג. איך קען ניט שטרייטען געגען מיין פֿאָטער און געגען כל ישראל. זיי געזונד!״

אוריאל׳ס געזיכט האָט זיך בעצויגען מיט אַ וואָלקען; די קנייטשען אויף זיין שטערן, וואָס איהרע פֿינגער האָבען ניט לאַנג צוריק געהאָט אָנגעריהרט, האָבען פֿון דאָם ניי געוויזען סימנים פֿון מורא׳דיגע ליידען; זיינע צייהן האָבען זיך צונויפֿגעדריקט. דער אַלטער בליק פֿון דעם געיאָגטען מאַן איז צוריקגעקומען. ער האָט אַרויסגענומען איהר ערשטע בריוועלע, וואָס ער האָט געהאַלטען נאָהענט צום האַרצען, און האָט עס לאַנגזאַם איבערגעלייענט נאָך אַמאָל —

„נאָך וואָס טויג דיר רואינירען דיין לעבען פֿאַר אַן איינפֿאַכען גע־דאַנק? קענסט דו ניט מאַכען שלום!״

אַן איינפֿאַכער געדאַנק! אה! פֿאַרוואָס האָט דאָס איהם ניט געוואָרענט, פֿאַרוואָס האָט ער דערפֿון ניט אַרויסגעזעהן, וואָס פֿאַר אַ סאָרט פֿרוי דאָס איז? יאָ, פֿאַרוואָס האָט ער זיך פֿערגעסען — און דאָ איז פֿאַר זיינע אויגען אַרויפֿגעשוואומען אַ לעבעדיג בילד פֿון אַ קליין מיידעלע, וואָס בריינגט אַריין די מצות — אַן איהר ערציהונג צו פֿיהרען אַ דאָפּעלטען לעבען? פֿערשטעהט זיך, די פֿרוי דאַרף גאָרניט ערצויגען ווערן דערצו

— דאָס דיעגאָ איז גערעכט געווען. פֿאַלשע, שוואַכזיניגע בעשעפֿעניסען! קיין סימפּאַטהיע מיט פּרינציפּען, קיין שום אַנערקענונג פֿון דעם גרויסען קאַמפּף, וואָס ער האָט אונטערנומען. טרעהרען פֿון זעלבסט-מיטלייד זיינען איהם געקומען אין די אויגען. נו, על כל פנים האָט זי איהם געראַטעוועט, ער זאָל זיך ניט אונטערגעבען ווי אַ פּייגלינג. דאָס אַלטע פייער האָט זיך צופֿלאַקערט אין זיינע אָדערן. ער איז געווען גרייט צו שטרייטען ביז׳ן טויט.

און בעת ער האָט צוריסען איהרע בריוולאַך, האָט זיך אַ מאָדנע געפֿיהל פֿון ער־לייכטערונג אויסגעמישט מיט דער ביטערקייט און דער ווילדקייט פֿון זיין געמיטהס-צושטאַנד. ס׳איז געווען פֿאַר איהם אַן ער־לייכטערונג צו דיינקען, אַז ער וועט שוין קיינמאָל מעהר ניט דאַרפֿען פּלוידערן מיט די אַפֿען, וועט קיינמאָל מעהר ניט דאַרפֿען דריקען זייערע גראָבע לאַפּעס און נאָכמאַכען זייערע לעכערליכע מיענעס; קיינמאָל וועט ער שוין ניט געשטערט ווערן פֿון דער רוה און דער אָבגעשלאָסענקייט פֿון זיין שטודיר־צימער, פֿון זיינע ביכער. די געוואוינהייטען פֿון פֿופֿצעהן יאָהר צייט האָבען איהם געצויגען צוריק אַזוי ווי מיט שטריק.

ער האָט זיך אַנידערגעזעצט ביי זיין שרייב־טיש און גענומען די פֿעדער פֿאָרטצוזעצען ווייטער זיין מאַנוסקריפּט. „אַלע צרות נעהמען זיך דערפֿון, וואָס מען פֿאָלגט ניט די ריינע פֿערנונפֿט און דאָס געזעץ פֿון דער נאַטור.“ ער האָט געשריבען און געשריבען גאַנצע שטונדען נאָכאַנאַנד, זיך אָבשטעלענדיג פֿון צייט צו צייט, אום אויסצוקלייבען זיינע לאַטיינישע פֿראַזען. מיט אַמאָל האָט ער דערפֿיהלט אַ הויהלקייט אין זיך, אַ געפֿיהל פֿון פוסטקייט אין זיינע ווערטער, אין דער פֿערנונפֿט, אין דער נאַטור, אין אַלצדינג. וואָס איז דאָס אַזוינס געווען, די דאָזיגע פוסטקייט ביי איהם אין האַרצען? ער האָט אָנגעשפּארט זיין מיעדען, צוואוויטאָגטען קאָפּ אויף זיין שרייב־טיש און האָט זיך פֿונאַנדערגעוויינט, ווי דער קליינער דניאל האָט נאָך קיינמאָל ניט געוויינט.

## XIII.

דער גרויסער עולם, וועלכער האָט קיין ידיעה ניט געהאַט מכח די אינערליכע מחלוקות, האָט זיך דערוואוסט וועגען אוריאל׳ס מעשים דורך

די שווין־פֿלייש, וואָס דער קריסטליכער קצב פֿלעגט אַצונד יעדען טאָג גאַנץ אָפֿען צושטעלען אין הויז אַריין. די פֿרומע אידען האָבען זיך מיט איהם אַרומגעריסען אין די גאַסען, און אַ פּאָר מאָל איז דאָס געקומען צו אַן עפֿענטליכען צוזאַמענשטויס. די בעליידיגטע מנהיגים פֿון דער קהילה האָבען געוואָלט ניט אַנדערש נאָר מען זאָל אוריאל'ן פֿון דאָס ניי אַריינ־לייגען אין חרם; נאָר די רבנים האָבען זיך אָבגעהאַלטען דערפֿון, דיינקענדיג פֿילייכט, אַז ס'וועט זיין גלייכער פֿון איצט אָן און ווייטער צו איגנאָרירען דעם דאָרן, וואָס שטעכט זיי אין די זייטען.

האָט זיך אָבער געמאַכט, אַז אַ שפּאַניאָל און אַן איטאַליענער זיינען אַריבערגעקומען פֿון לאָנדאָן און האָבען געוואָלט, מען זאָל זיי אויפֿנעהמען אין דעם אידישען גלויבען, מחמת ס'איז דאַן געווען אַ גאַנץ אָפֿטע זאַך, אַז קריסטליכע צווייפֿלער זאָלען זיך אַריינוואַרפֿען אין בוזים פֿון דער אַלטער אמונה. אַז די דאָזיגע צוקינפֿטיגע גרים האָבען דערהערט דעם קלאַנג מכח אוריאל אַקאָסטאַ, האָבען זיי זיך מישב געווען, אַז עס וואָלט גאָרניט געשאַדט צו פֿרעגען ביי איהם אַן עצה. ווען דער בית דין האָט זיך דערוואוסט, אַז ער האָט זיי אָנגעזאָגט, זיי זאָלען זיך היטען פּאַר דעם אונערטרעגליכען יאָך פֿון די רבנים, האָבען זיינע מיטגליעדער דערפֿיהלט, אַז דאָס איז שוין צופֿיעל. אוריאל אַקאָסטאַ איז ווידער אַריינגעלייגט געוואָרען אין חרם.

און אַצונד האָבען זיך אָנגעהויבען נייע יאָהרען פֿון רדיפות, נאָך שאַרפֿערע, נאָך ענטשלאָסענערע ווי פֿריהער. ווידער אַמאָל איז זיין הויז פֿערוואָרפֿען געוואָרען מיט שטיינער, זיין נאָמען געוואָרען אַ שימפּף־וואָרט, זיין אַרומגעהן אויף דרויסען אַ צייט־פֿערטרייב פּאַר די קליינע קינדער פֿון אַ נייעם דור. און איצט האָט זאָגאָר פּאַסירט דאָס ערגסטע, פּאַר וואָס ער האָט זיך געשראָקען. ביסלעכווייז האָט זיין ברודער פֿער־כאַפּט ביי איהם זיין גאַנצען פֿערמעגען. איריאל האָט ניט געסמייעט איהם אָנצוקלאָגען פּאַר די ריכטער, ביי וועמען אין די אויגען ער איז שוין געווען פֿערדעכטיגט אַלס אַ ט ה ע א י ס ט; אַחוץ דעם, האָט ער נאָך אַלץ ניט געקענט קיין האָלענדיש, און אין וועלט־זאַכען איז ער געווען אַזוי נאַאיוו און אונוויסענד ווי אַ קינד. נאָר די ליעבע זיינע צו זיין ברודער האָט זיך פֿערוואַנדעלט אין אַ טויטליכער שנאה, וועלכע איז קנאַפּ וואָס פֿערשטאַרקט געוואָרען, ווען יוסף האָט געשטעלט אַ חופּה מיט יאַנטהע'ן.

אַזוי זיינען אַריבער זיבען מורא'דיגע יאָהרען, און אוריאל, דער איינזאַמער, פֿריה־צייטיג אַלט־געוואָרענער אוריאל, האָט גענומען זינקען

אין א ביטערער מרה־שחורה. ער האט געגארט נאך מענשליכער געזעל־שאפט, און דער געדאנק, אז ער וואלט עס געקענט געפינען ערגעץ אנדערש ניט צווישען די אידען, איז איהם קיינמאל אויף'ן זינען ניט ארויף. און ענדליך האט ער זיך ערנידעריגט און ווידער געבעטען מחילה ביי דער קהילה.

אבער דאס מאל איז ער ניט אזוי לייכט אויפגענומען געווארען צוריק אין שויס פון'ם יודענטהום. נאכמאכענדיג די פינסטערע צערעמאניעס פון דער אינקוויזיציע, פון וועלכער זיי האבען אזוי פיעל געליטען, האבען זיך די מנהיגים פעראייניגט מיט די רבנים און אויסגעטראכט א תשובה, וועלכע זאל איבערלאזען א זכר פון דעם אפיקורוס' חרטה אין די מוחות פון דעם גאנצען דור זיינעם.

אוריאל איז מרוצה געווארען אויף דער תשובה, ניט וויסענדיג כמעט וואס זיי פערלאנגען פון איהם. זאל זיין וואס עס וויל זיך, אבי ניט נאך א טאג פון איינזאמקייט! אזוי האט מען אין דער גרויסער שוהל, וועלכע איז געווען געפאקט מיט מענער און פרויען, אריינגעפיהרט דעם בעל תשובה, אנגעטהאן אין א שווארצען טרויער־מאנטעל מיט א שווארץ ליכט אין דער האנד. ער, וועלכער האט זיך פון קינדווייז אן געשראקען פאר דעם געדאנק פערשעהמט צו ווערן פאר מענשען אין די אויגען, האט געמוזט ארויפגעהן אויף א בימה, וואו ער האט הויך אויף'ן קול פארגע־לייענט א לאנגע מגילה, אין וועלכער ער האט זיך מודה געווען אויף אלע זיינע טעות'ן, צוזאגענדיג, אז ער וועט ביז'ן טויט בלייבען אן אמת'ער איד. דער „חכם", דער ראבינער פון דער געמיינדע, וועלכער איז גע־שטאנען לעבען שמש, האט מיט א פייערדיגען טאן פארגעזאגט דעם אכט און זיבעציגסטען קאפיטעל פון תהילים: „והוא רחום יכפר עון ולא ישחות והרבה להשיב אפו ולא יעיר כל חמתו; ויזכר כי בשר המה רוח הולך ולא ישוב—און ער, זייענדיג פול מיט רחמנות, האט זיי פערגעבען זייערע זינד און האט זיי ניט אומגעבראכט; און מעהר ווי איינמאל האט ער פערבויגען זיין כעס און האט ניט אויפגעוועקט זיין גאנצען צארן געגען זיי. ווארים ער האט זיך דערמאנט, אז זיי זיינען ניט מעהר ווי פלייש און בלום: א ווינד, וואס געהט פערביי און קומט נישט צוריק."

שטיל אויף'ן אויער האט ער עפעס געזאגט אוריאל'ן, וועלכער איז אריבער אין א ווינקעל פון שוהל, אויסגעטהאן ביז'ן גארטעל, און דארט האט ער מיט פערביסענע ליפען געקריגען ניין און דרייסיג מלקות. דער־נאך האט ער זיך א צובלוטיגטער אנידערגעזעצט אויף דער ערד און האט

געהערט, ווי דער חרם איז פון איהם אַרונטערגענומען געוואָרען. ענדליך, זיך אַנטהאַנדיג צוריק זיינע קליידער, האָט ער זיך אויסגעצויגען איבער'ן שוועל פון שוהל, און דער עולם איז אַריבער איבער זיין קערפער, א טהייל האָבען איהם געבריקעט, איהם שעלטענדיג דערביי מיט א פרומער מיענע. אַנדערע ווידער האָבען אַזוי רשעות'דיג איהם געטראָטען מיט זייערע פיס. דער בעל תשובה איז געבליבען ליגען אונבעוועגליך, זיין געזיכט צוגע־דריקט צו דער ערד. נאָר ווען זיין ברודער יוסף האָט אויף איהם געטראָטען, האָט ער פון זיין טראָט און פון זיין אָטהעמען דערקענט ווער דער פייגלינג איז געווען.

אַז דער לעצטער פון די שוהל־אידען איז אַריבער איבער זיין קערפער, האָט זיך אוריאל אויפגעהויבען און איז אַרויס פון טהיר, ניט אויסריידענדיג קיין וואָרט. די פערזאַמעלטע, וועלכע זיינען געשטאַנען אין גרופּקעס אַרום דער קאַנאַל־בריק, ריידענדיג צווישען זיך מכח דער שרעקליכער סצענע, האָבען מיט א שוידער אָבגעטראָטען אָן א זייט, בעת די דאָזיגע מערק־ווירדיגע פיגור איז אַזוי ווי א נאַכט־וואַנדלער פערביי געגאַנגען, מיט פערוואָרפענע שולטערן, דעם קאָפ מיט שטאָלץ אין דער הויך, סאָפּענדיג, נאָר דאָס געזיכט אַזוי ווי ביי א טויטען.

פון דעמאָלט אָן האָט איהם קיינער מעהר אין די אויגען ניט געזעהן. פערשלאָסען ביי זיך אין שטודיר־צימער, האָט ער געאַרבייט מיט חשק טאָג און נאַכט, שרייבענדיג זיין אייגענע לעבענסבעשרייבונג. „עקזעמפּלאַר הומאַנע וויטע" — א ביישפּיעל פון'ם מענשליכען לעבען, האָט ער עס גערופען. ס'איז דאָרט כמעט קיין איין וואָרט ניט געווען פון דעם, וואָס די וועלט רופט אָן א מענשען'ס לעבען — בלויז א טרוקענער בעריכט פון זיין אַבסטראַקטען געדאַנק, פון זיין פאָרטשריט, וואָס ער האָט געמאַכט צו א ברייטערן שטאַנדפּונקט, צו דער גרויסער ענטדעקונג — „אַלע צרות נעהמען זיך דערפון, וואָס מען פאָלגט ניט די ריינע פערנונפט און דאָס געזעץ פון דער נאַטור." און דערמיט א ביטערע פערדאַמונג פון דעם יודענטהום און זיינע רבנים: „זיי וואָלטען זאָגאַר איצט געקרייציגט קרים־טוס'ן, ווען ער שטעהט אויף נאָך אַמאָל." און רעזומירענדיג די וויזהייט פון זיין לעבענס־ערפאַהרונג, האָט ער גערעאַטהען יעדען מענשען צו ליעבען זיין חבר, ניט מחמת גאָט הייסט איהם אַזוי, נאָר דערפאַר וויל ער איז א מענש. וואָס דאָס יודענטהום, וואָס דאָס קריסטענטהום האָט אין זיך וואָהרעס, געהערט ניט צו דער ענטפּלעקטער, נאָר צו דער נאַטירליכער רעליגיאָן. די ליעבע איז עלטער פון משה'ן; זי פערבינדט די מענשען

איינע מיט די אַנדערע. משה'ס תורה צושיידט זיי: דאָס איינע ברייננט האַרמאָניע, דאָס אַנדערע צוויסטיגקייט, מחלוקות אין דער מענשליכער געזעלשאַפֿט.

זיין אויפֿגאַבע האָט געהאַלטען ביים סוף. אויך זיין לאַנגער שטרייט מיט די רבנים האָט זיך געענדיגט. „מיין זאַך איז אויף אַזוי פֿיעל העכער איידער זייערע, ווי דער אמת איז ערהאַבענער איידער דער שקר: וואָרים בעת ווען זיי זוכען צו פֿערטהיידיגען אַן איינפֿאַבען שווינדעל, כדי זיי זאָלען קענען האַלטען די מענשען אין שקלאַפֿעריי, בין איך מיט'ן גאַנצען האַרצען פֿאַר'ן אמת, און איך שטעל פֿעסט די נאַטירליכע רעכטע פֿון די מענשען, וועלכע דאַרפֿען לעבען לויט זייער נאַטור, פֿריי פֿון דעם יאָך פֿון אַבערגלויבען און פוסטע צערעמאָניעס."

ס'איז אַלזאָ געווען פֿאַרטיג. ער האָט אָוועקגעלייגט זיין פֿעדער און האָט אָנגעלאָדען זיין פּאָר בעזילבערטע פיסטוילען. דאַן האָט ער זיך אַוועקגעזעצט ביים פֿענסטער, ווי אַמאָל, קוקען אין זיינע צוויי שפּיגלען און וואַרטען, זיין ברודער יוסף זאָל פֿערבייגעהן. ער האָט געוואוסט, אַז זיין האַנד וועט ניט פֿערפֿעהלען איהר ציעל. אַזוי איז אוועק אַ טאָג נאָך אַ טאָג, אָבער יעדען פֿריהמאָרגען איז ער געזעסען אויף זיין אָרט, ביי די שפּיגלען.

איינמאָל נאָכמיטאָג איז יוסף דורכגעגאַנגען, נאָר דניאל איז געווען מיט איהם. און אוריאל האָט אַוועקגעלייגט זיין פיסטויל און געוואַרט, ווייל ער האָט נאָך ליעב געהאַט דאָס קינד. און אַן אַנדערס מאָל איז יוסף פֿערבייגעגאַנגען מיט יאַנטהע'ן. און אוריאל האָט ווידער געוואַרט.

נאָר דאָס דריטע מאָל איז יוסף געקומען אַליין. אוריאל'ס האַרץ איז אויפֿגעשפּרונגען פֿון פֿרייד. ער האָט זיך אומגעדרעהט, פֿאָרזיכטיג אָנגע־שטעלט זיין פיסטויל און אויסגעשאָסען. דער שאָס האָט אָבגעקלונגען איבער דער גאַנצער צוטרייסעלטער נאָכבאַרשאַפֿט, נאָר יוסף איז אַנטלאָ־פֿען אין טויט־שרעק, מאַכענדיג אַ געוואַלד, כאָטש ער איז געווען אונ־בעשעדיגט.

אוריאל האָט אַ וואָרף געטהאָן זיין פיסטויל, האַלב אין ערשטוינונג איבער זיין דורכפֿאַל, האַלב אין פֿערצווייפֿלונג.

„ניטאָ קיין גערעכטיגקייט," האָט ער געמורמעלט. ווי גראָה איז דער הימעל געווען! וואָס פֿאַר אַ קאַלטע, שוואַרצע וועלט!

ער איז צוגעגאַנגען צו דער טהיר און האָט זי פֿערריגעלט. דערנאָך האָט ער גענומען זיין צווייטען פיסטויל. אומגעריכטערהייט האָט ער

בעמערקט דעם בוכשטאב „ג“, וואָס איז געווען אויסגעקריצט דערויף. גבריאל! גבריאל! וואָס פאַר זכרונות האָט דער אַלטער נאָמען זיינער אַרויסגערופען אין איהם! טרעהרען האָבען זיך איהם געשטעלט אין די אויגען. נאָך וואָס האָט ער איהם אומגעביטען אויף אוריאל? גבריאל! גבריאל! איז דאָס זיין מוטער׳ס קול, וואָס רופט איהם, ווי זי האָט איהם גערופען אין דעם זוניגען פּאָרטוגאַל, צווישען די ווינשטעק און די אַליווען־בוימער?

אויסגעמוטשעט, פערמאַטערט, אַלט פאַר דער צייט, דערשלאָגען אין דעם לאַנגען קאַמפף, פערצווייפעלט אין דער גערעכטיגקייט אויף דער ערד און אָהן אַ שום האָפנונג אויף וואָס פאַר עס איז הימעל, האָט זיך אוריאל אַקאָסטאַ לאַנגזאַם אָנגעשפּאַרט אויף זיין ליעבען שרייב־טיש, צוגעלייגט דעם קאַלטען מויל פון זיין פּיסטויל צו זיין שטערן, אַ דריק געטהאָן און איז געפאַלען טויט איבער די אָפענע בלעטער פון זיין „עקזעמפּלאַר הומאַנע וויטע“. דער דינער, קרייזעלדיגער רויך איז געשטאַנען אַ ווײלע אין צימער, איידער ער איז פערשוואונדען, אַזוי ווי דער פּוסטער גייסט פון אַ פערבייגעהענדען וועזען — „אַ ווינד, וואָס געהט פערביי און קומט ניט צוריק.“



ברוך שפינאזא.

# IV.

# ברוך שפינאזא.

# ברוך שפינאזא.

---

בעת דער מאָגערער, דונקעלער און עטוואָס איינגעבויגענער פּאַסאַזשיר, וועלכער האָט זיך צווישען די בלאָנדע האָלענדער געוואָרפֿען אין די אויגען דורך זיין נאָבעלען שפּאַנישען געזיכט מיט זיינע שוואַרצע ברעמען און זיינע לאַנגע געקרייזעלטע לאָקען, איז אַרונטער פֿון שיף און האָט זיך גע-לאָזט געהן צום ברעג פֿון קאַנאַל אין ס'גראַווענהאַגע, האָט זיין אַבסטראַקטער בליק תחילת ניט בעמערקט די זויערע פּנים'ער פֿון די לייידיג-געהער, וועלכע האָבען זיך געוואַרימט אין דער זונן, בשעת דאָס שלעפּ-שיף איז אָנגעקומען. ער איז ניט געווען קיין שטאַרקער בעאָבאַכטער פֿון אויסערליכע זאַכען, און כאָטש ער האָט הנאה געהאַט פֿון זיין רייזע אַהיים פֿון אוטרעכט איבער דעם שטילען וואַסער, צווישען גרינע ווענד פֿון בוימער און קוסטען, דורכגעוואָרפֿען דאָ און דאָרט מיט פלאַכע לאַנדשאַפֿטען און ווינד-מיהלען, איז אָבער זיין געפֿיהל געווען דורכדרונגען פֿון דעם מאַסען-איינדרוק, וואָס די שטילקייט פֿון דער נאַטור האָט אויף איהם געמאַכט, פֿון אַ דורכדרינגענדען הינטער-גרונד פֿון ריינקייט אין פֿליסענדען וואַסער; ער האָט גאָר אויף ריכטיג ניט בעמערקט די פֿערשיעדענאַרטיגע בוימער, די לינדען, די אולמען, די ווייבען, נאָך ווינציגער האָט ער זיך צוגעקוקט צו די וואַסער-פֿלאַנצען און די בלומען, מיט וועלכע די איבערפֿלעכע פֿון דעם קאַנאַל איז אויף אַ רייכען אופֿן געווען אויסגעבעט.

זאָגאַר ווען ער איז פֿערטראַכטערהייט געגאַנגען אַהיים דורך די שעהנע גאַסען פֿון האַאג און האָט שוין ענדליך יאָ בעמערקט אַ געוויסע בייזקייט אין די געזיכטער, וועלכע זיינען איהם אַנטקעגען געקומען, האָט ער עס צוערשט ניט צוגעשריבען צו זיך, נאָר צו דער אַלגעמיינער קריעגס-אויפֿ-רעגונג פֿון דעם המון, ס'איז אמת, אַז דער יונגער פּרינץ פֿון אָראַנזש

האט זיי בעלוינט דערפאר וואס זיי האבען איהם ערוועהלט אלם שטאדט־האלטער, בעפרייענדיג זיי פון דער פערציוויפעלטער לאגע, אין וועלכער די פראנצויזישע ארמעע און די ענגלישע פלאטע האבען זיי אריינגעווארפען; ניט קוקענדיג אויף זיין בעריהמט ווארט: „איך וועל שטארבען אין דעם לעצטען קאנאל“, האט האלאנד שוין מעהר ניט געטראכט צו בעגעהן זעלבסט־מארד, אויפעפנענדיג איהרע אייגענע וואסער־טויערן און אונטער־געהן אינאיינעם מיט׳ן שונא, —און דאך איז דער שטראם פון דעם פאלקס־צארן בלויז טהיילוויז איינגעשטילט געווארען. א שטיין, וועלכער האט בעריהרט זיין באק און האט זיך דערנאך אנגעשלאגען אן זיין קליינעם האנד-בייטעל, וואו זיין גאנצער באגאזש איז געלעגען, האט איהם ערשט ווי עס איז געבראכט צום בעוואוסטזיין.

זיי זיינען אלזא געריכטעט אויף איהם, די דאזיגע בייזע בליקען. גע־שרייען פון „פעררעטהער!“ „גאטלאזער פערברעכער!“ „נידער מיט דעם פערפלוכטען רענעגאט!“ האבען פערטריבען יעטוועדען צווייפעל, וואס איז נאך געבליבען ביי איהם אין הארצען. א שאטען פון מרה־שחורה האט פערדונקעלט דעם אויסדרוק פון דעם זיסען, געדאנקען-פולען מויל; דערנאך, עפעס אזוי ווי דורך זיין ווילען, איז דער געוועהנליכער בליק פון פער־טראכטער מונטערקייט צוריקגעקומען, און ער איז זיך רוהיג געגאנגען זיין וועג.

איז, הייסט עס, דער סוד דאך ארויס, זאגאר אין זיין אייגענער שטאדט, אז ער איז דאס דער פערפאסער פון דעם אונפערשעהמטען „טהעאלאגיש־פאליטישען טראקטאט“, דער „פעררעטהער צום שטאאט און צו דער קירכע“, דער שד פון די גלויביגע. אומזיסט אלזא איז זיין אבהאנדלונג ארויסגעגעבען געווארען מיט דער אויפשריפט „האמבורג“ אויף׳ן שער-בלאט, אומזיסט האט ער זיך געסטארעט צו פערבינדען זיין פערזענליכע רוהע מיט דעם אבסטראקטען, אונפערזענליכען געדאנק, צו פערשפארען זיין קערפער ערגעץ-וואו אויף א בוידים און ארויסשיקען זיין זעלע אין די וועלט. דער שאפער פון אזא מין דונער־קראך האט ניט געקענט בלייבען בעהאלטען פון די אויגען פון אייראפא. ווער ווייסט, ווער עס האט ארויסגעטראגען דעם סוד? אפשר האבען דאס די בעריהמטע אויסלענדער און די שעהנע געלערנטע דאמען, וועלכע פלעגען איהם אבהאקען די טהיר פון זיין צימער און איהם אפט שטערן אין זיין ארבייט פון שלייפען אויגען־גלעזער — אפשר האבען זיי דאס אנגעפילט די לופט אין האאג מיט שוועבעל. גיכער האבען דאס געמוזט זיין די היץ-קעפ, די יונגע אנהייגער זיינע, וועמען ער האט אונטערריכטעט מינדליך אדער שריפטליך; זיי האבען דאס מז

הסתם אין זייער ענטהוזיאַזם איהם פֿערראַטהען צו בעריהמטהייט — אָדער שאַנדע. ס'איז תמיד אַזוי געווען, האָט ער זיך געטראַכט ביי זיך; זאָגאַר אין יענע אַלטע, האַלב-פֿערגעסענע צייטען, ווען ער האָט זיך געהאַלטען אין בעפֿרייען פֿון דער גהעטאָ. דאַן פֿלעגען די האַלב-דערשראָקענע אָנ־הייגער זיינע, פונקט ווי די פֿרומע פֿאַנאַטיקער, איבערגעבען דעם בית דין וועגען זיין אפיקורסות, וועגען דעם אַז ער גלויבט ניט אין נסים און צערעמאָניעס. אָרעמער שאול מאָרטיירא! ווי פיינליך האָט עס געמוזט זיין פֿאַר אָט דעם אַמאָליגען רבי'ן זיינעם איהם אַריינצוליגען אין חרם, כאָטש קיין זאַך האָט איהם ניט געדאַרפֿט איבערראַשען, האָבענדיג פֿאַר זיך אַ תלמיד, וואָס האָט געסמייעט צו פֿרעגען אַזעלכע האַרבע קשיות, זאָגאַר דאַן ווען ער איז אַלט געווען פֿופֿצעהן יאָהר! און אַצונד, אַז ער האָט זיך אָבגעטרייסעלט פֿון דער גהעטאָ, אָדער בעסער געזאָגט, אַז די גהעטאָ האָט זיך אָבגעטרייסעלט פֿון איהם, האָט ער אויף דעם זעלביגען שרעקליכען אופֿן סקאַנדאַליזירט טאַקי דאָס אייגענע קריסטענטהום, וואָס ער האָט, לויט דער מיינונג פֿון דער גהעטאָ, כלומר'שט אָנגענומען אַלס זיין גלויבען: ער איז גאָר אָהן מורא אַרויסגעטראָטען געגען יעדען סיסטעם פֿון דעם יאָהרהונדערט, געגען דער הערשענדער קאַרטעס'יאַנער פֿילאָזאָפֿיע, אַזוי גוט ווי געגען דעם גלויבען פֿון דער קירכע, און זיין קאַמפּפֿס-רוף פֿאַר פֿרייהייט פֿון דעם געדאַנק האָט עס אַם בעסטען בע־וויזען. אמת טאַקי, אַז ווען האָלאַנד איז בעפֿרייט געוואָרען פֿון דעם שפּאַנישען יאָך, האָט זי זיך אויף אַ נאָבעלען אופֿן ערקלעהרט פֿאַר רעליגיעזער פֿרייהייט, אָבער אַ וויסענשאַפֿטליכע אָבהאַנדלונג פֿון דער ביבעל, וועלכע איז נאָך אַלעמען אַ הייליגע שריפֿט, האָט אפילו די האָלענדישע טאָלעראַנץ ניט געקענט דערלאָזען, און דער אויפֿרוף צום שטאַאט, אַז ער זאָל זיך שטיצען אויף אמת'ער רעליגיאָן און אַוועקוואַרפֿען די גלענצענדע טהעאָלאָגען,—דאָס האָט איינפֿאַך געשטאָכען אין די אויגען. „וואָס קען נאָך זיין אַן ערגערע זאַך פֿאַר אַ מלוכה, איידער פֿערשיקען עהרליכע און ווירדיגע מענער אין גלות אָדער זיי פֿיהרען צום עשאַפֿאָט, דערפֿאַר וואָס זיי האָבען זייערע אייגענע געדאַנקען און קענען ניט האַנדלען ווי היפּאָקריטען און לעבען אין ליגען און בעטרוג?" די האָלענדישע רעגירונג האָט שוין געהאַט געלייגט די האַנד אויף דעם ווערק, וואָס האָט ענטהאַלטען אין זיך די דאָזיגע פֿראַגע, און פֿערבאָטען עס צו פֿערקויפֿען: איצט, ווייזט אויס, וועט מען איהם אַליין נעהמען פֿערפֿאָלגען, דאָס קריסטענטהום וועט זיין פֿאַר איהם אַ צוגאָב צו דעם, וואָס ער האָט שוין פֿון לאַנג אָן געליטען פֿון דעם יודענטהום. ער האָט זיך דערמאָנט אָן דעם פֿאַנאַטישען אידען, וועמעס פֿערזוך איהם צו

שטעכען האָט איהם געטריבען צו וואוינען ערגעץ־וואו אַרויס פון דער שטאָדט אַמסטערדאַם, נאָך איידער די אידען האָבען גע'פועל'ט ביי דער רעגירונג איהם צו פעריאָגען פון זייער „ניי־ירושלים", און אין אַ בליץ פון ביטערקייט האָט זיך איהם אויסגעוויזען, אַז די צערעמאָניעלע פאָרטוגעזישע קללות פון דעם אַמסטערדאַמער בית דין האָבען געהאַט אַ געוויסע ווירקונג אויף איהם. „לויט דעם בעשלוס פון די מלאכים און דעם פסק־דין פון די הייליגע, מיט דעם הסכם פון דעם הייליגען בורא און פון דער גאַנצער קהילה, זיינען מיר מחרים און פערשעלטען און פערפלוכען ברוך דע שפינאָזאַ דאָ פאַר די הייליגע ספרים... פערשאָלטען זאָל ער זיין בייטאָג, און פערשאָלטען זאָל ער זיין ביינאַכט; פערשאָלטען זאָל ער זיין ווען ער לייגט זיך, און פערשאָלטען זאָל ער זיין ווען ער שטעהט אויף. פערשאָלטען זאָל ער זיין ווען ער געהט אַרויס, און פערשאָלטען זאָל ער זיין ווען ער קומט אַריין. גאָט זאָל איהם קיינמאָל ניט מוחל זיין! זיין כעס און זיין צאָרן זאָל זיך אָנצינדען געגען דעם דאָזיגען מאַן, אויף וועמעס קאָפּ עס ליגען אַלע קללות און חרמות, וואָס שטעהען געשריבען אין דער הייליגער תורה...." האָבען אָט די ווערטער געלויערט אין אַ פערשטעקטען ווינקעל ביי איהם אין מוח, בעת ער האָט געשריבען זיין טראַקטאַט? האָט ער זיך אַליין געפרעגט, סטאַרענדיג זיך זיי אויפצוזוכען אין זיין זכרון. האָט דאָס געפיהל פון נקמה זיך אָבגעדריקט אויף די אידישע טהיילען פון זיין ווערק? האָט זיין שפאַנישעס בלוט אויפגעהאַלטען אין זיך דעם אָנדיינקען פון דעם קינזשאַל, מיט וועלכען מען האָט עס געוואָלט פערגיסען? האָבען זיינע יסורים געווירקט אויף דער אונפערזענליכקייט פון זיין גערענקען־גאַנג? „דאָס טרייבט מיך צו קיין זאַך ניט, וואָס איך וואָלט פריהער סיי ווי סיי ניט געטהאָן," האָט ער זיך אָבגערופען צו זיין פריינד, דעם „מענאָניט", ווען ער האָט זיך אין דער אודעקירק גאַס דערוואוסט וועגען דעם חרם. אָבער איז דאָס ווירקליך אַזוי געוועזן? ווען ער וואָלט ניט אָבגעשניטען געוואָרען פון זיין פאָטער, פון זיינע ברידער און שוועסטער און די פריינד פון זיין קינדהייט, וואָלט ער דען בעהאַנדעלט די שעהנע זייטען פון זיין אַמאָליגען גלויבען מיט אַזוי ווייניג סימפּאַטיע? דער צווייפעל האָט איהם ניט געלאָזט רוהען, איבערציינגענדיג איהם פון דאָס ניי ווי שווער עס קומט אָן די זעלבסט־בעהערשונג, דאָס אַבסאָלוטע איבערגעבען זיך צו דער אַבסאָלוטער וואַהרהייט. ס'איז אמת, אַז די פערפאָלגונג האָט איהם קיינמאָל ניט געבויגען ווי אוריאל אַקאָסטאַ'ן — ביי וועמעס קבר ער איז געשטאַנען, ווען ער איז געוועזן אַ אינגעל פון אַכט יאָהר, — נאָר צי האָבען די רדיפות אויף אַ ביטערן אופן דאָך ניט געווירקט אויף זיין גייסט?

„אַך!" האָט ער זיך געטראַכט, „די שווערסטע לאַסט, וואָס די מענשען קענען אַרויפלייגען אויף אונז, איז ניט דאָס וואָס זיי פערפאָלגען אונז מיט זייער האַס און צאָרן, נאָר דאָס וואָס זיי פלאַנצען אויף אַזאַ'ן אופן איין האַס און צאָרן אין אונזערע נשמות. אָט דאָס לאָזט אונז ניט אָטהעמען פריי אָדער קוקען מיט אָפענע אויגען און זעהן אַלעס קלאָהר און דייטליך". אַ בליק צוריק אויף דער פערגאַנגענהייט האָט אַביסעל אָבגעשוואַכט די מורא'דיגקייט פון זיינע אידישע פערפאָלגער; זיי זיינען בלויז געווען קינדער פון אַ פערפאָלגונגס-צייט, און ס'איז באמת געווען שווער פאַר אַ געמיינדע פון מענשען, וואָס זיינען אַנטלאָפען פון שפּאַניען און פּאָרטוגאַל, צו דולדען, אַז מען זאָל צווייפלען אין דעם גלויבען, פאַר וועלכען זיי אָדער זייערע פאָטערס האָבען אָבגעגעבען זייער פערמעגען און זייער לאַנד. זאָגאַר אין דער שטונדע, ווען דער חרם איז אויף איהם אַרויפגעלייגט געוואָרען, האָבען די קאַסטיאָרען פון דער אינקוויזיציע געפלאַקערט מיט אידישע מאַרטירער, און זיינע געלערנטע חברים האָבען געשריבען שירים אין לאַטיין צו זייער הייליגען אָנדיינקען. און זאָל די רעליגיאָן, וועלכע האָט פעסטגעשטעלט און אַרויסגערופען אַזעלכע אָפּפער, אָוועקגעוואָרפען ווערן פון איינעם, וואָס איז פריי זי צו האַלטען? ווי האָבען זיי גאָר געקענט פערשטעהן, אַז אַ מאַרטירער'ס טויט איז בלויז אַ צייכען פון גלויבען, אָבער ניט פון אמת? יאָ, יאָ, אויב ער האָט זיינע ברידער ניט אָבגעצאָהלט מיט גענוג ליעבע פאַר זייער האַס, איז דאָך אויך ניט גוט זיך מצער צו זיין דעריבער, וואָרים צער איז אַ שלעכטע זאַך, אַן איבערגאַנג צו וועניגער פאָלקאָמענהייט, אַ געמינדערטעס לעבען. ער דאַרף זיך בעסער פרעהען דערמיט וואָס זיין ווירקליכעס לעבענס-ווערק — זיין „עטהיק", וואָס ער אַרבייט אויס אויף ריינע געאָמעטרישע פּרינציפען — וועט ניט האָבען אויף זיך קיין שפור פון פערזענליכקייט, וועט ניט טראָגען זיין נאָמען און וועט זאָגאַר ניט גע-דרוקט ווערן ביז וואַנען דער טויט וועט האָבען צוגענומען די לעצטע מעגליכקייט פון פערזענליכען אינטערעס אין זיינע אוצרות. „וואָרים", אַזוי ווי ער האָט געלערנט אין דעם בוך גופא, „די, וואָס ווילען העלפען אַנדערע דורך ראַטה אָדער טהאַט און זיינען דערביי אויסען די טובה פון'ם כלל, זאָלען אויף קיין פאַל ניט דערלאָזען, אַז אַ לעהרע זאָל אָנגערופען ווערן אויף זייער נאָמען."

נאָך אַ שטיין און אַ ווילדער געלעכטער, וואָס האָט זיך געלאָזט הערען פון אַ מחנה אונוויסענדע יונגען, האָט איהם דערמאָנט, אַז דער טויט קען אַמאָל ניט וועלען וואַרטען ביז וואַנען זיין ווערק וועט זיין געענדיגט. „ס'איז מערקווירדיג," האָט ער זיך געטראַכט, „אַז זיי, וועלכע קענען אפילו ניט

לייענען, זאָלען אַזוי נאָכלויפען און פערדאַמען." און דאַן איז איהם אַרויפ־ געקומען אויף'ן געדאַנק יענער שרעקליכער טאָג, נאָך קיין יאָהר ניט צוריק, ווען דער ווילדער המון האָט צוריסען אין שטיקער די נאָבעלסטע מענער אין דער וועלט—זיינע פריינד, די ברידער ד ע ו ו י ט ט. זאָגאַר איצט האָט ער זיך קוים געקענט איינהאַלטען ניט צו וויינען ביי דעם אָנדיינקען פון די געפייניגטע פאַטריאָטען, וועמעס געשענדעטע אויפגעהאַנגענע קערפערס די פאָליציי האָט ניט געסמייעט אַרונטערצונעהמען ערשט ביז שפעט ביינאַכט. ס'איז געווען שווער זאָגאַר פאַר דעם פילאָזאָף זיך צו דערמאָנען, אַז די ווילדע מענשען האָבען בלויז אויסגעדריקט דעם עסענץ פון זייער לעבען, פונקט ווי ער האָט אויסגעדריקט זיין אייגענעם דאַזיין. דאָך האָט דער שכל ניט מחיב געווען, אַז ער זאָל פערשווינדען צוליעב זיי: גיכער פער־ קעהרט, ווען ער וואָלט נאָר געהאַט די קראַפט דערצו. פערטיעפט אין די דאָזיגע געדאַנקען האָט ער זיך מיט אַמאָל פערקירעוועט אָן אַ זייט און זיך אַריינגעכאַפט אין זיין בעליעבטער בוכהאַנדלונג אין דער „ספויסטראַאט", וואו ער האָט זיך געוואָלט בעהאַלטען צווישען די אַלטע בלעטער און די נייע לאַטיינישע ביכער און די שעהנע אויסגאַבען פון די „עלזעווירען", די בעריהמטע אַמסטערדאַמער דרוקער.

„האָסט דו ס ט ו פ'ס בוך „די רעליגיאָן פון די האָלענדער"?" האָט ער פלוצלינג אַ פרעג געטהאָן.

„זוך ערגעץ אַנדערש," האָט דער בוכהענדלער געענטפערט מיט אַ בייזען טאָן.

‘‘*Et tu, Brute!*’’ (דו אויך, ברוטוס!) האָט זיך ש פ י נ אָ ז אַ אָב־ גערופען מיט אַ שמייכעל. „וואָס זשע, דו שליסט זיך אויך אָן אָן דעם אַלגעמיינעם כאָר פון די ווילדע געשרייען? מיר דוכט, אַז די אפיקורסות שאַדט דיר גאָרנישט צום געשעפט. אַ גאַנצער שטראָם פון ענטפערס, אָבהאַנדלונגען, טראַקטאַטען, פאַסקווילען — וואָס מעהר אַלץ פרעהליכער, ניט אַזוי?"

דער בוכהענדלער האָט איהם אָנגעקוקט מיט אַ פאַר ווילדע אויגען. „דו זאָלסט אַריינקומען און פרעגען אויף סטופ'ס בוך? ס'איז — ס'איז — אונפערשעהמט!"

שפינאָזאַ איז געבליבען שטעהן אַ צומישטער. „אונפערשעהמט? וואָס זשע, דערפאַר ווייל ער רעדט דאָרט וועגען מיר?"

„הערר שפינאָזאַ," האָט דער בוכהענדלער געזאָגט מיט אַ פייערדיגען טאָן, „דיין קאַרטעס'יאַנער פירוש האָט מיר איינגעבראַכט אַ היבש ביסעל געלד, און כאָטש דו אַליין האָסט מעהר געלייענט דאָ אויף אָן אָרט איידער

געקויפט, ביסט דו געווען ווילקאָמען צו נעהמען וואָס דו האָסט נור געקענט אַוועקטראָגען אין דעם דאָזיגען לאַנגען קאָפּ דיינעם. אָבער אַריינגעהן איצט מיט דיר אין וואָס פאַר עס איז משא ומתן איז מעהר וויפיעל איך סמייע צו טהאָן, האָבענדיג פאַר זיך דעם המון, וועלכער איז אַזוי אויפגעבראַכט געגען דיר. וואָס ושע! דו האָסט אַפּנים געמיינט, אַז דיינע עסקים אין אוטרעכט וועלען ניט דערגרייכען אַזש אַהער?"

„מיינע עסקים אין אוטרעכט?"

„יאָ, אין דעם שונא'ס הויפט-לאַגער — פערראַטהענדיג אונז צו די פראַנצויזען!"

שפינאָזאַ האָט אַ שוידער געטהאָן, דאָס איז זאָגאַר געווען ערנסטער ווי ער האָט עס אָנגענומען. די דע וויטטס זיינען דער'הרג'עט געוואָרען דערפאַר, ווייל מען האָט זיי חושד געווען, אַז זיי זיינען פריינדליך צו די פראַנצויזען. דער פּאָליטישער פאַנאַטיזם איז נאָך שרעקליכער איידער דער טהעאָלאָגישער. ס'איז פיליכט געווען ניט קלוג פון זיין זייט אין אַ מלחמה-צייט אָנצונעהמען דעם פּרינץ פון קאָנדע'ס שמייכלענדע איינלאַדונג צו האָבען מיט איהם אַ געשפּרעך מכח פילאָזאָפיע. אַריינקומען אין פראַנצויזישען לאַגער מיט דעם פעלד-מאַרשאַל'ס קאַרטע איז געווען גרינג געוועג; נאָר קומען צוריק אויף זיין אייגענע קוואַרטיר איז גאָר אַן אַנדער זאַך. אָבער דאַן, פרעגט זיך, וואָרום האָט איהם די האָלענדישע רעגירונג ערלויבט צו געהן? אַזאַ צוטרוי איז דאָך זיכער אַ געניגענדער בעוויז פאַר זיין עהרליכקייט.

„אָה, אָבער דאָס איז דאָך לעבערליך!" האָט ער זיך אָבגערופען. „יעדער בירגער אין האַאַג ווייסט, אַז איך בין אַ גוטער רעפּובליקאַנער, און אַז איך האָב קיינמאָל קיין אַנדער ציעל ניט געהאַט נאָר די עהרע און דאָס וואָהלזיין פון דעם שטאַאַט. אַחוץ דעם, האָב איך דאָך גאָר דעם פּרינץ קאָנדע ניט געזעהן. מען האָט איהם אַוועקגערופען, און איך האָב ניט געוואָלט וואַרטען ביז וואַנען ער וועט קומען צוריק."

„יאָ, אָבער דו האָסט געזעהן לוקסעמבורג'ן; דו האָסט פערבראַכט מיט דעם קאָלאָנעל סטופּ, פון דעם שווייצער רעגימענט."

„אמת, אָבער ער איז פונקט אַזאַ גוטער טהעאָלאָג ווי אַ סאָלדאַט."

„ער האָט דיר אָנגעבאָטען שוחד?"

„יאָ, ס'איז אמת," האָט שפינאָזאַ געענטפערט מיט אַ שמייכעל. „ער האָט מיר אָנגעבאָטען אַ פּענסיע—"

דער בוכהענדלער האָט זיך פערשטעלט די אויערן. „שש! איך וויל ניט וויסען. איך וויל קיין שום חלק ניט האָבען אין דיין מאָרד".

„ניין, אָבער דאָס וועט דיך אינטערעסירען צו וויסען אַלס בוכהענדלער. זיין קעניגליכער העהר איז גרייט געווען מיר צו געבען די פּענסיע, ווען איך וועל זיין מאַיעסטעט ווידמען אַ בוך."

„און דו האָסט אָבגעזאָגט?"

„פֿערשטעהט זיך. לואי דער פֿערצעהנטער האָט גענוג שמייכלער אָהן מיר."

דער בוכהענדלער האָט איהם אָנגעכאַפּט ביי די הענד און האָט זיי געשאָקעלט מיט טרעהרען אין די אויגען. „איך האָב זיי דאָס געזאָגט, איך האָב זיי דאָס געזאָגט. און אַשטייגער אַז זיי האָבען געזעהן אָט די אַלע רייכע פֿראַנצויזען, וועלכע זיינען געקומען צו דיר אויף בעזוך? פּאָליטישע שליחים אוראי, וואָס דען?! אויף אַזאַ'ן אופן וואָלט מען אויך געדאַרפֿט צווייפֿלען אין דער טוגענד פֿון די גרויסאַרטיגע דאַמען, וואָס קלאַפּען אָב יינע טהירען, זאָג איך צו זיי. זיי זוכען בלויז וויטערדיגע ערקלעהרונגען פֿון זייער פֿילאָזאָף דעקאַרטעס. אַה, פֿראַנקרייך האָט געמעגט אַרויס-געבען אַ פֿילאָזאָף, אָבער מען מוז האָבען האָלאַנד איהם אויפֿצונעהמען אין איהר שויס, אַ האָלענדער — איהם צו פֿערשטעהן. יענער אויסגעפּוצ-טער פֿראַנט אַ שפּיאָן! וואָס רעדט איהר? דאָס איז דאָך געווען ד'העגאָל, דער פּאָעט. פֿון וואַנען איך וויים? נו, אַז אַ מאַן פֿרעגט זיך נאָך אויף ד'העגאָל'ס פּאָעמען און איז האַלב-צופֿריעדען וואָס איך האָב דאָס בוך, און האַלב-פֿערדריסליך וואָס ער מוז עס מחמת העפֿליכקייט קויפֿען ביי מיר—! דער אַפּיקורס ליגט איהם אויף די ליפּען, אַן אמת'ער זוהן פֿון די מוזען. און אַז ס'איז פֿאַרהאַן, זאָג איך, אַ בריעף פֿון ענגלאַנד, מיט דעם זיגעל פֿון דער קעניגליכער געזעלשאַפֿט, איז וואָס!"

„וואָס, ס'איז טאַקי דאָ אַ בריעף פֿון ענגלאַנד?"

„דו ביסט נאָך ניט געווען אויף דיין קוואַרטיר? אָט די קעניגליכע געזעלשאַפֿט, זאָג איך, איז אַ פֿעראיין פֿון געלערנטע מענער — ניט קוקענדיג אויף איהר נאָמען — און האָט גאָרנישט וואָס צו טהאָן מיט דעם קעניג טשאַרלס און דער סוויטע, וואָס ער האַלט אויס. דאָס העצען זיי איהם אונטער מיט אונז מלחמה צו האַלטען, די אויסוואורפֿען!"

שפּינאָזאַ האָט אַ שמייכעל געטהאָן. „ס'מוז אודאי זיין פֿון מיין גוטען פֿריינד אָלדענבורג, דעם סעקרעטער."

„אָט דאָס האָב איך דאָך זיי געזאָגט. ער איז געווען ביי מיר אין קלייט, ווען ער איז דאָ געווען — —"

„זיך נאָכפֿרעגען אויף זיין בוך?"

„נײַן, אויף דײַנעם.“ און דער בוכהענדלער האָט בעת מעשה אויך אַ שמייכעל געטהאָן. „ער האָט מיך געבעטען, איך זאָל צושיקען עקזעמפּלאַרען פון די „פּרינציפּען פון דער קאַרטעס'יאַנער פילאָזאָפיע“ צו פערשיעדענע בעדייטענדע פּערזאָנען. איך בעט גאָט, דו זאָלסט אָנשרייבען אַ נייע בוך!“

„זעהסט דו, און גאָט קען אפשר גראָד ניט װעלען אָננעהמען דײַן תּפלה,“ האָט אַ מורמעל געטהאָן שפּינאָזאַ, װעלכער האָט גראָד געהאַלטען אין מישען די בלעטער פון אַ װערק, אַן אָנגריף אויף זײַן „נײַעם בוך“, און לייענענדיג װעגען זיך, אַז ער איז „אַ מאַן מיט אַ מוטהיגען געזיכט, פאַנאַטיש און אָבגעריסען פון יעטװעדער רעליגיאָן“.

„אַ גוטען בוך האָסט דו דאָרט,“ האָט זיך אָבגערופען דער בוכהענדלער. „פון מוזעאס, דעם פּראָפעסאָר פון יענאַ. דער „טהעאָלאָגיש-פּאָליטישער טראַקטאַט איבערגעװאויגען אויף דער װאָגשאָל פון דער װאַהרהייט“. װירקליך, אַ טיטעל װאָס ציהט. מען זאָגט, עס איז דאָס בעסטע פון אַלע ענטפערס אויף דעם שעדליכען און גיפטיגען טראַקטאַט.“

„פון װעלכען איך זעה דאָ היבשע עטליכע עקזעמפּלאַרען, פערמאַסקירט אין פאַלשע שער-בלעטער.“

„שש! פערבאָטענע פרוכט װערט אימער פערלאַנגט. נאָר װײַבאַלד איך שטעל צו דעם געגענ-גיפט אויך — —“

„דאַרף פרוכט האָבען אַ געגען-גיפט?“

„פערגיפטעטע עפּעל פון דעם עץ הדעת, װאָס קומען פון דער שלאַנג.“

„נו יאָ, אַ שלאַנג,“ האָט זיך שפּינאָזאַ אָבגערופען, לייענענדיג דעם געגען-גיפט אין דער הויך: „ער האָט ניט אויסגעלאָזט קיין איין גייסטיגע פעהיגקייט, קיין שום כיטראָסט, קיין ניט-געפּרואװטען קונץ, כדי צו בעהאַלטען זײַן פאַבריקאַציע הינטער אַ גלאַנציגען שלייער, אַזוי אַז מיר מעגען מיט רעכט צװייפלען, צי עס געפינט זיך נאָך איינער, צװישען די מאַסע פון די, װאָס דער טײַװעל אַליין האָט געדונגען צו צושטערען יעדעס מענשליכע און געטליכע רעכט, — צי עס געפינט זיך נאָך איינער, װאָס איז געװען אַזוי פלייסיג אין דער אַרבייט פון פערדאַרבונג װי דער דאָזיגער פערדעטהער, װעלכער איז געבוירען געװאָרען צו דער גרויסער פערלעצונג פון דער קירכע און צו דעם שאָדען פון'ם שטאַאַט.“ װי ער צוברעכט עס אַביסעל דער שלאַנג'ס קאָפּ, אָט דער פּראָפעסאָר פון טהעאָלאָגיע!“ האָט זיך שפּינאָזאַ אָבגערופען; „װי ער שטרעקט עס איהר אויס טויט אויף זײַן װאָג-שאָל פון װאַהרהייט!“ פאַר זיך אַליין האָט ער געטראַכט: „ס'איז מערקװירדיג, װי

די אונזוויסענדסטע זיינען געוועהנליך די פּרעכסטע און זיינען אם גרייטסטען צו זיין אָבגעדרוקט!" ער האָט געהאַט אַ שוואַכע פֿאָרשטעלונג, עפּעס אַ מין נבואה, ווי אַזוי זיין נאָמען — אויב ער וועט ווירקליך ענטדעקט ווערן, ניט קוקענדיג אויף אַלע פֿאָרזיכטיגקייטען — וועט זיין אַ בעצייכנונג פֿאַר אַטהעאיזם און אונמאָראַליטעט, אַ שרעקענס-וואָרט אין פֿערלויף פֿון אַ יאָהרהונדערט אָדער צוויי; נאָר באַלד האָט ער ווידער געשמייכעלט, זיך שטיצענדיג אויף דער פֿעסטער פֿערנונפֿט און ריכטיגקייט פֿון דעם אוני־ווערזום.

„ווילסט נעהמען דאָס בוך?" האָט אַ פֿרעג געטאָהן דער בוכהענדלער.

„ניין, ניט דורך אַזעלכע שריפֿטען וועט די וואַהרהייט געהן פֿאָר־ווערטס. אָבער האָסט דו דעם ענטפֿער פֿון לאַמבערט וועלטהויזען?"

דער בוכהענדלער האָט אַ שאָקעל געטהאָן מיט'ן קאָפּ.

„דאָס איז ווערטה הונדערט אַזעלכע ווי דער דאָזיגער. איך בעט דיך, קריג עס און רעקאָממאַנדיר עס צו דיינע קונים, וואָרים וועלטהויזען בעזיצט אַ קרעפֿטיגע שפּראַך, דורך וועלכער די מענשליכע מוחות קענען ווירקליך געריצט און געטריבען ווערן צו דיינקען."

אויף זיין וועג אַהיים האָט ער נאָך אַלץ בעגעגענט פֿינסטערע גע־זיכטער, אָבער ער האָט זיי אויפֿגענומען מיט אַ מונטערן, אויפֿריכטיגען בליק. ביים עק פֿון דער שמאָלער „ספּויסטראַאַט" האָבען די געשעפֿטען פֿון דעם ברייטען מאַרק צוגעצויגען די גאַנצע אויפֿמערקזאַמקייט פֿון'ם עולם, און דער פֿילאָזאָף איז זיך געגאַנגען זיין וועג אונגעשטערט צווישען די טישלאַך און די גרויסע וועגען, בעדעקט מיט לייוונט. ערשט אַז ער איז צוגעקומען צו דער „פֿאַווילאָנסגראַכט" — וואו עס שטעהט איצט זיין מאָנומענט — האָט ער פֿון דאָס ניי בעגעגענט די בייזע, פֿיינדליכע פנים'ער. דאָרט, לעבען זיין אייגענער גאַס-טהיר, אונטער די בוימער, וועלכע האָבען זיך געצויגען איבער דעם ברעג פֿון קאַנאַל, האָט איהם זיין בעל הבית, דער מאַהלער וואַן דער ספּיעק, מיט אַן אויפֿרעגענדער שטימע גראַטולירט וואָס ער איז געקומען בשלום אַהיים, נאָר ער האָט איהם ניט געוואָלט אַריינלאָזען אין הויז. „דאָ קענסט דו מעהר ניט וואוינען."

„דאָ וועל איך היינט נעכטיגען," האָט שפּינאָזאַ מיט אַ רוהיגען טאָן געזאָגט, „אויב עס איז דאָ אַ געזעץ אין האָלאַנד."

„אַ געזעץ! דאָס פֿאָלק וועט נעהמען דאָס געזעץ אין זיינע אייגענע הענד. מיינע פֿענסטער וועלען צושמעטערט ווערן, מען וועט אויפֿברעכען די טהיר פֿון מיין הויז. און דו וועסט ערמאָרדעט און אַריינגעוואָרפֿען ווערן אין קאַנאַל."

זיין קוואַרטיראַנט האָט געלאַכט. „און פֿאַרוואָס פֿאָרט? הרג'ענען אַן עהרליכען אַפּטיקער! עפֿען אויף, ליעבער פֿריינד!"

„אַז דו וואָלסט געזעסען אין דערהיים און געשליפֿען דיינע קוק־גלע־זער, אָנשטאָט צו פֿאָהרען קיין אוטרעכט! געוועהנליך ביסט דו, דוכט זיך, שטענדיג איינגעשלאָסען אַזוי ווי אין אַ קלויסטער, אַז מיין פֿרוי זאָגט, אַז דו פֿערגעסט אפילו צו עסען דריי טעג נאָכאַנאַנד. וואָס ושע פֿאַר אַ רוח האָט דיך בעדאַרפֿט אָנריידען אין מיטען דערינען צו מאַכען אַ לאַנגע רייזע אין דער דאָזיגער היציגער, ברענענדער צייט? דאָס הייסט ניט, אַז איך גלויב זאָגאַר איין איינציג וואָרט וועגען דעם, אַז דו ביסט געוואָרען אַ פֿערעטהער — כ'וואָלט שוין גיכער געגלויבט, אַז מיין מאַהלער־שטעקעל קען פֿערוואַנדעלט ווערן אין אַ שלאַנג אַזוי ווי אהרן'ס שטעקען — נאָר ביי מיר אין הייז זאָלסט דו ניט דער'הרג'עט ווערן."

„בערוהיג זיך. די גאַנצע שטאָדט ווייסט וועגען מיין פֿערהעלטניס מיט דעם קאָלאָנעל סטופּ; יעדענפֿאַלס האָב איך עס דערצעהלט מיין בוכהענד־לער, און עס איז בלויז אַ פֿראַגע פֿון עטליכע שטונדען, וועלען עס אַלע וויסען."

„ס'איז אמת, ער איז אַ ריכטיגער פּלוידערזאַק."

„יאָ," האָט שפּינאָזאַ געזאָגט מיט אַ טרוקענעם טאָן. „ער האָט זאָגאַר געוואוסט, אַז עס ליגט אַ בריעף פֿאַר מיר פֿון דער קעניגליכער געזעלשאַפֿט פֿון ענגלאַנד."

וואַן דער ספּיעק איז רויט געוואָרען. „איך האָב איהם ניט געעפֿענט," האָט ער אויף גיך אַ זאָג געטהאָן.

„פֿערשטעהט זיך, אַז ניט. נאָר די טהיר מעגסט דו עפֿענען."

דער מאַהלער האָט זיך מישב געווען מיט זיך אַליין. „זיי וועלען דיך אַרויסשלעפּען, אַזוי ווי זיי האָבען אַרויסגעשלעפּט די ברידער דע וויטט פֿון תפיסה."

שפּינאָזאַ האָט אַ טרויעריגען שמייכעל געטהאָן. „און אין דעם פֿאַל וועסט דו מיך מן הסתם ניט אַרויסלאָזען; איצט ווילסט דו מיך ניט אַריינלאָזען."

„ביידע זאַכען בעווייזען, אַז איך האָב מעהר איינזעהעניש מיט דיר, איידער דו אַליין. אַז איך וואָלט דיך דאַן אַרויסגעלאָזט אין גאַס אָנקלעפּען אויף דער וואַנד יענע פֿערדאַמונג, וואָס דו האָסט אָנגעשריבען מכח דעם ווילדען המון, וואָלסט דו שוין היינט קיין לעבען ניט געהאַט, מיט וואָס צו ריזיקירען. אַנטלויף פֿון שטאָדט, איך בעט דיך, אָדער געפֿין דיר די־קערע וועגד איידער מיינע. דו ווייסט גאַנץ גוט, אַז איך וואָלט דיך בעשיצט,

זוען איך האָב נור די קראַפט דערצו; ווענדען זיך דען אונזערע קוואַרטי־ראַנטען ניט צו דיר, ווען זיי זיינען קראַנק אָדער דערשלאָגען, כדי דו זאָלסט מיט דיינע זיסע רייד לינדערן זייערע שמערצען? ליעבען און פאָלגען דיך דען ניט אונזערע אייגענע קינדערלאַך מעהר נאָך איידער זייער מוטער און מיך? אָבער ווען דו זאָלסט דער'הרג'עט ווערן ביי אונז אין הויז, וואָס פאַר אַ שרעקליכער אָנדיינקען וועט דאָס זיין פאַר אונז אַלעמען!"

„איך וויים גאַנץ גוט, ווי איהר ליעבט מיך אַלע," האָט שפינאָזאַ געזאָגט, גערידהרט. „אָבער האָב גאָר קיין מורא ניט פאַר מיר: איך קען זיך גאַנץ גרינג רעכטפאַרטיגען. פאַרהאַן געניג מענשען, און דערצו גרויסע מענער אין לאַנד אויך, וועלכע וויסען גוט די מאָטיווען פון מיין רייזע. נאָר וואָס עס זאָל ניט אַרויסקומען דערפון, אַזוי שנעל ווי דער עולם וועט נור מאַכען דעם מינדעסטען גערויש ביי אייער טהיר, וועל איך אַרויסגעהן און זיך מיט זיי אויס'טענה'ן, ווען זיי זאָלען אפילו טהאָן מיט מיר דאָס, וואָס זיי האָבען געטהאָן מיט די אונגליקליכע דע וויטטס."

וואַן דער ספיעק האָט פונאַנדערגעעפענט די טהיר. „דיין וואָרט איז אַ שבועה".

אויף די טרעפ האָט געשיינט די בעל הבית'טע מיט איהר קלאָהרען געזיכט, אַ לעבעדיגעס וועזען מיט אַ שוואַרץ היטעלע און אַ ווייסען פאַרטוך, איהר יאַקעל אַרומגעלייגט מיט גרינע און רויטע בענדלאַך. זי האָט דער־לאַנגט אַ געשריי פון פרייד און איז איהם געלאָפען אַנטקעגען מיט'ן בעזים אין דער האַנד. „זיי מיר ווילקאָמען, העדר שפינאָזאַ! ווי גליקליך די קליינע חברה וועלען זיין, ווען זיי וועלען קומען פון שולע! אַ גאַנצער פאַק מיט שאַרלאַטאַנעס האָבען דיך פערליימדעט רעכטס און לינקס; אַ טהייל פון זיי האָבען געפרואווט ציהען העברי'ן ביי דער צונג, אָבער מיר האָבען זיי אַוועקגעשיקט מיט פליגען אין די אויערן — ניט אַזוי, העברי?"

העברי האָט געשמייכעלט תם'עוואַטע.

„איינגע'עקשן'טער פון אַלע איז געווען אַ קאָמפּאַניע פון דריי — אַן אַלטער מאַן און זיין טאָכטער און אַ יונגער מאַן. זיי זיינען געקומען צוויי מאָל, שטאַרק אונצופריעדען וואָס דו ביסט ניט געוועזן אין דערהיים, און זיי האָבען זיך אָנגעגעבען פאַר דיינע אַלטע פריינד פון אַמסטערדאַם; על כל פנים, דער יונגער מאַן ניט — ער האָט בעדויערט וואָס ער האָט קיין זכיה ניט צו זעהן דעם בעריהמטען געלעהרטען, וועמען מען האָט איהם געבראַכט אַהער זעהן. אַ באַרג מיט פראַגען האָבען זיי געפרעגט, אָבער זיי האָבען קנאַפ וואָס אַרויסגעקראָגען פון מ י ר."

אַ רויטער פלעק האָט זיך מיט אַמאָל בעוויזען אויף שפינאָזאַ'ס באַק. „האָבען זיי אָנגעגעבען וואָס פאַר עס איז נאָמען?" האָט ער געפרעגט מיט אַן אונגעוועהנליכער נייגיעריגקייט.

„עס ענדיגט זיך מיט ע נ ד ע — דאָס איז מיר געבליבען אין זכרון."

„וואַן דען ענדע?"

„אָדער אַזוי וואָס."

„די טאָכטער איז געווען — שעהן?"

„אַ געטין!" איז דער מאַהלער אַריינגעפאַלען אין די רייד.

„עט!" האָט די פרוי געזאָגט. „מ י ר גיט דעם יונגען מאַן. אַ קאַלטע מאַרמאָרנע בריאה איז ניט מיין אידעע פון אַ געטין."

„ס'איז אַ גריבישע געטין," האָט זיך שפינאָזאַ אָבגעריסען מיט געמאַכטער מונטערקייט. „זיי זיינען ווירקליך אַלטע פריינדע מיינע — אַחוץ דעם יונגען מאַן, וועלכער איז אָהן אַ שום ספק דעם אַלטען'ס אַ תלמיד. ער איז אַ זעהר געלערנטער שפּראַכען־קענער, אָט דער דר. וואַן דען ענדע: ער האָט מיר געלערנט לאַטיין — —"

„און גריבישע געטינען," האָט די פרוי אַ זאָג געטהאָן מיט ליעבשאַפט.

שפינאָזאַ האָט פּרובירט זאָגען עפּעס, נאָר ער האָט זיך אָנשטאָט דעם פונאַנדערגעהוסט, און האָט גענומען אַרויפגעהן צו זיך אין צימער. ער איז געווען אויפגערעגט: און עס איז געווען זיין פּרינציפּ זיך צוריקצוציהען אין איינזאַמקייט, ווען זיינע געפיהלען האָבען נור געהאַלטען ביים אַריבערשטייגען איבער זיין פילאָזאָפישער קאַלטבלוטיגקייט.

„וואַרט! איך האָב דיין שליסעל," האָט די בעל הבית'טע אַ געשריי געטהאָן, אַרויפלויפענדיג נאָך איהם. „און אָה! וואָס פאַר אַ שטויב ביי דיר אין צימער! קיין וואונדער ניט, אַז דו ליידסט פון אַ ברוסט־פעהלער!"

„דו האָסט קיין זאַך ניט געטשעפּעט אינעווייניג?" האָט ער זיך מיט שרעק אָבגערופען.

„אַ וויש מיט אַ פעדער־באַרשט, ווען איך פלעג אַריינטראָגען דיינע בריעף — מעהר ניט; מיין האַנד האָט זיך ניט צוגעריהרט צו דיינע פאַפּירען, נאָר זעה! קיין איינס אפילו איז ניט אין אָרדנונג!"

זי האָט אויפגעשלאָסען זיין טהיר, אויפעפענענדיג אַ קליינעס צימער, וואו ביכער און פאַפּירען זיינען אויף אַ מאָרנעם אופן געלעגען אויסגעמישט מיט די מעבעל און די געצייג זיינע. עס זיינען דאָרט געווען צוויי פענסטער מיט אָבגעניצטע רויטע פאָרהיינגלאַך. אויף טשוועקעס זיינען געהאַנגען עטליכע מאָדנע בגדים. איינס פון זיי, די קאַמזשעלקע, וועלכע איז אַמאָל דורכגעשטאָכען געוואָרען פון דעם פאַנאַטישען אידען'ס קינזשאַל, האָט

איינפֿאַך געדיענט אַלס אָנדיינקען, כאָטש אויף׳ן קוק האָט זי ניט אויסגעזעהן עלטער, איידער די איבעריגע מלבושים זיינע. „ווער לייגט עס אַריין אַ מיטעלמעסיגע זאַך אין אַ טהייערע שייד?״ איז געווען דעם פֿילאָזאָף׳ס שטאַנדפּונקט. איבער׳ן קאַמין (וואו עס זיינען צווישען עטליכע אַלטע פּיפּקעס געלעגען צוויי זילבערנע ספּראַנטשקעס, זיין איינציגע ציערונג) איז געהאַנגען אַ בילד פֿון דעם איטאַליענישען פֿישער־רעוואָלוציאָנער מ אַ ס אַ־נ י ע ל אָ אין זיין העמדעל, מיט אַ נעץ אויף דער שולטער, וואָס שפּינאָזאַ האָט אַליין אויפֿגעצייכענט מיט קויל, נעהמענדיג זיינע אייגענע געזיכטסציגע אַלס מאָדעל: פֿיליכט אין אַ קאַפּריזנעם מאָמענט, ווען ער האָט אויסגעזעהן ביי זיך אין די אויגען אַן אינטעלעקטועלער רעוואָלוציאָנער. אַ פּאַפּיר־שאַכטעל, וואָס איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אָן אַ שפּאַקטיף, האָט ענטהאַלטען אין זיך צייכנונגען פֿון עטליכע בעריהמטע געסט זיינע. דאָס זיינען בלויז געווען שטריכען פֿון זייערע געזיכטס־ציגע, וואָס ער האָט אַרונטערגענומען אויף גיך, ניט אַריינלאָזענדיג זיך אין קיין דעטאַליען. די עטליכע אַנדערע בילדער, וואָס זיינען געהאַנגען אויף די ווענד, זיינען געווען צייכנונגען פֿון אַנדערע הענד. שפּינאָזאַ האָט זיך אַנידערגעזעצט אויף זיין בעטעל מיט אַ טיעפֿען זיפֿץ פֿון צופֿריעדענהייט.

„Desiderato que acquiescimus lecto", האָט ער אַ מורמעל געטהאָן אין לאַטייניש. דערנאָך, וואַרפֿענדיג אַ בליק אַרום זיך, האָט ער זיך אָבגערופֿען מיט אַ טאָן פֿון פֿערדרוס: „מיינע שפּין־וועבס זיינען פֿערשוואונדען!״

„איך האָב דאָך קיין זאַך ניט געקענט ברייננען אין אונאָרדנונג דערמיט וואָס איך האָב זיי אַוועקגעקעהרט!״ האָט זיך די בעל הבית׳טע פֿערענטפֿערט.

„דו האָסט מיך געבראַכט אין אונאָרדנונג! כ׳האָב געלערנט מיין גאַנצע ווייזהייט, קוקענדיג אויף די שפּינען!״ האָט ער געזאָגט מיט אַ שמייכעל.

„ניין, דו שפּאַסט.״

„אויף קיין פֿאַל ניט. דער שפּין און די פֿליעג — דאָס גאַנצע לעבען ליגט דערין, דורכדעם וואָס זיי האָבען זיי אַרויסגעלאָזט פֿון אויג, זיינען די טהעאָלאָגיען אַזוי ליידיג. אַחוץ דעם, ווער וועט איצט כאַפּען די פֿליגען פֿאַר מיין שפּאַקטיף?״

„ס׳ווילט זיך מיר גאָרניט גלויבען, אַז דו וואָלסט געוואָלט, די אָרעמע קליינע פֿליגעלאַך זאָלען געפֿאַנגען ווערן פֿון די גרויסע, די מורא׳דיגע גרויסע שפּינען. קיינמאָל האָב איך ניט געקענט פֿערשטעהן וואָס פֿאַסטאָר

קאָרדעס האָט געפריידיגט מכה אויסשטעלען די צווייטע באַק, ביז וואַנען איך האָב דיך אָנגעטראָפען."

„ניין, דאָס איז ניט מיין לעהרע. מיינע איז די פערגעטערונג פון דער פרייד, איך האַלט, אַז די אָנשטריינגונג צו דערהאַלטען אונזער לעבען איז טוגענד."

„אָבער דו געהסט דאָך צייטענווייז אין קירכע?"

„הערען אַ פריידיגער."

„אַ מאָרגנער מאָטיוו." דערנאָך, פערטראַכטערהייט, האָט זי צוגעלייגט: „וואָס זשע, דאָס קריסטענטהום איז, הייסט עס, ניט אמת?"

„ניט אמת פאַר מיר."

„דאַן אויב דו קענסט ניט גלויבען אין דעם, וועל איך אויך ניט."

שפינאָזאַ האָט אַ זאַנפטען שמייכעל געטהאָן. „געה אין דר. קאָרדעס'עס וועג, ניט אין מיינעם."

די פרוי איז צוטומעלט געוואָרען. „וואָס זשע, דו דיינקסט, הייסט עס, אַז איך קען געפינען אַ רעטונג אין דר. קאָרדעס'עס גלויבען?" האָט זי אונגעדולדיג געפרעגט.

„יאָ, ס'איז זעהר אַ גוטער גלויבען, דער לוטהעראַנישער; קיין צווייפעל ניט, אַז דו וועסט געפינען אַ רעטונג אין איהם, מיט דעם תנאי, אַז דו זאָלסט לעבען בשלום מיט דיינע שכנים."

איהר געזיכט האָט אויפגעשטראַהלט. „דאַן וועל איך בעסער געהן אין דיין וועג."

שפינאָזאַ האָט אַ שמייכעל געטהאָן. די טהעאָלאָגיע פאָדערט פאָל־שטענדיגע געהאָרכזאַמקייט, האָט ער זיך געטראַכט, פונקט ווי די פילאָזאָפיע פאָדערט פאָלשטענדיגעס וויסען; דער גלויבענדער המון, וועלכער פערשטעהט אונטער רעליגיאָן קיין אַנדער זאַך ניט נור די צושטערונג פון דער פערנונפט, קוקט אַלזאָ ניט, צי די חקירות, די ספעקולאַטיווע מיינונגען זיינען ריכטיג אָדער פאַלש, אום צו בעשטימען אויב זיי זיינען רעליגיעזע אָדער ניט, נאָר וואָס ער וויל וויסען איז, צי זיי פערפעסטיגען אָדער זיי צוטרייסלען דעם גלויביגען'ס געהאָרכזאַמקייט.

אָבזאָגענדיג איהר פריינדליכען אָנבאָט איהם צו געבען עטוואָס וואַ־רעמעס צו עסען, און בעטענדיג בלויז ביי איהר, זי זאָל איהם קויפען אַ לעבעל ברויט, האָט ער אָנגעהויבען לייענען די בריעף, וועלכע האָבען זיך אָנגעקליבען פאַר דער צייט, וואָס ער איז געווען אויף'ן וועג. ער האָט זיי אויפגעעפענט איינעם נאָך'ן אַנדערן, ניט מיט וואָס פאַר עס איז גיריגקייט, נאָר מיט אַ רוהיגען אינטערעס. זיין קאָרעספאָנדענץ איז

געווען פֿערשיעדענאַרטיג. אַ טהייל דערפֿון איז בעשטאַנען פֿון קריטישע בעטראַכטונגען וועגען זיין געדאַנק — פּראָדוקטען פֿון אַ פֿרייער צייט, ווען די דיינקער פֿון איראָפּאַ האָבען געלעבט אין ברידערשאַפֿט, זיך דורכריי־דענדיג איינע מיט די אַנדערע, ניט קוקענדיג אויף די פֿינסטערע בעפֿעל־קערונגען, צווישען וועלכע זיי האָבען זיך געפֿונען; אַ טהייל פֿון די בריעף האָבען ענטהאַלטען די רעספּעקטפֿולסטע צווייפֿלען פֿון אָנהייבער אָדער די עלעגאַנטע מיספֿערשטענדניסען פֿון פֿילאָזאָפֿישע דילעטאַנטען, אַנדערע ווידער זיינען פֿריינדליכע אונטערהאַלטונגען מיט ערפֿאַהרענע סטודענטען פֿון נאַטור־וויסענשאַפֿט ווי דער ענגלענדער **באָיל** אָדער דער האָלענדער **הויגהענס**, וועמעס טעלעסקאָפּען האָבען פֿערגרעסערט דעם פֿילאָזאָף׳ס וועלט־אַל און דעם דיינקער׳ס גאָט. צווישען די בריעף איז אויך געווען אַן אָנערקענונג פֿון דעם **אַמסטערדאַמער** פֿעראיין פֿון דער יוגענד — „*Nil volentibus arduum*“, — וועמען ער האָט צוגעשיקט זיין ווערק „עטהיק“ טהיילענווייז, כדי די מיטגלידער זיינע זאָלען קענען איבער דעם דיסקוטירען; וואָרים די גרויסע שטאָדט, וועלכע האָט איהם פֿערטריבען פֿון זיך, האָט ניט געקענט פֿערמאַכען איהרע טויערן פֿאַר זיין געדאַנק. עס האָבען זיך דאָרט אויך געפֿונען די געוועהנליכע קשיות, וואָס בלייענבערגה, דער אָנגעוועהנער סוחר פֿון דער שטאָדט **דאָרט** האָט געהאַלטען אין איין פֿרעגען, דאָס מאָל צוגעשטוקעוועט מיט אַ פֿערצווייפֿעלטער ביטע, אַז דער פֿילאָזאָף זאָל אַוועקוואַרפֿען די **פֿערנונפֿט** און זיך אומקעהרען צום **גלויבען**. און דער בריעף מיט׳ן זיעגעל פֿון דער קעניגליכער געזעל־שאַפֿט איז אויך ניט געווען דאָס, וואָס ער האָט ערוואַרט; אָלדענבורג האָט איהם געבעטען, ער זאָל אין זיין קומענדען בוך ניט זאָגען קיין זאַך, וואָס קען נאָך חלילה לויז מאַכען די באַנדען פֿון טוגענד. „טהייערער היינריך!“ האָט זיך שפּינאָזאַ געטראַכט. „ווי מאָדנע די מענשען זיינען! די גאַנצע צייט, זינט מיר האָבען זיך צום ערשטען מאָל געטראָפֿען אין רינבורג, האָט ער מיך געטריבען און מיר געהאַלטען אין איין צוגעבען השק, איך זאָל אַרויסגעבען מיינע טיעפֿסטע געדאַנקען פֿאַר דער וועלט. ס׳האָט שטענדיג געהייסען: „וואַרף אַוועק די מורא אייפֿצוהויבען אַנטקעגען דיר די קאַרליקעס פֿון דער צייט — דער אמת איז פֿאַר אַלעס — לאָמיר אויפֿציהען אונזערע זעגלען אַנטקעגען דעם ווינד פֿון אמת׳ן וויסען.“ און אַצונד האָט זיך דער טאָן געביטען, איצט הייסט עס: „אָה, למען השם, זיי פֿאָרזיכטיג ניט צו געבען חלילה די זינדער אַ געלעגענהייט אָן וואָס זיך אָנצוכאַפּען!“ נו, נו, איך דאַרף אַלזאָ ניט זאָגען די מענשען, אַז דאָס העכסטע גוטעץ איז דאָס, וואָס מען נעהמט פֿון זיך אַליין אויף זיך; אַז עס איז ניטאָ קיין

טוגענד זאָגאַר אין די טוגענדען, וועלכע דריקען ניט אויס דעם עסענץ, דעם תמצית פון דעם מענשען'ס לעבען. אָה, און איך מוז זיך דער עיקר היטען זיי ניט צו זאָגען, אַז זייער ווילען איז ניט פריי, און אַז זיי דיינקען אַזוי נור ווייל זיי ווייסען וואָס זיי ווילען, אָבער ניט פאַרוואָס זיי ווילען עס. איך האָב מורא, אַז אָלדענבורג אפילו פערשטעהט ניט, אַז טוגענד קומט נויטווענדיגערווייזע פון געוויען וויסען, אַקוראַט ווי פון דער ערקלעהרונג פון אַ דריי־עק מוז אַרויסקומען, אז זיינע ווינקלען זיינען גלייך צו צוויי גלייכע ווינקלען. אויף אַזאַ'ן אופן דאַרף איך, הייסט עס, לאָזען די מענשען ווייטער דיינקען, אַז דער פלאַנעטען־סיסטעם דרעהט זיך אַרום זיי און אַז די דונערן און די בליצען נעהמען זיך דערפון וואָס זיי זינדיגען. אָט אַפנים אָלדענבורג האָט זיך געמוזט דערשרעקען פאַר די אונזינניגקייטען פון דער אויפגעריכטעטער מלוכה. אָבער מיינע לעהרען וועלען דאָך זיכער ניט איבערפיהרען די גאַלאַנטע העררען פון'ם הויף. די, וואָס זיינען צופריעדען מיט דער ענטפלעקונג דורך די טראַדיציע, מוזען זיך האַלטען דערביי, אָבער די ענטפלעקונג דורך פערנונפט איז דער לעבעדיגער טעסטאַמענט פון גאָט'ס וואָרט און קען ניט איבערגעפיהרט ווערן דורך מענשליכע רשעות, ווי דאָס טויטע וואָרט. מערקווירדיג, אַז מען האַלט ניט פאַר קיין פערברעכען צו ריידען אין אַן אונווירדיגען טאָן מכח דעם מענשליכען מוח, דאָס אמת'ע געטליכע ליכט, פאַר קיין זינד צו גלויבען, אז גאָט וואָלט אָנגעטרויט דעם אוצר פון זיין אייגענער עקזיסטענץ צו וואָס פאַר עס איז סובסטאַנץ, וואָס איז ווייניגער אויסהאַלטענדיג און דווערהאַפט איידער דאָס מענשליכע האַרץ."

אַ געשעפטס־בריעף האָט איהם אַרויסגעפיהרט אויף אַנדערע געדאַנקען. ס'האָט זיך געהאַנדעלט מכח דאָס פערמעגען פון דעם פערשטאָרבענעם מעדיצינישען סטודענט, סימאָן דע ווריעס, אַן איבערגעגעבנער שילער זיינער. דיזער דע ווריעס, וועלכער האָט געוואוסט, אַז ער מוז שטאַרבען יונגערהייט, האָט געוואָלט מאַכען דעם לעהרער זיינעם פאַר זיין יורש, נאָר שפינאָזאַ האָט איהם צוגערעדט איבערצולאָזען זיין ברודער דאָס גאַנצע פערמעגען, איינווילינענדיג צו נעהמען בלויז אַ קליינע סומע יעהרליך פאַר זיך. דער דאַנקבאַרער יורש האָט אַלזאָ אין דעם בריעף פאָרגעלייגט שפינאָזאַ'ן צו העכערן די סומע פון דריי אויף פינף הונדערט פלאָרין.

„ווי אונפערנינפטיג מענשען זיינען דאָס!" האָט זיך דער פילאָזאָף געטראַכט ביי זיך. „איך בין איינמאָל פאַר אַלע מאָל מרוצה געוואָרען צו

נעהמען דריי הונדערט, און איך וועל זיכער ניט בע[illegible]בטיגט ווערן מיט נאָך אַ „סטויווער".״

דאָ איז זיין בעל הבית'טע אַריינגעקומען מיט'ן לעבעל ברויט. נאָכדעם ווי ער האָט בעצאָהלט דערפאַר און אַריינגעפיהרט די סומע אין זיין הוצאה והכנסה־ביכעל, האָט ער אָבגעשניטען אַ רייפטעל דערפון, צולייגענדיג דערצו אַ פּאָר שטיקלאַך האָלענדער קעז, וואָס ער האָט אַרויסגענומען פון אַ פעקעל אין זיין האַנד־טאַש.

„דו האָסט נאָך איבערגעלאָזט אַביסל ווייִן אין פלאַש,״ האָט זי איהם דערמאָנט.

„זאָל ער אַלט ווערן,״ האָט ער געענטפערט. „מיין ביכעל ווייזט מיר מעהר ווי צוויי האַלבע קוואָרטען לעצטען מאָנאַט, און די רייזע מיינע איז געווען טהייער. כדי זיך ווי עס איז דורכצודרעהען,״ האָט ער צוגעלייגט מיט אַ שפּאַסענדען טאָן, „וועל איך זיך מוזען ראַנגלען ווי די שלאַנג, וואָס סטאַרעט זיך אַריינצוקריגען דעם עק איהרען אין מויל אַריין.״ ער האָט אויפגעשניטען אַ פּאַקעט, אויסגעפינענדיג, אַז אַ פריינד פון אַמסטערדאַם האָט איהם צוגעשיקט אַביסעל איינגעמאַכטס פון רויטע רויזען. „אַצונד בין איך אויך בעוואָפענט געגען פיבער,״ האָט ער מיט אַ מונטערן טאָן געזאָגט. דאַן, אַזוי ווי ער וואָלט זיך מיט אַמאָל דערמאָנט אָן עפּעס, האָט ער זיך אָבגערופען: „כ'בעט דיך, טראָג אַרויף אַביסעל צו אונזער אָרעמען סיניאָרע. איך האָב זיך גאָר פערגעסען נאָכפרעגען אויף איהם!״

„אָה, ער געהט שוין אַרום און קען שוין ווידער געבען זיינע לעקציעס, דיר צו פערדאַנקען. ער האָט געשטעלט אַ ליכטעל פאַר דיר אין זיין קירכע.״

אַ זאַנפטער שמייכעל איז אַריבער דעם פילאָזאָף'ס ליפּ, בעת די טהיר האָט זיך צוגעמאַכט.

אַ בריעף פון הערר לייבניץ האָט אַרויסגערופען אין איהם די פערוואונדערטע פראַגע, וואָס האָט אַזוינס צוגענומען דעם יונגען דייטשען אַדעלמאַן פון פראַנקפורט, און וואָס ער איז אויסען מיט זיין אויפהאַלטען זיך אין פּאַריז. זיי האָבען שוין געהאַט מעהר ווי איין וכוח דאָ אין דער האָזיגער קליינער וואוינונג, נאָר ער איז נאָך ניט זיכער געווען מכח דעם יונגען מאַן'ס זאָנדערבאַרען שטאַנדפונקט. דאָך איז דער אינהאַלט פון'ם בריעף גאָר אויף אַן אומגעריכטען אופן געווען אַן אַנגענעהמער. וואָרים ס'האָט געהאַט אַ שייכות ניט מיט'ן פילאָזאָף, נאָר מיט'ן אַרבייטס־מאַן. זאָגאַר זיינע אינטימע פריינד האָבען ניט געקענט אין גאַנצען סימפּאַטיזירען מיט זיין עקשנות'דיגען אָבמאַך צו פערדיענען זיין לעבען דורך אַ מלאכה—

אַ האַנד־אַרבייט, אין וואָס דער אויסגעשלאָסענער איד האָט נאָכגעפאָלגט די גרויסע חכמי התלמוד; זיי האָבען ניט געקענט בעגרייפען די בעפריי־דיגונג פון דעם בעל מלאכה, אויך האָט זיי ניט געקענט קלאָהר ווערן, אַז אויסשלייפען זיינע קליינע אָפּטישע גלעזער איז פאַר איהם פונקט אַזאַ מהייל פון זיין לעבען ווי יענע פילאָזאָפישע טהעטיגקייט, וועלכע אינטערע־סירט זיי אויסשליסליך. דאָס וואָס הערר לייבניץ האָט אָנגעדייטעט אויף זיין גרויסקייט אַלס אָפּטיקער, האָט איהם פערשאַפט אַזאַ בעפרידיגונג, וואָס זיין בעריהמטהייט אַלס פילאָזאָף האָט קיינמאָל ניט געקענט אַרויסרופען. די איינציגע צרה איז געוועזן דאָס וואָס ער האָט ניט געקענט פערשטעהן וואָס לייבניץ האָט געוואָלט. „אַז שטראַהלען פון געוויסע פונקטען אויסער־האַלב דעם אָפּטישען אַקס זאָלען פעראייניגט ווערן פונקט אויף דעם זעלבען אופן ווי די שטראַהלען וואָס אין דעם אָפּטישען אַקס, אַזוי אַז די עפנונגען פון די גלעזער זאָלען קענען געמאַכט ווערן ווי גרויס מען וויל, ניט פער־קלענערענדיג דערביי די קלאָהרקייט פון דעם בילד!" ער האָט געקנייטשט מיט'ן שטערן און גענומען מאַכען געאָמעטרישע צייכנונגען אויף דעם קאָנווערט, נאָר ניט זיין טהעאָרעטישע מאַטהעמאַטיק און ניט זיין פראַקטישע מלאכה האָבען זיך ניט געקענט איספראַווען מיט אַזאַ מין דונקעלע פראַגע, און ער האָט פערגעסען צו עסען, אַזוי פערטיעפט איז ער געוועזן אין זיינע געדאַנקען. ער האָט זיך איינגעקוקט אין זיין אייגענער אָבהאַנדלונג מכח דעם רעגענבויגען, אָבער אָהן אַ שום נוצען. ענדליך אין פערצווייפלונג האָט ער גענומען דעם לעצטען בריעף און געפונען נאָך אַ גרעסערע איבערראַ־שונג — אַ ידיעה פון פראָפעסאָר פאַבריציוס; מען האָט איהם דאָרט אָנגעבאָטען אַ פלאַץ אַלס פראָפעסאָר אין דער אוניווערזיטעט פון הײדעל־בערג. די פולע פרייהייט אין פילאָזאָפיע האָט מען איהם געוואָלט געבען: די איינציגע בעדינגונג, ער זאָל ניט טשעפען די עטאַבלירטע רעליגיאָן.

זיין איבערראַשונג איז שנעל פערוואַנדעלט געוואָרען אין מיסטרויאונג. איז דאָס אַ פערזוך פון דער קריסטליכער וועלט איהם משחד צו זיין, איהם אָבצוקויפען? ווידערהאָלט די קירכע דיזעלבע טאַקטיק וואָס די שוהל ערשט מיט גאָר ניט פיעל יאָהרען צוריק האָבען איהם די שליחים פון דער אידישער קהילה אָנגעבאָטען אַ פענסיע פון טויזענד פלאָרין, מיט דעם תנאי, ער זאָל ניט טשעפען איהר „עטאַבלירטע רעליגיאָן". פולע פריי־הייט אין פילאָזאָפיע, זעהר שעהן בנאמנות! אָבער ווי קען דאָס געהן האַנד אין האַנד מיט דער אונטערוואַרפונג צו דער הערשענדער רעליגיאָן? אַ בן בית אין קעניגליכען הויף ווי דעקאַרטעס וואָלט אָנגעפאַנגען פון דעם שטאַנדפונקט פון אַבסאָלוטען צווייפעל און געענדיגט מיט אַן עולה

לרגל זיין אויף'ן קבר פֿון דער היליגער „דאַמע פֿון לאָרעטאָ״; אָבער פֿאַר
איהם אַליין, וועלכער האָט געהאַלטען, אַז נסים זיינען אונמעגליך, און אויב
מעגליך, זיינען זיי אונאָנווענדבאַר, — פֿאַר איהם קען ניט מעגליך זיין אַזאַ
קאָמפּראָמיס מיט אַן אמונה, וועמעס סאַמע יסוד שטעהט אויף נסים. אמת,
אַז עס איז פֿאַרהאַן אַ זינן, אין וועלכען קריסטוס וואָלט געקענט בעטראַכט
ווערן אַלס גאָט'ס מויל, נאָר דאָס איז ניט דער זינן, אין וועלכען די וועלט
פֿערשטעהט עס, די, וועלכע קאַריקאַטוריזירט אַלע גרויסע זאַכען, וועלכע
בעטראַכט די פֿרומקייט און די רעליגיאָן אַבסאָלוט אַלעס וואָס האָט
אַ שייכות מיט דער גרויסקייט פֿון דער זעלע, ווי אַ לאַסט, וועלכע מען
וואַרפֿט אַראָב פֿון זיך נאָך'ן טויט, ווי אַ שווערע אַרבייט, וועלכע ווערט
בּיצאָהלט מיט אַן איינשלעפֿערענדער גליקזעליגקייט; די וועלט, וועלכע
האָט געמאַכט די גליקזעליגקייט פֿאַר אַ פּרייז פֿון טוגענד אָנשטאָט דעם
וואָס עס איז אייגענטליך ניט מעהר ווי נאָך אַ וואָרט, נאָך אַ נאָמען פֿאַר
טוגענד. ניין, ניין, זאָגאַר דער אונערוואַרטעטער שוץ פֿון דעם הויכווירדיגען
קאַרל לודוויג קען ניט מאַכען קיין שלום צווישען זיינע געדאַנקען און דער
פֿאָלקס־טהעאָלאָגיע.

ווי מאָדנע זיינען געווען אָט די שטענדיגע פֿערזוכען פֿון פֿריינד און
פֿיינד צוגלייך צו זאָרגען פֿאַר זיין לעבען, און וואָס פֿאַר אַ טעות'דיגע
אַכטונג זיינע שטענדיגע ענטזאַגונגען האָבען איהם געבראַכט, די מענשען
האָבען ניט געקענט אויפֿהויבען זייערע הענד הויך גענוג איהם צו פֿער־
געטערן, דערפֿאַר וואָס ער האָט געפֿאָלגט דאָס געזעץ פֿון זיין נאַטור,
דערפֿאַר וואָס ער האָט פֿאָרגעצויגען אַן איינפֿאַך לעבען, פֿערדיענט אויף
אַן איינפֿאַכען אופֿן, בעת ווען פֿאַר פֿערברעכער, וועלכע פֿאָלגען אויך די
געזעצען פֿון זייער נאַטור, האָבען זיי גיכער געהאַט צאָרן איידער רחמנות.
אויף אַזאַ'ן אופֿן דאַרף מען אויך לויבען די ביהן דערפֿאַר וואָס זי גיט האָניג,
אָדער די רויז דערפֿאַר וואָס זי פֿיהלט אָן די לופֿט מיט איהר דופֿטענדען
ריח. געוויס בעשטעהט זיין כאַראַקטער מעהר פֿון האָניג איידער פֿון גיפֿט,
פֿון רויז איידער פֿון דאָרן; נאָר אַז איהם האָט ניט געפֿעהלט קיין גיפֿט
אָדער דאָרן, דאָס האָבען זיינע אייגענע שוועסטער אויסגעפֿונען, ווען זיי
האָבען געפּרואווט אויסשליסען זייער אויסגעשלאָסענעם ברודער פֿון זיין
ירושה. אין וואָס פֿאַר אַ פֿערלעגענהייט זיינען מרים און רבקה
געבליבען, ווען ער האָט זיי דורך'ן געזעץ געצוואונגען איהם איבערצוגעבען
דאָס געלד און עס זיי דאַן אָבגעבענדיג צוריק אַלס געשאַנק! זיי האָבען
גאָרניט געקענט פֿערשטעהן, אַז צו דערווייזען אַז דער אויסגעשטויסענער
איד האָט נאָך זיין געזעצליך רעכט, איז געווען אַ פֿליכט; דאָס געלד אַליין

אָבער — אַ לאַסט. יאָ, מען מוז זוכען ריכטיגע זיטען ביים פּראָסטען פֿאָלק, און ניט ווילענדיג האָט זיך זיין האַנד אויסגעשטרעקט און מיט ליעבשאַפֿט גענומען דעם אימער וואַקסענדען מאַנוסקריפּט פֿון זיין *magnum opus*. זיין אויג האָט געלאַסטשעט די דאָזיגע איינג־צוזאַמענגע־קייקעלטע זעצע, וועלכע האָבען צוגליעדערט און בעוויזען דעם סוד פֿון דעם אוניווערזום; דער אינדירעקטער רעזולטאַט פֿון זיין אינערליכען זוכען נאָך גליק, נאָך וואָס פֿאַר עס איז ציעל צום ליעבען, וואָס זאָל אויסהאַלטען, זאָל האָבען אַ קיום אין רעכטען מיטען פֿון דעם אייביגען פֿליסען און צושמעלצען, און אין וועמעס ליעבע ער זאָל געפֿינען אַ פֿאָלשטענדיגע און אייביגע פֿרייד. עשירות, כבוד, די תענוגים פֿון דעם קערפּער — אָט די זאַכען זיינען פֿאַר איהם ניט געווען קיין אמת גליק. די ליידענשאַפֿט, מיט וועלכער וואַן דען ענדע'ס טאָכטער האָט איהם גערייצט, איז אויף אַ קלוגען אופֿן בעזיעגט געוואָרען. נאָר אין דער אונענדליכער סובסטאַנץ האָט ער געפֿונען דעם ציעל פֿון זיין זוכען און פֿאָרשען: דאָס נייטיגע אייביגע וועזען, אין וועמען און דורך וועמען אַלעס אַנדערע עקזיס־טירט, צווישען וועמעס אונענדליכע אַטריבוטען עס געפֿינען זיך אויך דער געדאַנק און דער רוים, וואָס בילדען דעם איינציגען אָרעמען אוניווערזום, וועלכען דער מענש קען; וועמען דער מענש קען ליעבען, ניט ווינשענדיג דערביי קיין ליעבע און אויסטויש. זיין בוך האָט ער געפֿיהלט, וועט איבער־בייטען די טהעאָלאָגיע (גאָטעס־לעהרע) אויף אַ טהעאָנאָמיע (גאָטעס־קענטניס), פּונקט אַזוי ווי קאָפּערניקוס און קעפּלער און גאַלי־לעאָ האָבען איבערגעביטען די אַסטראָלאָגיע (שטערנזעהעריי) אויף דער אַסטראָנאָמיע (שטערן קענטניס). די דאָזיגע קייט פֿון געדאַנקען, אויסגע־שמידט רינג ביי רינג, אָהן רוה, אָהן איילעניש, בעת ער איז געזעסען און האָט געשליפֿט זיינע גלעזער, טאָג פֿאַר טאָג און יאָהר פֿאַר יאָהר: די דאָזיגע זעצע, אויסגעפֿיילט און אויסגעשליפֿט אַזוי ווי זיינע טעלעסקאָפּ און מיקראָסקאָפּ־גלעזער, זיינען ניט וויניגער בעשטימט געווען פֿאַר די דערווייטערונג און די קלאָהר־מאַכונג פֿון דעם מענשען'ס בליק.

און דאָך ניט קיין אורשפּרינגליכער בליק. כאָטש ער איז געווען דער ערשטער איד צו שאַפֿען אַן אָריגינעלע פֿילאָזאָפֿיע, איז ער דאָך געבליבען אַ איד, ציעלענדיג ניט צו אַבסטראַקטען וויסען, נאָר צו אַ קאָנקרעטער ממשות'דיגער האַנדלונג: און דער עיקר איז ער געווען אַ איד אין זיין פּראָקלאַמירען די איינקייט. ער האָט געוואָלט לערנען אַ וועלט, וואָס איז צושפּאָלטען און צוטהיילט דורך אַ רעליגיעזען שטרייט, דעם העברען וועג פֿון גייסטיגער גליקזעליגקייט; איהר בריינגען די אידישע ברכה —

שלום. נאָר אַז ער איז געווען טיפּיש—זאָגאַר אין זיין אָבגעזונדערטקייט—פֿון דער ראַסע, וועלכע האָט איהם אויסגעשטויסען, האָט ער גאָר אַליין ניט משיג געווען; זיין פֿילאָזאָפֿיע האָט ביי איהם צוגענומען דאָס געפֿיהל פֿון היסטאָרישער צוגעבונדענקייט און פֿון אַן אונאויפֿהערליכער ראַסען־בעגייסטערונג.

נאָר ווען ער האָט היינט דורכגעבליקט די בלעטער פֿון׳ם דריטען טהייל פֿון זיין בוך איבער דעם „אורשפּרונג און די נאַטור פֿון די ליידענשאַפֿטען", האָט ער זיך עפּעס געפֿיהלט ניט היימליך מיט דער דאָזיגער טרוקענער, בלוטלאָזער וויוויסעקציע פֿון די מענשליכע געפֿיהלען, מיט דער דאָזיגער קייט פֿון אויסגערעכענטע, כמעט מאַטהעמאַטישע זעצע, אויסשטעלענדיג די ליידענשאַפֿטען אַנטקעגען דעם קאַלטען טראָהן פֿון דעם שכל. דאָס בעצויבערנדע בילד פֿון קלאַרטיע וואַן רען ענדע, וואָס איז ארויפֿגעשוואומען צוריק דורך דער בעל הבית׳טעס ווערטער, האָט איצט אַרומגעשוועבט אין מיטען די אַלע פּאַראַגראַפֿען פֿון זיין בוך. איהר פֿאַל־קאָם גריכיש געזיכט האָט אויפֿגעבליצט און איז פֿערשוואונדען, עפּעס אַזוי ווי זי וואָלט קאָקעטירט מיט איהם; איהר שמייכעל האָט געפֿלאַטערט אין דער לופֿטען. ווי געלערנט זי איז געווען, ווי קלוג, ווי וויציג, ווי שעהן! און די רגע, וואָס ער האָט זיך ערלויבט אַזוי צו טראַכטען, האָט זי זיך בעוויזען פֿאַר זיינע אויגען אין פֿילער פּראַכט, זיך גליטשענדיג איבער די פֿערפֿרוירענע קאַנאַלען, אָדער אַרונטערשמייכלענדיג צו איהם פֿון דעם אַלט־מאָדישען באַלקאָן. וואָס פֿאַר אַ יום טוב דאָס איז געווען ביי איהר פֿאָטער אין הויז, ווען די קלאַסישע וועלט האָט זיך צום ערשטען מאָל געעפֿענט פֿאַר דעם בליק פֿון דעם איבערלאָדענעם גמרא־לערנער, און ווען דער בריליאַנטענער ציניזם פֿון דעם אַלטען דאָקטאָר און די ברייטערע אויסזיכט פֿון זיינע קריסטליכע תלמידים האָבען אָנגעהויבען פֿערפֿאָלקאָמען זיין בעפֿרייאונג פֿון זיין געבירטיגען קרייז. נאָך די מוטע מחלוקות פֿון הלל און שמאי אין אַלט ירושלים, ווי דערקוויקענדיג זיינען געווען די דאָזיגע לעבעדיגע דיסקוסיאָנען מכח דעם, צי האָט האָלאַנד געדאַרפֿט זיך אָננעהמען פֿאַר דעם ענגלישען קעניג טשאַרלס סטיואַרט און איהם בעשיצען פֿאַר דעם קעניג־מערדער קראָמוועל, אָדער צי רעמבראַנדט וואַן ריען׳ס בילדער זיינען אַזוי גוט געמאָלען ווי וואַן ראַוואָססטיין׳ס. אין דעם אידישען קוואַרטאַל, כאָטש רעמבראַנדט האָט דאָרט געלעבט, האָט מען זיך בלויז אינטערעסירט מיט די גולדענס, וואָס שמוציגע אַלטע לייט האָבען פֿערדיענט, זיצענדיג פֿאַר איהם אַלס מאָדעלען פֿאַר זיינע בילדער. און מיט וואָס פֿאַר אַ בעגייסטערונג ער האָט זיך דאָס גענומען צו דער

נייעסטער וויסענשאַפט, וואָס פאַר אַ פערגעטערונג פון דעם פראַנצויזישען פילאָזאָף דעקאַרטעס און די פילאָזאָפען פאַר איהם! און דאַן דער געשמאַקער, דופטענדער געשפּרעך וועגען די נייע קאָלאָניען אין אינדיען! גוטער גאָט! צי איז דאָס געווען אַזוי קלוג פון איהם צו דערשטיקען אין זיך דעם פונק פון יוגענד, זיך אַוועקגליטשען אַזוי שטילענקערהייט ביז פערציג יאָהר? ער האָט איהר ערלויבט אין גאַנצען אַרויסצופאַלען פון זיין לעבען — דאָס דאָזיגע קינד, וואָס איז אַזוי פריה געוואָרען אַ רייצענדע פרוי; זי איז, דוכט זיך, געווען טויט פאַר איהם, דאָך האָט אָט די פלעצליכע אידעע וועגען איהר נאָהענטקייט זי אַזוי לעבעדיג געמאַכט אין זיינע אויגען, אַז דער פילאָזאָף האָט זיך געוואונדערט אויף דעם נס, אָדער אויף זיין אייגענער קראַפט פון זעלבסט-בעטרוג.

און ווער איז דאָס דער יונגער מאַן, וואָס איז געווען מיט איהר?

וואָס זשע, האָט ער אויף ריכטיג צוגליעדערט די ליעבע? ער האָט זיך אומגעקעהרט צו פאַראַגראַף 33. „אויב מיר ליעבען אַ וועזען, וואָס איז ווי מיר אַליין, סטאַרען מיר זיך אַזוי וויט ווי מעגליך צו מאַכען, אַז עס זאָל אונז ליעב האָבען אין אויסטויש.“ זיין אויג איז אַריבערגעלאָפען דעם גאַנצען פּראָבע-בויגען מיט זיין איינדרוקספולען שלום. „אָדער אין אַנדערע ווערטער, מיר פערזוכען צו מאַכען עס זאָל אונז ליעב האָבען אין אויסטויש.“ אייזען-שטאַרקע לאָגיק, אָבער איז דאָס אמת? צי האָט ער גאָר פערזוכט צו מאַכען, אַז קלאַרטיע זאָל איהם אויך ליעבען ווי ער זי? סיידען מען זאָל רעכענען די האַלב-בעוואוסטע געשפּרעכען, וואָס זיי האָבען געפיהרט, און די אינטעלעקטועלע בעראַטהונגען, וועלכע זיינען אָנגעגאַנגען צווישען זיי, ווען זי איז אויפגעוואַקסען געוואָרען! אָבער צי האָט זיך דאָס איהם דען איינגעגעבען? ניין, אונמעגליך, און זיין מוטה איז געפאַלען און ווידער געשטיגען צו בעווייזען ווי ריכטיג דאָס פאַלען שטימט מיט זיין וויטער-דיגען זאַץ. „וואָס גרעסער מיר שטעלען זיך פאָר די ליעבע, וועלכע אַ געליעבטע פערזאָן פיהלט פאַר אונז, אַלץ גרעסער וועט זיין אונזער זעלבסט-בעגייסטערונג.“ ניין, זי האָט איהם קיינמאָל ניט געגעבען קיין אורזאַכע צו זיין זעלבסט-בעגייסטערט, כאָטש צייטענווייז האָט עס אויסגעזעהן, אַזוי ווי זי וואָלט פאַרגעצויגען צו ריידען מיט איהם זאָגאָר מעהר ווי מיט די אַריסטאָקראַטישע, פוסטע יונגע לייט, וועמען די עלטערן האָבען געשיקט לערנען ביי איהר פאָטער.

אין יעדען פאַל איז דאָס אפשר געווען בעסער וואָס ער האָט איהר ניט געגעבען קיין געלעגענהייט זיך צו ערקלעהרען פאַר איהם אין ליעבע. היראַטה האָט ביי איהם אין די אויגען קיינמאָל ניט אויסגעזעהן ווי אַ

מעגליכקייט פאַר איהם — דעם דיינקער'ס לעבען מוז נויטווענדיגערווייזע זיין פריי פון די פלאַנטערס און די פאַראורטהיילען, וועלכע קומען אַרויס פון דעם פאַמיליען־גליק: די אינטעלעקטועלע ליעבע פון גאָט האָט אויסגע־פילט און דורך און דורך פערנומען דעם פלאַץ פון דיזע ערדישע לייד׳ענ־שאַפטען.

אָבער אַ פּלעצליכע איבערצייגונג, אַז קיין זאַך קען ניט פערנעהמען זייער אָרט, אַז זיי זיינען דער עסענץ, דער תמצית פון פערזעגליכקייט, האָט איהם אַצונד אַרומגעוויקעלט אַזוי ווי מיט אַ פלאַם. אַ מין פיינע־רופט פון געפיהל אַזוי ווי דער ריח פון די אָראַנזשען־ווּעלדלאַך פון דער שטאָדט בורגאָס, וואו זיינע אור־עלטערן האָבען אַרומגעוואַנדערט, האָט דורכגענומען דעם זוהן פון די נעבלען און די זומפען. פיליכט איז דאָס בלויז געוועזען די איינגעמאַכטס פון די רויטע רויזען. על כל פנים האָט דאָס קיין שום נוצען ניט געהאַט פאַר דעם דאַזיגען פיבער.

מיט ענטשלאָסענהייט האָט ער זיך גענומען צו זיינע געצייג, נאָר ער האָט ניט געקענט אַרבייטען. ער האָט געפּרואווט זיך אָבגעבען מיט זיין פּלאַן וועגען שאַפען אַ קלאָהרע, דייטליכע אַלגעבראַ, נאָר זיינע קלאָהרע פאָרמולען האָבען איצט ביי איהם אין די אויגען אויסגעזעהן ווי אַ פלעק. ער איז אַראָב אונטען און האָט זיך געשפּיעלט מיט די דערפרעהטע קינדע־ר און זיך צוגעהערט צו דער בעל הבית'טעס רייד, אַריינוואַרפענדיג איהר אַ וואָרט אָדער צוויי, אַן עצה מכח זאַכען, וואָס קומען פאָר טאָג פאַר טאָג. דערנאָך האָט ער איהר געפרעגט, צי די וואַן דען ענדע'ס האָבען איהר עפעס געזאָגט מכח זייערע פּלענער.

„אָה זיי האָבען אָבגעמאַכט צו בלייבען אין שעווענינגען, אַזוי לאַנג ווי מען קען זיך דאָרט באָדען. דאָס צווייטע מאָל זיינען זיי געקומען פון דאָרט."

זיין האַרץ האָט אַ שפּרונג געטהאָן. „שעווענינגען! זיינען זיי דאָך, הייסט עס, דאָ."

„אויב זיי זיינען שוין ניט צוריקגעפאָהרען קיין אַמסטערדאַם."

„אמת," האָט ער געזאָגט, און אַ קעלט איז איהם אַריבער איבער'ן לייב.

„אָבער וואָרום ניט געהן זעהן? העגרי פלעגט געהן צו פוס צעהן מייל פאַר מיר יעדען זונטאָג."

שפּינאָזאַ האָט זיך אָבגעקעהרט אָן אַ זייט. „ניין, זיי זיינען שוין מסתמא צוריקגעפאָהרען. אַחוץ דעם, ווייס איך דאָך ניט זייער אַדרעס."

„אדרעס? אין שעווענינגען! אַ דערפֿעל, וואו אַלעמענס עסקים קענען אַריינגענומען ווערן אין איין נעץ."

שפינאָזאַ האָט זיך געלאָזט צוריק אַרויפֿגעהן אויף די טרעפּ. „ניין, ס'איז צו שפּעט."

צו שפּעט — וואָס פֿאַר אַ טרויעריגע ווירקליכקייט! וואָס האָט אַ פֿערציג־יעהריגער פֿילאָזאָף געהאַט צו טהאָן מיט ליעבע?

אַז ער איז צוריק אַריין צו זיך אין צימער, האָט ער גענומען אַ קוקגלאָז אין די הענד, נאָר באַלד איז ער ווידער געזעסען און האָט געלייענט זיינע אַפּאָ,ייזומען מכח היראַטה. „ס'איז קלאָהר, אַז היראַטה איז אין אַנקלאַנג מיט פֿערנונפֿט, אויב דער בעגעהר קומט ניט בלויז דורך אַן אויסערליכער פֿאָרם, נאָר דורך אַ ליעבע צו ברייננען קינדער אויף דער וועלט און זיי ערציהען ווי געהעריג איז; און אַחוץ דעם, אויב די ליעבע פֿון דעם מאַן און דער פֿרוי האָט אַלס אורזאַכע ניט בלויז די אויסערליכע פֿאָרם, נאָר דער עיקר די געדאַנקען־פֿרייהייט." ס'איז קיין ספק ניט, אַז וואָס איז שייך צו איהם אַליין, האָט דער בעגעהר צו האָבען קינדער, וועלכע זאָלען אויפֿגעבראַכט ווערן ראַציאָנעלער און גליקליכער ווי ער, געשפּיעלט אַ געוויסע ראָלע אין זיינע זעלטענע טרוימען; און עס איז ניט געווען בלויז די נאָבעלע פֿאָרם, נאָר די נאָבעלע זעעלע, וועלכע ער האָט פֿערגעטערט אין קלאַרטיע וואַן דען ענדע, וואָס האָט אַמאָל אויסגעפֿילט זיין האַרץ און האָט איהם איצט ווידער געצויגען צו זיך. און ווירקליך, ווי הייליג איז געווען די דאָזיגע פֿרויען־ליעבע, וועלכע ער האָט זיך ערלויבט צו פֿיהלען פֿאַר אַ מאָמענט, ווי לייכט האָט זי געקענט אַריבערגעהן אין יענער גרעסערער פֿרייד — אין יענער העכערער פֿאָלקאָמענהייט — די ליעבע צו גאָט!

פֿאַרוואָס זאָל ער ניט חתונה האָבען? קיין מיטלען זיינען ניט שווער געווען צו קריגען! ער וואָלט דאָך בלויז גערדאַרפֿט אָננעהמען פֿון זיינע רייכע תלמידים דאָס, וואָס זיי האָבען איהם אָנגעבאָטען, און וואָס איז ווירקליך ניט געווען קיין אַנדער זאַך, נאָר שכר לימוד, כאָטש ביז אַהער האָט ער זיך געהאַלטען ביי דעם כלל פֿון די אַמאָליגע רבנים און האָט בעסער געוואָלט לערנען מיט אַנדערע לשם האמת און ניט פֿאַר שכירות. נאָך אַלעמען, האָט דאָך איהם קאַרל לודוויג געגעבען די פֿולע פֿרייהייט צו פֿילאָזאָפֿירען.

נאָר ער האָט פֿערטריבען פֿון זיך די פֿערפֿיהרענדע בילדער און האָט זיך געסטאַרעט צו בעשעפֿטיגען מיט לייבניץ'עס פּראָבלעם. נאָר אומזיסט:

זיין מאַנוסקריפּט איז נאָך אַלץ געלעגען אָפּען; זיין אויג איז געפאַלען אויף דעם זאַץ 35:

„אויב איך שטעל זיך פאָר, אַז אַ װעזען, װעמען איך האָב ליעב, האָט זיך פעראייניגט מיט אַ אַנדער פערזאָן דורך דעם זעלבען אָדער נאָך אַ שטאַרקערן באַנד פון פריינדשאַפט, איידער דער, דורך וועלכען איך אַליין האָב געהאַלטען דאָס דאָזיגע וועזען, וועל איך קריגען אַ שנאה צו דעם געליעבטען וועזען און וועל מקנא זיין יענע אַנדערע פערזאָן."

ווער איז דאָס געוועזען דער יונגער מאַן?

ער האָט אַ קריץ געטהאָן מיט די צייהן: האָט ער זיך אַליין, הייסט עס, נאָך אויך ניט ענטוויקעלט צו דער מדרגה פון אַ פרייען מענשען; ער איז נאָך ניט פריי פון די ליידענשאַפטען, וועמעס מעכאַנישע בעוועגונג ער האָט, דוכט זיך, אַזוי פאָלשטענדיג צוגליעדערט. ער איז נאָך אַלזאָ פונקט אַזוי ווייט פון דער געדאַנקען־פרייהייט ווי דער פויער, וועלכער האָט קיינמאָל ניט פונאַנדערגענומען אין שטיקלאַך די ליידענשאַפטען, וואָס געוועלטיגען איבער איהם. אויב דער דאָזיגער פיבער זאָל איהם ניט אָבלאָזען וועט ער מוזען פּרואווען זיך בלוט לאָזען, אַזוי ווי ביי קדחת. ענטשלאָסען, האָט ער זיך גענומען צוריק צו זיין אַרבייט. אָבער נאָכדעם ווי ער האָט אַ האַלבע שעה צייט געשליפען זיינע גלעזער און זיך געפיהלט בערוהיגט, האָט ער זיך אַליין אַ פרעג געטהאָן: „פאַרוואָס זאָל איך טאַקי ניט געהן קיין שווענינגען?" פאַרוואָס זאָל ער דורכלאָזען די מינדעסטע געלעגענהייט זיך צו זעהן מיט זיינע אַלטע פריינד, וועלכע האָבען זיך בעמיהט איהם צוויי מאָל צו בעזוכען.

יאָ, ער וועט זיך דורכגעהן אין דערפעל און דערווייל וועט ער בעטראַכטען דאָס אָפּטישע פּראָבלעם און אויסזוכען די ריכטיגע ווערטער, ווי אַזוי צוריקצואווייזען דעם פאָרשלאַג מכח דער שטעלע אין דער היידעל־בערגער אוניווערזיטעט. ער האָט זיך גלייך אַרויסגעלאָזט אין וועג אַריין, פערגעסענדיג ווי געפעהרליך ס'איז פאַר איהם צו געהן אויף די גאַסען. ס'איז געווען אַביסעל אַ נעבעלדיגער נאָכמיטאָג און אַ צופעליגער אָנפאַל פון הוסטען האָט איהם דערמאָנט, אַז ער וואָלט געדאַרפט אָנטהאָן עפּעס מעהר ווי דעם קליינעם קאָלנער אויף'ן האַלז און עפּעס אַ דיקערן מלבוש איידער זיין סאַמעטען רעקעל. ער האָט זיך געוואָלט אומקעהרען אַהיים און אַרויפכאַפּען אויף זיך זיין וואָלענעם מאַנטעל, איז ער שוין אָבער געווען אויף יענער זייט פון דעם צפון־מערב'דיגען טויער, און פערדרויבערענדיג זיין ליולקע, האָט ער זיך געשלעפּט ווייטער איבער דעם אַנגענעהמען, ניי־אויסגעשטיינערטען וועג, וועלכער האָט געפיהרט קיין שוועניגגען. ער האָט

זיך ווייניג וואָס אומגעקוקט אויף די שאָטענס פון'ם שעהנעם פאַרבען-שפּיעל צווישען די דונקעלע גרינע אויסזיכטען פון ביידע זייטען. ער האָט קוים בעמערקט די ליעבליכע בויערן-פרויען אין זייערע מאַנטלען מיט העל-רויטען אונטערשלאַג, וועלכע זיינען געזעסען אין די וואָגענס און געפלוידערט. פונקט אין מיטען וועג איז דער פערטראַכטער פוס-געהער אויפגעטרייסעלט געוואָרען, ווען ער האָט מיט אַמאָל דערפיהלט דעם וואַרעמען האַנד-דרוק טאַקי פון דעם זעלבען מאַן, וועמען ער איז געגאַנגען זעהן.

„Salve, O Benedicte" (זיי געגריסט, בענעדיקט!) האָט פרעהלאַך אויסגערופען דער פייער־אויגיגער אַלטער. „איך האָב זיך שוין גאָר מיאש געווען ווען עס איז צו קענען זעהן דיינע שוואַרצע קרייזעלאַך!" וואַן דען ענדע'ס אייגענע האָר האָבען אַרומגעפלאָטערט אונטער זיין ברייטען, שפּיציגען הוט אַזוי ווילד ווי תמיד, כאָטש זיי זיינען געווען אַזוי וויים ווי זיין קאָלנער; אויך זיין בלוט האָט אויסגעזעהן צושלאָגען אַזוי שטאַרק ווי אימער, און אַ געשפּרעך פון אַ פּאָר מינוט איז גענוג געווען פאַר שפּינאָזאַ'ן זיך צו איבערצייגען, אַז דעם אַלטען פּעדאַגאָג'ס זעעלע איז נאָך מעהר אונפערענדערט, איידער זיין קערפּער. דער אייגענער פרעהליכער אַטהעאיזם, דערזעלבער דאָגמאַטישער אונגלויבען, דיזעלבע איבערצייגונג אין דער מענשליכער דומהייט, וועלכע איז אַזוי אונלאָגיש ווי אַמאָל מיט פּלענער וועגען פאָלקאָמענע שטאַאַטען: אָט אַפּנים די צייט האָט ניט איבערגעביטען קיין שום מיינונג, ניט פעראיידעלט קיין שום גראָבקייט. ער געהט איצט, האָט ער געזאָגט, מאַכען אַ לעצטען האָפּוּנגסלאָזען בעזוך זיין בעריהמטען תלמיד; די אַנדערע זיינען פערנומען. די אַנדערע—האָט ער ערקלעהרט—דאָס איז זיין קליינע קלארטיע און זיין נייסטער תלמיד קערקקרינק, אַ רייכער און נאַרישער יונגערמאַן, נאָר אַן עהרליכער און אויך אַ גוטהערציגער. ער האָט איהם אין גאַנצען איבערגעגעבען צו קלאַרטיע'ן אין די הענד, וועלכע איז אַזאַ גוטע וועג-ווייזערין פאַר די מענשען, פונקט ווי ער אַליין — דער עיקר פאַר די נאַראָנים. „אין דיין צייט איז זי געווען צו יונג, בענעדיקט," האָט דער אַלטער געענדיגט מיט אַ שפּאָס.

בענעדיקט האָט זיך ביי זיך געטראַכט, אַז זי איז נאָך אפילו איצט אויך צו יונג, מען זאָל איהר אָנגעטרויען צו לערנען מיט גוטהערציגע יונגע לייט; געזאָגט האָט ער אָבער בלויז: „אָט אַפּנים איך בין אויך געווען אַ נאַר. וואָרים אייגענטליך וואָלטען מיר דאָך נאָך אַלס קליינע קינדער געדאַרפט קענען די גאַנצע לאַטיינישע גראַמאַטיק, און דאָך בין איך שוין געווען אַ פערצעהן-יעהריגער בחור מיט אַ סמיכה אויף רבנות, און האָב פונדעסט־

זועגען ניט געוואוסט, אז אין דער געשיכטע איז פאַרהאַן אזא מין פערזאָן ווי ציצרא."

„און אצונד שרייבסט דו א ציצעראָנישען לאטיין. שאָקעל נאָר ניט מיט'ן קאָפּ — דאָס מאך איך מיר א קאָמפּלימענט, ניט דיר. ס'מאַכט גאָר ניט אויס וואָס צייטענווייז קוקסט דו נאָך איצט אויך מעהר אויף פינקטליכקייט, איידער אויף דער שעהנקייט פון דער שפּראך. שטעל זיך נור פאָר וואָס פאַר א קנויל פון העברעאישע שפּינוועבס איך האָב דאָס אביסעל גערעדט אראָבנעהמען פון דיין מוח, איידער איך האָב דיך פערוואַנדעלט פון ברוך אין בענעדיקט."

„עטליכע פעדים פון'ם געוועב זיינען אָבער געווען זיידענע. איך זעה איצט, וויפיעל בענעדיקט האָט צו פערדאַנקען ברוך'ן. די ראַבינישע גימ־נאַסטיק איז ניט אַזוי שלעכט, באָטש אונמעטאָדיש. מיימאָנידעס נעהמט אראָב פון גאָט דעם שלייער, די קבלה שטרייט, אמת אָהן אָרדנונג, מיט א פילאָזאָפישען סיסטעם."

„ניט תמיד האָסט דו אזוי מילד גערעדט מכח דיין אַמאָליגען לערנען. אָט אַפנים דו האָכט פערגעסען דיינע צרות און די תוכחה, וואָס איז אויס־געגאָסען געוואָרען אויף דיין קאָפּ. איך וואָלט דיך איינגעשלאָסען אויף א וואָך צייט אינאיינעם מיט משה זאַקוט און וואָלט אייך ביידען פערוועהרט זיך צונויפצוקומען מיט זועמען עס איז. דאָס צימער זאָל האָבען פיער קוואַדראַט־איילען, אַזוי אַז ער זאָל זיין געצוואונגען ניט צו פאָלגען דעם חרם און זיין אין דיינע ד' אמות."

„דו האָסט פערגעסען צו נעהמען אין בעטראַכט די מאַטעמאַטיק," האָט זיך שפּינאָזא צולאַכט. „מיר וואָלטען זיך א לאָז געטהאָן אין די געגענגעזעצטע עקען פון דער דיאַגאָנאַלע און אויף אַזאַ'ן אופן וואָלטען מיר געווען אָבגעטהיילט איינער פון אַנדערן אויף פינף איילען מיט צוויי דריטעל."

„אַה, פערדרעה מיר ניט דעם קאָפּ מיט דיינע קוואַדראַט־רעכנונגען. איך בין קיינמאָל ניט געווען קיין בעל חשבון."

„אָבער משה זאַקוט איז, דוכט זיך, גאָרניט געווען אַזוי אונערטרעגליך. איך געדיינק דאָך, אַז ער האָט אויך געלערנט לאַטייניש ביי דיר."

„נו יאָ, און איצט שפּייט ער אויס, אַז ער דערזעהט מיך. ער האָט געפּאַסט פערציג טעג פאַר דעם חטא, וואָס ער האָט געלערענט דעם מייזועל'ס שפּראַך."

„וואָס האָט איהם בעקעהרט?"

„אָט דער טערקישער שאַרלאַטאַן, מיין איך."

„שבתי צבי?"

„יאָ; ער גלויבט נאָך אַלץ אין איהם, כאָטש דער משיח איז שוין געוואָרען אַ מחמד'אַנער. ער האָט אַרויסגעגעבען „פינף ראיות פון דער אמונה", ערקלעהרענדיג, אַז זיין ערלעזער'ס פּלאַן איז צו בעקעהרען די מחמד'אַנער צום יודענטהום. חאַ! חאַ! וואָס פאַר אַ לעקציאָן אין דער ענטשטעהונג פון די רעליגיאָנען! די גבאים, וועלכע האָבען דיך אַריינגע־לייגט אין חרם, זיינען אַלע נעכאַפּט געוואָרען אין דער מעשה — אַ זיסע נקמה פאַר דיר. אָה! אָה! וואָס פאַר שוטים אָט די שטערבליכע זיינען, ווי דער ענגלישער פּאָעט זאָגט. ווי ווילט זיך מיר אַ טרייסעל טהאָן אונזערע קריסטען און אויסשרייען: „טפשים, לצים, לייכטזיניגע, טהוט אַ קוק אָט די אידען אין די אויגען און איהר וועט זעהן אייערע אייגענע דומע וועזענס."

„ניט דאָס איז דער וועג צו העלפען אָדער אויפצוהייבען די מענש־הייט," האָט שפּינאָזאַ מילד געזאָגט. „אויף מענשען דאַרף מען ווירקען דורך דעם, אין וואָס זיי זיינען שטאַרק, נים אין וואָס זיי זיינען שוואַך."

„מיט אַנדערע ווערטער," האָט זיך דער דאָקטאָר צולאַכט, „הייסט עס אַזוי: דער וועג אויפצוהויבען מענשען איז אַפּעלירען צו די טוגענדען, וועלכע זיי האָבען נים."

„אפילו אַזוי," האָט שפּינאָזאַ קאַלטבלוטיג צוגעשטימט. „די טוגענדען, וועלכע זיי קענען בעזיצען. מען דאַרף לערנען די מענשען, זיי זאָלען קוקען אויף נאָבעלע מאָדעלען, נים אויף געמיינע."

„און וואָס וועט דערפון אַרויסקומען? משה זאַקוט האָט געהאַט מיך און דיך פאַר די אויגען," האָט דער אַלטער געלאַכט. „ניין, בענעדיקט, איך האַלט מיט שלמה המלך: „ענה כסיל כאולתו" — ענטפער דעם נאַר לויט זיין נאַרישקייט. דו ביסט צו האַלב־האַרציג — דו לייקענסט אָב גאָט, אַזוי ווי אַ משרת וואָס זאָגט, אַז זיין בעל הבית איז ניטאָ אין דערהיים — דו לאָזסט איבער אַ האָפנונג, אַז עס קען דאָך געמאָלט זיין, אַז ער איז דאָ. שוין צייט כפרות שלאָגען מיט די הייליגע געצען."

שפינאָזאַ האָט פערשטאַנען, אַז עס איז אוננוצליך געבען צו פער־שטעהן דעם אַלטען, ווי ווייניג זייערע אידעען שטימען איינע מיט די אַנדערע. „איך וואָלט ליעבערשט געוואָלט אויפבויען, איידער צושטערען," האָט ער מילד געזאָגט.

דער אַלטער סקעפּטיקער האָט זיך צולאַכט: „אַ וואונדער דו האָסט גאָרנישט פערשריבען צושטייער אויף אויפצובויען דעם דריטען בית המקדש,"

האָט ער אויסגעשריען. „אַזוי רופֿען זיי די נייע שוהל, וועלכע זיי בויען אין אַמסטערדאַם מיט אַזאַ טאַראַראַם."

„ווירקליך? איך האָב גאָרניט געהערט דערפֿון. ווען איך וואָלט געקענט האָפֿען, אַז עס וועט באמת זיין דער דריטער בית המקדש, וואָלט איך אָבגעשריבען דערויף אַלעס, וואָס איך וואָלט נור געהאַט."

„דו ביסט דער איינציגער קריסט, וועלכען איך האָב ווען עס איז געקענט!" האָט זיך אָבגערופֿען וואַן דען ענדע מיט אַ האַלב-שפּאָטישען, האַלב-צערטליכען טאָן. „און דו ביסט אַ איד."

„אַזוי איז געווען קריסטוס."

„אמת, מען פֿערגעסט זיך גאָר אין דעם. אָבער די ראָלען בייטען זיך גאָר אין גאַנצען איבער. דו ביסט מוחל דיינע שונאים, און אין אַמסטערדאַם געהען די אידען אַרום צו די קריסטען לייהען געלד פֿאַר זייער שוהל!"

„וואָס מאַכט עפּעס דאָס יונגע פֿריילין?" האָט שפּינאָזאַ ענדליך אַ פֿרעג געטהאָן.

„קלאַרטיע! זי בליהט ווי אַ בלום. אָט די שאַרפֿע לופֿט האָט געמאַכט אַ רויז פֿון מיין ליליע. איהרע באַקען וואָלטען שוין געקענט איבערצייגען די נאַראָנים, וועלכע האָבען צוגענומען זייער פּראַקטיקע פֿון'ם אַלטען דאָקטאָר האַרווי. מען קען זעהן, ווי איהר בלוט צירקולירט. אגב אורחא, דיין אַלטער פֿריינד, דר. לודוויג מייער, האָט מיך געבעטען, איך זאָל דיך לאָזען גריסען."

„ווי מיינסט דו, זי געדיינקט מיר נאָך?"

„צי זי געדיינקט דיר, בענעדיקט? האָט זי מיך דען היינט ניט געשיקט צו דיר? דיין נאָמען איז שטענדיג אויף די דאָזיגע ראָזאָווע ליפּען איהרע—מיט איהם בענוצט זי זיך צו פֿערשעהמען אַלע ניט-פֿעהיגע שילער. ווי אַזוי דו האָסט ערוואָרבען אַ העלפֿט פֿון די אייראָפּעאישע שפּראַכען אין וויניגער צייט, איידער עס האָט זיי גענומען אויסצולערנען אַ שטיקעל גריכיש." דאָ האָט שפּינאָזאַ זיך ערלויבט אַ הוסט צו טהאָן. ער האָט אָבגעקעהרט דעם קאָפּ אָן אַ זייט און געהאַלטען די האַנד פֿאַר'ן מויל. „מיר רייסען זיך כסדר אַרום מכח דיין „טראַקטאַט" — זי און איך — מחמת זי דערקענט דאָרט דיינע אַלטע אַרגומענטען, פּונקט אַזוי ווי איך דערקען מיינע סטיליסטישע דרעהדלאַך."

„זי לייענט, הייסט עס, מיינע ווערק?"

„אַזוי ווי אַ לוטהעראַנער די ביבעל. איהר האָפֿנונג זיך צו פֿערשטענ-דיגען מיט דיר אין געוויסע שווירעקייטען איז טהיילווייז געווען די אורזאַכע, וואָס מיר האָבען בעשלאָסען זיך צו בעזעצען אין שווענינגען. איך זאָג ניט,

אַז דער וואַלד, וועלכען דער אָרעמער פּאַל פּאָטער האָט געצייכענט, האָט אין דעם פּרט ניט געקענט זיין קיין קאָנקורענט."

אַ קינדערשע פֿרייד האָט אָנגעפֿילט דעם פֿילאָזאָף'ס ברוסט. אונבעוואוסט האָט ער אָנגעהויבען געהן גיכער. ער האָט אויפֿגעמונטערט זיין בעגלייטער צו ריידען וואָס מעהר מכח זיין טאָכטער, ווי אַזוי דער מאַלער וואַן טער בּאָרק האָט געמאַכט פֿון איהר איינע פֿון זיינע מייסטער־ווערק אויף ווייסען אַטלאַס, ווי אַזוי זי אַליין האָט זיך מיט געשמאַק איבערגעגעבען אַלע שעהנע קינסטע. נאָר דער אַלטער איז באַלד אַריבער צו פּאָליטיק, האָט געגאָסען פּעך און שוועבעל אויף פֿראַנקרייך, גערעדט מכח זיין בעזוך, וואָס ער גרייט זיך צו מאַכען אין פּאַריז וועגען אַ דיפּלאָמאַטישע שליחות, און ווערענדיג וואָס ווייטער אַלץ פֿערטרוילּיכער, האָט ער אָנגעדיימעט אויף אַ גרויסען פּראָיעקט, אַן אויפֿשטאַנד אין נאָרמאַנדיען, וואָס זאָל זיך ענדיגען מיט דער גרינדונג פֿון אַ פּלאַטאָנישער רעפּובּליק אויף די חורבות פֿון דער פֿראַנצויזישער מאָנאַרכיע. וואָלט שפּינאָזאַ בעמערקט דעם שאָטען פֿון אַ שרעקליכען טויט, וועלכער האָט געשוועבט איבער דעם מוטהיגען אַלטען מאַן, וואָלט ער פֿאָראויס געוואוסט, אַז דער אָרעמער אַלטער דזשענטעלמאַן וועט הינגעריכטעט ווערען אין פּאַריז טאַקי פֿאַר אָט דער קאָנספּיראַציע, — דאַן וואָלטען די ווערטער, וועלכע האָבען געקלונגען אַזוי שיער אין זיינע אויערן, אָנגענומען אַ טראַגישע ווירדע.

זיי זיינען שוין צוגעקומען נאָהענט צום דערפֿעל; די הייזלאַך האָבען זיך אָנגעהויבען ארויסצייגען אַזוי גרויסאַרטיג דורך'ן וואַלד אין דער מילדער דעמערונג. די וואַן דען ענדע'ס האָבען געוואוינט מיט אַ קאַפּיטאַן פֿון אַ פֿיש־שיפֿעל אין אַ לאַנגען, שמאָלען הילצערן הייזעל מיט שמוציגע ציגעל, בעדעקט מיט מאָך, און מיט קליינע פֿענסטערלאַך. דער אַלטער האָט אויפֿגעמאַכט דעם קליינעם זאַאַל, פֿערפּוצט מיט מויערקעפּלאַך, און איז אַריין אינעווייניג. „קלאַרטיע!" האָט ער אויסגעשריען. אַ בראַזיליאַנער פּאַפּאָגיי האָט אָנגעהויבען קוויטשען, אָבער שפּינאָזאַ האָט בלויז געהערט די ווערטער: „יאָ, פֿאָטער," וועלכע זיינען געקומען אַזוי זיס עפּעס ווי פֿון אַ העכערער וועלט.

„טרעף, וועמען איך האָב דיר געבראַכט!"

„בענעדיקט!" זי איז אַראָבגעפֿלויגען, אַ בילד פֿון ליעבע און גלאַנציגע זייד און ווייסע פּערל. שפּינאָזאַ'ס האַנד האָט געציטערט אין איהרע, וועלכע האָט געלויכטען ווי שנעע פֿון דעם פֿערקאַטשעטען האַלב־אַרבעל; די ווייבע וואַרעמקייט איהרע האָט בעזיעגט די פֿילאָזאָפֿיע. זיי האָבען זיך איבערגעוואָרפֿען מיט עטליכע געוועהנליכע פֿראַזען.

„אָבער וואו איז ערגעץ קערקערינק?" האָט אַ פֿרעג געטהאָן דער דאָקטאָר.

„אין זיין טואַלעט-צימער." זיי האָבען זיך אָנגעקוקט איינס דאָס אַנדערע מיט אַ שמייכעל, און שפּינאָזאַ האָט אַ זיסען ציטער געטהאָן.

„איך וועל אויך געהן מאַכען מיין טואַלעט," האָט איהר פֿאָטער געזאָגט. „אין אַ האַלב שעה אַרום עסען מיר נאַכטמאָהל, בענעדיקט. דו בלייבסט דאָ, מאָרגען פֿאָהרען מיר אָב פֿון דאַנען. ס'איז דאָס לעצטע נאַכטמאָהל." און לאַבענדיג, עפּעס אַזוי ווי ער וואָלט מיט די ווערטער בעגאַנגען אַ לעסטערונג און ניט אָנהויבענדיג טראַכטען אפילו וועגען אַ יענע וועלט, וואו מען רעכענט זיך אָב פֿאַר אַזעלכע זאַכען, איז דער לוסטיגער אַלטער פֿריידיינקער פֿערשוואונדען.

אַזוי ווי קלאַרטיע האָט גערעדט מכח זיין בוך מיט פֿונקעלדיגע אויגען און האָט דיסקוטירט מיט אַ טיעפֿער, מוזיקאַלישער שטימע, האָט אין דעם פֿילאָזאָף אויפֿגעפֿלאַמט עפּעס רויהעס און שטורמדיגעס; עטוואָס האָט צו איהם גערופֿען און איהם געהייסען, ער זאָל זיך צונויפֿגיסען מיט'ן אוניווערזאַלען לעבען מעהר פֿיהלבאַר איידער דורך דעם פֿערשטאַנד. זיינע צווייפֿלען און זיין אונענטשלאָסענהייט זיינען פֿערשוואונדען: ער מוז אַצונד ריידען, אַניט וועט די צייט און די שטימונג זיך שוין קיינמאָל ניט אומקעהרען, ווען ער וואָלט נור געקענט אָבציהען דעם געשפּרעך פֿון די פֿילאָזאָפֿישע ענינים! ענדליך איז זייער שמועס פֿון זיך אַליין אַריבער אויף פערזענליכע זאַכען; איהר פֿאָטער האָט קיין חשק ניט זי מיטצונעהמען מיט זיך קיין פאַריז, ער רעדט וועגען מעגליכע געפֿאַהרען און ער דייטעט אָן, אַז ער איז שוין צייט, זי זאָל ווערן זעלבסטשטענדיג. אין איהר לאַכענדען בליק האָט עפּעס אַזוי ווי געציטערט אַ בעקענטניס, אַ מין מודה זיין זיך. דאָס האָט איהם געגעבען מוטה איהר אָנצוכאַפּען ביי דער האַנד און אויסשטאַמלען אַ בקשה, זי זאָל קומען צו א י ה ם — קיין היידעלבערג! די מונטערקייט איז פּלוצלינג אָבגעשטאָרבען אויף איהר געזיכט: ס'האָט אויסגעזעהן אויסגעצויגען און ווייס.

דאָס האַרץ האָט איהר אָנגעהויבען שטאַרק קלאַפּען, און נאָך אַ קורצער פּויזע האָט זי געזאָגט: „דו ביסט דאָך אָבער אַ איד!"

ער האָט אַ טראָט געטהאָן צוריק און אָבגעלאָזט איהר האַנד. פֿון זיין פֿערטריקענטען האַלז זיינען אַרויס די ווערטער: „אָבער דו ביסט דאָך — קיין קריסטין ניט!"

„איך ווייס—נאָר דאָך—אָה, איך האָב גאָר קיינמאָל ניט געטרוימט וועגען אַזוי וואָס מיט דיר—ס'איז אַלעס געווען אין די געדאַנקען, אין דער נשמה."

„די נשמה און דער גוף זיינען איינס."

„פֿרויען זיינען ניט קיין פֿילאָזאָפֿען. איך — —" זי האָט זיך אָבגעשטעלט. איהרע פֿינגער האָבען זיך נערוועז געשפּיעלט מיט'ן האַלזבאַנד, וועלבער האָט זיך אויפֿגעהויבען און איז אַרונטערגעפֿאַלען אויף איהר ברוסט. ערשט איצט האָט ער אָנגעהויבען בעמערקען די איינצעלנע טהיילען פֿוי[illegible]ר האַלזבאַנד און ער האָט זיך געוואונדערט, פֿון וואַנען ס'האָט זיך צו איהר גענומען אַזאַ פֿערשווענדערישער געשמאַק. דאַן, זיך דערמאָנענדיג אָן איהר פֿערלעגענהייט, האָט ער שטילערהייט געזאָגט: „איז, הייסט עס, ניטאָ קיין שום האָפֿנונג פֿאַר מיר?"

איהר פּנים האָט אויסגעדריקט דעם זעלבען שמערצליכען אויסזעהן.

„קיינמאָל ניט? איהר וואָלט קיינמאָל ניט געקענט...?" ער האָט זיך שטאַרק פֿונאַנדערגעהוסט.

„ווען עס וואָלט ניט געווען קיין אַנדערער," האָט זי אַ מורמעל געטהאָן, און איהר אויג איז געפֿאַלען האַלב פֿערשעהמט אויף'ן האַלז-באַנד.

ביטער, ווי דער טויט, איז איהם געוואָרען אויף'ן האַרצען. ער האָט דערפֿיהלט, עפּעס אַזוי ווי אַ פּלעצליכער איראָנישער ברוך וואָלט פֿאָרגעקומען אין זיין מאַטעמאַטישער פֿילאָזאָפֿיע. ער האָט ערפֿאָרשט דעם סוד פֿון זיין, האָט אַנאַליזירט און פֿעראייניגט אַלע זאַכען פֿון אייביגקייט צו אייביגקייט, דאָך איז דאָ פֿאַרהאַן אַ גאַנץ בעזונדערע קראַפֿט — אַ פֿרוי'ס ווילען — וואָס שטעהט איינגע'עקשנ'ט צווישען איהם און זיין גליק. ס'האָט זיך איהם אויסגעוויזען, אַז ער זעהט די דאָזיגע קראַפֿט הינטער איהר ערנסט געזיכט, ווי עס לאַכט איהם ציניש אויס.

די קלאַמקע פֿון דער טהיר האָט זיך אַ דרעה געטהאָן און עס איז אַריינגעקומען אַ יונגער מאַן. ער איז געווען עלעגאַנט געקליידט — אַ מאַנטעל פֿון ווענעציאַנער זייד האָט אין געשמאַקפֿולע פֿאַלבען אַרומגענומען זיין שעהנעם קערפּער, זיין האַלזטוך פֿון פֿלאַנדערישע שנור, זיינע אַטלעסענע קורצע הויזען, זיינע שיך מיט גאָלדענע ספּראָנטשקעס, זיין קורצער שווערד בעזעצט מיט טהייערע שטיינער. פֿון זיינע אויגען האָט געשפּריצט ענערגיע און קראַפֿט האָט אַרויסגעשטראַהלט פֿון יעדען ריהר זיינעם.

„אַה, דיעדריך!" האָט זי אויסגעשריען, און איהר פּנים האָט אויפֿגעלויכטען מיט אַ טיעפֿער ערלייכטערונג. „אָט איז ענדליך הערר שפּינאָזאַ. דאָס איז הערר קערקקרינק!"

„שפּינאָזאַ!" אַן עהרפֿורכטיגער ציטער האָט זיך געפֿיהלט אין'ם יונגען מאַנ'ס קול, די טיעפֿע אַכטונג פֿונ'ם בעוואוסטזיניג דומען פֿאַר דעם גרויסען

קאָפּ פֿון דער וועלט. ער האָט ניט אַריינגענומען שפּינאָזאַ'ס אויסגעשטרעקטע האַנד אין זיינע, נאָר ער האָט זי צוגעלייגט צו זיינע ליפּען.

דער איינזאַמער דיינקער און דער גליקליכער געליעבטער זיינען אַזוי געשטאַנען אַ רגע, מקנא זייענדיג און בעוואונדערענדיג איינער דעם אַנדערן. ענדליך האָט זיך שפּינאָזאַ מיט אַ פֿריינדליכען טאָן אָבגערופֿען: „און איצט, אַז איך האָב געהאַט דאָס פֿערגניגען צו טרעפֿען דעם הערר קערק־קרינק, מוז איך זיך איילען צוריק אין שטאָדט אַריין, איידער עס ווערט נאַכט."

„אָבער דער פֿאָטער ריכט זיך דאָך, דו זאָלסט עסען נאַכטמאָהל מיט אונז," האָט קלאַרטיע אַ מורמעל געטהאָן.

„די לבנה איז היינט ניטאָ, און די גאַסען־יונגען קענען מיך נאָך אָנ־נעהמען פֿאַר אַ אידען." ער האָט דערביי אַ שמייכעל געטהאָן און צוגעלייגט די ווערטער: „פֿ..רענטפֿער מיך פֿאַר'ן דאָקטאָר."

ס'איז ווירקליך ניט געווען קיין לבנה־נאַכט, נאָר ער איז גאַר ניט געגאַנגען דעם וועג אין שטאָדט אַריין. אינסטינקטיוו האָט ער זיך פֿערקי־רעוועט צום ים.

אַ לייכטער נעבעל איז געלעגען אויף אַלצדינג, אַ צוגאָב צו דער נאַכט; אין דאָרף האָבען נור געבלישטשעט אַ פּאָר פֿייערלאַך. אויף'ן ברייטען זאַמדיגען ברעג האָט ער קוים געקענט זעהן די שאָטענס פֿון די שיפֿען און פֿון די פֿיש־נעצען. ער האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן אַ שיף, איינאָטהמענדיג אין זיך דעם ריח פֿון סמאָלע און די ים־לופֿט, און געקוקט אויף עפּעס אַ דונקעלעס זעגעל־שיף, וואָס האָט אויסגעזעהן אַזוי ווי עס וואָלט זיך בעוועגט און געגאַנגען, ניט קוקענדיג אויף דעם גרויסען רויטען אַנקער, וואָס איז געלעגען ביי זיינע פֿיס.

דער ים איז געלעגען אויסגעשטרעקט, רוהיג, בעוועגונגסלאָז און פֿינ־סטער, אויסער דאָרט, וואו ער פֿלעגט אויסברעכען אין ווייסע שוים לעבען זיינע פֿיס; לעבען האָריזאָנט האָט אויסגעזעהן ווי אַ פּעך־שוואַרצער וואָלקען הויבט זיך אויף פֿון'ם וואַסער און פֿעראייניגט זיך מיט'ן גראָען הימעל, וועלכער האָט ווי אַ געוועלב בעדעקט דעם גרויסען פֿלאַכען רוים. און אַזוי ווי קיין שטערן זיינען ניט געווען, האָט עס עפּעס אויסגעוויזען, אָקוראַט ווי די ערד אַליין וואָלט געוואָרען גרעסער און געהיימניספֿולער און פֿון דער קלאַנגלאָזער נאַכט און ים און הימעל, און פֿון יענע אונגעהייערע, פֿייערליכע שטרעקען פֿון זאַמד און וואַלד, וואו די פֿאָרמען און די פֿאַרבען האָבען זיך פֿערלאָרען אין אַ טיעפֿער איינהייט, איז צו שפּינאָזאַ'ן געקומען אַ פֿריש ערהוילענד געפֿיהל פֿון דער אונענדליכער, צייטלאָזער סובסטאַנץ, צו ליעבען

און צו פֿערגעטערן; אַ בעגייסטערונג, אַ מין התלהבות איז אָנגעפֿאַלען אויף איהם. דער איינזאַמער דיינקער האָט זיך צוזאַמענגעגאָסען מיט דעם איינזאַמען וועזען.

„כאָטש ער שלאָגט מיך,“ האָט זיין האַרץ געשעפּטשעט, „פֿונדעסט־וועגען האָב איך דאָך בטחון אין איהם.“

יאָ, כאָטש ער האָט אַזויפֿיעל געליטען, האָט ער דאָך געוואָלט זיך פֿרעהען אין דער אייביגער בעוועגונג, וועלכע האָט געבראַכט גליק פֿאַר אַנדערע.

אַנדערע! ווי פֿול די וועלט איז מיט עקזיסטענצען, יעדע איינע פֿאָל־קאָמען נאָך איהר אופֿן נאָך, און די געזעצען פֿון גאָט׳ס נאַטור גיבען פֿריי אַרויס יעדען בעגריעף פֿון זיין אונענדליכער פֿערנונפֿט וויפֿיעל מינים, וויפֿיעל אינדיווידואַליטעטען געפֿינען זיך אין׳ם מענשען גופא—פֿון הייליגע ביז פֿערברעכער, פֿון אַלטע פֿילאָזאָפֿען ביז גאַלאַנטע לעבע־יונגען, וואָס אַלע מוזען זיי פֿערשטאַנען אָבער ניט פֿערהאַסט ווערן. און דער מענש איז דאָך בלויז אַ טהייל פֿון׳ם לעבען אויף איין קליינער קוגעל, וועלכע דרעהט זיך — ניט אויף דעם מענשען׳ס אַקס, און בעוועגט זיך — ניט צוליעב זיינע ציעלען. אָט דער ים, וועלכער ליגט אויסגעשטרעקט אָהן אַ בעוועגונג, איז ניט טויט — אַפֿילו נאָך׳ן פּראָסטען שכל נאָך; ער דורכדרינגט מיט אַ ציטערענדער פֿיהלבאַרקייט דאָס לעבען פֿון די פֿיש, וועלכע וואַרפֿען זיך, גליטשען זיך, צאַפּלענדיג מיט אַלע איברים, נאָכיאָגענדיג זיך און ווערענדיג אָבגעיאָגט, עסענדיג און ווערענדיג אויפֿגעגעסען: אין דער לופֿט די בעגייסטערונג פֿון די פֿויגעל, אויף דער ערד די גליקליכע בעוועגונגען פֿון חיות, פֿול מיט קריכענדע און פֿויזענדע ברואים, דער באָדען דורכגעלעכערט פֿון דער פֿוילער לעבענס־לוסט פֿון ווערים; יעדע מינדעסטע בריאה אַ פֿאָלקאָמענער אויסדרוק פֿון דער אידעע פֿון איהר וועזען, אינדיווידואַליזירט דורך איהר שטרעבען צו עקזיסטירען אויף איהר אייגענעם אופֿן, כאָטש נור אין דעם מענשען געפֿינט זיך די פֿעהיגקייט אַריינצוגעהן אין דער גייסטיגער ענטציקונג פֿון יענער ליעבע, מיט וועלכער גאָט האָט זיך אַליין ליעב — צו פֿרעהען זיך מיט דער שטאַרקייט פֿון׳ם לייב, מיט דעם חן פֿון דער גאַזעלע און מיט דער שעהנקייט פֿון דער פֿרוי, וועלכע געהערט צו אַן אַנדערן. געבענשט זאָלען זיין אַלע גליקליכע ליעבהאָבער, געבענשט אַלע וואונדערליכע ברואים, לויבט, לויבט דאָס אייביגע וועזען, וואָס בעוועגט מיט זיין שטימונג דעם אונגעהייערן אייביגען צוג!

אין דער דאָזיגער פֿערגעטערונג, אין אָט דעם ענטציקענדען זעלבסט־בעוואוסטזיין, אַז ער האָט דורכגעקעמפֿט זיין לעצטען קאַמפֿ מיט

פֿערשקלאַפֿענדע ליעבעס-געפֿיהלען, זיינען ביי איהם אין דער נשמה אַרויפֿ־געשוואומען די לעצטע ווערטער פֿון זיין גרויסען ווערק:—

„מיר זעהען אַלזאָ, אין וואָס עס בעשטעהט דער כח פֿון דעם געלע־רענטען מענשען, און אויף וויפֿיעל העכער ער שטעהט פֿון דעם אונוויסענדען, וועלכער ווערט געטריבען בלויז פֿון תאוה. וואָרים דער אונוויסענדער מענש ווערט ניט נור בעוועגט אין אַסך פּרטים פֿון אויסערליכע סבות און געניסט קיינמאָל ניט קיין אמת'ן זעעלען־פֿריעדען, נאָר ער לעבט אויך אונוויסענד אי מכח גאָט, אי מכח דער וועלט, און אַזוי גיך ווי ער הערט אויף צו ליידען, הערט ער אויך אויף צו זיין. דער געלערענטער מענש ווידער ווערט זעלטען בעוועגט אין זיין געדאַנק, נאָר זייענדיג בעוואוסט וועגען זיך אַליין, וועגען גאָט און וועגען דער וועלט, הערט ער קיינמאָל ניט אויף צו זיין, און ער געניסט תמיד דעם אמת'ן פֿריעדען פֿון דער זעעלע. אויב דער וועג, וואָס פֿיהרט אין דער ריכטונג, זעהט אויס צו זיין שווער, קען ער אָבער דאָך געפֿונען ווערן. ער מוז ווירקליך זיין שווער, ווי באַלד מען געפֿינט איהם אַזוי זעלטען אויס: וואָרים ווען די ערלייזונג וואָלט געלעגען פֿאַר דער האַנד און מען וואָלט זי געקענט געפֿינען אָהן פֿיעל אַרבייט, ווי וואָלט דען געקענט מעגליך זיין, אַז כמעט יעדער איינער זאָל זי פֿערנאַכלעסיגען? נאָר אַלע נאָבעלע זאַכען זיינען פּונקט אַזוי שווער ווי זיי זיינען זעלטען."

אַזוי האָבען געלויטעט די ווערטער, וועלכע זיינען בעשטימט געווען צו לעבען און ניט אָבצושטאַרבען.

פּלוצלינג האָט זיך אויף דעם אויבערשטען ברעג פֿון דעם שוואַרצען וואָלקען בעוויזען אַ ליכט־קרייז: דאָס האָט זיך די לבנה דורכגעבראָכען איהר וועג. זי איז אַרוים פֿריהער רויטליך אין דעם נעבעל, דאַן האָט זי זיך ביסלאַכווייז אַרויפֿגעאַרבייט צו איהר פֿולען ליכט, כמעט אַזוי גאָלדיג ווי די זונן.

שפּינאָזאַ האָט זיך אויפֿגעכאַפּט פֿון זיין טרוימעריי: זיין רעקעל איז געווען נאַס פֿון טוי, ער האָט געפֿיהלט דעם נעבעל אין זיין האַלז. ער האָט זיך פֿונאַנדערגעהוסט; דאַן האָט ער געפֿיהלט אַזוי ווי די זאַלץ פֿון דער לופֿט וואָלט איהם אַריין אין מויל; און אייטשפּייענדיג אַ שטיק בלוט, האָט ער געוואוסט, אַז ער וועט ניט בלייבען לאַנג אָבגעטהיילט פֿון דער אייביגער איינהייט.

אָבער עס ניטאָ קיין זאַך, וועגען וואָס אַ פֿרייער מענש דיינקט נאָך ווייניגער ווי וועגען טויט. וועלענדיג אויפֿשרייבען דאָס, וואָס איז פֿאָרגעקו־מען ביי איהם אין מוח, איז שפּינאָזאַ אַוועק פֿון ים און האָט זיך געלאָזט געהן זיין פֿריעדליכען וועג אַהיים.



שבתי צבי

# V.

# דער טערקישער משיח.

# דער טערקישער משיח.

## די ערשטע מגילה.

### I.

אין דעם יאָהר פֿינף טויזענד פֿיער הונדערט און אַכט, לבריאת העולם, זעכצעהן הונדערט און אַכט און פֿערציג יאָהר נאָך קריסטוס'ן, און אין דריי און צוואַנציגסטען יאָהר פֿון זיין אייגענעם לעבען אויף דער ערד, האָט שבתאי צבי, — אַזוי דערצעהלען די מענשען — זיך ערקלעהרט פֿאַר זיינע נאָכפֿאָלגער אין דער שטאָדט סמירנא אַלס דער לאַנג-ערוואַרטעטער משיח, דער ערלייזער פֿון די אידען. זיי האָבען זיך פֿערזאַמעלט אינאיינעם, איינמאָל אין ווינטער, אַרום האַלבע נאַכט, אַ קליינע אסיפה פֿון מענשען מיט לאַנגע מאַנטלען און מיט טורבאַנעם אויף די קעפּ. איבער זיי אַ הימעל פֿערזעעט מיט שטערן אָהן אַ צאָהל, פֿאַר זייערע פֿיס דער דונקעלער, וויטער ים, און די רוישענדע אָריענטאַלישע שטאָדט מיט איהרע געהיימניסטפֿולע דעכער, מיט איהרע מאָשעען און ציפּרעסען, איז זיך געלעגען און געשלאָפֿען אויף די משופּע'דיגע וועגען פֿון איהר שנעע-בעדעקטען באַרג.

מיט אַנגסט און אונגעדולד האָבען זיי געוואַרט אויף דער רגע, ווען זייער נביא וועט אַרויסקומען פֿון זיין היילינגער טבילה אין די אייז-קאַלטע וואַסער פֿון ים, און איצט, אַז ער איז געשטאַנען פֿאַר זיי אין זיין נאַקעטער מאַיעסטעט און דאָס וואַסער האָט אַראָבגעטריפֿט פֿון זיין שוואַרצען באָרד און פֿון זיינע האָר — אַ פֿאָלקאָמענע מענער-געשטאַלט, וואָס איז בלויז געוועזען צוריטשעט דאָ און דאָרט פֿון זיינע אייגענע שמיץ — איצט זיינען זיי געבליבען אָהן אַן אָטהעם פֿון שרעק און וואונדער. אַריינ-

זויגענדיג אין זיך דעם מערקווירדיגען געשמאַקען ריח פון געטליכקייט, וואָס האָט אַרויסגעאָטהעמט פון זיין לייב, און דורכגעדרונגען פון דער קעניגליכער מיענע זיינער, די ליידענשאַפטליכע און דאָך גייסטיגע שעהנ-קייט פון זיין דונקעלן, טרוימערישען געזיכט, האָבען זיי געוואַרט אויף דער גרויסער ערקלעהרונג. עפּעס אַ געמיינשאַפטליכער אינסטינקט האָט זיי געזאָגט, אַז ער וועט ריידען היינט ביינאַכט, ער, דער מייסטער פון דעם סודות'דיגען שטיל-שווייגען.

דער זוהר, דער הייליגער ספר פון חכמת הנסתר, האָט שוין פון לאַנג אָן בעשטימט דאָס דאָזיגע יאָהר אַלס אָנפאַנג פון דער משיח-צייט, און זינט דער שופר האָט אָנגעזאָגט איהר געבורט, האָבען שבתאי צבי'ס אָנהייגער מיט דער גרעסטער אונגעדולד ערוואַרט דעם גרויסען מאָמענט קיין ספק ניט, אַז כדי זיך ענדליך אַרויסצוגעבען פאַר זיי האָט ער זיי דאָס געשיקט רופען אַהער, זיי, די גליקליכע אָנטהייל-נעהמער אין דעם גרעס-טען מאָמענט פון מענשליכער און געטליכער געשיכטע.

וואָס וועט ער זיי זאָגען?

שטריינג, שטיל, אַרומגענומען פון הייליגקייט, איז ער אַ היבשע וויי-לע געשטאַנען און האָט זיך ניט געריהרט פון אָרט. זיינע נאָכפאָלגער האָבען געפיהלט, אַז דאָס פערווירקליכט ער איצט די געהיימע לעהרען מכח משיח'ן, אַז ער פערקערפּערט עס אין זיך די גאָטהייט דורך דעם אור-מענשען, דעם אדם הראשון, ריין, אָהן אַ שום זינד, איינס מיט זיך און מיט דער עלעמענטאַרער נאַטור. ענדליך האָט ער אויפגעהויבען זיינע ליכטיגע אויגען צום הימעל, און מיט אַ קלאָהרען, רוהיגען טאָן האָט ער אַרויסגערעדט איין וואָרט —

יהוה!

ער האָט אַרויסגעזאָגט דעם שרעקליכען, פערבאָטענעם נאָמען פון גאָט. אַ רגע זיינען די מיט טורבאַנען פערשלייערטע געבליבען שטעהן פער-שטיינערט פון פחד, זייער בלוט פערגליווערט פון אַן אונבעשרייבליכען שרעק. דערנאָך, אַז זיי האָבען צוריק דערפיהלט, אַז די שטערן פונקלען איבער זייערע קעפּ, אַז דער ים וויגט זיך אַרום ווי תמיד, אַז די ערד איז פעסט אונטער זייערע פיס, — דאַן האָט זיך אַ גרויסער, הייזעריגער געשריי פון הייליגער פרייד אַרויסגעריסען פון זייערע העלזער, און איז אַרויפגעפלויגען צו די שיינענדע שטערן. „משיח! משיח! דער ערלייזער!“

די מלוכה איז געקומען.

די משיח-צייט האָט זיך אָנגעפאַנגען.

## II.

ווי לאַנג נאָך, אָה גאָט, ווי לאַנג נאָך!

דער דאָזיגער פערצווייפעלטער געשריי פון די יאָהר־הונדערטע וועט זיך שוין מעהר ניט לאָזען הערען.

אין דער צייט וואָס דאָס פאָלק ישראל איז געווען צושפרייט און צו־זייט און די וועלט פול מיט זינד, זיינען די העכערע און די נידעריגערע וועלטען געווען פונאַנדערגעטהיילט איינע פון די אַנדערע, און די פיער אותיות פון דעם שם, פון גאָט'ס נאָמען זיינע געווען אָבגעזונדערט, מען האָט זיי ניט געטאָרט אויסריידען אינאיינעם. וואָרים גאָט אַליין איז געוואָרען אונפאָלקאָם דורך דעם וואָס זיין הייליגער צוועק איז געשטערט געוואָרען.

אָבער מיט אַמאָל האָט דער ערלייזער אויסגערעדט דעם שם, און גאָט און די וועלט זיינען ווידער געוואָרען איינס. אָה, וואָס פאַר אַ גע־היימניסטפולע פערוואַנדלונג! די פרעהליכע געשריען זיינען ביסלעכווייז אָבגעשטאָרבען אין נאָך אַ הייליגערע שטילקייט.

פון אַ נאָהנטער מאָשעע האָט זיך פלוצלינג געלאָזט הערען די פייערליכע שטימע פון דעם „מועדין", פון דעם טערקישען חזן, אַרויסגיסענדיג זיין געבעט אין דער קאַלטער נאַכט־לופט:

„אַללאַה הו אַקבאַר—גאָט איז גרעסער פון אַלצדינג. ניטאָ קיין גאָט אויסער גאָט, און מחמד איז גאָט'ס נביא."

שבתאי האָט אַ ציטער געטהאָן. איז דאָס געווען פון קעלט אָדער האָט איהם דאָס האַרץ עפּעס אונבעשטימטעס פאָראויסגעזאָגט?

## III.

ס'איז געווען די צייט פון משיח'ישע חלומות. און דעם פערגאַנגענעם יאָהרהונדערט האָבען זיך בעוויזען מאָדנע פיגורען פון נביאים און קדושים און העברעאישע טרוימער. פון דער פינסטערניש און פון וויטען מזרח איז געקומען דוד ראובני, פאָהרענדיג קיין איטאַליען דורך די מדבריות פון נוביא, אום צו שאַפען געוועהר צו בעפרייען פאַלעסטינאַ פון די מחמד'אַנער. דאָס איז געווען אַ דונקעלער קליינער מאַן, וועלכער איז געוואָרען אַן איינפאַכער סקעלעט דורך די שטענדיגע תעניתים. אויף זיין ווייסען פערד איז ער געפאָהרען צום וואַטיקאַן זיך זעהן מיט דעם דעמאָלדיגען פאַפּסט קלעמענטיוס, וועלכער האָט איהם אויפגענומען בכבוד גדול. אין פאָרטוגאַל — וואו דוד ראובני האָט אַריינ־

געשיקט פאַר זיך אַ זיידענע פאָהן מיט די עשרות הדברות דערויף און איז אויפגענומען געוואָרען פון דעם קעניג מיט אַן עהרען־פּראָצעסיאָן — האָט אַ מאַראַנען־מיידעל, וועלכע האָט געזעהן אין חלום משה'ן און די מלאכים, געוואָלט פיהרען איהרע ליידענדע ברידער צוריק אין היילינגען לאַנד אַריין, און זי איז פערברענט געוואָרען פון דער אינקוויזיציע. דיאָגאָ פירעס — אַ שעהנער און בריליאַנטער יונגערמאַן און אַ קריסט פון געבורט — האָט צוריק אָנגענומען די אמונה פון זיינע פאָטערס, און אונטער דעם נאָמען שלמה מולכו האָט ער פערבראַכט זיין קורץ לעבען אין פראָפעטישע ענטציקונגען און אין שרעקליכע יסורים פון מאַרטירעריי. ער האָט געוואָלט בעקעהרען דעם פאַפּסט צום יודענטהום, און זאָגענדיג נביאות, אַז עס וועט קומען אַ מבול אויף רוים און אַ מורא'דיגע ערדציטערניש אין ליסאַבאָן — וואָס איז אויך מקוים געוואָרען — האָט איהם דער וואַטיקאַן בעעהרט מיט אַ פרעהליכען טויט אין דער שטאָדט מאַנטוא, וואו מען האָט איהם, לויט דעם קייזערס בעפעהל, אַרויפגעוואָרפען אויף דעם ברענענדען קאָסטיאָר. און אין די דאָזיגע אונרוהיגע און שרעקליכע צייטען פאַר די אידען האָבען זיך מיט אָט די אויסערליכע צרות זייערע פערמישט אַ גאַנצע מאַסע פון אינערליכע טרוימען. דער זוהר, דאָס בוך פון ליכט, וואָס איז פערפאַסט געוואָרען אין דרייצעהנטען יאָהר־הונדערט און איז אין יענער צייט אָבגעדרוקט' געוואָרען צום ערשטען מאָל, האָט וואָס וויטער אַלץ מעהר פונאַנדערגעגאָסען זיינע ליכטיגע שטראַהלען איבער יעדער גהעטאָ.

אין דעם דאָזיגען ספר זיינען אַנטפּלעקט געוואָרען די סודות וועגען משיח'ן: אליהו הנביא, די גאַנצע פמליא של מעלה, מלאכים, גייסטער, דערהויבענע נשמות, און די צעהן „כחות הנפש" האָבען זיך אַלע פעראייניגט צו בעגייסטערען זיינע פערפאַסער, זיי צו לערנען די צוויי־געשלעכטליכע נאַטור פון דעם רבונו של עולם, און ענטדעקען פאַר זיי די אמת'ע בעדייטונג פון דער תורה, וועלכע איז ביז דאַן געלעגען בעהאַלטען אין די פינטעלאַך און פאַסיקלאַך פון דעם חומש, אין די נקודות און די טראָפּ, און זאָגאַר אין די מעגליכע פערוואַנדלונגען פון די אותיות. לוריא, דער גרויסער דייטש־עגיפּטישער מקובל, מיט דעם איטאַליענישען אַלכימיסט וויטאַל, האָבען זיך אַוועקגעלאָזט צו דעם קבר פון ר' שמעון בר יוחאי, דעם מחבר פון'ם „זוהר," ווי מען האָט דאַן געגלויבט. לוריא'ן גופא, וועלכער האָט גיכער ליעב געהאַט די שטילקייט און די איינזאַמקייט פון דעם נילוס־לאַנד איידער דעם גערויש פון'ם בית המדרש, וועלכער איז געגאַנגען אָנגעטהאָן אין ווייסען אום שבת און האָט געטראָגען אַ פיער־פאַכען בגד, נאָך די פיער אותיות פון דעם שם, וואָס מען

טהאָר ניט אויסריידען, און וועלכער האָט געקענט אַרונטערברייננגען נשמות פֿון הימעל דורך דעם וואָס ער פֿלעגט פֿערבייטען און איבערשטעלען די דאָזיגע אותיות פֿון׳ם שם, איהם אַליין האָט מען געהאַלטען פֿאַר דעם משיח בן יוסף, וועלכער דאַרף קומען פֿאַר דעם אמת׳ן משיח בן דוד. ס׳איז געווען די פֿולע צייט. „דער קץ, די גאולה איז ביי דער האַנד,״ האָבען די מקובלים אין איין קול געשריען. די אידען האָבען געליטען אַזוי פֿיעל און אַזוי לאַנג. די שוואַרצע פּעסט האָט שיטער געמאַכט זייערע בעפֿעלקערונגען, די קרייץ־ציהער האָבען זיי געפּלינדערט און געמאָרדעט, פֿון שפּאַניען און פּאָרטוגאַל האָט מען זיי אָהן רחמנות אַרויסגעיאָגט, און די אינקוויזיציע האָט זיי פֿערברענט אין די טויזענדער, איבעראַל האָט מען זיי געבראַנדמאַרקט און ערנידעריגט, — וואָס זשע איז דער חידוש, אַז זיי האָבען געפֿיהלט, אַז דער בעכער פֿון זייערע צרות איז פֿול, אַז די גאולה איז ביי דער האַנד, אַז גאָט וועט זיי אויסלייזען פֿון גלות און וועט אויפֿהויבען זיין פֿאָלק ישראל איבער אַלע גוים! „אני מאמין באמונה שלמה בביאת המשיח ואף על פי שיתמהמה עם כל זה אחכה לו בכל יום שיבא״ (איך גלויב באמונה שלמה, אַז משיח וועט קומען, און כאָטש ער וועט זיך פֿערזאַמען, דאָך וואַרט איך אויף איהם יעדען טאָג ער זאָל קומען).

דאָס איז געווען זייער טאָג־טעגליכער גלויבען.

אין טערקיי האָבען זיך די אידען אַ שטיק צייט געהאַלטען פֿעסט אויף די פֿיס, קאָנקורירענדיג מיט די ווענעציאַנער אין דעם שיף־האַנדעל און מיט די גראַן־ווייזירען אין דער שעהנקייט פֿון זייערע הייזער, גערטנער און זומער־שטיבער. דאַן ווען יוסף איז געווען דער דוכס פֿון נאַקסאָס און שלמה אשכנזי — באָטשאַפֿטער אין ווענעדיג; ווען די שטאָדט טבריא איז געוואָרען אַ נייע־ירושלים, פֿערפֿלאַנצט מיט טוט־בוימער; ווען רייכע דאָקטויירים האָבען געשריבען עלעגאַנטע לאַטיינישע שירים; אין יענע טעג איז די האָפֿנונג אויף משיח׳ן געווען שוואַך און דונקעל. נאָר זי האָט זיך פֿונאַנדערגעפֿלאַקערט מיט אַ געוואַלדיגער קראַפֿט, ווען זייער כח און זייער גדולה איז אָבגעשטאָרבען מיט דעם כח און גדולה פֿון דער טערקישער מלוכה; ווען דער „האַרעם״ און די יאַניסאַרען פֿון איין זייט און די טערקישע רייטער פֿון דער אַנדער זייט האָבען זיך צווישען זיך צוטהיילט מיט דער מאַכט, און די אידען זיינען געווען די ערשטע, וועמען די צווישעטע פּאַשאַס האָבען געדריקט און געשטיקט, אָבטהיילענדיג זיי פֿון די מחמד׳אַנער מיט אַ ספּעציעלען צייכען — דעם שוואַרצען טורבאַן אויף׳ן קאָפּ. ס׳איז געווען אַ רב פֿון דער טערקיי, וועלכער האָט אָנגעשריבען דעם טעקסט פֿון׳ם „שלחן ערוך״ צו פֿעראייניגען דאָס פֿאָלק ישראל

און וואָס גיבער צו ברייננגען די גאולה, און זיין תורה איז אָנגענומען געוואָרען ווייט און ברייט איבער דער גאַנצער וועלט.

און ניט נור האָט דאָס פֿאָלק ישראל אַליין געטרויסט פֿון דער נאָהנ-גאולה, נאָר דער קלאַנג, אַז משיח דאַרף באַלד קומען האָט זיך הויך פֿערשפרייט צווישען די אַנדערע נאַציאָנען. די וועלט האָט צוריקגעקוקט צו דעם געהיימניספֿולען מזרח, דאָס וויגעלע פֿון דעם געטליכען. אין׳ם וויי-טען אינזעל פֿון ענגלאַנד האָבען ניכטערע פּוריטאַנער געוואַרט אויף דעם „יאָהר־טויזענד” און אויף דער „פֿינפֿטער מלוכה פֿון דער ענטפלעקונג” — מחמת די פֿיער רשעות׳דיגע מלוכות פֿון בבל, פרס, יון און רוים זיינען שוין געווען פֿערביי — און אַז מנשה בן ישראל פֿון אַמסטערדאָם האָט געבעטען קראָמוועל׳ן ער זאָל צוריק אַריינלאָזען די אידען קיין ענגלאַנד, איז זיין טענה געווען, אַז זיי וועלען אויף אַזאַ׳ן אופן צוזייט און צושפרייט ווערן צווישען אַלע פֿעלקער, און עס וועלען מקוים ווערן די נבואות פֿון דעם תנ״ך וועגען דער גאולה. ס׳איז קיין שום ספק ניט, די צייטען זיינען געווען רייף פֿאַר דעם געבורט פֿון אַ משיח.

## IV.

ער איז געווען מאָדנע און איינזאַם פֿון קינדוויז אָן, דער דאָזיגער הייליגער זוהן פֿון׳ם סמירנער קאָמיסיאָנער. ער האָט ניט געהאַט קיין חברים, מיט וועמען זיך צו שפּיעלען, קיינע פֿון די געוועהנליכע קינדערשע געוואוינהייטען. ער פֿלעגט אַרומוואַנדערן איבער די משופּע׳דיגע געסלאַך פֿון דער שטאָדט, וועלכע האָבען אויסגעזעהן אַזוי ווי אויסגעהאַקט אין אַ גרויסען פֿעלז, אָדער איבער די לאַנגע באַזאַרען מיט די הילצערנע דעכער, און ס׳האָט אויסגעוויזען, אַז ער קוקט זיך אַזוי ווייניג אום אויף דאָס פֿאַנטאַסטישע קוליערטע בילד, ווי אויף די מיסט אונטער זיינע פֿיס, אָדער אויף די מחנות פֿון אונגעהייער גרויסע גמלים, וואָס ביי דעם קלאַנג פֿון זייערע גלעקלאַך פֿלעגט ער זיך מעכאַניש אָברוקען צו דער וואַנד. און דאָך האָט ער געמוזט זעהן וואָס עס טהוט זיך אַרום איהם, וואָרים אַז ער פֿלעגט אָנטרעפֿען אויף׳ן וועג עפּעס, וואָס האָט געליטען — אַ קינד, אַן אויסגעמאַרעטען הונד, אַ קריפּעל אָדער אַ מצורע — פֿלעגען זיך די אויגען ביי איהם אָנפֿילען מיט טרעהרען. צייטענווייז פֿלעגט ער שטעהן ביים ברעג ים און אַרויסקוקען מיט בייַנקענדע, פֿאָרשענדע בליקען העט ווייט, און אָפֿט־מאָל פֿלעגט ער אָבליגען שטונדען לאַנג אויף דעם פֿעלד, וואָס איז געלעגען איינזאַם הינטער דעם געדיכטען פּאָרט.

אין דער קלײנער, אײנגער תלמוד־תורה, וואו הונדערטער קינדער האָבען אינאײנעם געלערנט חומש איף'ן קול, איז ער אויך געווען אײנזאַם און אַלײן; שפּעטער, בחור־ווײז, אַז ער איז געזעסען אויבען־אָן בײ דעם גרויסען גאון יוסף איסקאַפּאַ אין דער ישיבה, איז ער געבליבען דער זעלבער צוריקגעצויגענער גײסט. גיכער פון זײנע חברים האָט ער משיג געווען די פּלפּולים און די האָר־שפּאַלטערײען, אין וועלכע די רבנים פלעגען זיך אָפט אַרײנלאָזען, נאָר פונקט אַזוי גיך ווי ער האָט געקענט בעגרײפען עפּעס, האָט ער עס אויך געקענט אַוועקמאַכען מיט דער האַנד. שוין אין דער ערשטער צײט, וואָס ער איז געווען אין דער ישיבה, האָט זיך אין זײנע ענטפערס געהערט אַ טאָן פון אונצופריעדענהײט, און באַלד האָט ער אַוועקגעוואָרפען די דאָזיגע טרוקענע פײן־שפּיציגקײטען און האָט זיך אַזוי יונג אַרײנגעלאָזט אין די מיסטיציזמען, אין די פּאָעטישע בעגײס־טערונגען און אין די זעלבסט־מאַרטירערײען פון דער קבלה. די פערוואַנדלונגען פון די נשמות, די מיסטישע בעהעפטונגען, דאָס אַרויס־רופען פון די גײסטער, די בעשאַפונג פון דער וועלט דורך אַטריבוטען, אָדער ווי אַזוי די שכינה האָט זיך קאָנצענטרירט אין זיך אַלײן, כדי צו ענטדעקען דאָס ענדליכע פיעלע פון דעם אונענדליכען אײנעם; דאָס זײנען געווען די ליעבלינגס־זאַכען, אין וואָס דער פופצעהן־יעהריגער בחור האָט זיך געגריבעלט.

„מײן לעבען זאָל בעשטעהן פון לערנען," האָט ער געזאָגט צו זײן פאָטער.

„דײן לעבען! אָבער וואָס וועסט דו טהאָן צו דערהאַלטען דײן לע־בען?" האָט מרדכי צבי געענטפערט. „דײנע עלטערע ברידער אַרבײ־טען בײדע."

„איז אַודאי נײטיג, אַז כאָטש אײנער פון דײן משפחה זאָל זיך אָב־געבען צו גאָט און צו זײן תורה און זאָל דורך דעם ברײנגען אַ ברכה אין דער אַרבײט פון די אַנדערע."

מרדכי צבי האָט געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ. יאָהרען־לאַנג האָט ער גע־לעבט אין עלענד און נויטה. נאָר איצט האָט ער אָנגעהויבען מצליח זײן, אַזוי ווי אַסך פון זײנע ברידער אידען. דער סולטאַן איבראַהים האָט גע־פיהרט אַ בלוטיגע מלחמה מיט די ווענעציאַנער, און שטעלענדיג אין סכנה דעם האַנדעל פון די מזרח־לענדער, האָט ער געטריבען די האָ־לענדישע און ענגלישע סוחרים אַריבערצונעהמען זײערע געשעפטען פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל קײן סמירנאַ. די ענגלישע פירמאַ, פון וועמען מרדכי האָט געקראָגען די אַגענטור, איז געוואָרען רײכער פון טאָג צו טאָג, און

פֿערשטעהט זיך, אַז ער האָט אויך געוואַקסען מיט איהר אינאיינעם. אַזוי איז ער געווען בכח צו האָבען אַ זוהן אַ למדן. ער האָט אַלזאָ ניט גע־מאַכט קיין שום טענות און האָט זאָגאַר ערלויבט צו מאַכען פֿון זיין הויז אַ בית המדרש, אַ פּלאַץ, וואו שבתאי און זיין אויסגעוועהלטע חברים זיינען געזעסען און האָבען געלערענט זוהר און קבלה פֿון אין דער פֿריה ביז ביינאַכט. אָפֿט פֿלעגען זיי איבערלאָזען די לערן־שטוב און אַרויסגעהן אויף דעם הילצערנעם באַלקאָן, וואָס האָט אַרויסגעקוקט אין גאָרטען צו די אָראַנזשען און די פֿלוימען־בוימער. און וואָס רייכער מרדכי איז גע־וואָרען, אַלץ שטאַרקער האָט ער פֿערגעטערט זיין זוהן, וואָרים צו איהם און צו זיין צדקות, ניט צו זיין אייגענער פֿעהיגקייט און עהרליכקייט, האָט ער צוגעשריבען זיין גרויסע הצלחה.

„אויב די עלטערן ווערן געשטראָפֿט פֿאַר די זינד פֿון די קינדער,“ פֿלעגט ער זאָגען, „איז דאָך קיין ספק ניט, אַז די גוטע מעשים פֿון די קינדער ווערן בעצאָהלט צו די עלטערן.“ די גרויסע אַכטונג, וואָס ער האָט געהאַט פֿאַר זיין וואונדערליכען זוהן, האָט זיך באַלד פֿערשפּרייט איבער דער שטאָדט, און שבתאי האָט אָנגעהויבען שטילערהייט פֿערגעטערט ווערן אויך פֿון פֿרעמדע, זייטיגע מענשען.

איינמאָל האָט דער פֿאָטער בעמערקט, ווי דער זוהן האָט עפּעס ווי אונבעוואוסטערהייט דערפֿיהלט די דאָזיגע פֿערגעטערונג. מרדכי צבי איז נאָר וואָס געווען צוריקגעקומען פֿון אַ ווייטער נסיעה אין ענגלאַנד, און ער האָט דערצעהלט וועגען די אָנהייגער פֿון דער „פֿינפֿטער מלוכה“, וועלכע האָבען נביאות געזאָגט, אַז משיח דאַרף קומען און אַז די אידען וועלען אויסגעלייזט ווערן אין דעם יאָהר 1666.

„טאַטע!“ האָט זיך דאָס אינגעל אָבגערופֿען. „דאַרף ניט משיח געבוי־רען ווערען אום תשעה באב?“

„פֿערשטעהט זיך,“ האָט מרדכי געענטפֿערט, און דאָס האַרץ האָט איהם מורא'דיג געקלאַפּט. „ער וועט געבוירען ווערן אין דעם זעלבען מורא'דיגען טאָג, ווען אונזערעביידע בית המקדש'ן זיינען חרוב געוואָרען — אַלס צייכען פֿון טרייסט, ווי עס שטעהט געשריבען: „און איך וועל אומקעהרען צוריק די געפֿאַנגענע פֿון יהודה און די נעפֿאַנגענע פֿון ישראל, און איך וועל זיי צוריק אויפֿריכטען ווי אין די פֿריהערדיגע צייטען“.

דאָס אינגעל איז אַנשוויגען געוואָרען און האָט מעהר גאָרנישט גע־זאָגט. נאָר איין געדאַנק איז דורגעלאָפֿען בייביידען, ביים פֿאָטער און ביים זוהן אין קאָפּ. שבתאי איז געבוירען געוואָרען אום תשעה באב.

נאָך גרעסער איז געווען דער וואונדער, ווען דער יונגער בחור האָט

אָבגעַגט זיין ווייב — די שעהנע חנה. ווי דער שטייגער איז געווען אין יענער צייט, האָט שבתאי געפאָלגט דעם פאָטער און חתונה געהאַט מיט דעם מיידעל, וואָס מען האָט איהם געגעבען. אָבער דער יונגער אַסקעט, וועלכער האָט זיך אָבגעזאָגט פון די תענוגי עולם הזה, האָט זיך ניט צו־געריהרט צו זיין פרוי, און דער בית דין האָט איהר אַרויסגעגעבען אַ גט. תפלות, תעניתים און זעלבסט-ענטזאַגונג זיינען געווען די תענוגים פון שבתאי'ס יוגענד. די רייצענדע אידישע מיידלאַך פון סמירנא, אין זייערע ברייטע הויזען און אויסגעבלויזטע יאַקלאַך, האָבען ניט געהאַט קיין שום ווירקונג אויף איהם, כאָטש זייערע שעהנע פנים'ער זיינען ניט געווען פערשלייערט ווי די טערקישע פרויען, און כאָטש ס'איז זיי ניט פערוועהרט געווען צו לאָזען הערען זייערע זיסע שטימען שבת ביים טיש, ווי ס'איז דער מנהג ביי די פרומע אידען פון מערב-אייראָפּאַ. אומזיסט האָבען די מיידלאַך געטראָגען רויזען אונטער זייערע אויערן און אין די האָר, אַלס צייכען, אַז זיי זיינען גרייט געפיהרט צו ווערען אונטער דער חופה. נאָר מרדכי, וועלכער האָט מורא געהאַט, דער זוהן זיינער זאָל חלילה ניט עובר זיין אויף דעם געבאָט, וואָס זאָגט, אַז בלייבען זיצען אַ בחור הייסט לעבען אין זינד, האָט איהם געפונען אַ צווייטע פרוי, נאָך שעהנער ווי די ערשטע; נאָר דער יונגער מאַן איז אַלץ געבליבען צוריקגעצויגען און קאַלט, און ער איז גאָר אין גיכען אומגעקעהרט געוואָרען צוריק צו זיין בחור'שען צושטאַנד.

„אַצונד ועט די תורה זיין מיין איינציגע כלה," האָט ער געזאָגט.

בלינד צו דעם רייץ פון דער פרוי, איז דער יונגער, שעהנער און רייכער שבתאי זיך געגאַנגען זיין איינזאַמען וועג, און אַ בעגייסטערטע קליינע מחנה פון נאָכפאָלגער נאָך איהם. זעלטען ווען זיי פלעגען שטערען זיין איינזאַמקייט מיט זייער פערגעטערענדער בעגלייטונג. אַז ער פלעגט אַריינגעהן אין ים, אין דער פריה און ביינאַכט, זומער און ווינטער, פלע־גען זיי אַלע בלייבען שטעהן פון וויטען; בייטאָג פלעגט ער מתפלל זיין ביי דעם קוואַל, וואָס די קריסטען האָבען גערופען „סאַנקטאַ וועגעראַנדאַ", ניט וויט פון דעם אידישען בית עלמין, און ביינאַכט פלעגט ער ליגען אויסגעצויגען איבער די קברים פון די צדיקים, אויסגיסענדיג זיין האַרץ אין אַ שטילען געבעט, אין דער צייט וואָס די שאַקאַלען האָבען געבולען אין דער איינזאַמער פינסטערניש און דער ווינד האָט געוואָיעט אין די בערג.

נאָר צייטענווייז פלעגט ער ריידען מיט זיינע נאָכפאָלגער מכח די געטליכע סודות און די מורא'דיגע ענוים און זעלבסט-מאַרטירערייען, וואָס

נור דורך זיי אַליין וועלען די מענשען נייגעבוירען ווערען און די מלוכה וועט קומען; און אָפֿטמאָל פֿלעגט ער זיי זינגען שפּאַנישע ליעדער מיט זיין זיסען, ציטערנדען קול — מאָדנע קבלה-שירים, פֿערפֿאַסט פֿון איהם אַליין אָדער לוריא, און אָנגעפּאַסט צו טרויעריגע נגונים, פֿול מיט סודות׳דיגער ליידענשאַפֿט. און אין די דאָזיגע שירים איז די ליעבשאַפֿט צו דער פֿרוי, וועלכע ער האָט פֿערוואָרפֿען, צוריקגעקומען מיט אַזאַ שטאַרקען אויסדרוק, וואָס האָט דערמאָנט אָן שלמה׳ס שיר השירים, און האָט ביי זיינע אָנהייננגער אין די אויגען אויסגעזעהן אַזוי טיעף ווי יענע אַלטע אַלעגאָריע. ער האָט געזונגען:—

דאָרט דעם קעניג׳ס טאָכטער ליגט
אין קריסטאָל-קלאָהרען וואַסער,
מעליסעלדאַ.
עס לאַסטשעט זי דאָס וואַסער
און דריקט זי צו צו זיין ברוסט,
מעליסעלדאַ.
פֿון איהר באָד איז זי אַרויס
ריין און ווייס ווי שנעע דער לייב,
מעליסעלדאַ.
ווי קרעלען איהרע ליפּען,
מוטערפּערל איהרע צייהן,
מעליסעלדאַ.
און מיט זיסען שטאָלצען ליכט
איז בעגאָסען איהר געזיכט,
מעליסעלדאַ.
די אויגען — פֿיילענבויגען,
דאָס מויל — אַ דופּטענדע רויז,
מעליסעלדאַ.

און טרעהרען פֿון פֿערגעטערונג זיינען געשטאַנען ביי די בעגייסטערטע צוהערער אין די אויגען פֿאַר מעליסעלדאַ׳ן, וועלכע איז ביי זיי געוועזן משיח׳ס געהיימניספֿולע כלה.

## V.

און כאָטש דער שטילער שבתאי האָט קיין וואָרט ניט געזאָגט וועגען משיח׳ן אָדער וועגען זיין שליחות צו די אידען, קיין וואָרט ניט אַ חוץ דאָס איינציגע וואָרט דאָרט ביים ברעג ים, דאָך האָבען די נאָכפֿאָלגער

זיינע, פריהער בסוד, דערנאָך גאַנץ אָפען, פערשפרייט איבער סמירנאַ די נייעם מכח זייער משיח.

זיי זיינען ניט אַלע געווען יונגע מענשען, אָט די ערשטע נאָכפאָלגער פון שבתאי צבי. קיינער האָט ניט אַזוי שטאַרק געגלויבט אין איהם ווי דער אַלטער גרייז־גראָער געלערענטער מאַן משה פינייראָ. נאָר די צאָהל פון די צווייפלער איז פונדעסטוועגען געווען אַ סך גרעסער איידער די צאָהל פון די גלויביגע. שבתאי איז בעטראַכט געוואָרען פאַר אַ משוגע׳נעם. ער פלעגט זיך זעלטען צונויפקומען מיט דער גרויסער מאַסע פון זיינע ברידער, בלויז ביי רעליגיעזע צערעמאָניעס, און ביי די דאָזיגע געלעגענהייטען פלעגט ער גראָד געהן אין די אָרעמסטע הייזער פון דעם אידישען אָרעמען קוואַרטאַל. און אין איינעם פון אָט די וואוינונגען, וואָס איז בעשטאַנען פון איין איינציגען חדר, האָט זיך זיין כח הנסתר, זיין פערבאָרגענע קראַפט, ווידער אַמאָל אַנטפלעקט. ס׳איז אַ ברית־מילה געווען, דאָס ניי־געבוירענע קינד איז געווען אַ בכור; און אַז אַלעס איז שוין פאַרטיג געוואָרען פאַר דער צערעמאָניע און דער מוהל איז געשטאַנען גרייט, האָט איהם שבתאי געבעטען ער זאָל וואַרטען אַ ווײַלע. אַ האַלבע שעה איז אַריבער.

„אויף וואָס וואַרטען מיר?“ האָבען די געסט ענדליך געסמייעט איהם צו פרעגען.

„אליהו הנביא איז נאָך ניטאָ,“ האָט ער געענטפערט.

אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער אַ מאַך געטהאָן מיט דער האַנד, אַז מען קען אָנגעהן מיט דער צערעמאָניע. מיט אַ הייליגער אימה האָבען זיי געקוקט אויף דעם ליידיגען שטוהל, וואו נור שבתאי׳ס בעגייסטערטע אויג האָט געקענט בעמערקען די הימלישע פאָרמע פון דעם אור־אַלטען נביא.

אָבער די אַלטע ישיבה פון די תלמידי חכמים אין סמירנא איז געווען מלא חימה אויף דעם נייעם נביא, דער עיקר ווען זיינע אָנהיינגער האָבען פונאַנדערגעטראָגען איבעראַל זיין ערקלעהרונג דאָרט ביים ברעג ים. מען האָט איהם געשיקט רופען צו די רבנים, וועלכע האָבען געפאָדערט פון איהם דין וחשבון פאַר זיין געוואַגטע טהאַט.

„דו האָסט געסמייעט אויסריידען דעם הייליגען שם!“ האָט געשריען יוסף איסקאַפאַ, זיין אַלטער רבי. „וואָס! זאָלען דיינע אונהייליגע ליפען פעראונרייניגען די הייליגע אותיות, וואָס אפילו אין דער צייט פון ישראל׳ס גרויסקייט האָט בלויז דער כהן גדול געמעגט אַרויסריידען אין קדשי הקדשים אום יום כפור?“

„ס'איז אַ געטליכער סוד, וואָס נור איך אַליין ווייס,” האָט שבתאי געענטפערט.

אָבער די רבנים האָבען געשאָקעלט מיט די קעפּ און אַרויפגעלייגט אַ חרם אויף איהם און זיינע נאָכפאָלגער. אַ מאָדנער ליכטיגער גלאַנץ האָט בעדעקט שבתאי'ס געזיכט. ער איז אַוועק צום קוואל און האָט מתפלל געווען צו גאָט.

„איך דאַנק דיר, אָה פאָטער אין הימעל,” האָט ער געזאָגט, „וואָס דו האָסט מיך אַנטפּלעקט פאַר זיך אַליין. אַצונד ווייס איך, אַז מיינע איי־גענע יסורים און ענוים זיינען ניט געווען אומזיסט.”

נאָר דער חרם אויף די שבתאי צבי'ניקעס האָט ניט איינגעשטילט די אויפרעגונג פון דער סמירנער אידישער קהילה, וועלכע האָט זיך נאָך פערגרעסערט דורך די משיח'ישע טרוימען, וואָס זיינען געקומען אַהין פון מערב־אייראָפּאַ. אין ענגלאַנד איז אויפגעשטאַנען אַ סעקטע פון קריסטען, וועלכע האָבען געגלויבט אין תנ"ך און געאַרבייט, אַז תורת משה זאָל אָנערקענט ווערן אַלס דאָס געזעץ פון דער מלוכה.

פון איין קריסטליכען לאַנד צום אַנדערן איז דער קלאַנג מכח משיח'ן און מכח דער גאולה פון'ם אידישען פאָלק אַריבער אויף די פיבערישע ליפען פון הייסע מאמינים. אַ טהייל פון זיי האָבען געגלויבט, אַז משיח וועט אין יוני 1666 קומען צום סולטאַן, צונעהמען ביי איהם זיין קרוין דורך דעם כח פון מוזיק אַליין, און איהם אַוועקפיהרען אין קייטען ווי אַ געפאַנגענעם. דאַן וועט ער פערשווינדען אויף ניין חדשים צייט, די אידען וועלען דערווייל אויסשטעהן די שרעקליכסטע ענוים קשים; נאָר ער וועט קומען צוריק, רייטענדיג אויף אַ הימלישען לייב מיט אַ צוים, וואָס וועט זיין געמאַכט פון זיבען־קעפּיגע שלאַנגען; און ער וועט צוריקברייינגען די פערלאָרענע צעהן שבטים פון יענער זייט טייך סמבטיון, און וועט אָנערקענט ווערן פאַר שלמה'ן דעם קעניג פון דער גאַנצער וועלט; און דער בית המקדש וועט אַראָב פון הימעל אַ פאַרטיגער, כדי די אידען זאָלען דאָרט קענען מקריב זיין זייערע קרבנות. אָבער די דאָזיגע האָפ־נונגען האָבען ניט געפונען קיין פּלאַץ אין די הערצער פון די אידישע מנהיגים אין סמירנאַ, וואו איינגע'עקשן'טע ספרדים האָבען זיך פערנומען מיט אַרבייט און האַנדעל. וואָס איז שייך צו די שנאָרערס, די בעטלער, וואָס האָבען געלעבט אויף'ן רעכנונג פון אַנדערע, זיי זיינען נאָך געווען מעהר איינגע'עקשן'ט איידער די אַרבייטער. דערפון האָבען זיך גענומען שטענדיגע רייסערייען און מחלוקות, ביז וואַנען די רעגירונג האָט ענדליך רויסגעיאָגט דעם פערהאַסטען שבתאי פון סמירנאַ. אַז ער האָט דערהערט

דעם בעפעהל, האט ער געזאגט: „וואס זשע, אט אפנים דאס פאלק ישראל איז ניט אין גלות?" ער האט זיך אבגעזעגענט מיט זיינע ברי־דער און מיט זיין פאטער, וועלכער איז געווארען אלט און שוואך און האט געליטען פון רעמאטיזם און אנדערע קראנקהייטען.

„דו האסט מיר געבראכט פערמעגען," האט זיך דער אלטער מרדכי אבגערופען מיט א ביטער געוויין; „אבער איצט וואלט איך בעסער גע־וואלט פערלירען מיין פערמעגען איידער דיך. אך, איך שטעה שוין מיט איין פוס אין קבר, און מיין הייליגער זוהן וועט ניט צומאכען די אויגען מיינע, און וועט ניט וויסען ווען צו זאגען קדיש נאך מיין פערשטארבע־נער נשמה."

„ניין, וויין ניט, פאטער מיינער," האט שבתאי געזאגט. „די נשמות געהען אוועק — נאר זיי וועלען צוריק קומען."

## VI.

ער האט געוואנדערט דורך די מזרח־לענדער, איבעראל געווינענדיג אנהיינגער, איבעראל דיסקרעדיטירט. קאנסטאנטינאפאל האט איהם געזעהן, און אטהען, טהעסאלאניקא און קיירא.

פאר דעם אידען גופא איז דאס ארומפאהרען ניט שווער געווען אין יענע טעג. איבעראל האט ער געפונען מענשען פון זיין ראסע. די בלוט־פער־וואנדשאפט איז געווען א גאראנטיע אז ער וועט איבעראל זיין ווילקאמען: לשון קודש איז געווען די שפראך, אויף וואס אלע האבען זיך געקענט צו־נויפריידען. איבערהויפט דעם געלערנטען גאסט האט מען אויפגענומען מיט כבוד. נאכדעם ווי מען האט איהם אונטערהאלטען אויף א גרויסארטיגען אופן, האט מען איהם ביים אברייזען מיטגעגעבען אלערלייא מתנות, איהם אויסגעזוכט א קאראוואנע, מיט וועמען צו פאהרען, בעצאהלט אלע הוצאות און זאגאר געשאפט אויסלייז־געלד, ווען ער איז חלילה אריינגעפאלען אלס געפאנגענער ביי גזלנים אין די הענד.

אין דער טערקישער הויפט־שטאדט האט דער פערטריבענער געהאט א געמישטען קבלת פנים. און דעם גרויסען אידישען קווארטאל פון חאסקוי, מיט זיין געדיכטער בעפעלקערונג פון קליינע סוחרים, האט ער געפונען אסך אנהיינגער און אסך געגנער. קאנסטאנטינאפאל איז געווען א נעסט פון שטעכער און וואוילע יונגען. דער בעריהמטער בעל־דרש'ער אברהם היכיני, איינער פון די ערשטע מאמינים, האט געזעהן ברוח הקודש, אז מען מוז אויפעפענען א קבר אויף'ן אלטען „בית חיים". ער האט איינ־

געלאַדען די צוויפלענדע רבנים זיי זאָלען אַליין גראָבען די ערד. ס'איז געווען זעהר אַ שווערע אַרבייט, אַ צו האַרטע שטיק ערד, דאָך האָבען זיי אַזוי לאַנג געגראָבען, ביז וואַנען זיי זיינען געקומען איבער אַ טאָפּ פון ערד און אינעווייניג איז געלעגען אַ געשריבענער פּאַרמעט מיט אָט די ווערטער: „איך אברהם, בין געווען פערשפּאַרט פערציג יאָהר אין אַ מערה. איך האָב זיך געוואונדערט וואָס די צייט פון נסים איז נאָך ניט געקומען. מיט אַמאָל דערהער איך אַ קול, וואָס רעדט צו מיר: „אַ זוהן וועט גע־בוירען ווערען אין'ם יאָהר פיער טויזענד דריי הונדערט זעקס און אַכציג לבריאת העולם און ער וועט זיך רופען שבתאי. ער וועט אונטערדריקען די גרויסע שלאַנג, וואָרים ער איז דער אמת'עם משיח און ער וועט מלחמה האַלטען אָהן כלי זין."

און ווירקליך, אָהן געוועהר האָט שבתאי מלחמה געהאַלטען, כמעט אָהן ווערטער. אפילו דער אַלטער פאַרמעט האָט ניט איבערציינגט די אָב־לאַכער, נאָר שבתאי האָט זיך פונקט אַזוי ווייניג אומגעקוקט דערויף ווי זיי אַליין. ער האָט זיך צו קיינעם ניט אַרויסגעגעבען. אין אָבענד פלעגט מען בעמערקען זיין הויכע, מאַיעסטעטישע פיגור מיט זיין לאַנגען שוואַר־צען באָרד אויף'ן בית עלמין, וואו ער פלעגט מתפלל זיין ביי די קברים פון די פרומע לייט. מען פלעגט איהם זעהן גאַנץ פריה, שטעהענדיג ווי אַ סטאַטוע אויף זיין הילצערנעם באַלקאָן, וואָס האָט אַרויסגעקוקט צום „גאָל־דענעם האָרן". אין די טעג, וואָס ער האָט ניט געפאַסט, פלעגט ער זיך בענוגנען מיט דער איינפאַכסטער שפּייז, וואָס קען נאָר געבען. יעדען טאָג פלעגט ער זיך אַליין שמייסען. קליינע קינדער האָבען געהאַט אַ צוטריט צו איהם, און ער פלעגט זיי פערוואַרפען מיט צוקערקעס און מיט זיסע, ליעבליכע שמייכלען. אַז ער פלעגט אַרומגעהן לאַנגזאַם און פערטראַכט איבער די מיסטיגע, אָנגעהיצטע גאַסען, זיך אָנשטויסענדיג אָן טרעגער, אייזלען, דערווישען, שרייבער, פרוכט־הענדלער, פערשלייערטע פרויען און בעטלער, האָט זיך זיין געשטאַלט אויף אַ מערקווירדיגען אופן אַרויסגעזעהן צווישען דער מאַסע פון פערשיעדענאַרטיגע פוס־געהער. טערקישע שעהנהייטען האָבען אַרויס־געקוקט פון זייערע פענסטער־לאַך, האַנדעלס־לייט, זיצענדיג מיט די פיס הינטער זיך און רויכערענדיג זייערע נאַרגילעס, האָבען אויפגעהויבען זייערע קעפּ, ווען ער פלעגט פער־בייגעהן דורך די געוועלבטע געסלאַך פון דעם גרויסען באַזאַר. איינמאָל איז ער פערבייגעגאַנגען דעם שקלאַפען־מאַרק, וואו שעהנע טשערקעסינען און גרוזינקעס פלעגען אויפגעקויפט ווערן פאַר די פאַלאַצען פון'ם באָס־פאָרוס, און ער איז געוואָרען אויסער זיך פאַר פערדרוס איבער דעם פער־

דאַרבענעם לעבען פֿון דער הויפּט שטאָדט, מיט איהרע רייך־פֿערפּוצטע פּאַשאַס און שמוציגע קריפּעלס, איהרע הונדערטער מאָשעען און באָרדעלען, איהרע גרוידאַמע ריכטער און נאַרישע טאַנצענדע דערווישען. און איינמאָל, הערענדיג ווי אַ מחמד'אַנער, וועלכער האָט אַנגעטריבען זיין אייזעל, האָט זיך צובייזערט אויף איהם און איהם גערופען „איד!", האָט זיך זיין האַרץ אָנגעצונדען מיט אַ גערעכטען צאָרן. וואָרים באמת גערעדט, האָט דאָך בלויז דאָס פֿאָלק ישראל אויסגעקליבען גערעכטיגקייט פֿאַר זיין ציעל — אַ קליינע נאַציאָן, וועלכע דאַרף ראַטעווען די גאַנצע וועלט און אַראָבברייננגען די מלוכה פֿון גאָט. נאָר, אַך! דאָס פֿאָלק ישראל אַליין איז נאָך אויך פֿול מיט זינד, איינגע'עקשן'ט און אונגלויביג.

„וועה! וועה!" האָט ער געשריען הויך אויף'ן קול צו זיינע ברידער, אַריינקומענדיג אין דעם אידישען קוואַרטאַל. „אייערע זינד וועלען אייך בעצאָהלט ווערען. וואָרים וויסען זאָלט איהר, אַז ווען גאָט האָט בעשאַפֿען די וועלט, האָט ער עס ניט געטהאָן מחמת נויטווענדיגקייט, נאָר אויס ריינער ליעבשאַפֿט, און כדי די מענשען זאָלען איהם אַנערקענען אַלס זייער בורא און אויבער־האַרר. אָבער איהר בעצאָהלט איהם ניט מיט ליעבע פֿאַר ליעבע. וועה! וועה! עס וועט אַראָב אַ פֿייער אויף קאָנסטאַנטינאָפּאָל און וועט פֿערברענען אייערע הייזער און אייער גאַנצע האָב און גוטס."

דאַן האָט ער זיך פֿונאַנדערגעשלוכצעט ווי אַ קליין קינד; אין אַ מערקווירדיגען עקסטאַז האָט זיך די נשמה זיינע עפּעס אַזוי ווי אָבגעטהיילט פֿון זיין גוף און אַרומגעשוועבט מיט ליעבע איבער דעם גאַנצען המון. יענע גאַנצע נאַכט האָבען זיינע נאָכפֿאָלגער געהערט, ווי ער האָט הויך אויף'ן קול און מיט הייסע טרערען געבעטען גאָט און געזאָגט תהילים מיט זיין זיסען, אומעטיגען קול, אַרומגעהענדיג ביי זיך אין צימער אַרויף און אַראָב.

## VII

אין קאָנסטאַנטינאָפּאל האָט איהם אַ שליח פֿון דמשק געבראַכט אַ בריעף פֿול מיט לויב פֿון זיין געטרייסטען נאָכפֿאָלגער, נתן העזתי.

נתן איז געווען אַן ענטהוזיאַסטישער יונגער מאַן, דער זוהן פֿון אַ ירושלים'ער משולח. מיט אַ שטיקעל צייט פֿאַר דעם האָט ער חתונה געהאַט מיט דער שעהנער אָבער איין־אויגיגער טאָכטער פֿון אַ רייכען פּאָרטוגעזישען אידען, וועלכער האָט זיך אַריבערגעצויגען פֿון דמשק אין דער שטאָדט עזה. זייענדיג רייך און זעהר פֿרום, האָט זיך נתן אָבגעגעבען

מיט לייב און זעעל צו פֿערשפּרייטען איבעראַל די ידיעה וועגען משיח'ן
און דעם גלויבען אין זיין קומען. פֿון דאַן אָן איז ער געוואָרען און ביז'ן
טויט געבליבען זיין אַפּאָסטעל, זיין נ ב י א — ניט מעהר ווי דער א ל י ה ו,
וועלכער האָט געזאָלט זיין דער שליח, וואָס לויפֿט פֿאָראויס אָנזאָגען, אַז
ער קומט. ס'האָט איהם אויך ניט געפֿעהלט דער כח צו בעווייזען אַלער־
ליי מופתים, דורך וועלכע ער האָט דעם עולם איבערציינגט אין זיין געט־
ליכע שליחות. ער האָט בלויז געדאַרפֿט איבערלייענען אַ מענשען'ס נאָמען,
האָט ער תיכף אויסגערעכענט זיין גאַנצען לעבען, זיינע פֿעהלערען און זיינע
זינד און האָט איהם אַרויסגעגעבען די ריכטיגע תשובה. רשעים האָבען גע־
ציטערט פֿאַר זיין בליק. אַסך גיכער ווי אין שבתאי'ן האָבען די מענשען
נעגלויבט אין איהם, נאָך מעהר דערפֿאַר ווייל ער האָט זיך בלויז אויסגע־
געבען פֿאר משיח'ס העלפֿער; און אַ שווינדלער, האָבען זיי געזאָגט, וואָלט
זיך אויסגעגעבען פֿאַר משיח'ן אַליין. נתן'ס בריעף איז געווען צוזאַמענגע־
שטעלט אין אַ תלמודיש־העברעאישען סטיל און האָט געלויטעט אַזוי: —

„22־טער חשון פֿון אונזער יאָהר.

„צו דעם קעניג, אונזער קעניג, דעם האַר פֿון אונזערע האַרען, וועל־
כער קלייבט צונויף די צושפּרייטע און צוזייטע פֿון ישראל און לייזט אונז
אויס פֿון גלות; צו דעם מאַן, וואָס איז דערהויבען געוואָרען צו דער
העכסטער מדרגה פֿון דערהויבענקייט, דער משיח אלהי יעקב, דער אמת'ער
משיח ש ב ת א י צ ב י, גרויס זאָל זיין זיין כבוד און דערהויבען זיין מלוכה
מעתה ועד עולם, אמן. נאָכדעם ווי איך קוש דיינע הענד און וויש אָב
דעם שטויב פֿון דיינע פֿיס, ווי עס איז מיין חוב צו דעם מלך המלכים,
געגרויסט איז זיין נאָמען און דערהויבען זיין קעניגרייך, קום איך דאָ מודיע
צו זיין, אַז דאָס וואָרט פֿון דעם קעניג און פֿון זיין תורה האָט בעלויכטען
אונזערע פנים'ער. יענער טאָג איז געווען אַ גרויסער טאָג פֿאַר דעם פֿאָלק
ישראל און אַ טאָג פֿון ליכט פֿאַר אונזערע מנהיגים, וואָרים מיר האָבען
זיך תיכף גענומען אַבהיטען דיינע געבאָטען, ווי עס איז אונזער חוב צו
טהאָן. און כאָטש מיר האָבען געהערט אַסך מאָדנע זאַכען, האָבען מיר
פֿאָרט קיין מוטה ניט פֿערלאָרען, און אונזער האַרץ איז ווי דאָס האַרץ
פֿון אַ לייב; מיר טהאָרען אויך ניט פֿרעגען קיין קשיות און טראַכטען
מכח דיינע מעשים; וואָרים דיינע מעשים זיינען פֿול מיט וואונדער און
למעלה מן השכל. און מיר זיינען פֿעסט אין אונזער אמונה און בטחון
אָהן אַ שום אויסנאַהם, אָבגעבענדיג אונזערע נשמות פֿאַר דיין הייליגען
נאָמען. און אַצונד זיינען מיר געקומען ביז דמשק, און מיר האָבען בדעה
פֿאָרטזעצען אונזער מאַרשרוט קיין סקאַנדעראָן (אַלעקסאַנדריאַ), אַזוי ווי דו

האָסט אונז בעפֿוילען: כדי מיר זאָלען אויף אַזאַ'ן אופן זוכה זיין צו זעהן דעם ליכטיגען פנים פֿון גאָט, ווי דעם ליכטיגען פנים פֿון'ם קעניג פֿון לעבען. און מיר, די קנעכט פֿון דיינע קנעכט, ווערען אָבריינינען דעם שטויב פֿון דיינע פֿיס, בעטענדיג ביי דיין גרויסער דערהויבענער מאַיעסטעט אַראָבצוקוקען אויף אונז פֿון דיין טראָהן און אונז העלפֿען מיט דעם כח פֿון דער רעכטער האַנד דיינער דער שטאַרקער, און פֿערקירצען דעם וועג וואָס ליגט נאָך פֿאַר אונז. און מיר הויבען אויף אונזערע אויגען צו יה־יה, וועלכער וועט אונז העלפֿען און בעשיצען געגען די רשעים, אַז זיי זאָלען אונז ניט טהאָן קיין שלעכטס, און וועלכער וועט אונז געבען אייזערנע פֿיס צו זיין ווערטה צו שטעהן אונטער דעם שאָטען פֿון דיין אייזעל. דאָס זיינען די ווערטער פֿון דיין קנעכט פֿון קנעכט, וואָס ציהט זיך אויס פֿאַר דיר, געטראָטען צו ווערען פֿון דיינע פֿיס. — נתן בנימין."

## VIII

אָבער די גרעסטע צאָהל נאָכפֿאָלגער האָט שבתאי געוואונען אין דער שטאָדט טהעסאַלאָניקאַ, וועלכע איז איצט בעקאַנט אונטער דעם נאָמען סאַלאָניק. וואָרים טהעסאַלאָניקאַ איז געווען די הויפּט פֿעסטונג פֿון דער קבלה; און כאָטש די דריי־עקיג בעפֿעסטיגטע שטאָדט, וועלכע שטעהט בּאַרג־אַראָב צום ים צו, האָט געהערט צו די טערקען, וועלכע האָבען דאָרט אויפֿגעבויט פֿיער פֿעסטונגען און אַוועקגעשטעלט צוועלף קליינע קאַנאָנען געגען די ים־רויבער, דאָך האָבען די אידען דאָרט געהאַט אַ גרויסען איינפֿלוס, און זייערע דרייסיג שוהלען האָבען איבערגעשטיגען די מאָשעען פֿון די טערקען און די קירכען פֿון די גריעכען, פונקט ווי די קראָנען, וועלכע זיי פֿלעגען קריגען פֿאַר די קליידער, וואָס זיי האָבען צוגעשטעלט די יאַניטשאַרען, האָבען ווייט אַריבערגעשטיגען זייער יעהרליכען צינז. זיי זיינען געווען שפּאַניאָלען, פּאָרטוגעזען, איטאַליענער, און אחוץ זיי האָט זיך דאָרט געפֿונען אַ גרויסע מאַסע פֿון לומדים, וואָס זיינען זיך צונויפֿגעפֿאָהרען אַהין פֿון אַלע טהיילען לאַנד; וואָרים דאָ זיינען געווען צוויי גרויסע ישיבות, וואו עס האָבען געלערנט איבער צעהן טויזענד תלמידי חכמים. אין דער דאָזיגער אַטמאָספֿערע פֿון ברענענדער פֿרומקייט האָט שבתאי געפֿונען אַ טרייסט פֿאַר דער גלייכגילטיגקייט און די שנאה, וואָס ער האָט בעגעגענט אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל. מיט נור מענער זיינען אַצונד געווען צווישען זיינע איבערגעבענע אָנהייננער, גאָר אויך פֿרויען און מיידלאַך, מיט זייער גאַנצען אָריענטאַלישען פֿייער,

אויפהויבענדיג זייערע שלייערס, ווען זיי זיינען געזעסען ביי זיינע פיס. יונג־פרויען, וועלכע האבען נאך ניט געוואוכט פון ליעבע, האבען פונ־דעסטוועגען אויפגעהויבען פערגעטערנדע אויגען צו איהם. נאר שבתאי האט עס ניט בעמערקט; ער האט נאך אלץ געקוקט ארויף צום הימעל צו. און איינמאל האט ער געמאכט א גרויסען יום טוב און האט איינגע־לאדען אלע זיינע פריינד צו זיין חתונה אין דער גרויסער שוהל. זיי זיי־נען געקומען טאנצענדיג, מיט מוזיק און מיט אנגעצונדענע ליכט, נאר פול מיט נייגיעריגקייט; יעדער איינער האט געוואלט טרעפען ווער די כלה איז. דורך דער פערמאכטער רעשאטקע פון דער ווייבערשער שוהל האבען אריינגעקוקט א טויזענד נייגיעריגע אויגען, אז עס איז געקומען די מינוט, האט זיך שבתאי, אנגעטהאן אין יום טוב'דיגע מלבושים, געשטעלט אונטער דער חופה. נאר מען האט קיין שום כלה ניט געזעהן ביי זיין זייט. מיט א פייערליכער צערעמאניע איז משה פינייראצוגעגאנגען צום ארון קודש און האט ארויסגענומען פון דארט א ספר תורה, אנגע־טהאן אין א פורפור און גאלד־געשטיקטען מענטעלע און בעהאנגען מיט גילדערנע קייטעלאך און א הערצעל און גלעקלאך, וועלכע האבען געקלונ־גען אזוי זיס. ער האט צוגעטראגען די רייניגקייט אונטער דער חופה, און שבתאי האט אנגעטהאן א גאלדענעם רינג אויף א זילבערנעם יד פון דער ספר תורה און הויך אויף'ן קול געזאגט:

„הרי את מקודשת לי בטבעת זו כדת משה וישראל."

א געפיהל פון מורא'דיגער ערשטוינונג האט דורכגענומען די גאנצע שוהל. דערנאך האבען זיך־געלאזט הערען שווערע מורמלערייען און פרא־טעסטען פון אסך פרומע לייט. נאר די פאעטישערע מקובלים האבען פערשטאנען. זיי האבען ערקלעהרט, אז דאס איז געווען די בעהעפטונג פון דער תורה, די בת השמים, די טאכטער פון הימעל, מיט דעם משיח, דעם בן השמים, דעם הימעל'ס זוהן, וועלכער האט זיך קיינמאל ניט גע־טארט צונויפפארען מיט א מענשען־קינד.

נאר איינער פון די רבנים האט זיך ניט געוואלט בערוהיגען. ער האט אויפגעהויבען א ליארם: ס'טייטש, דאס איז א גאטעס־לעסטערונג!

„ניין, דאס לעסטערסט דו נאר גאט," האט רוהיג געענטפערט דער התן התורה. „זאגען דען ניט די נביאים אייערע, אז די וואהרהייט זאל זיין די בעשעהרטע פאר פון די, וואס ליעבען די וואהרהייט."

אבער די ארטהאדאקסישע פארטיי האט מנצח געווען, און ער איז פעריאגט געווארען פון דער שטאדט.

ער איז אוועק קיין מארעא, צו זיין פאטער'ס קרובים; ער האט

אַרומגעוואַנדערט פון איין אָרט צום אַנדערען, און די יאָהרען זיינען פערפלויגען. אויסגעמוטשעט פון די תעניתים און די תשובות, וואָס ער האָט אויף זיך גענומען, און לעבענדיג אין אינערליכע חלומות מכח אַ גערעכטער, ניי-געבוירענער וועלט, איז ער דערווייל געוואָרען עלטער און עלטער. דאָך האָט זיך דער שיין פון גרעדולדיגער ערוואַרטונג ניט אָבגעטהאָן פון זיין זיסען פערטיעפטען פנים. די צאָהל פון זיינע נאָכפאָלגער האָט געהאַלטען אין איין וואַקסען און זיך בייטען; אַ טהייל זיינען געשטאָרבען, אַנדערע זיינען מיער געוואָרען וואַרטענדיג. נאָר שמואל פרימו פון ירושלים איז געוואָרען זיין איבערגעבענער סעקרעטאַר, און אברהם רוביא איז אויך געווען תמיד ביי זיין זייט. דאָס איז געווען אַ מאָדרנער, אונפערשעהמטער שנאָרער, וואָס האָט כלומר'שט זעהר שטאַרק געגלויבט אין משיח'ן און דערווייל האָט ער מיט אַן אונבעשרייבליכען אַפעטיט פערצעהרט די אַלע גוטע זאַכען, וואָס שבתאי'ס פערעהרער האָבען צוגעשיקט, און וואָס דער איינגע'עקשן'טער אַסקעט האָט ניט געוואָלט אָנריהרען.

„ס'איז כ'לעבען אַ גליק וואָס איך וועל זיין מיט דיר, בשעת דו וועסט צושניידען דעם לויתן,” האָט זיך דער שנאָרער אַמאָל אָבגערופען. „אַניט וואָלטען נאָך די גוי'אישע פרינצעסינען, וועלכע וועלען אונז בעדיענען, אין גאַנצען אויפגעגעסען דיינע חלקים.”

„אין יענע טעג פון דער מלוכה וועט שוין מעהר ניט נייטיג זיין צו פאַסטען און זיך אָבזאָגען פון תענוגים,” האָט שבתאי געענטפערט. „ווי עס שטעהט געשריבען: „און דיינע פאַסט-טעג וועלען ווערן פעסט-טעג”.”

„אויב אַזוי,” האָט רוביא געזאָגט, „וועלען דאַן דיינע פעסט-טעג ווערן מיינע פאַסט-טעג.”

שבתאי האָט אַ שמייכעל געטהאָן. דער שנאָרער איז געווען דער איינציגער מענש, וואָס האָט איהם געקענט מאַכען לאַכענדיג. נאָר ער האָט אויך געשמייכעלט — דאָס איז געווען אַ ביטערער שמייכעל — ווען ער האָט דערהערט, אַז דאָס גרויסע פייער, וועגען וועלכען ער האָט נביאות געזאָגט, האָט פערוויסט קאָנסטאַנטינאָפּאָל און אָנגעמאַכט אַ מורא'דיגען חורבן אין'ם אידישען קוואַרטאַל.

„דאָס פייער וועט לייטערן זייערע נשמות”, האָט ער געזאָגט.

## XI.

נתן הנביא האָט מצליח געווען אין זיין שליחות צו פערשפרייטען די ידיעה מכח שבתאי צבי'ס אַנטפּלעקונג, און זי האָט זיך פונאַנדערגעטראָגען ווי אַ בליץ איבער אַלע לענדער פון'ם גלות.

זי האָט דערגרייכט יענעם גאַסט-פריינדליכען טיש אין דער שטאָדט קיירא, וואו אַ האַלב הונדערט געלערענטע מקובלים האָבען יעדען טאָג געגעסען מיטאָג ביי דעם „סאַראַף באַשי" אין פאַלאַץ. אָט דער אידישער שאַץ-מייסטער איז אַליין געווען אַ זעהר פרומער מאַן, וואָס האָט זיך אָב-געגעבען מיט תשובה און מיט קבלה-זאַכען און פלעגט געהן אָנגעטהאָן אין זאַק-קליידער אונטער די זיידענע מלבושים, מיט וועלכע ער פלעגט אַרויספאָהרען אין זיין גרויסאַרטיגען פרינצליכען עקיפאַזש.

„דער, וואָס קומט אַצונד צו דיר," האָט נתן געשריבען צו ר פ א ל י ו ס ף ט ש ע ל ע ב י, צו דעם פרומען און גוטהאַרציגען שר בישראל, „איז דער ערשטער מאַן אין דער וועלט — מעהר דאַרף איך דיר ניט זאָגען. גיב איהם אַלזאָ אָב כבוד, און דו וועסט האָבען דיין שכר נאָך ביי זיין לעבען, ווען דו וועסט זוכה זיין צו זעהן אַזעלכע נסים ונפלאות, וועלכע לייגען זיך גאָר ניט אויף'ן שכל. וואָס דיינע אויגען זאָלען ניט זעהן, וועט דער כח פון ניט נשתומם. ס'איז אַ געטליכער סוד. אַז די צייט וועט קו-מען, וועל איך אַלצדינג אַוועקוואַרפען כדי איהם צו דיענען. הלואי וואָלט איך געקענט שוין איצט געהן מיט איהם!"

טשעלעבי איז געווען גרייט צו געהן מיט שבתאי'ן; ער איז אַנטגעגען געגאַנגען שבתאי'ס שיף און האָט איהם מיט גרויס כבוד בעגלייט צו זיך אין פאַלאַץ. נאָר שבתאי האָט ניט געוואָלט וואוינען דאָרט.

„ס'איז נאָך ניט די צייט דערצו," האָט ער געזאָגט, און ער האָט זיך אויסגעזוכט אַן אכסניא ביי אַן אָרעמען מוכר ספרים, וועמעס פערקויף-טישעל איז געשטאַנען צווישען די בודקעס פון די חלפנים, אויף'ן וועג צו דער גרויסער שוהל. די נאָכפאָלגער זיינע, וועלכע זיינען מיטגעקומען מיט איהם, האָבען זיך פערשפרייט איבער דעם אידישען קוואַרטאַל און זיינען אַרומגעגאַנגען פראָפעציייהענדיג אין די גאַסען און די געסלאַך, אין רעב-טען מיטען פון דעם פאַנטאַסטישען מיש-מאַש פון קונים און סוחרים און אייזלען, אונטער דעם העל-בלויען עגיפטישען הימעל. נאָר צו מיטאָג זיינען זיי אַלע געזעסען ביי דעם סאַראַף-באַשי'ס טיש.

„דו האָסט געהאַט וועלכע ס'איז געפאַהרען אויף'ן ים?" האָט דער בעל הבית באַלד דעם ערשטען טאָג געפרעגט. „מען זאָגט די ווילדע ים-רויבער זיינען ווידער ביי דער אַרבייט."

שבתאי איז געבליבען שטיל, נאָר זיין סעקרעטאַר שמואל פרימו האָט פאַר איהם געענטפערט.

„געפאַהרען!" האָט ער געזאָגט. „מיין הערר וועט ניט ריידען פון זיי, נאָר דער קאַפּיטאַן וועט דיר דערצעהלען אַ געשיכטע מכח דעם. מיר האָבען

זיך אויף קיין פאַל ניט געריכט אַריבערצופאָהרען דעם אינזעל רהאָדעס!"

„יאָ," איז אברהם רוביא אַריינגעפאַלען אין די רייד, „מיר זיינען אַ גאַנצע נאַכט פערפאָלגט געוואָרען פון צוויי רויב־שיפען, ביי יעדער זייט פון אונז איינס, אַזוי ווי בעטלער."

„און דער קאַפּיטאַן," האָט זיך אָבגערופען יצחק סילווערא, „האָט פערלאָרען יעדע האָפנונג זיך אויסצודרעהען פון זיי, און ער האָט שוין געפּלאַנעוועט זיך צו ראַטעווען מיט זיינע מאַטראָזען אינאיינעם אויף די קליינע שיפלאַך, איבערלאָזענדיג די פּאַסאַזשירען אין סכנה."

„אָבער ער האָט עס ניט געטהאָן?" האָט אין איין אָטהעם אַרויסגע־פלאַצט אַ מקובל.

„ליידער ניט!" האָט אברהם רוביא געענטפערט מיט אַ קאָמישער מיענע. „הלואי וואָלט ער עס געטהאָן! וואָרים דאַן וואָלטען מיר געהאַט אונזער אייגענם אַ גוט שיף, און דער הערר וואָלט אונז סיי ווי סיי מציל גע־ווען פון טויט."

„וואָס אמת איז אמת, און גיב רעכט דעם וואָס קומט," האָט פּראָ־טעסטירט שמואל פרימו, „וואָרים דער אמת איז, אַז דער קאַפּיטאַן האָט געוואָלט מיטנעהמען דעם הערר אין די שיפלאַך — —"

„דער הערר איז געווען פערטיעפט אין לערנען," רופט זיך אָב שמואל לאַניאַדאָ, „מיט אַמאָל טהוט דער קאַפּיטאַן אַ געשריי: „די ים־רויבער זיינען אויף אונז!" „וואו?" פרעגט דער הערר. „אָט דאָ!" ענטפערט דער קאַפּיטאַן. דער הערר שטרעקט אויס זיינעביידע הענד, אַ האַנד צו יעדען שיף, און הויבט אויף די אויגען צום הימעל, און אין אַ רגע דרעהען זיך די רויב־שיפען אויס און זעגלען אַוועק ווייט אויף'ן ים."

שבתאי איז געזעסען און האָט געגעסען זיין מאָגערע מאָהלצייט, ניט אויסריידענדיג קיין איין וואָרט.

נאָר אַז דער קלאַנג וועגען זיין מופת האָט זיך פערשפּרייט איבער דער שטאָדט, האָבען די קראַנקע און די קריפּעלם בעלאַגערט זיין וואוינונג און צוגעשטאַנען צו איהם, ער זאָל זיי ראַטעווען. ערקלעהרענדיג, אַז ער קען גאָרנישט טהאָן, האָט ער אַרויפגעלייגט זיינע הענד אויף זיי, און אַסך האָבען געזאָגט, אַז זיי זיינען אויסגעהיילט. ער האָט אויך אָנגעריהרט די ברעמען פון די, וואָס האָבען געליטען אויף די אויגען און זיי האָבען ער־קלעהרט, אַז זיינע פינגער האָבען געווירקט ווי אַן ערלייזענדע זאַלב. אָבער שבתאי האָט גאָרנישט געזאָגט, ער האָט גאָרנישט פּרעטענדירט. מיט שטילע און עניוות'דיגע טריט איז ער זיך געגאַנגען אויף דעם וועג פון אמת'ער און איבערגעבענער צדקות. על כל פנים, לאַנג האָט ער אין מצרים

ניט געקענט בלייבען. ס'איז שוין געווען נאָהענט צו דער בעשטימטער צייט פֿון דער גאולה — צום געהיימניספֿולען יאָהר 1666.

שבתאי צבי האָט אָנגעגורט זיינע לענדען, און ניט קוקענדיג אויף די קלאַנגען וועגען אַראַבישע גזלנים, וועלכע בעפֿאַלען די רייזענדע אויף די וועגען; נאָך מעהר, מיט די תפילין אויף'ן שטערן, אָקוראַט ווי ער וואָלט געוואָלט ווייזען פֿאַר אַלעמען, אַז ער איז אַ איד און מחמת דעם אויך אַ רייכער מאַן, האָט ער זיך אַוועקגעלאָזט מיט אַ שיירא קיין ירושלים דורך דמשק.

X.

אָה, די בעגייסטערונג, מיט וועלכער ער האָט זיך אַנידערגעוואָרפֿען אויף דער ערד און זי געקושט, אַזוי גיך ווי ער איז נור אַריין אין דער הייליגער שטאָדט! טרעהרען האָבען געשטראָמט פֿון זיינע אויגען, טהייל-ווייז פֿאַר פֿרייד און טהיילווייז פֿאַר ברענענדען שמערץ און טרויער אויף די פֿערלאָרענע הערליכקייט פֿון צ י ו ן, וועלכע זיינען איבערגעגעבען געוואָרען צו די מחמד'אַנער אין די הענד; אויף איהרע טויערען, וועלכע זיינען בעוואַכט געוואָרען פֿון טערקישע שומרים; און זאָגאַר דער ערשטער איינדרוק פֿון שעהנקייט, אַ קוק טהאָנדיג אויף די הויכע בנינים, די טהורעמס און די פֿעסטונגען, וועלכע זיינען געווען אָבגעבאָדען פֿון דעם פֿריה-מאָרגענדיגען זונען-שיין, איז אויך אָבגעשוואַכט געוואָרען ביים אָנ-בליק פֿון די שמוציגע, שמאָלע געסלאַך פֿון דער שטאָדט.

נתן הנביא האָט בעקאַנט געמאַכט די אידען מכח דעם אָנקומען פֿון זייער קעניג, און די מאמינים האָבען איהם מקבל פנים געווען מיט גרויס כבוד. זיי האָבען זאָגאַר איבערגעביטען דעם נאָמען פֿון'ם סולטאַן מעהעמעד אויף שבתאי צבי אין דעם „הנותן תשועה למלכים", וואָס זיי פֿלעגען זאָגען יעדען שבת ביים דאַווגען; און ביים כ ו ת ל  ה מ ע ר ב י איז דער פֿערצווייפֿעלטער געוויין פֿון די פֿרומע אידען געמילדערט געוואָ-רען דורך אַ גרויסע האָפֿנונג.

אָרים, פשוט אויסגעהונגערט דורך די טערקישע רעגירונגס-בעאַמטע, ניט האָבענדיג איצט די געוועהנליכע שטיצע, וואָס זיי פֿלעגען קריגען פֿון די פֿרומע אידען פֿון פוילען, וועלכע זיינען אויסגעשלאַכטעט געוואָרען דורך די קאָזאַקען, האָט זיך זייער לאַנגעס וואַרטען אויף משיח'ן נאָך פֿערשטאַרקט דורך דער ידיעה, וואָס ב ר ו ך  ג ד האָט מיטגעבראַכט מיט זיך פֿון פער-זיען — ווי אַזוי די ב נ י  מ ש ה, וועלכע לעבען אויף דער אַנדער זייט פֿון'ם טייך ס מ ב ט י ו ן (וואָס פֿלעגט בלייבען שטעהן אום שבת), וואַרטען נור

אויף אַ וואָרט פֿון משיח׳ן, וועלען זיי געהן צוריק קיין ירושלים. די פֿער־לאָרענע צעהן שבטים וועלען זיך צונויפֿקלייבען: אויף דעם בלאָז פֿון׳ם שופר של משיח וועלען זיך די פֿערשפּרייטע און צוזייטע אידען צונויפֿקומען מארבע כנפות הארץ, פֿון אַלע פֿיער עקען פֿון דער ערד. נאָר שבתאי האָט ניט אָנגענומען דעם כבוד און די פֿערגעטערונג; מכח דער גאולה האָט ער קיין וואָרט ניט אויסגערעדט.

און ווירקליך, ס׳האָט אויסגעוויזען, אַז זיין קומען האָט גיכער געזאָלט ברייגגען אַ חורבן אידער אַן ערלייזונג. אַ געלד־גיערינער פּאַשאַ, וועלכער האָט געקראָגען צו וויסען מקח דער אונטרייהייט פֿון דער אידישער קהילה צום סולטאַן, האָט אין דעם געפֿונען אַן אויסרייד רייך צו ווערן, און ער האָט אַרויפֿגעלייגט אויף די אידען אַ געוואַלדיג־גרויסע געלד־שטראָף.

די אָרעמע קהילה האָט איינפֿאַך ניט געוואוסט וואָס צו טהאָן פֿאַר פֿערצווייפֿלונג. אין אַזאַ מורא׳דיגען צושטאַנד, שטאַרבענדיג פֿון הונגער, וואו האָבען זיי געזאָלט נעהמען אָט די אונגעהייער גרויסע סומע? נאָר אַז זיי זיינען געקומען צו זיך, האָבען זיך אַלע הערצער מיט אַמאָל גע־ווענדעט צו דער מאָדנער טרויעריגער פֿיגור, וועלכע האָט זיך אַרומגע־דרעהט צווישען זיי, דערשלאָגען און פֿערטומערט.

„געלד?״ האָט ער געזאָגט. „וואו זאָל איך נעהמען אַזוי פֿיעל געלד?״

„אָבער דו ביסט דאָך משיח!״

„איך משיח?״ ער האָט זיי אָנגעקוקט מיט אַן ערנסטען בליק.

„פֿערגיב אונז — מיר וויסען, אַז די שעה פֿון דיין אַנטפּלעקונג האָט נאָך ניט געשלאָגען. אָבער ווילסט אונז ניט ראַטעווען דורך דיין מענשלי־כען כח?״

„ווי אַזוי?״

„געה פֿאַר אונז, מיר בעטען דיך, אין שליחות צו דעם פֿריינדליכען סאראַף־באַשי פֿון קייראָ. זיין פֿערמעגען אַליין קען אונז אויסלייזען.״

„אַלץ, וואָס אַ מענש קען נור טהון, וועל איך טהאָן,״ האָט שבתאי געענטפֿערט.

„זאָל דיין כח ווערען אַלץ גרעסער און גרעסער!״ האָבען זיי איהם אויס דאַנקבאַרקייט געוואונשען, און גרייז־גראָע תלמידי חכמים האָבען זיך איינגעבויגען און געקושט דעם ברעג פֿון זיין מאַנטעל.

אַזוי איז שבתאי געפֿאָהרען צוריק קיין קייראָ מיט אַ שיירא דורכ׳ן מדבר. איהם פֿאָראויס, — אַזוי דערצעהלט מען — איז געגאַנגען אַן עמוד האש, און אַז ער איז געפֿאָהרען בייגאַכט האָבען איהם בעגלייט גאַנצע מחנות פֿון בעוואָפֿענטע לייט, וועלכע פֿלעגען בעגינען צו טאָג פֿערשווינדען;

און וואו ער איז נור פֿערבייגעפֿאָהרען, האָבען זיך אַלע אידישע איינוואוינער צונויפֿגעקליבען אַ קוק טהאָן אויף איהם. אין חברון זיינען זיי געשטאַנען אַ גאַנצע נאַכט אַרום זיין הויז.

פֿון זיין פֿענסטער האָט שבתאי אַרויפֿגעקוקט צו די שטילע שטערן און אַרונטער צו דעם וויגענדען ים פֿון געזיכטער.

„און וואָס וועט זיין, אַז דער נס וועט ניט געשעהן!" האָט ער געמורמעלט. „אַז טשעלעבי וועט ניט וועלען אָבגעבען אַזוי פֿיעל פֿון זיין פֿערמעגען! אָבער זיי גלויבען אין מיר. עס קען דאָך אַלזאָ אַנדערש ניט זיין, נאָר אַז ירושלים וועט ניצול ווערן, און אַז איך בין טאַקי באמת משיח."

אין קיירא האָט איהם דער פֿרומער שאַץ־מייסטער אויפֿגענומען מיט גרויס בעגייסטערונג, און נאָך איידער ער האָט געענדיגט ריידען, האָט טשעלעבי דערפֿיהלט זיין בקשה.

יענע נאַכט האָט זיך שבתאי אָבגעטהיילט פֿון זיינע נאָכפֿאָלגער, איז אַריבער דעם טייך נילוס, וועלכער איז געווען בעגאָסען מיט'ן שיין פֿון דער לבנה, צום גרויסען פּיראַמיד האָט ער געוואַנדערט, ווייטער, ווייטער, ביז דעם ווייסען מדבר. זיינע אויגען האָבען ניט געזעהן וואָס אַרום איהם טהוט זיך; ער האָט אַריינגעקוקט אינעוויינינג צו זיך אין דער נשמה.

„יאָ, איך בין משיח," האָט ער ענדליך אויסגעשריען אין דער גרויסער נאַכט אַריין, „איך בין ג — — !"

די פֿלעצליכע טיעפֿקייט פֿון'ם זאַמד אויף אַ געוויסען אָרט האָט איהם אַ טרייסעל געטהאָן, און אין דער רגע האָט ער דערזעהן דעם ספֿינקס, וועלכער האָט זיך אויפֿגעהויבען איבער איהם, מיט זיין גרויסען גראַניט־געזיכט, בעגאָסען מיט דעם זילבערנעם ליכט פֿון דער לבנה. זיין שטימע איז אָבגעשטאָרבען אין מורא'דיגען שרעק. לאַנג, לאַנג האָט ער אַריינגעקוקט אין די גרויסע שטיינערנע אויגען.

„רייד!" האָט ער געשעפּטשעט. „דו, „אבו־על־הול", פֿאָטער פֿון שרעק, דו, וואָס דו ביסט אויסגעזעסען אַלע שטיל־שווייגענישען נאָך איידער משה בן עמרם האָט אַרויסגעפֿיהרט מיין פֿאָלק פֿון דעם דאָזיגען לאַנד פֿון שקלאַפֿעריי, זאָג, וועל איך זיי ניט פֿיהרען פֿון זייער גלות צו זייער אַמאָליגער איינינגקייט אין דעם טאָג, ווען גאָט וועט זיין איינס און זיין נאָמען איינס?"

דער ספֿינקס האָט געשוויגען. דער ווייסער ים פֿון זאַמד האָט זיך געצויגען און געצויגען אָהן אַן ענד מיט זיינע שטילע, שטומע כוואַליעס. די פּיראַמידען האָבען געוואָרפֿען טויטען־שאָטענס איבער דער טרוקענער וויסטע.

„יאָ," האָט ער מיט פֿייער אויסגעשריען, „מיין פֿאָטער האָט מיך ניט

אָבגענאַרט. אין מיר, אין מיר פֿליסען די שטראָמען פֿון געטליכער קראַפֿט ווידער צו בעשאַפֿען און אָנצינדען פֿון דאָס ניי דאָס פֿערלאָשענע ליכט. האָט עס מיר גאָט דען נים מגלה געווען נאָך פֿאַר דער ערלייזונג, וואָס איך האָב היינט געבראַכט דער שטאָדט ירושלים, דורך מיין געד בורטסטאָג, דורך דעם אַלטען פאַרמעט, דורך נתן'ס פֿערגעטערונג, דורך דער אמונה פֿון מיינע ברידער, דורך מיינע יסורים, דורך די ענוים, וואָס איך האָב אַליין אויף זיך גענומען, דורך די לאַנגע, שווערע יאָהרען פֿון מיין געצוואונגענעם נע ונד זיין אויף דער ערד, דורך מיין איינזאַמקייט— אָה, גאָט — מיין איינזאַמקייט!"

שטיל איז זיך דער ספֿינקס געזעסען אונטער די פֿערטראַכטע, פֿער־טיעפֿטע שטערען. שבתאי'ס קול האָט געקלונגען ווי דאָס געוויין פֿון אַ ווינד.

„יאָ איך וועל אויסלייזען די אידען, איך וועל אויסלייזען די וועלט. דורך מיין קדושה וועט די וועלט ווערן אַ בית המקדש. זינד און רשעות און שמערץ וועלען מעהר נים זיין. דער פֿריעדען וועט זיך זיצען אונטער זיין פֿייגען־בוים, און שווערדען וועלען פֿערוואַנדעלט ווערן אין קאָסעס צו בעשניידען די תבואות, און פֿרייד און ברידערליכקייט וועט אָנפֿילען די ערד, אַזוי ווי מיין פֿאָטער אין הימעל האָט געזאָגט צו דעם פֿאָלק ישראל דורך זיין נביא הושע: „און אָט וועל איך איהר אַרייננאַרען און איהר אַוועקפֿיהרען אין דער מדבר און מדבר און ריידען צו איהר מיט גוטע, זיסע רייד. און וויינגערטנער וועל איך איהר פֿון דאָרט געבען, און דער עמק עכור זאָל פֿאַר איהר אַ טהיר פֿון האָפֿנונג זיין; און זי וועט זינגען, אַזוי ווי אין די טעג פֿון איהר יוגענד, און אַזוי ווי אין די טעג, ווען זי איז אַרויס פֿון לאַנד מצרים. און איך וועל זאָגען צו די, וואָס זיינען נים מיין פֿאָלק, איהר זייט מיין פֿאָלק; און זיי וועלען זאָגען, דו ביסט מיין גאָט!"

דער ספֿינקס האָט געשוויגען שטיל. און אין דער דאָזיגער שטילקייט האָט זיך געהערט די שטימע פֿון טויטע דורות, וועלכע האָבען גערוישט און געטרוימט און זיינען פֿערביי, אָהן אַ צאָהל און אָהן אַן ערך אַזוי ווי די זעמדעלאַך פֿון דעם מדבר.

שבתאי האָט אויפֿגעהערט ריידען און בעטראַכט דאָס שטילע, שטומע געזיכט, און זיין אייגענער פנים איז דערביי געוואָרען פונקט אַזוי אונער־פֿאָרשליך.

„מיר זיינען שטאַרק און איינזאַם — דו און איך," האָט ער ענדליך אַ שעפּטשע געטהאָן. נאָר דער ספֿינקס האָט געשוויגען שטיל.

(דאָ ענדיגט זיך די ערשטע מגילה.)

# די צווייטע מגילה.

---

## XI.

אין אַ קליין פּויליש שטעדטעל, איינמאָל אין אַ זומערדיגען פֿריה־מאָרגען, האָבען צוויי אידישע פֿרויען, וועלכע זיינען פֿערבייגעגאַנגען פֿער־ביי דעם בית עולם, דערזעהן, ווי אַ גייסט, אָנגעטהאָן אין ווייסען, געהט אַרום צווישען די קברים.

פֿון שרעק האָבען זיי אַ געשריי געטאָהן. די פֿיגור האָט זיך אומגע־דרעהט, און זיי האָבען דערזעהן פֿאַר זיך אַ שעהן מיידעל אין איהר נאַכט־העמד. איהר געזיכט, כאָטש זעהר בלאַס און אונרוהיג, איז דאָך געווען דורכדרונגען פֿון לעבען.

„אַה, איהר זייט אידישע טעכטער!" האָט די ווייסע געשטאַלט אויסגערופֿען. „העלפֿט מיר! איך בין אַנטלאָפֿען פֿון מאָנאַסטיר."

„ווער ביסט דו?" האָבען זיי געפֿרעגט, צוגעהענדיג נעהנטער צו איהר.

„משיח'ס כלה!" און איהר פנים האָט געלויכטען. זיי זיינען געשטאַ־נען אויף אַן אָרט, אַזוי ווי איינגעוואָרצעלט אין דער ערד. אַ נייַ געפֿיהל פֿון איבער־נאַטירליכקייט האָט זיי דורכגענומען.

„נאַ, קומט אַהער," האָט זי געשריען. „זעהט." און זי האָט זיי געוויי־זען סמנים פֿון נעגעל אויף איהר נאַקעטען לייב. „נעכטען ביינאַכט האָבען מיין פֿאָטער'ס טויטע הענד מיך אַרויסגעשלעפּט פֿון קלויסטער."

ביי די ווערטער וואָלטען די פֿרויען אַודאי אַנטלאָפֿען געוואָרען, נאָר איינע האָט אָבגעהאַלטען די אַנדערע.

„אָרים קינד! זי איז ניט ביים זינען," האָבען זיי געוואונקען און גע־שעפּטשעט איינע צו דער אַנדערער. דאַן האָבען זיי אויף איהר אַרויפֿגע־וואָרפֿען אַ מאַנטעל.

„איהר וועט דאָך מיך בעהאַלטען, זאָגט?" האָט זי מיט אַ בעטענדע שטימע געפֿרעגט; און זייערע הערצער זיינען צוגאַנגען פֿון איהר וויל־דער זיסקייט.

זיי האָבען איהר בערוהיגט און געטרייסט און זי אָבגעפֿיהרט צו זיך אַהיים דורך שטילע זייטיגע גאַסען, וואו עס זיינען געווען ווייניג מענשען.

„וואו זיינען דיינע קרובים — דיינע עלטערן?"

„טויט, צושפּרייט און צוזייט — וואָס ווייס איך? אָה, יענע בלוטיגע טעג!" זי האָט אַ מורא'דיגען שוידער געטהאָן. „שמד אָדער טויט! אָבער

זיי זיינען געוועזען שטאַרק. איך זעה נאָך דאָס בילד פֿאַר די אויגען, ווי אַ קאָזאַק שלעפּט מיין מוטער מיט אַ רימען אַרום איהר האַלז. „אָט האָסט דו אַ רויטען באַנד, מיין טייערס,״ שרייט ער מיט אַ ווילדען געלעכטער. זיי האָבען אונז איבערגעגעבען צו די קאָזאַקען, אָט די פּראַוואָסלאַוונע, וואָס זיינען געוועזען צווישען אונז — די זאַפּאָראָזשציעס האָבען זיך פֿאַרשטעלט פֿאַר פּאָליאַקען — מיר עפֿענען אויף די טויערן — די רינשטאָקען פֿול מיט בלוט—אָה, די מאוים'דיגע יסורים, די גסיסות פֿון די געפּייניגטע! — אָה, פֿאָטער!״

זיי האָבען איינגעשטילט איהרע קולות. צו גוט האָבען זיי געדיינקט יענע שרעקליכע טעג פֿון כמעלניצקי'ס הריגות, ווען אַלע וועגען פֿון אייראָפּאַ זיינען געוועזען פֿול מיט אויסגעדאַרטע, פֿערמאָרעטע פּוילישע אידען, וועלכע זיינען אַנטלאָפֿען פֿון'ם קאָזאַקען־אַטאַמאַן מיט זיינע מערדערישע היידאַמאַקען און פֿון זייער ווילדער ראַבע; ווען די פֿעלדער פֿון פּוילען זיינען פֿערוועט געוואָרען מיט אַ פֿערטעל מיליאָן אידישע טויטע קערפּערס.

„זיי האָבען פֿיינט געהאַט מיין פֿאָטער,״ האָט דאָס שעהנע מיידעל דערצעהלט, ווען זי האָט זיך אַביסעל בערוהיגט. „ער איז געוועזען דער אָבדינגער פֿון די פּוילישע שטייערן; און כדי ער זאָל קענען אויפֿמאָהנען ביי די קאָזאַקען די אָבצאָהלונגען, וואָס זיי האָבען געדאַרפֿט מאַכען פֿאַר זייערע געבוירטען און זייערע חתונות, האָט ער געהאַלטען די שליסלען פֿון דער פּראַוואָסלאַוונער קירכע ביי זיך, און דער פּאָפּ האָט זיך געמוזט ווענדען צו איהם, איידער ער האָט געקענט אימיצען חתונה מאַכען אָדער אָבטויפֿען. זיי האָבען איהם געוואָלט אָב'שמד'ען אומזיסט, אָהן אַ שום אָבצאָהלונג, אָבער ער האָט זיך געהאַלטען פֿעסט ביי זיין אמונה. זיי האָבען איהם צוגעבונדען צו אַ קלאָץ און איהם געשמיסען — אָה, גאָט מיינער! און די גוטע שוועסטער האָבען מיך געפֿונען וויינענדיג, אַ קליין מיידעלע, האָבען זיי מיך צוגענומען אין קלויסטער און זיינען געוועזען פֿריינדליך צו מיר און האָבען גערעדט צו מיר פֿון קריסטוס'ן. אָבער איך האָב ניט געוואָלט גלויבען. די תפלות און די מזמורים פֿון דער שוהל זיינען מיר אַלע ווילע געקומען אויף די ליפּען; ביינאַכט פֿלעג איך אין חלום זעהן מיין פֿאָטער, בעפֿלעקט מיט בלוט, נאָר מיט אַ קרייז־ליכט אַרום זיין קאָפּ.

„„בלייב טריי,״ פֿלעגט ער זאָגען, „בלייב טריי די אידישע אמונה. אַ גרויסע צוקונפֿט ערוואַרט דיך. וואָרים זיי ווייסען, אַז אונזער לאַנגער גלות קומט צו אַן ענד, ס'איז משיח'ס צייטען, און דו וועסט זיין משיח'ס כלה.״ און אַ גרויסע האָפֿנונג האָט אָנגעפֿילט מיין גאַנץ לעבען, און

אין מיר האָט געברענט דער וואונש צו אַנטלויפען פון מיין תפיסה אין דער ליכטיגער וועלט אַריין. איך, די כלה פון דעם קלויסטער!" האָט זי אַ געשריי געטאָהן, און צוויי רויזען האָבען זיך פאַר צאָרן געשטעלט אויף איהרע ווייסע באַקען. „ניין, משיח'ס כלה בין איך, וועלכע וועט ברייננגען פרייד אויף דער ערד, וועלכע וועט אָבטריקענען די טרערען פון אַלע פנים'ער. נעכטען ביינאַכט איז מיין פאָטער ווידער אַמאָל געקומען צו מיר און האָט געזאָגט: „בלייב טריי דאָס יודענטהום." דאַן האָב איך געענטפערט: „אַז דו וואָלסט עס געמיינט באמת, פאָטער מיינער, וואָלסט דו מיך אויפגעהערט וואָרענען; דו וואָלסט געוואוסט, אַז איך וועל ליע-בערשט שטאַרבען, איידער זיך אָבזאָגען פון מיין גלויבען; דו וואָלסט מיך בעסער אַרויסגעראַטעוועט פון די דאָזיגע פערהאַסטע ווענד און מיך איבערגעגעבען צו מיין חתן." דערויף האָט ער געענטפערט: „שטרעק אוים דיין האַנד!" און איך האָב אויסגעשטרעקט מיין האַנד, און איך האָב דערפיהלט, ווי אַן אַנדער האַנד, וועלכע איך זעה ניט, נעהמט מיך אָן, און אַז איך האָב זיך אויפגעכאַפּט, בין איך געשטאַנען ביי זיין קבר, וואו איהר האָט מיך געטראָפען. אָה, פיהרט מיך תיכף אין מקוה, איך בעט אייך, כדי איך זאָל אַראָבוואַשען פון זיך די טומאה פון די אַלע יאָהרען."

זיי האָבען זי אַוועקגעפיהרט אין מקוה, בעוואונדערענדיג איהר זעל-טענע שעהנקייט.

„וואו איז משיח?" האָט זי געפרעגט.

„ער איז נאָך ניט געקומען," האָבען זיי געענטפערט, וואָרים פון שבתאי צבי האָבען דערווייל נור געוואוסט עטליכע נאָכפאָלגער.

„דאַן וועל איך זיך אַוועקלאָזען איהם זוכען," האָט זי געזאָגט.

זי האָט געוואַנדערט קיין אַמסטערדאַם — די הויפט-שטאָדט פון'ם יודענטהום — און פון דאָרט קיין פראַנקפורט אַם מיין, און פון דאָרט צו דרום צו, קיין ליוואָרנע, איבעראַל זוכענדיג און פאָרשענדיג אומזיסט.

און דאָרט, אונטער די וואַרעמע שטראַהלען פון דער איטאַליענישער זונן, האָט זיך איהר הייסע, קינדערשע נאַטור, וועלכע איז אויסגעהונגערט געוואָרען אין דעם פינסטערן מאָנאַסטיר, איבערגעגעבען צו ליידענשאַפט, וואָרים עס זיינען געוועזען אַסך, וואָס האָבען זי געליעבט. נאָר זי האָט מיט קיינעם ניט געוואָלט חתונה האָבען. „איך בין משיח'ס בעשעהרטע כלה," האָט זי געזאָגט, און איהרע ווילדע אויגען האָבען ניט אויפגעהערט צו טראָגען אין זיך דעם אויסדרוק פון ערוואַרטונג.

## XII.

אין משך פון די יאָהרען איז די ידיעה וועגען איהר און איהר נבואה אַריבער צו שבתאי צבי און זי האָט איהם געפונען אין קיירא. דאָס איז געווען אויף מאָרגען, נאָכדעם ווי ער האָט גערעדט צום ספינקס, און אונ־טער דעם בלויען עגיפּטישען הימעל האָט זיך ביי איהם אין האַרצען מיט אַמאָל אָבגערופען אַ געפיהל פון ליעבע. דאָס פרויען־וועזען, וואָס האָט איהם ניט געקענט ריהרען פיזיש, זיך געפינענדיג גאַנץ נאָהענט צו איהם, האָט איהם אַצונד דורכגענומען דורך און דורך, מיט איהר מיסטישער, אונבעקאַנטער פיגור, ווי ער האָט זי זיך אויסגעמאָלט פון וויטען.

„זאָל מען פאָהרען נאָך איהר,“ האָט ער געזאָגט, און זיינע מקורבים האָבען בעמערקט אויף איהם אַן אונגעוועהנליכע אונרוהיגקייט אין די וואָ־כען, וועלכע זיינען אַריבער, ביז וואַנען זיינע שליחים זיינען צוריקגעקומען פון זייער רייזע.

„ווי מיינסט דו, זי וועט קומען?“ האָט ער זיך איינמאָל אָבגערו־פען צו אברהם רוביא.

„וואָס פאַר אַ פרוי וועט ניט קומען צו דיר?“ האָט דער שנאָרער געענטפערט. „וואָס פאַר אַ געשמאַקען ביסען וועט דיר ניט פאָרגעליינט ווערען? איך גלויב גאַנץ בעשטימט, אַז דו וועסט זיך אָבזאָגען דערפון און אַז איך וועל קענען, ווי דער שטייגער איז, געניסען פון דיינע שיריים.“

שבתאי האָט אַ לייכטען שמייכעל געטהאָן.

„וואָס האָב איך צו טהאָן מיט פרויען?“ האָט ער געמורמעלט. „נאָר איך וואָלט גערן געוואָלט וויסען, וואָס מען האָט איהר מגלה געווען ברוח הקודש!“

איינמאָל נאָך מיטאָג זיינען זיינע שליחים צוריקגעקומען און האָבען מודיע געווען, אַז ווי האָבען זי געבראַכט. זי האָט זיך איצט אויסגערוהט נאָך דער רייזע און איז געווען גרייט אויף מאָרגען קומען צו איהם אויף בעזוך. ער האָט בעשטימט ווי זאָלען זיך צונויפטרעפען ביים „סאַראַף באַשי“ אין פּאַלאַץ. דערנאָך, ניט קענענדיג איינרוהען, איז ער אַרויף אויף׳ן שפּיץ פון דער פעסטונג און האָט געזעהן פאַר זיך אַ הערליך גאָלדען ליכט, וואָס איז געווען אויסגעגאָסען איבער די מאָשעען און די הייזער פון קיירא, בעלייכטענדיג זאָגאַר דעם מדבר און די פּיראַמידען. ער איז גע־שטאַנען און האָט געקוקט, ווי די זונן לאָזט זיך אַראָב אַלץ נידעריגער און נידעריגער, ביז וואַנען זי איז מיט אַמאָל אויסגעגאַנגען, אָקוראַט ווי אַן אויסגעבלאָזען ליכט.

## XIII.

אויף מאָרגען האָט ער פֿערלאָזען זיין אָרימע וואוינונג אין דעם אידישען קווארטאַל און האָט זי אויפגענומען אַליין אין אַ בעזונדער חדר פון פּאַלאַץ. דאָס צימער איז געווען אויסגעפלאַסטערט מיט מאַרמאָר־שטיינער, די ווענד בעפוצט מיט שניצערייען פון אַלערליי בלומען און פייגעל, קונציג אויסגעאַרבייט, די כיפה מיט פֿאַנטאַסטישע פֿערציערונגען, געמאַכט פון דינע שטיקלאַך געפאַרבטע האָלץ, די לופט אָבגעקיהלט דורך אַ פֿאַנטאַסטישען פֿאָנטאַן, וואָס האָט אַריינגעשפּריצט אין אַ בעקען, וועלכער איז געווען אַרומגעצוימט מיט שוואַרצע און ווייסע מאַרמאָר־שטיינער און רויטע ציגעל. פענסטער מיט רעשאָטקעס זיינען אַרוים אין דעם גרויסען הויף, און דערצו האָט דאָס צימער געהאַט נאָך אַנדערע פענסטער מיט קאָליערטע שויבען, דעקאָרירט מיט שעהנע בילדער.

„שלום, אָה משיח!" האָט זי אויסגערופען. איהר שמייכעל האָט געבלישטשעט אויף איהר געזיכט, און אין איהר שטימע האָט זיך אַרויסגעהערט מעהר פרעהליכקייט, איידער פֿערגעטערונג. איהרע ווייסע צייהן האָבען געפינקעלט צווישען לאָבענדע ליפּען. שבתאי'ס האַרץ האָט מורא'דיג געקלאַפּט, דערזעהענדיג די פרוי פון זיינע חלומות. זי איז געגאַנגען אָנגעטהאָן אין גלאַנציגע ווייסע איטאַליענישע זייד, וואָס איז געווען גאַנץ אייגנג אָנגעפּאַסט אַרום איהר בוזים, אַזוי אַז זי האָט אויסגעזעהן ווי אַ פונקעלענדע סטאַטוע. בראַסלעטען האָבען געבלישטשעט אויף איהרע ווייסע הענד, פייערדיגע עדעלשטיינער האָבען געפונקעלט צווישען איהרע לאַנגע ווייסע פינגער, אַ נעץ־ווערק פון פערל האָט בעדעקט איהר קאָפּ. איהרע אויגען זיינען געווען דורכדרונגען פון ליידענשאַפט, אַלערליי זיסע ריחות האָבען אַרויסגעאָטהעמט פון איהר לייב. ניט אַזוי פלעגען קומען די אידישע מיידלאַך צו דער חתונה, שעהמעדיגע, ריינע, אומעטיגע, מיט אָבגעשאָרענע האָר, כשר'ע אידישע טעכטער.

„שלום, אָה מעליסעלדאַ," האָט ער ניט ווילענדיג געענטפערט.

„ניין, פאַרוואָס עפּעס מעליסעלדאַ?" האָט זי געפרעגט, צוגעהענדיג נאָהענט צו איהם.

„און פאַרוואָס עפּעס משיח?" האָט ער געענטפערט.

„איך האָב דיך געזעהן אין חלום — ס'איז דער פנים, די געשטאַלט, די נביא'ישע שעהנקייט — — אָבער פאַרוואָס מעליסעלדאַ?"

ער האָט איהר אַריינגעלאַכט אין די אויגען אַריין און גענומען שטילערהייט זינגען: —

פֿון איהר באָד איז זי אַרויס
ריין און ווייס ווי שנעע דער לייב,
מעליסעלדאַ.

„אמת, אַזוי בין איך טאַקי אַרויס, ווען איך האָב אַראָבגעוואַשען פֿון זיך די טומאה פֿון׳ם קלויסטער. נאָר מיין נאָמען איז שרה.“

„ניין, ניט שרה, נאָר שרי — מיין פּרינצעסין!“ זיין קול איז געווען הייזעריג און שטאַמלענדיג. אָט דאָס מערקווירדיגע נייע געפֿיהל פֿון ליעבע, וואָס האָט זיך קוים געריהרט אין זיין ברוסט, ווי אַ נור וואָס געבוירען אונבעפֿעדערט פֿויגעלע, האָט אַצונד אויסגעשפּרייט זיינע פֿליגלען און איז געפֿלויגען צום הימעל צו. זי איז געווען אונריין — אָבער איהר אונריינינקייט האָט איהר איינגעוויקעלט אין אַ מיסטישען רייץ. די אויסערליכע, וועלטליכע געזעצען האָבען זי פּונקט אַזוי וויניג געבונדען ווי איהם — זי איז געווען פֿריי און נאַטירליך, אַ גייסט וואָס האָט זיך אַזוי גרויסאַרטיג צוגעפּאַסט צו איהם; געריינינגט אָהן אויפֿהער דורך זיין אייגענעם ווייסען פֿייער. זי איז צוגע־קומען נעהנטער, און איהרע אויגען האָבען איהם איינגעוויקעלט אין פֿלאַמען.

„מיין פּרינץ!“ האָט זי אַ געשריי געטהאָן.

ער האָט אָבגעטראָטען הינטערוויילאַכס צום דיוואַן. „ניין, איך טהאָר זיך ניט צוריהרען צו קיין פֿרוי.“

„צו קיינער ניט נור צו דיין אמת׳ער בעשעהרטע,“ האָט זי געענט־פֿערט „דו האָסט זיך געהאַלטען ריין פֿאַר מיר, פּונקט ווי איך האָב זיך געהאַלטען ליידענשאַפֿטליך פֿאַר דיר. קום, דו וועסט מיך מאַכען ריין, און איך וועל דיך מאַכען ליידענשאַפֿטליך.“

ער האָט אַ קוק געטהאָן אויף איהר מיט אַן ערנסטען בליק. דאָס קיהלע פלעטשען פֿון׳ם פֿאָנטאַן איז געווען אַזוי אָנגענעהם אין דער שטילקייט.

„איך זאָל דיך מאַכען ריין!“ האָט ער אַרויסגעאָטהעמט.

„יאָ,“ און זי האָט שטילערהייט איבערגעזאָגט די ווערטער: —

„ריין און ווייס ווי שנעע דער לייב,
מעליסעלדאַ.

„מעליסעלדאַ!“ האָט ער אַרויסגעשעפּטשעט.

„משיח!“ האָט זי אַ געשריי געטהאָן, און איהר בוזים האָט זיך גע־הויבען אַרויף און אַראָב. „קום, איך וועל דיך לערנען די פֿרייד פֿון לעבען. אינאיינעם וועלען מיר פֿיהרען די וועלט. וואָס זשע! אַז דו וועסט האָבען ערלייזט די וועלט, וועט זי זיך דען ניט פֿרעהען דערמיט, וועלען ניט די מאָרגענשטערען זינגען אינאיינעם? מיין קעניג, מיין שבתאי!“

איהר פֿיגור איז געווען די פֿיגור פֿון אַ קעניגין, איהרע אויגען זיינען געווען שטערען, איהרע ליפּען — די ליפּען פֿון אַ פֿרוי.

„קוש מיך!“ האָבען זיי פּאַר איהר געבעטען. „דיין לאַנגע מאַרטירעריי איז אַריבער. אַצונד פֿאַנגט זיך אָן מיין שליחות — צו ברייננגען דיר פֿרייד. אַזוי איז אַנטפּלעקט געוואָרען צו מיר.“

„איז עס באמת אַזוי ענטפּלעקט געוואָרען צו דיר?“ האָט ער גע־פֿרעגט מיט אַ הייזעריגער שטימע.

„יאָ, מעהר ווי איין מאָל, אין די חלומות פֿון דער נאַכט. משיח'ס כלה — אַזוי איז מיין בעשעהרונג. נעהם אַרום דיין כלה.“

זיינע אויגען האָבען זיך אָנגעצונדען, קוקענדיג אויף איהרע. ס'האָט זיך איהם אויסגעוויזען, אַזוי ווי ער וואָלט געווען אַרומגערינגעלט פֿון בלישט־שענדע ווייסע פֿלאַמען, וועלכע לייטערן און דערקוויקען אָבער פֿערברענען ניט.

„בין איך אַלזאָ ווירקליך משיח,“ האָט ער זיך געטראַכט, און צום ערשטען מאָל האָט ער פֿערזוכט דעם טעם פֿון אַ פֿרוי'ס ליפּען.

## XIV.

דער שאַץ־מייסטער איז געווען מלא שמחה וואָס משיח'ס חתונה וועט זיין ביי איהם אין פּאַלאַץ, אונטער זיין אייגענעם בעגילדעטען דאַך. פּאַר די, וועלכע האָבען געשאָקעלט מיט די קעפּ, הערענדיג מכח דער כלה'ס פֿערגאַנגענהייט, האָט שבתאי געהאַט אַן ענטפֿער, אַז די נבואות מוזען מקוים ווערן, און אַז אויך צו איהם האָט מען זיך בעוויזען אין חלום און איהם אָנגעזאָגט, ער זאָל חתונה האָבען מיט אַן אויסגעלאַסענע פֿרוי, אַזוי ווי דער נביא הושע. און זיינע נאָכפֿאָלגער האָבען געזעהן, אַז דאָס איז אַ גרויסער סוד, אַ וואונק אויף דעם, וואָס גאָט האָט גערעדט דורך ירמיהו'ס מויל: „און איך וועל דיר נאָך צוריק אויפֿבויען און דו וועסט זיין אויפֿגעבויט, דו בתולת ישראל; דו זאָלסט זיך נאָך ווידער אויספּוצען מיט דיינע פּייקלאַך און אַרויסגעהן צום פֿרעהליכען טאַנץ.“ אַזוי זיינען אָנגעקומען די יום טוב'דיגע, לוסטיגע טעג פֿון שבתאי'ס חתונה, און דער פּאַלאַץ איז פֿול געווען מיט געלעכטער און טענץ און פֿרעהליכקייט.

און מעליסעלדאַ האָט איינגעפֿיהרט די הערשאַפֿט פֿון פֿרייד. איהר אָנקומען האָט געבראַכט שבתאי'ן פֿיעל אָנהייטנגער. טויזענדער זיינען בעצויבערט געוואָרען פֿון איהר שעהנקייט, פֿון איהר קעניגליכער האַל־טונג. אַ נייער גייסט פֿון ראָמאַנטירען האָט זיך דערוועקט צווישען די רע-

ליגיעז-פֿרייע אידען. מענער האָבען אָנגעהויבען קוקען מיט עקעל אויף זייערע ווייבער, און ווייבער האָבען געכאַפּט אַביסעל פֿון איהר פֿייער און פֿון איהר האַלטונג און האָבען זיך אויסגעלערנט מאַכען חן׳דלאַך און וואַרפֿען ליידענשאַפֿטליכע, ברענענדע בליקען אויף די מענער. און אויף אַזאַ׳ן אופֿן, מיט אַ גרויסע מחנה אָנהייננער, בעגלייט פֿון מעליסעלדאַ׳ס שעהנקייט און דעם שאַץ-מייסטער׳ס גאָלד, האָט זיך שבתאי אַוועקגעלאָזט אויסלייזען די שטאָדט ירושלים.

ירושלים איז געווען פֿער׳שכור׳ט פֿון פֿרייד: די נבואות פֿון אליהו התשבי, וועלכער איז בעקאַנט געווען אויף דער ערד מיט׳ן נאָמען נתן העזתי, זיינען פֿאַנאַנדערגעטראָגען געוואָרען אויף לופֿט-פֿליגלען אין אַלע עקען פֿון דער וועלט.

„לשארית ישראל, צו דעם רעשט פֿון׳ם פֿאָלק ישראל, שלום אין קץ, פֿריעדען אָהן אַן ענד,“ אַזוי האָט ער געשריבען. „זייט ווִיסען, אַז איך גְעה מקבל זיין דעם פנים פֿון אונזער האַרר, דערהויבען זאָל ווערען זיין גרויסקייט, וואָרים ער איז דער מלך מלכי המלכים, געגרויסט איז זיין מלוכה. און אַצונד קום איך אייך מודיע זיין, אַז כאָטש איהר האָט געהערט מאָדנע זאַכען מכח אונזער האַרר, דאָך זאָלען אייערע הערצער חלילה נִיט אָבגעשוואַכט ווערען אָדער זיך אָבשרעקען, גאָר אדרבה, שטאַרקט זיך אין אייער אמונה, וואָרים אַלע זיינע מעשים זיינען פֿול מיט וואונדער, מיט סודות ורמזים, וואָס דער מענשליכער שכל קען ניט משיג זיין, און ווער קען דאָס אויספֿאָרשען זייער טיעפֿקייט? אין אַ קורצער צייט אַרום וועט זיך אַלצדינג אַרויסווייזען פֿאַר אייך קלאָהר און דייטליך, און איהר וועט וויסען און אויפֿגעקלעהרט ווערען פֿון דעם ערפֿינדער אַליין. געבענשט איז דער, וואָס קען אויסוואַרטען און דערגרייכען צו דער גאולה פֿון דעם אמת׳ן משיח, וועלכער וועט גאָר אין גיכען אַרויסגעבען זיין מלוכה און זיין ממשלה איבער אונז מעתה ועד עולם.

נתן.“

אין דער הייליגער שטאָדט האָבען בלויז די אַלטע רבנים פֿון די הייליגע ישיבות אַרויסגעצייגט זייערע צווייפֿלען, מורא האָבענדיג, דער פּאַשאַ זאָל ניט בעגייען יעדעס יאָהר די געלד-שטראָף, אַזוי אַז טשעלעבי׳ס פֿערמעגען אפילו זאָל ניט סטייען זיי אויסצוקויפֿען. אין אַנדערע ערטער זיינען די אידישע קהילות געווען צוטהיילט אין כתות, וועלכע האָבען געשטריטען צווישען זיך מיט פסוקים און אַרויסגעשטעלט ווערטער געגען ווערטער. אָט דער פסוק האָט בפירוש דערוויזען, אַז משיח איז גע׳קומען, און יענער פסוק, אַז די אותות ומופתים זיינען נאָך ניט דערפֿילט געוואָרען; און

האָט דען ניט דער חכם מכל אדם, דער קלוגער קעניג ש ל מ ה גע־
זאָגט, אַז דער נאַר גלויבט אַלצדינג וואָס מען זאָגט איהם, ניט פֿרעגענדיג
קיין קשיות, און דער חכם וועגט אַפֿריהער איבער און בעטראַכט אַלעס,
איידער ער הויבט אָן גלויבען? אויף אַ מורא'דיגען אופן איז אָנגעגאַנגען
די מלחמה פֿון די ווערטער און די פסוקים, און אַ שטערן האָט זיך בער
וויזען און איז געקומען די מאמינים צו הילף. עס זיינען געווען אַזעלכע,
וואָס האָבען דערצעהלט, אַז זיי האָבען געזעהן שבתאי צבי'ן אין הימעל
מיט דריי קרוינען, איינע אַלס משיח, אַ צווייטע אַלס קעניג און אַ דריטע
אַלס עראָבערער פֿון די פֿעלקער. נאָר אַזוי ווי די ירושלים'ער רבנים האָ־
בען נאָך אַלץ ניט געוואָלט גלויבען, האָט נתן אין אַן עקסטאַז פֿון אויפֿ־
געבראַכטקייט ערקלעהרט, אַז ירושלים האָט אויפֿגעהערט צו זיין די היי־
ליגע שטאָדט און אַז די קדושה איז אַריבער אין דער שטאָדט ע ז ה.
נאָר שבתאי האָט ניט אַנדערש נאָר געוואָלט זיך ווייזען אין סמירנאַ, אין
זיין געבורט־שטאָדט, און אַהין האָט ער זיך אַוועקגעלאָזט, שיקענדיג פֿאָר־
אויס זיינע שליחים, וועלכע האָבען אָנגעצונדען דעם פֿייער פֿון גלויבען
אין די אַלע אידישע קהילות, וועלכע ער האָט געדאַרפֿט פֿערבייפֿאָהרען.
ר פֿ א ל, נאָך אַ שנאָרער פֿון גריכענלאַנד, האָט אַרומגעוואַנדערט, זינ־
גענדיג אָהן אַן אויפֿהער וועגען משיח'ן, און ב ל אָ ד, אַ מקובל פֿון
דייטשלאַנד, אַ שוואַכער, איינפֿאַכער גייסט, האָט אַלע ווילע געהאַט אַן
אַנדער אויסברוך פֿוןווילדער צוקאָכטקייט, און אויף אַזאַ'ן אופן געבראַכט
דעם עולם צו גלויבען אין דער נאָהענטער גאולה. שמואל פרימו, דער
אונערמיעדליכער סעקרעטאַר, האָט פֿערשפרייט בריעף און געהיימע מאַ־
ניפֿעסטען אָהן אַ צאָהל. נאָר שבתאי אַליין האָט זיך פֿאַר קיינעם ניט
אויסגעגעבען אַלס משיח — ער האָט פֿערזאָגט, מען זאָל ניט ריידען
דערפֿון, ביז די שעה וועט קומען. ניט קוקענדיג דערויף האָט זיך דער
גלויבען אין איהם פֿערשפרייט איבעראַל. אין דער שטאָדט אַלעפּאָ זיינען
איהם די אידען אַנטקעגען געגאַנגען מיט געזאַנג און מיט טענץ; „די
טויערן פֿון פֿרייד זיינען געעפֿענט,“ האָבען זיי געשריבען קיין קאָנסטאַנ־
טינאָפּאָל. אין סמירנאַ גופא איז דער פֿערטריבענער אויפֿגענומען געוואָרען
מיט אַן אונבעשרייבליכען ענטהוזיאַזם, מיט קולות און געשרייען: „משיח!
משיח!“, וועלכע ער האָט ניט געוואָלט אָנערקענען, נאָר אויף וועלכע
מעליסעלראַ האָט געענטפֿערט מיט אַ רייצענדען שמייכעל. זיין אַלטער
פֿאָטער איז איהם געפֿאַלען אויף'ן האַלז.

„די נשמות געהען אַוועק,“ האָט שבתאי געזאָגט, זיך צוקושענדיג
מיט איהם. „נאָר זיי קומען צוריק.“

מען האָט איהם געבראַכט פֿאַר דעם „קאַדי", דעם שטאָדט-ריכטער, וועלכער האָט פֿערלאַנגט אַ מופת.

„דו פֿערלאַנגסט אַ מופת?" האָט שבתאי געזאָגט מיט שפּאָט, „וואָלסט געוואָלט זעהן אַ פֿייערדיגען זייל?"

שבתאי צבי'ס אָנהייענגער, וועלכע האָבען אָנגעפֿילט דעם קאַדי'ס גאַסט-זאַאַל האָבען אַ געשריי געטהאָן פֿאַר שרעק און פֿערדעקט זייערע פּנים'ער מיט די הענד.

„יאָ, מיר זעהען, מיר זעהען," האָבען זיי געשריען; דאָס וואָרט איז אַריבער צו דעם גרויסען עולם, וואָס איז געווען פֿערזאַמעלט אויף דרויסען, און עס האָט זיך פֿערשפּרייט אין דער לייגג און אין דער ברייט פֿון דער שטאָדט. מענער זיינען געלאָפֿען אַהיים דערצעהלען זייערע ווייבער און קינדער וועגען דעם נס, און אַז שבתאי איז אַרויסגעגאַנגען פֿון'ם קאַדי'ס זאַאַל, איז ער אויפֿגענומען געוואָרען מיט פֿערריקטע קולות און מיט אַ ווילדער בעגייסטערונג.

און אין דער צייט, וואָס סמירנאַ האָט אַזוי געקאָכט און איהרע אידען האָבען זיך דורך תעניתים און תפלות צוגעגרייט צום גרויסען טאָג, איז אָנגעקומען אַהין אַ שליח, שוואַרץ ווי אַ מורין און פֿערברענט פֿון דער זונן. אַ זעהר ווייטע אונרוהיגע רייזע האָט ער געמאַכט, ער איז געקומען פֿון דער הייליגער שטאָדט, מיטברייגנענדיג פֿון דאָרט אַ בריעף. ס'האָט איהם לאַנג גענומען ביז וואַנען ער האָט זיך געקענט זעהן מיט שבתאי'ן, וועלכער האָט איצט אינאיינעם מיט זיינע נאָהענטסטע נאָכפֿאָל-גער געפּראַוועט דעם לעצטען תענית; און דערוויל איז דער עולם בע-פֿאַלען דעם שליח און איהם פֿערוואָרפֿען מיט נייגיעריגע פֿראַגען. ער האָט זיי דערצעהלט, ווי אַזוי ער האָט וואָכען לאַנג אַרומגעוואַנדערט אין דער מורא'דיגער היץ, כדי צו זעהן משיח'ס פּנים און קושען זיינע פֿיס און איהם איבערגעבען דעם בריעף פֿון די ירושלים'ער הייליגע מענער, וועלכע זיינען געווען צו אָרים און האָבען ניט געהאַט קיין מעגליכקייט איהם צו שיקען מיט אַ שנעלערן וועג. נאָר אַז שבתאי האָט ענדליך איבערגעלייענט דעם בריעף, איז זיין פּנים בעלויכטען געוואָרען פֿון פֿרייד, כאָטש ער האָט קיינעם ניט אויסגעגעבען וואָס דאָרט איז געשטאַנען. זיינע נאָכפֿאָל-גער האָבען געוואָלט ניט אַנדערש נאָר מען זאָל עס אַרויסגעבען פֿאַר דעם גרויסען עולם, און נאָך אַסך הייסע וכוחים האָט שבתאי איינגעוויליגט, אַז דער בריעף זאָל פֿאָרגעלעזען ווערן אין שוהל פֿון דער בימה. אַז זיי האָ-בען זיך דערוואוסט, אַז דאָס קומט פֿון די חכמי ירושלים, וועלכע דריקען אויס אין דער דאָזיגער שריפֿט זייער חרטה און געהען אויך אַריין אין די

רייהען פון די מאמינים, איז זייער ענטהוזיאזם געווען אזוי גרויס, אז זיי האָבען אַזש געוויינט פאַר שמחה. שבתאי האָט אַריינגעוואָרפען צוואַנציג זילבער־קרוינען אין אַ טעלער פאַר דעם שליח און האָט אויפגעפאָדערט אַנדערע צו טהאָן דאָס זעלבע, אַזוי אַז דער גליקליכער מאַן האָט כּמעט ניט געדאַרפט אַוועקפאָהרען צוריק מיט ליידיגע הענד.

דאָך האָט זיך שבתאי נאָך אַלץ ניט געוואָלט אַליין אויסגעבען אין דער עפענטליכקייט.

נאָר ענדליך האָט געמוזט קומען אַ סוף צו דעם לאַנגען שטיל־שווייגען. דאָס גרויסע יאָהר 1666 איז שוין געשטאַנען ביי דער טהיר, ס'איז אין גאַנצען געבליבען עטליכע חדשים ביז דעם ניי־יאָהר פון די קריסטען. אויף מעליסעלדאָ'ס בעפעהל און אונטער איהר אָנפיהרונג האָבען מענער געמאַכט מאַנטלען פון ווייסען אַטלעס פאַר דעם משיח. און איין טאָג, אָנגעטהאָן אין בלישטשענדע ווייסע בגדים, איז שבתאי, מיט אַ גרויסע פּראָצעסיאָן פון זיינע אָנהייננער, אַוועק אין דער גרויסער שוהל.

## XV.

אין דעם דונקעלען שיין פון דער גרויסער שוהל, פאַר אַן עדה פון פרומע, פער'דבק'עטע אידען און אונטער דעם מעכטיגען קלאַנג פון דעם שופר, האָט זיך שבתאי, שטעהענדיג פאַר'ן ארון קודש, ערקלעהרט פאַר דעם גואל צדק, דעם געזאַלבטען, דעם משיח ישראל.

אַ ווילדער אויסברוך פון פרייד, איבערגעשלאָגען פון געוויין, האָט זיך געלאָזט הערען פון אַלע זייטען שוהל.

„לאַנג לעבען זאָל אונזער קעניג! אונזער משיח!" אַסך זיינען אַניידערגעפאַלען מיט די פנים'ער צו דער ערד, וועלכע זיי האָבען געקושט, וויינענדיג, שרייענדיג און אַרויסלאָזענדיג משונה'דיגע קולות פון דאַנקבאַרקייט און פרייד; אַנדערע האָבען זיך געשאָקעלט און זיך אַרומגעוואָרפען אַהין און אַהער, בעגאָסען מיט טרעהרען, הייזעריג פון ווילדען געשריי.

„משיח! משיח!"

„די מלוכה איז געקומען!"

„געבענשט זאָל זיין משיח!"

אין דער ווייבערשער שוהל האָבען זיך געהערט מורא'דיגע קווימשערייען און קרעכצען און זיפצען; אַ טהייל זיינען געפאַלען אין חלשות, אַנדערע האָבען זיך געדרעהט און אַרומגעוואָרפען אין ספּאַזמען, אַרויסלאָזענדיג ווילדע, משונה'דיגע קולות; דער גייסט האָט געפּאַקט קליינע

קינדער, און זיי האָבען געפּאָכעט מיט זייערע הענטעלאַך און געשריען ווי די פעררוקטע:

„משיח! משיח!"

דער לאַנגער גלות פון די אידען האָט זיך געענדיגט — די ביטערע יאָהר־הונדערטע פון שאַנד און שפּאָט, פון הריגות און רויבערייען. אָה, גרויסער גאָט! ס'איז אַוועק די צייט פון ערנידעריגונג, ווען מען פלעגט זיך אין פאַלשער הכנעה פערנייגען און בויגען פאַר אַלעמען דעם קאָפּ; מען וועט שוין מעהר ניט דאַרפען זיין ללעג ולקלס; ניטאָ מעהר דער שפּאָט פון דעם גאַסען־יונג; אוים מיט גהעטאָס, וואו מען איז געוועזען איינגעשפּאַרט ווי פיה, געבראַנדמאַרקט דורך געוויסע צייכענס פון שאַנד און שפּאָט! די רייד פון די נביאים זיינען ענדליך מקוים געוואָרען, און די אידען זיינען דערהויבען געוואָרען איבער אַלע פעלקער.

„משיח, משיח!"

זיי האָבען זיך אַרויסגעלאָזט אין די שמאָלע געסלאַך, לאַכענדיג, שפּאַסענדיג, שפּרינגענדיג, טאַנצענדיג, וויינענדיג היסטעריש און בעטענדיג איינער ביים צווייטען מחילה פאַר די עולות זייערע. זיי זיינען שבתאי'ן געפאַלען צו די פיס, פרויען האָבען אויסגעשפּרייט רייכע טאַפּעטען פאַר איהם צו טרעטען דערויף (כאָטש ער איז אַרומגעגאַנגען און האָט זיך געהיט ניט אַרויפצושטעלען אַ פוס אויף זיי); זיי האָבען אויך בעהאַנגען זייערע פענסטער און זייערע באַלקאָנען מיט אַלערליי טייערע דעקען און קישענס. אַ טהייל, וועלכע האָבען זיך געפיהלט זינדיג און האָבען מורא געהאַט, דאָס זאָל זיי נאָך חלילה ניט אויסשליסען פון'ם קעניגרייך, זיינען אַראָב צום ים און האָבען זיך טובל געוועזען אין די אייז־קאַלטע וואַסער; אַנדערע האָבען זיך אַליין אויסגעגראָבען קברים אין דער פייכטער ערד און זיך אַליין בעגראָבען ביז וואַנען זיי זיינען דאָרט געבליבען ליגען אין חלשות; אַנדערע ווידער האָבען זיך אַרויפגעגאָסען צושמאָלצענע הייסע וואַקס אויף די נאַקעטע לייבער. נאָר דער געוועהנליכסטער וועג ווי אַזוי זיך צו פייניגען איז געוועזען זיך אַפּריהער גוט אָנשטעכען די רוקענס און די זייטען מיט דערנער און דערנאָך ערשט קריגען ניין און דרייסיג מלקות. אַסך האָבען געפאַסט עטליכע טעג נאָכאַנאַנד און זיינען אויף געוועזען גאַנצע נעכט, זאָגענדיג „תקונים".

אַזוי האָבען זיי געלעבט אין תשובה און תפלה און פּראַוועגדיג זייערע ימים טובים און זייערע שמחות. אַז שבתאי צבי האָט זיך בעוויזען אין גאַס, בעגלייט פון אַ גרויסער מחנה פון זיינע נאָכפאָלגער, מיט אַ פאָכער אין דער האַנד, געהענדיג ערגעץ־וואו צו אַ צערעמאָניע אָדער אין שוהל

אַריין, וואו ער פֿלעגט געבען זיינע פּרושים אויף דער תורה על פּי הקבלה' — האָט מען געקענט טויב ווערן פֿון דעם טומעל און די פֿעררוקטע געשרייען. די קרעמער פֿון דעם אידישען באַזאַר פֿלעגען פֿערמאַכען זייערע קראָמען און זיך אַוועקלאָזען נאָך איהם גאַנצע מחנות־ווייז, זינגענדיג דעם פּסוק: „ימין ה' רוממה, ימין ה' עושה חיל", זיך שטויסענדיג, זיך שפּאַרענדיג; יעדער איינער האָט געוואָלט צוקומען נעהנטער, אָנגערירט ווערען פֿון דעם פֿאָכער און בעגליקט ווערן מיט דער מלוכת השמים, מיט דעם הימלישען קעניגרייך. און איבער אָט די גרויסע צווישעטע מאַסען, וועלכע זיינען געוועזן פֿער'שכור'ט פֿון גלויבען, האָט זיך בעוויזען מעלי־סעלדאַ ווי אַ קעניגען מיט איהר רייצענדען שמייכעל און מיט איהרע פֿרעה־ליכע טענץ, וועלכע האָבען אַזוי שטאַרק געווירקט אויף'ן עולם, אַז מענער און פֿרויען, בחורים און מיידלאַך פֿלעגען זיך אַרומנעהמען אין מיטען גאַס און זיך האַלזען און קושען אין היסטערישען וואַהנזין. דער עול התורה, דער יאָך פֿון די רעליגיעזע געבאָטען איז אַרונטערגענומען געוואָרען, די אַמאָליגע צניעות פֿון די אַלטע צייטען איז געווען אַ פֿערגעסענע זאַך. אין די קהילות פֿון די מקובלים אין טהעסאַלאָניקאַ, וואו די פֿרומע האָבען מיט אַמאָל אָנגעהויבען תשובה טהאָן, וואו אַ טהייל אידען זיינען געשטאָרבען פֿון זיבען־טעגיגע תעניתים און אַנדערע דערפֿון וואָס זיי האָבען זיך געקאַטשעט נאַקעטערהייט אין שנעע, — אין יענער פֿרומער שטאָדט האָבען זיך עלטערן צוגעאיילט חתונה צו מאַכען זייערע יונגע קינדער. דאָס איז געטהאָן געוואָרען מיט דעם צוועק צו פֿערפֿאָלקאָמען דעם תכלית היצירה און אַראָבצוברייגנען אויף דער וועלט אַלע נייע, ניט־געבוירענע נשמות, וועלכע האָבען ביז דאַן נאָך ניט געקענט געפֿינען קיין גופים, צוליעב די אַלטע זינדיגע נשמות, וועלכע האָבען געמוזט כסדר מגולגל ווערן איבער אַ נייעס און זיך סטאַרען פֿערריכטען זייערע פֿעהלערען אויף דער ערד. זיבען הונדערט קינדער זיינען אויף אַזאַ'ן אופן געפֿיהרט געוואָרען אונטער דער חופה. מען האָט אויפֿגעהערט האַנדלען און אַרבייטען; די קעמלען האָבען זיך שוין מעהר ניט בעוויזען אין'ם אידישען קוואַרטאַל פֿון סמירנאַ, די בריק פֿון די קאַראַוואַנעס האָט אויפֿגעהערט זיך טרייסלען, זעלטען ווער ס'איז איצט אַריבער איבער איהר; די קלייטען פֿלעגען נור בלייבען אָפֿען, אַזוי לאַנג ווי ס'איז נייטיג געווען אויסצופֿערקויפֿען די סחורה פֿאַר וואָס פֿאַר עס איז פּרייז; ווער עס האָט נור געהאַט איבעריגע הויזזאַכען, האָט זיי אויך פֿערקויפֿט אַבי־ווי, אי דאָס ניט צו אידען, מחמת זיי איז פֿערוועהרט געווען צו האַנדלען. מסחר איז בעטראַכט געוואָרען פֿאַר אַן אפּיקורסות, און דער וואָס האָט זיך אָבגעגעבען דערמיט איז גע-

ווען אין געפֿאַהר אַריינגעלייגט צו ווערן אין חרם, אָדער בעשטראָפֿט צו ווערען מיט געלד אָדער גאָר מיט אַ קערפּערליכער שטראָף. יע־דער איינער האָט זיך צוגעגרייט צו דער צייט, ווען אַלע אידען וועלען זיך אומקעהרען קיין פּאַלעסטינאַ, ווען די גוים וועלען בעדיענען די צדיקים און דער גרויסער לויתן וועט אויפֿגעגעבען ווערן אויף משיח'ס טיש. דערווייל זיינען די אָרעמע לייט אויסגעהאַלטען געוואָרען פֿון די גבירים. אין טהעסאַלאָניקאַ אַליין האָבען פֿיער טויזענד נפשות גע־לעבט פֿון נדבות; אמת'ע משיח-צייטען פֿאַר די אברהם רוביא'ס. אין סמירנאַ האָט מען זיך אָדער גאָר נישט אומגעקוקט אויף דעם „קאַדי", אָדער מען האָט איהם פֿערשטאָפּט דאָס מויל מיט געלד. דער סמירנער רב, דער „חאַכאַם" אהרן דע לאַ פּאַפּאַ, וועלכער האָט ניט געגלויבט אין שבתאי'ן און איז געווען איינער פֿון די, וועלכע האָבען איהם אין אָנהויב פֿערטריבען פֿון זיין געבורטס-שטאָדט, איז אויף שבתאי'ס בעפֿעהל אַרונ־טערגעזעצט געוואָרען, און חיים בנבנשתי איז געוואָרען „חאַ־כאַם" אָנשטאָט איהם. דער גביר חיים פּנייא, דער איינציגער אָנגעזעהענער צווייפֿלער, וואָס איז נאָך געבליבען אין סמירנאַ, איז שיער ניט צוריסען געוואָרען אויף שטיקער פֿון דעם אויפֿגערעגטען המון אין שוהל. נאָר ווען זיינע אייגענע טעכטער האָבען געקראָגען פּראָפֿעטישע ענטציקונגען און האָבען געזעהן בנבואה די הערליכקייט פֿון דער מלוכה, איז ער אַריבער אויף שבתאי'ס זייט. און איבעראַל האָבען זיך פֿערשפּרייט קלאַנגען, אַז משיח'ס שונאים זיינען אַראָב פֿון זינען און האָבען אַזוי לאַנג געמוטשעט און משוגע געמאַכט זיך און אַנדערע, ביז וואַנען ער האָט זיי אומגעקעהרט דעם פֿערשטאַנד; דאַן זיינען זיי געוואָרען זיינע פֿריינד און זיינע נאָכ־פֿאָלגער. אַנדערע פֿיער הונדערט מענער און פֿרויען זיינען אַריינגעפֿאַלען אין מאָדנע עקסטאַזען; פֿינע איז זיי געגאַנגען פֿון מויל, און זיי האָבען דערצעהלט, ווי זיי האָבען אין חלום געזעהן דעם „לייב פֿון יהודה". און זויג-קינדער, וועלכע האָבען קוים געקענט דייטליך אַרויסריידען אַ זילבע, האָבען געהאַלטען אין איין ווידערהאָלען דעם נאָמען פֿון שבתאי, דעם משיח. אַזעלכע קלאַנגען, וועלכע זיינען פֿערשפּרייט געוואָרען איבער דער גאַנצער וועלט דורך די אויסלענדישע קאָנזולען אין סמירנאַ, דורך די שרייבער פֿון די ענגלישע און האָלענדישע פֿירמאַס, דורך די אויסלענדישע איינוואוינער און די גייסטליכע פֿון די קריסטליכע קירכען, האָבען אָנגע־מאַכט אַ געוואַלדיגען גערודער און פֿונאַנדערגעטרייסעלט די ציוויליזירטע מענשהייט. אין די בערזען פֿון אייראָפּאַ האָט מען געלייגט געלד פֿאַר און געגען אַ אידישע מלוכה.

אויף די אידען פֿון דער וועלט האָט די נייעס, אַז דער חלום פֿון משיח'ן איז פֿערווירקליכט געוואָרען, געווירקט אַזוי ווי אַ דונער; זיי זיינען געוועזען אויסער זיך פֿאַר פֿרייד; דאַן האָבען זיי זיך גענומען גרייטען צו דער גרויסער רייזע. איבעראַל האָט מען זיך געשלאָגען מלקות, געגעבען צדקה, איבעראַל האָט מען זיך אַריינגעלאָזט אין פּראָפֿעטישע עקסטאַזען און ענטציקונגען, די לומדים און דאָס פּראָסטע פֿאָלק האָבען זיך פֿעראייניגט אין איין פֿרעהליכען און זיסען גלויבען. און איבעראַל זינדיגע מעשים, זנות, געשלעכטליכער פֿערקעהר צווישען אייגענע בלוט-פֿערוואַנדטע, וואָס האָט זיך גענומען פֿון אַ מיסטישער לעהרע, אַז די זינד פֿון דער וועלט קענען נור אָבגעווישט ווערן דורך דעם איבערפֿלוס פֿון זינד.

## XVI.

אַמסטערדאַם און האַמבורג — די צוויי רייכסטע אידישע קהילות — וועלכע האָבען כסדר בעקומען פּראָפֿעטישע ידיעות פֿון נתן העזתי, האָבען אָנגעהויבען געהמען אַ שטאַרקען אָנטהייל אין דעם קומענדען קעניגרייך. אין דער הויפּט-שטאָדט פֿון האָלאַנד זיינען די שוהלען פֿול געוואָרען מיט טומעלדיגע מוזיק און מיט טענץ, די הייזער מיט תשובה און חרטה. די גאַסען זיינען געווען פֿול מיט מענער און פֿרויען, וועלכע האָבען זיך אַרומגעוואָרפֿען אין ספּאַזמען און געזאָגט אַלערליי נביאות. די דרוקערייען האָבען אַרויסגעגעבען נייע געבעט-ביכער מיט תשובות און מיט נייע דינים פֿאַר די מאמינים. און אין די דאָזיגע תקונים, וועלכע זיינען געווען פֿול מיט סודות ורמזים וועגען משיח'ן און זיין הערשאַפֿט, האָט מען געקענט געפֿינען שבתאי'ס פּאָרטרעט זייט ביי זייט מיט דעם בילד פֿון דוד המלך. אין האַמבורג זיינען די אידען געפֿלויגען אין הימעל אַריין פֿאַר בעגייסטערונג; זיי האָבען געקנאַקט מיט די פֿינגער אויף די קריסטליכע פֿייניגער, האָבען אויפֿגעהערט געהן צו די געצוואונגענע קריסטליכע גאָטעס-דיענסטען. זייערע אייגענע גאָטעס-דיענסטען זיינען געוואָרען פֿרומע אָרגיען, ווילדע אויסגעלאַסענע סצענעס לשם שמים. בכבוד'יגע שפּאַנישע אידען, ערנסטע אַריסטאָקראַטישע פּאָר-טוגעזען, וועלכע האָבען זיך ביז דאַן געהאַלטען ווי קאַסטיליאַנער פּריצים, נאָבעלע הערען ווי מאַנועל טעקסיירא, דער פֿריינד פֿון אַ שוועדישער קעניגין, בעריהמטע דאָקטוירים ווי בענדיטאָ דע קאַסטראָ, דער פּרעזידענט פֿון דער געמיינדע, — אָט די אַלע האָבען אַרונטערגעוואָרפֿען פֿון זיך זייער

מערב־אייראָפּעאישען גלאַנץ און מען האָט זיי געקענט זעהן אין שוהל, שפּרינגענדיג ווי יונגע הירשען אויף די בערג, טאַנצענדיג ווילדע טענץ מיט די ספר תורה׳ס צוגעדריקט צו זייערע הערצער.

„הי דידי הולדאַ הי טי טי!" אָט די ווערטער אָהן אַ שום זינן האָבען זיי געזונגען, בעת זיי פלעגען זיך צוקאָכען און אַריינפאַלען אין זייערע ווילדע עקסטאַזען.

„נאַ, אָבער דאָס איז דאָך פּשוט קינדעריש," האָט געזאָגט דער גאון יעקב סאַספּאָרטאַס, דער אויבער־ראַבינער פון די ענגלישע אידען, זיצענ־דיג אויף דעם פּרעזידענטען־שטוהל, אַלס עהרען־גאַסט אין האַמבורג. „בנאמנות, דיינע צאן קדושים זיינען פון זינען אַראָב."

דע קאַסטראָ איז געוואָרען אַלערליי קוליערען.

„גיב אַכטונג, אַניט קענען נאָך מיינע שאָף זיך פערוואַנדלען אין הינט. אַז זיי זאָלען דערהערען וואָס דו זאָגסט, וואָלט געוועזען אַסך זיכערער פאַר דיר זאָגאַר צוריקצופאָהרען אין דיין לאָנדאָן."

סאַספּאָרטאַס האָט אַ שמייכעל געטהאָן, צושאָקלענדיג דערביי מיט׳ן קאָפּ.

„יאָ, אויב שבתאי וועט מיטפאָהרען מיט מיר. און אויב ער איז משיח, זאָל ער אויסראָטען די מגפה, זאָל ער קומען און זאָגען זיינע נביאות אין לאָנדאָן; זאָל ער היילען די קראַנקע און פערקלענערען די צאָהל פון די טויטע."

„ער וואָלט בלויז געדאַרפט אַרויפלייגען זיינע הענד אויף די קראַנקע און זיי וואָלטען אויסגעהיילט געוואָרען!" האָט דע קאַסטראָ געענטפערט. „נאָר זיין שליחות איז ניט אויף די אינזלען פון מערב־אייראָפּאַ; ער שטעלט אויף זיין טראָהן אין ציון."

„דיין גליק וואָס ניט אין האַמבורג, אַניט וואָלט דיין הכנסה שטאַרק איינגעשרומפּען געוואָרען, אָה, דו קלוגער דאָקטאָר. אָבער די מגפה איז דאָך שוין באַלד אין גאַנצען אַריבער; ווען ער קומט איצט, וואָלט ער אויף אַ גרינגען אופן געקענט האָבען דעם נאָמען אַז ער האָט זי פערטריבען."

„כאָטש דו ביסט אַ רב, דאָך ביסט דו אַן אפיקורוס; דו זיצסט אויף׳ן פּלאַץ פון דעם אָבלאַכער."

„דאָס האָסט דו דאָך מיר אַליין איינגעלאַדען אַהער," האָט סאַספּאָר־טאַס געמורמעלט מיט אַ שמייכעל.

„די מגפה איז בלויז אַ צייכען פון משיח׳ס צייטען, און דאָס פייער, וואָס האָט פערברענט דיין וואוינונג, איז בלויז די שטראָף פאַר דיין אפיקורסות."

„יאָ, עס קענען זיין אַזעלכע, וואָס זאָלען אָנעהמען אונזער קעניג

טשאַרלס פֿאַר משיח'ן און איהם בעטען, ער זאָל זיך אַרויסגעבען," האָט סאַספּאָרטאַס געזאָגט, מיט זיין געוועהנליכען שמייכעל. „וואָס זשע, ער האָט דען ניט זיינע מעליסעלדאַס?"

„שטיל, דו גאָטעס-לעסטערער!" האָט אַ געשריי געטהאָן דע קאַסטראָ, קוקענדיג מיט אַנגסט אויף דעם ליאַרמענדען עולם. „נאָר דו וועסט זיי אַליין דאַרפֿען אויפֿעסען, דיינע ווערטער."

„זאָל זיין אַזוי," האָט סאַספּאָרטאַס געענטפֿערט מיט אַ מיענע פֿון זעלבסט-ענטזאַגונג. „איך עסס סיי ווי סיי קיין טרפה ניט."

אָבער אומזיסט האָט זיך דער רב פֿון דעם קליינעם מערב-אייראָפּע-אישען אינזעל געסטאַרעט צו בעקעמפֿען די אַלגעמיינע מאַסען-פֿעררוקט-הייט מיט שטעך-ווערטער אָדער מיט פֿערנינפֿטיגע רייד. אין ענגלאַנד גופא זיינען אַרויסגעשפּרונגען קריסטליכע ענטהוזיאַסטען, וועלכע האָבען ערוואַרט די אידישע גאולה, די מפלה פֿון דעם פּאַפּסט און דעם אַנטי-קריסט, און אי-דען און קריסטען זיינען אָנגעצונדען געוואָרען פֿון איין און דעם זעלבען פֿייער.

פֿון דעם וויטען צפון פֿון סקאָטלאַנד איז געקומען אַ וואונדערליכע ידיעה מכח אַ שיף מיט זיידענע זעגלען און זיידענע שטריק, געפֿיהרט פֿון מאַטראָזען, וועלכע האָבען גערעדט צווישען זיך לשון קודש, און מיט אַ פֿאָהן, וואָס האָט געטראָגען אויף זיך די אויפֿשריפֿט: „די צוועלף שבטים פֿון ישראל." און אַ מערקווירדיגער קלאַנג האָט זיך פֿערשפּרייט, אַז גע-וואַלדיגע מחנות פֿון אונבעקאַנטע ערטער לאָזען זיך געהן אין די וויטע מדבריות פֿון אַראַביען. אַז מאמינים פֿלעגען זיך צונויפֿקומען מיט צווייפֿ-לער, האָבען זיי זיך געוואָטען און געלייגט צעהן צו איינס, אַז אין משך פֿון צוויי יאָהר צייט וועט שבתאי זיין דער געזאַלבטער קעניג פֿון ירושלים; אין טהרעדנידל סטריט האָט מען אַרויסגעגעבען געלד-אָנווייזונגען אויף דעם רעכנונג.

און ווירקליך, שבתאי איז שוין געווען דער קעניג פֿון די אידען. פֿון אַלע לענדער פֿון גלות זיינען געקומען גאַנצע מחנות פֿון פֿרומע, איבער-געגעבענע אידען איהם אָבגעבען כבוד און אויסדריקען זייער טרייהייט צו איהם — טערקישע אידען מיט רויטע פֿעסען אָדער מיט געלע טורבאַנעס; ירושלים'ער אידען אין געשטרייפֿטע באַגווילנע בגדים און ווייכע פֿילצענע היטלען; פּוילישע אידען מיט פּיקסענע היטעלעך און מיט לאַנגע קאַפּ-טענס; בלאַסע דייטשע אידען, ריעזיגע רוסישע אידען, הויך-ערצויגענע שפּאַנישע אידען; און מיט זיי פֿלעגען אָפֿט קומען זייערע ווייבער און טעכטער — ירושלים'ער אידישע פֿרויען מיט בלויע פֿאַרטיכער און מיט קאָפּען-שלייערס, מצרים'ער אידישע פֿרויען מיט לאַנגע קליידער און שוואַרצע

שאַלען אויף די קעפ, אידישע פֿרויען פֿון אשדוד און עזה, מיט ווייסע מאַסקעס, בעזעצט מיט גאָלדענע מטבעות, פּוילישע אידענעס מיט גלאַנציגע פּאַריקען, אידישע פֿרויען פֿון סיריען מיט שוואַרצע ברעמען ווי קויהל, פֿעטע אידישע פֿרויען פֿון טונים מיט אָנגעפּאַסטע הויזען, איינגע-וועבט מיט גאָלד און זילבער.

טאָג-טעגליך איז זיין הויז פֿול געווען מיט מענשען פֿון נאָהענט און ווייט; טעגליך האָט ער אויפֿגענומען דעפּוטאַציעס און שליחים. יונגע מע-נער און מיידלאַך האָבען איהם אָנגעבאָטען זייערע לעבענס צו טהאָן דער-מיט וואָס זיין האַרץ געלוסט; די גבירים האָבען אַוועקגעלייגט זייערע פֿער-מעגענס פֿאַר זיינע פֿיס און האָבען זיך אַרומגעריסען פֿאַר דעם כבוד צו בעלאַנגען צו זיין לייב-גוואַרדיע. יענער אַבסטראַקטער גאָט פֿון דעם תנ"ך — מורא'דיג אין זיין ליעבע און זיין האַס, אָהן אַ שום פֿאָרם, אָהן אַ סימן פֿון מענשליכבעס — איז אַצונד פֿערביטען געוואָרען אויף אַ מענ-שען, ווענמען מען האָט געזעהן, וועמען מען האָט געקענט אָנגעהמען מיט די הענד, וועמען מען האָט געקענט ליעבען; און דער גאַנצער טיעפֿער וואונש פֿון זייערע זעעלען, די גאַנצע אונטערדריקטע בענקעניש נאָך אַ זיכטבאַרעס וועזען, וואס זיי זאָלען קענען דיענען און פֿערגעטערען, יענע בענקעניש, וועלכע האָט זיך אויסגעדריקט אין דער פֿערגעטערונג פֿון דער תורה און דער גמרא, האָט אַצונד אַרויסגעשטראָמט צו זייער קערפּערלי-כען ערלייזער. פֿון די אַלטע, אַלטע צייטען איז אַראָב אַ ניי געטליך וועזען — דער הייליגער קעניג, דער משיח, דער ערשטער, אורשפּרינגליכער מענש, צוויי-געשלעכטליך, פֿאָלקאָם, וועלכער וועט צונויפֿגיסען אין איין האַרמאָנישען קלאַנג די אָבגעריסענע, ניט-האַרמאָנירענדע טענער, וועלכער וועט אויפֿשטעלען צוריק די גייסטיגע איינהייט פֿון דעם וועלט-אַל. אַנט-קעגען דער ליעבע, וואָס שפּיגעלט זיך אָב אין זיינע אויגען, וועלען זינד און טרויער פֿערשווינדען ווי אַ שלעכטער דאַמפּף; די פֿערגליווערטע שטראָמען פֿון גנאָד וועלען ווידער אָנהויבען פֿליסען.

„איך, יהוה אייער גאָט, שבתאי צבי!"

אַזוי האָט דער סעקרעטאַר שמואל פּרימו אונטערשריעבען אַלע בריעף און בעפֿעהלען פֿון דעם משיח.

## XVII.

דער חודש אב איז אָנגעקומען — משיח'ס געבורטס-טאָג, דער גרוי-סער תענית, וועלכער דערמאָנט אָן דעם חורבן פֿון ביידע בית המקדש'ן. נאָר מעליסעלדאַ האָט ניט געוואָלט מען זאָל פּראַווען דעם תענית און

פייערן דעם טאָג דורך טרויער און תשובה, און ס'איז אַרוים אַ וואָרט צו אַלע אידען פון גלות: —

„דער איינציגער און רעכט-געבוירענער זוהן פון גאָט, שבתאי צבי, דער משיח און ערלייזער פון דעם פאָלק ישראל צו אַלע בני ישראל, שלום! אַזוי ווי איהר האָט זוכה געווען צו דערלעבען דעם גרויסען טאָג, ווען ס'איז מקוים געוואָרען גאָט'ס וואָרט צו די נביאים, דעריבער זאָל אייער גענויין און אייער טרויער פערביטען ווערן אויף פרייד, און אייערע תעניתים זאָלען ווערן ימים טובים; וואָרים איהר דאַרפט מעהר נים וויינען און קלאָגען. זייט זיך משמח מיט פויקען און מיט מוזיק, מאַכט פון יעדען טאָג אַ ראש חדש און בייט אום דעם טאָג, וואָס איז פריהער בעשטימט געווען פאַר אומעטיגקייט און טרויער, אויף אַ טאָג פון ששון ושמחה, מחמת איך בין געקומען; און האָט גאָר קיין מורא נים, וואָרים איהר וועט געוועלטיגען נים נור איבער די פעלקער, נאָר אויך איבער די פערשיעדענע ברואים אין די טיעפענישען פון ים."

דאָס האָט אויפגעהויבען אַ נייע און נאָך אַ מערקווירדיגערע אויפרעגונג איבעראַל אין אַלע גהעטאָס, אין אַלע אידישע קהילות. דער גרעסטער טהייל האָט אויפגענומען דעם געטליכען בעפעהל מיט גרוים שמחה. משיח איז אַלזאָ ווירקליך געקומען! אָט די שרעקליכע פיער און צוואַנציג יאָהר פון פאַסטען און געבעט האָבען אַלזאָ געזאָלט פערוואַנדעלט ווערן אין פרעהליכע שטונדען מיט מאָהלצייטען, מיט געזאַנג און טענץ! אָה, וואָס פאַר אַ גערעכטער און ערפרעהענדער בעפעהל דאָס איז געווען פאַר זיי! די אידישע מלוכה האָט געהאַלטען ביים אויפגעריכט ווערן — ווי אַזוי זשע האָט מען נאָך ווייטער געקענט קלאָגען אויף איהר אַמאָליגען חורבן!

נאָר די שטאַרק פרומע האָבען זיך נים געקענט ענטשליסען דערצו; און דאָס זיינען גראָד געווען שבתאי'ס הייסעסטע נאָכפאָלגער. וואָס! האָבען זיי געזאָגט. אַוועקמאַכען מיט די אַלע תשובות און תפלות, וואָס האָבען אָנגעהאַלטען זעכצעהן הונדערט יאָהר נאָכאַנאַנד! מבטל זיין דעם עול התורה, דעם יאָך פון די מצוות! ווי קען דאָס מעגליך זיין? אַן אמת'ע רעליגיאָן פאָדערט דאָך אדרבה נאָך נייע, פרישע גדרים, נייע לאַסטען אויף די פלייצעס פון איהרע אָנהייננגער. וואָס וואָלט זיך נאָך בעסער צוגעפאַסט צו דער ערלייזונג פון דער וועלט ווי נייע און שטרייננגערע געבאָטען, אויב די זיינען נים שטריינג גענוג? ס'איז אמת, אַז גאָט אַליין איז איצט אַראָב אין דער געשטאַלט פון אַ מענשען אויף דער ערד— מכח דעם האָבען זיי קיין שום צווייפעל נים געהאַט. אָבער ווי אַזוי

האָט ער געקענט ווערן מבטל זיין די געבאָטען, וועלכע האָבען זיך גענומען פון דער הייליגער תורה און זיינען צונויפגעקליבען געוואָרען, אַ דאַנק דער שווערער, אונערמיעדליכער אַרבייט פון אַזוי פיעל דורות פון פרומע רבנים? ווי אַזוי האָט ער געקענט אַוועקמאַכען מיט דער האַנד דעם שולחן ערוך פון דעם פרומען מאַן בנימין קאַראָ (זכר צדיק לברכה), און די אַלע צערעמאָניעס און מנהגים, פאַר וועלכע זייערע אור־עלטערן האָבען אַזוי אָפט אָבגעגעבען זייערע לעבענס? ווי אַזוי האָט ער געקענט זיין אַזוי גאָטעס־לעסטערענד?

אַזוי האָבען זיי געטראַכט, און אין זייער בלינדער, איינגע׳עקשן׳טער פרומקייט האָבען זיי זיך פעסט אָנגעהאַלטען אָן זייער אַלטער רעליגיאָן, וועלכע איז געשטאַנען אין געפאַהר; אין יעדער אידישער קהילה האָבען זיי געבילדעט קליינע גרופען צו בעשיצען און פערטהיידיגען דאָס יודענטהום.

דאָס וואָס זיי האָבען דורות נאָכאַנאַנד אַזוי פייערדיג, אַזוי ליידענשאַפטליך בעגעהרט; דאָס, אויף וואָס זיי האָבען אַזוי פיעל און אַזוי לאַנג געבעטען, איז ענדליך געקומען. די האָפנונגען, וואָס זיי האָבען אַרויסגענומען פון׳ם זוהר, וואָס זיי האָבען אין זיך אויפגעהאַלטען און ווידערהאָלט טאָג און נאַכט, דאָס פערשפרעכען, אַז דער טרויער וועט פערוואַנדעלט ווערן אין פרייד און אלע מצוות וועלען בטל ווערן — דאָס איז איצט מקוים געוואָרען. משיח איז ווירקליך געקומען — די מלוכה פון די אידען איז ביי דער האַנד. אָבער ביי זיי אין די הערצער איז געווען אַן אונבעשטימטע מורא פאַר דער בלענדענדער געגענוואַרט און אַ בלינדע צוגעבונדענקייט צו דער אונגליקליכער פערגאַנגענהייט.

יענעם נאָכמיטאָג פון תשעה באב, וועלכער איז בטל געוואָרען, איז דער משיח אַרומגעגאַנגען איבער די גאַסען פון דעם אידישען קוואַרטאַל אין סמירנאַ, און אַ מחנה פון נאָכפאָלגער אַרום איהם, טאַנצענדיג און שפיעלענדיג מיט פלייטען און צימבלען, האַרפען און פויקען. מעליסעלדאַ איז געגאַנגען פאָראויס, זינגענדיג אַ מזמור פון תהלים. פלוצלינג האָט זיך צווישען דעם המון פערשפרייט אַ קלאַנג, אַז עס זיינען דאָ אונגלויביגע אין שטאָדט, אַז אַ טהייל פון זיי פאַסטען און זאָגען קינות אין שוהל. און גלייך האָט מען גענומען לויפען ווי די ווילדע. זיי האָבען געפונען די טהירען פון שוהל פערשלאָסען, נאָר מען האָט געקענט הערען די קולות און דאָס געוויין, וואָס איז געקומען פון אינעווייניג.

„ברעכט איין די טהירען!“ האָט אַ געשריי געטהאָן יצחק סילוויירא.

„וואָס טהוען זיי אינעווייניג?! זיי זיינען מחלל דעם יום טוב.“

דער המון האָט איינגעבראָכען די טהירען, אַרויסגעריסען די שטיינער פֿון דער גאַס און זיך אַריינגעלאָזט אין שוהל אַריין.

אויף דער ערד זיינען געזעסען אידען און האָבען זיך געשאָקעלט און אויף'ן קול געזאָגט קינות.

דער עהרווירדיגער אהרן דע לאַ פּאַפּאַ, וועלכער איז געבליבען אַ נכבד אין שטאָדט, ניט קוקענדיג דערויף וואָס ער איז אַרונטערגעזעצט געוואָרען פֿון'ם כסא הרבנות, האָט זיך אויפֿגעהויבען פֿון דער ערד. ער איז געווען איינגעוויקעלט אין אַ ווייסען קיטעל און זיין פּנים איז געווען טויט־בלייך פֿון דעם לאַנגען תענית.

„האַלט!" האָט ער אַ געשריי געטהאָן. „ווי דערוועגט איהר זיך מחלל צו זיין גאָט'ס הויז?"

„גאָטעס־לעסטערער!" האָט געענטפֿערט סילווייראַ. „איהר, וואָס איהר זייט מתפלל אויף דעם וואָס גאָט מיט זיין אונענדליכען חסד האָט אונז שוין געגעבען, — וואָס זשע, הייסט עס דען ניט חוזק געמאַכט פֿון איהם?"

נאָר שלמה אַלגאַזי, אַ גרייז־גראָער פֿאַנאַטיקער האָט אויסגערופֿען: „מיינע פֿאָטערס האָבען געפֿאַסט פֿאַר מיר, און איך וועל ניט פֿאַסטען?"

אַלם ענטפֿער איז געפֿלויגען אַ גרויסער שטיין אין דער לופֿטען, לייכט אָנריהרענדיג זיין קאָפּ.

„גיב זיך אונטער!" האָט אַ געשריי געטהאָן אליהו צבי, איינער פֿון שבתאי'ס ברידער. „הער אויף צו קלאָגען און טרויערן אַניט וועט מען דיך דן זיין בסקילה און דו וועסט פֿערשטיינט ווערן צום טויט. האָט דען גאָט ניט געמאַכט אַ סוף צו אונזער לאַנגען גלות, צו אונזערע יסורים און ענוים קשים? וואַרף אַוועק די קינות, אַניט וועט דיין בלוט פֿאַלען אויף דיין אייגענעם קאָפּ." אַלגאַזי און דע לאַ פּאַפּאַ זיינען פֿערטריבען געוואָרען פֿון דער שטאָדט; די כופרים, ווי מען האָט גערופֿען די צווייפֿלער, זיינען אַריינגעלייגט געוואָרען אין חרם. דער דונער פֿון די מאמינים האָט איינגעשטילט די שוואַכע שטימע פֿון צווייפֿעל, וועלכע האָט ווען ניט ווען געסמייעט זיך לאָזען הערען.

און פֿון אַלע אידישע קהילות פֿון דער וועלט, פֿון מאַראָקאָ ביז סאַר־דיניען, פֿון לאָנדאָן ביז ליטאַ, פֿון בראַזיליען ביז אינדיען, האָט זיך אויפֿ־געהויבען איין גרויסער געשריי און איין שפּראַך: — „לשנה הבאה בירושלים — לשנה הבאה בני חורין. דאָס קומענדע יאָהר אין ירושלים — דאָס קומענדע יאָהר פֿרייע מענשען!"

## XVIII.

ס'איז געווען סוף 1665-טען יאָהר. אין עטליכע טעג אַרום האָט די ערשטע זונן פֿון דעם גרויסען יאָהר 1666 געזאָלט אויפֿגעהן און בעשיינען די וועלט. די אידען האָבען אַוועקגעוואָרפֿען זייערע געשעפֿטען און זיך אָבגעגעבען בלויז מיט דער פֿראַגע פֿון משיח'ן. די בערזען, די באַנק־הייזער, די יריד'ן און אַלע אַנדערע האַנדעלס־פּלעצער, — אַלעס איז איגנאָרירט געוואָרען, און אָנשטאָט קאָמערץ־בריעף האָט מען זיך דורכגעשריעבען מכח פֿערשיעדענע נסים און מופתים, וואָס האָבען אין יענער צייט געטראָפֿען.

אליהו הנביא, אין זיין פֿאַרצייטיגען מאַנטעל, פֿלעגט זיך בעוויזען איבעראַל, און איבעראַל אין איין און דערזעלבער צייט. מען האָט איהם געזעהן אויסטרינקען די כוסות מיט וויין, וואָס מען האָט איבערגעלאָזט פֿאַר איהם, און וועלכע ער פֿלעגט אָפּטמאָל אָנפֿילען מיט בוימעל. ער איז איינמאָל ערשיענען אין סמירנאַ, ביי דער וואַנד פֿון אַ הויז, וואו מען האָט זיך משמח געווען, און מען האָט איהם מקבל פנים געווען מיט קאָמפּלימענטען, דרשות און דאַנק־זאָגונגען. אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל האָט איהם אַ איד בעגעגענט אין גאַס, און אליהו האָט דעם אידען אויס'געמוסר'ט פֿאַרוואָס ער האָט ניט געטראָגען קיין „ארבע כנפות" און פֿאַרוואָס ער האָט זיך געגאָלט דעם קאָפּ. און מען האָט גלייך איבער'ן גאַנצען לאַנד צוריק אָנגעהויבען טראָגען „ארבע כנפות'ן" און זיך אויפֿגעהערט גאָלען די קעפּ, ווי מען פֿלעגט ביז דאַן טהאָן, לויט דעם מנהג פֿון די טערקען — זאָגאַר פאות האָט מען זיך ווידער פֿערלאָזט, און דער וואָס האָט זיי ניט געהאַט, האָט זיך דערמיט אַליין פֿעראַמטהען אלס כופר.

שבתאי צבי, וועלכער איז געווען גליקליך מיט מעליסעלדאַ'ס ליעבע און ענטציקט פֿון הימלישע פֿרייד, וואַרטענדיג איצט אויף דעם נס, וואָס האָט געזאָלט בעקרוינען זיין וואונדערליכען לעבען, האָט זיך צוגעגרייט צו פֿאָהרען קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, וואו ער האָט געדאַרפֿט אַרונטערנעהמען די קרוין פֿון'ם סולטאַן'ס קאָפּ מיט דער הילף פֿון מוזיק. ער האָט אָבגעהאַלטען אַ לעצטען פֿייערליכען קבלת פנים אין סמירנאַ, און דאָרט, אַרומגערינגעלט פֿון זיינע געטרייע נאָכפֿאָלגער, מיט מעליסעלדאַ'ן ביי דער זייט, האָט ער זיך גענומען פֿערטהיילען די וועלט צווישען זיינע זעקס און צוואַנציג אַדיוטאַנטען.

פֿון אָט די אַלע האָט ער געמאַכט קעניגע און פּרינצען. צוערשט זיינען געקומען די ברידער זיינע. א ל י ה ו צ ב י ' ן האָט ער געמאַכט

פֿאַר דעם מלך המלכים, דעם קעניג פֿון די קעניגע, און יוסף צבי׳ן פֿאַר דעם מלך מלכי יהודה, דעם קעניג פֿון די קעניגע אין דעם לאַנד יהודה.

„אין דיר, אָה יצחק סילוויירא," האָט ער געזאָגט, „איז מגולגל געוואָרען די נשמה פֿון דוד מלך ישראל. דערום זאָלסט דו הייסען דוד המלך און זאָלסט האָבען די ממשלה איבער דאָס לאַנד פרס (פּערסיען). דו, אָה חיים אינעניא, ביסט ירבעם, און דו זאָלסט געוועלטיגען איבער אַראַביען. דו, אָה דניאל פינטו, ביסט חלקיהו, און דיין קעניגרייך זאָל זיין איטאַליען. צו דיר, אָה מתתיהו אשכנזי, וואָס דו ביסט דער גלגול פֿון דעם קעניג אסא, זאָל געגעבען ווערן צפון-אַפֿריקאַ, און דו, מיכיהו גאַספּאַר, אין וועמען עס לעבט די נשמה פֿון צדקיהו, דו זאָלסט הערשען איבער ענגלאַנד." און אַזוי איז אָנגעגאַנגען ווייטער די חלוקה, אליהו אַזאַר איז געוואָרען „שני למלך" ביי אליהו צבי׳ן און יוסף אינערנוך „שני למלך" ביי יוסף צבי׳ן.

„און פֿאַר מיר?" האָט געפֿרעגט דער שנאָרער, אברהם רוביא.

„איך האָב דיך ניט פֿערגעסען," האָט שבתאי געענטפֿערט. „ביסט דו דען ניט יאשיהו?"

„אמת — כ׳האָב גאָר פֿערגעסען," האָט דער שנאָרער געמורמעלט.

„דיר גיב איך טערקיי, און דיין כסא המלוכה זאָל שטעהן אין סמירנא."

„זאָל דיין קעניגליכע הויכקייט דערהויבען ווערן לדור דורות!" האָט דער קעניג יאשיהו געענטפֿערט מיט אַ פֿייערדיגען טאָן. „איך וועל, הייסט עס, ווירקליך זיצען אונטער מיין אייגענעם פֿייגען-בוים."

פּאָרטוגאַל איז אַריינגעפֿאַלען צו איינעם פֿון די אנוסים, אַ דאָקטאָר, וועלכער האָט זיך געראַטעוועט פֿון דער אינקוויזיציע. אפילו שבתאי׳ס אַמאָליגער שונא, חיים פּנייא, האָט געקראָגען במתנה אַ קעניגרייך.

„דיר, מיין זעהר בעליעבטער רפאל יוסף טשעלעבי פֿון קאַירא," האָט שבתאי געענדיגט, „ביי וועמען אין פּאַלאַץ מעליסעלדאַ איז געוואָרען מיין קעניגין, דיר, וואָס דו ביסט דער קעניג יואש, גיב איך די מלוכה פֿון מצרים."

דער מלך מלכי המלכים, דער הערשער פֿון דער גאַנצער וועלט איז אויפֿגעשטאַנען, און זיינע קעניגע האָבען זיך אויסגעצויגען פֿאַר זיינע פֿים.

„זייט גרייט," האָט ער געזאָגט. „אין דעם ערשטען פֿריה-מאָרגען פֿון ניי-יאָהר וועלען מיר אַרויספֿאָהרען פֿון דאַנען."

אַז ער איז אַרויס פֿון שטוב, האָט אויסגעבראָכען אַ גרויסער טומעל. רייכע לייט, וועלכע זיינען געוועזען שטאַרק ענטטוישט דערפֿון וואָס זיי האָבען ניט געקראָגען קיין שום חלק אין די מלוכות, האָבען זיך געפּרוּאווט

אָבקויפֿען זיי ביי די נייע מלכים. עס האָט זיך אָנגעהויבען אַ שטייגעריי, אַזוי ווי אויף אַ ליציטאַציע, און אַם שטאַרקסטען איז געשטיגען דער פּרייז פֿאַר דער טערקישער מלוכה.

„אַוועק! בלאָזט זיך ניט אַזוי מיט אייערע געלד־בייטלען!" האָט געשריען אברהם רוביא, פֿול מיט אַ ניי־געבוירענער מאַיעסטעט, „וואָס זשע, איהר וויסט דען ניט, אַז סמירנאַ איז אונזער הויפּט־שטאָדט, און מיר קענען קאָנפֿיסקירען אייער געלד און עס צונעהמען צו אונז אין דער קעניגליכער קאַסע? יאשיהו איז קעניג דאָ!" און ער האָט זיך אַרויפֿגעזעצט אויף דעם טראָהן, פֿון וואַנען שבתאי איז נאָר וואָס אַראָבגענאַנגען. „געהט זיך אייער וועג, אַניט וועט איהר פֿערזוכען דעם טעם פֿון דער בולאַווע און פֿון דער ווערג־שטריק."

## XIX.

פֿונקט דעם ערשטען פֿריה-מאָרגען פֿון דעם יאָהר 1666 האָט זיך דער טערקישער משיח, מיט זיין קעניגין און מיט זיין גאַנצער סוויטע פֿון מלכים, אויפֿגעזעצט אויף אַ שיף קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, אַרונטערצונעהמען די קרוין ביים גרויסען טערק, דעם הערשער פֿון פּאַלעסטינאַ פֿון קאָפּ. ער איז געפֿאָהרען אויף אַ צוויי-מאַסטיגען אָריענטאַלישען זעגעל-שיף, די גרויסע מאַסע פֿון זיינע נאָכפֿאָלגער האָבען די נסיעה געמאַכט דורך דער יבשה. כאָטש דער צוועק פֿון זיין רייזע איז ניט אַרוים אין דער עפֿענטליכקייט, דאָך האָט מען אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל געוואוסט, אַז ער קומט. דער סעקרעטאַר שמואל פּרימו האָט עס מפרסם געווען דורך בריעף, וועלכע ער האָט פֿונאַנדערגעשיקט איבעראַל. עס איז זאָגאַר בעשטימט געוואָרען דער טאָג, ווען ער האָט געזאָלט אָנקומען. קאָנסטאַנטינאָפּאָל איז געווען אין אַ מורא'דיג אויפֿגערעגטען צושטאַנד. דער גראַן-וויזיר האָט געגעבען אַ געהיימען בעפֿעהל, אַז מען זאָל איהם אַרעסטירען אַלס בונטאָוושטשיק; אַ באַנדע פֿון פּאָליציי־לייט זיינען אַרויסגעשיקט געוואָרען צו בעגעגענען דאָס זעגעל-שיף. אָבער דער טאָג איז געקומען און אַוועקגעגאַנגען, און עס האָט זיך ניט בעוויזען קיין משיח. אַנשטאָט דעם האָט עס מורא'דיג געדונערט, געבליצט און גערעגענט און עס זיינען אָנגעקומען פֿערשיעדענע ידיעות מכח שיפֿען, וואָס זיינען אונטערגעגאַנגען אויף'ן ים. דער ווינד איז געקומען פֿון צפון, און עס האָט אויסגעזעהן, אַז שבתאי'ס זעגעל-שיף איז אַרויסגעשלאָגען געוואָרען פֿון וועג און פֿערטריבען געוואָרען ווער ווייסט וואו.

די אידען פֿון קאָנסטאַנטינאָפּאָל האָבען זיך נאָכגעפֿרעגט אויף נייעס, יעדעס מאָל וואָס אַ שיף פֿלעגט אָנקומען. דער קאַפּיטאַן פֿון אַ שיף, וואָס איז געקומען פֿון די „מאַרמאָראַ-אינזלען", האָט זיי דערצעהלט, אַז אַ שיף האָט געאַנקערט ביי די אינזלען, און אַ הויכער מאַן, אָנגעטהאָן אין ווייסען, וועלכער האָט אַרומגעשפּאַצירט אויף'ן דעק, דערהערענדיג, אַז די איינוואוינער פֿון די אינזלען זיינען קריסטען, האָט אויפֿגעהויבען זיין פֿינ־גער צום הימעל און די קירכע איז פֿערברענט געוואָרען אויף אַש. אַז די אידען האָבען ענדליך געהערט, אַז שבתאי'ס שיף איז געבליבען גאַנץ און געפֿינט זיך ערגעץ אַרום די „דאַרדאַנעלען", האָבען זיי זיך שוין דערצעהלט איינע די אַנדערע דעם נס, ווי אַזוי זייער הערר און ערלייזער האָט מנצח געוועזן די כוואַליעס און די ווינדען איינפֿאַך דורך דעם קאַפּיטעל קט"ז פֿון תהילים. אָבער תיכף נאָך די נייעס מכח זיין זיכערהייט איז געקומען די ידיעה, אַז ער איז גענומען געוואָרען אין פלען; דעם גראַן-וויזיר'ס בעאַמטע האָבען איהם געפֿיהרט קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל.

ס'איז אמת געווען; נאָר דאָך זיינען די מחמר'אַנער, וועלכע האָבען איהם גענומען געפֿאַנגען, ניט געבליבען אָהן אַ געוויסע ווירקונג פֿון זיין פערזאָן און פֿון זיין גרויסקייט, וואָרים אין „טשעקנעזע קוטשוק", ניט ווייט פֿון דער הויפּט-שטאָדט, האָבען זיי זיך אָבגעשטעלט, כדי ער זאָל דאָרט קענען האַלטען שבת; און די שבתאי צבי'ניקעס פֿון קאָנסטאַנטינאָפּאָל, וועלכע האָבען זיך דערוואוסט דורך אַ שליח וואו ער געפֿינט זיך, זיינען אַרוים מיט עסענוואַרג און מיט געלד. זיי האָבען נאָך אַלץ ערוואַרט צו זעהן, ווי זייער הערשער וועט אָנקומען מיט גלאַנץ און פּראַכט, אָבער ער איז געקומען אין אַ קלעגליכען צושטאַנד אויף אַ מרה שחורה'־דיגען פֿערד, מיט שווערע, קלינגענדע קייטען אויף די פֿיס. דאָך איז ער אויף קיין פֿאַל ניט געווען דערשלאָגען און אַראָבגעפֿאַלען ביי זיך. „איך בין ווי אַ פֿרוי, וואָס געהט צו קינד", האָט ער געזאָגט צו זיין קעניגלי־כער סוויטע; „וואָס שטאַרקער עס זיינען איהרע וועהען, אַלץ נעהנטער איז דער מאָמענט פֿון איהר ערלייזונג. איהר וואָלט גדאַרפֿט לאַכען און זיך פֿרעהען, אַזוי ווי יענער רבי אין תלמוד האָט געלאַכט, ווען ער האָט געזעהן דעם שאַקאַל אַרומלויפֿענדיג אַרום די חורבות פֿון'ם בית המקדש; וואָרים ביז וואַנען די נבואות וועלען אין גאַנצען מקוים ווערן, קען זיך די גדולה ניט אומקעהרען צוריק." און זיין פנים האָט געלויכטען מיט זעלבסטבעוואוסטער געטליכקייט.

מען האָט איהם אַריינגעזעצט אין אַ „כאַן", אַ גרויסע געביידע, מיט אַ שטאַרקער וואַך. נאָר זיינע נאָכפֿאָלגער האָבען איהם אויסגעקויפֿט פֿון

די קייטען און איהם זאָגאַר אויפגעשטעלט אַ מין טראָהן. זונטאָג האָבען די טערקישע פּאָליציסטען איהם אַליין אַריינגעפיהרט קיין קאָנסטאַנטינאָ־פּאָל. אַ גרויסע מחנה פון אידען און טערקען האָט איהם אָבגעוואַרט ביים האַפען; פּאָליציי־לייט אויף פערד זיינען אַרומגעפאָהרען צו מאַכען אַ וועג פאַר די אָנגעקומענע און צו פערהיטען, אַז עס זאָל ניט אויסברעכען קיין געשלעג. ענדליך, אונטער גרויס טומעל און געשרייען, האָט שבתאי אַרויפגעשטעלט זיין פוס אויף'ן ברעג.

זיין טרויעריגע, נאָבעלע מיענע, די שעהנקייט פון זיין געזיכט, זיין ענטשלאָסענע שטילקייט, דאָס אַלעס האָט געמאַכט אַ געהיימניס־פולען רושם אויף אַלע, וועלכע האָבען זיך געפונען אַרום איהם, אפילו די טערקען האָבען אויך געהאַט אַ מאָמענט פון שרעק. קיין ספק ניט, אַ גאָט אין מענשען־געשטאַלט!

דער פּאַשאַ האָט געשיקט זיין אַדיוטאַנט מיט אַ וואַך איהם אַריבער־צונעהמען אין דער פעסטונג. צוערשט האָבען זיי איהם אַוועקגעפיהרט אין צאָלל־הויז, די וואַך איז געפאָהרען פאָראויס און האָט פונאַנדערגעטריבען דעם עולם.

שבתאי האָט זיך אַנידערגעזעצט אויף אַ שטוהל מיט אַזאַ מאַיעסטעטישער מיענע, אָקוראַט ווי עס וואָלט געווען שלמה המלך'ס טראָהן.

תחילת האָט שבתאי'ס אָנבליק געוואָרפען אַ מורא אויך אויף דעם אונטער־פּאַשאַ, אָבער ער איז תיכף געקומען צו זיך און האָט געזאָגט:

„שטעה אויף, דו פערפיהרער! ס'איז צייט, דו זאָלסט קריגען בע־צאָהלט פאַר דיין פערראַטה און זאָלסט שניידען די פרוכט פון דיינע שגעונות."

און דערביי האָט ער שבתאי'ן אַראָבגעלאָזט אַ פּאַטש.

זיינע חברה־לייט, וועלכע זיינען דורך דעם בעפרייט געוואָרען פון דער שווערער, געשפּאַנטער שטימונג, האָבען אַרויסגעשאָסען מיט אַ רשעות'־דיגען געלעכטער.

שבתאי האָט אַ קוק געטהאָן מיט אַ טרויעריגען בליק אויף דעם ברוטאַלען בעאַמטען, דאַן האָט ער איהם אויסגעשטעלט די צווייטע באַק.

דער אונטער־פּאַשאַ האָט אָבגעטראָטען אָן אַ זייט מיט אַ מורא'דיגען געפיהל פון איבערנאַטירליכקייט. דער שפּאָט פון די אַרומשטעהענדע איז גלייך איינגעשטילט געוואָרען.

כדי אויסצומיידען אַ צוזאַמענשטויס מיט'ן המון, האָט מען שבתאי'ן אָב־געפיהרט דורך זייטיגע וועגען צו דעם „קאַימאַקאָן", דעם וויצע־וויזיר אין פּאַלאַץ אַריין.

„ביסט דו דער מאַן," האָט דער „קאַימאַקאָן" געליאַרעמט, „אויף ווע־

מען די אידען זאָגען, אַז ער האָט בעוויזען נסים אין סמירנאַ? אַצונד איז די צייט צו ווייזען אַ מופת, וואָרים ווען וועט דיר זיין אַז ניט! דיין פֿערראַטה זאָל דיך טייער קאָסטען!"

„נסים!" האָט שבתאי געענטפֿערט מיט אַ שוואַכען קול. „איך — וואָס בין איך דען? בלויז אַן אָרימער איד, און איך בין געקומען אַהער אויפֿקלייבען נדבות פֿאַר מיינע אָרעמע ברידער אין ירושלים. די אידען פֿון דער דאָזיגער גרויסער שטאָדט האָבען זיך איינגערעדט, אַז מיין ברכה וועט זיי ברייגען גאָט'ס גנאָד; זיי קלייבען זיך צונויף מיך צו בעגריסען. קען זיי אָבהאַלטען?"

„דו ביסט אַ פֿערפֿיהרערישער שורקע."

„אַ פראָסטער שווינדלער, וואָס וויל שפּיעלען די ראָלע פֿון אַ גאָט," איז דער אונטער־פּאַשאַ אַריינגעפֿאַלען אין די רייד. „כ'האָב געמיינט, איך וועל פֿערליערען מיין אָרם, ווען איך האָב איהם אַראָבגעלאָזט אַ פּאַטש, אָבער זעהט! ער איז שטאַרקער ווי אימער." און ער האָט זיך בעטאַפּט דעם מוסקול מיט גרויס צופֿריעדענהייט.

„פֿיהרט איהם אָב אין תפיסה, דעם לומפּ!" האָט דער „קאַימאַקאָן" אַ געשריי געטהאָן.

שבתאי, וועמעס געזיכט און מיענע איז פֿול געווען מיט הימלישער איבערצייגונג, איז אַריינגעזעצט געוואָרען אין אַ שמוציגען קעלער, וואָס האָט געדיענט אַלס טורמע פֿאַר אידישע בעלי חובות.

## XX.

אַ פּאָר טעג צייט האָבען די מוסולמאַנער זיך לוסטיג געמאַכט איבער די דערשלאָגענע אידען און זייער משיח. די גאַסען־אינגלאַך זיינען נאָכגעלאָפֿען נאָך שבתאי צבי'ס אָנהייגער, שרייענדיג: „געלדי־מי? געלדי־מי?" (ער קומט? ער קומט?); זאָגאַר דאָס בילען פֿון די הינט אין די גאַסען האָט געקלונגען גרויזאַם. נאָר באַלד האָט זיך די לאַגע איבערגעביטען. שבתאי'ס פּראָפֿעטישע סוויטע האָט ניט אויפֿגעהערט צו גלויבען אין איהם — טאַקי דערפֿאַר אַליין וואָס ער ליידט, איז ער משיח! פֿרויען און קינדער זיינען אַריינגעפֿאַלען אין מיסטישע צושטענדע, האָבען געזעהן פֿערשיעדענע חזיונות, און וואונדער זיינען געשעהן אויף אַלע אָפֿענע וועגען. מ ש ה ס ו ר י א ל, וועלכער האָט פֿריהער געטריבען ליצנות און כלומר'שט אַרויסגערופֿען גייסטער, איז מיט אַ מאָל אויף צו'ן אמת'ן אַרייינגעפֿאַלען אין אַ ווילדען, צווישעטען עקסטאַז און האָט אָנגעהויבען אַרויסגעבען פֿון זיך אַלערליי

נבואות; און אַז ער איז געקומען צו זיך, איז ער אַרומגעגאַנגען איבער די גאַסען און האָט געשריען: „טהוט תשובה! טהוט תשובה! איך בין געווען אַן אָבלאַבער און אַ רשע. טהוט תשובה! טהוט תשובה!" די מוסולמאַנער גופא האָבען זיך אָנגעהויבען אַרומוואַקלען און האָבען ניט געוואוסט וואָס זיי זאָלען דיינקען וועגען שבתאי'ן און זיין מלוכה. אַ טערקישער דערוויש, אָנגעטהאָן אין ווייסע ברייטע בגדים, מיט אַ שטעקען אין דער האַנד, האָט גע'דרשנ'ט פֿאַר זיינע לאַנדסלייט אין די גאַסען, פּראָקלאַמירענדיג דעם אידישען משיח. „בעדיינקט זיך נור," האָט ער געזאָגט, „אַז ווען איהר וואַשט זיך אָב די הענד אייערע, וועלכע זיינען פֿערפֿלעקט מיט דעם בלוט פֿון די אָרעמע לייט און פֿול מיט רויב, אָדער ווען איהר שוויינקט אָב די פֿיס אייערע, וועלכע זיינען געגאַנגען אויף'ן וועג פֿון אונגערעכטיגקייט, — איז דאָס גענוג אייך צו מאַכען ריין? אַ פּוסטע איינבילדונג! גאָט האָט געהערט די תפלות פֿון די אָרעמע, וועמען איהר פֿעראַכטעט! ער וועט דערהויבען די ערנידעריגטע און דערשלאָגענע און דערשלאָגען די שטאָלצע." אומזיסט האָט מען איהם עטליכע מאָל געשלאָגען מיט'ן „באַסטינאָדאָ", מיט דער טערקישער בולאַווע. ענדליך האָט מען איהם געבראַכט פֿאַר'ן קאַדי, וועלכער האָט איהם אָבגעשיקט אין „טימאַר-האַנע", אין משוגעים-הויז. אָבער די דאָקטוירים האָבען בעשטעטיגט, אַז ער איז ביים פֿולען פֿערשטאַנד, און ער איז ווידער געבראַכט געוואָרען פֿאַר'ן קאַדי, וועלכער האָט איהם געסטראַשעט מיט'ן טויט, אויב ער וועט ניט אויפֿהערען צו האַלטען זיינע דרשות. „הרג'עט מיך," האָט דער דערוויש זיך געבעטען, „און איהר וועט מיך אויסלייזען פֿון די גייסטער, וועלכע זיצען אין מיר און טרייבען מיר צו זאָגען נביאות." די דאָזיגע ווערטער האָבען אויף'ן קאַדי געמאַכט אַ טיעפֿען רושם און ער האָט איהם בעפֿרייט. ער האָט איהם אויך געוואָלט בעלוינען פֿאַר די יסורים, וואָס ער האָט איהם פֿערשאַפֿט, און איהם אָנלאָדען מיט זילבער, נאָר דער דערוויש האָט גאָרנישט געוואָלט נעהמען און איז זיך אַוועק זיין וועג, ווידער דרש'ענדיג און פּראָפֿעצייהענדיג ווי פֿריהער. און אין הימעל האָט זיך בעוויזען אַ פֿלאַמענדער קאָמעט.

באַלד האָט שבתאי געהאַט אַ גרויסע מאַסע פֿון טערקישע נאָכפֿאָלגער. די אידען, וועלכע האָבען זיך געפֿונען אין דער תפיסה פֿון די בעלי חובות אינאיינעם מיט שבתאי'ן, האָבען איהם תיכף אָבגעגעבען דעם בעסטען אָרט און געמאַכט אַ טראָהן פֿאַר איהם. ער איז געוואָרען דער קעניג פֿון דער תפיסה. טויזענדער פֿלעגען זיך פֿערקלייבען טאָג-טעגליך אַרום די טויערן צו כאַפּען אַ קוק אויף איהם. דער הויפּט וועכטער פֿון דער טורמע האָט, פֿערשטעהט זיך, ניט אַרויסגעלאָזט די געלעגענהייט און גע-

צוויגען זיינע פּראָפֿיטען פֿון זייער פֿערגעטערונג. אָנשטאָט די פֿינף פּיאַסטער, וואָס מען האָט געדאַרפֿט בעצאָהלען פֿאַר דער ערלויבעניש צו בעזוכען אַן אַרעסטאַנט, האָט ער גענומען פֿון שבתאי׳ס אָנהייגער אַ גאַנצע קראָן, דאָס הייסט פֿיער מאָל אזוי פֿיעל, און ער איז גאָר גיך רייך געוואָרען. געוויסע אָנגעזעהענע אידען פֿון קאָנסטאַנטינאָפּאָל פֿלעגען בלייבען אַ גאַנ־צען טאָג לעבען שבתאי׳ן, שטעהענדיג פֿאַר איהם מיט הכנעה און פֿער־געטערונג אויף דעם אָריענטאַלישען אופֿן — די אויגען אַראָבגעלאָזט צו דער ערד, די קערפּערס אָנגעבויגען פֿאָראויס און די הענד אַריבערגעלייגט איי־נע איבער דער אַנדערער אויף׳ן האַרצען. פֿאַר אָט די געסט זיינע, וועלכע פֿלעגען קומען אָנגעלאָדען מיט מתנות, האָט שבתאי ווינציג וואָס גערעדט; נור צייטענווייס פֿלעגט ער דערמאָנען דעם קאַפּיטעל פֿון בראשית, וואו עס דערצעהלט זיך וועגען יוסף׳ן, וועלכער איז אַרויס פֿון תפיסה און איז געוואָרען דער מושל איבער מצרים.

„ווי געהט עס דיין אָרעמען אַרעסטאַנט?״ האָט דער „קאַימאַקאָן״ אַמאָל צופֿעליגער ווייזע אַ פֿרעג געטהאָן ביי זיין אונטער־פּאַשאַ.

„אָרעמער אַרעסטאַנט, מיין הערר!״ האָט אַרויסגעפּלאַצט דער אונ־טער־פּאַשאַ. „זאָגט בעסער, גליקליכער און גלענצענדער מאָנאַרך! די טורמע איז געוואָרען אַ פּאַלאַץ. דאָרט וואו ס׳האָט פֿריהער געהערשט אַ שטענדיגע פינסטערניש, ברענען איצט כסדר וועקסענע ליכט; דער פּלאַץ, וואָס איז געוועזען פֿערפּעסטעט פֿון שמוץ און מיסט, איז אַצונד פֿול מיט דעם ריח פֿון רויזען און אַלערליי פּאַרפֿיומען; דאָרט וואו מענשען פֿלעגען פֿריהער אויסגעהן פֿאַר הונגער, זעהט מען איצט אַלערליי לוקסוס־זאַכען; די שיריים, די ברעקלאַך פֿון שבתאי׳ס טיש זיינען גענוג פֿאַר אַלע זיינע חברים־אַרעסטאַנטען.״

דער „קאַימאַקאָן״ איז געוועזען שטאַרק צוטראָגען און איז אַרומגעגאַנ־גען און האָט געטראַכט וואָס צו טהאָן.

דערווייל איז שבתאי׳ס בעריהמטקייט געוואַקסען און געוואַקסען. מען פֿלעגט דערצעהלען, אַז יעדע נאַכט בעוויזט זיך אַ ליכט איבער זיין קאָפּ, צייטענווייז פֿון שטערען, צייטענווייז ווי אַ צווייג פֿון אַן אָליוועןן־בוים. עטליכע ענגלישע סוחרים פֿון גאַלאַטאַ (אַ קאָנסטאַנטינאָפּאָלער קוואַר־טאַל), זיינען געקומען צו איהם אויף בעזוך און האָבען זיך פֿאַר איהם בעקלאָגט אויף זייערע אידישע בעלי חובות אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, וועלכע האָבען אויפֿגעהערט צו האַנדלען און ווילען ניט בעצאָהלען זייערע שול־דען. שבתאי האָט גענומען זיין פֿעדער און אָנגעשריבען פֿאָלגענדע ווערטער:

„צו אייך, די אידען, וועלכע וואַרטען אויף משיח׳ן און אויף דער

גאולה פֿון'ם פֿאָלק ישראל, שלום אין קץ, פֿריעדען אָהן אַן ענד. היות אַזוי ווי מען האָט אונז איבערגעגעבען, אַז איהר זייט שולדיג געלד צו עטליכע פֿון דער ענגלישער נאַציאָן, האַלטען מיר פֿאַר רעכט אייך צו בעפֿעהלען, איהר זאָלט בעצאָהלען די דאָזיגע חובות אייערע; און באם איהר וועט זיך ענטזאַגען דערפֿון און ניט פֿאָלגען אונזער בעפֿעהל, זאָלט איהר וויסען זיין, אַז איהר וועט ניט האָבען קיין שום חלק אין אונזערע שמחות און אונזער מלוכה."

די חובות זיינען אויף'ן שטעל בעצאָהלט געוואָרען, און שבתאי'ס נאָמען איז גרעסער און בעריהמטער געוואָרען. די געשיכטע מכח זיין איינגעשפּאַרט ווערן אין תפיסה און מכח דעם כבוד, וואָס ער האָט, אפילו פֿון מוסולמאַנער, האָט זיך פֿערשפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט. וואָס! די טערקישע רעגירונג, וועלכע איז געווען בעריהמט פֿאַר איהר אכזריות, און וואָס איהר עצם פּאָליטיק איז בעשטאַנען אין דעם, אַז דער הערשער פֿון לאַנד זאָל זיין אַרומגערינגעלט פֿון מענשען, וועמען ער זאָל קענען דערהויבען צו כבוד און גדולה אָדער אַוועקשיקען פֿון דער וועלט, אויב זיין האַרץ האָט עס געגלוסט, — אָט דער טערקישער סולטאַן, וועלכער איז בסדר געווען גרייט מיט'ן שטריק און דעם זאַק, מיט'ן שווערד און דעם „באַסטינאַדאָ", האָט פֿונדעסטוועגען ניט געסמייעט צו טויטען אַ בונטאָווסטשיק, וועלכער האָט זיך בעריהמט, אַז ער וועט אַרונטערזעצען דעם סולטאַן פֿון טראָהן, ווער זשע האָט נאָך געקענט צווייפֿלען, אַז דאָס איז ווירקליך דער לאַנג־ערוואַרטעטער משיח?!

## XXI.

אָבער דער „קאַימאַקאָן" האָט זיך געגרייט אַוועקצופֿאָהרען מלחמה האַלטען מיט קרעטאַ; און אין זיין אַבוועזענהייט האָט ער מורא געהאַט איבערצולאָזען שבתאי'ן אין דער הויפּט־שטאָדט. דער אַרעסטאַנט איז מחמת דעם אַריבערגעפֿיהרט געוואָרען אין דעם פּלאַץ, וואו מען האָט געהאַלטען די שטאַאַטס־געפֿאַנגענע, אין דער פֿעסטונג פֿון די דאַרדאַנעלען אין אַבידאָס. דער בעפֿעהל האָט געלויטעט, אַז ער מוז געהאַלטען ווערן גאַנץ שטרייננג און ער זאָל קיינמאָל ניט טהאָרען אַרויסגעהן פֿון די טויערן. נאָר מערקווירדיג, צי איז דאָס געווען מחמת דעם וואָס דער „קאַימאַקאָן" האָט דאָך געהאַט אַ געוויסען אינערליכען רעספּעקט פֿאַר שבתאי'ן, אָדער דערפֿאַר וואָס ער האָט געוואָלט האָבען ביי זיך אין די הענד אויך זיין גאַנצע גוואַרדיע, על כל פּנים ער האָט ערלויבט שבתאי'ס סוויטע פֿון

מלכים, זיין סעקרעטאַר שמואל פּרימו און זיין פֿרוי מעליסעלדאַ, זיי זאָ־לען מיט איהם מיטגעהן אין תפיסה.

די נייעס, אַז ער איז אַריבערגעפֿיהרט געוואָרען אויף אַ בעסערן פּלאַץ, האָט פֿערשטאַרקט דעם גלויבען פֿון שבתאי׳ס אָנהיינגער אין איהם. נאָך מעהר, מען האָט דערצעהלט, אַז די יאַניסאַרען, וועלכע זיינען איהם געקומען נעהמען, זיינען געפֿאַלען טויט, ווי ער האָט נור אַרויסגעבראַכט איין וואָרט פֿון מויל; און דערנאָך האָט ער אַ טהייל פֿון זיי צוריק לע־בעדיג געמאַכט, עטליכע זיינען געבליבען טויט, מחמת זיי זיינען ניט גע־ווען קיין אמת׳ע טערקען, האָט ער געזאָגט. דאַן איז ער מיט זיין אייגע־נעם ווילען אַוועק אין דער פֿעסטונג, נאָר די קייטען, וואָס זיי האָבען איהם אָנגעטהאָן אויף די פֿיס, זיינען אַרונטערגעפֿאַלען פֿון איהם, פֿער־וואַנדעלט אין גאָלד, מיט וואָס ער האָט בעשאָנקען זיינע געטרייע און אי־בערגעבענע נאָכפֿאָלגער; און ניט קוקענדיג אויף די שטאָהלענע ריגלען און די אייזערנע שלעסער, האָט מען איהם געזעהן אַרומגעהן איבער די גאַסען מיט אַ גרויסען עולם. די שבתאי צבי׳ניקעס האָבען אויך געפֿונען אַ מיסטישע בעדייטונג אין דעם פֿאַקט, וואָס זייער משיח איז אָנגעקומען אין זיין נייע תפיסה די נאַכט פֿון פסח — פֿון דעם פֿרייהייטס־יום־טוב.

שבתאי האָט זיך תיכף גענומען מקריב זיין דעם ק ר ב ן פ ס ח פֿאַר זיך און זיינע נאָכפֿאָלגער, און עסענדיג דאָס פֿלייש מיט׳ן חלב צוזאַמען, ניט קוקענדיג אויף דעם דין אין דער גמרא, וועלכער פֿערוועהרט עס, האָט ער אויסגערופֿען: „געבענשט זאָל זיין גאָט, וועלכער האָט ווידער ערלויבט דאָס, וואָס איז געווען פֿערבאָטען".

צו דעם „מגדל עוז", דעם טהורם פֿון שטאַרקייט, ווי די אָנהיינגער פֿון שבתאי צבי האָבען גערופֿען די פֿעסטונג אין אַבידאָס, וואו דער משיח האָט געפֿיהרט זיין קעניגליכען שטאַט, האָבען זיך פֿערזאַמעלט גאַנצע מחנות פֿון פוילען, דייטשלאַנד, איטאַליען, וויען, אַמסטערדאַם, קאַירא און מאַראָקאָ. זיי פֿלעגען קומען אָנגעלאָדען מיט אוצרות, און האָ־בען געוואָלט זוכה זיין זיך צו זעהן מיט איהם פנים אל פנים; און שבתאי האָט זיי געגעבען זיין ברכה און זיי פֿערשפּראָכען הצלחה אין אַלע זייערע אונטערנעהמונגען אין׳ם הייליגען לאַנד. די שיפֿען זיינען גע־ווען געפּאַקט מיט פּאַסאַזשירען; רייזע־קאָסטען האָבען געשטיגען, די איינגעבאָרענע פֿון לאַנד זיינען רייך געוואָרען דערפֿון וואָס זיי האָבען אויפֿגענומען די געסט און זיי פֿערזאָרגט מיט אַלעס וואָס זיי האָבען גע־דאַרפֿט צום לעבען. דער אויפֿזעהער פֿון דער פֿעסטונג — וועלכער האָט פֿערטייטשט דעם „קאַימאַקאָן׳ס" בעפֿעהל אויף אַ ליבעראַלען אופן און

געדרונגען דערפֿון, אַז אויב דער געפֿאַנגענער טהאָר ניט אַרויסגעהן מעגען אָבער זיינע געסט אַריינקומען אינעווייניג צו איהם — האָט אויסגעניצט די געלעגענהייט און זיך אָנגעשאָטען מיט גאָלד; פֿון פֿופֿצעהן ביז דרייסיג מאַרק האָט ער גענומען פֿאַר יעדען איינעם, וועמען ער האָט צוגעלאָזט צו דעם קעניגליכען קרייז. אַ שטראָם פֿון גאָלד האָט אַריינגעפֿלייצט אין אַבידאָס. אידען, מחמד'אַנער, קריסטען — די גאַנצע וועלט האָט בעוואונדערט, און אַ העלפֿט פֿון איהר האָט געגלויבט. די שעהנקייט און די פֿרעהליכקייט פֿון מעליסעלדאַ'ן האָבען בעצויבערט די שטאַרקסטע צווייפֿלער. אַלע געדאַנקען, פֿון די ווייטע עקען פֿון דער וועלט, האָבען זיך געווענדעט צו דעם „טהורם פֿון שטאַרקייט". נאָך קיינמאָל אין דער מענשליכער געשיכטע האָט זיך ניט געטראָפֿען, אַז די נייעס מכח אַ משיח, אַן ערלייזער, זאָל זיך אַזוי וויט און ברייט פֿערשפּרייטען ביי זיין לעבען, ווי דאָ ביי שבתאי'ן. כדי צו טרייסטען די, וועלכע האָבען ניט געהאַט ביכולת צו מאַכען די הייליגע רייזע צו איהם אָדער קיין ירושלים, האָט שבתאי זיי געגעבען דיזעלבע ברכות און זיי צוגעזאָגט דיזעלביגע הצלחה און שפע, אויב זיי וועלען מתפלל זיין אויף די קברים פֿון זייערע מאַמעס. זיינע ראשי תיבות, ש. צ., זיינען אויפֿגעשריבען געוואָרען אין אותיות פֿון גאָלד כמעט איבער יעדער שוהל, מיט אַ קרוין אויף דער וואַנד און ביי דער זייט דער קאַפּיטעל צ"א פֿון תהלים, און אַ בעזונדערע תפלה פֿאַר איהם איז אַריינגעשטעלט געוואָרען אין דאַוונען: „בענש אונזער האַר און קעניג, דעם קדוש וצדיק שבתאי צבי, משיח אלהי יעקב."

די גהעטאָס האָבען אָנגעהויבען פֿונאַנדערפֿאַלען. אַרבייט און מסחר זיינען געוואָרען וואָס ווייטער אַלץ וויניגער און קלעגליכער זאָגאַר אין די אידישע קוואַרטאַלען, וואו מען האָט אַם וויינגסטען געגלויבט. אין אונגאַרן האָבען די אידען אָנגעהויבען אַליין איינוואַרפֿען זייערע הייזער. די גרויסע מיטעל-פּונקטען פֿון האַנדעל, וועלכע האָבען זיך דאָס רוב אויפֿגעהאַלטען נור אַ דאַנק די אידען, זיינען פּאַראַליזירט געוואָרען. די איבערגעבענסטע פּראָטעסטאַנטען האָבען גענומען צווייפֿלען אין זייער קריסטענטהום. אַמסטערדאַם, דורכדרונגען פֿון אידישען ענטהוזיאַזם, האָט ניט געוואוסט וואָס צו טהאָן פֿאַר פֿרייד. אין האַמבורג, ניט קוקענדיג אויף די איראָנישע שטעכווערטער פֿון דעם לאָנדאָנער רב יעקב סאַספּאָרטאַס, זיינען שבתאי'ס געגנער אָדער די „כופרים", ווי מען האָט זיי גערופֿען, געצוואונגען געווען צו ענטפֿערן אמן אויף דער תפלה פֿון דעם משיח; אַזוי האָט געוואָלט דער מנהיג פֿון דער האַמבורגער קהילה בענדיטאָ דע קאַסטראָ. אין דער שטאָדט ליוואָרנאָ האָט דער האַנדעל אויפֿגעהערט. אין ווענעדיג זיינען

פֿאָרגעקומען געשלעגערייען, און די „כופֿרים" זיינען געסטראַשעט געוואָרען מיט'ן טויט. אין מאָראַוויאַ האָט זיך דער גובערנאַטאָר געמוזט אַריינמישען, אום איינצושטילען דעם טומעל. אין דער שטאָדט סאַלעע, אַלזשיר, האָבען די אידען אַזוי אָפֿען אַרויסגעגעבען זייער איבערצייגונג מכח דער קומענ־דער אידישער ממשלה, אַז דער „עמיר" האָט אַרויסגעלאָזט אַ בעפֿעהל מען זאָל זיי פֿערפֿאָלגען. אין סמירנאַ, ווידער, איז געווען פונקט דער היפך דערפֿון: דאָרט האָט אַ „חאַכאַם" פֿאַר'ן „קאַדי" פראָטעסטירט געגען די פֿערריקט־הייטען פֿון זיינע ברידער, האָבען די אידען דורך שוחד אויסגעווירקט, מען זאָל איהם דערפֿאַר אָבגאָלען די באָרד און איהם אַוועקשיקען אויף קאַטאָרגע

דריי חדשים זיינען אַריבער, דריי חדשים פֿון פרינצליכען רייכטהום און כבוד פֿאַר שבתאי'ן. מעליסעלדאַ'ס פֿרעהליכקייט און איהר רייץ האָבען אַזוי געווירקט אויף איהם, אַז ער האָט אַוועקגעוואָרפֿען אַלע זיינע אַסקעטישע געננג, אַלע זיינע תעניתים און זעלבסט־ענטזאַגונגען, און האָט געפֿיהרט דאָס לעבען פֿון אַ קעניג, רעגירענדיג איבער אַ וועלט, וואָס האָט שוין קיינמאָל ניט געזאָלט פֿערפֿינסטערט ווערען פֿון זינד און עלענד און נויטה. דער וויין האָט געפֿונקעלט און געפֿלאָסען, די בעסטע מאכלים זיינען אויפֿגעגע־בען געוואָרען אויף זיין קעניגליכען טיש, בלומען און אַלערליי זיסע און אָנגענעהמע ריחות האָבען אָנגעפֿילט די לופֿט; שעהנע אידישע מיידלאַך האָבען געטאַנצט פֿאַר איהם, און זייערע אויגען האָבען געשאָסען מיט רייצענדע, ליידענשאַפֿטליכע בליקען. דער תענית פֿון שבעה עשר בתמוז איז אָנגעקומען. שבתאי האָט איהם מבטל געווען, ערקלעהרענדיג, אַז אין דעם דאָזיגען טאָג איז אין איהם געבוירען געוואָרען די איבערצייגונג, אַז ער איז משיח. דער תשעה באב — דער טאָג פֿון זיין געבורט — איז ווי־דער אַמאָל פֿערוואַנדעלט געוואָרען פֿון אַ תענית אין אַ יום טוב; דער קעניגליכער בעפֿעהל, וועלכער איז פֿערשפרייט געוואָרען איבער דער גאַנ־צער וועלט, האָט געבראַכט דעם נביא צפניה'ס ווערטער: „זינג און זיי זיך משמח, אָה דו טאָכטער פֿון ציון; וואָרים זיי ווייסען, אַז איך קום און איך וועל רוהען צווישען דיר, — אַזוי זאָגט גאָט דער האַר." איינצעלנע פרטים, ווי אַזוי דער גאָטעס־דיענסט און די תפלות פֿון דעם דאָזיגען טאָג זאָלען צוגעהן, זיינען מיטגעשיקט געוואָרען אינאיינעם מיט'ן בעפֿעהל.

און אין דעם דאָזיגען ערהאַבענעם טאָג פֿון ששון ושמחה, פֿון גלאַנץ און פראַכט, בעקרוינט מיט דעם כבוד און די טיעפֿסטע ווינשע פֿון זיין פֿאָלק, וואָס איז דאָרט געווען פֿערטראָטען דורך דעפוטאַציעס פֿון אַלע געגענדען און אַלע לענדער פֿון דער וועלט, — אין דעם הערליכען טאָג האָט שבתאי'ס גדולה דערגרייכט די העכסטע מדרגה.

(דאָ ענדיגט זיך די צווייטע מגילה.)

# די דריטע מגלה.

## XXII.

אין דער שטונדע פֿון זיין טריאומף, האָבען צוויי פּוילישע אידען, וועלכע זיינען געקומען זעהן זיין הייליגען פּנים, איהם דערצעהלט מכח א נייעם נביא, וואָס האָט זיך בעוויזען אין דער ווייטער שטאָדט לעמבערג, איינער מיט'ן נאָמען נחמיה כהן, וועלכער האָט אויך אָנגעזאָגט דאָס נאָהענטע קומען פֿון דער גאולה, נאָר ניט דורך שבתאי צבי.

יענע נאַכט, ווען זיין קעניגין און זיינע הויפּלייט זיינען געשלאָפֿען, האָט זיך שבתאי געראַנגעלט מיט זיך אַליין אין זיין איינזאַמען עמפּפאַנג-צימער. דער גייסט פֿון זעלבסט-צווייפֿעל, וועלכער איז אויף א היבשע צייט בערוהיגט געוואָרען דורך מוזיק און פּאַראַד — האָט זיך פֿון דאָס ניי אויפֿגעכאַפּט דורך דער דאָזיגער נייער און אומגעריכטער ידיעה. דאָס איז עפּעס געווען אַזוי ווי א מורא'דיגע אָנצוהערעניש, אַז אָט דאָס גלענצענדע און רייצענדע לעבען איז נאָך אַלעמען ניט געווען צייטיג גענוג, אַז די מלוכה האָט נאָך ניט געדאַרפֿט קומען.

„אָה, מיין פֿאָטער אין הימעל!" האָט ער מתפלל געווען, פֿאַלענדיג אויף'ן פּנים, דו האָסט דאָך מיך ניט פֿערפֿיהרט. זאָג מיר, איך בעט דיך, אַז אָט דער נביא איז א פֿאַלשער, אַז נור דורך מיר דאַרף דיין קעניגריך איינגעפֿיהרט ווערן אויף דער ערד. איך וואַרט אויף'ן נס. די טעג פֿון'ם גרויסען יאָהר זיינען שוין באַלד אַריבער, און וועה! איך פֿערברייננג דאָ מיין צייט אין א לעבערליכער גרויסקייט. א מופת! א מופת!"

„שבתאי!" א רייצענדע שטימע האָט איהם א רוף געטהאָן ביים נאָמען. ער האָט זיך אומגעקוקט. מעליסעלדאַ איז געשטאַנען ביי דער טהיר. זי איז געקומען פֿון שלאָף צימער, אַזוי לייכט אָנגעטהאָן ווי אין יענעם פֿריה-מאָרגען אויף'ן בית עולם.

אַן אויסדרוק פֿון מאָדנער ענטציקונג איז איהר געלעגען אויף'ן געזיכט, און זיך צוקוקענדיג נעהנטער צו איהר, האָט ער געזעהן, אַז איהרע לאַכענדע אויגען זיינען געווען פֿערצויגען מיט שלאָף.

„דאָס איז דער מופת," האָט ער אַרויסגעשעפּטשעט אין שרעק.

ער איז אויפֿגעשפּרונגען פֿון אָרט און האָט אָנגענומען איהר ווייסע האַנד, וועלכע האָט געברענט ווי פֿייער, און זי האָט איהם אָבגעפֿיהרט צוריק אין שלאָף צימער, געהענדיג גלייך אָקוראַט ווי זי וואָלט געווען אויף.

„עס איז דער מופת," האָט ער געמורמעלט, „דער מופת, אַז מעלי־סעלדראַ האָט מיך באמת געפֿיהרט צו דעם קעניגרייך פֿון פֿרייד."

נאָר אַז ער האָט זיך אויפֿגעכאַפּט אין דער פֿריה, איז ער נאָך אַלץ געווען אונרוהיג און פֿערזאָרגט. די בעדייטונג פֿון דעם מופת האָט ניט אויסגעזעהן צו זיין אַזוי קלאָהר ווי אין דער שטילקייט פֿון דער נאַכט; די פֿיגור פֿון דעם נייעם נביא האָט אַרומגעשוועבט פֿאַר זיינע אויגען און האָט איהם ניט געגעבען קיין רוה.

אַז זיינע צוויי פּוילישע געסט זיינען געפֿאָהרען צוריק אַהיים, האָבען זיי מיטגעפֿיהרט מיט זיך אַ קעניגליכען בריעף, וועלכער האָט מבטיח גע־ווען די פּוילישע אידען, אַז עס וועט גענומען ווערן נקמה אָן די קאָזאַקען; זיי האָבען אויך געהאַט אַ שליחות צו נחמיה'ן, ער זאָל וואָס גיכער קומען צו דעם משיח.

ס'איז געווען אַ לאַנגער וועג, נאָר אַרום אָנהויב סעמפּטעמבער איז נחמיה אָנגעקומען קיין אַבידאָס. ער איז תיכף אויפֿגענומען געוואָרען אין אַ חדר מיוחד. ער האָט זיך געהאַלטען זעהר שטאָלץ.

„שלום צו דיר, שבתאי."

„שלום צו דיר, נחמיה. איך האָב זיך געוואָלט דורכריידען מיט דיר; מען זאָגט, אַז דו לייקענסט אין מיר."

„דאָס איז אמת. ווי אַזוי קען משיח — משיח פֿון בית דוד קומען, איידער ס'איז נאָך געקומען זיין פֿאָרלויפֿער, משיח פֿון בית אפרים, ווי אונזערע הייליגע ספרים זאָגען?" שבתאי האָט געענטפֿערט, אַז דער בן אפרים איז שוין געקומען, נאָר ער האָט ניט געקענט איבעררײדען נחמיה'ן, וועלכער איז געווען אַ גרויסער למדן, האָט געקענט זעהר גוט העברעאיש, סיריש און כאַלדעאיש, און האָט געענטפֿערט אויף אַלעס, פּונקט ביי פּונקט. אָבער דער ערשטער משיח האָט געזאָלט זיין אַ בעל דרשן, אָרים און פֿער־אַכטעט, אַ משרת ביי דעם צווייטען. וואו האָט מען איהם געזאָלט געפֿינען?

דריי טעג האָבען זיי זיך מתוכח געווען, נאָר נחמיה איז נאָך אַלץ אַרומגעגאַנגען און געהאַלטען אין איין דרש'ענען געגען שבתאי'ן. די אי־בערגעבענע שבתאי צבי'ניקעס, וועלכע זיינען געווען שטאַרק אויפֿגעע־בראַכט אויף דעם איינגע'עקשן'טען און קריגערישען מאַן, וואָלטען איהם אוּדאי נים געשאָנעוועט, נאָר דער לעמבערגער נביא האָט זיך בעצייטענס אָבגעטראָגען אין דער שטאָדט אַדריאַנאָפּאָל. דאָ האָט ער געמאַכט אַ פּלאַן זיך נוקם צו זיין אָן שבתאי'ן און ער האָט זיך פֿאָרגעשטעלט פֿאַר דעם „קאַימאַקאַן".

„פֿערראַטה, אָה מוסטאַפֿאַ, פֿערראַטה!" האָט ער איהם געוואָרענט.

ער האָט אויסגעגעבען די פֿאַנטאַסטישע פלענער אַרונטערצוּזעצען דעם סולטאַן פֿון טראָהן, מכח וואָס שבתאי האָט נאָך אַלץ געטרוימט און וואָס אַלע האָבען געוואוסט אַחוּץ די רעגירונג, מחמת דער אופֿזעהער פֿון דער פֿעסטונג אין אַבידאָס האָט ניט געוואָלט פֿערלירען זיין גרויסע הכנסה און ער האָט דערום גאָרנישט געמעלדעט וועגען דעם וואָס דאָרט פלעגט פֿאָרקומען.

נחמיה האָט פֿאָרגעשטעלט שבתאי'ן פֿאַר אַן אויסגעלאַסענעם מענשען, וועלכער איז אויסען געווען בלויז צו פֿערדאַרבען די אידען, זיי אָברייסען פֿון זייער עהרליכען און אָנשטענדיגען לעבען און פֿון זייער געהאָרכזאַמקייט צום סולטאַן. און נאָכדעם ווי ער האָט זיך אויף אַזאַ'ן אופֿן נוקם געווען אָן זיין געגנער, איז דער לעמבערגער נביא געוואָרען אַ מחמד'אַנער.

אַ רייטער איז גלייך געשיקט געוואָרען צום סולטאַן, און דאָרט האָט מען געהאַלטען אַ בעראַטהונג. די פֿראַגע איז געווען זעהר ערנסט. היניריכטען שבתאי'ן, וועלכער איז אַזוי געווען בעליעבט ביי אידען און טערקען צוגלייך, דאָס וואָלט געהייסען פֿעראייביגען אַ נייע סעקטע. דער „מופֿטי וואַני" — אַ גייסטליכער ענטהוזיאַסט — האָט פֿאָרגעלייגט, אַז מען זאָל שבתאי'ן צוּריידען, ער זאָל אָננעהמען נחמיה'ס ביישפּיעל און אַריבערגעהן צום מחמד'אַניזם. דאָס איז ניט נור געווען אַ קלוגע עצה, ווי אַזוי זיך אַרויסצודרעהען פֿון אַ מאָמענטאַנער צרה, נאָר זי האָט אויך אין זינען געהאַט די גרויסע געווינסען, וואָס קענען דערפֿון אַרויסקומען פֿאַר דעם מחמד'אַנישען גלויבען. אַן עלצטער מיט אַ מחנה יאַניסאַרען זיינען גלייך אָבגעשיקט געוואָרען קיין אַבידאָס. און אין אַ שעהנעם טאָג, ווען די פֿעסטונג פֿון די דאַרדאַנעלען איז געווען בעלאַגערט מיט שבתאי'ס פֿערגעטערער, ווען דער „טהורם פֿון שטאַרקייט" האָט געגלאַנצט מיט די ווייס-געקליידעטע קעניגע, און איז פֿול געווען מיט דופֿטענדע בלומען און אַלערליי זיסע ריחות, און דורכדרונגען פֿון מוזיק און געזאַנג, — האָבען זיך אַראָבגעלאָזט אַהין די יאַניסאַרען מיט די לאַנגע וואָנציעס. זיי האָבען צוטריבען דעם עולם מיט זייערע לאַנגע ריטער, געכאַפּט דעם משיח און זיין קעניגין און זיי אַריבערגעפֿיהרט קיין אַדריאַנאָפּאָל.

## XXIII.

דער „האַקים באַשי", דעם סולטאַן'ס דאָקטאָר, וועלכער איז אַליין געווען אַ אידישער טערק, איז אויסגעקליבען געוואָרען אַלס דער פֿאַרסענדסטער צוּריידען מיט שבתאי'ן. ער האָט איהם פֿאָרגעלייגט דעם סולטאַן'ס בעשלוס אין דעם זעלבען אָבענד, ווען שבתאי איז אָנגעקומען

קיין אַדריאַנאָפּאָל. אַזוי ווי צו מאַכען חוזק פֿון איהם איז דער בעפֿרייטער אַרעסטאַנט אַריינגעפֿיהרט געוואָרען אין אַ בעקוועמליכען פֿליגעל פֿון׳ם פּאַלאַץ, אַרויסקוקענדיג צום טייך. דאָרט איז ער זיך געלעגען אויף אַ רייכען דיוואַן, רויכערענדיג אַ ציבוק, מיט אַ כלומר׳שטער, געמאַכטער רוהיגקייט.

„וואָס פֿאַר אַ כבוד איז מען זיך נוהג אָבצוגעבען דעם סולטאַן?" האָט ער מיט אַ גאַנץ רוהיגען טאָן אַ פֿרעג געטהאָן דעם דאָקטאָר, אַזוי גיך ווי זיי האָבען זיך בעגריסט. „איך וואָלט ניט געוואָלט קומען פֿאַר זיין דער־הויבענער מאַיעסטעט ווי איינער, וואָס ווייסט ניט ווי זיך אויפֿצופֿיהרען."

„אַ סוף צו דער קאָמעדיע, שבתאי צבי!" האָט דער „האַקים באַשי" מיט אַ שטרייגנען טאָן געזאָגט. „דער סולטאַן פֿערלאַנגט ניט פֿון דיר קיין צערעמאָניעלע שטיק, נאָר אַ מופת."

„האָט מען שוין דען ניט געזעהן גענוג מופתים?" האָט שבתאי געפֿרעגט שטילערהייט.

„צופֿיעל," האָט דער געוועזענער איד געענטפֿערט מיט אַ טרוקענעם טאָן. „דאָך אויב דו ווילסט ראַטעווען דיין לעבען, מוזט דו בעווייזען נאָך אַ מופת."

„וואָס פֿאַר אַ מופת?"

„דו זאָלסט ווערן אַ טערק!" און אַ לייכטער שמייכעל האָט געשוועבט אויף דעם דאָקטאָר׳ס ליפּען.

אַ היבשע ווייַלע איז געווען שטיל. שבתאי׳ס ליפּען האָבען זיך אויך פֿערצויגען, אָבער ניט מיט קיין שמייכעל. דער פֿרעהליכער גלאַנץ פֿון אַבידאָם איז פֿערשוואונדען פֿון זיין געזיכט, נאָר די אומעטיגקייט, וואָס איז איהם איצט געלעגען אויף׳ן פּנים, איז ניט געווען יענע פֿיינע מרה־שחורה פֿון אַמאָל.

„און אַז איך וועל זיך אָבזאָגען פֿון דעם דאָזיגען מופת?"

„מוזט דו אונז געבען אַן אַנדערן אויף זיין אָרט. דער „מופֿטי וואַני" לייגט פֿאָר, אַז מען זאָל דיך בינדען אַ נאַקעטען און דיך אַרויסשטעלען אַלס ציעל פֿאַר די בויגען־שיסער; אויב דיין לייב און דיין הויט זיינען בעשיצט און בעשירמט געגען די פֿיילען אַזוי ווי אַ פּאַנצער, דאַן וועל׳ען מיר דיך אָנערקענען פֿאַר דעם אמת׳ן משיח, און פֿאַר דער פּערזאָן, וואָס אַללאַה האָט בעשטימט צו געוועלטיגען איבער דער וועלט, ווי דו פּרעטענדירסט."

„און אַז איך וועל זיך אָבזאָגען פֿון דעם דאָזיגען מופת אויך?"

„דאַן וואַרט אויף דיר דער קאָסטיאָר ביים טויער פֿון פּאַלאַץ, דיך צו צווינגען דערצו," האָט געדונערט דער „האַקים באַשי"; „דו וועסט שטאַרבען

אין יסורים און ענוים קשים. מען וועט דיר ניט ארונטערנעהמען דעם קאפ; אזא גנאד וועט מען דיר ניט טהאן, ווארים דו ווייסט דאך גאנץ גוט, אז מחמד'אנער וועלען ניט פעראונרייניגען זייערע שווערדען מיט דעם בלוט פון א אידען. פאלג מיין עצה, שבתאי," האט ער פארטגעזעצט מיט א נידעריגערן טאן. „ווער איינער פון אונז. נאך אלעמען, קומען דאך די מחמד'אנער ארויס פון הגר'ן. מחמד איז בלויז משה'ס נאכפאלגער. מיר גלויבען אין איין גאט, וואס הערשט איבער הימעל און ערד, מיר עסען ניט קיין חזיר. דו קענסט זיין משיח אין א ווייסען טורבאן אזוי גוט ווי אין א שווארצען," האט ער געענדיגט מיט א וויץ.

שבתאי האט א ציטער געטהאן. „משומד!" האט ער געמורמעלט.

„נו יא, און וואס פאר א גלענצענדער אויסטויש!" האט זיך אבגערופען דער דאקטאר. „דער סולטאן איז א גוטער צאהלער, זאל זיין שיין קיינמאל ניט פערגעהן. ער גיט דיר צייט ביז מארגען צו בעשליסען — טערק אדער מאר־טירער? מיט ברענענדע פאקעלען צוגעבונדען צו דיינע גליעדער, וועט מען דיך ארומיאגען איבער די גאסען מיט פייערדיגע ריטער פאר אלעמען אין די אויגען — דאס איז דעם סולטאן'ס בעפעהל. ער איז אן איידעלער און א גו־טער צאהלער. נאך אלעמען, וואס האבען מיר צו ערווארטען — צווישען אונז גערעדט, מיר צוויי אידען, עה?" און ער האט א ווונק געטהאן צו שבתאי'ן מיט שפאס. „די זונן בעגריסט מחמד'ן יעדען פריהמארגען, זאגען די דאזיגע טערקען. זאל די מארגעדיגע זונן בעגריסען נאך א מחמד'אנער."

שבתאי איז אויפגעשפרונגען פון ארט מיט א קעניגליכען צארן.

„דו אונגלויביגער הונד! ארויס פון דאנען!"

„ביז מארגען! דער סולטאן וועט דיך שיקען רופען מארגען," האט דער „האקים באשי" אונגעשטערט געזאגט, און מאכענדיג א לעכערליכע פערניינונג, איז ער ארויס פון שטוב.

מעליסעלדא האט געדרעמעלט אינעווייניג אין א צימער, זיך אברו־הענדיג אביסעל נאך דער רייזע וואס זיי האבען געמאכט; נאר די דו־נערענדע שלום־טענער פון דעם געשפרעך האבען זי אויפגעוועקט, און זי האט געהערט דעם דאקטאר'ס לעצטע ווערטער. זי האט פונאנדערגענומען די פארהאנגען און אריינגעקוקט צו שבתאי'ן, איהר צויבע־ענדע ליעב־ליכקייט איז געווען האלב־איינגעפאסט, האלב־פערשטעקט דורך דעם טא־פעט. אויף איהר געזיכט איז געלעגען א הימלישער שמייכעל.

„שבתאי!" האט זי ארויסגעאטהעמט.

ער האט זיך אומגעקוקט צו איהר מיט א פינסטערן בליק. „דו ביסט לוסטיג!" האט ער מיט א ביטערן טאן געזאגט.

„וואָס זשע, ס'איז דען ניט געקומען די שעה?" האָט זי אַ געשריי געטהאָן מיט פרייד.

„יאָ, די שעה איז געקומען," האָט ער געמורמעלט.

„די שעה פון דיין לעצטען נסיון און דיין נצחון! די לאַנג-ערוואַרטעטע שטונדע פון דיין ערשיינען פאַר'ן סולטאַן, ווען דו וועסט אַרונטערנעהמען די קרוין פון זיין קאָפּ און זי אָנטהאָן אויף——"

אָנשטאָט צו ענדיגען דעם זאַץ, איז זי צוגעלאָפען צו איהם און האָט געוואָלט צוטוליען זיין קאָפּ צו איהר בוזים. אָבער ער האָט אָבגעשטויסען צוריק איהרע אויסגעשטרעקטע לאַסטשענדע אָרעמס. אַ צוטומעלטע האָט זי אָבגעטראָטען אָן אַ זייט. ס'איז געוועזן דאָס ערשטע מאָל וואָס זי האָט איהם געזעהן אַזוי שטרענג, אַזוי גראָב, ניט נור צו איהר, נאָר צו וואָס פאַר עס איז לעבעדיגען וועזען.

„לאָז מיך אַליין! לאָז מיך אַליין!" האָט ער געשריען מיט אַ הייזעריגער שטימע.

„ניין, דו נייטיגסט זיך אין מיר." און איהרע פערצייהענדע אָרעמס האָבען זיך פון דאָס ניי אויסגעשטרעקט צו איהם אין פרישער צערטליכקייט.

ער האָט געקוקט אויף איהר, זיך ניט ריהרענדיג פון אָרט צו בעגעגענען איהר אומאַרמונג.

„יאָ, איך נייטיג זיך אין דיר," האָט ער געזאָגט מיט פייער. „אָט דערפאַר טאַקי," און זיין קול איז ווידער געוואָרען פעסט, „לאָז מיך אַליין!"

„דו ביסט עפּעס גאָר געוואָרען פרעמד צו מיר," האָט זי מיט אַ ציטערענדער שטימע געזאָגט. „איך פערשטעהע דיך גאָר ניט."

„הלואי וואָלסט דו פון תמיד אָן געבליבען פרעמד צו מיר; הלואי וואָלט איך דיך קיינמאָל ניט פערשטאַנען."

„שבתאי, וואָס זיינען דאָס פאַר רייד?!"

„איך בין געקומען צו זיך. אָה, מיין גאָט! מיין גאָט!" און ער איז אַנידערגעפאַלען אויף'ן דיוואַן מיט אַ ביטער געוויין.

מעליסעלדאַ'ס שרעק איז נאָך גרעסער געוואָרען.

„שטאַרק זיך, זיי וועלען דיך נאָך דערהערען."

„זאָלען זיי הערען. גאָט הערט מיך ניט."

„הערט דיך ניט? דו ביסט דאָך ע ר!"

„איך גאָט!" ער האָט זיך צולאַכט מיט אַ ביטערן געלעכטער. „דו גלויבסט דאָס! דו, וואָס דו קענסט מיך אַלס מענש!"

„איך קען דיך און איך וויים, אַז דו ביסט געטליך. איך האָב דיך געדיענט און פערגעטערט אין פרייד. וואָס זשע, ביסט דו דען ניט משיח?"

„משיח! און איך קען זיך אַליין ניט ראַטעווען!"

„ווער קען דיר עפּעס טהאָן? ווער האָט דיר ווען עס איז שלעכטס געטהאָן פון דיין יוגענד אָן? די מלאכים בעגלייטען דיך און בעוואַכען דיינע טריט. איז ניט דיין לעבען איין לאַנגער נס?"

ער האָט אַ שאָקעל געטהאָן מיט'ן קאָפּ אין פולער פערצווייפלונג. „אָט דאָס גאַנצע יאָהר האָב איך געוואַרט אויף'ן נס — אָט די אַלע לאַנגע מאָנאַטען אין דער תפיסה פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל אין דער פעסטונג פון אַבידאָס — אָבער וואָס פאַר אַ זיכערע שטימע האָט גערעדט צו מיר? מאָרגען וועט מען מיר אַרויסנעהמען די געדערים, מען וועט מיך שמייסען מיט פייערדיגע ריטער — ווער ווייסט וואָס נאָך די דאָזיגע הינט קענען טהאָן?"

„שטיל! שטיל!"

„אַה, דו האָסט מורא, דו ציטערסט איבער מיר!" האָט ער אַ געשריי געטהאָן, און אַ טאָן פון בייזען נצחון האָט געקלונגען אין זיין קול. „דו ווייסט אַלזאָ, אַז איך בין ניט מעהר ווי אַ בשר ודם, אַ שטערבליכער מענש!"

די רויזען פון איהרע שעהנע באַקען זיינען פערשוואונדען, נאָר זי האָט מיט דערזעלבער פעסטער שטימע ווייטער גערעדט:

„ניין, איך גלויב נאָך אין דיר. איך בין געגאַנגען מיט דיר אין דיין תפיסה, ניט ווילענדיג, אַז עס וועט פערוואַנדעלט ווערן אין אַ פּאַלאַץ. איך געה מיט דיר מאָרגען צו דיין מאַרטירעריי, און איך בין זיכער, אַז עס וועט טרעפען דער גרויסער נס און די פייערדיגע ריטער וועלען פערוואַנדעלט ווערן אין פעדערען פון מלאכים. עס וועלען דאָ מקוים ווערן זכריה'ס ווערטער: „און אין יענעם טאָג וועל איך מאַכען די פרינצען פון יהודה ווי אַ פייערדיגען אויווען צווישען האָלץ און ווי אַ פאַקעל פון פייער אין אַ בינטעל מיט תבואה".

זיינע אויגען זיינען פייכט געוואָרען, קוקענדיג אויף איהר. „יאָ, מעלישעלדאַ," האָט ער זיך אָבגערופען. „דו ביסט געווען טריי און מוטהיג. און אַצונד, ווען איך בין אַליין, ווען די קולות פון די מאמינים און די אָנהייגער הערען זיך מעהר ניט, ווען דער קעניג פון דער וועלט ליגט דאָ אַליין אין פינסטערניש און אין אַש, — אַצונד האָסט דו נאָך אמונה אין מיר?"

„יאָ, איך גלויב — ס'איז בלויז אַ פּראָבע, די לעצטע פּראָבע פון מיין גלויבען."

זי האָט אַ שמייכעל געטהאָן צו איהם, אַריינגעבענדיג צוטרוי און

האָפֿנונג אין זיין האַרצען. „אַז דאָס וואָלט בלויז געווען אַ פּראָבע, די לעצ־טע פּראָבע פֿון מיין גלויבען!" האָט ער געמורמעלט. „אָבער ניין — איידער אָט דער ווייסער פּאַס פֿון דער לבנה וועט זיך איבער אַ נייעם בעוויזען אויף'ן הימעל, וועל איך זיין אַ צוריבענער טויטער קערפּער, די שפּייז פֿון די ווערף, סיידען — — כ'האָב מתפּלל געווען און געבעטען גאָט, ער זאָל מיר געבען אַ צייכען — אָה, ווי איך האָב געבעטען! און אַצונד — אָה, זעה! אַ שטערן פֿאַלט פֿון הימעל. אָה, גאָט מיין גאָט, זאָל דאָס זיין דער סוף פֿון מיין לאַנגער מאַטערניש, פֿון מיינע מורא'דיגע יסורים! נאָר די שטראָף, וואָס האָט זיך אויסגעגאָסען אויף מיר פֿאַר מיין העזה, איז גרעסער איידער איך קען עס אַריבערטראָגען. גאָט, גאָט, פֿאַר וואָס האָסט דו מיר געשיקט יענע כלומר'שט געטליכע שושקערייען, יענע לאַנגע, לאַנגע גערדאַנקען, וועלכע האָבען צוטרייסעלט מיין נשמה? נאָך וואָס האָסט דו מיר גערדאַרפֿט ווייזען די זינד פֿון דעם פֿאָלק ישראל און זיינעליידען, דעם טרויער און די רשעות פֿון דער וועלט, דערוועקענ־דיג אין מיר אַ שטרעבען אויסצולייזען און בעשאַפֿען פֿון דאָס ניי?" זיין ברוסט האָט שיער ניט געפּלאַצט פֿון אַ היסטערישען געוויין.

„מיין שבתאי!" מעליסעלדאַ'ס וואַרעמע אָרעמס זיינען געווען אַרום איהם. ער האָט איהר אַ שליידער געטהאָן פֿון זיך מיט כח. „אַוועק, אַוועק!" האָט ער געשריען. „איך פֿערשטעה דעם צייכען; איך פֿערשטעה ענדליך. דורך דיר האָב איך דאָס פֿערלאָרען גאָט'ס גנאָד."

„דורך מיר?" האָט זי געשטאַמעלט.

„יאָ, דיינע ליפּען האָבען אָבגעהאַלטען מיינע פֿון תּפלה, דיינע אָרעמס האָבען מיך אַרונטערגעצויגען פֿון די בערג פֿון גערעכטיגקייט. דו האָסט מיך אָבגעריסען פֿון מיין כלה, די תּורה. קרוב צו פֿערציג יאָהר האָב איך געלעבט אין יסורים און איינזאַמקייט, כ'האָב אונטערגעטונקען מיין גוף אין אייז און שנעע, זיך אַליין געשמיסען — יאָ, זיך אַליין געשמיסען, איך, וואָס איך האָב איצט אַזוי מורא פֿאַר שמיץ — ביז דאָס בלוט איז מיר געפֿלאָסען פֿון אַ טויזענד וואונדען, און אַצונד, אָה גאָט! אָה גאָט! אשה, דו האָסט מיך מטמא געווען, האָסט מיך פֿעראונרייניגט! איך האָב פֿער־לאָרען דעם רוח הקודש, דעם געטליכען גייסט. ער איז אַוועק פֿון מיר; ער וועט אַריין אין אַן אַנדערן, אין אַ נאָבעלערן פֿון מיר. אַמאָל בין איך געווען משיח, אַצונד בין איך ניט מעהר ווי אַ מענש."

„איך? — איך האָב צוגענומען ביי דיר דעם געטליכען גייסט!"

זי האָט אַ קוק געטהאָן אויף איהם מיט שטאָלץ, און דער גאַנצער גלאַנץ פֿון איהר שעהנקייט האָט איהם דורכדרונגען.

ער איז אויפגעשפרונגען פון ארט, ער איז איהר אראופגעפאלען אויף דער ברוסט, ער האט ליידענשאפטליך, ווי א פעררינקטער געקושט איהרע ליפען.

„ניין, ניין, אדרבה, דו האסט איהם מיר אנגעוויזען, דעם געטליכען גייסט! ליעבע! ליעבע! ליעבע אטהעמט עס אין אלצדינג און נעהמט ארונטער די שווערע לאסט פון'ם לעבען. ווען ניט דו וואלט איך געשטארבען, ניט קענענדיג די זיסע, די הערליכע מענליכקייט, איך בין א מאן — א מאן, פול מיט לעבענס-קראפט! אה, מיין אויסגעהונגערטע יוגענד! פארוואס האב איך דיך פריהער ניט געזעהן?" טרעהרען פון זעלבסטמיטלייד זיינען איהם ארונטערגערונען אויף די אש-גראע באקען זיינע. „אה, מיין ליעבע! מיין ליעבע! מיין פערלארענע יוגענד! גיב מיר אב צוריק מיין יוגענד, אה גאט! ווער בין איך, וואס איך זאל ערלייזען? א מאן; יא, א מאן, וואס פרעהט זיך מיט זיין מענליכקייט. אה! אז וואויל איז צו די וואס פיהרען דאס געוועהנליכע לעבען פון מענשען, גליקליך, מיט זייער ליעבע, זייער היים, זייערע קינדער; וועה צו די, וועלכע ווילען קלעטערן אין דער הויך, וועלכע פייניגען זיך און פערלייקענען זיך, וועלכע ווילען ערלייזען די מענשהייט! פון וואס ערלייזען? אויב זיי האבען ליעבע, האבען זיי דען ניט אלעס? דאס איז דאך גאט, עס איז די מלוכה. יא, עס איז די מלוכה. קום, לאמיר לעבען — איך א מאן, דו א פרוי!"

„אבער א מחמד'אנער!"

„וואס מאכט עס אויס? גאט איז אומעטום. איז ניט אונזער משה בן מימון (רמב"ם) — אויף וועמעס קבר מיר זיינען מתפלל אין טבריא — איז ער דען אליין ניט אמאל געווען א מחמד'אנער? האט ער דען ניט געזאגט, אז ווען עס געהט אין דעם צו ראטעווען אונזער לעבען, איז קיין זאך ניט פערוועהרט?"

ער האט געמאכט א בעוועגונג זי ארומצונעהמען אין זיינע ארעמס, נאר דאס מאל האט זי אבגעטראטען צוריק. איהרע אויגען האבען געבליצט.

„ניין, אלס מאן ליעב איך דיך ניט. דו ביסט געטליך אדער גארניט; גאט אדער א שווינדלער!"

„מעליסעלדא!" זי האט זיך ניט צוגעהערט צו זיין הארצרייסענדען געשריי.

„הער אויס, דער דאזיגער נסיון האט שוין גענוג געדויערט," האט זי געענטפערט מיט א שטרייגען טאן. „זיי זיך מודה, איך האב אויסגעהאלטען די פראבע."

„איך בין ניט גאט, ניט קיין שווינדלער," האט ער געזאגט מיט א

צובראָכענער שטימע. אַה! זאָג ניט, אַז דו קענסט מיך ניט ליעבען אַלס מאַן, אַז דו ביסט צוערשט געקומען גליקליך מאַכען מיין לעבען, האָב איך זיך נאָך ניט געהאַט ערקלעהרט אַלס משיח."

„ווער ווייסט וואָס איך האָב דעמאָלט געטראַכט? אַ ווילד מיידעל בין איך דאַן געווען, פֿון זינען כמעט אַראָבגעטריבען דורך דעם מאָנאַסטיר, דורך דאָס בלוט, וואָס איז פֿערגאָסען געוואָרען פֿאַר מיינע קינדערשע אויגען; און איך בין געקומען צו דיר, פֿול מיט ווילדע, אונבעשריינקטע ליידענשאַפֿטען און פֿאַנטאַסטישע חלומות. אָבער לעבענדיג מיט דיר, אַרויםזעהענדיג די שעהנקייט פֿון דיין געדאַנק, דיין ברייט האַרץ, דיין גרויס רחמנות, די ריינקייט פֿון דיין לעבען אין רעכטען מיטען פֿון נסיונות, וועלכע האָבען מיך געמאַכט אייפֿערזיכטיג ווי אַ פֿרוי פֿון דמשק, — דאַן האָב דיך ווירקליך דערקענט אַלס גאָט."

„ניין, ווען איך האָב דיך דערקענט, האָב איך ערשט דערפֿיהלט, אַז איך בין אַ מאַן. נאָר אַז די צאָהל פֿון אונזערע נאָכפֿאָלגער האָט גענומען וואַקסען, אַז גלויבען און רייכטהום האָבען גענומען געהן אין מיינע פֿוס-טריט, דאַן האָט מיין גאָטעס-לעסטערענדער טרוים אויפֿגעלעבט; איך האָב גענומען גלויבען אין דיין חלום מכח דער מלוכה. ווען איך האָב פֿונאַנדערגעטהיילט די וועלט, האָב איך באמת געדיינקט, אַז איך בין משיח. נאָר אַז איך בין געזעסען אויף מיין טראָהן אין אַבידאָס, מיט פֿערגעטערער פֿון אַלע עקען וועלט, וועלכע זיינען געקומען קושען מיינע פֿיס, דאַן האָט מיך בעהערשט אַ מורא'דיגער צווייפֿעל, אַ מין חלום, און דומפּיגע שטימען האָבען געהאַלטען אין איין אָבקלינגען אין מיינע אויערן, פֿרעגענדיג: „ביסט דו משיח? ביסט דו משיח? ביסט דו משיח?" איך האָב זיך געסטאַרעט זיי צו דערטרינקען מיט דעם פֿרעהליכען געזאַנג; נאָר אין דער שטילקייט פֿון דער נאַכט, ווען דו ביסט געשלאָפֿען ביי מיין זייט, זיינען די שטימען צוריקגעקומען, און זיי האָבען געשריען מיט שפּאָט: „מאַן! מאַן! מאַן!" און אַז נחמיה איז געקומען — —"

„מאַן!" האָט מעליסעלדאַ מיט אונגעדולד איבערגעשלאָגען זיינע רייד. „הער אויף מיך צו נאַרען. אַזוי ווי איך וואָלט ניט געקענט קיין מענער! יאָ, ווער נאָך מעהר פֿון מיר? זייערע שוואַכקייטען, זייער פּוסטע גאוה, זייער אויסגעלאַסענהייט — גענוג! מאָרגען זאָלסט דו בעווייזען, אַז דו ביסט גאָט."

ער האָט זיך אַ וואָרף געטהאָן אויף'ן דיוואַן און טיעף אָבגעזויפֿצט. „פֿערלאָז מיך, מעליסעלדאַ. געה צו דיין רוה; היינט ביינאַכט מוז איך אויף זיין אַליין. ווער ווייסט, צי ס'איז ניט מיין לעצטע נאַכט אויף דער ערד!"

איהר געזיכט האָט אויפֿגעפֿלאַמט. „יאָ, מאָרגען קומט די מלכות

השמים, דאָס קעניגרייך פֿון הימעל.״ און מיט אַ צוטרוויליכען שמייכעל האָט זי זיך אָנגעבויגען און אַ קוש געטהאָן זיינע האָר. דאַן איז זי פֿערשוואונדען פֿון צימער.

און אין זיין שלאָפֿלאָזען מאַרך, און אין זיין געפּייניגטער נשמה איז אין יענער אונענדליכער נאַכט ווייטער אָנגעגאַנגען די מורא׳דיגע טראַגעדיע פֿון צווייפֿעל, וועלכע איז בלויז געמילדערט געוואָרען דורך די צוקאָכטע קראַמפּהאַפֿטע תפלות זיינע. אַ גאָט אָדער אַ מענש? אַ משיח, וואָס דאַרף ביישטעהן דעם לעצטען נסיון פֿון זיין פֿאָטער אין הימעל, אָדער אַ מאַרטירער, וואָס שטעהט פֿאַר אַ שרעקליכען טויט? און אויב ער איז דער אָפּפער פֿון אַ מורא׳דיגער זעלבסט־פֿערפֿיהרונג, וואָס זשע מאַכט עס אויס, צי מען לעבט אויס די יאָהרען פֿון שאַנד אַלס איד אָדער מחמד׳אַנער? שוין אפשר נאָבעלער צו שטאַרבען און לעבען דערנאָך אַלס אַ העלדישער אָנדיינקען — אָבער דאַן מוז ער דאָך איבערלאָזען מעליסעלדאַ׳ן! איבערלאָזען איהר וואַרעמע ברוסט און דעם שיין פֿון דער זונן און די גרינע ערד, און אָט די גאַנצע שעהנקייט פֿון דער וועלט און פֿון דעם מענשליכען לעבען, וואָס זיינע אויגען האָבען דערזעהן בלויז נאָך אַ גאַנצען לעבען פֿון זעלבסט־פּייניגענדע בלינדקייט?

„אָה גאָט! אָה גאָט!“ האָט ער אויסגערופֿען, „פֿאַרוואָס האָסט דו פֿון מיר חוזק געמאַכט? פֿאַרוואָס האָסט דו מיך פֿערלאָזען?“

## XXIV.

אויף מאָרגען אין דער פֿריה האָט דער לייכטער ריהר פֿון אַ ליעבענדער האַנד אויף זיין אַקסעל איהם אויפֿגעוועקט פֿון זיינע טיעפֿע מחשבות.

ער האָט אויפֿגעהויבען זיין בלאַסען, פֿערמאָרעטען פנים. מעליסעלדאַ איז געשטאַנען פֿאַר איהם אין איהר בלענדענדער פֿרישקייט, אָקוראַט ווי אַ ליכטיגער גייסט, וועלכער איז געקומען פֿערטרייבען די שדים פֿון דער נאַכט. דאָס אַלטע שפּאַנישע ליעד איז איהם אַרויף אויף׳ן זינען, און דער זיסער, אומעטיגער ניגון האָט זיך אַרומגעוויגט ביי איהם אין דער נשמה:

פֿון איהר באָד איז זי אַרויס
ריין און ווייס ווי שנעע דער לייב,
מעליסעלדאַ.

ווי קרעלען איהרע ליפּען,
מוטערפּערל איהרע צייהן,
מעליסעלדאַ.

זיינע אויגען זיינען פֿול געוואָרען מיט טרעהרען — די געטליכע טרוימען פֿון דער יוגענד האָבען אויפֿגעלעבט אויף אַ ווײלע אין איהם.

„איז פֿריעדען מיט דיר ?" האָט זי אַ פֿרעג געטהאָן.

זיין קאָפּ האָט זיך ווידער אַרונטערגעלאָזט אויף זיין ברוסט.

„פֿון פֿענסטער האָב איך געזעהן די זונן אויפֿגעהן איבער'ן טייך „מאַריצאַ", בעגיסענדיג די מוטנע וואַסערן מיט איהר שיין," האָט ער געזאָגט, „נאָר מיין גלויבען איז נאָך אַלץ גראָה און טויט. יאָ, גראָד קומט מיר אַרויף אויף'ן זינען דער וואונדערבאַרער שיר פֿון משה אבן עזרא פֿון גרענאַדאַ: „דיינע טעג זיינען פֿערפֿיהרערישע חלומות און דיין לעבען ווי יענער מאָרגען-וואָלקען: בעת עס האַלט זיך אויף איבער דיין געצעלט, קענסט דו בלייבען אינעווייניג, אָבער אַזוי גיך ווי עס געהט אַרויף, ווערסט דו אויפֿגעלייזט און געהסט אַריבער אין אַן אָרט, וואָס איז דיר אונבעקאַנט." דאָס איז דער סוף, מעליסעלדאַ, דער סוף פֿון מיין גרויסען חלום. וואָס בין איך מעהר ווי אַ מענש, מיט אַ מענשען'ס זאָרגען און טעות'ן און זעלבסטבעטריגערייען, אַ מענשען'ס לעבען, וואָס בליהט בלויז איינמאָל ווי אַ רויז און ווערט דערנאָך פֿערוויאַנעט, אין דער צייט וואָס דער דאָרן בלייבט אויף שטענדיג ?" די אונבעשרייבליכע מרה שחורה, וואָס איז געלעגען אין זיינע ווערטער, האָט איהר געצוואונגען צו בלייבען שטיל: די מוזיק פֿון זיין שטימע, זיינע טרויעריגע, פֿערטראַכטע אויגען, די אונענדליכע פֿערצווייפֿלונג, וואָס איז געלעגען אין זיין גאַנצער האַלטונג, אַט דאָס אַלעס האָט איהר אויף אַ ווײלע געבראַכט אין אַ שטימונג גלייך מיט זיינע. „ווירקליך," האָט ער ווייטער געזאָגט, „פֿאַר מיר האָט דאָס דער ספרד'ישער משורר געזונגען —

„בעטראַכט די אַרבייט, מיט וואָס דו האָסט זיך אָבגעגעבען אויף דער וועלט, טאָג און נאַכט, אָהן אַן אויפֿהער; אַן אַרבייט, וואָס דו ווייסט גאַנץ גוט, אַז דאָס איז אָהן אַ שום נוצען; וואָרים ווירקליך, אין אָט די פֿיעל יאָהרען ביסט דו געגאַנגען אויף אַ פוסטען וועג און ביסט אַליין געוואָרען פוסט. דו ביסט געוועזן אַ שומר פֿון וויינגערטנער, נאָר דיין אייגענעם וויינגאָרטען האָסט דו ניט אָבגעהיט; בעת ווען די אויגען פֿון דעם בורא לויפֿען אַרום אַהין און אַהער צו זעהן אויב דער וויינשטאָק האָט אויפֿגעבליהט, אויב די זיסע וויינטרויבען זיינען שוין אַרויס, און וועה! אַלעס איז בעוואַקסען מיט דערנער; אַלעס איז בעדעקט מיט קראָפּיווע. דו ביסט געוואָרען אַלט און גראָה, דו האָסט פֿערבלאָנדזשעט, נאָר דו האָסט זיך ניט אומגעקעהרט." יאָ, איך האָב פֿערבלאָנדזשעט, אָבער איז דען דער טויער פֿערשלאָסען, איך זאָל זיך ניט קענען אומקעהרען? זיין

אַ מענש — נור אַ מענש — ווי גרויס דאָס איז!" זיין שטימע איז אָבגעשטאָרבען, און מיט איהר דער זיסער, לאַסטשענדער צויבער. פייער האָט געגליהט ביי מעליסעלדאַ'ן אין ברוסט, איהר בוזים האָט זיך געהויבען, איהרע אויגען האָבען געשאָסען מיט פונקען.

„ניין, אויב דו ביסט אַ מענש, ביסט דו אפילו קיין מאַן ניט. מיין ליעבע איז טויט."

איינגעשרומפּען, קליין איז ער איצט פאָרגעקומען ביי זיך אין די אויגען אַנטקעגען איהר פעראַכטונג, און אַן אַנדער פערז פון זיין אַלטען ליעד האָט זיך ניט ווילענדיג אַליין איבערגעזונגען ביי איהם אין מוח. נאָך קיינמאָל האָט ער זי ניט געזעהן אַזוי:

און מיט זיסען שטאָלצען ליכט
איז בעגאָסען איהר געזיכט,
מעליסעלדאַ.
די אויגען — פיילענבויגען,
דאָס מויל — אַ דופּטענדע רויז,
מעליסעלדאַ.

דאָס מויל אַ דופּטענדע רויז. אַה, גאָט, וואָס פאַר אַ ביטערער רחמנות דאָס איז איבערצולאָזען די רויז פאַר אַ קרוין פון דערנער!

„מעליסעלדאַ!" האָט ער אַ געשריי געטהאָן, און האָט זיך פונאַנדערגעוויינט. „האָב רחמנות אויף מיר."

די טהיר האָט זיך געעפענט; צוויי קייזערליכע וועכטער זיינען אַריינגעקומען.

„דו הרג'עסט מיך אַוועק", האָט ער זיך אָבגערופען צו איהר אין לשון קודש.

„איך פערגעטער דיך," האָט זי געענטפערט אין דערזעלבער הייליגער שפּראַך. איהר געזיכט האָט אָנגענומען זיין געוועהנליכען צוטרויליכען שמייכעל.

„אָבער איך בין אַ מענש."

נאָך אַמאָל האָבען איהרע אויגען געשאָסען ווי פיילענבויגען.

„דאַן שטאַרב ווי אַ מענש! וואָס מיינסט דו, איך וועל נעהמען אַנטהייל אין דיין ערנידעריגונג? אויב מיר איז בעשעהרט צו זיין אַ מחמד'אַנער'ס כלה, לאָמיך זיין דעם סולטאַן'ס. אויב איך דאַרף ניט האָבען קיין חלק אין משיח'ס טראָהן, דאַן לאָמיך ווייניגסטענס האָבען אַ טהייל אין דעם טראָהן פון אַ קעניג. דיין שפּאַניש ליעד האָט מיך געמאַכט פאַר אַ בת מלך, פאַר אַ קעניג'ס טאָכטער — איך וועל זיין אַ קעניג'ס פרוי."

און זי האָט זיך צולאַכט מיט אַן אויסגעלאַסענעם געלעכטער.

די וועכטער זיינען לאַנגזאַם צוגעגאַנגען אַביסעל נעהנטער און מען האָט געקענט זעהן אויף זייערע פנים'ער, ווי דערשראָקען זיי זיינען. מע־ליסעלדאַ'ס בליצענדיג געזיכט האָט זיך פלוצלינג פערענדערט. זי האָט איהם צוגעצויגען צו איהר ברוסט.

„מיין קעניג!" האָט זי געמורמעלט. „ס'איז געווען גרוזאַם צו שטעלען מיין גלויבען אין אַזאַ נסיון." דאַן, בעפרייענדיג איהם, האָט זי אַ געשריי געטהאָן: „געה צו דיין קעניגרייך!"

ער האָט אָבגעטראָטען אָן אַ זייט; דאָס פייער אין איהרע אויגען האָט אָבגעבליצט אין די זייניגע.

„דער סולטאַן רופט דיך," האָט זיך איינער פון די וועכטער אָבגע־רופען מיט עהרפורכט.

„איך בין גרייט," האָט ער געזאָגט, רוהיג צונויפנעהמענדיג די פאַל־בען פון זיין שוואַרצען מאַנטעל.

מעליסעלדאַ איז געבליבען אַליין. די לאַנגזאַמע מאָמענטען האָבען זיך געצויגען, געשפאַנט און מורא'דיג. ביסלאַכווייז זיינען די ליכטיגע שטראַ־לען פון איהר גלויבען פערשוואונדען פון איהר געזיכט. אַ האַלבע שעה איז אַריבער, און קאַלטע שלאַנגען פון צווייפעל האָבען זיך גענומען אַרומליי־גען אַרום איהר אייגען האַרץ.

וואָס ווערט זיין אויב שבתאי איז נאָך אַלעם דעם טאַקי ניט מעהר ווי אַ מענש? מיט אַ בליץ־שנעלקייט האָט זי דורכגעבליקט די פערגאַנ־גענהייט; אָט האָט זי מיט שטראַהלענדער זיכערהייט געזעהן זיין געט־ליכקייט, דעם כבוד, וואָס זיין פאָלק האָט איהם אָבגעגעבען, די עהרפורכט פון טערקען און קריסטען, רבנים און חכמים זיינען געלעגען פאַר זיינע פיס, די רייכע און די גרויסע לייט האָבען זיך געראַנגעלט צוצוקומען צו איהם, אַ קוש טהאָן דעם ברעג פון זיין פאָבער, אוצרות מיט געלד האָ־בען זיך געשאָטען אין זיינע הענד; און אָט האָט זי געמוזט אויפציטערן ביי די שרעקליכע זכרונות וועגען זיין שוואַכקייט און זיין מענשליכער אונ־זיניגקייט. און אַז איהר גלויבען איז פערשוואונדען, אַז די געוואַלדיגע בע־גייסטערונג, מיט וועלכער זי האָט איהם אַליין אינספירירט, איזאָבגעצויגען געוואָרען פון איהר אויך, דאַן האָט זי דערפיהלט, ווי די מורא'דיגע זאָרג פאַר זיין זיכערקייט הויבט אָן אַריינגיסען זיך וואָס ווייטער אַלץ מעהר אין איהר נשמה, ביז וואַנען עס איז געוואָרען אַ מבול, וואָס האָט איהר מיט־געריסען מיט זיך און איהר געטריבען אין זיינע פוס־טריט. און וואָס גרע־סער עס איז געוואָרען איהר מורא, אַלץ מעהר האָט זי דערפיהלט, ווי

ליעב זי האָט איהם געהאַט, מיט זיין אומעטיגער, דונקעלער, צאַרט־הויי־מיגער שעהנקייט, מיט דעם וויכען, כמעט מאַגנעטישען ריהר פֿון זיין האַנד. משיח אָדער מענש — זי האָט איהם סיי ווי סיי ליעב: ער איז געקרענקט, ער איז. איהר זעהט איהם געשיקט צום טויט! אַ קאַלטער, שוידערליכער שרעק האָט דורכגענומען אַלע איהרע גליעדער. ווער ווייסט, אפשר האָט ער געוואגט צו שטעלען זיין געטליכקייט אויף דער פּראָבע, און דער שמוציגער טערק איז זיך אין דער מינוט טאַקי משמח איבער די יסורים און די וועה־געשרייען פֿון דעם אונגליקליכען זעלבסט-בעטראָגענעם מענשען! אָה, וואָס פֿאַר אַ נאַר זי איז דאָס געווען איהם צו טרייבען צום קאָסטיאָר און צו די פֿייערדיגע ריטער! אויב ער איז געטליך, וואָלט דאָך דאָס געווען אַ טהייל פֿון דעם ערלייזונגס-פּלאַן טאַקי ער זאָל ווערן אַ טערק; ווידער, אויב ער איז ניט מעהר ווי אַ מענש, וואָלט ער דאָך וויינינגסטענס ניצול געוואָרען פֿון אַ מאווים'דיגען טויט. די בלוטיגע בילדער פֿון איהר קינדהייט זיינען צוריק אַרויפֿגעשוואומען פֿאַר איהרע אויגען, פֿייער איז אַרומגעלאָפֿען אין איהרע פֿיבערדיגע אָדערן. זי האָט אַראָבגע־כאַפּט אַ זיידענעם שאַל און איהם אַריבערגעוואָרפֿען איבער איהרע שול־טערן, דאַן איז זי אַרויסגעלאָפֿען פֿון צימער. איהר הימלישע שעהנקייט אין דעם דאָזיגען פּאַלאַץ פֿון בעהאַלטענע פֿערשלייערטע געזיכטער, איהר ערקלעהרונג, אַז דער סולטאַן האָט זי געשיקט רופֿען צו איהר מאַן, דאָס האָט איהר געעפֿענט דעם וועג און זי איז פֿערבייגעלאָפֿען איין וועכטער נאָך'ן אַנדערן; פֿון טהיר צו טהיר איז זי געלאָפֿען, פֿערביי די שוואַרצע סריסים פֿון דעם „האַרעם" און די ווייסע סריסים פֿון דער קעניגליכער אָבטהיילונג ביז וואַנען זי האָט דורך די שפּאַלטען פֿון די פּורפּורנע פֿאָר־האַנגען געכאַפּט אַ ווייטען קוק אויף דעם דעספּאָט אין זיין גרויסען קיי־זערליכען טורבאַן, וועלבער איז געזעסען אויף זיין הויכען, שמאָלען טראָהן, און אַרום איהם זיינע אַדיוטאַנטען. אַ קעניגליכער דיענער האָט איהר פֿערהאַלטען און מיט אַ שטרייגגען טאָן געהייסען בלייבען שטעהן. ס'איז איהר געוואָרען ניט גוט אויף'ן האַרצען און זי איז שיער ניט געפֿאַלען אין חלשות.

„מעהמעד עפֿענדי'!" האָט דער קעניגליכער דיענער אַ געשריי געטהאָן.

בערווישט, קוים וואָס זי האָט געקענט אויסריידען אַ וואָרט, האָט זי זיך געמטאַרעט פֿאַרלייגען פֿאַר דעם הויכען טהיר־שטעהער, וועלכער האָט פֿונאַנדערגעעפֿענט די פֿאָרהאַנגען, איהר בקשה, מען זאָל איהר צולאָזען צום טראָהן. נאָר ער האָט אויסגעשטרעקט זיינע אָרעמס צו איהר, און דאַן, אַזוי ווי אין אַ מורא'דיגען חלום, האָט זיך איהר עפּעס אַזוי ווי אָבגעדוכט,

אַז זי זעהט אַ בעקאַנטע פיגור פאַר זיך, ניט קוקענדיג אויף דעם ווייסען טורבאַן און דעם גרינעם מאַנטעל, וואָס דער מאַן האָט געטראָגען. אין אַ רגע אַרום האָט זי דערפיהלט אַזוי ווי אַ שטאָך אין האַרצען; זי האָט דערקענט שבתאי'ן.

„וואָס פאַר אַ פורים־שפיעל איז דאָס?" האָבען איהרע ווייסע ליפען אַרויסגעשעפטשעט מיט כעס, בעת זי האָט זיך געראַנגעלט און זיך געוואָלט אַרויסרייסען פון זיינע הענד.

„מיין הערר, דער סולטאַן, האָט מיך געמאַכט פאַר זיין טהיר־שטעהער — „קאַפודזשי באַשי אָטאַראַק" האָט ער געענטפערט מיט געבעט און ענטשולדיגונג אין זיין טאָן. „ער איז פול מיט רחמנות און פערצייהונג. זאָל אַללאַה דערהויבען זיין מלוכה! די שכירות איז גרויס; ער איז אַ גוטער צאָהלער. איך בעשטעטיג, אַז עס איז גיטאָ קיין גאָט נור גאָט. איך בעשטעטיג, אַז מחמד איז גאָט'ס נביא." ער האָט אַ כאַפּ געטהאָן אין זיינע אָרעמס מעליסעלדאַ'ן, וועלכע איז געפאַלען אין חלשות, און ער האָט בעדעקט איהר געזיכט מיט קושען.

## XXV.

נייעס האָט זיך אין יענע צייטען פערשפרייט גאַנץ לאַנגזאַם. אַ וואָך שפּעטער, אין דער צייט וואָס „אַדזשי מעהמעד עפענדי" און זיין ווייב „פאַטמאַ קאַדין" (געבווירען מיט'ן נאָמען שרה און וועמען איהר מאַן, דעם סולטאַן'ס טהיר־שטעהער, האָט נאָך אַלץ גערופען מעליסעלדאַ) האָבען געלערענט די מחמד'אַנישע רעליגיאָן ביי דעם זיעגרייכען „מופטי וואַני", איז מען זיך קיין אַמסטערדאַם צונויפגעפאָהרען אויף אַ גרויסע רעליגיעזע אסיפה פון אידען. די מעכטיגע כוואַליעס פון גלויבען און פרייד האָבען צונויפגעבראַכט פון אַלע לענדער רבנים, לומדים און ראשי ישיבה, וועלכע האָבען אַוועקגעשיקט אַ בריעף פול מיט אַכטונג און פערגעטערונג צום משיח. און בעת ווען דער סולטאַן האָט געזוכט עצות ווי אַזוי צו פערניכטען אַלע אידען פון דער טערקיי פאַר זייערע רעבעלישע פלענער און דערנאָך אַרויסגעבען אַ גזרה, אַז אַלע יתומים זייערע זאָלען זיין געצוואונגען צו ווערן מחמד'אַנער — אין דער צייט האָבען די אידען פון דער גאַנצער וועלט געפייערט דעם יום כפור. זיי האָבען איהם געפייערט, ווי זיי האָבען געהאָפט, צום לעצטען מאָל. מיט געוויין און מיט התלהבות, אָנגעטהאָן אין זייערע קיטלען, האָבען זיי אין פערלויף פון יענעם לאַנגען תענית פינף מאָל מתפלל געווען פאַר שבתאי צבי, דעם משיח פון ישראל.

אָבער מיט וואָס פֿאַר גייסטרייכע קבלה־פּלפּולים, מיט וואָס פֿאַר טיעפֿע, ריהרענדע פֿאַנטאַזיעס—וואָס וואָלטען געקענט ברייגגען די מלאכים צו טרעהרען — זיינע אומגליקליכע נאָכפֿאָלגער האָבען ערקלעהרט זיין פֿעהלער; וואָס פֿאַר סעקטען און געגען־סעקטען עס זיינען דורך דעם גע־געבוירען געוואָרען און וואָסערע נייע נביאים עס זיינען אויפֿגעשטאַנען — אַ גיטאַר־שפּיעלער פֿון מאַדריד, אַ טאַבאַק־הענדלער פֿון פּיניעראָל, אַ בלוי־בלוטיגער קריסטליכער מיליאָנער פֿון קאָפּענהאַגען — צו דערהאַלטען יענע גרויסע, פֿייערדיגע האָפֿנונג (וועלכע לעבט נאָך איצט אויך), לאַנג, לאַנג נאָכדעם ווי שבתאי אַליין איז געשטאָרבען איינמאָל אין אַ יום כפור; געשטאָרבען אַן איינזאַמער גרייז־גראָער מאַן ערגעץ־וואו אין אַ קליין אַל־באַניש שטעדטיל, וואו עס איז קיין ברודער איד ניט געווען צו פֿערמאַכען זיינע אויגען אָדער איהם זאָגען אַ וואָרט פֿון אַכטונג פֿאַר'ן טויט; געשטאָר־בען ווער ווייסט נאָך וואָס פֿאַר נייע ספּאַזמען פֿון זעלבסט־פֿערשטעלונג און צביעות, וואָסערע בענייטע שטרעבונגען נאָך זיין אַלטער גרויסקייט און זיין אַמאָליגער פֿרומקייט, נאָך וואָס פֿאַר פֿרישע מאַטערנישען פֿון דער נשמה און דעם גוף — איז דען דאָס אַלעס ניט פֿערשריעבען אין דער געשיכטע פֿון דער גהעטאָ?

(דאָ ענדיגט זיך די דריטע און לעצטע מגילה.)

# קאטאלאג

פון דער

## ראדיקאל פובלישינג קאמפאני.

### עדעלשטאדט׳ס שריפטען

די לאנדאנער אויסגאבע פון עדעלשטאדט׳ס ריהרענדע סקיצען איז יעצט פיעל שעהנער ווי די פריהערדיגע. אויך איז יעצט צוגעגעבען א נייע סקיצע „מיוזיק“. פרייז בלויז 5 פענס, אין אמעריקא 10 סענט.

### א פינפאכער מארד

דער פינפאכער מארד איז קיין שונד ראמאן נאר א העכסט בעלעהרענדע שילדערונג פון דער ארבייטער בעוועגונג, געשריבען פון א בעוואוסטען ארבייטער פיהרער. פרייז 4 פענס, אין אמעריקא 10 סענט.

### באוושאווער׳ס בילדער און געדאנקען

איז יעצט פערגרעסערט געווארען אויף 64 זייטען און איז העכסט ארטיסטיש געדרוקט אויף גוטען פאפיר. עס איז די שעהנסטע ווערק אין דער אידישער ליטעראטור. פרייז 5 פענס, אין אמעריקא 10 סענט.

### באוושאווער׳ס ליעדער און געדיכטע

א נייע זאמלונג פון ליעדער, וועלכע זיינען ביז איצט נאך ניט געווען געדרוקט אין קיין בוכפארם. פרייז 5 פענס, אין אמעריקא 10 סענט.

### באוושאווער׳ס פאעזיע און פראזא

א ביכעל פון 128 זייטען, ענטהאלט צוזאמען די „ליעדער און געדיכטע“ און „בילדער און געדאנקען“. פרייז 9 פענס, אין אמעריקא 20 סענט.

### זאלען זיך קבצנים מעהרען?

פערהייראטהע מענער וואס ווילען ניט ליידען קיין צרות דעם גאנצען לעבען, פרויען וואס ווילען ניט קראנק זיין דעם גאנצען לעבען, זאלען קויפען דעם ביכעל. עס וועט זיי אויסהיטען פון ארעמקייט, פון קראנקהייט און פון אלעם בייז. פרייז אין ענגלאנד 1 פעני.

### די מענשליכע ענטוויקלונג

א זעהר בעלעהרענדע בראשורע איבער רעליגיאן פון דר. מאקס נארדוי, פרייז 1 פעני, אין אמעריקא 3 סענט.

## על נהרות בבל

אַן אויסגעצייכענטע קריטיק איבער רעליגיאָן פֿון גראַף דע וואָלניי. איבער־זעצט פֿון א. פֿאַנענבוים. ענטהאַלט 82 זייטען.

פרייז 5 פּענס, אין אַמעריקאַ 10 סענט.

---

## סימבאלישע פאסט קארדס

יעדער פֿריינד פֿון אויפֿקלעהרונג דאַרף פֿערברייטען דיזע פּראַכטפֿאָלע פּאָסט קאַרדס, ווייל זיי זיינען דער בעסטער מיטעל פֿיר דער פּראָפּאַגאַנדאַ. די בעסטע רעדע ווירקט ניט אַזוי גוט ווי איינע פֿון דיזע קאַרטלעך. ביז יעצט זיינען ערשינען פֿאָלגענדע:

„ויברא אלהים את האדם בצלמו", „הקב"ה מזווג זיווגים", „רוסישע טיראַניי און דער קאַמפּף פֿיר פֿרייהייט", „ניקאָליי—דער מלאך השלום", „הונגער און לוקסוס", חמשה הרוגי מלכות", „די מענשהייט צווישען 2 גנבים", „דער איד אין דעם צוואַנציגסטען יאָהרהונדערט" און „לואי דער 16טער צו ניקאָליי דעם לעצטען".

זיי זיינען פּראַכטפֿאָל געדרוקט און קאָסטען ביליג 1 פּעני יעדע.

---

## קאנאוואלאוו

איינע פֿון מאַקסים גאָרקי'ס בעסטע ערצעהלונגען. ענטהאַלט 72 זייטען. פרייז 5 פּענס. אין אַמעריקאַ 10 סענט.

---

## דער בראדיאגא

אַ זעהר אינטערעסאַנטע ערצעהלונג פֿון בראָדיאַגע לעבען, פֿון מאַקסים גאָרקי. פרייז 3 פּענס, אין אַמעריקאַ 6 סענט.

---

## דער מענש און זיין נשמה

אַ וויסענשאַפֿטליכע אָבהאַנדלונג איבער דעם וואָס מיר רופֿען נשמה פֿון דר. אינגערמאַן. פרייז 3 הייפּענס, אין אַמעריקאַ 3 סענט.

---

## גאט, רעליגיאן און מאראל

אַ קריטיק איבער רעליגיאָן פֿון פֿיליפּ קראַנץ. פרייז 2 פּענס, אין אַמעריקאַ 5 סענט.

---

## גלויבען און פערנונפט

פֿון דזשאָהן מעסליע. איינער פֿון די וואונדערבאַרסטע ביכער, וועלכער ענטהאַלט אַ בריליאַנטענע קריטיק איבער די ווידערשפּריכע און אַבער־גלויבען פֿון דער רעליגיאָן, געשריבען פֿון אַ גלח העכער 2 הונדערט יאָהר צוריק. אַזעלכעס, וואָס איז נאָך אין דער אידישער שפּראַך ניט געווען.

אַלע בעשטעלונגען צו אַדרעסירען

RADICAL PUBLISHING CO., 71, Hanbury St., Spitalfields, LONDON, E.



ר׳ ישראל בעל שם.

VI

# דער בעל שם.

# דער בעל שם.

## I.

אַצונד, אַז איך בין צוגעקומען צום סוף פֿון מיינע טעג אויף דער ערד, אַז פֿאַר מיר װעלען זיך באַלד עפֿענען די העכערע װעלטען, װאָס מיין גרויסער און געעהרטער לעהרער האָט מיר מגלה געװען די סודות זייערע — יענע װעלטען, װאו ס'איז ניטאָ ניט קיין עסען ניט קיין טרינקען, און װאו עס זיצען נור די צדיקים מיט קרוינען אויף די קעפּ און פֿרעהען זיך מיט דעם גלאַנץ פֿון דער שכינה — אַצונד, אין דער דאָזיגער מבולבל'דיגער און רשעות'דיגער צייט, װאָלט איך געװאָלט געבען אַ לעבענס-בילד פֿון איהם, װעמען איך האָב אַם בעסטען געליעבט אויף דער ערד; װאָרים ער איז געקומען לערנען דעם מענשען דאָס אמת'ע לעבען און דעם אמת'ן װעג װי צו דיענען גאָט. איהם, דעם הערליכען און ליכטיגען ישראל בעל שם, דעם איינציגען אמת'ן האַר איבער'ן נאָמען, האָב איך צו פֿערדאַנקען פֿאַר מיין ערלייזונג פֿון אַ לעבעדיגען טויט. װאָרים ער האָט מיך געפֿונען בעגראָבען לעבעדיגערהייט אונטער אַ באַרג אַש, און ער האָט מיך אַרויסגעצויגען און די אַש צו פֿייער אָנגעצונדען, אַזוי אַז איך האָב מיך געפֿרעהט דערמיט. איצט אָבער האַלט דער פֿלאַם, װייזט אויס, ביים פֿערלאָשען װערן און דעם רבי'נס לעהרע ביים דערשטיקט אין בעגראָבען װערן טאַקע אונטער אָט דעם זעלביגען באַרג אַש. מחמת דעם בעט איך גאָט, ער זאָל בעגייסטערן מיין ניט-געשיקטע פֿעדער, כדי איך זאָל קענען געבען אַ טריי בילד פֿון דעם מאַן און זיין לעהרע.

פֿון מיין אייגענער געשיכטע װייס איך ניט, צי ס'איז נייטיג זעהר פֿיעל צו דערצעהלען. מיין זיידע איז געקומען קיין פוילען פֿון װיען, פֿון װאַנען ער איז פֿערטריבען געװאָרען אינאיינעם מיט אַלע אידען פֿון דעם גרויס-הערצאָגטהום, אויף'ן בעפֿעהל פֿון דער קייזערין מאַרגאַרעטע, װעלכע איז בעהערשט געװאָרען פֿון די יעזואיטען, און װעלכע האָט דערמיט געװאָלט

אָבגעבען דעם הימעל איהר דאַנק פֿאַר איהר געזונט־ווערן פֿון אַן אונגליק, וואָס האָט זיך מיט איהר געטראָפֿען אויף אַ הויף-באַל. איך האָב געהערט, ווי דער אַלטער מאַן האָט דערצעהלט מכח דעם, ווי אַזוי די טרומייטערס האָבען אין די גאַסען פֿונאַנדערגעטראָגען דעם קייזער'ס בעפֿעהל און ווי יעדע בקשה איז געווען פונקט אַזוי אַרויסגעוואָרפֿען ווי דער גרויסער, גילדער־נער בעכער, דער זילבערנער קרוג און די זילבערנע שאָל, וואָס די אידען האָבען דערלאַנגט דעם קייזער־פּאָר, ווען זיי זיינען נאָך'ן גאָטעס-דיענסט אַרויסגעקומען פֿון דער קירכע.

אַ בייזער שטערן האָט מיין זיידען'ס פֿיס געפֿיהרט קיין פּוילען. די לאַגע פֿון די אידען איז דאָרט אַמאָל טאַקע געווען די בעסטע אין גאַנץ אייראָפּאַ, אָבער די הריגות פֿון די קאָזאַקען און די צוטהיילונג פֿון דער מלוכה האָבען געמאַכט אַ סוף צו די גוטע צייטען. אַצונד זיינען פֿון דאָרט געקומען יענע בעטלער, וועלכע האָבען געוואַנדערט איבער אייראָפּאַ און האָבען מיט כיט־רעקייט פֿערשטאַנען צו פּריידיגען און צו שמייכלען. מיין פֿאָטער איז פֿונ־דעסטוועגען אויסגעקומען אָהן בעטלעריי; ס'האָט זיך איהם איינגעגעבען צו קריגען אַ קליינע פֿערמע אין צפון־מזרח פֿון ליטא, כאָטש דורך די בלוט־צאַפּעניש פֿון דעם פּריץ און די ווילדקייטען פֿון די סאָלדאַטען, וועלכע פֿלע־גען זיך אויפֿהאַלטען אין יענער געגענד, איז זיין לעבען געווען ביטער ווי די וואַסערן פֿון מרה. דאָס צימער, אין וועלכען איך בין געבוירען געוואָרען, דערפֿון איז בעשטאַנען אונזער גאַנץ הייזעל, וואָס איז פֿון אינעווייניג און פֿון דרויסען געווען אַזוי שוואַרץ, ווי אַ פֿערקויהלטער קלאָץ. קיינמאָל האָבען די זונען־שטראַהלען ניט אַריינגעקוקט אינעווייניג, אויסער דורך די ריסען אין'ם פּאַפּיר, וואָס האָט בעדעקט די געקרייצטע צווייגען פֿון אַ סאָסנע, וועלכע האָבען געדיענט אַלס פֿענסטער. ווינטער־צייט, ווען דער אויווען האָט אָנגע־הייצט די הייזקע, אַז עס איז פּשוט געווען דערשטיקט צו ווערן, און דער ווינד און דער רעגען האָבען צוריקגעטריבען דעם רויך דורך'ן לאָך, וואָס האָט געדיענט אַלס קוימען, דאַן איז די לופֿט געווען כמעט אַזוי שעדליך פֿאַר די מענשליכע איינוואוינער פֿון דעם הייזעל, ווי דער רויך פֿאַר די קליינע חיה'לאַך אין די שלעכט־געוואַשענע קליידער, וועלכע זיינען דאָרט געהאַנגען אויף שטאַנגען. אין אַזעלכע צייטען פֿלעגען מיר זיצען אויף דער ערד און פֿלעגען ניט סמייען אויסשטרעקען דעם קאָפּ אין דער הויך, מורא האָבענדיג מיר זאָלען חלילה ניט דערשטיקט ווערן אין דער געדיכטער לופֿט, וועלכע איז געלעגען איבער אונז. נאָך פֿיהל איך דאָס טריף, טריף, אויף מיין קאָפּ, די טראָפּענס פֿעטס פֿון די וואורשטען, וועלכע זיינען געהאַנגען און זיך געטריי־קענט אין דער הויך. אין אַ ווינקעל פֿון דעם דאָזיגען וואוינ־ און שלאָף־

צימער איז געשטאַנען אַן עמער מיט ריינע וואַסער און לעבען דעם די פּאָמוניצע און דער עמער, וואָס דער טאַטע פּלעגט בענוצען צו מעלקען די קוה. אָרעמע, אַלטע קוה! זי איז געוועזן אַזוי היימיש, ווי איינע פֿון דער פֿאַמיליע, און פּלעגט אָפֿט ניט וועלען אַרויסגעהן פֿון צימער, נאָכדעם ווי מען האָט זי אויסגעמאָלקען.

מיין מוטער האָט געקענט גוט קנעטען ברויט, און זי איז געוועזן פּונקט אַזוי פֿרום, ווי זי איז געוועזן אַן אשת חיל. קיינמאָל האָט זי ניט פֿערגעסען אַריינוואַרפֿען די חלה-טייג אין אויווען. איהר בריה'שקייט אַלס קעכין צו בעווייזען, האָט זי געפֿונען וויניג געלעגענהייט, מחמת אונזער הויפּט-עסען איז בעשטאַנען פֿון קאָרן-ברויט, געמישט מיט קלייען, און זויער-קרויט און בוריקעס, וועלכע זיינען געלעגען אין זאַפּאַס אויף דער ערד אין פּעסער. דאָ האָבען מיר אַלע געלעבט אינאיינעם — מיין זיידע, מיינע עלטערן, מיין ברודער און שוועסטער—און מיר האָבען זיך גאָר ניט געפֿיהלט אַזוי אונגליקליך, דער עיקר אין די שבתים און די ימים טובים, ווען מיר פּלעגען ביינאַכט עסען פֿיש געקאָכט מיט פּוטער, און אויף מיטאָג פּלעגען מיר קריגען פֿלייש מיט מעהד אָדער שטאַרקע משקאות. מיר קינדער—און טאַקי די עלטערע לייט אויך — פּלעגען ניט זעלטען ווערן געבריקעט און געשלאָגען פֿון די רוסישע זעלנער, ווען זיי זיינען געוועזן שכור; אָבער דאָך זיינען מיר געווען צופֿריעדען און גליקליך, ווען מיר האָבען געקענט אַרומלויפֿען אָבגעריסען און אומגעוואַשען, און אונזער ריכטיגען לעבען פּלעגען מיר פֿערברייגגען דאָרט אין היילינגען לאַנד מיט די אבות, די מלכים און די נביאים. מיר האָבען דאָך געוואוסט, אַז מיר וועלען זיך ווען עס איז אומקעהרען אַהין און אַריינגעהן גלייך אין גן עדן.

איינמאָל, געדיינק איך, איז די פּרינצעסין, די טאָכטער פֿון אונזער פֿירסט, צוריקגעקומען פֿון דער יאַגד. זי איז געוועזן פֿערמאַטערט, איז זי אַריין צו אונז אין אונזער אָרים הייזעל זיך אָברוהען אַביסעל. געקומען איז זי מיט איהרע פֿרויען און איהרע לאַקייען, אַלע אַזוי שעהן און גלענצענד, פּונקטלענדיג מיט גאָלד און זילבער־שפּיצען. איך האָב געקוקט אויף דער פּרינצעסין מיט איהר ליעבליכען געזיכט און מיט איהרע רייכע מלבושים; כ'האָב געקוקט אויף איהר מיט אַזאַ אָנגעשטעלטען בליק, עפּעס אַזוי ווי די אויגען וואָלטען מיר געוואָלט אַרויסשפּרינגען פֿון די לעכער. „אָה! ווי שעהן!" האָב איך ענדליך אַרויסגעפּלאַצט מיט אַ זיפֿץ.

„דו קליינער שוטה!" האָט מיין פֿאָטער מיט אַ זאַנפֿטער שטילער שטימע מיך בערוהיגט. „אויף יענער וועלט וועט די פּרינצעסין איינהייצען דעם אויווען פֿאַר אונז."

איך האָב גאָר נישט געענטפערט דערויף. אַ מיש מאַש פון געפיהלען האָט מיך בעהערשט. וואָס! אַזאַ מין גליק איז אָנגעגרייט פאַר אונז אין דער צוקונפט — פאַר אונז, וועלבע ווערן אַצונד אַרומגעיאָגט פון שכור'ע קאָזאַקען? אָבער דאַן — אָרעמע פרינצעסין! ווי וועט זי דאָס מוזען אויס־שמירען איהר פרעכטיג קלייד, איינהייצענדיג פאַר אונז דעם אויווען! מיינע אויגען זיינען פול געוואָרען מיט טרעהרען, בעת איך האָב געקוקט אויף איהר שעהנעם פנים, וואָס האָט משמעות ניט אָנגעהויבען זעהן די חרפה, וואָס האָט איהר ערוואַרט. כ'האָב געפיהלט, אַז איך וואָלט דאַן געווען גרייט אויפצושטעהן גאַנץ פריה און בשתיקה אָבטהאָן די אַרבייט פאַר איהר. אַצונד בין איך פון מיין רבי'ן דערגאַנגען די סודות פון יענער וועלט, און געלויבט איז דער נאָמען, וואָס עס איז אין הימעל פאַרהאַן אַ בעזונדער אָבטיילונג פאַר פרינצעסינס, וואָס טהוען קיין רשעות ניט.

מיין ברודער און איך זיינען דורך דעם, וואָס מען האָט אונז אריינ־געגעבען אין חדר, דאָך ניט נעהנטער געקומען צום הימעל; וואָרים דער חדר איז געווען אַ שטיבעל, וואָס איז נור אַביסעלע גרעסער אָבער געווים ניט וויניגער רויכיג געווען ווי אונזער אייגען הייזעל. דאָרט איז געזעסען אַ קאָמפּאַניע פון אינגלאַך, גרעסערע און קלענערע, אויף האַרטע ביינק אָדער אויף דער ערד, דאָס האָט אָבגעהאַנגען דערפון ווי געדיכט און שטיקענ־דיג די לופט איז געווען אין דער הויך. דער רבי, אָנגעטהאָן אין אַ שמוציג העמד, איז געזעסען אויבען אָן ביים טיש, כדי צו קענען בעסער אַכטונג געבען אויף'ן גאַנצען חדר, און צווישען די קניע האָט ער געהאַלטען אַ שיסעל, און מיט אַ ריזיגען מערזער האָט ער צוריבען שמעק־טאַבאַק. די איינציגע אַרבייט, וואָס ער פלעגט אָפטמאָל טהאָן, איז געווען, צו שלאָגען אַ קינד ברוין און בלוי. צייטענווייז, אַז דער ווילדער צאָרן איז איהם אָנגעקומען, פלעגט ער שיער ניט אָברייסען אַ אינגעל דעם אויער, אָדער איהם שיער, שיער ניט אַרויסנעהמען אַן אויג. דאָס איבעריגע פלעגען טהאָן די בעהעל־פערס — וואָס יעדער איינער פון זיי האָט זיך געהאַט זיין ווינקעל. — די דאָזיגע בעהעלפערס זיינען געווען פונקט אַזוי בייז און ראַבע-דורשטיג ווי דער רבי אַליין, און דערצו פלעגען זיי נאָך אָפּט צונעהמען פאַר זיך אונזער אָנבייסען און אונזער צובייסען, וואָס מיר פלעגען מיטברייננגען פון דער היים. וואָס זשע איז דער חידוש, אַז אונזער איינציג גליק האָט זיך אָנ־געהויבען, ווי דער לאַנגער טאָג איז אַריבער, אָדער ווען דער שבת האָט אונז בעשעהרט אַ גאַנצען און דער ראש חודש אַ האַלבען פרייען טאָג!

ריידען מכח דעם וואָס איך האָב דאָ און שפעטער אין בית המדרש געלערענט — וואָרים דער זיידע מיינער האָט ניט אַנדערש געוואָלט נאָר

איך זאָל זיין אַ רב — דערפֿון צו ריידען ווערט מיר שווער אויף'ן האַרצען. ווער קען דען ניט די פוסטע ווילדערניש פֿון די צערעמאָניען־געזעצען, די טרוקענע שפּיציגקייט פֿון די תלמוד'שע וכוחים, וועלכע האָבען דעמאָלט אין מיין היים דערגרייכט די העכסטע מדרגה פֿון מענשליכער שאַרפֿזיניג־קייט אין האָר־שפּאַלטערייען, די זומפּיגע פֿרוכט פֿון לערנען, וועלכע איז ניט געווען בעזעעלט פֿון לעבעדיגע וואַסערן! וואָס זשע איז דער וואונדער, אַז מיין נשמה האָט אין שטילער בייַנקעניש געזוכט גרינע פֿעלדער און געלעכצט נאָך פֿרישע וואַסערן, און אַז מיין קינדערשער גייסט האָט זיך געקוויקט מיט די געשיכטען, וואָס מיין זיידע פֿלעגט מיר בסוד דערצעהלען מכח שבתאי צבי, גאָט'ס זוהן? וואָרים ביי זיך אין האַרצען איז דער זיידע מיינער געווען אַ „שאַב" (שבתאי־צבי'ניק). ניט קוקענדיג דערויף וואָס שבתאי צבי איז געוואָרען אַ טערק, איז דער עהרווירדיגער זקן געווען איינער פֿון די איינגע'עקשן'טע מאמינים, וועלכע האָבען בשום אופן ניט געוואָלט אויפֿ־געבען זייער גלויבען אין דעם דאָזיגען געוועזענעם משיח, און וועלכע האָבען אַריבערגעטראָגען זייער אָנהייַנגערשאַפֿט אויף די שפּעטערדיגע משיחים, וועלכע האָבען איהם פֿערקערפּערט, פּונקט ווי ער האָט פֿערקערפּערט דוד המלך'ן אין זיך. וואָרים די נייע תורה פֿון די שבתאי צבי'ם מכח דער גאָטהייט, לויט וועלכער די צענטראַל פֿיגור פֿון איהר דריי־איינִיגקייט ווערט פֿון דאָס ניי בעלעבט און פֿערקערפּערט אין אַ געטליכען מענשען, אָט די לעהרע האָט איבערגעלאָזט אַן אָפֿענע טהיר פֿאַר אַ גאַנצער רייהע פֿון נביאים, וועלכע זיינען אויפֿגעשטאַנען אין פֿעשיעדענע לענדער, אָט אין טריפּאָלי, אָט אין דער טערקיי און אָט אין אונגאַרן. איך מוז זיין גערעכט אַנטקעגען מיין זיידען און מודיע זיין, אַז זיינע מאָטיווען זיינען געווען ריינערע, איידער די מאָטיווען פֿון אַסך אַנדערע פֿון דער דאָזיגער סעקטע, פֿאַר וועמען דער הויפּט־רייץ איז מסתמא געלעגען אין דער מיסטישער לעהרע פֿון דער פֿרייער ליעבע און אין דעם אויסגעלאַסענעם לעבען. דער אָרימער אַלטער מאַן האָט אדרבה געלעבט מעהר אין יסורים איידער אין תענוגים און האָט גענומען אויף זיך אַלערליי תשובות, כדי וואָס גיכער צו ברייַנגען די מלוכה פֿון גאָט אויף דער ערד. ער האָט ניט גענעסען און איז ניט געשלאָפֿען, האָט זיך געקאַסטשעט אין שנעע, זיך געפּייניגט מיט רויכערונגען, בעשיטע־רונגען און שמיץ, וועלכע ער פֿלעגט זיך אַליין געבען, כדי אויף אַזאַ'ן אופן צו פֿערטרייבען די מחנה פֿון שדים און רוחות רעות, וועלכע פֿערהאַלטען, ווי ער פֿלעגט זאָגען, די גאולה, דאָס אָנקומען פֿון דעם משיח. צייטענווייז פֿלעגט ער מיך איבערשרעקען דערמיט וואָס ער פֿלעגט אָט די בייזע גייסטער אָנרופֿען ביים נאָמען און אָנפֿאַלען אויף זיי מיט אַ מורא'דיגען כעס. ביי

דעם דאָזיגען קאַמפּף פלעגט ער צוברעכען די פענסטער און די אויווענס ביז וואַנען ער פלעגט אַנידערפאַלען אויף דער ערד אָהן כוחות. און כאָטש ער איז געווען אַזאַ זקן, האָט איהם מיין פאָטער דאָך ניט געקענט אָב־האַלטען, ער זאָל ניט מיטוואַנדערן מיט דער גרויסער שיירא, וועלכע האָט זיך אַוועקגעלאָזט מיט יהודה החסיד קיין ארץ ישראל, אָבצוואַרטען דאָרט דעם גיכען קץ, די גאולה פון ישראל. אָט דער יהודה החסיד, וועלכער האָט געהאַט דעם מוטה פונאַנדערצובלאָזען די נאָך טלייענדע אַש פון דער שבתאי צבי'שער אפיקורסות אין אַ פלאַם פייער, שטעהט מיר נאָך לעבעדיג פאַר די אויגען, ווייל ער האָט געבראָכען דעם מנהג און איינמאָל איז ער אַרויף אויף דער גאַלעריע פון דער דאָרף-שוהל האַלטען אַ דרשה פאַר די ווייבער. איך קען זיך נאָך דערמאָנען, אַז ער איז געגאַנגען אָנגעטהאָן אין ווייסען אַטלעס און אונטער'ן אָרם האָט ער געהאַלטען אַ ספר תורה, וואָס די גלעקלאַך איהרע האָבען געקלונגען בעת ער איז געגאַנגען. נאָר וואָס איך וועל קיינמאָל ניט פערגעסען, וואָס עס וועט קיינמאָל ניט פערשווינדען פון מיין זכרון, זיינען די פייערדיגע ווערטער זיינע, זיין קלאָגען איבער אונזערע זינד, זיין ים מיט טרעהרען. איך בין נאָך, דוכט זיך, גאָר געווען אַ קינד, דאָך האָט אין מיר געברענט ווי אַ פייער דער וואונש מיט-צומאַכען די דאָזיגע הייליגע נסיעה, און מיט ביטערע טרעהרען פון דאָ-פעלטען שמערץ האָב איך צוגעזעהן, ווי מיין זיידע האָט זיך אַוועקגעלאָזט אויף דער דאָזיגער אונגליקליכער רייזע, וועמעס פיהרער איז געשטאָרבען אין דעם סאַמע טאָג, ווען די שיירא איז אָנגעקומען קיין ירושלים.

אַ צייט לאַנג איז מיין אייגענע בעגייסטערונג פאַר שבתאי צבי ניט אָבגעקיהלט געוואָרען און איז נאָך אדרבה געוואַקסען דורך דעם וואָס איך האָב געלערענט קבלה. איידער איך וועל אַוועקלייגען מיין פעדער, וועל איך נאָך האָבען וואָס עס איז צו זאָגען מכח דער אויסער-געוועהנליכער ווידער-אויפלעבונג פון דער דאָזיגער אפיקורסות אין מיינע שפעטערדיגע יאָהרען און מכח די יסורים, וואָס דאָס האָט פערשאַפט מיין געליעבטען רבי'ן, דעם בעל שם. נאָר אין מיין יוגענד האָט דער שבתאי צבי'איזם באמת ניט געשפיעלט קיין גרויסע ראָלע, מחמת די פרומע רבנים האָבען אָנגענומען אַזעלכע גרוייזאַמע מיטלען געגען איהם, אַז ער האָט אויסגעזעהן ווי אָבגעשטאָרבען אין גאַנצען. אויך איך, ווען איך האָב אָנגעהויבען נאָכ-דיינקען וועגען דעם, האָב בשום אופן ניט געקענט משיג זיין, ווי אַזוי אַ אידישער גאָט האָט געקענט ווערן אַ טערק; אויף אַזאַ'ן אופן האָט ער דאָך שוין געקענט ווערן אַ קריסט אויך. נאָר אינדירעקט איז די דאָזיגע בעוועגונג, פאַר וועלכע מען האָט אַזוי געציטערט, שטאַרק אַריינגעדרונגען אין

מיין לעבען דורך דער גרויסער אייבשיץ-עמדן-מחלוקה. מיינע לעזער וועלען זיך נאָך אודאי קענען דערמאָנען, אַז דער דאָזיגער אונגליקליכער שטרייט, וועלכער האָט צוריסען און פֿערביטערט די אידען פֿון גאַנץ אייראָפּאַ און אָנגעמאַכט אַ רעש אין קעניגליכע הויפֿען, האָט זיך גענומען דערפֿון, וואָס מען האָט אָנגעקלאָגט דעם אויבער-ראַבינער פֿון די „דריי געמיינדען", אַז די קמיעות, וועלכע ער פֿלעגט — אַלס ראש וראשון, אַלס קאָפּ פֿון דער אָרטהאָדאָקסישער טראַדיציע — שרייבען פֿאַר די קינפּעטאָרינס, זיינען געווען אָנגעשטעקט מיט שבתאי צבי'אישע אפיקורסות. אַזוי ביטער און אַזוי וויט פֿערשפּרייט זיינען געווען די קלאַגען און די געגען-קלאַגען, אַז צייטענווייז פֿלעגט יעדע אידישע געמיינדע אין אייראָפּאַ אַריינגעלייגט ווערן אין חרם אָדער פֿון די הויפּט רבנים פֿון דער אייגענער קהלה אָדער פֿון דער געגען-פּאַרטיי — אַ לעכערליכע לאַגע, וואָס האָט געהאַט בלויז איין איינציגע מעלה: דאָס וואָס דער חרם גופא איז דורך דעם געוואָרען ביליג און אָבגעשוואַכט. מען האָט שוין פֿון פֿאָראויס געקענט אָננעהמען, אַז אַזאַ ביטערע, שאַרפֿע מחלוקה, וואָס האָט אָנגעהאַלטען אַזוי לאַנג, וועט אַודאי אויך אָנשפּאַרען קיין פֿוילען. און זי האָט ווירקליך אויסגעבראָכען ביי אונז אַם שטאַרקסטען, ווען ברוך יון, דער אַגענט פֿון דעם זאַקסישען מיניסטער בריהל, האָט זי צו אונז אַריבערגעבראַכט. יעדער מאַרק און יעדער פֿערזאַמלונגס-פּלאַץ איז געוואָרען אַ קאַמפּפֿס-אָרט פֿאַר די אָנהייגער פֿון די צוויי פּאַרטייען. שוחד, בעצאָהלטע שפּיאָנען, מסירות און רציחות — אַט די אַלע סם-פֿרוכטען פֿון מחלוקת — האָבען געבליהט, און ס'האָט אויסגעזעהן, אַז אַ וואָלקען פֿון קריעג האָט זיך אַריבערגעצויגען איבער מיין גאַנצער יוגענד.

ניט קוקענדיג דערויף וואָס איך בין געווען שטאַרק אַריינגעטהאָן אין דער קבלה, האָב איך פֿונדעסטוועגען ניט געקענט ווערן קיין פּראַקטישער אָנהייגער פֿון איהרע סודות. דעמאָלט האָב איך געמיינט, עס קומט דערפֿון וואָס איך האָב ניט געהאַט אין זיך די פֿעסטקייט, צו נעהמען אויף זיך די האַרטערע תשובות און זיך פּייניגען ווי געהעריג איז, מחמת איך בין אין דעם ניט געווען קיין ריכטיגער יורש פֿון מיין זיידען. נאָך שטעהט מיר פֿאַר די אויגען די מאָגערע, אָבגעצעהרטע געשטאַלט פֿון אַ הייליגען, ווענען איך האָב געפֿונען ליגענדיג אויסגעשטרעקט אויף'ן וועג הינטער אונזער הויז. איך האָב איהם געבראַכט צו זיך דערמיט וואָס איך האָב איהם אויפֿגעקנעפּעלט דעם מאַנטעל זיינעם ביים האַלז (בעמערקענדיג דערביי זיין האָריג העמד); אָבער אומזיסט בין איך געלאָפֿען אַהיים און האָב איהם געבראַכט אַלערליי זאַכען זיך צו דערקוויקען די נשמה. ער

האט קיין זאך אין מויל ניט גענומען. איך האב דעם מאן געקענט ביים נאמען. ער האט שוין געהאט דורכגעפיהרט אויף זיך די תשובה פון „קנה", וועלכע איז בעשטאנען אין דעם צו פאסטען טאג-טעגליך זעקס יאהר נאכאנאנד און ביינאכט, ביים אנבייסען, ניט צו פערזוכען קיין שום דבר מן החי, קיין שום זאך וואס קומט פון א לעבעדיגען וועזען, דאס הייסט קיין פלייש, פיש, מילך אדער האניג. ער האט אויך אבגעריכט ג ל ו ת, האט ארומגעוואנדערט פון דארף צו דארף, ניט בלייבענדיג קיינמאל צוויי טעג אויף איין און דעמזעלבען ארט. איך בין אוועקגעלאפען נאך מיין פאטער, כדי דעם ארעמען מאן צו צווינגען וואס עס איז צו עסען, נאר אז איך בין צוריקגעקומען, איז דער איינגע'עקשן'טער אסקעט שוין מעהר ניט געווען אויף'ן פלאץ, וואו איך האב איהם איבערגעלאזט. מיר זיינען איהם נאכגעגאנגען און מיר האבען איהם געפונען ליגען א טויטען אויף'ן וועג. דערנאך האבען מיר זיך דערוואוסט, אז אלע פריהערדיגע ענוים, וואס ער האט זיך אנגעטהאן, האבען ניט געשטילט זיין געוויסען, אזוי אז ער האט געוואלט נעהמען אויף זיך א בעזונדער תשובה פאר יעדען חטא, וואס ער האט בעגאנגען אין זיין לעבען. אזוי ווי ער האט זיך אבער בע-רעכענט, אז די זינד זיינע זיינען צו גרויס אין צאהל און ער וועט גאר ניט קענען אויף אזא'ן אופן זיך ריינוואשען, האט ער אבגעמאכט ביי זיך, צו הונגערן ביז'ן טויט. ניט קוקענדיג דערויף, ווי איך האב שוין געזאגט, וואס איך האב ניט געהאט אין זיך די קראפט זיך אנצוטהאן אזעלכע ענוים, האב איך עס פונדעסטוועגען בעוואונדערט פון ווייטען. איך האב זיך פערטיפט אין דעם „זוהר", אין דעם „שערי אורה" און אין דעם „עץ החיים" (א ספר, וואס איז בעטראכט געווארען פאר צו הייליג, אום עס צו דרוקען), און איך האב זיך אריינגעטהאן אין די סודות פון די „צעהן נעמען" און אין דעם מיסטישען סימבאליזם פון גאט'ס בארד, וואס יעדעס איינצעלנע האר איז א בעזונדערער אויסגוס פון געטליכער גנאד. איינמאל האב איך געהאט א קאמישע ענטטוישונג דורך אן איינפאל, אז מיר וועט זיך איינגעבען צו ווערן א „רואה ואינו נראה", דאס הייסט, מען זאל מיך מיט אמאל אויפהערען זעהן. אזוי ווי דאס האט א דירעקטע שייכות מיט מיין פרוי, וועלכע האט מיך רוהיג ווייטער אנגעקוקט און ניט אויפגעהערט ריידען צו מיר, א לאנגע צייט נאכדעם ווי איך האב זיך איינגעבילדעט, אז איך בין פערשוואונדען, קומט מיר ארויף אויף'ן זינען, אז איך מוז עפעס וואס עס איז דערצעהלען וועגען דער דאזיגער חבר'טע פון מיינע אינגעלשע יאהרען. צום בעדויערן איז זי גאר באלד פערשוואונדען פון מיינע אויגען, מחמת גאט האט איהר צום פופצעהנטען יאהר פון איהר

לעבען צוגענומען פון דער וועלט. אזוי ווי אלס בכור איז מיר ערלויבט געווען פון דער מלוכה צו גרינדען בעצייטענס א פאמיליע, האבען מיך די עלטערן חתונה געמאכט מיט איהר, בעת איך בין אלט געווען ניין און זי אכט יאהר, און איך האב דערווייל נים געהאט קיין אויסזיכט צו האבען קינדער מיט איהר. שפעטער, אז זי האט געבוירען אונזער ערשט קינד — א טויט-געבוירענעם אינגעל — איז זי געשטארבען, נים קוקענדיג אויף דער אלטער פאמיליען-קמיע, וואס מען האט אמאל געבראכט פון דער שטאדט מעטץ און וועלכע איז פערפאסט געווארען פון רבי אייבשיץ. נאך איהר טויט האט א הייסער אנהייגגער פון רבי עמדן געעפענט די דאזיגע קמיע און זי האט ווירקליך ענטהאלטען אין זיך פאלגענדע אפיקורס'ישע ווערטער: „בשם אלהי ישראל, אין נאמען פון'ם גאט פון ישראל, וועלכער וואוינט אין דער פערציערונג פון זיין מאכט, און אין נאמען פון זיין משיח, שבתאי צבי, דורך וועמעס וואונדען מיר זיינען געהיילט געווארען, בעשווער איך אלע שדים און רוחות רעות דער דאזיגער פרוי קיין שום שלעכטס נים צו טהאן." איך דארף שוין גאר נים דערצעהלען, וואס פאר א היץ דאס האט צוגעגעבען צו דער מחלוקה ביי אונז אין אונזער דערפעל, און איך גלויב ווירקליך, אז ביי מיר גופא האט עס צושטערט דעם לעצטען אנהאנג, וואס איך האב נאך געהאט צום שבתאי צבי'איזם. אז איך קוק איצט פון ראנד פון מיין קבר צוריק, זעה איך, ווי אלצדינג איז פערשריבען פון פריהער אין דעם ספר החיים, אין דעם בוך פון'ם שיקזאל; ווארים וואלט מיין פנינה נים צוגענומען געווארען פון מיר, אדער וואלט איך חתונה געהאט מיט איינער פון די אנדערע אידישע טעכטער, וועלבע האבען זיך צו מיר גע'שדכ'ענט, וואלט איך דאך נים געווען אזוי פריי, זיך אוועקצולאזען אין וועג נאך מיין רבי'ן, דורך וועמען מיין לעבען איז בערייכערט און געהייליגט געווארען אסך מעהר ווי עס האט פערדיענט.

תחילת האט פנינה'ס טויט, פערשטעהט זיך, מיך אריינגעווארפען אין א טרויעריגער שטימונג. איך בין געווען זעהר צוגעבונדען צו איהר, מחמת זי האט מיך געעהרט פאר מיין לערנען, האט פערדיענט אונזער ברויט און איז געווען אזוי פרום, אז מיין מוטער אפילו איז געווען צופריעדען מיט איהר. מיין בייגקעניש נאך פרישע וואסערן און גרינע פעלדער — וואס איז אביסעל איינגעשטילט געווארען דורך פנינה'ס ליעבע, ווען זי איז אונטערגעוואקסען — האט פון דאס ניי אויפגעלעבט און איז געווארען נאך ליידענשאפטליכער. איך האב געזוכט א לינדערונג צו מיין שמערץ אין מיינע אלטע קבלה-למודים, כ'האב ווידער אמאל געפרואווט מאכען צויבער-

שפרוכען און עפּעס האָט זיך מיר געדוכט, אַז איצט, ווען איך האָב געהאַט א טייערע פֿריינדין צווישען די טויטע, וועט זי מיר העלפֿען דורכקריכען דורך די געטליכע סודות. אָפֿטמאָל האָב איך אַרויסגערופֿען איהר געשטאַלט פֿון קבר, נאָר אַז איך האָב זי געוואָלט אָננעהמען, איז זי פֿערשוואונדען פֿון מיר, און איך בין געבליבען אין ספק, צי מיר האָט זיך וואָס עס איז איינגעגעבען. טייכען טרעהרען האָב איך פֿערגאָסען בייטאָג און ביינאַכט, ניט מחמת ווייטאָג וועגען פנינה'ן, נאָר ווייל מיר האָט זיך אָבגעדוכט, אַזוי ווי איך וואָלט געלעבט אין אַ גרויסען זאַמדיגען מדבר. נאָר ווען איך וואָלט אפילו געוואוסט, וואָס מיר פֿעהלט, וואָלט איך אַלץ ניט געקענט עפֿענען מיין האַרץ פֿאַר מיין שווער (ביי וועמען אין הויז, ווייט אַוועק פֿון מיין געבורטס-דאָרף, איך האָב נאָך אַלץ געוואוינט), מחמת ער איז געווען אַ גוטער, איינפֿאַכער מאַן, וועלכער האָט פֿון מיר ערוואַרט, איך זאָל זיין פֿערשטאָרבענער טאָכטער אָנטהאָן כבוד דורך דעם וואָס איך וועל ווערן אַ בעריהמטער רב. באמת גערעדט, בין איך שוין דאַן געווען אַ פֿאַרטיגער רב און איך האָב בלויז געוואַרט אויף אַ רעכטער בכבוד'יגער שטעלע.

דאָך האָב איך קיין רב קיינמאָל ניט געזאָלט ווערן; וואָרים גראָד דעמאָלט איז דאָס געווען, ווען דער ליכטיגער שאָטען פֿון'ם בעל שם איז געפֿאַלען אויף מיין לעבענס-וועג.

## II.

איינמאָל אין אַ ווינטער-טאָג איז צו אונז אין דאָרף אַראָבגעקומען אַ פֿרעמדער, וועלכער האָט ניט אויסגעזעהן ניט ווי קיין שנאָרער און ניט ווי קיין וואַנדערענדער מגיד. אורטהיילענדיג נאָך דער קורצער צייט, וואָס ער פֿלעגט פֿערברייננגען אין בית המדרש, וואו איך בין גראָד געזעסען אין ברומענדיג געלערנט מיינע טרוקענע למודים, האָט מען איהם אויך ניט געקענט אָננעהמען פֿאַר קיין גמרא-לערנער. ער איז געווען אַ מאָגערער, אָבגעצעהרטער, קרענקליכער יונגער מאַן, נאָר פֿון זיינע אויגען האָט גע־שפריצט דאָס פֿייער פֿון אַ לייב, און זיין בליק איז געווען דער בליק פֿון אַ גאָט. האָט ער גערעדט, איז זיין קול דורכגעדרונגען דורך און דורך; האָט ער געשוויגען, איז דער פלאַץ פֿול געווען פֿון זיין געגענוואַרט. פֿון אליפֿז דעם הויזירער, (וועלכער האָט געהאַט אַ ידיעה אין אַלעם אַחוץ אין דער תורה), האָב איך זיך ענדליך דערוואוסט, אַז ער איז אַ משולח פֿון ר ב ב ע ר, דעם בעריהמטען פֿיהרער פֿון די ח ס י ד י ם.

„די חסידים!" האָב איך זיך אָבגערופֿען. „די זיינען דאָך אויסגע־שטאָרבען אינאיינעם מיט יהודה החסיד."

„ניין, דאָס איז אַ נייע סעקטע. וואָס זשע, איהר האָט נאָך גאָרנישט געהערט פֿון בעל שם?"

דעם אמת זאָגענדיג, האָב איך פֿון צייט צו צייט יאָ געהערט אונ־בעשטימטע קלאַנגען מכח אַ נייעם היילינען בעל מופת, וועלכער האָט אַפּנים מיט דער קבלה געהאַט מעהר הצלחה איידער איך, און וועלכער האָט זאָגאַר פֿערקליבען אַרום זיך אַסך אַנהיינגער. אָבער די נייע, נאָך אונבעקאַנטע בעוועגונג האָט נאָך ניט געהאַט אָנגעריהרט אונזער פֿער־וואָרפֿען דערפֿעל, וואָס איז געוועזן אַריינגעטהאָן מיט לייב און לעבען אין דער אַלטער, שבתאי־צבי'אישע מחלוקה, און מחמת דעם האָב איך בלויז געהאַט אַ דונקעלען בעגריעף דערפֿון. איך האָב עס געהאַלטען פֿאַר בע־סער, זיך גאָר אין גאַנצען צו מאַכען ניט וויסענדיג, כדי צו ציהען ווער־טער ביי דעם הוויזירער.

„נו, דער בעל שם האָט דורך פֿיעל תשובה אויסגעפֿונען גאָט'ס נאָמען," האָט ער זיך אָבגערופֿען, „און מיט דעם דאָזיגען נאָמען טהוט ער וואָס ער וויל אויף דער ערד און אין הימעל, אַזוי אַז ציימענווייז ווערט אַ גאַנצע מהומה אויף יענער וועלט."

„און זיין נאָמען איז רב בער?"

„ניין; רב בער איז אַ זעהר גרויסער למדן, וועלכער האָט זיך אָנגע־שלאָסען אָן איהם, און וועמען ער האָט, אינאיינעם מיט די אַנדערע פֿיהרער פֿון דער סעקטע, איבערגעגעבען אַ טהייל פֿון זיין כח, אַזוי אַז זיי בעווייזען איצט אויך מופתים. אויף'ן וועג האָב איך זיך צופֿעליג אויפֿ־געטראָפֿען מיט דעם יונגען מאַן, און ער האָט מיר דערצעהלט, אַז די סעקטע זיינע טייטשט אויס דעם פסוק פֿון תהלים: „שירו לה' שיר חדש תהלתו בקהל חסידים" (זינגט אַ נייע ליעד פֿאַר גאָט, זיין לויב זאָל זיין אין דער געמיינדע פֿון די הייליגע) אויף אַזאַ מין אופן: אַזוי ווי גאָט איז דאָך העכער פֿון יעדען ענדליכען וועזען, מוז זיין לויב אַריבערשטייגען דעם לויב־געזאַנג פֿון יעדען אַזעלכען וועזען. ביז אַהער איז זיין לויב בעשטאַנען אין דעם, וואָס ער קען טהאָן וואונדער און ווייסט אַלעס פֿערבאָרגענע און דאָס וואָס דאַרף קומען. אָבער אַזוי ווי די הייליגע פֿון דער סעקטע האָבען איצט די פֿעהינקייט צו דעם אַלעמען, שטעהט שוין דער אַלמעכ־טיגער אין דעם פרט פֿון איבערנאַטירליכקייט ניט העכער פֿון זיי — „תהלתו בקהל חסידים", זיין לויב זאָל זיין אין דער געמיינדע פֿון די היי־ליגע — און דערפֿאַר איז נייטיג צו געפֿינען פֿאַר איהם אַ נייעם לויב —

„שירו לה׳ שיר חדש", זינגט אַ נייַ ליעד פֿאַר גאָט — צוגעפּאַסט צו איהם אַליין."

די כמעט לעסטערליכע דרייסטקייט פֿון דער אויפֿפֿאַסונג, וועלכע איז אין אַ געוויסען פּרט נאָך געגאַנגען ווייטער פֿון דער קבלה און פֿון די שבתאים, האָט מיך דערשראָקען, פּונקט ווי די נייקייט פֿון דער אויסטייטשונג האָט מיך שטאַרק פֿעראינטערעסירט.

„און אָט דער יונגער מאַן דאָ — קען ער, הייסט עס, אויך בעהערשען די אויבערשטע און די אונטערשטע וועלטען?" האָב איך מיט נייגיעריגקייט געפֿרעגט, האָבענדיג אין זינען בעת מעשה מיינע אייגענע קלעגליכע דורכפֿאַלען.

„נו, אַודאי קען ער בעהערשען די אונטערשטע וועלטען," האָט אליפֿ מיט אַ שמייכעל געענטפֿערט. „דערויף קען איך אַליין עדות זאָגען, וואָרים איך בין געווען אין אַ שטאָדט, וואו עס געפֿינט זיך אַ קהלה פֿון חסידים, און איך האָב געזעהן, אַז זיי זיינען געווען ביי איהם אין די הענד ווי קים אין די הענד פֿון׳ם גלעזער. ווי איהר זעהט איהם, פֿאָהרט ער אַרום פֿון אָרט צו אָרט, כדי צו לערנען די יונגע לייט פֿון דער חברה ווי אַזוי זיך אויפֿצופֿיהרען. די עלטסטע פֿון דער סעקטע, אָנגעזעהענע פֿרומע לייט און גרויסע לומדים, האָבען געציטערט ווי קליינע הינטעלאַך פֿאַר איהם. אַ גרויסער למדן, וואָס האָט ניט געוואָלט אָנערקענען דעם יונגען מאַן׳ס אונפֿעהלבאַרקייט, איז דורך זיין סטראַשענדען בליק אַזוי פֿערציטערט געוואָרען, אַז ער איז אַריינגעפֿאַלען אין אַ מורא׳דיגען פֿיבער און איז געשטאָרבען. איך אַליין האָב עס מיט מיינע אייגען געזעהן."

„אָבער ביי אונז זיינען דאָך ניטאָ קיין חסידים," האָב איך זיך אָבגערופֿען, ציטערענדיג האַלב פֿאַר אויפֿרעגונג און האַלב פֿאַר שרעק. „וואָס האָט ער דאָ צו טהאָן?"

„אָה, עס זיינען דאָ פֿאַרהאַן חסידים, און עס וועלען נאָך זיין מעהר — —" ער האָט זיך פּלוצלינג אָבגעשטעלט. „ניין, כ׳האָב גערעדט סתם אַזוי אין דער וועלט אַריין."

„דאָס, וואָס איהר האָט געזאָגט, איז אמת," האָב איך זיך אָבגערופֿען מיט אַ פֿעסטען טאָן. „אָבער רעדט ווייטער — האָט קיין מורא ניט פֿאַר מיר."

„איהר זייט בעשטימט צו זיין אַ רב," האָט ער געזאָגט און האָט צוגעשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ.

„וואָס זשע מאַכט עס אויס?"

„וואָס זשע, אָט אַפֿנים איהר ווייסט גאָר ניט, אַז די רבנים קעמפּפֿען

איבעראַל מורא'דיג געגען דער נייער סעקטע? אַז זיי פֿערשעלטען איהרע מיטגליעדער און לייגען זיי אַריין אין חרם?"

„פֿאַרוואָס?"

„דאָס ווייס איך ניט. אָט די זאַכען זיינען צו הויך פֿאַר מיר. אפשר דערפֿאַר וואָס דער דאָזיגער רב בער האָט אַרויסגעוואָרפֿען די „פיוטים" פֿון סדור, און דערצו דאַווענט ער אויך „נוסח ספרד", דאָס הייסט נאָך'ן שטייגער פֿון די שפּאַנישע אידען."

„אַך," האָב איך זיך אָבגערופֿען מיט אַ געלעכטער; „ווען איהר וואָלט ניט געווען אַזאַ עולם הזה'ניק, וואָלט איהר דאָך געוואוסט, אַז עס איז געווען אַ מנהג אַרויסצוואַרפֿען איין שורה פֿון אַ תפלה, אום אויפֿצוהויבען אַנט־קעגען אייך אַלע רבנים, וועלכע וואָלטען אייך תיכף אַריינגעלייגט אין חרם."

„יאָ", האָט ער געזאָגט, „אָבער איך ווייס אויך, אַז אין עטליכע שטעדט, וואו די חסידים האָבען די איבערמאַכט, זעצען זיי אַראָב די רבנים און זעצען אַרויף אויף זייער אָרט רבי בער'ס מענשען."

„אַהאַ! אָט דאָס וויל, הייסט עס, דער יונגער מאַן מהאָן?" האָב איך געזאָגט.

„דאָס האָב איך ניט געזאָגט," האָט דער הויזירער אונרוהיג געענטפֿערט. „איך האָב אייך בלויז איבערגעגעבען — כ'האָב ליעבערשט גאַרנישט גע־דאַרפֿט זאָגען — וואָס דער יונגער מאַן האָט מיר אונטערוועגס צום צייט־פֿערטרייב דערצעהלט."

„צום צייט-פֿערטרייב און כדי אייך אַריבערצוציהען," האָב איך אַריינ־געוואָרפֿען.

„ניין," האָט אליפו געלאַכט, „איך זוך ניט קיין „פֿאָלקאָמענהייט", וואָרים דאָס איז אייגענטליך דער פזמון פֿון די דאָזיגע לייט."

זיך דערוויסענדיג וועגען דעם אַלעמען, איז עס מיר ניט שווער אָנגעקומען אויסצוגעפֿינען אַ געהיימע אסיפה פֿון די חסידים, (וועלכע איז בעשטאַנען פֿון אַ מנין מענשען, וואָס די סעקטע האָט בעטראַכט פֿאַר אַ געני־גענדע צאָהל צו גרינדען אַ נייע געמיינדע, נאָכפֿאָלגענדיג אין דעם פרט דעם אַלטען אָרטהאָדאָקסישען מנהג). אויך האָב איך זיך איינגעקוקט אין די, וואָס האָבען אָנטהייל גענומען אין דער געהיימער אסיפה, בעת זיי זיינען אַריין און אַרויסגעגאַנגען.

מיט עטליכע פֿון זיי האָב איך גערעדט בסוד, אָבער כאָטש איך האָב זיי פֿערזיכערט, אַז איך בין ניט קיין שפּיאָן, נאָר איינער, וואָס זוכט דעם אמת און ווינשט קיין זאַך ניט אַזוי שטאַרק ווי „פֿאָלקאָמענהייט", האָבען זיי מיר דאָך ניט געוואָלט מגלה זיין די אמת'ע כוונות פֿון דער סעקטע.

און ווער ווייסט? אפשר האָבען זיי גאָר ניט געהאַט ביכולת מיר קלאָהר צו מאַבען איבער דער הויפּט־לעהרע זייערער. נאָר סיי ווי סיי, מכח דער פּערזענליכקייט פֿון דעם גרינדער זיינען זיי געווען גרייט צו ריידען, און איך וויל דאָ בעשרייבען זיין לעבענס־געשיכטע, ווי איך האָב זי צוערשט געהערט פֿון די דאָזיגע איינפֿאַבע ענטהוזיאַסטען. ס׳קען געמאָלט זיין, אַז מיין פֿעדער זאָל ביים שרייבען אומגערן צוגעבען מעשה׳לאַך אָדער פֿאַרבען, וועלכע האָבען שפּעטער געווירקט אויף מיין געמיטה, אָבער איך בין גרייט צו טהאָן אַלעס וואָס וועט נור ליגען אין מיינע כוחות אויפֿצוצייכנען די געשיכטע, ווי מען האָט זי מיר דערצעהלט און ווי זי איז דעמאָלט אַרום־געגאַנגען — דעמאָלט! ניין וואָס זאָג איך? — ווי זי געהט נאָך היינט אַרום אין אַלע חסיד׳ישע קהלות.

## III

רב אליעזר, דעם בעל שם׳ס פֿאָטער, האָט געלעבט אין מאָלדאָווע, און אין זיינע יונגע יאָהרען האָבען איהם די טאָטערן גענומען אין פלען, נאָר זיין ווייב איז ניצול געוואָרען. ער איז אַוועק געפֿיהרט געוואָרען אין א וויים לאַנד, וואו קיין אידען האָבען ניט געוואוינט, און דאָרט האָט מען איהם פֿערקויפֿט צו אַ פֿירסט. דורך זיין טרייקייט און איבערגעבענקייט האָט ער באַלד נושא חן געווען ביי זיין האַר אין די אויגען, און ער האָט איהם געמאַכט פֿאַר דעם פֿערוואַלטער פֿון זיינע גיטער. אָבער ניט פֿער־געסענדיג אָן דעם גאָט פֿון ישראל, האָט ער דעם פֿירסט געבעטען, ער זאָל איהם ערלויבען ניט אַרבייטען אום שבת. דער פֿירסט, כאָטש ער האָט ניט פֿערשטאַנען צו וואָס ער פֿערלאַנגט עס, האָט פֿונדעסטוועגען איינגע־וויליגט. אָבער רב אליעזר האָט זיך דאָך ניט געפֿיהלט גליקליך. ער האָט זיך צוגעגרייט צו אַנטלויפֿען; נאָר דאָ האָט מען זיך צו איהם בעוויזען אין חלום און איהם געהייסען בלייבען נאָך אַ שטיקעל צייט ביי די טאָטערן. נו, האָט זיך געמאַכט, אַז דער פֿירסט האָט גערדאַרפֿט אָנקומען צו דער לאַסקע פֿון דעם משנה למלך׳ס יועץ, האָט ער איהם אין אויסטויש אַוועק־געגעבען רב אליעזר׳ן אַלס מתנה.

רב אליעזר האָט באַלד געפֿונען חן אויך ביי זיין נייעם בעל הבית אין די אויגען. מען האָט איהם אָבגעגעבען אַן אייגען צימער, קיין שווערע אַרבייט האָט ער ניט געהאַט, און אַלעס וואָס ער האָט גערדאַרפֿט טהאָן

איז געווען, ווען זיין האַר פלעגט קומען אַהיים, איהם אַנטקעגען געהן מיט אַ בעקען וואַסער און איהם אָבוואַשען די פיס, ווי ס'איז דער מנהג ביי די אַדעל-לייט. ווייטער האָט רב אליעזר געהאַט גענוג צייט צו דינען זיין גאָט.

דאַרף זיך מאַכען, אַז דער קעניג מוז געהן אין קריעג; האָט ער געשיקט נאָך זיין ראַט-געבער, אָבער דער האָט ניט אָנגעהויבען וויסען וואָס פאַר אַן עצה איהם צו געבען, און דער קעניג האָט איהם מיט צאָרן אַרויסגעשיקט פון זיין פאַלאַץ. אַז רב אליעזר איז איהם אַנטקעגען געגאַנ-גען מיט דער שיסעל וואַסער, האָט ער זי מיט כעס אָבגעשטויסען פון זיך. פרעגט איהם רבי אליעזר, פאַרוואָס ער איז אַזוי דערשלאָגען, בלייבט דער ראַטגעבער שטום און ענטפערט קיין וואָרט ניט. נאָר אַז דער געטרייער דיענער איז צוגעשטאַנען, האָט ער פאַר איהם אויסגעגאָסען דאָס האַרץ.

„איך וועל בעטען גאָט," האָט זיך רב אליעזר אָבגערופען, „אַז מען זאָל מיר פון הימעל אַנטפּלעקען דעם רעכטען פלאַן פון דער מלחמה."

אַז זיין תפלה האָט געפונען אַן אָבקלאַנג, האָט ער זיין בעל הבית איבערגעגעבען דעם ראַטה, וואָס מען האָט איהם מן השמים געגעבען, און יענער איז מיט פרייד געלאָפען צום קעניג. דער קעניג איז אויך געווען מלא שמחה איבער דעם פלאַן.

„אַזאַ'ן עצה קען ניט קומען פון אַן איינפאַכען בשר ודם," האָט ער געזאָגט. „ס'קומט אודאי פון אַ כשוף-מאַכער'ס ליפען."

„ניין," האָט דער ראַטגעבער געזאָגט, „דאָס האָט מיין שקלאַף אויס-געפונען דעם פלאַן."

דער קעניג האָט דעם שקלאַף תיכף געמאַכט פאַר אַן אָפיציר אין זיין פערזענליכער סוויטע. איין טאָג האָט דער מאַנאַרך געוואָלט איינגעה-מען אַ פעסטונג מיט זיינע שיפען, נאָר די נאַכט איז אָנגעקומען. האָט ער זיך אָבגערופען:

„ס'איז צו שפעט. מיר וועלען דאָ איבערנעכטיגען און מאָרגען וועלען מיר מאַכען אונזער אָנפאַל."

אָבער מן השמים האָט מען געלאָזט וויסען רב אליעזר'ן, אַז די פעס-טונג קען ביי טאָג כמעט ניט איינגענומען ווערן. „שיק תיכף אַרויס אַהין אַ שיף מיט געפאַנגענע, וועלכע זיינען פער'משפט צום טויט," האָט ער גע-ראַטהען דעם קעניג, „און זאָג זיי צו, אַז דו וועסט זיי שיינקען דאָס לע-בען, אויב זיי וועלען איינגעהמען די פעסטונג, וואָרים זיי, וועלכע האָבען גאָרנישט וואָס צו פערלירען, זיינען די איינציגע, וואָס פאַסען זיך פאַר אַ פערלאָרענער האָפנונג."

זיין עצה איז דורכגעפיהרט געוואָרען, און די פערצווייפעלטע קעמפ־פער האָבען חרוב געמאַכט די פעסטונג. דאַן האָט דער קעניג געזעהן, אַז רב אליעזר איז אַ געטליכער מאַן, און ווען זיין משנה למלך איז געשטאָרבען, האָט ער איהם בעשטימט אַלס וויצע־קעניג אויף יענעמס פלאַץ און האָט איהם חתונה געמאַכט מיט דעם פערשטאָרבענעם'ס טאָכטער.

אָבער רב אליעזר האָט ניט פערגעסען אָן זיין ערשטער פרוי און אָן זיין פליכט צו דעם גאָט פון ישראל, און ער האָט איהר געמאַכט פאַר זיין ווייב נור אין נאָמען. איינמאָל, ווען זיי זיינען געזעסען ביים טיש, האָט זי איהם געפרעגט: „פאַרוואָס האַלטסט דו זיך אַזוי ווייט פון מיר?"

„שווער," האָט ער איהר געענטפערט, „אַז דו וועסט מיט קיין מענשען קיין וואָרט ניט ריידען וועגען דעם, און דו וועסט פון מיר הערען דעם אמת."

אויף איהר פערשפרעכען האָט ער איהר דערצעהלט, אַז ער איז אַ איד. ווי זי האָט עס דערהערט האָט זי איהם אין געהיים אַוועקגעשיקט און איהם מיטגעגעבען גאָלד און אַלערליי טייערע מתנות. נאָר אויף'ן וועג האָט מען ביי איהם אַוועקגעראַבעוועט אַלעס, וואָס ער האָט געהאַט.

נאָכדעם ווי ער איז צוריקגעקומען צו זיין פרוי, וועלכע האָט די גאַנצע צייט ניט אויפגעהערט טרויערן נאָך איהם, מיינענדיג, אַז ער איז טויט, האָט זיך אַ מלאך פון הימעל בעוויזען צו איהם און געזאָגט: „פאַר־דיינע גוטע מעשים, פאַר דיין אמונה אין דעם גאָט פון ישראל און דיין בטחון, וואָס דו האָסט געהאַט אין פערלויף פון די אַלע יסורים און די נסיונות דיינע, וועסט דו האָבען אַ זוהן, און ער וועט זיין אַ ליכט, וואָס וועט בעלויכטען די אויגען פון'ם גאַנצען פאָלק ישראל. דערום זאָל זיין נאָמען זיין י ש ר א ל, וואָרים אין איהם וועלען מקוים ווערן די ווער־טער פון גאָט: דו ביזט מיין קנעכט, ישראל, און אין דיר וויל איך מיין נאָמען פערהערליכען."

אָבער רב אליעזר און זיין ווייב זיינען געוואָרען עלטער און עלטער, און קיין זוהן האָבען זיי אַלץ ניט געהאַט. נאָר אַז זיי זיינען שוין געווען הונדערט יאָהר אַלט, איז די פרוי מעוברת געוואָרען און האָט געבוירען אַ זוהן, ווער זיי האָבען אַ נאָמען געגעבען ישראל, און וועלכער איז שפּע־טער בעקאַנט געוואָרען צו די מענשען אַלס דער האַר איבער'ן נאָמען — דער ב ע ל ש ם. דאָס איז געווען אין דעם מיסטישען, סודות־פולען יאָהר 5459. די איינגעשאַפּטען פון דער דאָזיגער צאָהל זיינען זעהר וואונ־דערבאַר, מחמת די פינף, וואָס איז דער סימבאָל פון'ם פינף־עק, איז דער שליסעל פון'ם גאַנצען. פינף איז אויך דער רעזולטאַט, וואָס בלייבט, ווען

מען ציהט אַרונטער די ערשטע צוויי פֿון די לעצטע צוויי צאָהלען, און בעת ווען די ערשטע ציפֿער, גע׳כפל׳ט מיט דער דריטער (5 מאָל 5), איז די קוואַדראַט-צאָהל פֿון פֿינף, איז די צווייטע, גע׳כפל׳ט מיט דער פֿערטער (4 מאָל 9), די קוואַדראַט-צאָהל פֿון זעקס. רעכענט מען צונויף די ערשטע צאָהל מיט דער דריטער, קומט אַרויס צעהן, און דאָס איז די צאָהל פֿון די צעהן געבאָטען, די עשרת הדברות. די צווייטע צאָהל צונויפֿגערעכענט מיט דער פֿערטער מאַכט דרייצעהן, און דאָס זיי-נען די שלשה עשר עיקרים, די דרייצעהן „אני מאמין׳ס“. אויך פֿאַר די קריסטען, ביי וועמען דאָס דאָזיגע יאָהר קומט אויס 1700, איז עס דער אָנהויב פֿון אַ נייער צייט.

דעם קינד׳ס מוטער איז געשטאָרבען, תיכף ווי עס איז ענטוועהנט געוואָרען, און אַ קורצע צייט נאָכדעם איז אויך רב אליעזר אַראָב אין קבר. אויף זיין טויטען-בעט האָט ער גענומען דאָס קינד אין זיינע אָרעמס, האָט איהם געבענשט און געזאָגט: „כאָטש ס׳איז מיר ניט בעשעהרט דיך אויפֿצוברייננגען, נאָר האָב תמיד גאָט אין האַרצען און שרעק זיך פֿאַר קיין זאַך ניט, וואָרים ער וועט שטענדיג זיין מיט דיר.“ און דאָס זאָ-גענדיג, איז זיין נשמה אַרויף אין הימעל.

איצט האָט זיך די בעפֿעלקערונג פֿון אוקאָפּ אין בוקאָווינאַ, וואו דער בעל שם איז געבוירען געוואָרען, גענומען זאָרגען פֿאַר איהם און איהם אָבהיטען צוליעב זיין געעהרטען פֿאָטער, כאָטש זיי האָבען קיין שום ידיעה ניט געהאַט מכח דעם קינד׳ס גרויסער צוקונפֿט. מען האָט איהם גענומען אַ מלמד; נאָר הגם ס׳האָט תחילת אויסגעזעהן, אַז ער האָט אַ גרויסע תשוקה צום לערנען, פֿלעגט ער זיך אָפֿט פֿער׳גנב׳ענען אין וואַלד, וואָס איז געלעגען אַרום דעם דאָרף. דאָרט פֿלעגט איהם זיין רבי נאָך פֿיעל אַרומזוכען געפֿינען, זיצענדיג אָהן אַ שום מורא אונטער די בוימער. אַזוי שטאַרק האָט זיך אַרויסגעוויזען זיין אונצופֿריעדענהייט מיט די למודים אין חדר, אַז מען האָט איהם סוף כל סוף געלאָזט זיצען אַזוי פֿערקלעהרטער-הייט, ניט נעהמענדיג קיין שום אָנטהייל אין׳ם לערנען. קיינער האָט ניט געוואוסט, אַז די מלאכים פֿון הימעל זיינען געווען זיינע לעהרער.

אַז ער איז עלטער געוואָרען, האָט ער געקראָגען אַ שטעל אַלס בעה-העלפֿער ביי דעם מלמד, נאָר זיין אויפֿגאַבע איז ניט געווען צו לערנען מיט די קינדער — ווי האָט אַזאַ אונוויסענדער בחור געקענט לערנען מיט יענעם? — נאָר צו פֿיהרען די קינדער אין שוהל און פֿון דאָרט אין חדר. אויף׳ן וועג האָט ער זיי געלערענט געטליכע לויב-ליעדער, וועלכע ער האָט אַליין פֿערפֿאַסט, און האָט זיי געזונגען מיט זיי. און די זיסע שטימען פֿון

די קינדער האָבען אָנגעשפּארט אַזש אין הימעל. און גאָט האָט געפֿונען אַזאַ נחת רוח אין זיי ווי אין דעם געזאַנג פֿון די לוים אין בית המקדש, און עס איז געווען אַ פֿרעהליכע צייט אין הימעל. נאָר דער שטן האָט מורא געהאַט, אַז זיין ממשלה אויף דער ערד קען נאָך דורך דעם אָבגעשוואַכט ווערן, האָט ער זיך פֿערשטעלט אין אַ מענשען־וואָלף, איז אָנגעפֿאַלען אויף די קינדער און האָט זיי פֿונאַנדערגעיאָגט. פֿון דאַן אָן האָבען די עלטערן געהאַלטען זייערע קינדער אין שטוב, און דער געזאַנג פֿון די לויב־ליעדער האָט זיך מעהר ניט געהערט. נאָר ישראל, זיך דערמאָנענדיג אָן די רייד פֿון זיין שטאַרבענדען פֿאָטער, האָט איבערגערעדט די עלטערן, זיי זאָלען איהם אָנפֿערטרויען נאָך אַמאָל די קינדער זייערע. און ווידער אַמאָל איז דער מענשען־וואָלף אָנגעפֿאַלען אויף די זינגענדיגע קינדער, נאָר ישראל האָט איהם פֿעריאָגט מיט זיין בולאַווע.

צו פֿערצעהן יאָהר איז דער כלומר'שט אונוויסענדער ישראל געוואָרען שמש פֿון'ם בית המדרש, וואו די לערנער האָבען איהם געהאַלטען פֿאַר אַן עם הארץ, וואָס „שרייבט נח מיט זיבען גרייזען". בייטאָג פֿלעגט ער אַרומגעהן פֿער'חלום'ט איבערן הויז און האָט נאָך אַלס צוגאָב געקראָגען אַ נאָמען פֿאַר אַ פֿוילענצער, אָבער ביינאַכט, ווען דער בית המדרש איז געווען ליידיג און די לומדים האָבען געשלאָפֿען, דעמאָלט פֿלעגט ישראל אַרונטערנעהמען די הייליגע ספרים און די גאַנצע נאַכט פֿלעגט ער זיך פֿערטיעפֿען אין די הייליגע ווערטער. נו, האָט געטראָפֿען אַזאַ מעשה: ערגיץ וואו אין אַ ווייטער שטאָדט איז נפטר געוואָרען אַ געוויסער הייליגער מאַן ר ב א ד ם, וועלכער האָט געהאַט ביי זיך הימלישע כתבים (וואָס זיינען פֿאַר איהם אנטפלעקט געוואָרען בלויז צו אברהם אבינו און צו יהושע בן נון). אויף'ן טויטענבעט האָט ער צוגערופֿען זיין זוהן און האָט איהם געזאָגט, אַז ער איז ניט ראוי צו ירש'ענען די דאָזיגע כתבים. נאָר ער זאָל פֿאָהרען אין דער שטאָדט אוקאָפּ און זיי איבערגעבען אַ געוויסען מאַן מיט'ן נאָמען ישראל, וועמען ער וועט דאָרט געפֿינען, און וועלכער וועט מיט איהם לערנען תורה, אויב ער וועט נור טויגען דערצו. נאָך זיין פֿאָטער'ס טויט איז דער זוהן געפֿאָהרען קיין אוקאָפּ און האָט געוואוינט ביי דעם „פּרנס חודש", וועלכער האָט איהם איינמאָל געפֿרעגט, נאָך וואָס ער איז געקומען צו זיי אין שטעדטעל.

„איך זוך אַ גוטען שדוך," האָט ער געענטפֿערט."

עס האָבען זיך תיכף געפֿונען אַסך, וואָס האָבען איהם געוואָלט פֿאַר אַן איידים, און ענדליך האָט ער אַ שדוך געטהאָן מיט אַ גביר'ס אַ טאָכטער. נאָך דער חתונה האָט ער אָנגעהויבען זוכען דעם יורש פֿון די כתבים,

און זעהענדיג דעם שמש פון'ם בית המדרש, איז ביי איהם געבליבען, נים אנדערש אז דאס איז דער, וועמען ער זוכט. ער האט געפועל'ט ביי זיין רייכען שווער, ער זאל איהם אבטהיילען א בעזונדער ארט אין בית המדרש, וואו ער זאל קענען לערנען אליין, אונגעשטערטערהייט, און דערצו האט ער געבעטען, אז דער שמש זאל נור איהם אליין בעדיענען.

נאר אז דער יונגער מאן איז ביים לערנען איינגעשלאפען, האט זיך ישראל, ווי זיין שטייגער איז געווען, גענומען צום לערנען; און אז ער ווידער איז אנשלאפען געווארען, האט זיין בעל הבית, דעם גביר'ס איידים הייסט עס, גענומען א בלאט פון די פערבארגענע, סודות'דיגע כתבים און אוועקגעלייגט לעבען איהם. אז ישראל האט זיך אויפגעכאפט און דערזעהן דאס בלאט, איז ער געווארען זעהר געריהרט און האט עס תיכף בעהאל-טען. אויף מארגען האט דער מאן אנידערגעלייגט נאך א בלאט לעבען דעם שלאפענדען ישראל, וועלכער האט עס ווידער בעהאלטען, ווי ער האט זיך נור אויפגעכאפט. דא איז דער מאן שוין געווען איבערצייגט, אז ער האט געפונען דעם יורש פון די גייסטיגע סודות. ער האט איהם דער-צעהלט די גאנצע מעשה און איהם אנגעבאטען די כתבים בתנאי, ער זאל זיין זיין רבי און לערנען מיט איהם די פערבארגענע תורה. ישראל איז מרוצה געווארען, האט אבער אויסגענומען א תנאי, אז ער זאל לפנים, פאר דער וועלט הייסט עס, בלייבען זיין משרת און אז זיינע ידיעות אין די הימלי-שע זאכען זאלען בלייבען בסוד און נים ארויסגעהן אין דער עפענטליכקייט. דער יונגער מאן האט אלוא געבעטען זיין שווער, ער זאל איהם אבגעבען א חדר מיוחד אויסער דער שטאדט, מחמת זיינע למודים פערלאנגען נאך מעהר רוה און נאך א גרעסערע איינזאמקייט. ער נייטיגט זיך נים אין קיינעם, אחוץ אין ישראל'ן, וועלכער זאל איהם ווייטער בעדיענען ווי ביז אהער. דער שווער האט איהם געגעבען אלעס, וואס ער האט פערלאנגט, און איז געווען מלא שמחה, וואס גאט האט איהם בעשעהרט אזא למדן פאר אן איידים.

אז זייערע למודים האבען זיך נאך מעהר פערטיעפט, האט דער תלמיד געבעטען דעם רבי'ן, ער זאל איהם אראבבריינגען פון הימעל דעם הויפט מלאך, וואס האט צו שאפען איבער דער תורה, כדי ער זאל מיט זיי לערנען. נאר רבי ישראל האט איהם אבגערעדט דערפון, מחמת דער צויבער-שפרוך, האט ער געזאגט, איז זעהר געפעהרליך און דער קלענ-סטער טעות קען פיהרען צו גרויסע אונגליקען. אין א שטיקעל צייט ארום האט זיך דער מאן ווידער אנגעזעצט מיט זיין בקשה, און זיין רבי האט איינגעווילינגט.ביידע האבען געפאסט משבת לשבת, פון איין עק וואך צום

אַנדערן, און האָבען זיך געריינינגט און דורכגעמאַכט די גאַנצע צערעמאָ־ניע, וואָס איז נייטיג געווען דערצו. נאָר אין דער לעצטער רגע האָט רב ישראל אויסגעשריען: „מיר האָבען געמאַכט אַ פעהלער; אַנשטאָט איהם קומט גאָר דער מלאך האש, דער וואָס האָט צו שאַפען איבער'ן פייער. ער וועט פערברענען די שטאָדט. לויף געשווינד און זאָג דעם עולם, זיי זאָלען פערלאָזען זייערע וואוינונגען און אַרויסכאַפען מיט זיך זייערע טייערסטע זאַכען."

אויף אַזאַ'ן אופן האָט זיך רב ישראל'ס תלמיד דערשלאָגען צו גרויס כבוד אין שטאָדט און אַסך האָבען איהם געהאַלטען פאַר אַ בעל מופת און פאַר דעם רעטער פון זייער לעבען און זייער האָב און גוטס. אָבער איהם האָט זיך נאָך אַלץ שטאַרק געגלוסט האָבען לעבען זיך דעם מלאך, וואָס האָט צו שאַפען איבער דער תורה, און ער האָט ווידער גע'פועל'ט ביי ר' ישראל'ן, ער זאָל איהם אַראָברופען פון הימעל. ווירער אַמאָל האָבען זיי זיך געריינינגט און געמאַכט אַלע נייטיגע הכנות דערצו, נאָר רב ישראל האָט אויסגעשריען:

„וועה! מיר זיינען פער'משפט צום טויט, אויב מיר וועלען ניט אויפזיין היינט די גאַנצע נאַכט."

אַזוי זיינען זיי געזעסען ביידע און זיך געראַנגעלט מיט'ן שלאָף, נאָר ענדליך בעגינען צו טאָג האָבען זיך דעם יונגען מאַן'ס אויגען צוגעמאַכט און ער איז אַריינגעפאַלען אין יענעם שלאָף, פון וועלכען מען קען זיך מעהר ניט אויפכאַפען.

דאַן איז דער בעל שם אָבגעפאָהרען פון אוקאָפ און האָט זיך בע־זעצט אין אַ קליין שטעטעל ניט ווייט פון ב ר א ד. ער איז געוואָרען אַ מלמד פון קינדער, מחמת ליעבשאַפט צו די קליינע חברה. קליין איז געווען זיין שכירות און קאַרג זיינע לעבענס-מיטלען. דעם חדר, אין וועל־כען ער האָט געוואוינט, האָט ער געקראָגען מחמת קיין אַנדערער האָט דאָרט ניט געקענט זיין, צוליעב די שדים און רוחות, וועלכע פלעגען דאָרט אַרומטאַנצען. אַז דער בעל שם האָט איבערגענומען די דירה און איז אַריין אַהין, האָט דער בעל הבית, אַריינקוקענדיג מיט שרעק פון דער אַנדער זייט שוועל, געזעהן אַ ריעזיגען קאָזאַק, וועלכער איז געשטאַנען אָנגעשפאַרט ביים קאַמין. נאָר אַזוי גיך ווי דער נייער שכן איז אַריינגע־קומען איז די געשטאַלט פון'ם קאָזאַק אַלץ קלענער און קלענער געוואָ־רען, ביז וואַנען דער ריעז איז סוף כל סוף אין גאַנצען פערשוואונדען.

ניט קוקענדיג דערויף, וואָס ישראל האָט זיך נאָך ניט געהאַט אַנט־פלעקט פאַר קיינעם, זייענדיג פערנומען אין אַ קאַמפף מיט די געטליכע

סודות און מחמת דעם וואָס ער האָט אין די עולמות עליונים, אין די הע-
כערע וועלטען געשוואָרען זיך נימ צו בענוצען מיט דעם כח פֿון'ם שם
ביז וואַנען ער וועט זיין פֿערציג וויינינער פֿיער יאָהר אַלט; און נימ
קוקענדיג אויף דעם, וואָס ער איז אַרומגעגאַנגען מיט גראָבע מלבושים
און מיט צוריסענע שטיוועל, דאָך האָבען אַלע איינוואוינער פֿון שטעדטעל
עפעס געפֿיהלט די ריינקייט און די צדקות, וואָס האָבען זיך געלאָזט בעד-
מערקען אויף זיין געזיכט. מען האָט אויך געזעהן, ווי ער פֿלעגט זיך טובל
זיין אַסך עפֿטער ווי געוועהנליכע פֿרומע אידען. וואו ס'האָט זיך נור גער-
מאַכט אַ שטרייט צווישען צוויי פּערזאָנען, פֿלעגט מען קומען צו איהם,
ער זאָל אַרויסגעבען זיין אורטהייל איבער דער מחלוקה; און אפילו דער
צד, וואָס האָט דערביי פֿערלאָרען, איז פֿונדעסטוועגען קיינמאָל נימ אונ-
צופֿריעדען געוועזען מיט זיין פסק דין. איינמאָל האָט זיך געמאַכט, ס'איז
קיין רעגען נימ געוועזען, האָבען די גוים פֿון שטעדטעל געמאַכט אַ הייליגע
פּראָצעסיע און זיינען געגאַנגען איבער די גאַסען מיט זייערע גלחים, טראָ-
גענדיג זייערע געצען אין די הענד, אָבער דאָס איז געוועזען אומזיסט. דאָ
האָט ישראל געראַטהען דעם רב, ער זאָל גוזר זיין אַ תענית און צונויפֿ-
רופֿען די גאַנצע אידישע קהילה אין שוהל אַריין מתפלל צו זיין צו גאָט.
די גוים האָבען זיך געוואונדערט פֿאַרוואָס דער גאָטעס-דיענסט האָט יענעם
טאָג געדויערט אַזוי לאַנג, און אַז זיי האָבען זיך דערוואוסט וועגען דעם
תענית, האָבען זיי מיט שפּאָט געזאָגט: „וואָס! אייער גאָט וועט העל-
פֿען, דאָרט וואו מיר האָבען אונזערע געטער אַרומגעטראָגען אומזיסט און
אומנישט?" נאָר דעם זעלבען טאָג טאָקע איז אַראָב אַ רעגען.

אַזוי איז ישראל געוואָרען אַלץ בעריהמטער פֿון טאָג צו טאָג און זיין
בעריהמטקייט האָט דערגרייכט אַזש קיין בראָד.

איינמאָל האָט זיך אין דער דאָזיגער שטאָדט פֿון לומדים געמאַכט אַ
סכסוך צווישען דעם גרויסען געלערענטען מאַן רבי אברהם און אַ אידען
פֿון בראָד. אַזוי ווי זיי האָבען זיך נימ געקענט אויסגלייכען, האָט דער
איד איבערגערעדט ר' אברהם'ן צו פֿאָהרען צו רב ישראל'ן פֿאַר אַ דין
תורה. אַז זיי זיינען אָנגעקומען צו איהם, האָט מען דעם בעל שם מן
השמים מגלה געוועזען, אַז ר' אברהם'ס טאָכטער איז בעשטימט צו ווערן
זיין פֿרוי. ער האָט אָבער גאָרנישט גערעדט דערפֿון, נאָר ער האָט אָבגע-
געבען אַ ריכטיגען אורטהייל, לויט דעם רמב"ם. דער אַלטער רבי אברהם
איז אַזוי נתפעל געוואָרען פֿון אָט דעם פֿרעמדען יונגען מאַן'ס לומדות,
אַז ער האָט געזאָגט:

„איך האָב אַ טאָכטער אַ גרושה. איך וואָלט גערן געוואָלט זי חתונה מאַכען מיט דיר.“

„איך ווינש זיך גאָר ניט קיין בעסערס דערפֿון,“ האָט דער בעל שם געענטפֿערט, „וואָרים איך ווייס, זי האָט אַן איידעל האַרץ. נאָר איין תנאי נעהם איך אויס, אַז אין דעם קבלת קנין זאָל ניט צוגעגעבען ווערן קיין שום טיטעל פֿון לומדות צו מיין נאָמען. זאָל עס פּשוט הייסען: ישראל בן אליעזר.“

אויף'ן וועג, צוריקפֿאָהרענדיג קיין בראָד, איז ר' אברהם געשטאָרבען. נו, און זיין זוהן ר' גרשון איז געוועזן דער ראש בית דין און אַ זעהר גרויסער און בעריהמטער למדן. צווישען די פּאַפּירען פֿון זיין פֿערשטאָרבענעם פֿאָטער האָט ער געפֿונען אַ כתב, אַז זיין שוועסטער איז פֿער'קנס'ט צו אַ פּראָסטען מאַן, וואָס האָט קיין שום נאָמען ניט אַלס למדן. דאָס האָט איהם שטאַרק געוואונדערט און געקריינקט.

ער האָט געשיקט רופֿען זיין שוועסטער צו זיך: „ווייסט דו, אַז דו בּיסט ווידער פֿער'קנס'ט?“ האָט ער געפֿרעגט.

„ניין,“ האָט זי געענטפֿערט; „וואָס הייסט?“

„אונזער פֿאָטער, עליו השלום, האָט דיך פֿער'קנס'ט מיט איינעם ישראל בן אליעזר.“

„איז דאָס ווירקליך אַזוי? דאַן מוז איך חתונה האָבען מיט איהם.“

„חתונה האָבען מיט איהם! אָבער ווער איז ער דאָס, אָט דער ישראל?“

„פֿון וואַנען זאָל איך ווישען?“

„אָבער ער איז דאָך אַן עם הארץ. ער האָט דאָך ניט קיין שום עהרען־טיטעל.“

„דאָס, וואָס מיין פֿאָטער האָט געטהאָן, מוז זיין ריכטיג.“

„וואָס?“ האָט דער ברודער געזאָגט מיט אַ טאָן פֿון אַ בעליידיגטען. „דו, מיין שוועסטער, וואָס דו קומסט אַרויס פֿון אַזאַ בעריהמטער משפחה; דו, וואָס דו האָסט געקענט אַ שידוך טהאָן מיט איינעם פֿון די געלעהרענסטע בחורים, דו ווילסט חתונה האָבען מיט אַ פּראָסטען מאַן!“

„אַזוי האָט מיין פֿאָטער בעשטימט.“

„נו, געלויבט און געדאַנקט איז גאָט, וואָס דו וועסט קיינמאָל ניט אויסגעפֿינען, ווער אָט דער עם הארץ ישראל איז און וואו ער וואוינט.“

„אין דעם קבלת קנין איז דאָ אַ בעשטימטער טאָג, ווען די חתונה דאַרף זיין,“ האָט זיין שוועסטער רוהיג געענטפֿערט; „אין דער אָבגעמאַכטער צייט וועט מיין מאַן קומען און מיך פֿאָדערן.“

אַז עס איז געקומען נאָהענט צום טאָג, ווען די חתונה האָט געדאַרפֿט

זיין, האָט דער בעל שם געלאָזט וויסען די איינוואוינער פֿון זיין שטעדטעל, אַז ער וועט זיי פֿערלאָזען. זיי האָבען איהם געבעטען צו בלייבען מיט זייערע קינדער און איהם אָנגעבאָטען העכערע שכירות. אָבער ער האָט זיך אָבגעזאָגט דערפֿון און פֿערלאָזען דאָס שטעדטעל. און אַז ער איז צוגעקומען נאָהענט צו בראָד, האָט ער זיך פֿערשטעלט פֿאַר אַ פויער, האָט זיך אָנגעטהאָן אַ קורצע יאַק מיט אַ ווייסען גאַרטעל. אַזוי האָט ער זיך בעוויזען ביי דער טהיר פֿון'ם בית דין, בעת רב גרשון האָט געהאַלטען ביי פסק'ענען אַ וויכטיגען דין תורה. אַז דער ראש בית דין האָט איהם דערזעהן, האָט ער געמיינט, ס'איז אַן אָרעמאַן, וואָס קומט בעטען אַ נדבה. נאָר דער פויער האָט געזאָגט, ער האָט איהם אַ סוד צו אַנטפלעקען. האָט איהם דער ראש בית דין אַריינגענומען אין אַ חדר מיוחד, וואו ישראל האָט איהם געוויזען זיין קאָפּיע פֿון'ם קבלת קנין. אַן אויפֿגערעגטער איז רב גרשון אַוועק אַהיים און האָט דערצעהלט זיין שוועסטער, אַז דער מאַן, וואָס פֿאָדערט זי אַלס פֿרוי, איז געקומען. „וואָס אונזער פֿאָטער, עליו השלום, האָט געטהאָן, איז אַודאי רעכט געווען,“ האָט זי געענטפֿערט; „אפשר וועלען פֿון דעם שידוך אַרויסקומען פֿרומע, כשר'ע קינדער.“ רב גרשון, וועלכער האָט ניט געקענט פֿערטראָגען די חרפה, וואָס איז דורך דעם אָנגעטהאָן געוואָרען זיין משפחה, האָט געגען זיין ווילען געמוזט בעשטימען דעם טאָג פֿון דער חתונה. פֿאַר דער חופה האָט זיך ישראל אין געהיים געזעהן מיט זיין כלה, און האָט זיך פֿאַר איהר ענטפלעקט און איהר אויסגעזאָגט וועגען זיין שליחות.

„פֿיעל צרות וועלען מיר אינאיינעם מוזען ליידען, קליין און אָרעם וועט זיין אונזער וואוינונג, און מיט דעם שוויים פֿון אונזער פנים וועלען מיר מוזען פֿערדיענען אונזער ברויט. דו, וואָס דו ביסט די טאָכטער פֿון אַ גרויסען רב, און וואָס דו ביסט אויפֿגעבראַכט געוואָרען אין עשירות און וואוילטאָג, צי האָסט דו דעם מוטה צו בעגעגענען אָט די צוקונפֿט מיט מיר?“

„איך ווינש מיר גאָר ניט קיין בעסערס דערפֿון,“ האָט זי געענטפֿערט. „איך האָב געהאַט בטחון אין מיין פֿאָטער'ס אורטהייל, און אַצונד בין איך בעלוינט דערפֿאַר.“

דעם בעל שם'ס שטימע האָט געציטערט פֿאַר צערטליכקייט. „גאָט זאָל דיך בענשען,“ האָט ער געזאָגט. „אונזערע ליידען וועלען ניט זיין אויף לאַנג.“

נאָך דער חתונה האָט רב גרשון געוואָלט לערנען מיט זיין נייעם שוואָגער, וועלכער איז, פֿערשטעהט זיך, געבליבען וואוינען ביי איהם אין הויז. אָבער דער בעל שם האָט זיך געמאַכט, ווי איהם וואָלט שווער געווען משיג צו זיין די מינדסטע זאַך, און ענדליך איז דער דין פֿערצווייפֿעלט געוואָרען, איז אַריינגעלאָפֿען צו זיין שוועסטער און האָט איהר מיט כעס געזאָגט:

„זעה כאָטש, וואָס פאַר אַ שאַנד און שמאַך מיר האָבען עס דערלעבט דורך דיין מאַן, דעם הארץ, וועלכער אַמפּערט זיך נאָך מיט די גרעסטע לומדים אונזערע. איך קען מעהר די חרפה ניט אַריבערטראָגען. הער זשע אויס, שוועסטער מיינע, איך גיב דיר די ברירה, קענסט זיך אויסקלייבען וואָס דו ווילסט: אָדער גט זיך אָב מיט דעם דאָזיגען עם הארץ, אָדער איך וועל דיר קויפען אַ פערד און וואָגען און אייך ביידען משלח זיין פון דאַנען.“

„מיר וועלען אַוועקגעהן,“ האָט זי גאַנץ איינפאַך געזאָגט.

זיי האָבען זיך געשלעפט אין זייער וואָגען, ביז וואַנען זיי זיינען אָנגעקומען אין אַ געגענד, וויית פון אידען און וויית פון מענשען אפילו. און דאָרט אין אַן איינזאַמען אָרט, אויף איינעם פון די שפּיצען פון די קאַרפּאַטהען-בערג, דורכגעשניטען מיט הייהלען און בעזעצט מיט בוימער, האָט זיך דאָס פּאָר פאָלק געמאַכט אַ היים. דאָ האָט זיך ישראל פערטיעפט אין תפלות און אין פערטראַכטונג. פאַר זיין חיונה האָט ער געגראָבען קאַלך אין די בערג-גריבער, און זיין פרוי האָט דעם קאַלך אָנגעלאָדען אויף'ן פערד און וואָגען, האָט איהם פערקויפט אין דער נעהענטסטער שטאָדט און געבראַכט מעהל דערפאַר צוריק. ווען דער בעל שם פלעגט ניט פאַסטען — און דאָס איז געווען אַ זעלטענהייט — פלעגט ער אויסמישען דאָס דאָזיגע מעהל מיט וואַסער און ערד און עס באַקען אין דער זונן. דאָס איז געווען זיין איינציגע שפּייז. וואָס נאָך האָט ער געדאַרפט — ער, וועמעס גרעסטע פרייד איז געווען צו האָבען הייליגע טבילות אין די בערג-וואַסערן אָדער אַרויפצוקלעטערן אויף די שפּיץ בערג און אַרומוואַנדערן דאָרט, פערזונקען אין די געדאַנקען וועגען גאָט. איינמאָל! האָבען די רויבער, וועלכע האָבען געלויערט אין די הייהלען, געזעהן, ווי ער קומט צו צו אַן אָבגרונד, קוקענדיג מיט בעגייסטערונג אַרויף צום הימעל. זיי האָבען אַרויפגעשריען צו איהם, נאָר יינע אויערן האָבען זיך צוגעהערט צו די הימלישע האַרמאָניען. דאַן האָבען זיי איינגעהאַלטען דעם אָטהעם און געוואַרט, אַז אָט, אָט ווערט ער צו-שמעטערט. אָבער דער אַנטקעגענדיגער באַרג איז צוגעקומען צו איהם. און דאַן האָבען זיך די צוויי בערג צושיידט און שפּעטער זיך ווידער פעראייניגט, ווען ער איז צוריקגעקומען. נאָכדעם ווי די רויבער האָבען דאָס געזעהן, האָבען זיי איהם אָבגעגעבען כבוד אַלס הייליגען מאַן און אויך זיי פלעגען פון איצט אָן קומען צו איהם מיט זייערע ספקות אויף אַ דין תורה. און דער בעל שם האָט זיך ניט אָבגעזאָגט דערפון. „וואָרים,“ האָט ער געזאָגט, „אפילו צווישען די אונגערעכטע מוז הערשען גערעכטיגקייט.“ נאָר איינער פון דער באַנדע, געגען וועמען ער האָט גע'פסק'ענט, האָט אָבגעמאַכט ביי זיך איהם בעת'ן שלאָף צו דער'הרג'ענען. אָבער אַן אונזיכטבאַרע האַנד האָט פערהאַלטען די האַק,

בשעת זי האָט זיך אויפגעהויבען איבער זיין קאָפּ, און האָט דעם רויבער גוט דורכגעבראָכען די ביינער, ביז וואַנען ער איז אַנידערגעפאַלען אויף דער ערד, בעדעקט מיט בלוט.

אַזוי זיינען אַריבער זיבען יאָהר פון אַרבייט און גייסטיגע זעהונגען. און דער בעל שם האָט זיך אויסגעלערנט די שפּראַך פון פויגעל און חיות און בוימער, און די הייל־קראַפט פון קרייטיכער און וואָרצלען. און ער האָט אויסגעלייזט נשמות, וועלכע זיינען צוליעב זייערע זינד מגולגל געוואָרען אין פרעש און אַנדערע שרצים פון די בערג.

נאָר ענדליך האָט רב גרשון'ן באַנג געטהאָן פאַר זיין שוועסטער, און ער האָט חרטה געהאַט אויף זיין שטרייגגקייט. ער האָט אויפגעזוכט די צוויי עקשנים און זיי צוריקגעבראַכט קיין בראָד. ער האָט זיי אָבגעגעבען אַ וואוינונג לעבען זיך און געמאַכט דעם בעל שם פאַר זיין קוטשער. נאָר זיין שוואָגער איז איהם באַלד ווידער נמאס געוואָרען, וואָרים איינמאָל, ווען זיי זיינען געפאָהרען צוזאַמען, און רב גרשון איז איינגעשלאָפען, האָט דער בעל שם, ווען מען געדאַנקען האָבען זיך אויפגעהויבען אין דער הויך, געלאָזט דעם וואָגען אַריינפאַלען אין אַ גרוב. „אָט דער בחור טויג ניט ניט פאַר גאָט און ניט פאַר לייטען," האָט רב גרשון אויסגערופען.

ער האָט ווידער געבעטען זיין שוועסטער צו נעהמען גט פון איהם, אָבער זי איז געבליבען שטאַנדהאַפטיג און האָט דערביי קיין וואָרט ניט אויסגערעדט. אין זיין פערצווייפלונג האָט רב גרשון געבעטען איינעם פון זיינע פריינד, רבי מקטיור, ער זאָל מיטנעהמען ישראל'ן צו אַ משוגע'נער פרוי, וועלכע פלעגט אַרויסזאָגען די מענשען זייערע גוטע און שלעכטע מדות; און רב גרשון האָט געמיינט, אַז דער פרוי'ס בלוישטעלונג וועט אפשר האָבען אַ ווירקונג אויף זיין צרה'דיגען שוואָגער. דאָס גאַסט־צימער פון דער פערריקטער פרוי איז געווען פול געפאַקט מיט מענשען, און ביי יעדען גאַסט, וואָס פלעגט אַריינקומען, האָבען זיך פון איהרע ליפען אַרויס־געריסען ווערטער, וועלכע האָבען דעם דאָזיגען בעגריסט לויט זיינע אייגענ־שאַפטען. אַז רב מקטיור איז אַריינגעקומען, האָט זי אויסגערופען: „ברוך הבא, דו הייליגער און ריינער", און אַזוי האָט זי בעגריסט די אַנדערע. דער בעל שם איז אַריין דער לעצטער. „ברוך הבא, רב ישראל," האָט אויסגע־שריען די שטימע; „דו מיינסט, איך האָב מורא פאַר דיר, אָבער איך האָב פאַר דיר קיין מורא ניט. וואָרים איך וויים זיכער, אַז דו האָסט אין הימעל געשוואָרען, זיך ניט צו בענוצען מיט דעם שם, מיט גאָט'ס נאָמען, ניט ביז דעם זעקס און דרייסיגסטען יאָהר פון דיין לעבען."

„וועגען וואָס רעדסט דו?" האָט דער עולם געפרעגט אין ערשטוינונג.

דאַן האָט די פֿרוי ווידערהאָלט נאָך אַמאָל דאָס, וואָס זי האָט געזאָגט, אָבער דער עולם האָט זי ניט פֿערשטאַנען. און זי האָט געהאַלטען אין איין איבערזאָגען די ווערטער. ענדליך האָט רב ישראל שטאַרק אָנגעשריען אויף איהר דערפֿאַר.

„שווייג שטיל, אַניט וועל איך צונויפֿרופֿען אַן אסיפה פֿון'ם בית דין של מעלה, וועלכער וועט מיר געבען דעם כח דיך אַרויסצוטרייבען פֿון דער דאָזיגער פֿרוי. דערום פֿאָלג מיך און געה בעסער אַליין אַרויס מיט גוטען, און מיר וועלען בעטען גאָט פֿאַר דיר."

און דער גייסט האָט פֿערשפּראָכען אַרויסצוגעהן...

דאַן האָט דער בעל שם געפֿרעגט: „ווער ביזט דו?"

„איצט קען איך עס דיר ניט זאָגען," האָט דער גייסט געענטפֿערט. „דאָס וועט זיין אַ בזיון פֿאַר מיינע קינדער, וועלכע געפֿינען זיך דאָ אין צימער. אַז זיי וועלען אַוועקגעהן, וועל איך עס דיר זאָגען."

תיכף נאָכדעם זיינען אַלע שנעל אַרויס און האָבען פֿערשפּרייט די נאַכריכט, אַז ישראל קען אַרויסטרייבען בייזע רוחות. דער רעספּעקט פֿאַר איהם איז געוואַקסען, אָבער רב גרשון האָט ניט געוואָלט גלויבען און גע־זאָגט, אַז אַזעלכע זאַכען קען טהאָן בלויז אַ למדן. און ער האָט ווידער פֿערלאָרען די געדולד מיט אָט דעם עם הארץ, וועלכער איז געוועזען אַזאַ לאַסט אויף זיין בכבוד'יגען הויז. ער האָט זיין שוועסטער געקויפֿט אַ קליינע קרעטשמע אין אַ דאָרף, ווייט אַוועק ביים ראַנד פֿון אַ וואַלד. אין דער צייט, וואָס זיין פֿרוי איז געוועזען בעשעפֿטיגט אין דער אכסניא, האָט זיך דער בעל שם אויפֿגעבויט אַ שטיבעל אין וואַלד און זיך אַוועקגעזעצט דאָרט טאָג און נאַכט צו לערנען תורה; נור שבת פֿלעגט ער אַרויסגעהן, אָנגע־טהאָן אין ווייסען, און פֿיעל טבילות פֿלעגט ער נעהמען, ווי ס'האָט זיך געפּאַסט פֿאַר אַזאַ כשר'ן און הייליגען מאַן ווי ער איז געוועזען.

דאָ האָט ער דאָס דערגרייכט זיין זעקס און דרייסיגסטען יאָהר, אָבער ער האָט זיך נאָך אַלץ ניט אַנטפּלעקט, מחמת ער האָט נאָך ניט געהאַט גענוג נאָכגעדיינקט און האָט נאָך אויך ניט געהאַט געפֿונען זיינע ערשטע אַפּאָסטעלן. אָבער אין דעם צוויי און פֿערציגסטען יאָהר פֿון זיין לעבען האָט ער אָנגעהויבען ריידען אָפֿען און צונויפֿקלייבען אַרום זיך תלמידים. ער האָט געוואַנדערט איבער פּאָדאָליען און וואָלאַכיען און געלערענט דורך דרשות און משלים. טייכען איז ער אַריבער, אויסשפּרייטענדיג זיין מאַנטעל איבער'ן וואַסער, און האָט געראַטעוועט זיינע תלמידים פֿון דערפֿרוירען ווערן אין דעם ווינטערדיגען פֿראָסט, דורך דעם וואָס ער פֿלעגט אָנריהרען די

בוימער מיט זיינע שפּיץ פינגער, אַזוי אַז די בוימער האָבען געברענט, ניט ווערענדיג פערברענט.

אַצונד איז ער געוואָרען דער ראש וראשון פון אַ מעכטיגער סעקטע, וועלכע האָט זיך פערשפּרייט איבעראַל, און דער קאָפּ פון אַ שולע פון נביאים און בעלי מופתים, ועמען ער האָט מגלה געווען דעם סוד פון׳ם שם.

## IV.

אָט די זעלטענע און וואונדערבאַרע געשיכטע, וואָס איז געווען אַזוי רייך אין גענויע פּרטים, און וועלכע איך האָב געקענט גלויבען אויף גרונד פון מיינע קבלה־למודים, האָט אויף׳ס ניי דערוועקט אין מיר די נאָך אַלץ טלייענדע האָפנונג, בעקאַנט צו ווערן און זיך צו קענען בענוצען מיט די דאָזיגע טראַדיציאָנעלע איבונגען פון אונזער פאָלק. פאַרוואָס האָב איך דען, פונקט ווי די אַנדערע רבנים, ניט געוואָלט האָבען דעם שליסעל צו די אַנדערע וועלטען? פאַרוואָס האָב איך דען אויך ניט געוואָלט זיין בכח צו בעשאַפען אַ שעהן, פעט קאַלב אום פרייטאָג און עס פערצעהרען ביי מיין שבת׳דיגער מאָהלצייט? אָדער אַ גולם, וואָס זאָל שטעהן פאַר מיר און מיר בעדיענען מיט הענד און פיס? די שפּיציגקייטען פון דער גמרא האָבען מיך לאַנג גענוג געלאָזט דורכוואַנדערן דורך געדרעהטע און פערפלאָנטערטע דונקעלע הייהלען. אַצונד האָב איך געוואָלט געהן זוכען דאָס ליכט. ס׳האָט מיך געצויגען אָנצוגורטען מיינע לענדען, נעהמען מיין וואַנדער־שטעקען אין דער האַנד און זיך אַוועקלאָזען זוכען דעם הויפּט־קוואַל פון אַלע חכמות, איהם אַליין, דעם בעל שם, דעם גרויסען האַר איבער׳ן נאָמען. איך האָב געוואָלט איהם פאַלען צו די פיס און איהם בעטען, ער זאָל מיך אויפנעהמען צווישען זיינע תלמידים.

דאָס אַרומפאָהרען איז ניט געווען קיין שווערע זאַך; אין יעדער שטאָדט איז געווען אַ בית המדרש, וואוהין דער וואַנדערער האָט זיך געקענט גלייך ווענדען; אין יעדער שטאָדט זיינען אויך געווען גאַסט־פריינדליכע בעלי בתים, וועלכע האָבען עס גערעכענט פאַר אַ כבוד אויפצונעהמען פאַר אַן אורח אַזאַ למדן ווי איך און איהם געבען קעסט און קוואַרטיר. אפילו אין די אָרעמסטע דערפער האָב איך געקענט רעכענען אויף שוואַרץ־ברויט, שאָפענע קעז און אַ בעט פון טאַנען־צווייגען. אָבער אַז איך האָב זיך גענומען נאָכפרעגען, בין איך געוואָהר געוואָרען, אַז דאָס דאָרף אין וואָהלין,

וואו רב בער האָט זיך געמאַכט זיין צענטער, איז געווען אַסך נעהענטער איידער דער ווייטער און ניט־צוגענגליכער וואַלד, וואו דער בעל שם האָט זיך צוריקגעצויגען נאָך זיינע וואַנדערונגען, כדי זיך צו פֿערטיעפֿען אין זיינע געטליכע רעיונות; יאָ, איך האָב זיך דערוואוסט, אַז איך מוז סיי ווי סיי מאַכען מיין וועג דורך יענעם מיזריטש, די פּאָליטישע פֿעסטונג פֿון׳ם חסידיזם. אָט די ענטדעקונג איז מיר כלל ניט געווען אונאַנגענעהם, מחמת איך האָב געפֿיהלט, אַז איך וועל אויף אַזאַ׳ן אופן קומען בעסער צוגעגרייט צו דעם בעל שם. אין מיין אונגעדולד האָב איך אפילו ניט געקענט אָבוואַרטען, ביז די וועגען זאָלען ווערן גאַנגבאַר. דער ווינטער איז נאָך כמעט ניט געווען אַריבער און איך האָב זיך שוין מיט אַ לייכטען האַרצען און פֿול מיט פֿרעהליכער האָפֿנונג אַוועקגעלאָזט איבער די ווילדע גריבער פֿון די זיבען בערג און די איינזאַמע סטעפּעס פֿון דער אוקראַינע. גאָר אין גיכען בין איך אָנגעקומען אין געגענדען, וואו די חסידים־פֿראַגע איז געווען אַ לעבעדיגע און אַ ברענענדע, און אין שטעדט, וואו זי האָט ווירקליך אַרויסגערופֿען אַ גרעסערן אינטערעס איידער די מחלוקת איבער די קמיעות. און אין די דאָזיגע געגענדען האָט דער קלאַנג וועגען דעם בעל שם גענומען וואַקסען וואָס ווייטער אַלץ גרעסער. ס׳איז ניט געווען קיין איין דאָרף, וואָס האָט ניט געהאַט צו דערצעהלען עפּעס אַן אייגענעם מופת. איבעראַל האָב איך געהערט מכח דער אויסהיילונג פֿון קראַנקע, מכח דעם אַרויסטרייבען פֿון בייזע רוחות, וועגען גייסטער, וועלכע זיינען אַרויסגערופֿען געוואָרען, און מכח דעם ליכטיגען שיין אויף דעם בעל שם׳ס פנים.

פֿון אָט די אַלע זעלטענע מעשיות וועל איך דאָ אויפֿשרייבען בלויז צוויי. דער בעל שם און זיין סוויטע זיינען אַרויסגעפֿאָהרען אויף אַ רייזע און זיינען אַרויף אויף אַן אונבעקאַנטען מאַרשרוט. זיינע תלמידים האָבען ניט געוואוסט דעם וועג, די קאָמפּאַניע האָט פֿערבלאָנדזשעט, האָט אַרומגעוואַנדערט אַ האַלבע וואָך און איז דערנאָך אַריינגעפֿאָהרען אין אַ קרעטשמע. אויף מאָרגען אין דערפֿריה האָט דער בעל אכסניא געפֿרעגט, ווער זיי זיינען.

„איך בין אַ וואַנדערענדער מגיד,” האָט דער בעל שם געענטפֿערט, „און איך וואָלט געוואָלט נאָך פֿאַר שבת אָנקומען אין דער הויפּט שטאָדט, וואָרים איך האָב געהערט, אַז דער רייכסטער מאַן פֿון דער שטאָדט האָט דאָרט חתונה אום פֿרייטאָג, אפשר וועל איך קענען האַלטען אַ דרשה אויף דער חתונה.”

„דאָס וועסט דו ניט קענען,” האָט דער בעל אכסניא געזאָגט, „וואָרים ביז צו דער הויפּט־שטאָדט איז אַ רייזע פֿון אַ וואָך צייט.”

דער בעל שם האָט אַ שמייכעל געטהאָן. „מיר האָבען גוטע פערד," האָט ער זיך אָבגערופען.

דער בעל אכסניא האָט אַ שאָקעל געטהאָן מיט'ן קאָפּ. „אונמעגליך, סיידען איהר וועט פליהען אין דער לופטען," האָט ער געזאָגט. אַזוי ווי ער האָט אויך געמוזט פאָהרען עטליכע מייל אויף דעם זעלבען וועג צו דער הויפּט־שטאָדט, האָט ער געבעטען ערלויבניש, זיך אָנצושליסען אָן דער קאָמפּאַניע, און דאָס איז איהם פריינדליך ערלויבט געוואָרען.

דאַן איז דער בעל שם אַריין אין אַ בעזונדער חדר דאַווגען און האָט געהייסען אָנגרייטען אָנבייסען און וואַרעמעס.

„פאַרוואָס מאַכסט דו אַזעלכע שהיות?" האָט דער בעל אכסניא מיט פערוואונדערונג געפרעגט. „ווי קענט איהר דען אויף אַזאַ'ן אופן זיין דאָרט אויף שבת?"

דער בעל שם האָט פונדעסטוועגען ניט אויסגעלאָזט קיין איין אות אפילו פון זיינע תפלות, און ערשט אָבענד־צייט זיינען זיי אַרויס אין וועג. די גאַנצע נאַכט זיינען זיי געפאָהרען, און אויף מאָרגען אין דערפריה האָט זיך דער בעל אכסניא צו זיין ערשטוינונג געפונען ניט אויף דעם אָרט, ביז וואַנען ער האָט זיך פאָרגענומען צו פאָהרען מיט די אַנדערע, נאָר אין דער אומגעגענד פון דער הויפּט־שטאָדט. דער בעל שם האָט זיך אויסגעזוכט אַ אַ קוואַרטיר אין אַן אָרעמען קוואַרטאַל, בעת ווען דער בעל אכסניא האָט אַרומגעוואַנדערט אַ צוטומעלטער איבער די גאַסען פון דער גרויסער שטאָדט און ניט אָנגעהויבען וויסען, וואָס צו טהאָן. מיט אַמאָל האָט ער דערהערט אַ געשריי, און אַז ער האָט זיך אומגעקוקט, האָט ער דערזעהן, ווי די מענשען לויפען אַהין און אַהער. דאַן האָט ער דערזעהן, ווי עטליכע מענשען טראָגען אַ שעהן טויט מיידעל אין די חופּה־קליידער. צווישען זיי איז געווען איינער, וואָס נאָך זיינע שבת'דיגע מלבושים און זיינע ווייסע שיך האָט מען געקענט דערקענען, אַז דאָס איז דער חתן; ער איז געווען מורא'דיג דערשלאָגען און בלאַס ווי דער טויט. דער בעל אכסניא האָט געהערט, ווי דער עולם דערצעהלט, אַז זי איז פּלוצלינג געשטאָרבען אונטער דער חופּה שטעהענדיג, נאָך איידער ס'איז אַרויסגעזאָגט געוואָרען דאָס וואָרט אָדער צובראָכען געוואָרען דאָס גלאָז, וואָס האָט איהר געזאָלט מאַכען פאַר דער פרוי פון'ם גרעסטען גביר אין דער הויפּט־שטאָדט. דאָ איז דער בעל אכסניא צוגעלאָפען צו זיי און האָט געזאָגט:

„זייט ניט אַזוי פערצווייפעלט. נעכטען אָבענד בין איך געווען הונדערטער מיילען ווייט פון דאַנען. איך בין געקומען אַהער מיט אַ גרויסען בעל מופת. אפשר וועט ער אייך קענען העלפען."

איז דער חתן אַוועק מיט איהם, כדי אויפֿצוזוכען דעם בעל שם אין דעם אַנדערן עק שטאָדט, און ער האָט איהם אָנגעבאָטען אַ גרויסע סומע געלד, ווען ער וועט איהם צוריק לעבעדיג מאַכען זיין געליעבטע.

„ניין, האַלט דיין געלד,“ האָט דער בעל שם געזאָגט, און איז געפֿאָהרען צוריק מיט זיי ביידען צו דעם בר־מינן, וואָס איז דערווייל אַוועקגעלייגט געוואָרען אין אַ בעזונדער חדר.

ווי ער האָט נור אַ קוק געטהאָן אויף דער כלה'ס פנים, האָט ער זיך אָבגערופֿען: „גראָבט אויס אַ קבר און זייט זי מטהר ווי געהעריג איז. טהוט איהר דערנאָך צוריק אָן די חופה־קליידער. איך געה דערווייל אויף'ן בית עולם און איך וועל דאָרט וואַרטען אויף איהר.“

אַז מען האָט געבראַכט איהר טויטען קערפער אויף'ן בית עולם, האָט ער געהייסען די טרעגער, זיי זאָלען זי אַריינלייגען אין קבר, ערד צו ערד. די צושויער האָבען געוויינט, זעהענדיג, ווי דאָס ווייסע טויטען־קלייד, וואָס יעדע כלה טראָגט איבער איהר פעלצענעם בגד, האָט זיך אַצונד אַזוי צוגעפאַסט צו איהר, און ווי די וואונדערבאַרע שעהנקייט פֿון דער טויטער'ס פנים, בעקרוינט פֿון דעם מירטען־קראַנץ, האָט דורכגעלויכטען דורך'ן חופה־שלייער. דער בעל שם האָט אַוועקגעשטעלט צוויי געזונדע מענער מיט'ן פנים צום קבר און האָט זיי אָנגעזאָגט, אַז אין דער רגע, וואָס זיי וועלען בעמערקען אַן ענדערונג אין איהר געזיכט, זאָלען זיי איהר תיכף ומיד אַרויסנעהמען פֿון קבר. דאַן האָט ער זיך אָנגעשפאַרט אויף זיין שטעקען און געקוקט דער טויטער גלייך אין פנים אַריין. און די, וואָס זיינען געשטאַנען דערביי, האָבען געזאָגט, אַז פֿון זיין פנים האָט בעת מעשה אַראָבגעשיינט אַ הימליש ליכט פֿון רחמנות, אָבער דער שטערן זיינער איז געווען איינגעקאָרטשעט, אַזוי ווי ער וואָלט געווען פֿערזונקען אין ערנסטע געדאַנקען. איין רגע איז אַריבער נאָך דער אַנדערער, נאָר דער בעל שם איז געבליבען שטעהן אויף אַן אָרט, אונבעוועגליך ווי די טויטע אין קבר. און דער גאַנצער עולם איז געשטאַנען אַרום אין אַן עהרפֿורכטיגען צווייפֿעל; זיי האָבען אפילו ניט געוואַגט צו מאַכען שטילערהייט מיט די ליפען. פלוצלינג האָט זיך בעוויזען אַ שוואַכע רויטקייט ביי דער טויטער אויף'ן געזיכט, דער בעל שם האָט געגעבען אַ סיגנאַל; די צוויי מענער האָבען אַרויסגעהויבען די כלה פֿון דער בלויזער ערד און ער האָט אַ געשריי געטהאָן: „געהט צו דער חופה,“ און איז זיך אַוועקגעגאַנגען.

„ניין, קום מיט אונז,“ האָט זיך דער חתן וויינענדיג געבעטען, איז איהם געפֿאַלען צו די פֿיס און האָט געקושט דעם זוים פֿון זיין מאַנטעל. „ווער אויב ניט דו זאָל זיין דער מסדר קידושין ביי אונז אויף דער חופה?“

אזוי האָט זיך דער עולם מיט פריידען-געשרייען און מיט געזאַנג געלאָזט צוריק אין שוהל אַריין. די אויסגעלאָשענע ליכט זיינען צוריק אָנגעצונדען געוואָרען, די קלעזמער האָבען ווידער געשפּיעלט, און די כלה, בעגלייט פון איהרע פריינד, איז געגאַנגען צו דער חופה, און ס'האָט אויסגעזעהן, אַז זי הויבט גאָר ניט אָן וויסען, אַז דאָס איז ניט דערזעלבער פרעהליכער צוג, וועלכער האָט זיך נאָך אין דערפריה אָנגעפאַנגען, אָדער אַז זי איז שוין איינמאָל געשטאַנען אונטער דער חופה. נאָר אַז זיי זיינען געקומען צום שוהל-הויף און דער בעל שם האָט אָנגעפאַנגען די צערעמאָניע, דאַן ווען זי האָט דערהערט זיין קול, איז פּלוצלינג אַריבער אַ מאָדנע ליכט פון עראינערונג איבער איהר געזיכט. זי האָט אַרונטערגעריסען איהר שלייער און אויסגעשריען: „דאָס איז דער מאַן, וואָס האָט מיך אַרויסגעצויגען פון קאַלטען קבר."

„שווייג שטיל!" האָט דער בעל שם מיט אַ בעפעהלענדען טאָן געזאָגט און איז אָנגעגאַנגען ווייטער מיט דער חתונה-צערעמאָניע. ביי דער חופה-וועטשערע האָבען דער כלה'ס פריינד איהר געפרעגט, וואָס זי האָט געזעהן און געהערט אין קבר. האָט זי זיי ערקלעהרט די גאַנצע געשיכטע. די ערשטע פרוי פון איהר רייכען חתן איז געווען דער כלה'ס אַ מוהמע. אַז זי איז קראַנק געוואָרען און האָט געפיהלט, אַז זי מוז שטאַרבען, האָט זי געוואוסט, אַז ער וועט אַוודאי חתונה האָבען מיט איהר יונגער פּלימעניצע, וואָס איז אויפגעצויגען געוואָרען ביי איהם אין הויז. אַ ווילדע אייפערזוכט האָט זי בעהערשט, און זי האָט צוגערופען דעם מאַן צו איהר שטאַרב-בעט און גענומען פון איהם אַ שבועה, אַז ער וועט ניט חתונה האָבען מיט'ן מיידעל. זי האָט איהם ניט געטרויט, ביז וואַנען ער האָט געשוואָרען, האַלטענדיג זיין רעכטע האַנד אין איהרע און די לינקע אין דער פלימעניצע'ס האַנד. נאָך איהר טויט האָט קיינער פון זיי ניט געהאַלטען די שבועה, נאָר זיי האָבען ביידע געוואָלט חתונה האָבען איינס מיט'ן אַנדערן. מחמת דעם האָט די פערשטאָרבענע פרוי, ווען נור די כלה אַליין האָט געזעהן, זי געטויטעט, בשעת זי איז געשטאַנען אונטער דער חופה. בעת זי איז געלעגען אין קבר, איז דער בעל שם געווען פערנומען דערמיט איבערצוזאָגען דעם ענין. ביידע צדדים, די כלה און די אייפערזיכטיגע פרוי האָבען געמוזט פאָרלייגען זייערע טענות. און ער האָט גע'פסק'ענט, אַז די לעבעדיגע זיינען גערעכט, און אַז זיי האָבען דער טויטער געגעבען זייער וואָרט ניט מיט זייער גוטען ווילען און נור מחמת רחמנות. און אַזוי האָט ער אויסגערופען: „געהט צו דער חופה!" אָט דער פערהער אין דער וועלט פון די נשמות איז איהר אין גאַנצען אַרויס פון זכרון, ביז

זי האָט דערהערט דעם בעל שם'ס קול, בעת ער האָט אָנגעהויבען מסדר קידושין זיין. דאַן האָט זי אַ געשריי געטהאָן און אַראָבגעריסען דעם שלייער פֿון געזיכט, כדי איהם דייטליך צו זעהן.

דער בעל שם האָט געהאַלטען שבת אין דער הויפּט־שטאָדט; און זונטאָג איז ער אַרויסגעפֿאָהרען פֿון שטאָדט, בעגלייט פֿון אַ גרויסען עולם, וואָס האָט איהם אָנגעטהאָן פֿיעל כבוד. און דערנאָך האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז אַלע קראַנקע, וועמעס נעמען זייערע קרובים האָבען צופֿעליג אויפֿגעשריבען אויף דער מצבה, איבער וועלכער זיין מאַנטעל האָט זיך נאָכגעשלעפּט, זיינען גענעזען געוואָרען. און דער דאָזיגער מופת האָט דאָך ניט געקענט זיין בלויז צו פֿערדאַנקען דעם מאַן, וואָס איז געלעגען אונטער דער מצבה, הגם ער איז געוועזען אַ פֿרומער מאַן!

דינסטאָג אָבענד איז דער בעל שם מיט זיינע תלמידים אָנגעקומען אין אַ קרעטשמע. דאָרט האָט ער געפֿונען דעם בעל הבית, זיצענדיג פֿערטרויערט אין אַ צימער, וואָס איז געוועזען יום־טוב'דיג בעלויכטען פֿון אַסך ליכט און פֿול געפּאַקט מיט קליינע אינגעלאַך, וועלכע האָבען זיך געשאָקעלט אַהין און אַהער, לייענענדיג קריאת שמע.

„קענען מיר דאָ איבערנעכטיגען?" האָט דער בעל שם געפֿרעגט.

„ניין," האָט דער בעל אכסניא געענטפֿערט מיט אַ פֿעראומערטען טאָן.

„פֿאַרוואָס ביסט דו אַזוי טרויעריג? אפשר קען איך דיר מיט וואָס עס איז העלפֿען," האָט דער בעל שם געזאָגט.

„היינט איז וואַך־נאַכט, ווי דו זעהסט," האָט זיך דער מאַן אָבגערופֿען; „וואָרים מאָרגען דאַרף זיין דער ברית ביי מיין לעצט־געבוירענעם זוהן. דאָס איז מיין פֿינפֿטעס קינד, און אַלע אַנדערע זיינען געשטאָרבען פּלוצלינג פּונקט האַלבע נאַכט אָהן אַ שום צייכען פֿון וואָס פֿאַר עס איז קראַנקהייט. איך ווייס ניט, פֿאַרוואָס לילית האָט זיך אַזוי אָנגעזעצט אויף מיינע קינדער. אָבער אַזוי איז דאָס, דעם טייוועל'ס מוטער, זי טויטעט זיי אַלע, ניט קוקענדיג אויף די פֿיעל קמיעות און אַנדערע מיטלען געגען כשוף, וואָס הייגען אַרום מיין ווייב'ס בעט. יעדען טאָג זינט דער געבורט קומען אָט די קינדער אַהער לייענען קריאת שמע און זאָגען דעם קאַפּיטעל צ"א פֿון תהלים. און היינט ביינאַכט קומען די עלטערן אויף־זיין און לערנען אַ גאַנצע נאַכט. נאָר איך האָב מורא, אַז זיי וועלען פֿאָרט ניט אַרויסרייסען ביי לילית'ן דעם קרבן איהרען. מחמת דעם בין איך ניט אויפֿגעלייגט, אַריינצונעהמען פֿרעמדע מענשען צו מיר אין שטוב."

„זאָלען די קליינוואַרג געהן אַהיים, וואָרים זיי שלאָפֿען שוין איין," האָט דער בעל שם געזאָגט. „און זאָלען זיי זאָגען זייערע פֿאָטערס, אַז זיי

קענען בלייבען אין דער היים אין זייערע בעטען. מיינע תלמידים און איך וועלען אויף זיין און בעטען גאָט."

געזאָגט, געטהאָן. דער בעל שם האָט געהייסען צוויי פון זיינע לייט צו האַלטען אַן אָפענעם זאַק ביים קינד'ס וויגעלע און די איבעריגע פון זיינע תלמידים האָט ער אָנגעזאָגט, זיי זאָלען זיצען און לערנען אָהן אַן אויפהער און אויף קיין פאַל ניט צומאַכען די אויגען, הגם ער אַליין האָט געהאַט בדעה צו געהן שלאָפען. טאָמער וועט וואָס עס איז אַריינפאַ-לען אין זאַק, זאָלען איהם די צוויי מענער תיכף פערבינדען און איהם אויפוועקען. נאָכדעם ווי ער האָט זיינע תלמידים נאָך אַמאָל דערמאָנט, זיי זאָלען ניט איינשלאָפען, איז דער בעל שם אַריין אין זיין בעזונדערן חדר. שטונדען זיינען פערביי. מען האָט קיין זאַך ניט געהערט אַחוץ דעם מורמ-לען פון די לערנער און דעם פייפען פון'ם ווינד אין וואַלד. אַרום האַלבע נאַכט האָבען די פלאַמען פון די ליכט גענומען שטאַרק פלאַקערן, כאָטש מען האָט אין דעם הייסען צימער קיין שום ווינטעל ניט געשפירט. אָבער די וואַכענדע האָבען מיט זייערע הענד פערשטעלט די ליכט, כדי זיי זאָלען ניט פערלאָשען ווערן. ניט קוקענדיג דערויף, זיינען זיי אַלע אויסגעגאַנגען, און אַ צויבערישע פינסטערקייט האָט געהערשט אין צימער. דאָס פייער פון'ם אויווען האָט אויף אַ מאויס'דיגען אופן געוואָרפען די שאָטענס פון די לערנער אויף די ווענד און אויף דער סטעליע. אַ שוידער איז זיי אַריבער איבער'ן לייב. נאָר איינער, וואָס איז געוועזען מוטהיגער פון די אַנדערע, האָט געכאַפּט אַ שטיק ברענענדיג האָלץ פון אויווען און ווידער אָנ-געצונדען די ליכט. אַז דאָס לעצטע ליכט האָט צוריק אויפגעפלאַמט, איז אַ שוואַרצער קאָטער אַריינגעפאַלען אין זאַק. די צוויי מענער האָבען איהם תיכף צוגעבונדען און זיינען אַוועק אויפוועקען דעם בעל שם.

„נעהמט צוויי קאַטשעלקעס," האָט ער געזאָגט, „און קלאַפּט דורך דעם זאַק אַזוי שטאַרק ווי איהר קענט גור."

נאָכדעם ווי זיי האָבען איהם גוט דורכגעקלאַפּט, האָט ער זיי געהיי-סען אויפבינדען דעם זאַק און איהם אַרויסוואַרפען אין גאַס. און אַזוי איז אויפגעגאַנגען דער טאָג, און דאָס קינד איז געבליבען גאַנץ. דעם טאָג האָבען זיי געפראַוועט דעם ברית מיט אַן אונבעשרייבליכער שמחה, און דער בעל שם איז געוועזען סנדק. נאָר איידער די סעודה האָט זיך אָנגע-הויבען, האָט דער פאָטער פון'ם קינד געבעטען דעם בעל שם, ער זאָל אויסוואַרטען אַ ווייל. „איך מוז אַפריהער אַריבערגעהן צום פריץ און איהם ברייננגען וויין פאַר אַ מתנה," האָט ער געזאָגט. „וואָרים ער איז אַ גרויזאַמער

טיראַן און ער וועט זיך מיט מיר אָברעכענען, ווען איך וועל איהם ניט אָבגעבען קיין כבוד ביי דער היינטיגער שמחה אונזערער.״

„געה אין פֿריעדען,״ האָט דער בעל שם געזאָגט.

אַז דער מאַן איז געקומען צום פריץ אין הויז, האָבען די משרתים איהם געזאָגט, אַז זייער האַר איז קראַנק, נאָר ער האָט אָנגעזאָגט, אַז מען זאָל איהם לאָזען וויסען, ווען מען וועט ברייגגען די מתנה. דער מאַן האָט געוואַרט, און דער פריץ האָט געהייסען, מען זאָל איהם אַריינלאָזען; און ער האָט איהם אויפֿגענומען מיט גרויס לייטזעליגקייט און איהם געפֿרעגט, ווי די געשעפֿטען געהען און צי האָט ער עפּעס געסט ביי זיך אין דער אכסניא.

„אָה יאָ,״ האָט דער בעל אכסניא געענטפֿערט; „ביי מיר שטעהט איצט אַ זעהר הייליגער מאַן, וועלכער קומט פֿון פוילען. ער האָט געראַטעוועט מיין קינד פֿון טויט.״

„ווירקליך!״ האָט דער פריץ מיט אינטערעס געזאָגט, און דער מאַן האָט איהם דערצעהלט די גאַנצע געשיכטע.

„ברייגג מיר אָט דעם פֿרעמדען,״ האָט דער פריץ בעפֿוילען; „איך וויל ריידען מיט איהם.״

דער בעל אכסניא איז אַוועק אַהיים זעהר דערשלאָגען.

„פֿאַרוואָס זעהסט דו אויס אַזוי דערשראָקען?״ האָט איהם דער בעל שם געפֿרעגט.

„דער פריץ וויל, דו זאָלסט קומען צו איהם. איך האָב מורא, ער וועט דיר רשעות טהאָן. איך בעט דיך, פֿאָהר תיכף אָב פֿון דאַנען, און איך וועל איהם זאָגען, אַז איך האָב דיך שוין ניט געפֿונען ביי מיר אין דערהיים.״

„איך וועל געהן צו איהם,״ האָט דער בעל שם געזאָגט.

מען האָט איהם אַריינגעפֿיהרט צום קראַנקען אין צימער. אַזוי גיך ווי דער פריץ האָט אַרויסגעשיקט זיינע משרתים, האָט ער זיך אויפֿגעזעצט אין בעט; און דאָ האָט מען געקענט זעהן שוואַרצע און בלויע צייכענס אויף זיין לייב. בייז און דורשטיג נאָך ראַכע האָט ער מיט אַ שפּאָטענדען טאָן געזאָגט:

„דו מוזט זיך אַודאי האַלטען פֿאַר אַ זעהר גרויסען בריה, וואָס דו האָסט מיך אומגעריכטערהייט געכאַפּט.״

„ס׳אַ שאָד, וואָס איך בין ניט געקומען, איידער דו האָסט דער׳הרג׳עט די אַנדערע פֿיער,״ האָט דער בעל שם געענטפֿערט.

„אָהאָ!״ האָט דער כשוף-מאַכער געקריצט מיט די צייהנער פֿאַר כעס; „האַלסט דו זיך, הייסט עס, פֿאַר אַ גרעסערן צויבערער ווי איך בין. נו גוט, איך פֿאָדער דיך אויף אויף אַ פּראָבע.״

„איך האָב קיין וואונש ניט זיך צו פֿערוועטען מיט דיר,״ האָט דער בעל שם רוהיג געענטפֿערט; „איך בין ניט קיין צויבערער. איך האָב בלויז דעם כח פֿון׳ם שם, פֿון׳ם הייליגען נאָמען.״

„באַה! די קראַפֿט פֿון מיין כשוף געגען דיין הייליגען נאָמען!״ האָט דער מכשף מיט שפּאָט געזאָגט.

„נקמה פֿאַר דעם חלול השם!״ האָט דער בעל שם געזאָגט. „איך נעהם אָן דיין אויפֿפֿאָדערונג. פֿון היינט אין אַ מאָנאַט אַרום וועל איך פֿערזאַמלען מיינע תלמידים. דו און דיינע ברידער רופֿט צונויף אייערע גייסטער. און דו וועסט געוואָהר ווערן, אַז עס איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט.״

אין אַ מאָנאַט אַרום האָט זיך דער בעל שם און זיינע תלמידים צו־נויפֿגעטראָפֿען מיט דעם מכשף און זיינע ברידער אויף אַ פֿרייען פֿעלד. דאָרט אונטער׳ן בלויען הימעל האָט דער בעל שם געמאַכט צוויי קרייזען אַרום זיך און איינעם אין אַן אַנדער פלאַץ אַרום זיינע תלמידים. ער האָט זיי אָנגעזאָגט, זיי זאָלען ניט אַראָבנעהמען קיין אויג פֿון זיין געזיכט, און אַז זיי וועלען נור בעמערקען וואָס פֿאַר עס איז ענדערונג דערויף, זאָלען זיי תיכף ומיד אָנהויבען זאָגען די תפלות פֿון תשובה. דער הויפּט מכשף האָט אויך געמאַכט אַ קרייז אַרום זיך און זיינע חברים אויף דעם אַנדערן עק פֿעלד און האָט גלייך אָנגעהויבען זיין אָנגריף. ער האָט אַרויסגעשיקט געגען דעם בעל שם גאַנצע מחנות פֿון חיות, וועלכע האָבען זיך מיט ווילדע קולות און מיט אַ מורא׳דיגען צאָרן געלאָזט לויפֿען צום קרייז. נאָר ווי זיי זיינען נור צוגעקומען צום ערשטען קרייז, זיינען זיי פֿערשוואונדען. דאַן איז אָנשטאָט זיי אַרויסגעקומען אַ צווייטע מחנה — און אַ דריטע — און אַ פֿערטע — לייבען, טיגערס, לעמפּערטען, וועלף, איינהערנער און אַזעלכע ברואים, וואָס האָבען גאָר קיין נאָמען ניט, אַלע האָבען זיי זיך געוואָרפֿען אויף דעם הייליגען קרייז. אַזוי איז דאָס צוגעגאַנגען אַ גאַנצען טאָג נאָכ־אַנאַנד; יעדע רגע האָט מען געקענט זעהן אַלץ נייע ווילדע מחנות, ווי זיי קומען אַרויס, גיבען זיך אַ וואָרף און ווערן ווידער פֿערשלונגען.

פֿאַרנאַכט, אַז ס׳האָט אָנגעהויבען ווערן פֿינסטערלאַך, האָט דער הויפּט-צויבערער אַבגעלאָזט אויף דעם בעל שם אַ מחנה ווילדע חזירים, וואָס האָבען געשפּיגען מיט פֿייער; און די האָבען ענדליך אַריבערגעטראָ־טען דעם ערשטען קרייז. דאָ האָבען די תלמידים דערזעהן אַ פֿערענדערונג ביי דעם בעל שם אויף׳ן פּנים און זיי האָבען אָנגעהויבען זאָגען דאָס תשובה־געבעט.

נאָר די ווילדע חזירים זיינען געלאָפֿען ווייטער, ביז וואַנען זיי האָבען

דערגרייכט דעם צווייטען קרייז. דאן זיינען זיי פערשוואונדען. דריי מאל האט דער מכשף אנגעהעצט זיינע ווילדע חורים אויף דעם בעל שם; די פלאמען, וועלכע האבען ארויסגעשפריצט פון זייערע פיסקעס, האבען בעלויכטען די פינסטערניש, אבער ווי זיי זיינען נור צוגעקומען צום צווייטען קרייז, האבען זיי זיך פערלאשען ווי אויסגעבלאזענע ליכט. דא האט זיך דער כשוף-מאכער אבגערופען: „איך האב געטהאן אלץ, וואס איך האב געקענט.“ און ער האט אראבגעלאזט דעם קאפ. „איך וויס, איין בליק פון דיינע אויגען קען מיך טויטען. איך געזעגען זיך מיט'ן לעבען.“

„ניין, הויב אויף דעם קאפ,“ האט דער בעל שם געזאגט. „ווען איך וואלט דיך געוואלט טויטען, וואלסט דו שוין לאנג געווען א הויפען אש, צושפרייט איבער דאס דאזיגע פעלד. אבער איך וויל דיר ווייזען, אז עס איז דא א גאט איבער אונז. קום, הויב אויף דיינע אויגען צום הימעל.“

דער מכשף האט אויפגעהויבען זיינע אויגען צום הימעלס-קרייז, וואו די ערשטע שטערען האבען אנגעהויבען צו פונקלען. און צוויי דערנער זיינען אראב און האבען איהם אויסגעשטאכען די אויגען. ביז זיין טויט איז ער געווען בלינד; נאר ער האט געזעהן, אז עס איז דא א גאט אין הימעל.

## V.

מכח רב בער'ן האב איך אויף מיין וועג קיין אנדער זאך ניט געהערט נור לויב-געזאנגען, און זיינע מופתים האבען פערנומען גלייך דעם צווייטען פלאץ נאך די מופתים פון זיין גרויסען רבי'ן. ער איז געווען א גדול בישראל, א זעלטענער למדן. אפילו די שונאים פון די חסידים — און זיי זיינען געווען א סך און זעהר פערביטערט — האבען געמוזט מודה זיין, אז ער איז א מופלג בתורה, און זיי האבען בעדויערט, וואס זיין אריינטרעטען אין דער סעקטע האט פערשטארקט אט די עם הארצי'שע בעוועגונג און צוגעצויגען צו איהר אסך אנגעזעהענע אנהייגער. ווארום לויט זייער מיינונג איז דער בעל שם טאקע באמת געווען אזא בור, ווי ער האט זיך אויסגעגעבען; אויך האבען זיי ניט געגלויבט די ערצעהלונג פון זיינע אנהייגער, אז זיין לפנים'דיגע עם-הארצות האט זיך גענומען דערפון, וואס ער האט געשווארען אויף'ן הימעל, אז ער זאל זיך ניט אנטפלעקען פאר דעם זעקס און דרייסיגסטען יאהר פון זיין לעבען. וואס איז

שייך צו זיינע נאָכפאָלגער, זיינע תלמידים, האָט מען זיי בעטראַכט פאַר א באַנדע פון אונוויסענדע, טאַנצענדע פאַנאַטיקער; און דעם אמת זאָגענדיג, האָט זיך מיר אין אַ שטאָדט געמאַכט צו זיין אין אַ חסידישען מנין, בשעת׳ן דאַוונען, און דאָס האָט גאַנץ שטאַרק צוטריימעלט מיינע האָפנונגען. וואָרום די גאָט־בעטער האָבען געליאַרעמט, זיך געקלאַפּט אין די הערצער, זיך געריסען ביי די פאות, געשפרונגען אין דער הויך מיט ווילדע קולות, ביז שוים האָט זיי געשפריצט פון מויל. איך האָב ווירקליך ניט געקענט זעהן קיין שום ערהאַבענע אידעע הינטער די דאָזיגע משוגע׳נע העוויות. זיי האָבען דאָ אין שטעדטעל געהאַט זייער אייגענעם, בעזונדערן „צדיק״, וועמען זיי האָבען געהאַלטען נאָך גרעסער ווי רב בער.

„ער רעדט מיט די מלאכים,״ האָט מיר איינער פון זיי דערצעהלט.

„פון וואַנען ווייסט איהר דאָס?״ האָב איך צווייפלענדיג געפרעגט.

„וואָס הייסט פון וואַנען? ער אַליין זאָגט עס.״

„און ווי איז דער דין, אַז ער זאָגט אַ ליגען?״

„וואָס! אַ מאַן, וואָס רעדט מיט מלאכים, וועט זאָגען אַ ליגען!״

איך האָב זיך ניט גענומען די צייט איהם צו בעווייזען, אַז אָט די ראיה זיינע ווידערשפרעכט אפילו יעדע גמרא־לאָגיק; וואָרים איך האָב מורא געהאַט, אַז אויב איך וועל בעקומען די לעהרע פון אַזעלכע מיילער, קען איך פערלירען מיין גאַנצען ענטהוזיאַזם, נאָך איידער איך וועל דערגרייכען דעם הויפט־קוואַל. נאָך אָט דער ערפאַהרונג האָב איך אויף מיין וויטערדיגער נסיעה אויסגעמיידעט זיך פונאַנדערצופרעגען ביי די מיטגליעדער פון דער סעקטע, פונקט ווי איך האָב געזוכט צו פערטרייבען פון מיין מחשבה די רשעות׳דיגע קלאַנגען און די קלאַגען פון זייערע געגנער, וועלכע האָבען געזאָגט, אַז ניט אומזיסט איז די סעקטע געבוירען געוואָרען אין אַ לאַנד, וואו די מלוכה ערלויבט בלויז דעם עלטסטען זוהן, דעם בכור פון אַ אידישער פאַמיליע חתונה צו האָבען. איך האָב געוואָלט האַלטען מיין קאָפּ פריי און ריין פון פאָראורטהיילען אויף יעדער זייט. און אַזוי, נאָך פיעל שווערע טעג און פערשיעדענע געשעהענישען, וועלכע עס לוינט ניט דאָ צו דערמאָנען, אַזוי ווי די אַלע שידוכים, וואָס מיינע בעלי אכסניות האָבען מיר גערעדט — אַלע גוטע אידישע בעלי בתים, הגם ניט קיין לומדים — בין איך ענדליך צוגעקומען צום ציעל פון מיין ערשטער סטאַנציע, צו דעם דאָרף מ י ז ר י ט ש.

איך האָב זיך קוים גענומען צייט אָבצורוהען זיך אַביסעל פון וועג, נאָר איך בין תיכף געלאָפען צו רב בער׳ס הויז, וואָס איז געשטאַנען אויף אַ וואַלדיגען באַרג, שטאָלץ און קעניגליך, אַרויסקוקענדיג צום טייך, וואָס

האָט געשווימט צווישען די בערג צום דניעפּער צו. איך בין אַריבער די ברייטע הילצערנע בריק, ניט אַ קוק געבענדיג אפילו נאָך אַמאָל אויף די רווישענדע וואסערן; נאָר אַז איך בין צוגעקומען צו דעם גרויסען הויז, האָט מען מיר, צו מיין טיעפער ענטטוישונג, ניט אריינגעלאָזט. מען האָט מיר ערקלעהרט, אַז דער צדיק קען זיך ביז שבת ניט ווייזען פאַר קיין בשר ודם, מחמת ער געפינט זיך אין פערבאָרגענע, מיסטישע וועלטען. ס'איז ערשט געוועזען מיטוואָך. און איך בין ניט געוועזען דער איינציגער ענטטוישטער; וואָרים די טהיר איז געווען בעלאַגערט פון אַ מערקווירדיגער מחנה פון מענער און פרויען. אַסך זיינען געקומען פון זעהר ווייט, אַ טהייל צופוס און אָבגעריסען, אין טראַנטעס, און אַ טהייל אין רייכע עקיפּאַזשען. איינע פון די לעצטע — אַ שעהנע, רייך־געקליידעטע פרוי — האָט אויף קיין פאַל ניט געוואָלט אַוועקגעהן. זי האָט געהייסען איהר קוטשער נאָך אַמאָל און ווידער אַמאָל קלאַפּען אין טהיר, און האָט זיך געסטאַרעט אונטערצוקויפען דעם טהיר-שטעהער מיט עסענוואַרג, וויין און ענדליך אויך מיט גאָלד. אָבער אַלעס איז געווען אומזיסט. איך בין אַריין אין אַ שמועס מיט עטליכע פון די פערזאַמעלטע, און איך בין געוואָהר געוואָרען, אַז אַ טהייל זיינען געקומען זוכען אַ רפואה, און אַ טהייל עפּעס אַ צויבער-מיטעל, און אַנדערע זיינען געקומען בעטען פאַר זייערע וועלט-ליכע ענינים, פאַר זייערע געשעפטען. איינער, האָב איך געפונען, האָט געוואָלט, אַז דער מקח פון ווייץ זאָל שטייגען, און דער אַנדערער, אַז ער זאָל פאַלען. אַ דריטער האָט געוואָלט אַ מאַן פאַר זיין טאָכטער, וועלכע איז שוין ניינצעהן יאָהר אַלט. און אַן אַלט פאָר פאָלק איז געווען דערשלאָגען, מען האָט ביי זיי צוגע'גנב'עט די גאַנצע ציערונג; און זיי זיינען זיכער גע-ווען, אַז דער צדיק וועט געפינען דעם גנב און אָבקריגען צוריק די גנבה. איך האָב געפונען בלויז איינעם, וואָס איז, אַזוי ווי איך, געקומען מיט דעם טיעפען וואונש צו הערען אַ נייע לעהרע פאַר דער נשמה. ניט אָהן פער-גניגען האָב איך זיך דערוואוסט, אַז איך וועל האָבען דעם פאָרצוג איבער זיי; וואָרים בעת ווען מיין וואונש וועט ערפילט ווערן אום שבת, זייענדיג איינגעלאַדען צו דער סעודה, קענען אָבער די וועלטליכע ענינים ניט אויסגעהערט ווערן ביז זונטאָג. די צייט ביז שבת האָב איך פערטריבען אַזוי גוט ווי איך האָב נור געקענט, כ'האָב דורכגעפאָרשט די שעהנע גע-גענד אַרום דעם צדיק'ס הויז און איך בין געגאַנגען אַסך ווייטער ווי וועך עס איז. און ווירקליך, כ'האָב זעלטען ווען געהערט אַ איד זאָל מאַכען אַ ברכה איבער הויכע בערג אָדער שעהנע בוימער. אפשר מחמת דעם וואָס אונזער געגענד איז על פי רוב געווען אַ גרויסער זומפּ. אָבער אָפט האָב

איך ביי די דאָזיגע שפּאַציר־גייענג געהאַט אַ געלעגענהייט צו זאָגען: „ברוך אתה ה׳ אלהינו מלך העולם שככה לו בעולמו״. אין דער גאַנצער צייט האָב איך כמעט ניט אָנגעזעהן קיין מענשען פאַר די אויגען. נאָר איינמאָל זיינען מיינע רעיונות פּלוצלינג איבערגעשלאָגען געוואָרען, און דאָס דורך אַ געשריי, וואָס האָט מיך פונאַנדערגעטרייסעלט און מיר קוים גע־געבען די מעגליכקייט אויסצומיידען אַן עלעגאַנטען, גלענצענדען עקיפּאַזש, וואָס איז געווען געשפּאַנט צו צוויי ווייסע פערד. אינעווייניג איז געזעסען בעקוועם אָנגעשפּאַרט אַ שטאַרקער מאַן און האָט געריכערט אַ ליולקע. מיין רוחניות׳דיגע, אין גאַנצען פערזונקענע שטימונג איז פערשוואונדען, און מיר זיינען מיט אַמאָל אַרויף אויף׳ן זינען געדאַנקען וועגען רייכטהום און וואוילטאָג.

פרייטאָג־צו־נאַכטס האָב איך געגעסען ביי אַ גבאי פון די חסידים, וועלכער האָט געהערט פון דעם אינטערעס, וואָס איך האָב גענומען אין זיין סעקטע, אָבער ווען איך האָב באין אופן ניט געקענט געבען צו פערשטעהן, אַז איך בין געקומען אונטערזוכען, אויספּרואווען, אָבער ניט אָננעהמען די לעהרע בלינדערהייט. איך האָב איהם פערוואָרפען מיט פראַגען מכח די אידעען פון זיין סעקטע, אָבער ער האָט מיר גאָרנישט געקענט קלאָהר מאַכען, אַחוץ די לעהרע וועגען די דבקות, דאָס אויסטהאָן זיך פון זיך אַליין בשעת׳ן דאַוונען, דורך וואָס דער פער׳דבקה׳טער גאָט־בעטער ווערט איינס מיט דער שכינה; אַ לעהרע, וועלכע וויל נאַטירליך ניט וויסען פון בעשטימטע, פעסטגעזעצטע שטונדען, ווען מען זאָל דאַווענען, מחמת די דבקות, די פולע פערטיעפונג קען ניט דערגרייכט ווערן אויף בעפעהל. צייטענווייז איז שווייגען באמת אַ בעסערע תפלה און דאָס איז די ריכטיגע פערטייטשונג פון׳ם גמרא-ווערטעל: „מלתא בזוזא שתיקא בתרין״ (אויב ריידען איז ווערטה איין זילבער-שטיק, איז שווייגען ווערטה צוויי). און דאָס איז אויך די בעדייטונג פון דעם פסוק אין מלכים ב׳, קאַפּיטעל ג׳, פסוק ט״ו: „והיה כנגן המנגן ותהי עליו יד ה׳״ (און אַז דער מוזיקאַנט האָט געשפּיעלט, איז גאָט׳ס גייסט געקומען איבער איהם). דאָס הייסט, ווען דער מוזיקאַנט איז געוואָרען אַן אינסטרומענט און האָט אַרויס־געגעבען פון זיך מוזיק, איז דאָס געווען מחמת דעם, וואָס גאָט׳ס גייסט האָט אויף איהם געשפּיעלט; וואָרים כל זמן אַ מענש איז זעלבסט־טהעטיג, קען ער ניט האָבען קיין רוח הקודש אין זיך.

דער פסוק פון מלכים האָט מיר אויסגעקוקט עפּעס אַזוי ווי אַרויס־געריסען פון זיין צוזאַמענהאַנג און אויסגע׳פשט׳לט אויף דעם זעלבען אופן ווי אין די אָרטהאָדאָקסישע ישיבות, דאָס, וואָס איז מיר שוין לאַנג געווען

דערווידער. נאָר אַזוי ווי איך האָב אין מיין גאַנצען לעבען ניט געהאַט אַזעלכע ערהאַבענע מאָמענטען ווי אויף מיינע בערג־וואַנדערונגען, האָב איך דעם בעל הבית מיינעם אייף אַזאַ בעגייסטערטען אופן אַרויסגעזאָגט מיין צושטימונג מיט דער חסיד׳ישער תורה גופא, אַז ער האָט, ווייזט אויס, גאָר ניט גע־צווייפעלט מעהר, אַז איך וועל ווערן אַ חסיד.

„ניטאָ ביי אונז קיין רעליגיעזע צערעמאָניעס,” האָט ער מיר פערזי־כערט. „דאָס אַליין, וואָס איהר ווינשט פאָלקאָמענהייט, איז גענוג, מען זאָל אייך אויפנעהמען אין אונזער סעקטע. ביי דער „סעודתא דמלכא קדישא”, ביי דער שבת׳דיגער סעודה הייסט עס, וועט מען אייך גאָרנישט פרעגען ניט מכח אייער ביז אַהעריגען לעבען, ניט מכח אייערע זינד; וואָרים אייער הארץ איז ווי אַן אָפענע מגילה פאַר דעם צדיק, ווי איהר וועט עס אַליין אויסגעפינען, ווען איהר וועט האָבען די זכיה איהם צו זעהן פנים אל פנים. הגם ער וועט ריידען צו דעם גאַנצען עולם, וועט איהר אָבער פון איהם הערען ווערטער, וואָס וועלען זיך בעציהען נור צו אייך אַליין.”

„אָבער ער האָט דאָך נאָך קיינמאָל גאָרנישט געהערט פון מיר?”

„דאָס וואָלט געווען אַ שווערע זאַך בלויז פאַר דעם, וואָס דרש׳ענט צוליעב זיין אייגענעם כבוד. אָבער דער, וואָס דער רוח אלהים, גאָט׳ס גייסט, איז אין איהם, דער איז קליגער פון אַלע דרשנים.”

מיט אַ קלאַפענדען האַרצען בין איך אין דעם לאַנג-ערוואַרטעטען שבת אַריין צום צדיק אין הויז. אינאיינעם מיט נאָך אַנדערע לייט האָט מען מיך אַריינגעפיהרט אין אַן עסס-שטוב, אויסגעלייגט מיט רייכע טעפי־כער, מיט אַ גרויסען דעמבאָווען טיש, געגרייט פאַר אַן ערך צוואַנציג פערזאָן. אַ משרת אין אוניפאָרם, וועלכער איז אַרומגעגאַנגען אויף די שפיץ פינגער, האָט אונז אַלעמען אָנגעשטעקט מיט זיין אייגענער עהרפורכטיג־קייט, און ניט סמייענדיג צו שעפּטשען אפילו, האָבען מיר ערוואַרט דעם גרויסען מאַן. ענדליך איז ער אַריינגעקומען, הויך און מאַיעסטעטיש, מיט אַ לאַנגען קאַפטאַן פון ווייסען אַטלעס, אַזוי צוגעשניטען, אַז זיין נאַ־קעטע ברוסט זאָל זיך אַרויסזעהן. זיינע שיך זיינען געווען ווייס, און אפילו די פושקע פון שמעק-טאַבאַק, מיט וועלכער ער האָט זיך געשפּיעלט, איז אויך געווען פון דעם זעלבען צניעות׳דיגען קוליער. ווי איך האָב נור אַ בליק געטהאָן אויף זיין געזיכט, האָב איך געפיהלט, אַזוי ווי עס וואָלט מיר עפעס געווען מאָדנע בעקאַנט, נאָר וואו און ווען איך האָב עס געזעהן, דאָס האָב איך זיך ניט געקענט דערמאָנען, און מיין מוח איז אַצונד אין גאַנצען פערנומען געוואָרען דערמיט.

„שלום עליכם,‟ האָט ער געזאָגט צו יעדען איינעם בעזונדער. מיט עהרפֿורכט האָבען מיר שטילערהייט געענטפֿערט אונזער „עליכם שלום‟ און זיך אַנידערגעזעצט אויף אונזערע פּלעצער ביים טיש. דיזעלביגע פֿייערליכע שטילקייט האָט אויך געהערשט ביי דער מאָהלצייט, וועלכער האָט זיך געענדיגט מיט „קוגעל‟. דערווייל איז דאָס צימער פֿול געוואָרען מיט ניי־צוגעקומענע געסט, וועלכע האָבען זיך אַריינגעכאַפּט מקבל פּנים זיין דעם רבי׳ן, און וועלכע האָבען זיך איצט אַרומגעשטעלט אַרום טיש און זיך געשפּאַרט פֿאָראויס, צו כאַפּען כאָטש אַ ברעקעלע „שיריים‟ פֿון׳ם קוגעל. און גרויס איז געוועזען די שמחה אויף די פּנים׳ער פֿון די, וועמען ס׳האָט זיך איינגעגעבען צו כאַפּען אַ ביסען, אָקוראַט ווי דאָס וואָלט זיי געפֿיהרט גלייך אין גן עדן אַריין.

אַז די דאָזיגע אומגעלומפּערטע כאַפּעריי איז אַריבער, האָט דער צדיק — וועלכער איז געזעסען מיט׳ן שטערן אָנגעשפּאַרט אָן די הענד און האָט כלומר׳שט גאָרנישט געזעהן, וואָס דאָרט איז פֿאָרגעקומען, — גענומען זינגען אַ הייליגען ניגון. דאַן האָט ער אַרויפֿגעלייגט די הענד איבער די אויגען, אַזוי ווי פֿערזונקען אין בעגייסטערונג. דערנאָך האָט ער פּלוצלינג אָנגעהויבען אויסרופֿען אונזערע נעמען און די ערטער, פֿון וואַנען מיר זיינען געקומען, וואָס האָט אונז אַלעמען שטאַרק ערשטוינט. יעדער גאַסט, וואָס איז אויף אַזאַ׳ן אופֿן אויפֿגערופֿען געוואָרען, האָט געענטפֿערט מיט אַ פּסוק פֿון תנ״ך. אַז די רייה איז געקומען צו מיר, בין איך געוועזען אַזוי צוטומעלט דערפֿון, וואָס דער צדיק ווייסט אַלצדינג מכח מיר, אַז איך האָב בשום אופֿן ניט געקענט געפֿינען קיין פּסוק. נאָר ענדליך האָב איך זיך דערמאָנט אָן דעם פּסוק, וואָס פֿאַנגט זיך אָן מיט׳ן ערשטען אות פֿון מיין נאָמען און וועלכען מען האָט מיר אַלס קינד געהייסען גוט איינ׳חזר׳ן און געדיינקען, כדי איך זאָל זיך דערמאָנען אָן מיין נאָמען, דאַן ווען דער מלאך דומה וועט מיר אָנקלאַפּען אין קבר און פֿרעגען „מה שמך ?‟ ; און אָט דעם פּסוק האָב איך אָבגעזאָגט, ווערענדיג דערביי רויט און נאָך מעהר צומישט ווי פֿריהער. צו מיין ערשטוינונג האָט דער צדיק אָנגעהויבען האַלטען אַ דרשה איבער אָט די אַלע פּסוקים, אַ דרשה, וועלכע איז געוועזען אַזוי גייסטרייך צוזאַמענגעשטעלט, אַז מען וואָלט געקענט שווערען, אַז קיין בעסערע און פּאַסענדערע פּסוקים האָט מען גאָרניט געקענט אויסקלייבען. „זיי האָבען אַלזאָ ווירקליך געזאָגט דעם אמת וועגען אָט דעם מאַן׳ס לומדות,‟ האָב איך ביי זיך געטראַכט. אָט די וואונדערבאַרע רעדע האָט אויך אַרויסגעוויזען אַזאַ איבערראַשענדע בעקאַנטשאַפֿט מיט מיין פֿערגאַנגענהייט — יאָ, אפילו די פּרטים וועגען

מיין פֿערשטאָרבענער פֿרוי —, פּונקט ווי דער חסיד, ביי וועמען איך האָב געהאַלטען שבת, האָט מיר פֿאָראויסגעזאָגט. בעגייסטערט האָב איך פֿער־לאָזען דאָס הויז פֿון דעם דאָזיגען בעל מופת, הגם אַלעס, וואָס איך גע־דענק נאָך פֿון דער דרשה, איז די נייע אויסטייטשונג פֿון׳ם מאמר אין פרק: „יהי כבוד חברך חביב עליך כשלך" (זאָל דער כבוד פֿון דיין חבר זיין טייער ביי דיר, ווי דיין אייגענער).

„דיין אייגענער," האָט רב בער געזאָגט, „מיינט דער כבוד, וואָס דו טהוסט זיך אַליין אָן; הנאה צו האָבען דערפֿון, וואָלט געווען לעבערליך. פּונקט אַזוי ווייניג דאַרף זיך דער קלוגער מענש פֿרעהען מיט זיין חבר׳ס כבוד — דאָס הייסט, מיט דעם כבוד, וואָס זיין חבר טהוט איהם אָן." דאָס האָט זיך, דעם אמת זאָגענדיג, ניט געגראַמט מיט זיין אייגענעם גרויסען און גלענצענדען כבוד, און איך האָב ערשט אין עטליכע חדשים אַרום פֿערשטאַנען זיין אויסטייטשונג.

נאָכדעם ווי אָט די דרשה האָט זיך געענדיגט, איז אַריינגעקומען איינער פֿון די חסידים. „פֿאַרוואָס אַזוי שפּעט?" האָט מען דעם מאַן געפֿרעגט.

„מיין ווייב איז געלעגען געוואָרען," האָט ער מיט אַ שעהמענדיגען טאָן געזאָגט. פֿון אַלע זייטען האָט מען איהם אָבגעגעבען מזל־טוב מיט פֿרעהליכע, לעבעדיגע קולות.

„אַ אינגעל צי אַ מיידעל?" האָבען געשריען עטליכע שטימען מיט אַמאָל.

„אַ מיידעל," האָט ער געזאָגט און דערביי האָט ער זיך נאָך מעהר פֿערשעהמט.

„אַ מיידעל!" האָט דער צדיק מיט אַן אונצופֿריעדענעם טאָן אויסגע־רופֿען, „ביסט ווערטה שמיץ דערפֿאַר."

גלייך אויף׳ן שטעל האָט זיך די קאָמפּאַניע מיט פֿרייד אַ וואָרף גע־טהאָן אויף דעם אונגליקליכען מאַן. מען האָט איהם אַריבערגעלייגט און איהם אויף קאַטאָוועס אַריינגעצעהלט היבשע עטליכע שמיץ. ערשטווינט האָב איך געקוקט אויף׳ן צדיק. זיין געזיכט איז געווען פֿערצויגען מיט אַ מאָדנע העויה, און ווי אַ בליץ איז מיר ווידער אַרויף אויף׳ן זינען די ער־אינערונג מכח אָט דעם פּנים. נאָר איידער איך האָב נאָך צייט געהאַט זיך אויף ריכטיג צו דערמאָנען, וואו איך האָב איהם ערגעץ געזעהן, האָט ער געמאַכט אַ סוף צום שפּאַס.

„קומט ברידער," האָט ער זיך אָבגערופֿען, „לאָמיר דינען גאָט מיט פֿרעהליכקייט." און ער האָט גענומען זינגען אַ פֿרעהליכען ניגון.

אויף מאָרגען האָב איך מיט געמישטע געפֿיהלען ווידער אויפֿגעזוכט דעם צדיק'ס טהיר, דורך וועלכער עס האָט זיך איצט אַריינגעלאָזט דער שטראָם פֿון די, וועלכע האָבען אַזוי לאַנג געוואַרט. אָבער דער צוטריט צו דעם הייליגען מאַן איז נאָך אַלץ ניט געווען לייכט. אין דעם ברייטען פֿאָרצימער איז געזעסען דעם צדיק'ס שרייבער ביי אַ טיש, אַרום וועלכען דער עולם האָט זיך אַרומגעקליבען, יעדער איינער און יעדע איינע האָט פֿאָרגעלייגט זיין אָדער איהר בקשה, וואָס דער שרייבער האָט פֿערצייכענט אויף אַ קוויטעל און זיי דערלאַנגט, עס אַריינצונעהמען צום צדיק. איך האָב זיך צוגעהערט צו די בקשות פֿון דעם ליאַרמענדען עולם. „איך, רחל בת חנה, וויל האָבען קינדער,“ אַזוי האָט געלויטעט די בקשה פֿון דער שעהנער רייכער פֿרוי, וועמעס קוטשער האָט יענעם טאָג אַזוי שטאַרק געקלאַפּט אָן טהיר און ניט געוואָלט אָבטרעטען. דעם שרייבער האָט זי אַפּנים אויך בעלוינט מיט עטליכע גאָלדענע מטבעות פֿאַר זיין טרחה. איך אַליין האָב בלויז בעצאָהלט עטליכע קרייצער און איינפֿאַך געוואונשען — און איך בין געווען דער איינציגער מיט דעם דאָזיגען וואונש — „פֿאָלקאָמענהייט“. ביים רבי'נס טהיר איז געווען נאָך אַ מאַן, וואָס האָט ווידער גענומען געלד; נאָר איך בין מיטגעשוואומען אין דעם גאָלד־שטראָם פֿון דער רייכער פֿרוי און איך בין גראָד אָנגעקומען צו דער רעכטער צייט, ווען דאָס אַלטע פֿאָרפֿאָלק האָט זיך מיט טיעפֿער דאַנקבאַרקייט אָבגעזעגענט מיט'ן רבי'ן, וועלכער האָט זיי אומגעקעהרט צוריק זייער אבידה, די ציערונג, וואָס מען האָט ביי זיי גע'גנב'עט. מיט אַן ערנסטער מיענע, אָהן אַ שום צייכען פֿון בעפֿרידיגונג איבער זיין וואונדערליכען ערפֿאָלג, האָט דער צדיק אָבגע'פטר'ט דאָס פלוידערענדע פּאָר'ל און גענומען דאָס קוויטעל, וואָס די שעהנע פֿרוי האָט איהם דערלאַנגט. ער האָט עס אפילו ניט געעפֿענט, נאָר עס צוגעלייגט צו זיין שטערן און אויפֿגעהויבען די אויגען צום הימעל.

„דו ווילסט האָבען אַ קינד ?“ האָט ער געזאָגט.

די פֿרוי איז פֿערציטערט געוואָרען. „אָה, דו געטליכער מאַן!“ האָט זי אַ געשריי געטהאָן און איז איהם געפֿאַלען צו די פֿים.

דער צדיק האָט אַרויפֿגעלייגט זיין האַנד אויף איהרע האָר, כדי זי צו בערוהיגען. און אין דער רגע איז אין זיין אויסדרוק געווען עפּעס, וואָס האָט מיר ענדליך געעפֿענט די אויגען. ס'האָט מיר אַזוי ווי אַ שטאָך געגעבען אין האַרצען; איך האָב דערקענט דעם מאַן, וואָס איז פֿערבייגעפֿאָהרען פֿערביי מיר אין יענעם עלעגאַנטען עקיפּאַזש, וואו ער איז זיך געזעסען פֿונאַנדערגעשפּרייט און בעקוועם און האָט געדרייבערט זיין ליולקע. איך בין געווען אַזוי דערשלאָגען, אַז איך בין גאָר אָהן צערעמאָניעס אַרויסגעלאָפֿען

פֿון צימער. שעהנע פֿאַלקאָמענהייט! אָט האָסט דו דיר איינעם, וואָס לעד־רענט צו זיין עניוות'דיג, און אַליין לעבט ער אין רייכטהום און זיצט אויף טעפּיכער; אַ פריידיגער פֿון גערעכטיגקייט, וואָס ליגט ברייט צולייגט אין זיין וואָגען דאַן, ווען מען מיינט, אַז ער איז פֿערטיעפֿט און פֿערזונקען אין געטליכקייט! יאָ, אָט די חסידישע רביים זיינען ניט מעהר ווי אָבגעקאַלב־טע קברים; און אַזוי ווי עס האָט ב"ה די אָרטהאָדאָקסישע קהלות אויך ניט געפֿעהלט אַזעלכע עקזעמפּלאַרען, האָט עס מיר אויסגעוויזען, אַז עס איז פּשוט אַן עבירה צו פֿערשווענדען צייט און ענערגיע צו געהן זוכען נאָך. אַלצדינג, וואָס איך האָב אויף'ן וועג זיך אָנגעהערט געגען דער סעקטע, איז מיר אַצונד ווידער אַרויף אויף'ן זינען, און איך האָב די מיטגליעדער איהרע צוטהיילט אין צוויי לאַגערן: אין שווינדלער און בעשווינדעלטע. און אין דער דאָזיגער ביטערער שטימונג האָבען זיך גאַנצע טוצען פֿון די־נינקע פֿעדימלאַך אין מיינע אויגען צוזאַמענגעקניפּט און זיינען געוואָרען איין געוועב פֿון רשעות. איך האָב ביי זיך געטראַכט, אַז דאָס דערפֿעל מוז אַודאי זיין פֿול מיט שפּיאָנען, וועלכע שטעהען אין רב בער'ס דיענסט, און אַז דער חסידישער בעל הבית מיינער אַליין האָט אויף אַ כיטרען אופן אַרויסגעצויגען פֿון מיר די פֿאַקטען פֿון מיין לעבענס־געשיכטע. וואָס איז שייך געווען צו די ציערונג, וואָס דער „צדיק" האָט צוריק אומגעקעהרט דעם אַלטען פּאָר־פֿאָלק, בין איך געווען זיכער ביי זיך, אַז זיינע אייגענע לייט האָבען עס גע'גנב'עט. איך האָב גענומען מיין רייזע־זאַק איבער די פּלייצעס און זיך אַוועקגעלאָזט אַהיים.

אָבער קוים בין איך נור אָבגעגאַנגען עטליכע הונדערט איילען, האָט זיך מיין שטימונג בערוהיגט. איך האָב זיך דערמאָנט אָן דער וואונדערליכער דרשה מיט דער אויסטייטשונג פֿון די פסוקים, וואָס רב בער האָט ניט גע־קענט פֿאָראויסזעהן, און איך האָב זיך בערעכענט, אַז ער מוז באמת זיין אַ גדול בישראל, און אַז ד ו ד ה מ ל ך און דער חכם ש ל מ ה האָבען דאָך אויך געלעבט אין כבוד און גדולה. „און נאָך אַלעמען," האָב איך מיט זיך אַליין גע'טענה'ט, „איז דאָך דאָס אַ גאַנץ אונשולדיגע זאַך צו פֿאָהרען שפּאַצירען ביים ב־רג טייך. ווער ווייסט, צי איז דאָס ניט איינע פֿון די וועגען, ווי אַזוי ער פֿערטיעפֿט זיך אין גאָט? פֿערזיכערן דען ניט אָט די אַלע, וועלכע רויכערן דעם טאַבאַק, אַז ער מילדערט און רייניגט די נשמה?"

אַחוץ דעם, האָב איך ווייטער פֿאַר זיך געקלעהרט, ווער אויב ניט אַ נאַר קעהרט זיך אום אין מיטען וועג, איידער ער האָט דערגרייכט זיין ציעל? איך האָב געזעהן די פּראַכט פֿון דעם תלמיד, לאָמיך אויך אַ קוק טהאָן אויף דער גדולה פֿון'ם רבי'ן אַליין און אויף דעם פּורפּור־גלאַנץ פֿון זיין הויף.

און אַזוי האָב איך זיך ווידער אַוועקגעלאָזט קיין מעזשביזש, נאָר אויף אַ זייטען־וועג, כדי אויסצומיידען בער'ס דאָרף.

## VI.

ס'איז געווען אַפּריל, איידער איך בין צוגעקומען נאָהענט צו מיין בעשטימונגס־אָרט. די וועגען זיינען נאָך געווען זומפּיג און בלאָטיג; נאָר אין דער דאָזיגער גליקליכער צייט צווישען דעם ווינטער־גרוי און דעם זומער־געבעל האָט דער הויך פֿון'ם פֿריהלינג בעשעהנט די וועלט. דער טייך סטרי האָט געפֿינקעלט; אפילו די חורבות פֿון די שלעסער האָבען געהאַט אַ פֿרעהליכען אויסזעהן, בעת ווען די גערטנער פֿון די פּריצים האָבען אָנגעפֿילט די לופֿט מיט אַלערליי זיסע ריחות. איין טאָג, ווען איך בין געגאַנגען אויף אַ באַרגיגען וועג אַרויף צו אַ דאָרף צו, איז פֿערביי מיר פֿערבייגעפֿאָהרען אַ נידעריגער, גראָה־האָריגער מאַן לוסטיג־פֿייפֿענדיג אויף אַ וואָגען מיט עטליכע זעק מעהל. מיר האָבען זיך איינער דעם אַנדערן אָבגעגעבען שלום; וואָרים מיר האָבען זיך דערקענט אַלס ברידער אידען אָן אונזערע פֿעלצענע היטעלאַך און אונזערער פּאות. מיט אַמאָל דערזעה איך, ווי ער שפּרינגט אַראָב פֿון וואָגען, און אויס רחמנות אויף זיין פֿערד, ליגט ער צו די פּלייצע צום ראָד און שטופּט עס אונטער; אָבער ער האָט נאָך ניט געמאַכט קיין פֿופֿציג טריט, האָט זיך זיין פֿערד אויסגעגליטשט און איז געפֿאַלען. איך בין צוגעלאָפֿען איהם העלפֿען אויפֿהויבען דאָס פֿערד; און איידער ס'האָט זיך אונז איינגעגעבען עס צוריקצושטעלען אויף די פֿיער פֿיס, האָט מיך די פֿרעהליכקייט פֿון'ם פֿוהרמאַן, וועלכע האָט אָנגעהאַלטען זאָגאַר אין די קריטישע מאָמענטען, שטאַרק צוגעצויגען צו איהם.

„אָט אַפּנים דער שטן האָט זיך פֿערלייגט אויף מיר, מיר צו פֿערשטערען דעם פסח,״ האָט ער געזאָגט; „וואָרים דאָס איז שוין דאָס צווייטע מאָל, וואָס איך פֿיהר מיין פסח'דיג מעהל אַהיים. מיין ליעבע פֿרוי האָט מיר געזאָגט, אַז מיר וועלען גאָרנישט האָבען וואָס צו עסען אויף יום טוב, האָב איך זיך געמוזט אַן עצה געבען. בין איך אַרויסגעפֿאָהרען מיט מיין חלף אין די צפֿון־דערפֿער — ניין, שרעקט זיך ניט, ניט צו הרג'ענען די איינוואוינער, חלילה, נאָר צו קוילען זייערע עופֿות אויף פסח.״

„איהר זייט אַ שוחט?״ האָב איך געפֿרעגט.

„יאָ,״ האָט ער געענטפֿערט, „אַ שוחט אויך. עס וואָלט געווען אַן

אונערטרעגליכע בעשעפֿטיגונג," האָט ער צוגעלייגט פֿערטראַכטערהייט, „ווען איך וואָלט זיך ניט געזאָגט, אַז וויבאַלד ס'איז דאָך די אָרעמע עופות סיי ווי סיי בעשעהרט געקוילעט צו ווערן, איז זיי בעסער ביי מיר אין די הענד. מילא, ווי עס זאָל ניט זיין, כ'האָב געקוילעט געגוג עופות, כדי צו קענען קויפֿען פסח'דיג מעהל; נאָר איידער איך האָב עס אַהיים געבראַכט, האָט דער טייוועל אָנגעשיקט אַזאַ מבול, אַז עס איז אין גאַנצען איבערגע־פֿיהרט געוואָרען. האָב איך ווידער גענומען דעם חלף און בין אַרויסגעפֿאָה־רען אין די דרום־דערפֿער, און אָט בין איך אַצונד דאָ אין אַ נייע פֿערלע־גענהייט. איך האָף נור, אַז איך וועל ניט מוזען אַוועק'הרג'ענען דאָס פֿערד מיינס אויך."

„ניין, איך גלויב ניט, אַז עס איז נעשעדיגט," האָב איך געזאָגט; און אַזוי איז טאַקע געווען.

אַז איך האָב דעם גוטמוטהיגען קליינעם מאַן און זיין פֿערד אַרויפֿגע־האָלפֿען ביז צום שפּיץ פֿון'ם בערגעל, האָט ער מיך געבעטען, איך זאָל זיך אַריינזעצען צו איהם אין וואָגען, אויב מיין וועג ליגט אין זיין ריכטונג.

„איך געה זוכען דעם בעל שם," האָב איך איהם ערקלעהרט.

„טאַקע!" האָט ער געזאָגט; „ס'איז גאָר ניט אַזוי שווער איהם צו גע־פֿינען."

„וואָס, איהר קענט דעם בעל שם?" האָב איך אויסגערופֿען מיט צו־קאָכטקייט.

ער האָט זיך משמעות אַמוזירט איבער מיין אויפֿרעגונג. די שוואַרצע אויגען זיינע האָבען געפֿונקעלט. „וואָס הייסט, יעדער איינער אין דער דאָ־זיגער געגענד קען דעם בעל שם." האָט ער געזאָגט.

„אָבער ווי אַזוי קען איך איהם אויסגעפֿינען?" האָב איך געפֿרעגט.

ער האָט אַ ציה געטהאָן מיט די פּלייצעס. „איהר דאַרפֿט זיך נור אַריינזעצען ביי מיר אין וואָגען."

„יישר כחכם!" האָב איך אַ געשריי געטהאָן, פֿול מיט דאַנקבאַרקייט. „וואָס זשע, איהר פֿאָהרט אַהין?"

ער האָט אַ שאָקעל געטהאָן מיט'ן קאָפּ.

איך האָב אַרויפֿגעקלעטערט אויף'ן וואָגען און זיך אַנידערגעזעצט צווישען צוויי זעק מיט מעהל. „ס'איז וויית פֿון דאַנען?" האָב איך געפֿרעגט.

ער האָט אַ שמייכעל געטהאָן. „ניין, אַז עס וואָלט געווען וויית, וואָלט איך אייך ניט אַרויפֿגעבעטען צו מיר אין וואָגען."

דאַן זיינען מיר ביידע אַנשוויגען געוואָרען. ניט קוקענדיג דערויף וואָס דער וואָגען האָט שטאַרק געטרייסעלט, האָב איך דאָך געפֿיהלט, אַז דאָס

פֿאָהרען איז אַ חיות פֿאַר מיינע פֿערמאַטערטע גליעדער. דער בלויער הימעל, דאָס רוישען פֿון די בלעטער און די נאָהענטע אויסזיכט, ענדליך זיך צו קענען זעהן מיט'ן בעל שם, דאָס אַלעס האָט פֿיעל בייגעטראָגען מיך צו פֿערוויגען אין אַ גוט־טהוענדער, דערקוויקענדער מיעדקייט. נאָר מיין פֿער־שלאָפֿענקייט איז ניט געווען אַזוי טיעף ווי די, אין וועלכער מיין נייער פֿריינד איז אַריינגעפֿאַלען; אַזוי האָט עס על כל פנים אויסגעזעהן. וואָרים אַז מיר זיינען צוגעקומען צום דאָרף, איז אונז אַנטקעגען געקומען אַן אַנדער וואָגען, און נור אַ דאַנק מיינע געשרייען און די קולות פֿון דעם אַנדערן פֿוהרמאַן, האָט ער זיך אויפֿגעכאַפּט אין צייט, כדי צו קענען ראַטעווען זיין וואָגען פֿון צוברעכען ווערן.

„איהר האָט זיך אודאי געמווט פֿערטראַכטען וועגען אַ שווערען ענין פֿון דער תורה," האָב איך געזאָגט.

„אַ שווערען ענין," האָט ער מיט אַ שוידער געזאָגט. „נור דער שטן מאַכט אַזעלכע קניפּלאַך."

„אָהאָ," האָב איך געזאָגט, „ניט קוקענדיג דערויף וואָס איהר זייט אַ שׁ ו ח ט , זייט איהר, משמעות, דאָך ניט קיין פֿריינד פֿון דער רבנישער לומדות."

„וואו עס ווערט אַסך געלערענט," האָט ער געענטפֿערט, „דאָרט איז דאָ ווייניג פֿרומקייט."

אין דער רגע זיינען מיר צופֿעליג פֿערבייגעפֿאָהרען דורך דעם בית המדרש פֿון'ם דאָרף, פֿון וואַנען עס האָבען זיך אַרויסגעהערט די הויכע קולות פֿון די לומדים, וועלכע האָבען זיך דאָרט אינעווייניג מפלפל געווען ביי זייערע גמרות. דער פֿוהרמאַן האָט זיך צוגעהאַלטען די אויערן.

„אָט די בעלי־פּלפּול," האָט ער זיך אָבגערופֿען און האָט דערביי פֿער־צויגען דאָס געזיכט; „זיי זיינען עס די, וועלכע פֿערלייגערן דעם קץ און האַלטען דאָס פֿאָלק ישראל אין גלות."

„ווי אַזוי דען?" האָב איך געפֿרעגט.

„דער שטן רעדט אָן אָט די רבנים," האָט ער געענטפֿערט, „צו לערנען בלויז די טהיילען פֿון אונזערע הייליגע שריפֿטען, ביי וועלכע זיי קענען שאַרפֿען זייער פֿערשטאַנד. נאָר פֿון אַלע שריפֿטען, וועלכע וועקען צו פֿרומ־קייט און גאָטס־פֿורכטיגקייט, האַלט ער זיי ווייט."

איך בין געווען דערפֿרעהט און ערשטוינט צו הערען דעם שוחט אַזוי ריידען, נאָר איידער איך האָב נאָך צייט געהאַט אויסצודריקען מיין צושטי־מונג, איז זיין אויפֿמערקזאַמקייט צוגעצויגען געוואָרען צו אַ שעהן מיידעל, וואָס איז דורכגעגאַנגען פֿערביי אונז, אָנטרייבענדיג אַ קוה.

„וואָס פאַר אַ הערליך ווערטער!“ האָט ער זיך אָבגערופען, און זיינע אויגען האָבען געלויכטען.

„וואָסערע?“ האָב איך געפרעגט מיט אַ געלעכטער. „די קוה?“

„ביידע,“ האָט ער געענטפערט, זיך אומקוקענדיג הינטערוויילאַכם.

„אַצונד פערשטעה איך, וואָס איהר מיינט מיט פרומע שריפטען,“ האָב איך איראָניש געזאָגט: „דעם שיר השירים.“

מיט אַ מאָדנער ערנסטקייט האָט ער זיך אומגעקעהרט צו מיר, אָקוּראַט ווי ער וואָלט גאָר ניט בעמערקט מיין איראָניע. „יאָ, ווירקליך,“ האָט ער אויסגערופען; „אָבער ווען די רבנים לייענען עס, פערדרעהען זיי עס און מאַכען דערפון אַ בלוטלאָזע אַלעגאָריע, אָהן לייב און אָהן לעבען, אידישע טייוואָלים זיינען זיי! וואָס איז דען די שעהנקייט פון יענעם מיידעל, אויב ניט אַן אויספלוס פון דער געטליכער שעהנקייט? וואָס שעהנער דער גוף איז, אַלץ גלענצענדער פיהרט ער אונז צו דעם געדאַנק פון גאָט.“

איך בין געוועזען שטאַרק אונטער דעם איינדרוק פון אָט דעם מאָדנעם חברה-מאַן, אויף וועמען איך האָב גלייך דערקענט, אַז דאָס איז אַן אָריגינאַל.

„אָבער דאָס איז דאָך אַ זעהר געפעהרליכע לעהרע,“ האָב איך געזאָגט.

„מיט דעם זעלבען רעכט קענט איהר פערהייליגען און געטליך מאַכען די איינפאַכע תאוה, די קערפערליכע לוסט.“

„אַלעס איז געטליך,“ האָט ער געענטפערט.

„אויב אַזוי איז עסען און טרינקען און פרעהליך זיין פונקט אַזוי גוט פאַר דער נשמה, ווי פאַסטען.“

„בעסער,“ האָט דער פוהרמאַן געזאָגט קורץ.

איך בין נשתומם געוואָרען צו טרעפען אַזעלכע עפיקור'שע לעהרען אין אַ געגענד, וואו איך האָב, אַחוץ מיין ערפאַהרונג מיט בער'ן ערוואַרטעט צו בעגעגענען דעם אַסקעטישען איינפלוס פון דעם בעל שם. „זייט איהר, הייסט עס, ניט קיין אָנהענגער פון דעם בעל שם?“ האָב איך איהם אויסגעפאָרשט.

„ניין, קיין ברעקעל אויך ניט,“ האָט ער געענטפערט מיט אַ געלעכטער.

איך האָב געקראָגען אַזאַ סימפּאַטהיע צו איהם — וואָרים דער מאַן האָט געהאַט אַן אויסערגעוועהנליכע אָנציהונגס-קראַפט אין זיך — אַז איך האָב עפּעס אַזוי ווי געפיהלט, אַז אפילו ווען דער בעל שם זאָל ווירקליך זיין אַן אַסקעט, וואָלט איך פונדעסטוועגען פאָרט גאָרנישט געקענט האָבען פון איהם, און אַז מיין לאַנגע נסיעה וואָלט געווען אומזיסט; וואָרים די גרינע פעלדער און דאָס לעבעדיגע, פרישע וואַסער איז אַצונד געלעגען אַסך וייטער פון מיין דורשטיגער נשמה, ווי ווען עס איז.

מיר זיינען אַרויסגעפאָהרען פון דאָרף און אַריינגעקומען אין אַ געדיכטען

וואַלד פֿון סאָסנעס, מיט אַ שמאָלען שטעג, וואָס איז קוים געווען ברייט גענוג פֿאַר'ן וואָגען. פּלוצלינג איז דאָס שטיל-שווייגען, וואָס האָט אַ ווײַלע געהערשט צווישען אונז, איבערגעשלאָגען געוואָרען פֿון מורא'דיגע קולות נאָך „הילף", וועלכע זיינען געקומען פֿון אַ וועלדעל רעכטס. דער פֿוהרמאַן האָט תיכף אָבגעשטעלט דעם וואָגען, איז אַרונטערגעשפּרונגען און האָט אַרויס-געצויגען אַ לאַנגען חלף פֿון זיין גאַרטעל.

„ס'איז אָפֿט נוצליך צו זיין אַ שוחט," האָט ער מיט כעס געזאָגט, זיך דורכשלאָגענדיג דורך די געדיכטע בוימלאַך.

איך בין איהם נאָכגעגאַנגען טריט ביי טריט, און פּלוצלינג האָבען מיר דערזעהן אַ מאָדנע סצענע. אַ שעהנע פֿרוי האָט געקעמפֿט מיט צוויי מע-נער, וועלכע זיינען געווען אָנגעטהאָן ווי רבנים אין ייִדענע הויזען און מאַנטלען. איינער האָט איהר צוגעהאַלטען די אָרעמס פֿעסט אָן אַ זייט, בעת ווען דער אַנדערער האָט געהאַלטען דערביי איהר אַריינצושטעכען אַ קינזשאַל אין האַרצען.

„האַלט!" האָט דער „שוחט" אַ געשריי געטהאָן.

דער, וואָס האָט אָקאָרשט געוואָלט בעגעהן דעם מאָרד, האָט אָבגעטראָ-טען צוריק מיט אַן אויסדרוק פֿון שרעק אויף זיין שמאָלען, פֿאַנאַטישען פּנים.

„לאָז אָב די פֿרוי!" האָט דער פֿוהרמאַן שטרייננ געזאָגט.

אַ דערשראָקענער און צוטומעלטער האָט דער אַנדערער געפֿאָלגט. די פֿרוי איז אַנידערגעפֿאַלען האַלב אָהנמעכטיג, און דער פֿוהרמאַן האָט זי אויפֿגעכאַפּט.

„האָב קיין מורא ניט," האָט ער געזאָגט. — „און איהר, רוצחים, פֿאַלט מיר צו די פֿיס און דאַנקט מיר, וואָס איך האָב אייך געראַטעוועט אייער חלק לעולם הבא."

„ניין, מיר האָבען איהם אדרבה דורך אייך פֿערלאָרען," האָט געזאָגט דער מיט'ן קינזשאַל. „וואָרים מיר האָבען נור וואָס געוואָלט נעהמען נקמה פֿאַר גאָט. זייט וויסען, אַז דאָס איז אונזער שוועסטער, און מיר האָבען אויסגעפֿונען, אַז זי איז אַ זינדיגע, לייכטזיניגע בריאה, וועלכע האָט גע-בראַכט שאַנד און שמאַך צו אונזער הויז פֿון לומדים און צו אונזער גאָטס-פֿורכטיגע שטאָדט. האָבען מיר אַלזאָ און דער מאַן איהרער אָבגעהאַלטען אַ געהיימען בית דין, און אין'ם גייסט פֿון אונזער תורה האָבען מיר בעשלאָסען, אַז אָט דער שאַנדפֿלעק זאָל אויסגעראָטען ווערן פֿון'ם פֿאָלק ישראל, לכבוד השם."

„לכבוד השם!" האָט דער פֿוהרמאַן איבערגעזאָגט, און די אויגען זיינע האָבען געפֿלאַמט. „וואָס ווייסט איהר פֿון דעם שם און פֿון זיין כבוד?"

די צוויי ברידער האָבען זיך שטאַרק געקרימט אונטער דער שאַרפקייט און די ליידענשאַפט פון זיינע ווערטער. פערוואונדערט און אונבעקוועם האָבען זיי זיך אָנגעקוקט איינער דעם אַנדערן, אָבער זיי האָבען גאָרנישט געענטפערט.

„ווי דערוועגט איהר זיך אָנצורופען אַ אידישע טאָכטער שאַנדפלעק?" האָט זיך דער פוהרמאַן ווייטער געבייזערט. „צי איז דען פאַרהאַן אַ זינד, וואָס זאָל זיין גרויס גענוג, אונז אויף תמיד אָבצורייסען פון גאָט, וועלכער לעבט אין אַלצדינג? בעט גאָט פאַר אייער שוועסטער, אויב איהר ווילט, אָבער ניט דערוועגען זאָלט איהר זיך צו משפט'ן אייערן אַ מיט-מענשען!"

די פרוי האָט אַרויסגעפלאַצט מיט אַ מורא'דיגען געוויין און איז איהם געפאַלען צו די פיס.

„מיינע ברידער זיינען גערעכט! זיי זיינען גערעכט!" האָט זי געשריען. „איך בין אַ זינדיגע בריאה. ס'וואָלט געווען גלייכער, מיך צו לאָזען שטאַרבען."

מיט צערטליכקייט האָט זי דער פוהרמאַן אויפגעהויבען. „ניין, אין אָט דער רגע האָסט דו חרטה געהאַט," האָט ער געזאָגט, „און מיט דער חרטה פון איין איינציגער רגע קעהרט מען זיך אום צוריק צו גאָט. פון איצט אָן און ווייטער וועסט דו לעבען אָהן זינד."

„וואָס! איהר ווילט זי ברייגגען צוריק קיין בראָד?" האָט אַ געשריי געטהאָן דער עלטערער ברודער. „איהר ווילט ברייגגען גאָט'ס צאָרן איבער אַזאַ פרומער שטאָדט? איהר מעגט זיך זיין ווער איהר ווילט, אַ הייליגער אָדער אַ טייוועל, דאָס איז ניט פאַר אייערע כוחות. איהר מאַן וועט זי געווים ניט נעהמען צוריק. ביי איהר משפחה קען זי מעהר ניט זיין."

„דאַן זאָל זי זיין ביי מיינער," האָט דער „שוחט" געזאָגט. „מיין טאָכטער וואוינט אין בראָד. איך וועל זי אָבפיהרען צו איהר. געהט זיך אייער וועג."

צוטומעלט זיינען זיי געבליבען שטעהן, ניט וויסענדיג וואָס צו טהאָן. דאָ האָט זיך דער יונגערער אָבגערופען: „פון וואַנען ווייסען מיר, אויב זי וועט אויף אַזאַ'ן אופן ניט אַריינפאַלען נאָך אין אַ גרעסערע שאַנד?"

דעם אַלטען'ס פנים האָט אָנגענומען אַ מורא'דיגען אויסדרוק.

„געהט זיך אייער וועג," האָט ער נאָך אַמאָל געזאָגט.

זיי האָבען זיך אָבגעטראָגען, און איך האָב געזעהן, ווי זיי זיינען אַריין אין אַ וואָגען, געשפאַנט צו צוויי פערד, וועלכען איך האָב ערשט איצט בעמערקט אויף דער אַנדער זייט וועלדעל. איך בין צוגעלאָפען, כדי צו העלפען אויפהויבען די פרוי, וועלכע האָט ווידער געוואָלט פאַלען אין אָהנמאַכט,

„האָב איך ניט געזאָגט," האָט זיך דער אַלטער מאַן אָבגערופען מיט אַ פערטראַכטער מינע, „אַז אפילו די ערגסטע פושעים זיינען בעסער איידער אָט די רבנים? אַזוי בלינד זיינען זיי אין זייער גדלות'דיגער זעלבסט-צופרי-דענקייט, אַזוי פערפינסטערט אין זייער שטאָלץ, אַז אפילו זייער פרומקייט, זייער איבערגעבענהייט צו דער תורה ווערט אויך אַ מיטעל פאַר זייערע זינד."

לאַנגזאַם האָבען מיר דער פרוי אַריינגעזעצט אין וואָגען. איך בין אויך אַריין, נאָר דער אַלטער האָט גענומען גיהן צו פוס לעבען זיין פערד, האָט געהאַלטען די לייצעס און פערקירעוועט דעם וואָגען אין אַן אַנדער זייט.

„וואָס זשע, איהר ווילט זיך ניט אויפזעצען?" האָב איך געפרעגט.

„מיר פאָהרען איצט באַרג-אַרויף, ניט אַראָב," האָט ער מיט אַ שמייכעל געענטפערט. „בראָד זיצט אין דער הויך אויף דעם זיץ פון עזות."

אַ געפיהל פון שאַנד האָט מיך דורכגענומען. וואָס! איך זאָל פאָהרען און אָט דער אויסגעצייכענטער אַלטער זאָל געהן! נאר איידער איך האָב נאָך אוספייעט איהם זאָגען, אַז איך וויל אַרונטערגעהן, האָט אַ נייער געדאַנק נאָך פערגרעסערט מיין צוטומעלטקייט. איך, וואָס איך ברען אַזוי פאַר לוסט צו געפינען דעם בעל שם, זאָל זיך גאָר איצט פערהאַיען מיט אַ זייטיגער נסיעה קיין בראָד. און דאָך האָב איך גאָר קיין חשק ניט געהאַט זיך אַזוי גיך צו שיידען מיט מיין נייעם פריינד. אַחוץ דעם האָב איך זיך געטראַכט, אַז די שטאָדט בראָד איז נאָך אַלעמען ווערטה אַ בעזוך. איהרע ישיבות האָבען געהאַט אַ שם איבער דער גאַנצער מלוכה, און הגם איך האָב, אַזוי ווי דער אַלטער מאַן, געפיהלט אַן אָבשטויס צו זיי, דאָך האָט זיך מיר שטאַרק געוואָלט אַ קוק טהאָן, ווי זיי זעהען אויס. איך צוליעב דעם בעל שם גופא וואָלט איך דאָרט געמווט זיין; וואָרים אַצונד האָב איך זיך דערמאָנט, אַז זיין אַמאָליג לעבען האָט געהאַט אַ גרויסע שייכות מיט דער דאָזיגער שטאָדט, און אַז דאָס איז דער אָרט, וואו זיין פרוי איז געבוירען און ערצויגען געוואָרען.

האָב איך זיך אָבגערופען: „ווי וויט איז בראָד?"

„צעהן מייל," האָט ער געענטפערט.

„צעהן מייל!" האָב איך מיט שרעק ווידערהאָלט.

„צעהן מייל," האָט ער געזאָגט, „און שוין צעהן יאָהר, זינט איך האָב ניט אַריינגעשטעלט קיין פוס אין בראָד.

איך בין אַרונטערגעשפרונגען. „דאָס דאַרף א י ך געהן צו פוס, ניט איהר," האָב איך געזאָגט.

„ניין," האָט ער מיט אַ טאָן פון אויפגעלייגטקייט געזאָגט. „מיר פאַלט

איין, אַז קיינער פון אונז דאַרף ניט געהן צו פוס. אָט די זעק מוזען אַרונטער. אַרוים מיט זיי!"

„ניין," האָב איך זיך אָבגערופען.

„יאָ," האָט ער מיט אַ לאַכענדען טאָן זיך געהאַלטען ביי זיינס. „האָב איך ניט געזאָגט, אַז דער שטן האָט זיך פערליינגט אויף מיר, מיר צו פער־שטערען מיין פסח? דאָס דריטע מאָל וועל איך אפשר האָבען מעהר מזל."

איך האָב גע'טענה'ט, אַז איך וויל איהם ניט פערשאַפען אַזוי פיעל היזק, און אַז איך וועל געהן אַליין אויפזוכען דעם בעל שם, אָבער לאַכענ־דיג האָט ער אַרונטערגעקאַטשעט די זעק מיט מעהל, איבערלאָזענדיג איינעם פאַר דער פרוי, זיך אָנצושפאַרען אויף איהם.

„אָבער אייער פרוי וועט דאָך וואַרטען אויף די זעק," האָב איך בעמערקט, ווען דער וואָגען איז וויטער געגאַנגען און מיר זיינען שוין ביידע געזעסען אין איהם.

„אויף מיר וועט זי דאָך אויך דאַרפען וואַרטען," האָט ער געזאָגט מיט אַן אומעטיגען שמייכעל. „נאָר על כל פנים, זי האָט בטחון אין גאָט. ס'האָט אונז קיינמאָל קיין שפייז ניט געפעהלט. וואָרים דער, וואָס שפייזט די ראָ־בען — —" פלוצלינג האָט ער אָבגעהאַקט אין מיטען די רייד, איז אַרונ־טערגעשפרונגען און האָט גענומען לויפען צוריק.

„וואָס איז דאָס?" האָב איך געפרעגט.

איך האָב געזעהן, ווי ער האָט ווידער אַרויסגענומען זיין חלף און אויפ־געשניטען די זעק. „זאָלען די פייגעלאַך אויך האַלטען פסח!" האָט ער פרעה־ליך אויסגערופען.

די פרוי האָט נאָך אַלץ געשלוכצט, ווען ער איז אַריין צוריק אין וואָ־גען, נאָר ער האָט זי געטרייסט מיט זיין מונטערער און פרייער פילאָזאָפיע.

„ס'איז אַ מיטעל פון'ם טייוועל," האָט ער געזאָגט, „אונז צו מאַכען פערצאָגט און פעראומערט, און אויף אַזאַ'ן אופן צו דערשטיקען אין אונז דעם געטליכען פונק. דיין זינד איז גרויס, אָבער דיין פאָטער אין הימעל וואַרט אויף דיר און וועט זיך פרעהען מיט דיר, ווי אַ קעניג פרעהט זיך מיט אַ פרינצעסין, וואָס קומט אַרוים פון תפיסה. יעדע נשמה איז פאַר זיך אַליין אַ גאַנצער תנ"ך. אין דיין נשמה געפינט זיך שרה און רות, אַזוי ווי איזבל און מיכל. ביז אַהער האָסט דו ענטוויקעלט אין דיר די א י ז ב ל; שטרעב אַצונד צו ענטוויקלען די ש ר ה." מיט אַזעלכע דרייסטע טרייסט־ווערטער האָט ער זי בערוהיגט, ביז וואַנען די מאָנאָטאָנע בעוועגונג פון'ם וואָגען האָט איהר פערוויגט אין אַ רוהיגען שלאָף. דאַן האָט ער אַרויסגענומען אַ ליולקע און האָט זי פעררויכערט, נאָכדעם ווי ער האָט ביי מיר געבעטען

ערלויבניש דערצו. און ווי דער רויך האָט זיך אין קרייזעלאַך אויפגעהויבען אין דער הויך, האָט זיין געזיכט אָנגענומען אַן אויסדרוק פון בעגייסטערונג.

„איך מיין," האָט ער מיט אַ פערטראַכטער מינע בעמערקט. „אַז גאָט האָט מעהר נחת רוח פון אָט דעם ווייה־רויך, וואָס איך ברייננ איהם, איידער פון די תפלות פון אַלע רבנים."

דאָס האָט אפילו מיך אויפגעבראַכט, ווי שטאַרק צוגעבונדען איך בין געוועזען צו איהם. נאָך קיינמאָל אין מיין לעבען האָב איך ניט בעגעגענט אַזאַ מאַן צווישען דעם גאַנצען פאָלק ישראל. כ'האָב אַ שאָקעל געטהאָן דעם קאָפ מיט אַ האַלב־ערנסטען פאָרוואורף. „איהר זייט אַ זינדיגער," האָב איך זיך אָבגערופען.

„פאַרוואָס? איז רויכערן ניט קיין תענוג? צו געניסען ווי געהעריג איז פון גאָט'ס מינדעסטער זאַך, הייסט לויבען גאָט. און איז דען ניט איהם לויבען אין דאַוונען דער גרעסטער פון אַלע תענוגים?"

„דאַוונען?" האָב איך איבערגעפרעגט מיט פערוואונדערונג. „ניין, מיר דוכט, ס'איז אַ שווערע לאַסט דורכצוקומען דורך אַלע ספרי תפלה, דורך אַלע אונזערע געבעט־ביכער."

„אַ לאַסט!" האָט דער אַלטער מאַן אויסגערופען. „אַ לאַסט אריינ־צוגעהן אין שייכות מיט גאָט, זיך אַריינצוטהאָן, זיך פערטיעפען אין דער געטליכער איינהייט? ניין, אַ פרייד איז דאָס, ווי צווישען חתן־כלה. ווער עס פיהלט ניט אָט די פרייד פון דער פעראייניגונג — אָט דעם געטלי־כען קוש — דער האָט ניט געדאַוועגט."

„דאַן האָב איך קיינמאָל ניט געדאַוועגט," האָב איך געזאָגט.

„טאָ זייט איהר גאָר דער זינדער," האָט ער מיט אַ לאַכענדען טאָן געענטפערט.

זיינע ווערטער האָבען מיך אַריינגעוואָרפען אין אַ פערטראַכטער שטיל־שווייגעניש. ערשט פאַרנאַכט, בין מנחה למעריב, זיינען מיר דריי, וועלכע האָבען זיך אויף אַזאַ מאָדנעם אופן צונויפגעטראָפען, צוגעקומען נאָהענט צו דעם מיטעלפונקט פון די תלמודיסטען. צו מיין ערשטוינונג האָב איך פון ווייטען בעמערקט, עפעס אַזוי ווי אַ גרויסער עולם וואָלט געוואַרט ביי די טויערן פון דער שטאָדט.

„דאָס וואַרטען זיי אויף מיר," האָט די פרוי, וועלכע האָט זיך אויפ־געכאַפט, מיט אַ היסטערישען טאָן געזאָגט. „מיינע ברידער האָבען עס אודאי דערצעהלט די מנהיגים פון דער קהלה. זיי וועלען אייך הרג'ענען. אָה, אַנטלויפט פון דאַנען!"

„רוהיג, רוהיג,“ האָט דער אַלטער מאַן געזאָגט און האָט זיך ווייטער גערויכערט זיין ליולקע.

אַז מיר זיינען צוגעקומען נעהענטער, האָבען מיר געהערט, ווי דער עולם שרייט, און אַז מיר זיינען געווען נאָך נעהענטער, האָבען מיר אויך געקענט הערען וואָס זיי שרייען. איז דאָס מעגליך? יאָ, כ'האָב קיין טעות ניט געקענט האָבען. „דער בעל שם! דער בעל שם!“

מיין האַרץ האָט געקלאַפּט, ווי מיט האַמערס. וואָס פֿאַר אַ גליקלי־כער צופֿאַל! „דער בעל שם איז דאָ!“ האָב איך אויסגערופֿען, אויסער זיך פֿאַר גליקזעליגקייט.

די פֿרוי איז געוואָרען נאָך צושראָקענער. „דער בעל שם!“ האָט זי אַ געשריי געטהאָן. „ער איז אַ הייליגער מאַן, מיט איין בליק וועט ער אונז טויטען.“

„רוהיג, מיין שעהן קינד,“ האָט דער פֿוהרמאַן געזאָגט. „ניכער קענסט דו איהם טויטען מיט איין בליק.“

דאָס מאָל האָבען מיר זיינע לייכטזיניגע רייד שטאַרק וועה געטהאָן. מיט שפּאַנונג האָב איך אַרויסגעקוקט צו די טויערן, זיך סטאַרענדיג צו כאַפּען אַ בליק אויף דער געשטאַלט פֿון דעם גרויסען און הייליגען מאַן!

דער געדיכטער המון האָט זיך מיט טומעל און געשרייען געשפּאַרט פֿאָראויס. עטליכע פֿון עולם זיינען צוגעלאָפֿען צו אונזער וואָגען. אונזער פֿערד האָט געמוזט בלייבען שטעהן. אין איין נו איז ער אויסגעשפּאַנט געוואָרען פֿון וואָגען. אויף אַ רגע איז געוואָרען אַ שרעקליכע מהומה, און איך האָב געקענט זעהן בעשיינפּערליך, אַז מען האָט זיך דאָ צוגעגרייט צו אַ געשלעג. דאַן האָב איך געזעהן, ווי אונזער וואָגען ווערט געצויגען פֿון הענד, וועלכע פֿלאָנטערן זיך און רייסען זיך אַרום איינע מיט די אַנ־דערע, בעת ווען אין מיינע אויערן האָט פֿון טויזענדער העלזער אָבגעדו־נערט דער געשריי: „דער בעל שם! דער בעל שם!“ פּלוצלינג האָב איך מיט אַן אונגלויבליכען פֿערדאַכט אַ קוק געטהאָן אויף דעם אַלטען מאַן, וועלכער איז געזעסען גלייכגילטיג לעבען מיר און האָט זיך געראָוי־בערט זיין ליולקע.

„בראָד האָט זיך ווירקליך געענדערט,“ האָט ער זיך אָבגערופֿען, האַלב לאַכענדיג, האַלב זיפֿצענדיג.

אַ שלאַפֿקייט האָט מיך איבערוועלטיגט און האָט מיר אָבגעווישט די גאַנצע מערקווירדיגע סצענע פֿון די אויגען — די שטאָדט־טויערן, די צו־פֿלאַמטע פּנים'ער, די משונה'דיגע געשטאַלטען, די הייזער, די דערשראָ־קענע פֿרוי לעבען מיר.

ס'איז געווען די גרעסטע איבעררהאַשונג פֿון מיין לעבען.

## VII.

אַ כאַאָס פֿון בילדער האָט זיך געטומעלט ביי מיר אין מוח. איך האָב געזעהן די מיסטישע געשטאַלט פֿון דעם מעכטיגען בעל שם, ווי ער שטעהט אויף׳ן בית עולם און משפט צווישען די נשמות פֿון די טויטע; איך האָב איהם געזעהן אין די העכערע וועלטען צווישען די מלאכים; איך האָב איהם געזעהן רוהיג און געלאַסען אין זיין צויבער־קרייז, פֿער־ניכטענדיג מיט זיין בליק די פֿלאַמענדע מחנות פֿון די שדים׳דיגעווילדע חיות. און פונקט ווי יענע ברואים זיינען צושטויסען און צונישט געוואָרען, צוקומענדיג צו זיין קרייז, אַזוי האָבען אַצונד אָט די ערהאַבענע טרוים־בילדער געמוזט פֿערשווינדען פֿאַר דעם דאָזיגען פֿרעהליכען אַלטען מאַן. און דאָך איז מיין ענטטוישונג ניט געווען אין גאַנצען פוסט. נאָך האָבען זיך געהערט די פֿרעהליכע קולות, כדי מיך צו בעגייסטערן, נאָך האָב איך געהאַט פֿאַר זיך מיין מערקווירדיגען קאָמפּאַניאָן, וועמעס אידעען האָבען געמאַכט אויף מיר אַזאַ טיעפֿע ווירקונג און וועמעס פּנים האָט מיר איצט אויסגעזעהן ווי אומגעוואַנדעלט און האָט דורך דעם צוריקגעוואונען פֿיעל דערפֿון, וואָס די געטרוימטע געשטאַלט האָט פֿערלאָרען. און אין רעכטען מיטען פֿון דעם אונגלויבליכען טומעל האָט אין מיין האַרצען אָבגעקלונגען דער בטחון אין גאָט, אַז דאָ ענדליך האָב איך געפֿונען די פֿרישע, לעצ־בעדיגע וואַסערן, דאָ די גרינע פֿעלדער. „רבי,״ האָב איך אויסגערופֿען פֿול מיט פֿייער, האָב אָנגענומען זיין האַנד און זי אַ קוש געטהאָן.

„מיין זוהן,״ האָט ער מיט מילדקייט געזאָגט. „יענע מערדער האָבען אַוודאי געמוזט לאָזען וויסען די איינוואוינער פֿון דער שטאָדט, אַז איך קום.״

„אָט אַפּנים אַזוי,״ האָב איך געזאָגט; „ווי גליקליך בין איך מיט מיינע אייגענע אויגען צו זעהן אייער נצחון איבער אַ שטאָדט, וואָס איז אַזוי בעהערשט פֿון די רבנים!״

„ניין, רייד ניט פֿון מ י י ן נצחון,״ האָט דער בעל שם געזאָגט. „דאַנק גאָט פֿאַר דער פֿערענדערונג, וואָס איז פֿאָרגעקומען אין ז י י, אויב ס׳איז באמת דאָ אַ פֿערענדערונג. עס דאַרף דעם מענשען זיין אַלצ־איינס, צי ער ווערט געלויבט אָדער געטאַדעלט, געליעבט אָדער געהאַסט, צי ער האָט אַ נאָמען פֿאַר דעם קליגסטען פֿון די מענשען אָדער פֿאַר דעם גרעסטען שוטה.״

„ויי ווילען, איהר זאָלט ריידען צו זיי, רבי,״ האָב איך זיך אָבגערופֿען, ווען די פֿריידען-געשרייען האָבען ניט געוואָלט אויפֿהערען.

„זיי ווילען אָהן אַ שום ספק הערען אַ דרשה פול מיט פלפול'דיגע, האָר־שפּאַלטענדע פשט'לאַך און טייוועלשע פלאַנטערס. כ'בעט אייך, געהט אראָב און גיט אַכטונג, מיין פערד זאָל ניט צוגע'גנב'עט ווערן."

אַ פרעהליכער בין איך אַרונטערגעשפּרונגען פון וואָגען, כדי צו דערפי־לען זיין ערשטען וואונש, און אַז איך האָב זיך אויפגעזעצט אויף'ן פערד, האָב איך ווידער אַריינגעקוקט אין דעם דאָזיגען ים פון פנים'ער, וועלכע האָבען זיך אַלע געווענדעט צו דעם בעל שם. פון דעם צוהיצטען געשפּרעך פון'ם עולם בין איך געוואָהר געוואָרען, אַז דער בעל שם האָט נאָר וואָס אויסגעפיהרט איינעם פון זיינע גרעסטע מופתים. צוויי ברידער זיינען גע־ווען אויף דער רייזע מיט זייערע אַ שוועסטער; אין וואַלד איז אויף זיי אָנגעפאַלען אַ באַנדע גזלנים. ס'האָט ניט געפעהלט קיין סך, זיי זאָלען אַלע דער'הרג'עט ווערען, נאָר פּלוצלינג האָט זיך אין וואַלד בעוויזען דער בעל שם, און אויסריידענדיג בלויז דעם שם, זיינען די גזלנים איינגע־זונקען געוואָרען אין דער ערד, ווי קרח און זיין קאָמפּאַניע. אַזוי ווי די שוועסטער איז געווען צו שטאַרק דערשראָקען און האָט מורא געהאַט צו־ריק צו פאָהרען מיט איהרע ברידער, האָט דער בעל שם גענומען אויף זיך זי אַליין צו ברייגגען קיין בראָד אין זיין אייגענעם הימלישען וואָגען, וועלכער זעהט אויס פאַר די, וועלכע זיינען ניט בעקאַנט מיט די העכערע סודות, ווי אַן איינפאַכע, גאַנץ געוועהנליכע פוהר.

דערווייל האָט דער רבי ווידער אָנגעפילט זיין ליולקע מיט טאַבאַק. „איז דאָס ניט מיין אַלטער פריינד דוד?" האָט ער אויסגערופען, זיך ווענ־דענדיג צו איינעם, וואָס האָט געטראָגען אַ שוסטערשען פאַרטוך; „נו, און ווי געהען די געשעפטען?"

דער שוסטער איז געוואָרען אַביסעל צוטומעלט דורך דעם דאָזיגען אומגעריכטען כבוד, און רויט ווערענדיג האָט ער אַרויסגעשטאַמעלט: „גאָט איז גוט."

„אַ קלעגליכער ענטפער, דוד; גאָט וואָלט געווען פונקט אַזוי גוט, ווען ער וואָלט אייך געמאַכט פאַר אַ בעטלער. האַ, האַ!" האָט ער ווייּ־טער געזאָגט מיט אַ פרעהליכען טאָן, „איך זעה, אַז יוסף דער בעל אכסניא ווערט אַלץ עהנליכער צו אַ פאַס. שלום עליכם, יוסף! האָט איהר זיך שוין אויסגעלערנט לייענען? ניין! טאָ זייט איהר נאָך אַלץ דער קליג־סטער מאַן אין שטאָדט."

אַצונד האָבען עטליכע פון די רבנים און די גבירים פון שטאָדט, וועלכע זיינען געשטאַנען אין פראָנט, אָנגעהויבען אַרויסצואווייזען זייער פערדרוס, דערפאַר וואָס זיי זיינען אַזוי איגנאָרירט געוואָרען; און נאָך מעהר

ווי אַט די ווילען פֿון דער קהלה האָט דער בעל שם איגנאָרירט די עפֿענט־ליכע אויפֿנאַהמע, דעם גרויסען כבוד, וואָס מען האָט איהם דאָ אָבגעגע־בען. ער האָט זיך גאָר ניט אומגעקוקט דערויף, נאָר ווייטער בעגריסט און געדעדט מיט זיינע איינפֿאַכע אַלטע בעקאַנטע. ענדליך האָט ער געבעטען די מענער, וואָס זיינען געשטאַנען ביי דעם געשפאַן פֿון זיין וואָגען, זיי זאָלען מאַכען פלאַץ פֿאַר זיין פֿערד אָדער איהם צוציהען ביז זיין טאָכ־טער'ס הויז, וואוהין ער מוז אָבפֿיהרען די פֿרוי, וועלכע זיי זעהען דאָ (זי איז די גאַנצע צייט געזעסען פערשלאָפֿען, אַזוי ווי אין אַ חלום). נאָר אַזוי ווי דער עולם האָט ניט אויפֿגעהערט שרייען און פֿערלאַנגען אַ דרשה, האָט ער געזאָגט:

„פֿריינד, איך קען פֿאַר אייך ניט דרש'ענען מעהר ווי מיין פֿערד, וואָס שטעהט דאָרט. אַלצדינג דרש'ענט. רופֿט קיין זאַך ניט אָן נידעריג און וואָכעדיג; דורך גאָט'ס אָנוועזענהייט ווערט אַלצדינג הייליג. זעהט, דאָרט זיינען די ערשטע שטערען. איז דאָס ניט אַ הערליכע וועלט? געניסט זי; בלויז שוטים און רבנים ריידען פֿון דער וועלט ווי פֿון עפּעס, וואָס איז פוסט און אָהן אַ שום ווערטה. נאָר פונקט ווי דער ליעבהאָבער זעהט אפילו אין די ציערונג פֿון זיין געליעבטער בלויז איהר אייגענע שעהנקייט, אַזוי דאַרפֿען מיר אין די שטערען און אין די וואַסערן זעהן בלויז גאָט."

ווידער אַמאָל האָט ער גענומען רויכערן זיין ליולקע, אָבער דער עולם האָט זיך נאָך אַלץ ניט געוואָלט פֿונאַנדערגעהן און איהם פֿריי מאַכען דעם וועג. „איהר שוטים," האָט ער געזאָגט מיט אַ שטרייענגען טאָן, „איהר ווילט מאַכען פֿון מיר דאָס, וואָס איהר האָט געמאַכט פֿון דער תורה און פֿון דער וועלט, אַ האַלט־פלאַץ, בעת אַלצדינג געהט פֿאָרווערטס אויף דעם וועג צו גאָט? אַמאָל איז געווען אַ קעניג," האָט ער ווייטער געזאָגט; „און אַט דער קעניג האָט זיך אויסגעבויט אַ וואונדער־שעהנעם פּאַלאַץ. ער איז אַרויפֿגעזעצט געוואָרען אויף זיין טראָהן אין רעכטען מיטען פֿון אַ כלומר'שטדיגער פֿערפלאָנטערטער געביידע מיט געדרעהטע קאָרידאָרען. אין די אַריינגייענג זיינען געלעגען גאַנצע בערג מיט גאָלד און זילבער, און די מאַסע איז געווען צופֿריעדען דאָרט צו קענען פֿערברייננגען און זי האָט אין דעם גע־פֿונען איהר גליק. ענדליך אָבער האָט דער משנה למלך רחמנות געקראָ־גען אויף דעם עולם און האָט אויסגערופֿען צו זיי: „אַט די אַלע אוצרות און אַט די אַלע ווענד און קאָרידאָרען זיינען באמת גאָר ניטאָ. דאָס איז אַלץ ניט מעהר ווי אַ פֿערבלענדעניש, צויבערליכע איינבילדונגען. שפּאַרט זיך נור מיט דרייסטקייט פֿאָרווערטס און איהר וועט געפֿינען דעם קעניג."

נאָר אַזוי ווי דער עולם איז נאָך אַלץ געווען אונצופֿריעדען און

ענטטוישט און האָט פֿערלאַנגט אַ מופת, האָט דער בעל שם געגעבען אַ פֿייף, און זיין פֿערד איז אַזוי פלוצלינג צוגעלאָפֿען צו איהם, אַז איך בין שיער ניט אַרונטערגעפֿאַלען און דער המון האָט זיך געמוזט שנעל פֿונאַנדערגעהן. אַ הינקעדיגער קריפעל האָט פֿון שרעק אַוועקגעוואָרפֿען זיינע קוליעס, האָט אָנגעהויבען לויפֿען און איז פֿאָלשטענדיג אויסגעהיילט געוואָרען.

„אַ מופת! א מופת!“ האָבען געשריען הונדערטער קולות. „געלויבט און געבענשט איז גאָט!“

די פֿרעהליכע געשרייען האָבען זיך געלאָזט הערען איבער דער גאַנ־צער גאַס, און צוהיצטע צושויער האָבען אַרומגערינגעלט דעם גליקליכען קריפעל, האָבען איהם פֿונאַנדערגעפֿרעגט און אַרומגעטאַפּט זיינע גליעדער.

„איהר זעהט, איהר זעהט!“ האָב איך געהערט, ווי זיי זאָגען איינע די אַנדערע. „אפילו אין דעם פֿערד זיינעם איז אויך דאָ אַ צויבער-קראַפֿט!“

אַז דאָס פֿערד איז צוגעקומען צום געשפאַן, האָבען די מענער, וועלכע האָבען פֿריהער געצויגען, זיך אויף גיך אָבגעטראָגען. כ'האָב איינגעשפּאַנט דעם וואָגען, און מיר זיינען דורכגעפֿאָהרען דורך דער מאַסע, וועלכע האָט געבעטען דעם בעל שם'ס ברכה. אָבער ער האָט זיי מיט אַ שמייכעל און מאַכענדיג מיט דער האַנד אָבגע'פטר'ט פֿון זיך.

„בענשט זיך איינע די אַנדערע דורך אייערע מעשים,“ האָט ער זיי עטליכע מאָל געזאָגט. „דאַן וועלען אברהם, יצחק און יעקב אייך בענשען.“ און אַזוי זיינען מיר צוגעקומען צו דעם רינג־פּלאַץ, און פֿון דאָרט צו דער געביידע, וואָס מיר האָבען געזוכט—אַ הויך צוויי שטאָקיג שטיינערן הויז.

אַז מיר זיינען אַריינגעקומען צו זיין טאָכטער אין הויז, זיינען מיר געוואָהר געוואָרען, אַז זי האָט בלויז געהאַט פֿאַר זיך אַ צימער, אַזוי אַז קיינער פֿון אונז אַחוץ דער פֿרוי האָט ניט געקענט בלייבען דאָרט וואוינען. נאָר דערפֿאַר האָט מען אונז אַלעמען געגעבען עסען און וויין. נאָך נאַכט־מאָהל, ווען די אייזערנע לאָדענס זיינען צוגעמאַכט געוואָרען, האָט דעם בעל שם'ס טאָכטער — אַ שעהנע יונגע פֿרוי מיט שוואַרצע אויגען — געטאַנצט מיט אַזאַ פֿייער און מיט אַזוי פֿיעל התלהבות, אַז דאָס רויטע קאָפּענטיכעל איז איהר שיער ניט אַראָבגעפֿאַלען פֿון קאָפּ, און איך, וואָס מיר איז אַצונד געוועזן זעהר פֿרעהליך אויף'ן האַרצען, האָב אָנגעהויבען מקנא זיין דעם מאַן איהרען, וועלכער האָט זיך גאַנץ פֿרעהליך פֿערבראַכט מיט דער גערעַטעוועטער פֿרוי. אין מיטען דער דאָזיגער פֿרעהליכקייט איז דער בעל שם אַוועק אין אַ ווינקעל. ער האָט געזאָגט, אַז ער וויל דאַווענען מנחה און האָט אונז געבעטען, מיר זאָלען זיך ווייטער משמח זיין און זיך ניט אומקוקען אויף איהם.

„מנחה!" האָב איך אונבערעכענטערהייט אויסגערופֿען, „וואָס הייסט? ס'איז דאָך צו שפּעט דערצו."

„ווילט איהר פֿאַרשרייבען אַ קינד, ווען ער מעג ריידען מיט זיין פֿאָ־טער?" האָט דער בעל שם געענטפֿערט מיט אַ טאָן פֿון פֿאַרוואורף.

האָב איך אַלזאָ ווייטער גערעדט מיט זיין טאָכטער, נאָר פּלוצלינג איז מיר אַריבער אַ שמייכעל איבער די ליפּען, ווען איך האָב זיך דער־מאָנט, ווי אַזוי די נאַרישע פֿאַבריצירער פֿון די לעגענדען האָבען פֿער־שפּרייט דעם קלאַנג, אַז זיין דאַוונען איז אַזוי רייך און פֿול מיט געהיימ־ניספּולע הכנות און צערעמאָניעס, אַז דער, וואָס גיט בשעת מעשה אַ קוק אויף איהם, מוז שטאַרבען. איך האָב זיך אומגעדרעהט און געוואָרפֿען אַ גנבישען בליק אויף איהם.

דאַן, בעת איך האָב דערזעהן זיין געזיכט, איז מיר צום ערשטען מאָל קלאָהר געוואָרען, אַז ער איז טאַקע באמת דאָס, וואָס די מענשען האָבען איהם גערופֿען: דער מייסטער פֿון געטליכע סודות. אויף זיין שטערן זיינען געשטאַנען גרויסע טראָפּענס שוויס, און אַזוי ווי אין טוידט־קאַמפּף האָבען איהם די טרעהרען אַרונטערגערונען איבער די באַקען. אָבער זיינע אויגען זיינען געווען ווי פֿערגליווערט, און זיין פּנים איז געווען ווי דער פּנים פֿון אַ מת, אָהן אַ נשמה, נאָר מיר האָט זיך אויסגעוויזען, אַז דער שטראַהלען־גלאַנץ, מכח וועלכען די מענשען האָבען דערצעהלט, האָט טאַקע באמת אַרומגעשוועבט אַרום זיין קאָפּ. זיין געשטאַלט, וועלכע איז געווען גאַנץ שטייף און אויסגעצויגען, האָט אויסגעזעהן ווי עפּעס העכער געוואַקסען. מיט איין האַנד האָט ער זיך געהאַלטען אָן דעם ברעג פֿון'ם טיש, ביי וועלכען ער איז געשטאַנען. שנעל האָב איך אָבגעקעהרט מיינע אויגען, מחמת מורא, אַז זיי קענען נאָך געשלאָגען ווערן מיט בלינדקייט. איך ווייס ניט וויפֿיעל מינוטען עס זיינען פֿערביי, נאָר מיט אַמאָל האָב איך דערהערט אַ זיפֿץ. אַז איך האָב זיך אומגעדרעהט, האָב איך געזעהן, ווי דעם בעל שם'ס געשטאַלט ריהרט זיך און ציטערט. אין אַ רגע אַרום האָט ער מיך אָנגעקוקט מיט אַ שטראַהלענדען שמייכעל. „נו, מיין זוהן, האָט איהר חשק צו געהן שלאָפֿען?"

זיין פֿראַגע האָט מיר דערמאָנט אָן אַלעס, וואָס איך האָב אין דעם דאָזיגען טאָג דורכגעלעבט. הגם איך האָב זיך ניט געאיילט צו פֿערלאָזען אָט דעם פֿרעהליכען קרייז, דאָך האָב איך געענטפֿערט, אַז זיין וואונש איז פֿאַר מיר אַ בעפֿעהל; אויף וואָס ער האָט צו מיין פֿרייד בעמערקט, אַז מיר קענען בלייבען נאָך אַ פֿערטעל שעה צייט. אַז מיר זיינען געקומען צו יוסף'ן אין דער אכסניא, וואוהין מיר האָבען פֿאָראויס אַוועקגעשיקט

דעם פערד און וואגען, איז שוין געווען צעהן אזייגער; אבער דאך איז נאך פאר'ן הויז געשטאנען א מאסע מענשען, אסך פון די אייזערנע טויערן אונטען אין גאס זיינען נאך געווען אפען, און מענער און פרויען האבען זיך געשפארט פאראויס, צו קושען דעם זוים פון'ם רבי'נס מאנטעל.

אויף'ן וועג האב איך איהם געבעטען מיר צו דערצעהלען, וואס ער האט געזעהן בשעת'ן דאווענען.

„כ'האב געלאזט מיין נשמה ארויפשטייגען אויף'ן הימעל," האט ער געזאגט גאנץ איינפאך, „און איך האב געזעהן וואונדערליכערע זאכען, ווי איך האב געזעהן ווען עס איז, זינט איך בין געקומען צו געטליכער קענטעניש. געלויבט זאל זיין די איינהייט."

„קען איך אויך זעהן אזעלכע זאכען?" האב איך געפרעגט אין איין אטהעם, און בעת מעשה איז מיר פלוצלינג ארויף אויף'ן זינען מיין גאנצע ערפאהרונג וואס איך האב געהאט לערנענדיג קבלה, און אלע מיינע קלעגליכע פערזוכען צו בעווייזען מופתים.

„ניין — איהר ניט."

דאס האט מיך דערשלאגען. נאר ער האט ווייטער געזאגט: „איהר ניט — דער „איהר", דאס אייגענע זעלבסט מוז אויסגעלאשען ווערן. איהר מוזט ווערן איינס מיט דער איינהייט."

„אבער ווי אזוי?"

„קאנצענטרירט אייערע געדאנקען אויף גאט. פערגעסט זיך אן זיך אליין."

„איך וועל זיך סטארען עס צו טהאן, טהייערער רבי," האב איך געזאגט. „אבער זאגט מיר, וואס איהר האט געזעהן."

„וואס איך האב דארט אויבען געזעהן און געהערט, איז אונמעגליך איבערצוגעבען אין ווערטער."

אבער איך האב איהם זעהר שטארק געבעטען, און איידער מיר זיינען אריין אין אונזערע צימערן שלאפען, האט ער זיך אויסגעדריקט בזה הלשון, רייזענדיג מכח אט די געטליכע זאכען אין העברעאיש:

„איך וויל נור דערצעהלען, וואס איך האב מיט מיינע אייגענע אויגען געזעהן, ווען איך בין אראב אין גן עדן התחתון. כ'האב דארט געזעהן אזוי פיעל נשמות פון לעבעדיגע און טויטע, פון בעקאנטע און אונבעקאנטע, אהן א שיעור און אהן א צאהל, וועלכע זיינען געקומען און געגאנגען פון איין וועלט צו דער אנדערער דורך דעם זייל, וואס איז בעקאנט פאר די, וועמען גאט'ס גנאד איז ניט פרעמד. אזוי גרויס איז געווען די שמחה, אז דער קערפערליכער אטהעם האט זי ניט געקענט אויסדריקען, און דער קערפערליכער אויער האט זי ניט געקענט הערען. אסך

גרויסע רשעים האָבען חוזר בתשובה געווען און זייערע אַלע זינד זיינען פערגעבען געוואָרען, מחמת ס'איז געווען אַן עת רצון, אַ צייט פון גרויסער גנאָד אויף'ן הימעל. איך האָב זיך באמת שטאַרק געוואונדערט, וואָס אַזוי פיעל זיינען אויפגענומען געוואָרען. זיי אַלע האָבען מיך געבעטען און גע-בעטען, איך זאָל אַרויפגעהן מיט זיי אין די העכערע וועלטען, און מחמת דער גרויסער שמחה, וואָס איך האָב ביי זיי געזעהן, האָב איך איינגעווי-ליגט אַרויפצוגעהן. דאַן האָב איך געבעטען מיין הימלישען רבי'ן, ער זאָל מיטקומען מיט מיר, מחמת די סכנה אַרויפצושטייגען אין אַזעלכע העכ-ערע וועלטען איז גרויס, וואָרים זינט איך לעב, בין איך דאָרט קיינמאָל נים געווען. אַזוי בין איך אַרויף פון מדרגה צו מדרגה ביז איך בין אַריינ-געקומען אין דעם היכל המשיח, וואו משיח זיצט און לערענט תורה מיט אַלע תנאים און צדיקים און מיט די זיבען פאַסטוכער; און דאָרט האָב איך געזעהן אַ גרויסע פרייד. איך האָב נים געוואוסט, וואָס די דאָזיגע שמחה בעדייט. תחילת האָב איך געמיינט, ס'איז צוליעב מיין גיכען טויט. האָבען זיי מיר אָבער מגלה געווען, אַז איך וועל נאָך נים שטאַרבען, מחמת ס'איז אַ גרויסע פרייד אין הימעל, ווען איך מאַך אונטען יחודים, הימלישע פעראייניגונגען דורך זייער הייליגער לעהרע. נאָר וואָס די שמחה האָט בעדייט, האָב איך נאָך אַלץ נים געוואוסט. האָב איך געפרעגט: „ווען וועט דער האַר, דער משיח קומען?" האָט מען מיר געענטפערט: „ווען דיין לעהרע וועט בעקאַנט און אַנטפלעקט ווערן פאַר דער וועלט און דיינע קוואַלען וועלען פערשפרייטען איבעראַל דאָס, וואָס איך האָב מיט דיר געלערענט, און דאָס, וואָס דו האָסט דאָ געשעפט. ווען אַלע מענשען וועלען קענען מאַכען יחודים און עליות ווי דו. דעמאָלט וועלען פערשווינדען אַלע קליפות פון דער וועלט, און עס וועט זיין אַן עת רצון וישועה, אַ צייט פון גנאָד און ערלייזונג." איך האָב זיך שטאַרק געוואונ-דערט און געהאַט גרויס צער דערפון, וואָס די צייט איז נאָך אַזוי ווייט. וואָרים ווען קען דאָס זיין? נאָר אָט דאָס לעצטע מאָל, וואָס איך בין אַרויף אויבען, האָב איך זיך אויסגעלערענט צוויי סגולות און דריי הייליגע שמות. זיי זיינען לייכט צו לערנען און צו ערקלעהרען. דאָס האָט בערו-היגט מיין געמיטה. איך גלויב, אַז דורך זיי וואָלטען מענשען פון מיין גייסט קענען דערגרייכען צו מיין מדרגה, נאָר איך האָב נים קיין ערלוי-בעניש, זיי מגלה צו זיין אַזוי לאַנג איך לעב. האָב איך וויינענדיג גע-בעטען, מען זאָל מיר ערלויבען זיי אייך אויסצולערנען, אָבער איך מוז האַלטען מיין שבועה. נאָר דאָס וועל איך אייך לערנען, און גאָט וועט אייך העלפען. זאָלען אייערע ווענען זיין געווענדעט צו גאָט, זאָלען זיי זיך נים

אָבקעהרען פון איהם. ווען איהר זייט מתפלל און ביים לערנען זאָלט איהר ביי יעדען וואָרט, וואָס איהר ברייננט אַרויף אויף די ליפען, האָבען אין זינען דעם יחוד, די איינינונג, וואָרים אין יעדען אות זיינען פאַרהאַן וועל-טען און נשמות און גאָטהייט. די אותיות פעראייניגען זיך און ווערן אַ וואָרט און פעראייניגען זיך ווידער אין דער גאָטהייט. מחמת דעם זעהט, אַז אייער נשמה זאָל ווערן איינס מיט זיי, אַזוי אַז אַלע וועלטען זאָלען זיין פעראייניגט, וואָס דאָס פערשאַפט אַ גרויסע שמחה און אַן אונענדלי-כען עונג. אויב איהר פערשטעהט די שמחה פון חתן-כלה און בעגרייפט זי אין אַ קערפערליכען זינן, וויפיעל בעגייסטערטער איז די פעראייניגונג פון אָט דעם הימלישען סאָרט! אָה, דער וואונדערבאַרער טאָג, ווען רשעות וועט סוף כל סוף פערשווינדען פון דער וועלט און גאָט וועט זיין איינס מיט זיין שעפּונג. זאָל ער אייך קומען צו הילף!"

אַ ווײַלע בין איך געבליבען זיצען אין אַ פערגליווערטער פערוואונ-דערונג. ענדליך האָב איך זיך אָבגערופען:

„טהייערער רבי, איהר, וואָס פאַר אייך זיינען אַנטפּלעקט געוואָרען די סודות פון אַלע וועלטען, קענט איהר ניט וויסען, וואָס מיט מיר וועט געשעהן?"

„יאָ," האָט ער געענטפערט. אָהן אַן אָטהעם האָב איך איהם אָנגע-קוקט. „איהר וועט מיר תמיד בלייבען טריי," האָט ער לאַנגזאַם געזאָגט.

מיינע אויגען זיינען פול געוואָרען מיט טרעהרען. כ'האָב אַ קוש גע-טהאָן זיין האַנד.

„און איהר וועט חתונה האָבען מיט מיין טאָכטער."

דאָס האַרץ האָט מיר געקלאַפּט. „מיט וועלכער?"

„מיט דער, וואָס איהר האָט נאָר וואָס געזעהן."

„אָבער זי איז דאָך פערהייראַט," האָט איך געזאָגט, און אַ חיות איז מיר אַריבער איבער מיין גאַנצען לייב.

„איהר מאַן וועט איהר געבען גט."

„און וואָס וועט ווערן פון איהם?"

„ער וועט חתונה האָבען מיט דער פרוי, וועלכע מיר האָבען מציל געווען פון טויט. און אויך זי וועט געווינען אַסך נשמות."

„אָבער ווי אַזוי ווייסט איהר דאָס אַלעס?" האָב איך געשעפּטשעט, האַלב צווייפלענדיג.

„אַזוי האָט מען מיר מגלה געווען ברוח הקודש," האָט דער בעל שם מיט אַ שמייכעל געענטפערט.

און אַזוי איז טאַקע אין עטליכע טעג אַרום געווען. דאָס איז געווען

דער סוף פֿון אָט דעם ערשטען מאָדנעם טאָג מיט דעם געליעבטען בעל שם, וועמעס ליכט שיינט דורך אַלע וועלטען.

## VIII.

פֿיעל יאָהרען זיינען פֿערביי, זינט איך האָב צום ערשטען מאָל געזעהן דעם בעל שם, און אויך פֿיעל יאָהרען, זינט איך האָב איהם אַריינגעלייגט אין קבר. דאָך איז יעדעס וואָרט, וואָס ער האָט גערעדט, בעהאַלטען ביי מיר אין האַרצען ווי אַן אוצר, אַקוראַט ווי עס וואָלט געווען גאָלד, יאָ, גינ־גאָלד. אָבער די האַנד פֿון דער עלטער ליגט שווער אויף מיר, און אַזוי ווי איך וועל אפשר ניט לעבען אַזוי לאַנג צו קענען ענדיגען אפילו אָט די קורצע ערצעהלונג, וועל איך דאָ בלויז אין פּראָסטע שטריכען איבערגעבען דעם רושם, וואָס זיין לעהרע האָט געמאַכט אויף מיין גייסט, האָפֿענדיג צו קענען אין אַ בעזונדערן ספר איבערגעבען די געשפּרעכען, וואָס איך האָב מכח דעם געהאַט מיט מיין געטליכען רבי׳ן. און דאָס איז זעהר נייטיג, מחמת ווי איך האָב שוין געזאָגט, ווערט דער שווינדעל און די נאַרעריי פֿון די, וועלכע בענוצען זיך מיט זיין נאָמען, אַלץ גרעסער און שטאַרקער פֿון טאָג צו טאָג. שוין ביי זיין לעבען איז דעם בעל שם׳ס תורה, ווי איהר האָט געזעהן, גענוג געפֿעלשט און פֿערקעהרט אויסגעטייטשט געוואָרען פֿון נשמות, וואָס זיינען געווען קלענער ווי זיינע, און אויך דורך דער אונגעהייערער ווייטקייט — וואָרים ווי האָט גאָר פֿון איהם געקענט איבערגעגעבען ווערן אַ טריי בילד פֿון שטאָדט צו שטאָדט, דורך׳ן וואַלד און איבער די בערג, דורך דער גאַנצער, גרויסר מלוכה ? דעם רבי׳נס לעבען אַליין האָט מיר קלאָהר געמאַכט דאָס, וואָס איך האָב אומזיסט געזוכט צו דערגעהן ביי זיינע אַנהייגנער. אַקוראַט ווי זייערע פֿערריקטע טענץ און קולות און ספּאַזמען זיינען בלויז געווען ניט־געלונגענע פֿערזוכען אַרויסצורופֿען זיין התלהבות בשעת׳ן דאַווגען, אַזוי זיינען זיי אין אַלצדינג נור געווען אַ קאַריקאַטורע פֿון איהם ; זיי האָבען איהם נור איבערגעקרימט. נאָר איצט, אַז ער איז טויט און אָט די איבערטרייבונגען קענען ניט אָבגעשטעלט ווערן דורך זיין לעבעדיגען ביישפּיעל, איצט זיינען די מעשים, וואָס ווערן אָבגעטהאָן אין זיין נאָמען, און די זאַכען, וואָס ווערן אין זיין נאָמען געפּרייריגט, זעהר שלעכט. זיי זיינען אַזוי שלעכט, אַז איך קען האָבען אַ קנאַפּען פֿערגניגען פֿון די

חסידים, וואָס מיין רבי האָט אַליין בעגרינדעט, און ווייניג פרייד פון דער פערברייטונג פון דער לעהרע, פאַר וועלכער איך האָב אָבגעגעבען מיין לעבען. און דאָך זיינען זיי געוואָרען אַ געוואַלדיגע סעקטע און זיינען פערשפּרייט איבער דער לייגג און דער ברייט פון צענטראַל־אייראָפּאַ — ניט קוקענדיג אויף די אַלע רדיפות פון די אָרטהאָדאָקסישע אידען, אויף די פיינינגונג פון זייערע לייבער; ניט קוקענדיג אויף דעם וואָס אַ טהייל פון זיי זיינען געשלאָסען געוואָרען אין קייטען, אויף דעם חרם, וואָס איז אַרויפגעלייגט געוואָרען אויף אונזער געמיינדע; ניט קוקענדיג דערויף וואָס אונזערע קלויזען זיינען פערמאַכט און אונזערע ספרים פערברענט געוואָרען. עס זיינען דאָ צייטען, — איצט, ווען מיין רבי'נס ליכטיגער פּנים שיינט שוין מעהר ניט אויף מיר, אַחוץ נור אין חלום און אין דעם זכרון — צייטען, זאָג איך, ווען איך בין מסופק, צי די וועלט איז בעסער געוואָרען, דורך דעם וואָס ער האָט געלעבט. און צייטענווייז כאַפּ איך זיך זאָגאַר אַליין דערביי, ווי איך סימפּאַטיזיר גאַר מיט אונזער הויפּט־פערפאָלגער, דעם הייליגען און גרויסען ווילנער גאון.

און ראשית כל לאָמיך דאָ עדות זאָגען, אַז הגם דער בעל שם האָט דעם גוף און זיינע פונקציאָנען בעטראַכט פאַר הייליג, האָט ער אָבער ניט געגעבען קיין שום גרונד גוט צו הייסען אַזעלכע איבערטרייבונגען, ווי עס געשעהען אַצונד, און — ליידער! — אָנהייגגער פון זיין לעהרע וואַנדערען אַרום נאַקעט אין די גאַסען און ערפילען זאָגאַר די בעדערפנישען פון דער נאַטור גאָר אין דער עפענטליכקייט, כלומר'שט שטרעבענדיג צו פשטות, צו דער איינפאַכקייט פון'ם לעבען. און כאָטש אין זיין ליעבשאַפט צו דער זונן, צום וואַסער און צו דער ריינקייט פון'ם גוף — וואָס איז פאַר איהם געווען אַ הימלישער סימבאָל—פלעגט ער זיך אָפט באָדען אין ווייטע, פערוואָרפענע טייכלאַך, איז ער אָבער אין דער עפענטליכקייט, פאַר מענשען אין די אויגען, תמיד געגאַנגען אָנגעטהאָן ווי געהעריג איז; און הגם ער האָט ניט געלייגט קיין שום ווערטה אויף געלד, האָט ער זיך אָבער דאָך געסטאַרעט, ווען נייטיג, עס דורך אַרבייט צו פערדיענען. ער האָט ניט געוואוסט דערפון, צו פוילענצען, אַרומגעהן ליידיג און רויבערן די ליולקע־ציבוק, ריידען כסדר פון זיין פאָלקאָמענהייט און דערצעהלען, אַז ער גריבעלט זיך נאָך וועגען גאָט, בעת ווען אַנדערע זאָלען זיך מיהען און פלאָגען פאַר איהם.

וואָרים אויך אין זיין אַרבייט האָט דער בעל שם געלעבט אין דער בסדר'דיגער אָנוועזענהייט פון גאָט און פון די אבות און די נביאים, די

גדולי ישראל, די תנאים און אמוראים און אַלע די, וועלכע האָבען געשטרעבט דערצו צו ברייגגען די מלכות השמים, גאָט'ס קעניגרייך אויף דער ערד, אַזוי אַז גאָט און די בריאה, די שעפּפונג זיינע זאָלען זיין איינס, און משיח זאָל קענען קומען און דער געטליכער פֿריעדען זאָל זיך פֿערשפּרייטען איבער דער גאַנצער וועלט. און אַז ער האָט מתפלל געווען און געוויינט אויף די זינד פֿון זיין פֿאָלק, האָט זיך די נשמה זיינע אויפֿגעהויבען אין די הימלישע וועלטען און דאָרט האָט זי געפֿיהרט אַ געשפּרעך מיט די הייליגע. אָבער דאָס האָט איהם ניט געטריבען צו פֿוסטער גאוה, ווי יענע, וועלכע בעהויפּטען היינט, אַז זיי מאַכען עליות נשמות, אַ פֿעהיגקייט, צו וועלכער איך האָב — ליידער — נאָך קיינמאָל קיין זכיה ניט געהאַט. און אַז ער האָט זיך אומגעקעהרט צו דער ערד האָט זיך דער בעל שם אויפֿגעפֿיהרט ווי אַן איינפֿאַכער מענש, וועלכער האָט קיינמאָל ניט פֿערלאָזען זיין געבורטס־דערפֿעל. די איצטיגע הימעלס־וואַנדערער מאַכען כלומר'שט דעם איינדרוק, אַז זיי פֿעראַכטען אָט די נידריגע וועלט. יאָ, אַ טהייל פֿון זיי פֿערלירען זאָגאַר אין זייער איינגעבילדעטער גאוה דעם פֿערשטאַנד און זאָגען, אַז זיי זיינען שוין אַרויף אויף'ן הימעל און זיינען שוין ניט מעהר קיין שטערבליכע מענשען. דער בעל שם האָט באמת געהאָפּט ביי זיין לעבען אַרויפֿצוגעהן אויף'ן הימעל ווי אליהו הנביא; וואָרים איינמאָל האָט ער מיר וויינענדיג געזאָגט — ס'איז געווען נאָכדעם ווי ער איז צוריקגעקומען פֿון זיין פֿרוי'ס לויה —: „אַצונד, אַז מיין ווייב איז טויט, וועל איך אויך שטאַרבען ווי יעדער אַנדערער. אַזאַ הייליגע ווי זי וואָלט מיך געקענט מיטנעהמען מיט זיך אויף'ן הימעל. זי איז מיר נאָכגעגאַנגען אָהן שום פֿראַגען אין די וועלדער, האָט געלעבט איינזאַם, אָהן וואָס פֿאַר עס איז געזעלשאַפֿט, זומער און ווינטער, האָט געליטען יסורים און אַריבערגעטראָגען אַלערליי מיה פֿאַר מיר, און ווען זי וואָלט ניט אַזוי שטאַרק געגלויבט אין מיר, וואָלט איך גאָרנישט געקענט דורכפֿיהרען." קיין מאַן האָט ניט געהערט דאָס וויבליכע געשלעכט מעהר פֿון דעם בעל שם, און אין דעם, ווי אין אַסך אַנדערע פּרטים, איז זיין לעבען פֿאַר מיר געווען אַ מוסטער. זיין טייערע טאָכטער האָט פּראָפּיטירט פֿון דער דאָזיגער לעהרע, וואָס איהר פֿאָטער האָט מיר געגעבען. מיר מאַכען אַ ביטערן טעות דערמיט, וואָס מיר האַלטען אונזערע פֿרויען אַזוי נידעריג; אונזערע לעבענס־חברים דאַרפֿען זיי זיין, ניט אונזערע שקלאַפֿען, און די עליות הנשמה, די הימלישע רייזען—בדרך משל רייַדענדיג—מוזען געמאַכט ווערן אין זייער ליעבענדער געמיינשאַפֿט.

דער בעל שם האָט געגלויבט, אַז דער אָטהעם פֿון גאָט בעלעבט

דעם גאַנצען וועלט-אַל, בעגייענדיג טאָג טעגליך דאָס שעפּפֿונגס-ווערק און אַז די וועלט ווערט מחמת דעם טאָג-טעגליך געטליך בעלעבט ווי די תורה׳ און איינס וואַרפֿט זיין ליכט אויף דאָס אַנדערע. די תורה שבכתב, דאָס געשריבענע געזעץ מוז אין יעדען דור פֿערטייטשט ווערן לויט דער הערשענדער אייגענשאַפֿט פֿון גאָט — וואָרים גאָט הערשט אין יעדען דור דורך אַן אַנדער אייגענשאַפֿט: אַמאָל דורך זיין ליעבע, אַן אַנדער מאָל דורך זיין מאַכט און דאַן ווידער דורך זיין שעהנקייט. „ניט די צאָהל פֿון די מצוות, וואָס מיר זיינען מקיים, ברייננט אונז צו דער פֿעראייניגונג מיט גאָט,“ האָט דער בעל שם געזאָגט; „איין מצוה, וואָס ווערט מקוים אין ליעבשאַפֿט און מחמת ליעבשאַפֿט צו איהם, ווירקט פונקט אַזוי פֿיעל, אַזוי ווי אַלע מצוות וואָלטען מקוים געוואָרען.“ אָבער דאָס הייסט ניט, אַז די אַנדערע מצוות דאַרפֿען ניט אָבגעהיט ווערן, ווי אַ טהייל האָבען געדרונגען; אויך ניט אַז איין מצוה זאָל געמאַכט ווערן פֿאַר דעם מיטעלפונקט פֿון׳ם גאַנצען לעבען, ווי אַנדערע האָבען געטהאָן. ס׳איז אמת, אַז דער צדיק, וואָס האָט אָבגעגעבען זיין לעבען, צו העלפֿען זיין פֿריינד׳ס אָדער פֿיינד׳ס עזעל, בעת ליגענדיג אונטער דער משא, כדי מקיים צו זיין די מצוה פֿון „עזב תעזב עמו“ (שמות, כ״ג, ה׳), — אַז אָט דער צדיק איז ווערטה מען זאָל איהם בעוואונדערן. (דאָס איז געווען מיין אייגענער תלמיד, וועלכער האָט אויף אַזאַ אופן געוואָלט פֿייערן דעם אָנדיינקען אָן די געשעהענישען ביין מיין ערשטען צונויפֿטרעפֿען זיך מיט׳ן בעל שם.) און דאָך, יענער צדיק, וואָס האָט זיך פֿאָרגענומען זיין לעבען לאַנג קיין ליגען, אפילו דעם מינדעסטען, ניט צו זאָגען, איז דורך דעם נאָך געקומען צו אַ גרעסערער עבירה. וואָרים ווען ער איז געוואָרען אַזוי בעריהמט, אַז די רעגירונגס-בעאַמטע אפילו האָבען איהם אָבגעגעבען כבוד, און ווען די אידען פֿון זיין שטאָדט זיינען אָנגעקלאָגט געוואָרען פֿאַר שמוגלעריי, האָבען דיזעלבע בעאַמטע ערקלעהרט, אַז זיי זיינען גרייט צוריקצוציהען די קלאַגע, אויב דער הייליגער מאַן וועט זאָגען, אַז זיינע ברידער זיינען אונשולדיג. ער האָט זיך אַלזאָ געפֿונען אין אַ שרעקליכער לאַגע און ער האָט מתפלל געווען צו גאָט, ער זאָל איהם ראַטעווען פֿון דער צרה, אָנשיקענדיג אויף איהם דעם טויט. און מערקווירדיג! אַז די לייט זיינען געקומען איהם נעהמען אין געריכט אַריין, האָבען זיי איהם געפֿונען טויט. אָבער אַן אמת׳ער נאָכפֿאָלגער פֿון בעל שם וואָלט געמוזט זיין גרייט לשם האמת עדות צו זאָגען אפילו געגען זיינע ברידער, און לויט מיין בעשיידענעם אורטהייל איז זיין טויט ניט געווען קיין ערלייזונג, נאָר אַ שטראָף פֿון אויבען. נאָך מעהר: וואָלט דער צדיק געלעבט מיט ע נ י ו ו ת — וואָס

דער בעל שם האָט געהאַלטען פאַר דער ערשטער פון די דריי הויפט גוטע מדות — דאַן וואָלט ער עס ניט בעטראַכט פאַר אַזא סכנת נפשות צו זאָגען אַמאָל אַ ליגען; וואָרים ווער קען גאָר צווייפלען, אַז אין איהם איז געווען מעהר גייסטיגער שטאָלץ איבער זיין אייגענעם כבוד, איידער ריינע ליעבע צום אמת? און וואָלט ער פּראַקטיצירט די צווייטע פון די הויפּט מדות — בטחון —, דאַן וואָלט ער געוואוסט, אַז גאָט קען מוחל זיין אַ מענשען זאָגאַר פאַר דער עבירה פון ליגען זאָגען אויך. און וואָלט ער געהאַנדעלט לויט דער דריטער הויפּט מדה — התלהבות — דאַן וואָלט ער זיך ניט בעגרענעצט אויף איין מצוה, אידאָס נאָך אויף א „לאו" — ניט צו זאָגען קיין ליגען. וואָרים דאָרט וואו עס ברענט אַ לעבעדיגער פלאַם אין האַרצען, כאַפּט ער אַרום אַלעס צוגלייך.

„דיענען גאָט געפינט אין זיך אַליין זיין שכר, אין זיך אַליין זיין אייגענע פרייד," האָט דער בעל שם געזאָגט. „קיין מענש זאָל זיך ניט אָבלייגען בלויז דערויף, ווי אַזוי ניט צו טהאָן קיין עבירה: זיין טאָג זאָל אויסגעפילט ווערן מיט פרעהליכען גאָטעס-דיענסט." די משיח'ס-צייטען, האָט ער געלערנט, וועלען זיין דאַן, ווען יעדער מענש וועט טהאָן וואָס איז גוט און גערעכט פון'ם בלויזען נאַטירליכען טריעב, ניט האָבענדיג אין זינען אפילו, אַז ער האַנדעלט גערעכט, אַ פשיטא שוין זיך ניט האַלטען גרויס דערמיט, וואָרים קיינער איז ניט שטאָלץ דערמיט, וואָס ער געהט אָדער ער שלאָפט. דאַן וועט די גערעכטיגקייט פערקערפערט ווערן אין דער וועלט, און דער כח פון דער קליפה וועט ענדליך זיין געבראָכען, און יעדער מענש וועט קענען מאַכען הימלישע יחודים און עליות הנשמה.

פיעל יסורים האָט דער בעל שם געליטען אין די יאָהרען, וואָס איך בין געווען מיט איהם. אָרעמקייט און רדיפות זיינען אָפט געווען זיין טהייל, און ווי שטאַרק זיין ווייב'ס טויט האָט איהם פערוואונדעט דאָס האַרץ, האָב איך שוין פריהער דערמאָנט. אָבער די גרעסטע יסורים האָט איהם פערשאַפט די אויפלעבונג פון דער שבתי-צבי'אישער אפיקורסות דורך יעקב פראַנק. דער דאָזיגער פראַנק, וועלכער איז אַלע ווײלע געווען עפּעס אַנדערש, אַ טערק, אַ איד און אַ קאַטאָליק, האָט געשפּיעלט די ראָלע פון שבתאי צבי'ס נאָכפאָלגער, אַלס משיח; ער האָט געהייסען זיינע אָנהייגער, זיי זאָלען איהם רופען דער הייליגער האַר, און שפּעטער האָט ער אַרויסגעפיהרט זיין שעהנע טאָכטער חוה, ערקלעהרענדיג, אַז זי איז די ווייבליכע גאָטהייט. פיעל דערפון, וואָס מיין זיידע האָט מיר דערצעהלט וועגען דעם ערשטען „משיח" איז אַצונד ווידערהאָלט געוואָרען, מעהר ניט פונקט ווי דער ערשטער האָט זיך פערבונדען מיט די מחמד'אַנער, אַזוי

האט דער צווייטער קאקעטירט מיט די קריסטען. דערפון האבען זיך גענו־מען יענע עפענטליכע שטרייטיגקייטען, וואס די קריסטען האבען ארויס־גערופען, און אין וועלכע די פראנקיסטען האבען געקעמפפט מיט די תלמודיסטען; און אזוי ווי די פראנקיסטען זיינען אנערקענט געווארען אלס די זיעגער, האבען זיי געהאט דאס פערגניגען צו זעהן, ווי מען קאנפיס־קירט די הייליגע ספרים פון די רבנים. ווען טויזענד גמרות זיינען אריינ־געווארפען געווארען אין א גרוב און דורך דעם תליון אין קאמעניץ פער־ברענט געווארען, האט דער בעל שם פערגאסען טרעהרען און געהאלטען דעם תענית, וואס מען האט גוזר געווען צוליעב דער פערברענונג פון דער תורה. ווארים ניט קוקענדיג אויף דעם אבשטויס, וואס ער האט געהאט פאר דעם שטן'ס פלאנטערס אין תלמוד, האט ער געהאלטען, אז די גמרא שטעלט פאר מיט זיך די תורה שבעל פה, וואס אין איהר דריקט זיך אוים די כסדר'דיגע אינספיראציע פון די גדולי ישראל, און אז בויען נור אויף'ן תנ"ך אליין, וואלט נעהייסען פערעהרען א מומיע, א פערשטיינערטע רעליגיאן. ניט ווייניגער עגמת נפש האט איהם פערשאפט דער וכוח פון די תלמודיסטען און די פראנקיסטען אין דעם לעמבערגער דאם, ווען די פוילישע פריצים און די בירגער האבען זיך געקויפט איינטריטס-קארטען פאר הויכע פרייזען. „דעם שטן און ניט גאט ווערט געדיענט דורך רעלי־גיעזע מחלוקות", האט דער בעל שם געזאגט. און ווען די פראנקיסטען האבען זיך ענדליך גע'שמד'ט אין זייערע טויזענדע און זייער משיח, אנגע־טהאן אין גלענצענדע טערקישע קליידער, איז אריינגעפאהרען אין שטאדט אין א וואגען, געשפאנט צו זעקס פערד און ארומגערינגעלט פון א טער־קישער וואך, האט דער דאזיגער סוף דעם בעל שם פערשאפט מעהר פערגניגען איידער צער. נאר דערנאך, אז אט די אידישע קאטאליקען האט געטראפען דאס אונגליק און זיי זיינען געטריבען געווארען דערצו צו שטעהן ביי די טהירען פון די קירכען און בעטלען, נאכדעם ווי די פוילישע אינקוויזיציע האט אריינגעזעצט פראנק'ן אין תפיסה, — איז דער בעל שם געווען דער איינציגער, וועלכער האט זיך אבגעזאגט דערפון זיי צו מאד־לען דערפאר, וואס זיי האבען נאך אלץ מיט ביינקעניש געקוקט צום „טויער פון רוים", ווי זיי האבען אויף א מיסטישען אופן אנגערופען דעם טשענסטאכאווער קלויסטער, וואו פראנק איז געלעגען איינגעשפארט. און ווען זייערע שונאים האבען געזאגט, אז זיי האבען איצט געפונען זייער כשר פערדיענטען שכר, האט דער בעל שם געזאגט: „ניטא קיין אבטהיי־לונג אין הימעל, וואו די נשמה האלט זיך אויף א קירצערע צייט, ווי אין דער אבטהיילונג פון שכר, און קיין אבטהיילונג, וואו זי פערברייננגט לייגגער,

ווי אין דער אָבטהיילונג פֿון ליעבע.״ זעהר פֿיעל האָט אויך דער בעל שם געהאַט צו ליידען אין די דאָזיגע אונרוהיגע צייטען דורך זיין מיטגעפֿיהל פֿאַר די יסורים פֿון׳ם לאַנד פוילען אין זיין ברודער־קריעג, ווען די קאָזאַ־קען האָבען אויפֿגעהאַנגען אינאיינעם אַ פריץ, אַ אידען, אַ מאָנאַך און אַ הונד, מיט דעם אויפֿשריפֿט: „אלע זיינען גלייך״. ניט קוקענדיג דערויף וואָס אָט די קאָזאַקען און שפּעטער די טערקען, וועלכע האָבען אונטער דעם אויסרייד, אַז זיי זיינען פוילען׳ס פריינד, פֿערוויסטעט זיינע דרום־פראָווינצען, — ניט קוקענדיג דערויף וואָס זיי האָבען גיכער געהאָלפֿען איידער געשטערט זיינע אָנהייגער דערמיט, וואָס זיי האָבען פֿערטריבען זייערע פֿערפֿאָלגער, דאָך איז דעם בעל שם׳ס הארץ געווען פֿול מיט רחמנות צו אַלעמען גלייך — הינט, מאָנאַכען, פריצים און אידען. נאָר ווי ער האָט ניט געליטען, האָט אָבער דער קלאָהרער, ערנסטער בטחון אין גאָט ניט אויפֿגעהערט אַראָבצושטראַהלען פֿון זיין געזיכט. אפילו אויף זיין טויטענבעט האָבען איהם די דריי הויפט גוטע מדות ניט פֿערלאָזען. וואָרים קיין מענש האָט ניט געקוקט מיט מעהר בטחון דעם מלאך המות אין די אויגען, אָדער מיט מעהר פֿייער ערוואַרט דאָס צונויפגיסען זיך מיט דער געטליכקייט. און וואָס איז שייך צו זיין עניוות, טאָ זיינען זיינע לעצטע ווערטער פֿאַר׳ן טויט געווען: „אָה פוסטע גאוה! פוסטע גאוה! אפילו אין דער דאָזיגער לעצטער שעה פֿון מיין לעבען סמייעסט דו נאָך צוצו־טרעטען צו מיר מיט דיינע נסיונות. „בערעכען פֿאָרט ישראל, וואָס פֿאַר אַ גרויסע לויה דו וועסט האָבען, וואָרים דו ביסט דאָך געווען אַזוי קלוג און אַזוי גוט.״ אָה פוסטע גאוה, פוסטע גאוה! וועה צו דיר!״

הגם איך בין זיין איידים און בין געווען מיט איהם אין אָט דער לעצטער שעה פֿון זיין לעבען, דאָך איז ידוע פֿאַר אַלעמען, אַז ניט איך, נאָר רב בער איז פֿון איהם בעשטימט געוואָרען אַלס זיין נאָכפֿאָלגער. וואָרים כאָטש מיין בעקאַנטשאַפֿט מיט׳ן בעל שם האָט ניט געקענט פֿער־גרעסערן מיין בעוואונדערונג פֿאַר זיין הויפט־תלמיד, דאָך האָב איך דעם רבי׳ן קיינמאָל ניט אַרויסגעזאָגט מיין פֿולע מיינונג וועגען דעם; וואָרים ער האָט מיר תיכף אין אָנהויב געגעבען צו פֿערשטעהן, אַז די אַנדערע זייט פֿון עניוות איז, אַז אַ מענש זאָל האָבען אַ הויכע מיינונג וועגען זיין מיט־מענשען. „ווער עס האָט ליעב דעם פֿאָטער, גאָט, דער וועט אויך ליעב האָבען די קינדער.״

נאָר אַזוי ווי ער האָט ניט געוואָלט וויסען סתם פֿון לערנען לשם לערנען, ווען עס פיהרט ניט צו דעם אונענדליכען ליכט, האָב איך זיך

געוואָגט איהם צו פֿרעגען, פֿאַרוואָס ער האָט ערלויבט דעם למדן רב בער אַרומצופֿאָהרען אַלס זיין פֿערטרעטער און גרינדען קהלות אין זיין נאָמען.

„מחמת,“ האָט ער געענטפֿערט אין שעהנע און פשוט'ע ווערטער, „כ'האָב איינגעזעהן, אַז איך האָב געזינדיגט דערמיט, וואָס עם־הארצות און גוטע מדות זיינען ביי מיר געווען איינס און דאָסזעלבע. אויך צווישען די לומדים זיינען דאָ גוטע מענשען, — מענשען, וואָס זייערע הערצער זיינען פֿערדאָרבען געוואָרען דורך זייער שכל. בער איז געווען אַזאַ איינער, און אַזוי ווי ער האָט אַ גרויסען נאָמען צווישען די לומדים, האָב איך איינגעזעהן, אַז די לומדים, וועלכע וואָלטען זיך ניט צוגעהערט צו אַ פשוט'ן מאַן, וועלען זיך צוהערען צו איהם.“

נו, איידער איך זאָג נאָך וואָס עס איז מכח דעם, זאָלען אָט די ווער־טער פֿון'ם בעל שם זיין אַ מוסר פֿאַר זיינע אונווירדיגע אָנהייגנער, וועלכע פֿעראַכטען די לומדים, בעת ווען זיי אַליין זיינען אפילו ניט פֿרום, און בע־ריהמען זיך מיט זייער עם־הארצות, אָקוראַט ווי דאָס וואָלט געווען אַ גאַ־ראַנטיע פֿאַר ליבטיגקייט. נאָר בנוגע צו רב בער'ן, וויל איך גאַנץ דרייסט אַרויסזאָגען, אַז עס וואָלט געווען בעסער פֿאַר דער וועלט און פֿאַר דעם בעל שם'ס לעהרען, ווען איך וואָלט אויסגעקליבען געוואָרען, זיי איבערצוּ־געבען די מענשען. וואָרים בער האָט פֿון'ם רבי'נס לעבעדיגען אימפּולס גע־מאַכט אַ תורה און אַ גלויבען, וואָס איז ביסלאַכווייז געוואָרען פֿערגליווערט און טויט. ער האָט איינגעאָרדענט זיינע אָנהייגנער דורך אויסערליכע ציי־כענס — אַ ליאַרעמדיגען דאַוונען, טבילות, שבת'דיגע מלבושים און דער־גלייכען — אַזוי אַז דער גייסט איז אָבגעשטאָרבען און די סימבאָלען זיינען געבליבען. און אַצונד זיינען צווישען די צעהנדליגע טויזענדער, וואָס רופֿען זיך חסידים און וואַרפֿען זיך אַרום ביים דאַוונען און טראָגען די ווייסע קליי־דער און מאַכען די אַלע צערעמאָניעס, ניטאָ קיין צעהן אפילו, וואָס האָבען די מינדעסטע השגה פֿון'ם רבי'נס תורה. וואָרים גייסט איז שוועבענדיג און פֿליהט אַוועק, נאָר סימבאָל איז דויערהאַפֿטיג און ווערט אין דער רעליגיאָן איבערגעגעבען פֿון דור צו דור. אָבער די גרעסטע פֿעלשונג איז געקומען פֿון דער צדיקים־לעהרע. אפשר איז בער געווען גערעכט מיט זיין לאָגיק, אַז אויב גאָט, ווי דער רבי האָט געלערענט, איז אין אַלצדינג, דאַן איז אין געוויסע אויסערוועהלטע מענער פֿאַרהאַן אַזוי פֿיעל פֿון איהם, אַז זיי זיינען אַליין געטליך. איך צווייפֿעל ניט, אַז דער בעל שם גופא איז געווען נאָהענט צו געטליכקייט, הגם ער האָט זיך ניט אויסגעגעבען פֿאַר אַ בעל מופת און פֿלעגט זאָגען, אַז די היילונגען זיינע, וועלכע ער האָט דורכגעפֿיהרט, זיינען געווען נור צו פֿערדאַנקען זיינע קענטעניסען אין קרייטיכער און וואָרצלען.

אין שפּאָס פּלעגט ער זאָגען, אַז דער מלאך הרפואה בעגלייט יעדען גוטען דאָקטאָר, ווען ער געהט צום חולה. הגם ער האָט פאַר מיר אין די אויגען קיינמאָל ניט צוגעגעבען, אַז ער קעמפּפט מיט שדים און מיט כשוף-מאַכער, אַחוץ בדרך משל, דאָך איז אין איהם געווען אַ וואונדערליכער כח, וואָס איז ניט געגעבען געוואָרען די מענשען, דער כח צו היילען און צו מילדערן דעם ווייטאָג דורך אַ בלויזען ריהר, אַזוי אַז — דערויף קען איך אַליין עדות זאָגען — זיינע הענד, ווען ער פּלעגט זיי אַרויפלייגען אויף'ן שטערן, זיינען געווען בכח צו היילען קאָפּ-ווייטאָג און פערטרייבען יעדע מרה-שחורה. איך וויל זאָגאַר אָננעהמען, אַז אויך אין רב בער'ן איז געווען עפּעס פון דער דאָזיגער געטליכקייט. נאָר בעת ווען דער בעל שם האָט זיין געטליכקייט בעהאַלטען הינטער זיין מענשליכקייט, האָט בער געשטרעבט דערצו, אונ־טער דעם מאַנטעל פון געטליכקייט צו בעהאַלטען זיין מענשליכקייט און צו פערשטאַרקען זיין מאַכט דורך כיטרעקייט און אַלערליי קונץ־שטיק, כדי צו האָבען מעהר איינפלוס אויף די מענשען, זיי קענען בעסער בעהערשען און אַרויסקריגען פון זיי וואָס מעהר געלד פאַר זיינע וויטערדיגע אונטערנעהד־מונגען. פאַר מיר ציה איך פון זיין לעבענס-געשיכטע אַרויס פאָלגענדע לעהרע: אויב דער אמת איז ניט גרויס גענוג צו קענען אַליין הערשען, זאָל ער אויך ניט הערשען דורך ליסטיגקייט און קונץ־שטיק; וואָרים סוף כל סוף וועלען קומען מענשען, וואָס וועלען זיך בענוצען נור מיט דער כיט-רעקייט און לאָזען דעם אמת אָן אַ זייט. אַזוי וויינינגסטענס איז דאָ געווען. ראשית דער בעל שם, דער ריינער צדיק, דאַן רב בער, דער וועלטליכער צדיק, און ענדליך אַ מחנה צדיקים, וואָס אַסך פון זיי האָבען נור פון דרוי-סען געמאַכט דעם איינדרוק פון הייליגע. וואָרים זינט אונזער גרויסע סעקטע האָט זיך צושפּאָלטען און צושפּליטערט אין טויזענד קליינע סעקטען, וואָס יעדע איינע פון זיי האָט זיך איהר אייגענעם צדיק — וועלכער איז גרעסער פון אַלע אַנדערע און איז דער איינציג אמת'ער פערמיטלער צווישען גאָט און די מענשען, דער איינציגער קוואַל פון גליקזעליגקייט און דער ברונען פון גנאָד — און אַזוי ווי יעדע סעקטע לאָזט איהר צדיק וואוינען אין אַ פּאַלאַץ (וואוהין זיי זיינען עולה לרגל אום יום טוב, ווי אַמאָל אין בית המקדש), איהם ברייינגענדיג פדיונות פון גאָלד און אַלערליי טייערע זאַכען, — איז עס קלאָהר, אַז אָט די קלעגליכע צדיקים מאַכען אַליין די שפּאַלטונגען, כדי צו קענען האָבען כבוד און גדולה און פּראָפיט. און דאָס האַרץ וויינט מיר נאָך מעהר אויף דער דאָזיגער אויסנוצונג פון מיינע חסידים, מחמת ס'איז דאָ אַזוי פיעל איבערגעפיהרטע גוטסקייט צווישען זיי, אַזוי פיעל זעלבסט-אויפאָפּפערונג פון איינעם צום צווייטען אין אַ צייט פון נויטה און

אַזאַ איבערגעבענהייט צום צדיק, וועלכער פערנעהמט פאַר זיך די פער־עהרונג און די תפלות, וואָס געהערען צו גאָט. אַך! אַז אַ בעוועגונג, וואָס האָט זיך אָנגעהויבען מיט אַזאַ ריינעם שטרעבען, וועלכע איז פאַר מיין נשמה און פאַר דער נשמה פון אַזוי פיעל אַנדערע יונגע תלמידים געווען ווי דער שאָטען פון אַ גרויסען פעלז אין אַ הייסער געגענד; אַז אַ לעהרע, וועלכע האָט פאַר דעם יונגען ישראל געעפענט אַזעלכע גייס־טיגע אויסזיכטען אויף גאָט ברוך הוא, זאָל זיך ענדיגען אין אָט די שגעונות און קאַריקאַטורען!

וועה איז מיר! וועט עס תמיד אַזוי זיין מיט דעם פאָלק ישראל? וועלען מיר כסדר אַזוי אַרויסקריכען פון איין זומפ, כדי פון דאָס ניי צו זינקען אין אַן אַנדערן? נאָר מיט אָט די ספקות, מיט אָט די צווייפלען מיינע טהו איך דעם בעל שם ווינציג כבוד אָן. מיט מעהר עניוות מוז איך אורטהיילען איבער די אַנדערע, מיט מעהר בטחון אַרויסקוקען אין די צוקונפט און מיט מעהר התלהבות ווירקען אויף די יונגע לייט, וועלכע וואַקסען אויף אַרום מיר און פאַר וועמען דעם רבי׳נס ליכט וועט נאָך אַ מאָל לייכטען. פון זייערטוועגען וויל איך דערמאָנען די נשמות, וועלכע ער האָט אָנגעצונדען צו אַ ריינערן פלאַם, זיי וויל איך דערצעהלען פון יענע, וועלכע האָבען אַוועקגעוואָרפען זייערע שטעלען און זייער כבוד און גדולה צו פערשפרייטען זיין תורה, ליידענדיג דערביי הונגער און שפאָט. און לאָמיך דאָ ניט פערגעסען צו דערמאָנען דעם פריינד פון גערעכטיגקייט, רב לעמעל, וועלכער איז אַמאָל מיטגעגאַנגען מיט זיין ווייב צום בית דין, בעת זי האָט געהאַט אַ קלאַגע געגען איהר דיענסט־מיידעל.

„איך דאַרף דיך ניט האָבען, זאָלסט ריידען פאַר מיר," האָט זי ברוגז׳לאַך געזאָגט. „כ׳קען אַליין בעשטעהן מיין שטעטעל."

„ניין, ניט פאַר דיר געה איך צום בית־דין ריידען," האָט ער מיט אַ מילדען טאָן געענטפערט. „דאָס וויל איך טענה׳ן פאַר דיין דיענסט — זי האָט קיינעם ניט, ווער עס זאָל זיך אָננעהמען פאַר איהר." און אויסברע־כענדיג אין אַ געוויין, האָט ער איבערגעזאָגט דעם פסוק פון איוב: „אם אמאס משפט עבדי ואמתי ברבם עמדי; ומה אעשה כי יקום אל." (צי האָב איך ווען פעראַכטעט דאָס רעכט פון מיין קנעכט און פון מיין דיענסט, ווען זיי האָבען זיך מיט מיר געקריגט? וואָס זשע זאָל איך טהאָן, אַז גאָט שטעהט אויף געגען מיר?).

אָט די וכדומה נאָך אַזעלכע זאַכען פון לומדים און פראָסטע מענער האָף איך נאָך צו קענען אויפצייכענען פאַר די אידישע יונגע לייט. נאָר מעהר ווי אַלעס זאָל דער אָנדיינקען פון דעם בעל שם גופא זיין פאַר זיי

אַ זיסער ניגון און אַ ברכה. ער, וועמעס לעבען האָט מיר געגעבען צו פֿערשטעהן, אַז דער גרעסטער מאַן איז ניט דער, וואָס זיצט אין רייך־פֿערפוצטע פּאַלאַצען, אַרומגערינגעלט פֿון אַדיוטאַנטען, אָבגעהיט, בעוואַכט און אַרומגעשטראַהלט פֿון פֿאַלשען גלאַנץ, נאָר דער, וואָס רעדט פֿרעהליך מיט זיינע מיטמענשען אויף דעם מאַרק־פּלאַץ, עניוות׳דיג, אַזוי ווי מען וואָלט איהם גאָר ניט אָבגעגעבען אַזאַ כבוד, אָרעם, אַזוי ווי קיינער וואָלט זיך גאָר אויף איהם ניט אומגעקוקט, נאָר געטליך בעלויכטען, אַזוי אַז אַ ליכט געהט אַרויס פֿון איהם, אַ ליכט, וואָס גיט די מענשען צו דערקענען די זיכטבאַרע געגענוואַרט פֿון גאָט.

## ענדע פֿון ערשטען טהייל.

# אינהאלט פון ערשטען טהייל.


| | | |
|---|---|---|
| | | זייטע. |
| | פארווארט צו דער אידישער אויסגאבע ... ... | 3 |
| | פארווארט צו דער ענגלישער אויסגאבע ... ... | |
| I. | א קינד פון דער גהעטא ... ... ... ... ... | 6 |
| II. | יוסף דער טרוימער ... ... ... ... | 31 |
| III. | אוריאל אקאסטא ... ... ... ... ... | 89 |
| IV. | ברוך שפינאזא ... ... ... ... ... | 143 |
| V. | דער טערקישער משיח ... ... ... ... | 181 |
| VI. | דער בעל שם ... ... ... ... ... | 239 |

# קאטאלאג

פון דער

## ראדיקאל פובלישינג קאמפאני.

## עדעלשטאדט'ס שריפטען

די לאנדאנער אויסגאבע פון עדעלשטאדט'ס ריהרענדע סקיצען איז יעצט פיעל שעהנער ווי די פריהערדיגע. אויך איז יעצט צוגעגעבען א נייע סקיצע „מיוזיק". פרייז בלויז 5 פענס, אין אמעריקא 10 סענט.

## א פינפפאכער מארד

דער פינפפאכער מארד איז קיין שונד ראמאן נאר א העכסט בעלעהרענדע שילדערונג פון דער ארבייטער בעוועגונג, געשריבען פון א בעוואוסטען ארבייטער פיהרער. פרייז 4 פענס, אין אמעריקא 10 סענט.

## באוושאווער'ס בילדער און געדאנקען

איז יעצט פערגרעסערט געווארען אויף 64 זייטען און איז העכסט ארטיסטיש געדרוקט אויף גוטען פאפיר. עס איז די שעהנסטע ווערק אין דער אידישער ליטעראטור. פרייז 5 פענס, אין אמעריקא 10 סענט.

## באוושאווער'ס ליעדער און געדיכטע

א נייע זאמלונג פון ליעדער, וועלכע זיינען ביז איצט נאך נים געווען געדרוקט אין קיין בוכפארם. פרייז 5 פענס, אין אמעריקא 10 סענט.

## באוושאווער'ס פאעזיע און פראזא

א ביכעל פון 128 זייטען, ענטהאלט צוזאמען די „ליעדער און געדיכטע" און „בילדער און געדאנקען". פרייז 9 פענס, אין אמעריקא 20 סענט.

## זאלען זיך קבצנים מעהרען?

פערהייראטהע מענער וואס ווילען נים ליידען קיין צרות דעם גאנצען לעבען, פרויען וואס ווילען נים קראנק זיין דעם גאנצען לעבען, זאלען קויפען דעם ביכעל. עס וועט זיי אויסהיטען פון ארעמקייט, פון קראנקהייט און פון אלעם בייז. פרייז אין ענגלאנד 1 פעני.

## די מענשליכע ענטוויקלונג

א זעהר בעלעהרענדע בראשורע איבער רעליגיאן פון דר. מאקס נארדוי, פרייז 1 פעני, אין אמעריקא 3 סענט.

## על נהרות בבל

אן אויסגעצייכענטע קריטיק איבער רעליגיאָן פון גראף דע וואָלניי. איבער־זעצט פון א. טאננבוים. ענטהאלט 82 זייטען.

פרייז 5 פענס, אין אמעריקא 10 סענט.

## סימבאָלישע פאסט קארדס

יעדער פריינד פון אויפקלעהרונג דאַרף פערבריימען דיזע פראַכטפאָלע פאָסט קאַרדס, ווייל זיי זיינען דער בעסטער מיטעל פיר דער פראָפּאַגאַנדאַ. די בעסטע רעדע ווירקט נים אזוי גוט ווי איינע פון דיזע קאַרטלעך. ביז יעצט זיינען ערשינען פאָלגענדע:

„ויברא אלהים את האדם בצלמו", „הקב"ה מזווג זיווגים", „רוסישע טיראַניי און דער קאַמפף פיר פרייהייט", „ניקאָליי—דער מלאך השלום", „הונגער און לוקסוס", חמשה הרוגי מלכות", „די מענשהייט צווישען 2 גנבים", „דער איד אין דעם צוואנציגסטען יאָהרהונדערט" און „לואי דער 16טער צו ניקאָליי דעם לעצטען".

זיי זיינען פראַכטפאָל געדרוקט און קאָסטען ביליג 1 פעני יע. ע.

## קאנאוואלאוו

איינע פון מאַקסים גאָרקי'ס בעסטע ערצעהלונגען. ענטהאלט 72 זייטען. פרייז 5 פענס. אין אמעריקא 10 סענט.

## דער בראדיאגא

א זעהר אינטערעסאנטע ערצעהלונג פון בראָדיאַגע לעבען, פון מאַקסים גאָרקי. פרייז 3 פענס, אין אמעריקא 6 סענט.

## דער מענש און זיין נשמה

א וויסענשאַפטליכע אַבהאַנדלונג איבער דעם וואָס מיר רופען נשמה פון דר. אינגערסאָל. פרייז 3 הייפענס, אין אמעריקא 3 סענט.

## גאט, רעליגיאן און מאראל

א קריטיק איבער רעליגיאָן פון פיליפ קראַנץ. פרייז 2 פענס, אין אמעריקא 5 סענט.

## גלויבען און פערנונפט

פון דזשאָהן מעסליע. איינער פון די וואונדערבארסטע ביכער, וועלכער ענטהאלט א בריליאנטענע קריטיק איבער די ווידערשפּריכע און אָבער־גלויבען פון דער רעליגיאָן, געשריבען פון א גלח העכער 2 הונדערט יאָהר צוריק. אזעלכעס, וואָס איז נאָך אין דער אידישער שפּראַך נים געווען.

אלע בעשטעלונגען צו אדרעסירען

RADICAL PUBLISHING CO., 71, Hanbury St., Spitalfields, LONDON, E.